
און ווייטער, ביז צום פלאץ פונעם אלטן מארק, געוועלבער פון ביידע זייטן. קליינע און מיטעלע. ווידער הערינג, וואָס ווערט פארקויפט שטיקלעכוויז נעבן דעם געוועלב פון גאלאנטעריע און אייזנווארג. וואָס איז עפּעס אזא צוזאמענגעלויף דאָרט אויפן ראָג נעבן נאגורסקיס הויז? לאָמיר צוגיין און זיך דערוויסן: דאָרט שטייט דער פעלדשער ה א ז ע, און ארום אים — דער נייגעריקער המון הערט זיך צו צו זיינע וויצן און צו זיינע מעשיות וועגן זיינע אמתע און אויסגעטראכטע חולאים.



האזע איז א קורצגעוויקסיקער, דיק און קײַלעכיק ווי א פעסל, מיט א גרויסן קאָפּ, מיט א געשניטענער באָרד. קיין מאָל האָט אים נאָך קיינער נישט געזען קיין געגאָלטן. זיין באָרד איז געווען ווי א בערשטל, וואָס האָט אין א גלייכער מאָס ארומגענומען דאָס גאנצע פּנים. זיינע ברילן זענען געהאָנגען אויף א שנירל, וואָס איז געווען באהאלטן הינטער דעם קאָלנער פונעם רעקל. ער פלעגט זיי אָנטאָן, כדי ארײַנצוקוקן עמעצן אין האלדז אָדער גאָר איבער־צושרעקן, און באזונדערס ווען ער האָט געוואָלט "דערלאנגען א פּאָרציע" אזא, וואָס האָט אים פארטשעפּעט. איידער ער האָט אָנגעהויבן רעדן, האָט ער אָנגעטאָן די ברילן, ארײַנגעקוקט דעם מענטשן אין פּנים מיט רוגזה, צוריק אויסגעטאָן די ברילן און געעפנט דאָס מויל. דאן האָט יענער געמעגט זיך ווינטשן, אז די ערד זאָל אים בעסער איינשלינגען, איידער צו הערן די בייסיקע רייד און די באליידיקונגען, וואָס האזע האָט אויף אים אויסגעשאָטן איידער ער איז אוועק.

האזע איז תמיד גרייט געווען צו באטראכטן מענטשן אין גאס אָן באצאָלט: ער האָט באפוילן דעם פּאציענט עפענען דאָס מויל, ארויסשטעקן די צונג און א געשריי טאָן מיט אלע כוחות "אה"! ער האָט געהאט א גרויסע פּראקטיק און געווען אן ערנסטער מענטש, אָבער אלץ פלעגט ער טאָן מיט פריילעכקייט און מיט א וויץ.

אָט איז דער גרויסער פּלאַץ, וואָס אין זיין צענטער געפינט זיך דער גרויסער בנין פון שטאָטראט אין איטאַליענישן סטיל אויף זיילן, און הינטער זיי — די עלעגאנטע געשעפטן פון שטאָט. דאָס איז געווען א פּירקאנטיקע פירשטאָקיקע געביידע. פון דאך האָט זיך געהויבן א הויכער טורעם, אויך פון עטלעכע שטאָק, און אין סאמע שפּיץ — דער פּינקטלעכער שטאָטישער זייגער מיט פיר ציפערבלעטער — אויף מזרח, מערב, דרום און צפון. איין איינציק מאָל איז דער זייגער געבליבן שטיין: ווען די דייטשן האָבן באשאָסן די שטאָט אין יאָר 1914. צווישן אָט די זיילן פלעגן מיר זיך אין די קינדעריאָרן שפּילן אין באהעלטערלעך, בפרט אין די אָונטן, נאָכן שליסן די געשעפטן. שפּעטער, ווען מען האָט איבערגעבויט דעם פּלאַץ, מיט נייע הייזער און געוועלבער, ווי די הייזער פון ס א ל א מ א נ א ־ י ו י ט ש און א פּ ט — איז דער ווערט פונעם פּלאַץ אין זכרון קלענער געוואָרן. די ראָמאנ־טישקייט פונעם אלטן מארק (סטאַרי רינעק) איז פארשוווּנדן. אויך זיין נאָמען האָט מען געביטן.

פונעם פּלאַץ צעצווייגן זיך גאסן אין פארשידענע ריכטונגען. צוויי הויפּט־ארטעריעס זענען געווען: איינע צו דער באַן־סטאציע, אין דער לענג פון 4 קילאָמעטער, געהייסן האָט די גאס וורצלאוועסקא, און אנטקעגנאיבער, א ביסל א לענגערע, אין דער ריכטונג פון דער מעכטיקער פּראוואָסלאווער צערקווע אויף דער ווארשעווער גאס, און ווייטער, צו סוקעניצע — בראָווארנע.

אויף דער ווארשעווער גאס, פאר דעם צערקווע־פּלאַץ, איז געווען א קליין פּלעצל מיט ריזיקע דעמבעס. אין שאָטן פון די בוימער זענען געשטאנען א סך בענק פארן פארגעניגן פון די דאָרטיקע איינוווינער (הויכע באאמטע און עגלעכע) און פון די דורכגייער. אין מיטן פון אָט דעם קליינעם פּלאַץ האָט זיך געפונען א דענקמאָל אין דער פאָרעם פון א קליינעם אָבעליסק, אויף וועלכן עס זענען געווען אויסגעקריצט דאטעס און נעמען: פרידריך ווילהעלם — מאריא טערעזא — צאר אלעקסאנדער — די דריי העלדן פון דער דראמע פון פּוילנס צעטיילונג — די קעניגן־קאָפערענץ אין יאָר 1841. נעבן דער מצבה האָט זיך געפונען א גרויסע פּלומפּ. דאָרט איז געווען דאָס טיפסטע און דאָס געשמאקסטע וואסער אין שטאָט. די שטאָטישע וואסער־שעפער פלעגן ברענגען דאָס דאָזיקע לויטערע וואסער צו די סאמע ווייטסטע שטאָט־איינוווינער און גענומען דערפאר א טייערן פּרייז, אָפּהענגיק פון מרחק. אין די ערב־יום־טוב־טעג האָבן דאָ יידן גענומען וואסער צום באקן מצות — "מצה־וואסער". מיט דער צייט האָט מען אין יעדן לייטישן הויף איינגעאָרדנט א פּלומפּ, און אין א קליינער צאָל הייזער — אפילו א וואסער־לייטונג. דאך האָט מען נאָך א צייט דערנאָך געקענט זען לאנגע רייען ביי דעם "פּאָמניק־פּלומפּ".

פון דאנען האָט די ווארשעווער גאס אָנגעהויבן ווערן שמעלער, שטילער, כמעט אָן געשעפטן. דאָ האָט זיך געפונען די גימנאזיע א. נ. פון אסניק, און פון דאנען האָט די גאס זיך געצויגן ביזן פּלאַץ פון דער ריזיקער צערקווע — מען האָט זי פונאנדערגענומען אין

יאָר 1921, נאָכן "נס" ביי דער ווייסל. קעגנאיבער דער צערקווע איז געווען די עוואנגעלישע קירכע, אלע געגנטלעכע ביוראָס אין יעזואיטן־אָרדען, און אין ראָג — דער בארימטער שטאָטישער קאַשטשאַל מיטן הויכן טורעם און ריזיקן זייגער, וואָס האָט יעדע פערטל שעה זיך געלאָזט הערן. אין האלבער נאכט פלעגט מען אים הערן שלאָגן צוועלף מאָל אין אלע עקן שטאָט און אין דער געגנט. אויפן באלקאָן פארן טורעם פלעגט דערשיינען יעדן פרימאָרגן — לויט דער לעגענדע זינט דער קאַשטשאַל שטייט — א טרומייטערער און אויפשפילן דאָס באקאנטע אלטע ליד: — — — KIEDY RANNE WSTAJĄ ZORZE.

און אָט איז ווידער א בריק מיט גאָר א שיינער פאָרעם: די אייזערנע בריק.

אין ראָג — דאָס הויז פון ג ע ל ב ן, אן אינדוסטריעלער. קעגנאיבער, אויף דער ניעצאלא־גאַס, זעט מען ש ר י י ע ר ס ליאלקע־פאבריק און זיין שיין ווינ־הויז. שרייער געהער צו די אנגעזעענסטע "פאָרגעשריטענע" יידן. ווייטער געפינט זיך אן אלטע הילצערנע בריק איבער דער בערנארדינקע ביים קאַשטשאַל און א וועג, וואָס פירט קיין סטאַווישין. דאָרט האָט מען אויסגעבויט דאָס הויז פון יידישן מושב זקנים, א פראכטפול הויז לויט די השגות פון יענער צייט.

אין יענער גאס האָט געוווינט דער ר ב י צ ו ו י ק, א מלמד פון "חדר מתוקן", דעם גרעסטן חדר אין שטאָט, וואָס איז געוואָרן געשטיצט פון דער קהילה און פריוואטע פאָנדן. אין די לעצטע יאָרן איז דאָס חדר מער נישט געווען אין זיין ווינ־שטוב. ער איז "עולה לגדולה" געוואָרן. בשעתו האָבן די תלמידים געלערנט ביי אים אין דער דירה, אפילו אין טאָג פון געוועש.

דער רבי צוויק האָט אויפגעשטעלט אין שטאָט דורות פון תלמידים. אלע חשובע באלעבאטים פון שטאָט האָבן געשיקט צו אים זייערע קינדער. מיין עלטסטער ברודער, וואָס איז עלטער פון מיר מיט צוואנציק יאָר, און איך זענען געווען זיינע תלמידים, און אויך מיין שוועסטערס קליינער זון. ווען ער איז שוין אלט געווען 50 יאָר האָט ער עמיגרירט צו זיינער קינדער אין אמעריקע.

דער רבי צוויק האָט געהערט צו די בולטע טיפן פון די ליטווישע משכילים, מיט ברייטע ידיעות אויף אלע גייסטיקע געביטן, אן אָנהענגער פון מאָדערנעם עברית. זיינע תנ"ך־לעקציעס מיט 50 יאָר צוריק זענען געשטאנען אויף א הויכן ניוואָ. אפילו אין הויכן עלטער האָט ער נישט געדארפט אָנקומען צום ספר תנ"ך און צו קיין פירושים, נאָר אלץ געלערנט פון אויסוויניק. א באזונדערן טעם האָבן געהאט די שיעורים פון פרקי־אבות און תהילים, וואָס ער פלעגט געבן אומזיסט ווינטער און זומער, אין חדר, שבת מנחה־צייט. ביי דער געלעגנהייט פלעגט ער דערציילן וועגן דער וועלט און אירע מערקווירדיקייטן און וועגן די נאטור־דערשיינונגען לויט די לעצטע פאָרשונגען. אין זיין לוויה אין ניו־יאָרק האָבן זיך באטייליקט א סך קאלישער און זיינע תלמידים האָבן געטראָגן דעם ארון.

דער רבי ג אָ ל אָ מ ב ־ ג אָ ל אָ מ ב ע ק איז געווען צוויקס גרויסער קאָנקורענט. אויך ער האָט איינגעפירט רעפאָרמען אין חדר, אָבער צו דער מדרגה פון א "חדר מתוקן" איז ער נישט דערגאנגען. אינטערעסאנט איז דער פאקט, אז צוויק האָט קיינמאָל נישט געוואָלט אָננעמען קיין תלמיד, וואָס איז צוליב וועלכער עס איז סיבה אוועק פון גאָלאָמבן, דאקעגן גאָלאָמב האָט דערפון זיך נישט אָפגעהאלטן.

גאָלאָמב איז געווען א גרויסער לערנער און געשטאמט פון סוואלק. ער האָט געהאט א ספעציפישע אויסשפראך. זיינע האָר זענען געווען העלע און די באָרד — כמעט א רויטלעכע. ער פלעגט רעדן זייער שנעל, שלינגען די ווערטער. בעת ער האָט יענעמען געהערט, פלעגט ער פון צייט צו צייט נעמען דעם עק באָרד צווישן די ציין, כדי צו באהערשן זיין אומגעדולד ביים הערן זיין מיטשמועסער.

לייזער משה כ ה ן און זיינע זין זענען געווען שפייז־הורטאָווניקעס און די איגנטימער פון א גרויס בשמים־געשעפט. די פינף שויפענצטער זענען געווען אָנגעשטאָפט און אינעווייניק האָבן זיך געפונען די בעסטע סחורות פון אלע עקן וועלט: טיי, צוקער, קאווע פון די

טייערסטע מינים, געטריקנטע פרוכטן. איך געדענק נאָך דעם געמישטן ריח ניחוח, וואָס האָט ארויסגעשלאָגן פון דעם געשעפט.

דאָס מסחר האָט זיך געפירט פון זיך אַליין. לייזער משה אַליין איז געווען אין גאנצן אריינגעטאָן אין טעטיקייט לטובת הכלל. ער איז געווען א מיטגליד אין "לינת הצדק", "הכנסת כלה" א"א. נישט איין מאָל האָב איך געזען, ווי בנימין חיים וואָלקאָוויטש, א ייד א בעל־הבית, גייט ארויס פון זיין הויז אויף באבינא־גאס מיט שנעלע טריט. זיין באָרד איז צעקעמט, אָבער צעפאָכעט פון ווינט, זיין מאנטל איז אָפן, דער שטעקן אין האנט און זיין בליק איז א פארזאָרגטער. טייל מאָל גייט ער צוזאמען מיט זיין איידעם ר' דוד שורעק, א קיילעכיקער ייד מיט א גרויסער באָרד, מיט ברילן אין געגילדטע רעמלעך, תמיד א צעשמייכלטער און א ליבלעכער אין זיינע באציונגען מיט מענטשן. וווהין וועט ער גיין? ער גייט אויף אן ערנסטער בעראטונג צו זיין חבר לייזער משה כהן. אין געוועלב זיצן זיי ביי א גלעזל טיי און שמועסן וועגן פארשידענע אקטועלע ענינים ביז וואנען זיי טרעטן צו צו דער זאך גופא.

דער שמועס ציט זיך שעהען, ביז וואנען זיי גייען ארויס צוזאמען אין שול אריין דאווענען מנחה. די טראטוארן אויף דער זלאָטע־גאס זענען שמאָלע, דעריבער גייען זיי אין מיטן גאס. פאר דער שול — בית מדרש — דערזעען זיי צלאל האלטער, ווי זיי וואָלטן זיך אָפגעשמועסט א טרעפונג. אלע זענען זיי צופרידן, וואָס גאָט אַליין האָט זיי דאָ צונויפגעברענגט.



וואָרעם צלאל האלטער איז א זעלטענער בעל־יועץ. דאָס איז א הויכער ייד מיט קלוגע וואָרעמע אויגן און מיט א לאנגער גוטגעפלעגטער באָרד. דאָס איז ער דאָך דער יוריסט פון יידישן קאליש: אדוואָקאט — ריכטער — פּארטיידיקער און פּראָקוראָר. ער קען פון פּאָרויס און מיט א פעסטער זיכערקייט אלע פּאראגראפן און די אורטיילן, וואָס מ׳וועט ארויסגעבן. ער איז אן אָפיציעלער ביטע־שרייבער און א געהיימער אדוואָקאט; אלע האָבן זיך באצויגן מיט אכטונג צו אים צוליב זיין גרויס וויסן. און אויב דער פסק־דין איז נישט געווען לטובת דעם קליענט, ווי ער האָט פּאָרגעזאָגט — איז דערין געווען שולדיק דער גורל... צלאל האלטער זאָגט ארויס זיין מיינונג נאָך דעם, ווי ער הערט אויס דעם ענין פון די פריינד, און דאַן גייט ער אָפּ מיט פּאמעלעכע טריט און די הענט פארפלאָכטן הינטערן רוקן — אין שטיבל אריין צו מנחה.

נאָך מעריב גייט נישט צלאל האלטער גלייך אהיים. א פּארזונקענער אין די געדאנקען לאָזט ער זיך אראָפּ צו זלאָטע־גאס, גייט אריין אין שול־גאָרטן נעבן בית־מדרש, שניידט דורך דעם גאָרטן, גייט ארויס דורכן הויפּט־טויער, שפּאנט אריבער די גאס, גייט אריין צו וועלטסמאנען און בלעטערט א ספר, פארלאָזט דאָס ביכער־געוועלב, גייט אריבער די בריק, שטייט א מינוט און קערט זיך צוריק. נאָך לוסטיגס הויז פארשווינדט ער אין ענגן געסל אויף לינקס, ווארפט א בליק אין יידישן שפּיטאָל, האקט אדורך די גאס, קוקט אריין אין גערטל פון יידישן יתומות־אנשטאלט און גייט ארויס אויף קאנאָניצקא־גאס. דאָרט ווענדט ער זיך אויף לינקס, גייט פארביי דאָס הויז פון דער יידישער קהילה נעבן דער מקווה ביים ברעג טייך, גייט אריבער די בריק, בליקט אריין אין בנין פון די פייערלעשער ביים גרויסן פּלאַץ פונעם נייעם מארק.

א מענטש צינדט אָן מיט א שטעקן די גאזלאָמפּן אויף די גאסן און ארום דעם פּלאַץ. אין די שטובן צינדט מען אָן דאָס ליכט. דער פייערלעשער־אָרקעסטער קומט זיך צונויף אויף א פּראָבע. עס הערט זיך א לייכטע מעלאָדיע. צלאל האלטער שפּארט זיך אָן אויפן פּארענטש פון דער בריק, קוקט א ווייל אויפן פלאכן וואסער פון דער פּראָסנא און קערט זיך אום דורך דער בריק אויף דער קאנאָניצקא. דאָרט וווינט ער אין א דירה, וואָס פארנעמט דעם גאנצן שטאָק איבערן געוועלב פון היישרעק־נאפּארסטעק. אין זיין ארבעטס־צימער צינדט זיך אָן דאָס ליכט. פון דעם קלויסטער פון הייליקן ניקאָליי הערן זיך די קלאנגען פון די לייכטע גלאָקן, וואָס רופן צו דער אָוונט־מעסע.

אויף זשעזשניצע־גאס, ראָג סוקעניצע, געפינט זיך דאָס הויז פון וואָלף פּ י י פ ע ר, אן אלטער קהילה־דאָזאָר און שול־גבאי, א פאבריקאנט. זעלטן זעט מען אים א שמייכלענדיקן. ער איז א מענטש פון טאָט, אן אקטיוועך. זיינע הארטע געזיכטסשטריכן דריקן אויס אנטשלאָסנקייט, זיינע טונקעלע גרויע אויגן זענען איינגעפּאסט אין א טיפער ראַם, און איבער זיי די ברעמען זענען דיקע. ער טראָגט א קליין סגל־בערדל. אין האנט ביי אים איז א טייערער שטעקן מיט א באפוצונג פון האנט־ארבעט. פּייפער שפּארט זיך אָן אויף אים בעתן גיין. זיינע קאָפּעלושן פלעגט ער קויפן אין אויסלאנד, אין די קורערטער, ווו ער פלעגט פארברענגען יעדן זומער.

אונטן, אין דעם הויז, געפינט זיך די ראזורע פונעם פעלדשער ל ו ב ע ל ס ק י, א מומחה אויף שטעלן פּיאווקעס. ער שטייט אין דער טיר, כאפּט א שמועס מיט די דורכגייער. אין דער ראזורע ארבעטן די יונגע געהילפן, וואָס פארשטייען זיך נישט אויף קיין ״מעדיצין״. נאָר חשובע קליענטן האָבן די זכיה, אז ל ו ב ע ל ס ק י אליין זאָל זיי שערן, ווייל ער האָט מורא, אז זיי זאָלן נישט אוועק צו איינעם פון די אנדערע פעלדשערס — ס ק ו ר נ י ק, א ר ק ו ש, נ ו י מ א ן, ה א ָ ל ץ. ער האָט א פיין בייכל און א בכבודיקן טראָט.

לובעלסקי איז א שמח בחלקו, און לעצטנס איז ער אפילו גליקלעך. דאָס, וואָס ער האָט נישט דערגרייכט, האָט דערגרייכט זיין זון: ער האָט געענדיקט א רוסישע גימנאזיע, געוואָרן א דאָקטער און זיך באזעצט אין קאליש. אין משך פון א קורצער צייט איז ער געוואָרן א דערפאָלגרייכער דאָקטער. צו די קראנקע פאָרט ער שוין אין א דראָזשקע.

אן אנדער קאלישער דאָקטער, ד״ר ז י י ד, א זון פון דעם מילכער הירש זייד, האָט שנעל זיך ארייינגעטאָן אין יידישן געזעלשאפטלעכן לעבן: ער איז א בכבודיקער מיטגליד אין

יידישע געזעלשאפטלעכע קאָמיטעטן, העלפט דעם יידישן שפּיטאָל, שטייט בראש פונעם פאטראנאט פון "השומר־הצעיר", בקיצור — אקטיוו אויף דער יידישער גאס און אן אָנגעזעענער דאָקטער אין די יאָרן צווישן די ביידע וועלט־מלחמות.

אנדערע דאָקטוירים זענען געקומען קיין קאליש פון גאליציע און דאָ געפירט א פארצוויגטע פראקטיק: ד"ר מילער, געפינט זיך היינט אין ישראל; ד"ר טראכטענבערג, ערשטער ספּעציאליסט פון האלדז, אויער און נאָז־קראנקייטן, אקטיוו אין געזעלשאפטלעכן לעבן. פון די עלטערע: ד"ר בריקמאַן, צוקער, בעאטוס. די ייִנגערע פון די יידישע דאָקטוירים אין קאליש האָבן אָנגעהויבן פראקטיצירן צום סוף פון די דרייסיקער יאָרן.

★

ווען מען פלעגט קומען קיין קאליש מיט דער באן — פאר דער תקופה פון די אויטאָבוסן און דיליזשאנסן — איז מען פארפאָרן אין שטאָט אריין מיט א דראָזשקע. א לאנגע ריי מיט דראָזשקעס איז געשטאנען אויפן פלאץ פארן וואָקזאל, וואָס האָט זיך געפונען עטלעכע קילאָמעטער וויט פון צענטער שטאָט.

נישט ווייט פונעם וואָקזאל, אויפן וועג קיין סקאלמיעזשיצע (גרענעץ־פונקט צווישן דייטשלאנד און רוסלאנד ביז 1914), שטייט א גרויסע געביידע: די נייע מעלמיל פון רייך און כמיעלניצקי. כמיעלניצקי איז געווען א ייִד א גביר, אן אָנגענעמער, מיט א קיילעכיק פּנים און מיט א שטענדיקן שמייכל אויף די ליפן. ער איז געווען א הארציקער מענטש און באקאנט אין שטאָט אלס נדבן. אחוץ זיין ברייטהארציקער באטייליקונג אין אלע פילאנטראָפּישע אקציעס, איז ער נאָך געווען א מענטש פון "מתן בסתר".

צווישן די ערשטע הייזער ביים אריינקומען אין שטאָט האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן די גרויסע הייזער פון די ברידער באראקס אויף ווראָצלאווסקא (גורנאָשלאָנסקא) גאס. די פאמיליע באָראקס איז געקומען פון סטאווישין צום סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און זיי האָבן זיך באזעצט אין קאליש. זיי זענען געווען פערד־הענדלער פון א וועלט־פארנעם.

ביי באָראקסן איז געווען אן אָפן הויז, ספּעציעל פאר דער יוגנט, די חברים פון זיינע זין און טעכטער. ער האָט אין זומער־צייט סיסטעמאטיש געשטעלט זיין ווילע צו דער דיספּאָזיציע פון די יוגנט־באוועגונגען אויף אורלויב און פארוויילונג. דער ייִנגסטער פון באָראקס משפּחה, עדעק, איז געווען פון די פירער פון דער אונטערערדישער חלוצישער באוועגונג אין פוילן. ער איז געפאלן אין קאמף אין ביאליסטאָקער געטאָ.

די דראָזשקע פאָרט ווייטער אויפן וועג אין שטאָט אריין, לויפט פארביי דעם פראוואסלאוונעם און עוואנגעלישן בית הקברות, ווייטער — דעם אלטן און באוווסטן יידישן בית־הקברות, ווו עס האָבן געפונען זייער אייביקע רו די גדולי הדור. די נאציס האָבן ארויסגעריסן די מצבות און אויסגעפלאסטערט מיט זיי די טייך־ברעגן.

די דראָזשקע פאָרט פארביי דאָס אָרט, ווו לויט דער טראדיציע איז געווען דער טויער פון שטאָט. פון רעכטס — דאָס שפּיטאָל שוו. טראָיצא, פון לינקס — דער נאַזאַרעטאַנישער קלויסטער און די שולע פאר נאַזאַרעטאַנישע מיידלעך. ווייטער פאָרט מען פארביי דעם שיינעם בנין פון דער האנדלס־באנק קעגנאיבער א בריק איבער דער פּראָסנע. אָט איז די יוזעפינא־אלעע, דער קינאָ "ווענוס", דער האָטעל "איראָפּא" פון רעכטס, פון לינקס — די עלעקטרישע סטאציע, וואָס ווערט באוועגט דורכן שטראָם פונעם טייך מיט דער הילף פון א דאַמבע. ווייטער — די נייע באָד מיט טושן פארן עולם — מאָדערנע צייטן.

דער בנין וואָס פארענדיקט די סוקעניצא־גאס איז דאָס אלטע הויז פונעם קרייזגעריכט. דאָס דאָזיקע הויז געפינט זיך אין מיטן פון א קליינעם פּלאץ, וואָס שנײַדט איבער די יוזעפינא־אלעע. אין די גרויסע זאלן אונטער דעם משופּעדיקן דאך, אויסגעמאָלענע מיט וואָגשאָלן, מיט א גאָלדענער אויפשריפט אין לאטיין: suum cuique, געפינען זיך די ביוראָס פון די געריכטס־באאמטע און פון די געשוווירענע נאָטארן. דערנעבן איז פאראן א שיין וווינונגס־הויז מיט א רחבותדיקן הויף; אינעווייניק פון ביידע זייטן — א וווינונגס־בנין, און

אין עק — דער ערשטער קינאָ אין קאליש, "אָאזא". דער באַלעבאָס פון הויז און פונעם קינאָ איז יהודה ריין, א ייד מיט א קיילעכיקן פנים. ער טראָגט א היטל און ביים גיין קייקלט ער זיך אין גאנצן. זיינע ציין זענען געלע און פארראויכערטע. שטענדיק האַלט ער א האוואנע־ציגאר אין מויל.

צו דער דערפענונג פונעם קינאָ האָט ער געבראַכט א דאָקומענטארן פילם פון ארץ־ישראל פון 1912/13. זיין ברודער אברהם שלום ריין איז געווען א פאַרגעשריטענער און אינטעליגענטער מענטש, געטראָגן א קיילעכיקן שרייבער־הוט מיט ברייטע ראַנדן. באַלד ווי ס'איז אנטשטאַנען דער "השומר הצעיר" איז ער אריינגעטראָטן אינעם עלטערן־קאָמיטעט. ער איז געווען א בכבודיקער ייד, א חובב ציון. אונטער זיין השפעה האָט יודקע — אזוי האָט מען גערופן יהודה ריין — געבראַכט דעם ציוניסטישן פילם.

צו אָט דער קינאָ־פאָרשטעלונג האָט יודקע פארבעטן די חשובע לייט פון שטאָט, די רעליגיעזע, די "פני" פון שול, די גבאים, דעם רב ר' יחזקאל ליבשיץ, דעם חזן ר' נח זאלודקאָווסקי, פערזענלעכקייטן, צווישן זיי הירש אנצער.

הירש אנצער טראָגט א לאַנגע קאַפּאָטע, הויכגעוויקסיק, מיט גרויע שמייכלענדיקע אויגן, אין האַנט — א שטעקן מיט א געגילדעטע גאַלקע. ער האָט ליב צו דערציילן אנעקדאָטן און צו רעדן מיט משלים. ער איז נישט קיין וואָכשנער געשעפטס־מענטש. ער האָט א באַזונדערן אינטערעס צו העלפן יענעם אין לערנען: צוגרייטן בר־מצווה־ייִנגלעך, פּאַרטייטשן א בחור א קאַפּיטל־תנ"ך און א בלאַט גמרא. ער איז א למדן, קען שפּראַכן, א יודע ספר, שרייבט שירים אין פּשוטע סטראָפן, קאָפּירט די לידער פון יהודה הלוי אין א מאָדערן לשון.

אין די ווינטערדיקע אָוונטן פלעגט ער קומען צו אונדז אין שטוב און לייענען פאַר מיין פאָטער זיינע שאַפונגען. אז מיין פאָטער האָט אים צוגערעדט צו שיקן די שירים אין דער צייטונג "הצפירה", האָט ער געענטפערט: "דאָס איז נישט צום פארעפנטלעכן, נאָר צוליב דער שיינקייט פון דער קונסט. אפשר נאָך הונדערט און צוואַנציק". ער האָט איבערגעזעצט אויף פּויליש לידער פון חובבי ציון און אכטונג געגעבן אויפן ריכטיקן ריטעם. צווישן זיי איז געווען דאָס ליד: "על אם הדרך..." הירש אנצער איז אוועק אויפן עולם האמת, און צוזאַמען מיט אים — א פארמאַכטער קוואַל פון סענטימענטאַלע מליצהדיקע שירה, די שירה פון יענע צייטן.

פון קינאָ "אָאזא" הויבט זיך אָן די ברייטע אַלעע. אין מיטן איז די פּראָמענאַדע, פון ביידע זייטן — ביימער, בעיקר די פארשמעקנדיקע אקאַציעס. אויף די גראָז־בייטן — סעזאָן־בלומען. פון יענער זייט ביימער, פון ביידע זייטן, זענען איינזייטיקע גאַסן, און נעבן די הייזער — טראָטואַרן. דער וועג פירט צום פּאַרק. די הייזער פון דער לינקער זייט געפינען זיך אין דער "פּוילישער ווענעציע". דער דאָזיקער צונאָמען איז א ריכטיקער: הינטער די הייזער שטראָמט דער טייך פּראָסנא. כמעט יעדעס הויז פארמאָגט אן אייגן שפּאַציר־שיפל.

אין איינעם פון די הייזער האָט געוווינט די דריי־דורותדיקע משפּחה פּאָזנאַנסקי. אויף דער גאַס, אין דער הויך, געפינט זיך דאָס עלעגאַנטע הויז פון פרידמאַנען, ווייטער — שילאַקס הויז: צוויי פאָרשטייער פון דער "הויכער געזעלשאַפט", קאַפּיטאַליסטן, צווישן די בויערס פון דער "נייער" שול לויטן דייטשן נוסח, כמעט א רעפאָרמירטע — אויף דער קרוטקאַ־גאַס. אין זייערע גערטנער אויף די ברעגן פון טייך ווערן אָפּט אין די אָוונטן איינגעאָרדנט פארוויילונגען. דער גאָרטן איז באַלויכטן און איבערן טייך שווימען די "גאָנ־דאָלעס". ווייט שווימען קענען זיי נישט: ביז דער נאָענטער דאַמבע, אן ערך פון א הונדערט מעטער.

אויף רעכטס — די נייע פּוילישע באַנק, ווייטער דער שטאָט־טעאַטער, וואָס געפינט זיך תמיד אין זיין געביידע. פארשידענע און משונהדיקע סטילן. פון טעאַטער־באַלקאָן און פּאַרק אנטפּלעקן זיך א פּרעכטיקע לאַנדשאַפט. אין די שבתים און זונטיקס פלעגט דאָ שפּילן אן אָרקעסטער. ווינטער — פאַרן פארגעניגן פון די, וואָס גליטשן זיך איבערן אייז, זומער — פאַר די, וואָס שווימען אין די שיפלעך איבערן טייך. עס פלעגט אויך פאָרקומען א פארמעסט פון דעם שיפער־פאַרבאַנד.

איידער מיר גייען אַריין אין פּאַרק, לאָמיר פריער אַ קוק געבן אויף דער וויעיסקאַ־גאַס (שפּעטער פּולאַסקי), וואָס געפינט זיך הינטער דער יוזעפינאַ־אַלעע פון רעכטס. דאָ, אין סוף פון דער וויעיסקאַ, האָבן זיך קאָנצענטרירט די מערהייט שפּיצן־פאַבריקן: שייניק און בולקאַ, מענדל בעריש טרויבע א״אַ. הירש שייניק, אַ צעקאָכטער און טומלדיקער ייד, פלעגט תמיד לויפן — סיי אין גאַס, סיי אין פאַבריק, און זיינע פּאָלעס האָבן געפלאַטערט אין ווינט. ער איז געווען הויך, שיין געבויט און אַ שוואַרצע באָרד האָט באַקריינט זיין פּנים. ער פלעגט אַריינמישן אין זיינע רייד רוסישע ווערטער — די השפּעה פון זיין מסחר מיט פּעטערבורג און מאָסקווע. זיין רוסיש ווידער פלעגט ער באַווירצן מיט יידיש.

הערשל שייניק איז געווען אַ האַרציקער מענטש, אַ פּיקח און פול מיט ענערגיע, דער ליבלינג פון זיין ״שטיבל״. ער האָט זיך נישט פרייוויליק אָפּגעגעבן מיט געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, אָבער אַז מ׳האָט אים אַריינגעצויגן, האָט ער נאָכגעגעבן.

דאַקעגן זיין קאָנקורענט און פאַך־קאָלעגע, מענדל בעריש טרויבע, איז געווען פון די הויפּט גבאים אין שטיבל, אין דער חברה קדישה, מיטגליד פון קהילה־ראַט, וויצע־פּאָרזיצער אא״וו. ער איז געווען אַ מענטש מיט מאָס און טאַקט. געהאַט אַ לאַנגע באָרד, געווען געקליידט אין אַ גרויען אויסגעפּוצטן ראָק, גערעדט געלאַסן מיט פּויזעס צווישן איין זאַץ און צווייטן. מענטשן האָבן געהאַט אַכטונג פאַר אים און ער האָט אפילו פאַרמאָגט פאַרערער.

נישט ווייט פון דאָרט האָט געוווינט די משפּחה בלאָך. מרדכי בלאָך איז געווען אַ הורט־סוחר פון מעל, אַן אָנגעזעענער באַלעבאָס, אַ פרומער ייד אָבער נישט קיין פאַנאַטיקער, ווייט פון געזעלשאַפטלעכע ענינים, אַן אויסגעשפּראָכענער מענטש פון טאַט. טראָץ זיין באַשיידנקייט איז ער געווען באַליבט ביי מענטשן און ער האָט געהאַט אַ נאָמען פון אַ נדבן.

אויף וויעיסקע 28 האָט געוווינט אַבֿרהם בוקי, אַ פּאָפּולערע פיגור אין שטאָט. ער איז געווען אַ לערער און עס האָט זיך אים איינגעגעבן אָנגענומען צו ווערן ווי אַ רעליגיע־לערער אין די שטאָטישע מיטלשולן. אַלס מיטגליד פון פּעדאַגאָגישן ראַט האָט ער זיך געדאַרפט באַטייליקן אין זיינע זיצונגען. ווען מען האָט געזאָלט אויף אַ זיצונג באַטראַכטן אַן ענין נישט צום גונסטן פון אַ יידישן שילער אָדער אים צו באַשטראָפן, האָט ער אין געוויסע פאַלן נישט באַקומען די איינלאַדונג צו דער זיצונג. ער האָט נישט שטאַרק באַדויערט זיין אָפּוועזנדיקייט אויף די זיצונגען. ער האָט נישט געהערט צו די מוטיקע קעמפּערס, דאָס איז אים שווער אָנגעקומען — אָבער דאָס האַרץ האָט אים ווי געטאָן. ווען אַזאַ זאַך איז געשען, האָט ער די שילער באַטייליקט אין זיין צער. ער איז נישט געווען גליקלעך פון זיין אַרבעט און זייער זעלטן האָט מען אים געזען שמייכלען.

חוץ דעם האָט ער געליטן פון נאָך אַ זאַך: ער איז געווען אַ ציוניסט מיט זיין גאַנצער נשמה, אָבער די טעטיקייט איז אים געווען פאַרווערט. אין געהיים האָט ער געטאָן פאַר דער באַוועגונג. בלויז אויף איין אָרט איז ער געווען פריי: די ציוניסטן אין קאַליש האָבן געשאַפן אַ שול פאַר זייערע חברים און סימפּאַטיקער. דאָרט איז בוקי געווען גבאי און דער ״געלערנטער ייד״. יעדן דריטן שבת בעת דער עליה האָט ער גערעדט מעניני דיומא, אַ דרשה וועגן דער הפטרה אא״וו.

צוויי העלפערס האָט ער געהאַט: זיין ברודער שבתאי בוקי און שבתאי זיידאָרף. שבתאי בוקי איז געקומען אין די צוואַנציקער יאָרן פון קאָנין. ער איז געווען דער אייגנטימער פון אַ ניי שפּייזגעוועלב אויף וורעצלאַווסקאַ. און פּונקט ווי לייזער משה כהנס הויז פאַר 1914 איז געווען אַ בית־וועד פאַר געזעלשאַפטלעכע עסקנים (ל. מ. כהן איז דערשאָסן געוואָרן דורך די דייטשן אַלס ערובניק אין 1914), אַזוי איז דאָס געשעפט פון שבתאי בוקי געווען דער זאַמלפּונקט פאַר די ציוניסטן אין שטאָט. יעדע זאַך, אַ גרויסע צו אַ קליינע, איז דאָ פריער באַהאַנדלט געוואָרן איידער מ׳האָט זי געבראַכט צו דער זיצונג אין שמערקאָוויטשס הויז אויף באַבינע־גאַס, אויפן עק פון נייעם מאַרק: דאָס פאַרבעטן רעפערענטן, די קאָמפּאַניע פאַרן קרן־קימת. די ציוניסטישע געסט, וואָס פלעגן קומען אין שטאָט, זענען געוואָרן אויפגענומען אין שבתאי בוקיס געוועלב. ער איז געווען אַ פלינקער, יינגער פון זיין ברודער מיט עטלעכע יאָר, אַ שמייכלענדיקער און אַ שנעלער אין זיינע רייד. דאָס קליינע בערדל

איז געווען צוגעשוירן אין דער פאָרעם פון א סגול, זיינע שווארצע אויגן האָבן זיך שטענדיק באוויגן. ער איז געווען א טראדיציאָנעלער אָפּגעהיטענער ייד.

אין ציוניסטישן לאָקאל אויף באבינע־גאַס איז דער דעה־זאָגער געווען שבתאי זיידאָרף. ער איז געווען דער באפולמעכטיקער פון "קרן־קימת" און געטאָן זיין ארבעט מיט דערפּאָלג. א לאנגע צייט איז ער געווען פאקטישער פאָרזיצער פון פארבאנד, וואָרעם די אלע דער־ווײלטע האָבן דאָס באטראכט בלויז ווי אן ענין פון כבוד. ער איז געווען א שיינער מענטש און האָט מקפיד געווען אויף זיין אויסערלעכקייט. זיינע אויגן זענען געווען בלויע, געטראָגן האָט ער א ספּעציעל יידיש היטל לויט זיין געשמאק. ער האָט געשוויגן און געטאָן. שטענדיק האָט ער געטראכט וועגן עפּעס אן אקציע פאר קק"ל, און ביז מ'האָט אָנגענומען א פאָרשלאג, איז שוין דאָס פּראָגראם געווען אויסגעארבעט מיט אלע פּרטים.

איך געדענק, אז נאָך דער סאַן־רעמאָ־קאָנפערענץ איז געוואָרן באשלאָסן צו פייערן די געשעעניש מיט א פאָלקס־פארזאמלונג: אין פעלד, אויפן וועג צום דאָרף מייקאוו, איז אויפגעשטעלט געוואָרן א ריזיקע בינע, וואָס איז טיילווייז באשטאנען פון פלאכע משא־פלאטפאָרמעס. די ארבעט איז געטאָן געוואָרן פרייוויליק. ברעטער האָבן געגעבן הענעך סיטנער, א באוווסטער האָלץ־סוחר, א מיטגליד פון ציוניסטישן קאָמיטעט, און די ברידער כהן, וועמענס באָדגס האָבן זיך געשפּרייט איבער דער גאנצער לענג פון דער 3־מאַי־גאַס. די אקציע איז געוואָרן געשטיצט אויך דורך פרץ גאָלדשטיין, א באקאנטער ציוניסטישער עסקן אין שטאָט.

א גרויסע מאסע פון קרוב צען טויזנט פּערזאָן האָט אויסגעפילט דעם פּלאַץ. דאָס פּראָגראם איז געווען רייך און פארשידנארטיק. מיין ברודער יוסף* האָט אָרגאניזירט א גרויסן כאָר, וואָס איז געוואָרן באגלייט דורך אן אָרקעסטער. ארויסגעטראָטן מיט רעדעס זענען שטאָטישע און געסט פון דרויסן. צום סוף האָט דער עולם צוגעטראָגן זיין ביישטייער פארן אויסלייזן דאָס לאנד. דאָס איז געווען אן אומפארגעסלעך בילד. פרויען האָבן געבראכט זייערע זילבערנע לייכטער, אראָפּגענומען די רינגלעך פון זייערע הענט; מענער האָבן בייגעשטייערט זילבערנע מטבעות, גאָלד, זייגערלעך. די התלהבות האָט נישט געהאט קיין גרענעץ.

א היימלעך בילד האָט מען געזען אין קאליש אין א ל"ג־בעומר־טאָג, בעת דורך די גאסן האָבן מארשירט די הונדערטער חברים פון "השומר הצעיר" מיט זייערע פענער און אין דער באגלייטונג פונעם יידישן ספּאָרט־אָרקעסטער.

★

עס זענען געווען אויך טעג פון מאסן־טרויער. דאָס איז געווען פאר פּורים 1921. איבער פּוילן האָט געווילדעוועט דער אנטיסעמיטיזם אונטער דער אָנפירונג פון גענעראל האלער. מ'האָט ארויסגעוואָרפן יידן פון די באַן־וואגאָנען אין מיטן פאָרן. אין די גאסן האָבן זעלנער געשניטן די יידישע בערד. יידן זענען פארוואנדלט געוואָרן אין שפּילצייג אין די הענט פון כוליגאנעס און מערדער און ווי געשטעלט געוואָרן אויסערן געזעץ. מ'האָט זיך איבער זיי איזדיעקוועט און קיינער האָט נישט פּראָטעסטירט. אמת, די ווארשעווער יידישע פורמאנעס און קצבים האָבן ארויסגעוויזן מוט און די כוליגאנעס האָבן דערפילט אויף זיך די קראפט פון יידישע הענט, אָבער די ידיעות, וואָס זענען אָנגעקומען פון גאנץ פּוילן, זענען געווען שלעכטע.

אין קאליש איז געווען רויק און מ'האָט נישט געזען קיין שלעכטע סימנים. דאָס לעבן איז געפלאָסן נאָרמאל. איין מאָל, ווען איך בין ארויס אין גאַס צו גיין אין שול אריין, האָבן די גאסן מיר אויסגעזען אנדערש ווי געוויינלעך. די געוועלבער זענען געווען אָפן, יידן זענען צוריקגעגאנגען פון שחרית, אָבער אויף די ראָגן פון די גאסן זענען געשטאנען קריסטלעכע בחורים מיט שטעקנס אין די הענט.

* יוסף בר נח זאַלוד (1892—1966) האָט לכבוד דער געשעעניש פארפאסט צוויי קאָמפּאָזיציעס, איינעם פארן טורן־פאראיין און דאָס צווייטע — א ציוניסטישע ליד. אין יענער צייט איז ער געווען ש"ץ אין דער ציוניסטישער שול אויף וויעיסקע־גאַס.

בעת דער דריטער לעקציע האָט דער שול־דירעקטאָר געמאָלדן, אַז די יידישע שילער דאַרפן גיין אַהיים. אין איבערררייס האָבן מיר זיך צונויפגעזאַמלט לויט דער אָנווייזונג פון אונדזערע עלטערע חברים פון די העכערע קלאַסן. יעדער איינער איז זיך אַוועק זיין וועג. די גאַסן זענען געווען אויסגעליידיקט פון מענטשן און די לאַדנס אויף די פענצטער זענען געווען אַראָפּגעלאָזן. אין צענטער שטאָט האָט געבושעוועט אַ פּאָגראָם. קיין סך קרבנות זענען נישט געווען, אָבער דער טעראָר האָט געווילדעוועט 24 שעה.

די יידישע שטאָט־קצבים האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט די פּאָגראָמשטשיקעס אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן. נעבן די יידישע יאַטקעס אויף נאַדוואַרנע־גאַס האָט זיך צונויפגעזאַמלט אַ מאַסע פּאָגראָמשטשיקעס. ווען די יידן האָבן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד, איז דער המון אַנגעפאַלן אויף ענזעלס עלטסטן זון, אַרויסגעריסן אַן אייזערנע טיר פון דער ראַם און צעקוועטשט אים מיט איר ביז ער איז געבליבן טויט.

נאָכן שרעקלעכן פּאָגראָם אין לעמבערג איז געוואָרן איינגעאָרדנט אַן אזכרה פאַר די קרבנות אין דער גרויסער שול. ר׳ נח (קלאַגער) איז געווען אַ מומחה אויף צערעמאָניעס. די תפילה איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אינעווייניק, אָבער די שול האָט נישט געקענט אַריינעמען אין זיך די טויזנטער מענטשן, וואָס זענען געקומען צו דער אזכרה. אינעווייניק און אין דרויסן האָט געהערשט אַ טרויער־שטילקייט. ר׳ נח איז אַרויפגעגאַנגען צום ארון־קודש און אָנגעהויבן קלאָגן, פון אָנהויב שטילערהייט און שפּעטער מיט אַ געשריי ״הוי מה היה לנו״, לויט ירמיהוס קינות. די שטילקייט אינעווייניק און אין דרויסן איז געווען אַזאַ אַבסאָלוטע, אַז מ׳האָט די תפילה געהערט אין דער ווייט. דאָס איז געווען אַ גרויסער טרויער־טאָג פון די יידישע מאַסן אין קאַליש.

★

די לאַנדשאַפט פון דער שטאָט האָט אַ סך צוגעגעבן צום ראָמאַנטישן כאַראַקטער פון דער שטאָט. דער טייך האָט פאַרשענערט די גאַנצע שטאָט. די פּילצאַליקע בריקן, דאָס גרינס, די ביימער און דאָס וויכטיקסטע — דער גרויסער אַלטער פּאַרק מיט זיינע פּרעכטיקע ווינקעלעך. ער האָט געהאַט אַ סך פון דער נאַטור, אָבער אויך מענטשן האָבן געהאָלפן צו זיין אַנטוויקלונג. די קאַלישער האָבן שפּאַצירט אין פּאַרק פון זינט זיי זענען נאָך געלעגן אין די קינדער־וועגעלעך ביז אין טיפן עלטער. פאַר דער יוגנט איז דער פּאַרק געווען דאָס אויסגעטרוימטע ווינקל, פאַרן דערוואַקסענעם — אַן אָרט פון אָפּרו פונעם טאָגטעגלעכן געיעג. עס איז נישטאָ קיין קאַלישער, וואָס זאָל נישט דערמאָנען מיט ליבשאַפט זיין געבוירן־שטאָט.

דער פּאַרק האָט פאַרמאָגט אַ סך אַריינגאַנג. דער הויפּטוועג האָט געפירט פון דער יוזעפינאַ־אַלעע: דאָס טעאַטער פון רעכטס, די אַלעע פון לינקס, אָט איז אַ בריק, און ווידער אַ בריק, אָבער איין בריק איז נישט ענלעך צו דער צווייטער. דער שיפער־קלוב. דו געפינסט זיך אויף דער קרייצונג פון דריי וועגן, וואָס פירן אין דער טיף פונעם פּאַרק. לאָמיר גיין רעכטס, מיט דער פּראָסנאַ. מיר וועלן דורכגיין 100 מעטער, און ווידער אַ בריק מיט אַ גרויסער דאַמבע. דו גייסט ווייטער — פון רעכטס דער טייך, פון לינקס דער גרינער טאָל. דו זעסט אים נישט, ווייל אַלץ איז פאַרשטעלט פון אַ געדיכטן וואַלד, בלויז צווישן די צווייגן זעסטו וועגן, סטעזשקעס, בענק און אפשר אויך סקולפּטורן אין דער ווייט.

דער טייך ווערט אַלץ ברייטער און אָט קומסטו אָן צום אַלטן דעמב ביים אַראָפּנידערן אין קליינעם טאָל. אין דער מיט איז אַן אָזערע, אין צענטער — אַן אינדזל, און אויפן אינדזל אַ סקולפּטור. דעם פּלאַץ רופט מען ״קאָגוטעק״. דער דעמב איז דיק און הויך. מען שאַצט אים אויף 200 יאָר. דריי מענטשן קענען אים אַרומנעמען מיט זייערע צונויפגעפלאָכטענע הענט. מיר האָבן דאָס געפּרוּווט טאָן.

דער שטח פונעם פּלאַץ — פון דער סקולפּטור אויפן אינדזל — איז אַ קרייז אין דורכמעסט פון הונדערט מעטער; אַרום — געפּלעגטע קוסטן און נעבן זיי בענק, זומערצייט אין דער וואָכן און אין דער פרי, ווען אין פּאַרק זענען געווען ווייניק מענטשן, האָט מען הנאה געהאַט פון זיצן דאָרט, פון דער שטילקייט, פונעם פייגלגעזאַנג, פון דער אַרומיקער נאַטורפּראַכט. אַ ד אַ ם אָ ס ני ק האָט דאָ געשריבן זיינע לידער. קאָמפּאָזיטאָרן האָבן פאַרפאַסט זייערע

מעלאָדיעס. אין די שיינע פרילינג־טעג, אין די פרימאָרגן־שעהען, זעט מען דאָ ספעציפישע באזוכער — טייל מאָל איינזאמע, טייל מאָל אין גרופעס — אין גרינע היטלען, וואָס מ׳רופט זשאבעס, רויטע היטלען, וואָס מען רופט בוראקעס. דאָס זענען די שילערס פון די מלוכהשע גימנאזיעס. א ביסל שפעטער זעט מען אויך אנדערע היטלען: די שילערס פון דער יידישער גימנאזיע.

די יידישע גימנאזיע איז אייגנטלעך אנטשטאנען דורך א געזעלשאפלעכן עלטערן־קאָמיטעט, וואָס צוליב א נאציאָנאלן אָדער רעליגיעזן טעם האָבן זיי געוואָלט האָבן א יידישע גימנאזיע. דער לערער־פערסאָנאַל איז געווען אן איינגעגעבענער, און מיט דער צייט איז די גימנאזיע געשטאנען אויף א גוטן ניווא. דער ערשטער דירעקטאָר פון דער גימנאזיע איז ד״ר בראון — א שפראך־קענער און א פעדאגאג; ער האָט ארויסגעגעבן לערנביכער און אויך א העברעיש־פויליש ווערטערבוך. אין א קורצער צייט ארום איז לייטער פון דער שול געוואָרן ד״ר העלינג, וואָס איז געווען אויף דעם אמט ביזן יאָר 1939. ד״ר העלינג, באליבט ביי מענטשן, ספעציעל צוליב זיין העפלעכער באנעמונג; ער איז געבוירן אין א חסידישער שטוב אין גאליציע, געלערנט פילאָזאָפיע אין ווין, געווען לערער אין פארשידענע שטעט ביז ער איז אָנגעקומען אין קאליש.

דאָס איז געווען די ערשטע יידישע גימנאזיע מיט א לענגערן קיום, וואָרעם אויך אין דער פארגאנגענהייט זענען געמאכט געוואָרן נישט ווייניק פרווון צו שאפן אין שטאָט א יידישע מיטלשול, אָבער אָן דערפאָלג.

א לענגערע תקופה האָט עקזיסטירט א מיטלשול פאר מיידלעך אונטער דער דירעקציע פון שרייבער, וועלכער איז אין א צייט ארום אוועק קיין ארגענטינע. סוף פרילינג 1914, נאָך ביי דער הערשאפט פון די רוסן, איז אנטשטאנען א יידישע פראָגימנאזיע פון פעלד־שטיינען, אלס רעאקציע אויפן נומערוס־קלאוזוס אין די רוסישע גימנאזיעס. עס האָבן זיך פארשריבן א סך יידישע יוגנטלעכע, אָבער די וועלט־מלחמה האָט געמאכט א סוף צו די שיינע אויסזיכטן.

אין פארק שפאצירן די שילער. דאָ און דאָרט קאָן מען זען א גרופע און בראש פון איר א לערער. ער רעדט א ריינעם העברעיש. ער איז אן איבערגעגעבענער ציוניסט. דאָס איז ה׳ קאבאלאר. דאָרט ווידער שפאצירט א גרופע מיטן לערער צימער, און נאָך, און נאָך.

א ביסל אויף רעכטס איז די ״אראנזשעריע״ — א פרעכטיק אנטוויקלט ווינקעלע, די אינספעקטן מיט הויכע פענצטער. דאָ אנטוויקלט מען געוויקסן, וואָס מען ברענגט פון דער גאנצער וועלט: דער אָראנזשן־בוים, דעם ערשטן, וואָס כ׳האָב אין מיין לעבן געזען, עקזאָטישע און סובטראָפישע געוויקסן. דער גאנצער פלאַץ איז פול מיט שיינע בלומען און די ריחות טראָגן זיך אין דער ווייט. קעגנאיבער דער אָראנזשעריע געפינט זיך דאָס טיפישע ״שווייצער״־הויז, געבויט דורכויס פון האָלץ מיט אלע זיינע טרעפ, באלקאָנען און ספעציעלע באצירונגען: דאָס איז דאָס זיצאָרט פון די גערטנערס און די פלאנצונג־צענטראלע. צווישן די ביידע הייזער, אין צענטער פונעם פלאַץ, צווישן די טויזנטער בלומען — א זון־זייגער, וואָס איז אינסטאלירט געוואָרן אין 19טן יאָרהונדערט און קינסטלערישע סקולפטורן. דאָ איז קיין שאָטן נישטאָ. אויף דעם אָרט שפאצירט מען אָוונטצייט.

דער פארק איז גרויס און פארמאָגט אָן א שיעור שיינע ווינקעלעך. אָט איז א קליין קינסטלעך טייכל און אויף זיין ברעג — א קליינע וואסערמיל. דאָס וואסער שטראָמט, אויפן בערגל שטייען בענק — א ראָמאנטיש ווינקל. אָט איז די רחבותדיקע פראָסנא. אויפן בארג — א פלאַץ מיט א פארענטש: די פאנאָראמע. קעגנאיבער געפינט זיך דער שיפל־פאָרט. און אָט שטראָמט שוין מעכטיק די פראָסנא אין דער ריכטונג פונעם ״וואסערפאַל״, וואָס שאפט דאָס טייכל בערנארדינקע. ווייט, ווייט, ביז צו דער ״רויטער״ בריק (ווידער א בריק!).

ווי געזאָגט, איז גרויס די צאָל פון די שיינע ווינקעלעך. ווער קאָן זיי דען איבערציילן! אָבער אָט איז די חורבה: ספק רעשטלעך פון אן אלטן פלאַץ, ספק קינסטלעכע געביידע — אין גאנצן געבויט פון שטיין, א סך שטיינערנע טרעפ, אלטע און געדרייטע. איין פלאַץ איז פארזייט מיט קולטורווירטע ״ווילדע״ בלומען. די טרעפ פירן צום צווייטן שטאָק: אויך דאָרט איז פאראן א פלאַץ, געפלאסטערט מיט בעטאָן, מיט א קינסטלעריש־געפאָרעמטן גאנעק ארום און מיט א פרעכטיקן אויסבליק. אונטער דער חורבה איז פאראן א טונעל

לענג־אויס דעם בנין. „הידראָפּאטיע״: אַן אינסטיטוט אויף היילן מיט קינסטלעך מינעראַל־וואסער; דאָרט ווערן געמאכט די ערשטע מעדיצינישע אונטערזוכונגען פון די גימנאזיע־שילער דורך ד״ר קאָשוטסקי, דעם באוווּסטן אָקוליסט.

דער „נייער״ פּארק — דאָס איז דער פּארק איבער יענער זייט וואסערפאל און דעם „ריזיקן״ ספּאָרט־סטאדיאָן (לויט די השגות פון די צוואנציקער יאָרן). א ריי גרופּעס פון די יוגנט־באוועגונגען, און ספּעציעל פון „השומר הצעיר״ פירן דורך זייערע „פּעולות״ אויף דער חורבה ביים וואסערפאל אין וועלדל. דאָס געזאנג הילכט. דער עברית (א פּארגרייזטער נאָך, אָבער פּאָרט עברית) טראָגט זיך אין די מרחקים. עס טראָגן זיך די קלאנגען פון אַ אָקארינע (אינסטרומענט) און פון איינעם, וואָס האָט וווּנדערלעך געזונגען און געמאכט אנדערע זינגען איצט איז ער א לערער אין חיפה.

א סך ארייַנגענג זענען פאראַן אין פּארק. איינע פון די שענסטע איז דער ארייַנגאנג פון דער ניעצאלע־גאס. לינקס פון דער „רויטער״ בריק פירט צום בערגל א שאָסיי פון גרויסע נישט געטעסעטע שטיינער. אויפן שפּיץ פונעם בערגל שטייט א הויז, וואָס איז ענלעך צו א מיטלאלטערלעכער פעסטונג — מיט פיר טורעמס אין די פיר ווינקלען. איבער די פענצטער זענען פאראַן לאָדנס. דאָס איז די קרייז־טורמע אויפן וועג קיין טורעק.

די „רויטע״ בריק האָט געדינט ווי א טרעפפּונקט פאר א ריי אויספלוגן אויסער דער שטאָט.

אָבער לאָמיר פארלאָזן די בריק. דאָ איז פאראַן אן ארייַנגאנג אין פּארק דורך דער אלעע, און אויף איר — א בערגל. אין דער אלעע פאָרן די דראָזשקעס מיט די שפּאצירנדיקע, וואָס קומען שעפּן פרישע לופט אין פּארק. דאָ פאָרט אדורך די קאָטש פונעם גובערנאטאָר, וואָס פאָרט אויף שפּאציר מיט זיין משפּחה. די אלעע איז א לאנגע, איבער א האלבן קילאָמעטער. פון ביידע זייטן — ריזיקע קאשטאנביימער. זייערע צווייַגן אין דער הויך באגעגענען זיך און שאפן א מין נאטירלעכן דאך איבער דער אלעע. אין א זוניקן טאָג זעט זיך דורך די בלעטער דער בלויער הימל, און אין די אָוונטן — די לבנה מיט די שטערן. אין די היצן איז דאָ פאראַן א דערפרישנדיקער שאָטן, אין די אָוונטן איז טונקל.

מיין פאָטער ז״ל האָט ליב געהאט צו פארברענגען אין פּארק. דאָרט האָט ער געשעפּט אינספּיראציע פאר א סך פון זיינע מוזיקאלישע שאפונגען. דאָ איז פארפאסט געוואָרן דער ניגון צום ליד „שאו ציונה נס ודגל״ מיט 70 יאָר צוריק און אויך „סובב, סובב הולך היהודי נצח״. נישט איינער פון זיינע ניגונים האָט דערמאָנט דאָס געזאנג פון דער נאטור אין קאלישער פּארק. דאָ האָט ער געהאט זיינע טאָגטעגלעכע באגעגענישן, און אין משך פון א ריי יאָרן — מיט הרב יחזקאל ליבשיץ, דער רב פון שטאָט.

הרב ליבשיץ איז געווען אן אינטערעסאנטע פּערזענלעכקייט. ער האָט געהאט אן אויסער־געוויינלעכן הדרת פּנים, וואָס האָט געפּאנגען באלד ביים ערשטן מאָל, א „קעניגלעכע שיינקייט״, און א טיפע חכמה. ער האָט, וואָס אן אמת, פארלאנגט פאר זיך א געוויסן כבוד, דאָס איז געווען כאראקטעריסטיש פאר א ריי גרויסע רבנים פון יענער צייט, אָבער די דיסטאנץ איז געוואָרן קלענער באלד נאָכדעם ווי מ׳האָט אָנגעהויבן רעדן מיט אים. ער האָט ארויסגעוויזן הארציקייט און ווייכקייט, אויב די טעמע איז אים געווען נאָענט. ער איז געווען א מענטש מיט אייראָפּעישע מאניערן, און דערפאר האָבן אויך די פּאָרשטייער פון דער מאכט ליב געהאט צו טרעפן זיך און צו רעדן מיט אים, צום ערשטן די רוסן, און שפּעטער די פּאָליאקן. ער איז געווען א דיפּלאָמאט אינעם גוטן זין פונעם וואָרט. פרום, אָבער נישט קעמפעריש־פאנאטיש. ער האָט געהאט פארשטענדעניש פאַרן גייסט פון פּראָגרעס.

איך האָב אים גוט געקענט, וואָרעם אין מיינע קינדעריאָרן האָב איך אָפט פארבראכט ביי אים אין שטוב. איך געדענק, אז ער פלעגט אויפנעמען קהל אין געוויסע טעג פון דער וואָך, אָבער ער האָט אונטערשיידט פון מענטש צו מענטש, און נישט דווקא צוליב זיין אויסערלעכקייט, יחוס, באשעפטיקונג אָדער הלבשה. בעת ער האָט אויפגענומען מענטשן איז פאר אים געלעגן אָפן די גמרא און ער האָט אין איר מעיין געווען. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און א קוק געטאָן אויפן מענטש, וואָס דער שמש האָט ארייַנגעבראכט. געווען פאלן, ווען ער האָט באלד אוועקגעלייגט דאָס ספר און אָנגעהויבן אויסהערן אויפמערקזאם, און ס׳האָט אויך געטראָפן, אז באלד נאָכן ערשטן בליק אָדער נאָך די ערשטע ווערטער פון

דעם מענטש, האָט ער ווייטער געקוקט אין דער גמרא און בלויז פון צייט צו צייט געטאָן א זיפץ, באגלייט מיט א ברום.

אין א צייט ארום איז פאר מיר געוואָרן פארשטענדלעך זיין אויפפירונג. א קורצע צייט פאר זיין פטירה, נאָכן טויט פון מיין פאָטער ז״ל אין יאָר 1931, בין איך געקומען זיך געזעגענען מיט אים פאר מיין אָפּפאָרן קיין אויסלאַנד. דרך אגב, האָב איך געוואָלט באראטן זיך מיט אים אין א געוויסן ענין. אז איך האָב פאָרגעשטעלט געגנוי דעם ענין, האָט ער אָנגעהויבן מעיין זיין אין דער גמרא און ארויסלאָזן דאָס געברום, וואָס כ׳האָב אזוי גוט געדענקט פון די קינדעריאָרן. איך האָב זיך אָנגענומען מיט מוט און אים געפרעגט, פאר וואָס ער פירט זיך אזוי. הרב ליבשיץ האָט זיך איינגעקוקט אין מיר מיט זיינע שיינע און קלוגע אויגן און געענטפערט: ״קינד מיינס, איך בין זיך נוהג אריינצודרינגען אין דעם, וואָס שטייט פאר מיר. אויב איך האָב דעם איינדרוק, אז דער מענטש ווארט באמת אויף מיין עצה און ער וועט מיך פאָלגן, איז מיר כדאי זיך מטריח צו זיין, איבערצייגן אים און אפילו זיך צו באגייסטערן, אָבער אויב איך זע, אז דער מענטש וועט סיי ווי טאָן ווי ער פארשטייט, איז דאָך א שאָד די רייד, איז שוין מער כדאי אריינצוקוקן אין דער גמרא״.

אז די צוויי שפאצירנדיקע אין פארק זענען אָנגעקומען צו דער ״רויטער״ בריק, איז אָפּט צו זיי צוגעשטאַנען א דריטער: א קורצגעוויקסיקער קיילעכיקער ייד, מיט א גרויסן קאָפּ, מיט שיינע בלאָע אויגן, מיט א געשוירענער און נישט געגאָלטער באָרד — נישט דערפאר ווייל ער איז געווען א פרומער, נאָר ווייל ער האָט געהאלטן פון טראַדיציע. אָט דער מענטש האָט געארבעט און געוווינט אין פרוינדס בראָנפּן־פאבריק אויפן טורעקער שאָסיי, און יעדן טאָג פלעגט ער גיין צו פוס אין שטאָט און צוריק. אין שטאָט האָט ער דערליידיקט זיינע ענינים אין די אמטן, באנקן און ער האָט קיין איין מאָל נישט אדורכגעלאָזט דאָס געשעפט פון בוקי אָדער פון לייזער משה כהן, כדי צו כאפּן סתם א שמועס אָדער הערן ציוניסטישע נייעס. ר׳ משה קראקאָווסקי איז, צום ווינציקסטן, צוויי מאָל אין טאָג אריבער די ״רויטע״ בריק, און ווען ער פלעגט באגעגענען אין פארק דעם רב אין דער געזעלשאפט פון מיין פאָטער, האָט ער זיך פארהאלטן און דאן איז אוועק דער שמועס, ווי עס באדארף צו זיין.

משה קראקאָווסקי איז געווען אן אינטערעסאנטער מענטש, א פילפארביקער. ער האָט געקענט שפראכן פערפעקט און געווען בקי אין יודאיסטישע וויסנשאפטן; א פארברענטער ציוניסט — באטייליקט זיך אין איין אָדער צוויי ציוניסטישע קאָנגרעסן. זיינע רייד זענען געווען דורכגעפלאָכטן מיט וויצן און מיט ציטאטעס. ער איז אויך געווען א ראטגעבער אין יורידישע ענינים, פריער אומזיסט, און שפעטער, ווען זיינע געשעפטן זענען שוואכער געוואָרן, פאר באצאָלט; א זעלטענער בורר אין האנדלס־ענינים. און איבער אלץ — א מענטש וואָס איז אויסגעקאָכט אין דער געזעלשאפט, ליב געהאט קהל און געווען גערן זיך צו לאָזן הערן און צו לערנען יענעם — א טיפּישע געשטאלט פון א משכיל אין יענער תקופה.

נאָכן שמועס פלעגט ער איילן אהיים. ער איז ווידער אריבער די ״רויטע״ בריק, געשפרייזט פאמעלעך, דער רוקן א ביסל געבויגן, די הענט פארפלאָכטן הינטערן רוקן. ער שטייגט ארויף אויפן בערגל, ווו עס געפינט זיך די מיטלאלטערלעכע פעסטונג — די קרייז־טורמע. געקומען אויפן בערגל, ווענדעט ער זיך אויף רעכטס און ווערט נעלם.

★

דער שפאציר איז געענדיקט.

א שפאציר אין חלום וועגן א ווירקלעכקייט, וואָס איז געווען און עקזיסטירט נישט מער. אין די נשמה־באהעלטענישן זענען פארבליבן פארבאָרגענע זכרונות וועגן דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט, וואָס איז נאָענט צום הארץ. די באגעגנטע געשטאלטן — זאָלן זייערע נשמות זיין אין גן־עדן — זענען געווען און אוועק פון דער וועלט. די שטאָט איז געבליבן און עקזיסטירט מיט איר שיינקייט און חן, מיט אלע אירע פרעכטיקע ווינקעלעך, אָבער די יידן זענען נישטאָ. זייער געבוירנלאנד האָט זיי פארראטן און פארגעסן.

מיר געדענקען און מיר דערמאָנען זיי.

סטעפאן פרענקעל

די יידן - פיאָנערן פון אינדוסטרי און האנדל אין קאַליש

אויב מען וויל באטראכטן די אנטוויקלונג פונעם ווירטשאפטלעכן לעבן אין קאַליש, דאַרף מען גרייכן צום אָנהויב פון דער אינדוסטריאַליזאציע אין דער צייט פון דער רוסישער אָקופּאציע. אין אָנהייב פונעם 19 טן יאָרהונדערט האָט דער מיניסטער לובעצקי געפּרוּווט אנטוויקלען די ווירטשאפט פון קעניגרייך פון פּוילן און ער האָט געשטיצט דאָס אנטשטיין פון אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען.

צו דעם דאָזיקן צוועק האָט מען געגעבן פּריווילעגיעס פאַר פרעמדע אינדוסטריעלער און בעל־מלאכהס, וואָס האָבן זיך געוואָלט באזעצן אין פּוילישן קעניגרייך: באפרייט זיי פון שטייערן אויף א ריי יאָרן און זייערע קינדער — פון מיליטער־דינסט. צום דערפאָלג פון די דאָזיקע שריט האָט אויך צוגעהאָלפן דער אינדוסטריעלער קריזיס אין פראנקרייך און די שווערע צייטן פאַר פּוילן. נאָך דער נאפּאָלעאָנישער מלחמה, א קריזיס, וואָס איז געווען א רעזולטאט פונעם צאָל־קריג און פון דער קאָנקורענץ מצד דער ענגלישער אינדוסטרי. קיין פּוילן זענען אָנגעקומען צענדליקער טויזנטער מענטשן פון אויסלאַנד, בעיקר דייטשן, און אויך טשעכן, וואָס האָבן זיך באזעצט אין דער געגנט פון לאָדזש. פון אָנהייב האָט מען די איינגעוואנדערטע דערלויבט אויסצוקלייבן זיך א וווינאָרט, און זיי האָבן זיך באזעצט בעיקר אויף מלוכהשן באָדן. אזוי ארום זענען געשאפן געוואָרן אינדוסטריעלע פּאָלווארקן אין טאָמאשאָוו, אָזאָרקאָוו, קאָנסטאַנטינאָוו.

מען האָט אויך מאָביליזירט פאבריקס־ארבעטער אין דייטשלאנד, פראנקרייך, בעלגיע און ענגלאנד. צווישן זיי האָבן זיך געפונען דער באוווּסטער טעכניקער פיליפּ זשיראַרד און פראזשעט.

די צאָל־פּאָליטיק פון יאָר 1821 האָט געשטיצט די אינדוסטרי קעגן פרייסישער קאָנקורענץ, און די צאָל־פארשטענדיקונג מיט רוסלאנד האָט געעפנט ברייטע מעגלעכקייטן פאַרן עקספּאָרט קיין רוסלאנד און קיין כינע. אויך די דאמף־מאשין האָט בייגעשטייערט צו דער אנטוויקלונג, און שוין אין די צוואנציקער יאָרן פונעם פאַרגאנגענעם יאָרהונדערט האָט זי זיך געלאָזט פילן נישט בלויז אין דער שווער־אינדוסטרי, נאָר אויך אין די מילן און אין טעקסטיל.

נאָכן נאָוועמבער־אויפשטאנד, ד״ה נאָך 1832, האָט רוסלאנד מבטל געמאכט דעם צאָל־אָפּמאַך, און די פארקלענערונג פונעם עקספּאָרט האָט גורם געווען א פארקלענערונג פון דער פּראָדוקציע. א סך וועבער זענען אוועק קיין רוסלאנד. די פאבריקאנטן זענען אוועק בעיקר קיין ביאַליסטאָק און דאָרט האָבן זיי פאַרגעזעצט זייער פּראָדוקציע. דער מצב האָט געדויערט קרוב צוואנציק יאָר, ווייל דאָס האָט אנטשפּראָכן די רוסישע אינטערעסן. אין יאָר 1806 האָבן די רוסן מבטל געמאכט די צאָל־באגרענעצונגען, כדי צו העלפן דאָס פאראייניקן פּוילן מיט רוסלאנד. עס זענען ווידער געשאפן געוואָרן גינסטיקע באדינגונגען פאַר דער אינדוסטרי.

אָט די גינסטיקע באדינגונגען האָבן גורם געווען די אנטשטייונג פון דער אינדוסטרי אין קאַליש. עס זענען אָבער אדורך 30 יאָר ביז עס האָבן זיך געפונען די געהעריקע מענטשן מיט איניציאַטיוו. קאַליש איז נישט געווען צוגעפּאַסט צו שווער־אינדוסטרי צוליב דער ווייטקייט פון וועלכן עס איז מקור פון רויטשטאָפן. אויסער דעם איז דער ריוח אין דער לייכטער אינדוסטרי געווען א העכערער, די אינוועסטיציע — א קלענערע, און דער אומזאץ — א שנעלערער.

א סיבה פאַר דער שטערונג פון דער אינדוסטרי־אנטוויקלונג אין קאַליש איז געווען דער מאנגל אין פאכלייט. בלויז צוויי אַזעלכע ספּעציאַליסטן זענען געקומען קיין קאַליש: רעפּהאַן, וועלכער האָט געשאפן די וועבעריי־אינדוסטרי אין קאַליש, און מילער, וועלכער האָט פארלייגט אזא אינדוסטרי אין דעם נאָענטן טורעק. די צוויי אונטערנעמונגען זענען געווען מאנופאקטור־פאבריקן פון דער תקופה פאַר דער אינדוסטריעלער רעוואָלוציע. רעפּהאַנס פאבריק האָט זיך שנעל ליקווידירט, דאקעגן מילערס אין טורעק האָט עקזיסטירט א סך יאָרן.

די האַפטן און שפּיצן־אינדוסטרי, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר קאַליש פון פאַר דער מלחמה, איז אנטשטאנען אין די אכציקער יאָרן פונעם פאַרגאנגענעם יאָרהונדערט. צוויי באדינגונגען האָבן באשטימט איר אנטוויקלונג: די שפע פון וואסער, וואָס טויג צום ווייס־מאכן די געוועבן, דערמעגלעכט צו באקומען א בלאַנקענדיקע ווייסקייט פון די אויסארבעטונגען,

און די נאָענטקייט פון דער פרייסיש־רוסישער גרענעץ. אָט די נאָענטקייט האָט פאַרלייכטערט דעם קאָנטאַקט מיטן מערב — איינצוקויפן דעם רוישטאָף פאַר דער האַפט־פּראָדוקציע (קאַמבריק) אין ענגלאַנד, איינצוקויפן פעדעם אין ענגלאַנד און אין דער שווייץ און איינצופירן וואַש־און אַפּרעטור־מאַטעריאַלן פון דייטשלאַנד.

אין דער מאָדע איז דאַן געווען צו באַפּוצן בעטגעוואַנד און פרויען־וועש מיט האַפטן, וואָס זענען געווען פאַרשפּרייט אין דער שווייץ און אין זאַקסן. דער נאָכפרעג איז געווען א גרויסער און דער מעכטיקער רוסישער מאַרק איז געווען פאַרשטעלט דורך א צאָל־שויץ. אין יאָר 1886 איז אין קאַליש געשאַפן געוואָרן די ערשטע האַפטן־פאַבריק פון פעליקס (פישל) פרענקעל — אַן אָרטיקער ייד, וואָס האָט געמאַכט א פאַרמעגן אין פראַנקרייך. די מאַשינען האָט ער געקויפט אין זאַקסן, און פון דאָרט האָט ער אויך געבראַכט שטיקער־אַרבעטער. די מאַשינען האָבן געאַרבעט לויטן פּרינציפּ פון פּאַנטאָגראַף. דער שטיקער האָט באַוועגט דעם אינסטרומענט איבער דער צייכענונג, און די מאַשין האָט אויסגעפירט די באַוועגונג, וואָס דער אינסטרומענט האָט איר דיקטירט.

דאָס אַלץ איז געוואָרן אויסגעפירט אָן מעכאַנישער קראַפט. די שטיקעריי האָט זיך מיט גאָרנישט אונטערשיידט פון האַנטאַרבעט, אָבער די אַרבעטס־אינוועסטיציע איז געווען זייער א קליינע, וואָרעם מיט איין מאָל זענען געוואָרן געהאַפטן 4.5 מעטער פון געוועב. דעם שטיקער האָבן געהאָלפן עטלעכע מענטשן, וואָס האָבן איינגעפעדעמט און אַריינגעשטעלט די נאָדלען אין דער רעם (פעדלער). נאָכן פאַרענדיקן די שטיקעריי האָט מען דעם שטאָף אַוועקגעגעבן צום ווייסן. דאָרט האָט מען געוואַשן און געווייסט מיט פּרימיטיווע כלים. נאָכן אויסטריקענען האָט מען אַראָפּגענומען פונעם פאַס די פאַרשידענע שטיקערייען, זיי געפּרעסט און געפּאַקט צום אַוועקשיקן. די אַלע אַרבעטן זענען, פאַרשטייט זיך, געוואָרן אויסגעפירט מיט דער האַנט.

אין דער זעלבער צייט האָט מייזנער פאַרלייגט א פאַבריק, און אין עטלעכע יאָר אַרום — אויך דאַנציגער. עס זענען אַריבער בלויז געציילטע יאָרן און די מעכאַניזאַציע איז אַריינגע־דרונגען אין אָט דער אינדוסטריע. צום אָנהייב זענען געוואָרן מעכאַניזירט די וואַש־מאַשינען. אין פרענקלס פאַבריק האָט מען אַריינגעשטעלט א דאַמף־קעסל, וואָס האָט באַוועגט די פּרימיטיווע וואַש־מאַשינען. א ביסל שפּעטער האָט מען אינסטאַלירט א גענעראַטאָר, וואָס איז געטריבן געוואָרן דורכן זעלבן דאַמף, און די פאַבריק איז געוואָרן באַלויכטן מיט עלעקטריש ליכט, אַנשטאָט מיט נאַפטלאָמפּן. אויך דאָס וווינונגס־הויז איז געוואָרן באַלויכטן, און דאָס גלייכן — דער הויף און די גאַס. אין אָנהייב פון די ניינציקער יאָרן האָט זיך אָנגעצונדן דאָס עלעקטרישע ליכט אויף דער יוזעפינא־אַלעע (דאָרט האָט זיך געפונען א פאַבריק) און אַרויסגערופן א גרויסע סענסאַציע. די מעכאַניזאַציע האָט זיך נישט אַנטוויקלט ווייטער אין פרענקעלס פאַבריק און מען האָט דאָרט ווייטער געשטיקט מיט דער האַנט. נאָכן טויט פון פעליקס פרענקעל אין יאָר 1909, האָט זיין זון רפאל געפּלאַנט צו ברענגען נייע מאַשינען, ער האָט אָבער נישט באַוויזן דאָס צו פאַרווירקלעכן ביז 1914 (אויסער דער מעכאַנישער וויקלעריי).

פרענקעל און מייזנער זענען געווען גרויסע אינדוסטריעלער און זיי האָבן באַשעפטיקט הונדערטער אַרבעטער. די פאַבריקן האָבן געדינט ווי א פאַכשול. די מענטשן האָבן געלערנט בעת דער אַרבעט ביי די דייטשע ספּעציאַליסטן, וואָס מ׳האָט פריער געבראַכט. אָבער די נייע אַרבעטער האָבן שוין געשטאַמט פון די אָרטיקע פּאָליאַקן און יידן.

דער לוין פון די שטיקערס איז פאַרהעלטנישמעסיק געווען א פיינער. מיט דער צייט האָבן די מענטשן מיט איניציאַטיוו פון צווישן זיי געשטרעבט צו ווערן זעלבשטענדיק. די רייכע אינדוסטריעלער האָבן זיי דערין געהאָלפן. באַזונדערס האָט רפאל פרענקעל געהאָלפן א סך פון זיינע אַרבעטער צו עפענען זיך אייגענע וואַרשטאַטן, וועלכע זענען שפּעטער אויסגעוואַקסן. זיין הילף איז געקומען צום אויסדרוק ביים פאַרקויפן זיי פּלעצער אויף באַקוועמע באַדינגונגען און געבן קרעדיט און גאַראַנטיעס צו קויפן מאַשינען.

צווישן די אַרבעטער, וואָס זענען געוואָרן זעלבשטענדיק, איז די מערהייט געווען יידן. פון צווישן זיי זענען אַנטשטאַנען אָנגעזעענע פאַבריקאַנטן, ווי הערש שייניק, מענדל טראַובע, בערלאַך, פלאַקאָוויטש א״א. דאָס אַלץ איז געשען אין אָנהייב פון דעם יאָרהונדערט, פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה.

די מאַשינען, װאָס מ'האָט געבראַכט אין אָנהױב פון יאָרהונדערט, זײנען געװען מאָטאָריזירטע און אױסער די נאָדלען איז אין זײ טעטיק געװען אַ מין װעבשיפּל. זײ האָבן געװעבט אַ שטיק פון 9 מעטער. די פּראָדוקציע־קאָסטן זײנען געפאַלן. מען האָט אױך אָנגעהױבן צו באַנוצן זיך מיט אַ ביליקערן װעב, מעטקאַל. די אַרבעטער האָבן געאַרבעט אױף אַקאָרד. אַזױ אַרום איז געלונגען ביליקער צו מאַכן די פּראָדוקציע און אױסצוברײטערן דעם מאַרק. נאַטירלעך זײנען די האַנט־אױסאַרבעטונגען געװען טײערער און מער געפּאָדערט. פאַר דער ערשטער װעלט־מלחמה זײנען געװען טעטיק, אַחוץ די אױבנדערמאָנטע, די פאַבריקן פון הערש שײנפעלד, מאַמלאָק, שלמה טעמקין און אַ רײ קלענערע.

אױסער דעם זײנען געװאָרן געלאָזן אין גאַנג אױטאָמאַטן, װאָס האָבן געשטיקט אױף אַ ברײט פון 13.5 מעטער. אַזעלכע אױטאָמאַטן זײנען, צװישן אַנדערע, געװאָרן אַרײַנגעפירט דורך מײזנערן. די קװאַליטעט איז געפאַלן, און צוזאַמען מיט איר — אױך די פּרײזן. דער רוסישער מאַרק האָט גוט אױפגענומען דעם נײעם מין, און פאַר דער ערשטער װעלט־מלחמה האָט קאַליש רעפּרעזענטירט די האַפטן־אינדוסטרי.

די מלחמה פון 1914 האָט איבערגעריסן די אַנטװיקלונג פון דער קאַלישער אינדוסטרי. נישט די שריפה פון דער שטאָט האָט זי אָפּגעשטעלט. על פּי צופאַל זײנען די שטיקערײ־פאַבריקן נישט באַשעדיקט געװאָרן. די עיקר סיבה פאַרן אָפּשטעלן זיך פון די פאַבריקן איז געװען דאָס פאַרלירן דעם רוסישן מאַרק, נישט בלױז צוליבן שליסן די גרענעץ, נאָר אױך צוליב די ענדערונגען אין די רוסישע באַדערפענישן נאָך דער אָקטאָבער־רעװאָלוציע און דער אַלגעמײנער אַנטװיקלונגס־ליניע פון דער רוסישער װירטשאַפט. די באַפעלקערונג איז געװאָרן באַזאָרגט בלױז מיט לעבנס־װיכטיקע פּראָדוקטן. האַפטן און שפּיצן האָבן נישט געהערט צו זײ.

דער פּױלישער מאַרק איז נישט געװען מסוגל אױפצונעמען די גאַנצע קאַלישער פּראָדוקציע. דערװײל האָט זיך אױך געענדיקט די מאָדע פון האַפטן און שפּיצן. די פאַבריקאַנטן האָבן זיך אָנגעהױבן צופּאַסן צום מאַרק און פּראָדוצירט נײע מינים: גיפּיור, װאַלאַנסיין און „קלאָװעצ־קיס". אַ סך מאַשינען האָט מען פאַרקױפט אױף שמעלץ. מען האָט אָנגעהױבן צו פּראָדוצירן טיול (פלאַקאָװיטשס גרױסע פאַבריק), שפּיצן־סחורה פאַר פאַרהאַנגען אַדג"ל. דער אַפּזאַץ־מאַרק איז געװען אַ שװערער, אָבער ביסלעכװײז האָט די שפּיצן־אינדוסטרי װידער גענומען זיך אַנטװיקלען.

אין יאָר 1928, ד"ה אין דער תקופה ערב דעם גרױסן עקאָנאָמישן קריזיס אין פּױלן, זײנען אין קאַליש געװען טעטיק קרוב פון 50 גרױסע און קלײנע פאַבריקן פון האַפטן און שפּיצן. אױסער די אױבנדערמאָנטע, קאָן מען אױסרעכענען די פאַבריקאַנטן: יצחק אַדער, ישעיה אַפּט, מ. אַראָנאָװיטש, מ. באַום, ס. באַנקיער, ב. באַומגאָלד, בראַבאַנציאַ, י. בערגער, מ. בינשטאָק, לײזער בראַון, ג. בראַש, שלמה בולקאַ, ז. בוזשין, װ. קאַרלאָפּסקי, הערמאַן טשוסנאָװסקי, ה. דזיאַלאָװסקי, מ. אײזענשטאַב, מ. פײנקינד, אַברהם פלאַקאָװיטש, פישל גאָלדהאַמער, י. גרינבערג, הערמאַן גורני, גריזדאַ, יחיאל העבער, מ. הײמאַן, הײמאַן און שװײצער, קאַפּלאַן, קאַהן, קאַט און מאַלאַרעק, קראַסוצקי, לאַנדאַו, לאַרעק, הערש פישל לובלינער, מאַדאָװיטש, מײעראַנץ, אַ. זײפע, צ. מאָיסעװיטש, ברײדער נאַגורסקי, נ. נירענבױם, פּ. אָקאָנאָװסקי, ח. פּערלע, פּראַשקער און פישער, ראָזענבאַום, ראָזענפעלד, זאַקס און האַלץ, סאַלאָמאָנאָװיטש, סאַלאָמאָנאָװיטש און ריכלין, זײדמאַן, זילבערבערג, שערעשאָדזקי, זילבערשטײן, אַברהם טאָסק, װאַרטסקי און קראַטאָװיטש, װײנרעב, זשאָלד א"אַ.

עס זײנען געװען אױך פאַבריקן פון נישט־יידן, צװישן זײ פון די געװעזענע אַרבעטער סאַװיצקי, ספּירידאָװיטש, סאָלאָניעװיטש און העמפּעל.

אין דער דאָזיקער עיקרדיקער בראַנזשע זײנען יידן געװען טעטיק אױך אױף אַנדערע אינדוסטרי־געביטן, װי צום בײשפּיל אַ זאָקן־פאַבריק פון מאַרקוס האָלץ, װאָס איז געגרינדעט געװאָרן אין 19טן יאָרהונדערט און זיך גוט אַנטװיקלט. ביסלעכװײז זײנען די מאַשינען אױס־געביטן געװאָרן אױף מאָדערנע. אױך אַ. ראָזענבאַום האָט אין די 30ער יאָרן געקױפט נײע מאַשינען.

אױך אין דער שפּײז־פּראָדוקציע זײנען געװען טעטיק יידן. אין יאָר 1928 זײנען געװען אין

קאליש מער ווי צען מילן, געטריבענע פון דאמף און פון מאָטאָרן, און די מערהייט פון זיי האָט זיך געפונען אין יידישע הענט. למשל, די גרויסע מיל פון רייך און כמיעלניצקי, ראָזען, קאָוואלסקי, האמבורגער און ליבערמאַן, סיטנער, פישלער און גאָטפריד, אלטער, זנאמיראָווסקי, שענפעלד. אין שטאָט האָט געארבעט א ספירט־ברויז פון מאוריצי פרוינד און זין. און אויך א פאבריק פון קליי פון די ברידער גאָלד און אן עסיק־פאבריק פון אייזיק זייפע.

פארשטייט זיך, אז די זיך אנטוויקלנדיקע אינדוסטרי האָט זיך געניטיקט אין די באדינונגען פון מסחר און טראנספּאָרט. זייער פיל מענטשן, צווישן זיי יידן, האָבן זיך באשעפטיקט מיט באזאָרגן רוישטאָפן פאר די פאבריקן. אויף דער געביט איז אויך געווען טעטיק א גרויסער שטאב פון אגענטן און וואָיאזשאָרן. עס זענען אנטשטאנען טראנספּאָרט־געזעלשאפטן. די באקאנטסטע און דינאמישסטע צווישן זיי איז געווען פון סיטנער און פשעדבאָרסקי. די פאמיליע פייגנבלאט האָט אָנגעפירט מיט א צווישנשטאָטישער אויטאָבוסן־ליניע. סוחרים האָבן רעפּרע־זענטירט אויסלענדישע פירמעס אויף צושטעלן ביינוול און קינסטלעכן זייד. עס זענען אנטש־טאנען פאבריקן פון פאפיר און פאק־מאטעריאלן פון בעאטוס, טראובע און אנדערע. געווען אויך דרוקערייען ווי פון בעאטוס, שיראדזקי, כץ, שטשעטשינסקי און שווארצמאַן.

פון צווישן די הורטאָוניקעס דארף מען דערמאָנען: פון שפייז — דוד פערלע, די ברידער בעאטוס; פון אייזן — בער מאיער און לייזער אָפענהיים. געווען א סמאָלעפאפיר־פאבריק צו דעקן דעכער פון שלמה טעמקין. אויך די שפּילצייג־פאבריקאציע האָט זיך גוט אנטוויקלט ביי די יורשים פון אדאם שרייער אין קאליש און ביי פינטשעווסקיס יורשים אין אָפּאטוועק.

אויפן קרעדיט־געביט זענען יידן געווען זייער טעטיק. פאר דער מלחמה האָבן עקזיסטירט די מלוכהשע באנק, די האנדלס־באנק און די האנדלס־באנק פון ריגע. די צוויי יידישע באנק־הייזער אין קאליש האָבן געהערט צו לאנדאו און צו מאמראָט, זיי האָבן אָבער נישט געקאָנט אויסהאלטן די קאָנקורענץ פון די גרויסע בענק און זיך ליקווידירט פאר 1914. דערקעגן זיי האָבן פוילישע קרייזן געשאפן א באנק א. נ. „קאלישער געזעלשאפט פאר קעגנזייטיקן קרעדיט", וואָס איז שפעטער פארוואנדלט געוואָרן אין דער קאלישער געגנטלעכער באנק און האָט עקזיסטירט א סך יאָרן.

די יידישע סוחרים האָבן געפילט א מאנגל אין אן אייגענער קרעדיט־געזעלשאפט און זיי האָבן אין אָנהייב פון דעם יאָרהונדערט געשאפן א געזעלשאפטלעכע באנק אונטערן נאָמען „צווייטע קאלישער געזעלשאפט פאר קעגנזייטיקן קרעדיט". דער גרינדער און דער לעבעדיקער גייסט פון דער אינסטיטוציע איז געווען רפאל פרענקעל. די דאָזיקע באנק האָט א סך געטאָן פאר די קאלישער סוחרים. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט די באנק נישט באנייט איר טעטיקייט. איינע פון די סיבות פאר דער ליקווידאציע פון דער באנק איז געווען דער טויט פון רפאל פרענקעל.

אין די צוואנציקער יאָרן זענען אנטשטאנען צוויי יידישע קאָאָפּעראטיווע בענק, וועלכע זענען געווען אונטער דער אויפזיכט פון יידישן קאָנטראָל־פארבאנד אין פוילן. דאָס זענען געווען: די קאָאָפּעראטיווע באנק (ספּולדזשעלטשי), וואָס איז געוואָרן געשאַפן דורכן האנטווערקער־פארבאנד (יאָרן־לאנג איז איר פאָרזיצער געווען דער מיטגליד פונעם שטאָטראט לעאָן דאנציגער), און די סוחרים־באנק (קופּיעצקי), געשאפן דורכן יידישן סוחרים־פארבאנד (א סך יאָרן איז בראש פון איר געשטאנען מייזנער). אָט די צוויי אינסטיטוציעס האָבן באזאָרגט יידישע סוחרים און האנטווערקער מיט באדייטנדיקן קרעדיט.

מען דארף אונטערשטרייכן די וויכטיקע טעטיקייט פון די אויבנדערמאָנטע פארבאנדן און אויך פונעם פארבאנד פון די האפט־און שפּיצן־אינדוסטריעלער. זיי אלע האָבן געזאָרגט פאר די אינטערעסן פון זייערע מיטגלידער. מען דארף אויך דערמאָנען ל. האלטער, דעם יורידישן ראטגעבער פון אלע יידישע סוחרים און פאבריקאנטן.

די ווירטשאפטלעכע טעטיקייט פון די יידן אין קאליש האָט זיך גוט אנטוויקלט. דער עקאָנאָמישער קריזיס, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין 1929 און געדויערט עטלעכע יאָר, האָט געהאמעוועט די דאָזיקע אנטוויקלונג. עס האָט זיך אָנגעהויבן צאָלונגס־פּראָלאָנגאַציעס, באנ־קראָטן, געריכטלעכע אויפזיכטן איבער אונטערנעמונגען אא"וו. אויך די בענק האָבן איבער־געריסן זייער טעטיקייט און גורם געווען שאָדנס די יידישע דעפּאָנירער.

ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן אַן אויפלעבונג אין די יידישע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען אין קאַליש. אָבער די אויפלעבונג איז געווען אַ קורצע און איבערגעריסן געוואָרן דורך דער מלחמה. די דייטשן האָבן ארויסגעפירט קיין דייטשלאַנד די מערהייט מאשינען פון די יידישע פאבריקן.

נאָך דער באפרייונג פון פוילן זענען די גרויסע פאבריקן איבערגעגאנגען אין רשות פון דער רעגירונג.

א. שטיקער

די האפטן־אינדוסטריע

די קאַלישער האפטן־אינדוסטריע איז געווען בארימט אין דער גאנצער וועלט, באַזונדערס פּאָפּולער איז זי געווען אין דער אַמאָליקער רוסישער אימפּעריע, אין פּוילן, אין צענטראַל־רוסלאַנד, ווייסרוסלאַנד, אוקראַינע, סיביר, גרוזיע, מיטלאַזיע, ווייטן מזרח, וולאַדיוואָסטאָק, אין אַלע גרעסערע און קלענערע שטעט האָבן די קאַלישער האפטן־אויסאַרבעטונגען דערגרייכט, און דאָס אין משך פון זייער אַ קורצער צייט. אַ ריי שטעט אין רוסלאַנד, ווי לאָדזש, וואַרשע, ווילעיקע, מאָסקווע, האָבן געמאַכט פּרוּוון איינצופירן די האפט־אינדוסטרי, אָבער ס'איז זיי נישט געלונגען. קאַליש, ווייזט אויס, איז געווען דאָס געבענטשטע אָרט פאַר דער האַפטן־אינדוסטריע.

ווי אַזוי איז די האפטן־אינדוסטרי אַנטשטאַנען?

קאַליש איז געלעגן ביי דער רוסיש־פּרייסישער גרענעץ. יעדער איינוווינער, וועלכער האָט געווינט דריי חדשים אין קאַליש, האָט געקענט אַרויסבאַקומען אַ דערלויבעניש אַריבערצופאָרן אויף יענער זייט גרענעץ — סקאַלמיעזשיצע, אָסטראָוו־וויעלקאָפּאָלסקי, פּויזן, און פאָרן טיפער אין דייטשלאַנד. מען האָט אויך אָנגעהאַלטן משפּחה־פאַרבינדונגען, און די, וועלכע זענען געפאָרן קיין דייטשלאַנד, האָבן פון דאָרט מיטגעבראַכט פאַרשידענע אויסאַרבעטונגען און סחורות. אַזוי אַרום איז אַנטשטאַנען דער שמוגל פון פאַרשידענע דייטשע אויסאַרבעטונגען און סחורות.

די האפטן־אויסאַרבעטונגען זענען אויך געוואָרן אַריינגעשמוגלט פון דייטשלאַנד. די הויפּט־סוחרטע איז געווען איטע ווינטער. זי האָט מורא געהאַט, אַז די געשמוגלטע האפטן וועלן זיך באַווייזן אויפן מאַרק, וועט עס ציען די אויפמערקזאַמקייט פון צאָלאַמט און זי וועט דערפאַר באַשטראָפט ווערן. איז זי געפאַלן אויף אַ המצאה: זי האָט געלאָזט ברענגען צוויי האַנט־מאַשינען פון דייטשלאַנד און דערמיט לעגאַליזירט דעם האפט ווי אירע אויסאַרבעטונגען. דעם דאָזיקן ביישפּיל האָבן נאָכגעטאָן אַנדערע קאַלישער סוחרים, אָבער נישט מיט אָוועקשטעלן די מאַשינען אויף פּאַראַד, נאָר צו פּראָדוצירן. דאָס זענען געווען די זייער ענערגישע פרוי אייזנבערג, דרעז, די רייכע ברידער פרענקל, יוסף דוד מייזנער, נחום פערלע, אייזיק פאַלאַטש, מיכאַל קרויזע. זיי האָבן צוגלייך מיט די מאַשינען געבראַנגט דייטשע שטיקער־אַרבעטער, וועלכע האָבן אויסגעלערנט יידישע שטיקער אַרבעטן און אומגיין מיט די מאַשינען. די ערשטע שטיקער זענען געווען: יובן, קאַפּלאַן, די זשרעבאַקעס, יקותיאל פרענקעל, מאַנטאַג, כאַסקל טענצער, משה דוד טשענקעלעי, הערש שייניאַק, יונה וואָלקאָוויטש, מענדל בעריש טרויבע, יוסף משה געלב. שמואל נייגאַרט איז ספּעציעל געפאָרן קיין פּלאַון שטודירן די מאַשינען און זיך לערנען פאַרשידענע שטיקער־אויסאַרבעטונגען.

די מאַשינען זענען געווען פון צוויי סאָרטן: צווייפּאַכיקע און דרייפּאַכיקע. צווייפּאַכיקע מאַשינען זענען געווען אויסצואַרבעטן איידעלע אויסאַרבעטונגען, די דרייפּאַכיקע — פּראָסטערע. די מאַשינען זענען געווען פון אייזן־גוס, האָבן געהאַלטן 4 מעטער די לענג און דריי מעטער די ברייט. זיי זענען געווען אַדורכגעטיילט מיט צוויי וואַגנס, וועלכע זענען זיך צוזאַמענגעקומען און איבערגענומען די גאָר קליינע נאָדלען, וווּ עס זענען געווען איינגעפעדעמט די לאַנגע דרימען זייד אָדער ביינוול. פאָרנט פון דער מאַשין איז געווען אַ מוסטער־ברעט און

דער שטיקער האָט מיט דער הילף פון פאנטאגראף און לויט דעם אָנגעצייכנטן מוסטער געפירט די מאשין.

די מאשינען האָבן אויך געהאט ספעציעלע בויערס, וועלכע האָבן ווען ס'איז נויטיק געווען, אויסגעבויערט לעכעלעך, וואָס זענען דערנאָך אויסגעניייט געוואָרן. די מאשין איז באדינט געוואָרן פון דריי־פיר מענטשן: א שטיקער, א געהילף־שטיקער, צוויי פעדלערס. די מאשין האָט צו יענער צייט געקאָסט די גרויסע סומע פון 1.900 רובל. צו באדינען די מאשינען זענען געווען ספעציעלע מאָנטערן. ס'איז אויך נויטיק געווען אן אויסבעסערקע, וועלכע פאררעכט דאָס, וואָס די מאשין האָט פארפעלט.

פאָלגנדיקע רווישטאָפן זענען געוואָרן פארנוצט אויף אויסצוארבעטן די האפטן: פאָדעם, זייד, ביינוול, סחורה פאר די שפאן, נאָלען, וואקס כדי די ביינוול אָדער די זייד־פעדעם זאָלן זיך נישט דריבלען, און דערצו גרויסע ראמען. איין מאשין האָט געדאפט א גענוג גרויסן צימער, דאָס אלץ האָט געפאָדערט גרויסע סומעס. די סוחרים האָבן, ווייזט אויס, הערפילט, אז דאָס איז א גוט געשעפט און גענומען זיך מיט ברען צו בויען הייזער, קויפן מאשינען און צו פראָדוצירן די רווישטאָפן פאר דער שפיצן־אינדוסטרי. ווי קאָמפליצירט עס איז נישט געווען דאָס פראָדוצירן די האפט־אויסארבעטונגען, האָט זי אלץ געקאָסט ביליקער ווי די אריינגעשמוגלטע סחורות פון דייטשלאנד.

די שטאָט איז ראשיק געוואקסן. אין א קורצער צייט זענען צענדליקער דריישטאָקיקע הייזער מיט הונדערטער פאבריקס־קוימען אויף אלע גאסן אויפגעשטעלט געוואָרן. די גאסן שאָפענא, נאָווא, זלאָטא, וואָדנא, מאיקאָווסקא, באבינא א"א זענען פארוואנדלט געוואָרן אין פאבריקס־געגנטן. אויך אין די אלטע האָבן די פרענקלס אויפגעשטעלט גרויסע פאבריקן. פון די ארומיקע שטעט און שטעטלעך האָבן די איינוווינער זיך אריבערגעקליבן קיין קאליש. אלץ האָט זיך געוואָרפן צו שפיצן־ארבעט. אין משך פון זייער א קורצער צייט איז די ארבעט געוואָרן אזוי פארפולקאָמט, אז די האפטן־אויסארבעטונגען פון דייטשלאנד איז פאר דעם רוסישן מארק געוואָרן פולשטענדיק באזייטיקט. מיט דער אנטוויקלונג פון דער אינדוסטרי זענען א טייל שטיקערס געוואָרן באלופניקעס. פון שטיקערס זענען געוואָרן גרויסע פאבריקאנטן: שמואל נייגארט, מענדל בעריש טרויבע, מאמעלאָק, הערש שייניק, יוסף משה געלב א"א. זיי פירן זיך מאָדערן, עפענען קאנטאָרן.

צו די פראָלעטאריזירטע עלעמענטן קומט צו א נייער שיכט פון אינטעליגענטע ארבעטער ווי: אָנגעשטעלטע, בוכאלטאָרן, צייכנער. וואָיאזשאָרן פאָרן ארום איבער אלע עקן פון רוסלאנד און ברענגען באשטעלונגען. די פאבריקאנטן שטעלן זיך אין פארבינדונג מיט טויזנטער סוחרים. אין משך פון 30 יאָר ווייסט די האפטן־אינדוסטרי נישט פון קיין קריזיס. פארקערט, זי אנטוויקלט זיך, ברייטערט זיך אויס, ציט אריין אלעמען, יונג און אלט. און ווען אין דייטשלאנד אנשטייען די מעכאנישע מאשינען און ס'דראָט א געפאר, אז עס זאָל ווערן א קאָנקורענץ פאר קאליש, דערשפירן דאָס באלד די קאלישער פאבריקאנטן און זיין פירן איין אויך אין קאליש די קראפט־מאשינען.

דאָס געשעט אין יאָר 1909—1910, ווען דער פאבריקאנט הערמאן גורני שטעלט אויף זיין מעכאנישע פאבריק אויף פיסקאזשעוויע גאס. ס'קומט פאָר ממש א רעוואָלוציע. מיט בליץ־שנעלקייט ווערט די האפטן־אינדוסטריע איבערגעוואָרפן פון האַנט אויף קראפט. די אלטע האַנט־מאשינען האָבן זייערס אָפגעטאָן און מען ווארפט זיי ארויס. און זייער אָרט פארנעמט די שיפל־און לאנגע מאשינען. די ארבעטס־פארטיילונג קומט פאָר אויפן זעלבן אופן ווי ביי דער האַנט. אויף קליינע שיפל־מאשינען ווערט אויסגעארבעט די קלענסטע איידעלע טיול און זייד־אויסארבעטונגען צו בלוזקעס און צו גארניטורן, אויף לאנגע מאשינען, וועלכע האלטן 8 מעטער די לענג, ווערט אויסגעארבעט ביינוול־ארבעט (מאסן־ארבעט). די צאָל ארבעטער בלייבט די זעלבע, וואָס ביי דער האַנט. אויף צו טרייבן די מאשינען ווערן באַנוצט ספעציעלע מאָטאָרן, און דאָס דערפירט הערצו, אז די פאבריקאנטן שטעלן איין אין דער פאבריק א דיסציפלין און א רעגולאמין. יעדער ארבעטער מוז זיך צופאסן צו דעם. די האַנט־ארבעטער ווארפן זיך שנעל איבער אויף קראפט. מען צאָלט אפילו גרויסע סומעס פאר גיך אויסלערנען די ארבעט אויף די קראפט־מאשינען. דאָס איינפירן די קראפט־ארבעט איז נישט גורם קיין ארבעטסלאָזיקייט. פארקערט ס'ציט צו פרישע ארבעטער; די פארדינסטן רייצן. א גוטער שטיקער

פאַרדינט ביז 25 רובל א וואָך און מער, א פעדלער — פון 6 ביז 10 רובל א וואָך און מער. דער אַרבעטס־טאָג איז לויט רעגולאַמין 10 שעה א טאָג. די נייע פאַבריקן זענען שוין געבויט און צוגעפּאַסט צו די מאַשינען. אין טייל פאַבריקן ווערט שוין באַנוצט עלעקטרישע קראַפט.

אין יאָר 14—1913, ערב דעם אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווערט איינגעפירט א נייעס. דאָס זענען די אויטאָמאַטן, וועלכע פאַרקלענערן די צאָל אַרבעטער. ביי דער מאַשין בלייבן נאָר די פעדלער און דער שטיקער פאַלט אָפּ. איין מעכאַניקער (פאַנטשער) איז אימשטאַנד צו באַדינען צענדליקער מאַשינען. די רעזולטאַטן פון דער נייער טעכניק לאָזט זיך נישט פילן, ווייל אין גרעסטן בליונגס־פּעריאָד פון דער האַפטן־אינדוסטרי ברעכט אויס די ערשטע וועלט־מלחמה. די דייטשן פאַרנעמען די שטאָט, מאַכן זי חרוב, פאַרברענען די הייזער און פאַרניכטן א גרויסן טייל פון די פאַבריקן.

דער רוסישער מאַרק, וועלכער איז באַדינט געוואָרן, ווערט אָפּגעריסן. צו די נייע פאַרהעלט־נישן, וועלכע אַנטשטייען אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע, פּאַסט זיך די האַפטן־אינדוסטרי צו. מ׳אַרבעט נאָר אויף באַשטעלונגען. א גרויסער צאָל אַרבעטער בלייבט אַרבעטסלאָז. זיי וואַרפן זיך אויף אַנדערע פאַכן און אויף האַנדל. א טייל פאַבריקאַנטן ליקווידירן די פאַבריקן און מאַכן פון די פאַבריקן וווינונגס־הייזער. און אַזוי ווי קאַליש איז פון די דייטשע באַרבאַרן צעשטערט, וואַרפן זיי זיך איבער אויף בויען הייזער.

אין אומאָפּהענגיקן פּוילן בלייבט די שפּיצן־אינדוסטרי נאָר פאַרן אינערלעכן געברויך. דער רוסישער מאַרק איז פאַרשוווּנדן. במילא פילט זיך שוין נישט דער שוווּנג ווי ביזן יאָר 1914. די האַנט־מאַשינען פאַרשווינדן אינגאַנצן. זיי ווערן פאַרקויפט אויף אייזן און שמעלץ. אויך די שיפל־מאַשינען ווערן שוין נישט באַנוצט ווי פאַרן קריג. ס׳בלייבן נאָר די לאַנגע מאַשינען און א טייל אויטאָמאַטן, די פאַבריקאַנטן און א טייל אַרבעטער וואַרפן זיך איבער אויף אַנדערע אינדוסטרי און האַנטווערקער־פאַכן. ביסלעכווייז טרעט אָפּ די האַפט־אינדוסטרי די מעכאַנישע, וואָס דער פּיאָנער אירער איז דער פאַבריקאַנט סאָלאָמאָנאָוויטש, און פאַר די טיול־אויס־אַרבעטונגען (גאַרדינען), וואָס דער איניציאַטאָר דערפון איז דער פאַבריקאַנט פּלאַקאָוויטש.

איבער 60 יאָר האָבן יידן מיט שכל און ענערגיע געאַרבעט לטובת דער אַנטוויקלונג פון דער שטאָט קאַליש, זי באַרימט געמאַכט אויף דער גאַנצער וועלט. אין אַלע לענדער ווי: דייטשלאַנד, פראַנקרייך, ענגלאַנד און אַמעריקע האָט מען געוווּסט פון קאַליש, אַלץ א דאַנק די האַפטן־אויסאַרבעטונגען. א דאַנק דער אינדוסטריע איז די שטאָט פילפאַכיק פאַרגרעסערט געוואָרן. די יידישע און קריסטלעכע באַפעלקערונג איז כסדר געוואַקסן, ווי עס זאָגט עדות די סטאַטיסטיק: ביי דער אַנטשטייונג פון דער אינדוסטריע זענען געווען קנאַפּע 5 טויזנט יידן, אין 1914 — איבער 15 טויזנט יידן, און אין יאָר 1939 — איבער 26 טויזנט יידן. אויך די קריסטלעכע באַפעלקערונג איז אין אַזא פּראָצענט געוואַקסן. אין יאָר 1939, אין סעפּטעמבער, פאַרנעמען די דייטשן ווידער די שטאָט קאַליש. קנאַפּע 3 יאָר פּייניקן זיי און רויבן, מאָרדן און פאַרניכטן די יידישע באַפעלקערונג.

יצחק קלעטשעווסקי

די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג אין קאַליש

אין די יאָרן פון דער דייטשער אָקופּאַציע אין דער ערשטער וועלט־מלחמה 1918—1914, איז די פּראָפ. באַוועגונג אין קאַליש געוואָרן א פאַקט, וואָס האָט שפּעטער אין דעם אומאָפּהענגיקן פּוילן, 1939—1918, אַרויפגעלייגט א שטעמפּל אויפן לעבן פון קאַלישן פּראָלעטאַריאַט.

די געשיכטע פון די פּראָפ. פאַראיינען־באַוועגונג ציט זיך נאָך פון אָנהויב פון היינטיקן יאָרהונדערט.

דער ראַשיקער וווּקס פון דער שטיקעריי־אינדוסטרי, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן ענדע פון פאָריקן יאָרהונדערט, האָט צוגעצויגן הונדערטער און טויזנטער יידישע און קריסטלעכע אַרבעטער, וואָס האָבן געאַרבעט צוזאַמען אונטער איין דאַך און בשכנות.

די ארבעטס־באַדינגונגען זענען דאַן, אונטער דער צאַרישער הערשאַפט, געווען זייער טרויעריקע. דער ארבעטסטאָג האָט געדויערט 14—16 שעה אין טאָג, אַן וועלכער עס איז פאַרזיכערונג — די צאַרישע מאכט האָט נישט דערלויבט צו גרינדן קיין לעגאלע פראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס (פראָפ. פאַראייגען); יעדער פרווו פון אָרגאַניזירן זיך לעגאַל, איז מצד די מאכטאָרגאַנען ברוטאַל אונטערדריקט געוואָרן.

ערשט מיט דער אַנטשטייונג פון פּאָליטישע פּאַרטייען: פ.פּ.ס. אין יאָר 1895, פ.ס.ד. 1899, בונד 1897 און שפּעטער פועלי ציון 1905, האָט דאָס פּאָליטישע און פּראָפ. לעבן אָנגעהויבן באַקומען פאָרמען, וועלכע האָבן מעגלעך געמאַכט א פּראָפ. אויפלעבונג, צוגעפּאַסט צו די דעמאָלטדיקע פאַרהעלטענישן.

אין די יאָרן 1901—1903 זענען דורך די ניי אַנטשטאַנענע פּאָליטישע פּאַרטייען געגרינדעט געוואָרן ארבעטער־קרייזלעך, וואָס האָבן זיך געשטעלט פאַר א ציל צו ענדערן די שווערע ארבעטס־באַדינגונגען. ס'זענען געשאַפן געוואָרן ארבעטער־בירזשעס, וועלכע האָבן זיך באַשעפטיקט מיט דערליידיקן די אַנטשטאַנענע סכסוכים צווישן די ארבעטער און בעלי בתים. אַזוי לייכט איז עס נישט אָנגעקומען. א דאַנק דער אינטענסיווער ארבעט פון די מער באַוווסטזיניקע ארבעטער, יידישע און פּוילישע: שלמה בריש, שמעון שאַטאַן, יחיאל פּאַקענטרעגער, משה זעלוואָר, יהודה לייב פּערלע, גאָטפריד פיורא, מלך וואָלקאָוויטש, יאַדזשא האַלץ, קאָהן (בעקער), איז אַנטשטאַנען א באַוועגונג, אין וועלכע ס'קענען ארייגעצויגן געוואָרן גרויסע טיילן פון די ארבעטער, וועלכע האָבן געאַרבעט אין די שטיקעריי־פאַבריקן און אין אַנדערע פאַכן.

ס'זענען דאַן געמאַכט געוואָרן פּרוּוון פון אַקציעס אין דער ריכטונג פון איינפירן א צען־שעהדיקן ארבעטס־טאָג. ווען די מאַכט איז דערפון געוווּר געוואָרן, האָט זי דורכגעפירט אַרעסטן און דערשטיקט די ערשטע פּרוּוון. מיטגעהאָלפן צו דעם האָבן די פאַבריקאַנטן און די עלעמענטן, וועלכע זענען געווען תקיפים, דעה־זאָגערס ביי דער מאַכט.

אין די יאָרן 1904—1905, בעת דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה, ווען דאָס פּאָליטישע לעבן אין רוסלאַנד הויבט אָן אויפצוואַכן און ס'מערקן זיך סימנים פון דער אָנקומענדיקער רעוואָלוציע (1905), קומט אויך פאָר ביי די קאַלישער ארבעטער אַן אויפלעבונג. די ספּאָנטאַנע דעמאָנסטראַציעס פון יידישע און פּוילישע ארבעטער, וואָס פאָדערן פּאָליטישע רעכט, ווערן אויסגענוצט אויך אויף אָרגאַניזירן זיך פּראָפעסיאָנעל, און הערצו פירן זיי אַקציעס פון איינפירן א צען־שעהדיקן ארבעטס טאָג און לוין־העכערונגען. די פאַבריקאַנטן שטעלן זיך אַנטקעגן און באַנוצן זיך מיט די מאַכט־אָרגאַנען אויף אָפּצושרעקן די ארבעטער. זיי ווייזן אָן וועמען צו אַרעסטירן. דאָס ברענגט דערצו, אַז די פאַבריקאַנטן אייזיק פּלאַטש און מילגראָם ווערן פאַרוווּנדעט, נאָך א שווערן קאַמף ציען זיך די פאַבריקאַנטן צוריק. ס'ווערט איינגעפירט א צען־שעהדיקער ארבעטס־טאָג און א גרויסע לוין־העכערונג.

די ענדערונגען זענען פאַר יענער צייט זייער וואָגיקע: ווען א האַנט־שטיקער (דאַן זענען געווען בלויז האַנט־שטיקערס) האָט פאַרדינט ביי 14—16 שעהדיקן ארבעטס־טאָג פון 6 ביז 8 רובל א וואָך, א פעדלער און א געהילפס־שטיקער — פון 1.50 ביז 3 רובל א וואָך, זענען נאָך דער רעוואָלוציע ביי א צען שעהדיקן ארבעטס־טאָג געווען די פאַרדינסטן: שטיקערס פון 8 ביז 10 רובל א וואָך און מער, פעדלער און געהילפס־שטיקער פון 3 ביז 6 רובל א וואָך און מער.

די ענדערונגען אין לייכטערע ארבעטס־באַדינגונגען, בעסערע פאַרדינסטן איז אויך מעגלעך א דאַנק דעם, וואָס די שטיקעריי־אינדוסטרי איז דאַן געגאַנגען מיט אַן אומגעהויערן ראַשיקן וווּקס צו זיין אַנטוויקלונג — טאָגטעגלעך זענען צוגעקומען גרויסע פאַבריקן, יעדן טאָג זענען קיין קאַליש אַריינגעקומען צענדליקער מאַשינען. ס'זענען נויטיק געווען פרישע שטיקערס, פעדלערס, אויסבעסערקעס, צייכענערס, אָנגעשטעלטע, וואָיאַזשאָרן.

די קאַלישער שטיקעריי־אויסאַרבעטונגען זענען געגאַנגען איבער דער גאַנצער רוסישער אימפּעריע, וואָס האָט אַרומגענומען טויזנטער שטעט און שטעטלעך אין א שטח פון 12 טויזנט קילאָמעטער, און אפילו אָנגעשפּאַרט ביז כינע, שאַנכיי און אַנדערע שטעט.

דאָס מזל האָט צוגעשפּילט, אַז קאַליש איז געווען די איינציקע שטאָט פון דער שטיקעריי־אינדוסטרי אין אַזא גרויסן מאַסשטאַב. ס'זענען געמאַכט געוואָרן פּרוּוון אויפצושטעלן

שטיקעריי־פאַבריקן אין ווילייקע נעבן ווילנע, מאָסקווע, לאָדזש, וואַרשע און אַנדערע שטעט פון דער רוסישער אימפּעריע, אָבער אין ערגעץ איז עס נישט געלונגען אין אַזאַ מאַסשטאַב, און אַזאַ פאַרנעם ווי אין קאַליש.

די פּיאָנערן פון דער שטיקעריי־אינדוסטריע אין קאַליש זענען געווען יידן. 75—80 פּראָצענט זענען געווען יידישע פאַבריקאַנטן.

נאָך דער רעוואָלוציע אין די יאָרן 1905—1906 זענען פיל אַקטיווע טוער אין הער פּראָפ. טעטיקייט אַרעסטירט און אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין סיביר און אַנדערע שטעט פון רוסלאַנד. אַ גרויסער טייל זענען אַנטלאָפן קיין דייטשלאַנד, ענגלאַנד, פראַנקרייך און אַמעריקע.

דער וווּקס און די אַנטוויקלונג פון דער שטיקעריי־אינדוסטריע איז געגאַנגען מיט נאָך אַ שנעלערן טעמפּאָ. קאַליש איז געוואָרן אַ צוציונגס־צענטער פאַר אַרבעטער און אָנגעשטעלטע פון די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך. די שטאָט איז געוואָרן גרעסער און ס׳איז געווען שטענדיק אַ מאַנגל אין קוואַליפיצירטע אַרבעטער, צוליב דעם זענען די לוינען געווען בעסערע, קיין אַרבעטסלאָזיקייט איז נישט געווען.

די האַנט־שטיקעריי איז אין יאָר 1910 געוואָרן פאַרטראָטן דורך קראַפט־מאַשינען. די איבערוועקסלונג פון האַנט אויף קראַפט־מאַשינען, האָט ווידער אַריינגעבראַכט אַ רעוואָלוציע, ווייל ס׳זענען נויטיק געווען פרישע אַרבעטער. די האַנט־שטיקערס האָבן זיך אויסגעלערנט באַגיין מיט די קראַפט־מאַשינען. די צאָל אַרבעטער צו באַדינען אַ קראַפט־מאַשין איז געווען די זעלבע, נאָר די פּראָדוקציע האָט זיך פאַרשנעלערט און פאַרגרעסערט מיט 4—5 מאָל.

דער מאַנגל אין קוואַליפיצירטע אַרבעטער האָט ווידער געבראַכט אַ לוין־העכערונג. אַזוי, אַז אַ שטיקער האָט שוין פאַרדינט ביי אַ קראַפט־מאַשין פון 15 ביז 25 רובל אַ וואָך, ביי 10 שעה אַרבעט. אַ פעדלער און געהילף־שטיקער פון 8 ביז 12 רובל אַ וואָך. צוזאַמען מיטן וווּקס פון פּראָספּעריטי אין דער שטיקעריי־אינדוסטריע, האָבן אויך געניאָסן די אַרבעטער פון אַנדערע פאַכן, ווי שניידער, שוסטער, בעקער, טישלער, מאַלער, שלאָסער א. א. דער צושטאַנד האַלט אָן ביז 1914.

דעם 1־טן אויגוסט 1914 ברעכט אויס די ערשטע וועלט־מלחמה און די דייטשן פאַרנעמען די שטאָט. עטלעכע טעג שפּעטער פירן זיי דורך אַ שרעקלעכע פּראָוואָקאַציע און טרעטן צו צו פאַרניכטן די שטאָט. דער צענטער פון שטאָט ווערט חרוב. אַ גרויסע טייל פאַבריקן — צעשטערט. עטלעכע הונדערט מענטשן ווערן אין עטלעכע טעג אומגעבראַכט. די גאַנצע באַפעלקערונג צעלויפט זיך איבער גאַנץ פּוילן און רוסלאַנד. די פאַבריקאַנטן לאָזן איבער זייערע פאַבריקן אויף הפקר. די שטאָט ליגט אין חורבות.

ערשט נאָך אַ יאָר קומט צוריק אין שטאָט אַ טייל פון דער באַפעלקערונג, און טרעט צו אויפסניי אויפצושטעלן די חרוב געוואָרענע שטאָט. וועגן צוריקשטעלן אין איר גלאַנץ די אינדוסטריע קען קיין רייד נישט זיין, ווייל די פאַבריקאַנטן זענען נישטאָ. די רוישטאָפן איז נישט אַזוי לייכט צו שאַפן, און דאָס וויכטיקסטע — דער רוסישער אָפּזאַץ־מאַרק איז פאַרלוירן געגאַנגען. די דייטשן זענען נישט פאַראינטערעסירט אויפצולעבן די שטיקעריי־אינדוסטריע, ווייל אין דייטשלאַנד איז די שטיקעריי־אינדוסטריע גענוג אַנטוויקלט. אַנשטאָט די צעשטערטע שטיקעריי־אינדוסטריע, באַמיט זיך די צוריקגעקומענע באַפעלקערונג אַריבערצוגיין צו אַנדערע פאַכן, וועלכע זאָלן געבן פּרנסה.

אַ טייל פון די פאַבריק־אַרבעטער טרעטן צו אויסנוצן די פאַראַנענע רוישטאָפן און אַרבעטן ווייטער אויף אַ פּרימיטיוון אופן, אין אַ קליינעם מאַסשטאַב. אַ טייל אַרבעטער פאַרנעמען זיך מיט שמוגל, וועלכע איז דאַן אַ דאַנק דער מלחמה זייער פאַרשפּרייט, אַ טייל וואַרפן זיך צו בוי־אַרבעטן, אַ טייל גייען איבער צו די פאַכן פון באַקלייד (שניידער, שוסטער, טעקסטיל און אַנדערע קליינע פאַכן).

אויסנוצנדיק די פאַרהעלטנישמעסיקע דעמאָקראַטישע באַדינגונגען וואָס הערשן דעמאָלט אין דייטשלאַנד, טרעטן צו די באַוווסטזיניקע אַרבעטער צו שאַפן פאַרשידענע אינסטיטוציעס און פּראָפ. פאַראיינען. די דייטשע אָקופּאַציע־מאַכט קוקט קרום אויף דעם און לאָזן נישט צו קיין טעטיקייט אויפן געביט פון די פּראָפ. פאַראיינען.

ערשט מיטן אָנקום פון דער דייטשער רעוואָלוציע אין 1918, טרעטן צו די אַרבעטער צו

שאפן אין קאליש לעגאלע פראָפ. פאראיינען און קולטור־אינסטיטוציעס. ס׳וועט געשאפן אן ארבעטער־ראט. אין אים באטייליקן זיך פארשטייער פון אלע פאָליטישע ארבעטער־פארטייען ווי פ.פ.ס., צ.ס., בונד, פ״צ, און פאָרשטייער פון אלע פאכן און אינדוסטריעס. אין ארבעטער־ראט זענען פארטראָטן: פון בונד — לעאָן דאנציגער און לעווענבערג, פון פ״צ — ד״ר לובעלסקי און סאָלניק. דורך דעם ארבעטער־ראט ווערן געשאפן לעגאלע פראָפ. פאראיינען: פון 1) שטיקעריי, 2) באקלייד, 3) לעדער, 4) טראנספּאָרט, 5) הויז־דינערשאפט, 6) אָנגעשטעלטע, 7) בוי, 8) עפנטלעכע ארבעטן, 9) באן־אָנגעשטעלטע, 10) לערער. דער ארבעטער־ראט ווערט צוזאמענגעשטעלט דורך די אויסגעוויילטע דעלעגאטן פון די עקזיסטירנדיקע פאָליטישע פארטייען און ריכטונגען און דעלעגאטן פון די גרויסע פאבריקן און פראָפ. פאראיינען, וואָס זענען נאָר וואָס געשאפן געוואָרן.

מיטן אנטשטיין פון דעם אומאָפּהענגיקן פוילן אין 1918 קומט ווידער אן אויפלעבונג. יעדער לאָזט זיך צוריק אהיים. ס׳ווערט א שטיקל פּראָספעריטי. די אמביציע פון די קאלישער איז צוריק אויפשטעלן די שטאָט איז זייער גרויס. ס׳אנשטייט א גרויסע בוי־באוועגונג, ווו עס איז באשעפטיקט זייער א גרויסע צאָל ארבעטער און אָנגעשטעלטע, און ווידער מיט קליינע אויסנאמען ווערן צוריק אויפגעלעבט די פארמאכטע פאבריקן. די גרעסטע טייל שטיקעריי־פאבריקאנטן קומען צוריק און לאָזן אין גאנג די מאשינען. אין די פאבריקן קומען צוריק אריין די שטיקערס, פעדלערס, אויסבעסערקעס, אָנגעשטעלטע. די שטיקער־ארבעטער שאפן א פאראיין (אן אינטערנאציאָנאלן), אין דעם פאראיין זענען אָנגעשלאָסן צוזאמען פוילישע, יידישע און דייטשע ארבעטער. צווישן זיי הערשט א גרויסע סאָלידאריטעט.

אין דעם פאראיין זענען טעטיק אלע פאָליטישע פארטייען ווי פ.פ.ס., ס.ד. (קאָמוניסטן), בונד, פ״צ, פוילישע כאדעקעס (פרומע קאטאָליקן), און אָרטאָדאָקסן (פרומע יידישע ארבעטער). די אָנהענגער פון די פאָליטישע פארטייען לאָזן זיך באגנוגענען מיט דעם איינפלוס, וואָס זיי האָבן און שטעלן העכער די פראָפ. אינטערעסן.

דער צושטאנד האלט אָן ביזן יאָר 1939. אין דעם שטיקער־פאראיין זענען טעטיק די אלטע פירער: פון פ.פ.ס. ספּירידאָוויטש, פון ס.ד. (קאָמוניסטן) מילער, פון פ״צ יחיאל טענצער, לעשטשינסקי, אברהם וואָלקאָוויטש, יחיאל גרינשפאן (שפּעטער אין פראנקרייך), קלעטשעווסקי, פון „בונד״ אברהם יהודה לאנדוי, מאיר וואָלף שעפּס, משה שטיין, פון די פרומע יידישע ארבעטער איצקאָוויטש. עס איז נישט בנמצא קיין נאציאָנאליסטישע אָדער ראסן־פאראורטיילן — ביי איין טיש זיצן יידישע, פוילישע, פרומע ארבעטער און באטראכטן פראָפ. פראגן. ווען די זיצונג פארציט זיך שפּעט, און ס׳קומט אָן די צייט פון מנחה דאווענען, פארלאָזט דער פרומער ארבעטער איצקאָוויטש די זיצונג, גייט אוועק אין א זייט, דאווענט אָפּ און קומט צוריק צו דער זיצונג. די פרומע קאטוילישע פארוואלטונגס־מיטגלידער פארשטייען דאָס. אָבער ווען עס האנדלט זיך וועגן פראָפ. פראגן פארטיידיקן די יידישע פרומע ארבעטער די אינטערעסן פון די פוילישע ארבעטער קעגן דעם יידישן פאבריקאנט. אין משך פון די 20 יאָר וואָס דער פאראיין האָט עקזיסטירט, איז נישט געווען וועלכע עס איז נאציאָנאלע רייבונגען. דער אינטערנאציאָנאלער שטיקער־פאראיין איז געווען א מוסטער פון צוזאמענלעבן פון יידישע און פוילישע ארבעטער.

ס׳זענען געווען ריין יידישע פראָפ. פאראיינען, ווי למשל באקלייד (שניידער א.א.), וואָס האָבן גרופירט איבער 150 מיטגלידער, נישט אלע זענען געווען אָרגאניזירט, ווייל אין דעם פאך האָבן געהערשט די היים־ארבעט. אין דעם פאראיין זענען געווען טעטיק די מיטגלידער פון בונד, פ״צ, קאָמוניסטן: עזריאל מאקאָוויטש, הערש קלאפּער, דוד גאלאנטערניק, הערש זייפע, לעדער, קאפלאן. דער פאראיין האָט זיך באשעפטיקט מיט רעגולירן די סכסוכים צווישן ארבעטער און ארבעטס־געבער, לוין־העכערונגען. אין די שפּעטערדיקע יאָרן 1925—1935 האָט קאליש פארכאפּט דעם פויזנער מארק. אין דעם פאך האָט געהערשט א פּראָספעריטי, ארבעטער און כאלופניקעס האָבן גוט פארדינט, און קאליש איז געווען א שטאָט פון באקלייד־אינדוסטריע.

די פוילישע שניידער־ארבעטער זענען געווען אָרגאניזירט אין דעם פוילישן רעאקציאָנערן האנטווערקער־פאראיין. מיטן אויסנאם פון געציילטע, האָבן זיי צום יידישן פאראיין נישט געוואָלט געהערן.

דער צווייטער יידישער פראָפ. פאראיין איז געווען דער לעדער־פאראיין, וואָס האָט אין אנהויב זיך געשאפן ווי אן אינטערנאציאָנאלער (פּאָליאקן און יידן) און איז שפּעטער געוואָרן א ריין יידישער. אין דער פאראיין זענען געווען אָרגאניזירט איבער 100 ארבעטער: שטעפּער, שוסטער, זאָטלער. אויך דאָ זענען געווען טעטיק די מיטגלידער פון די פארטייען: בונד, פ״צ, קאָמוניסטן — יצחק דאווידאָוויטש, אברהם העלפאנט, יארמוש, יעזשיק וואקס, מארקאָוויטש, סטערדאָווסקי, שמילאך, זאלץ. דער פאראיין האָט זיך אויך באשעפטיקט מיט רעגולירן פאך־ענינים. די לעדער־בראנזשעס זענען נישט געווען פון די גוט פארדינענדיקע פאכן, ווייל יעדער, וואָס האָט נאָר א ביסל געקענט דאָס פאך האָט זיך פארלייגט א זעלבשטענדיקן ווארשטאט.

דער דריטער פאראיין איז געווען פון די האנדלס־אָנגעשטעלטע, וואָס האָט שוין אין די לעצטע יאָרן געציילט איבער 150 אָנגעשטעלטע. אין דעם פאראיין איז געווען גרופּירט א גרויסער טייל פּויליש־רעדנדיקע אָנגעשטעלטע, האָט דורכגעפירט א ריי פראָפ. אקציעס: ווי דאָס רעגולירן דעם ארבעטס־טאָג, לוין־העכערונג און גוטע באהאנדלונג. דעם פאראיין האָבן אָנגעפירט: שלומפער, גרויבערג, שטיינערט און שמאי מאניץ.

דער פערטער פאראיין איז געווען פון די הויז־אָנגעשטעלטע (קעכינס). אין דעם פאראיין זענען געווען בלויז פרויען. צוליב די אייגנארטיקע באדינגונגען, אין וועלכע ס'האָבן זיך געפונען די מיידלעך, וועלכע זענען געקומען פון די קליינע שטעט און שטעטלעך, פון וואנען די נויט האָט זיי ארויסגעטריבן, זענען זיי געווען ביי זיך שטארק געפאלן, געווען אויסשליסלעך אויפן באַראַט פון די מאדאמס. אין דעם פאראיין זענען אין אָנהויב געווען אָרגאניזירט ביי 70—80 מיידלעך. דער פאראיין איז אָרגאניזירט געוואָרן דורך די בונדיסטקעס דבורה האָלצמאן, מאנטשע היישריק און ליסאָווסקא. דער פאראיין האָט דורכגעפירט א ריי שווערע אקציעס, ווי לוין־העכערונג, גוטע באהאנדלונג און איין טאָג אין דער וואָך רו: שבת זאָלן זיי זיין פריי. א טייל פון די הויזווירטשאפטערינס זענען שפּעטער איבערגעגאנגען צו אנדערע פאכן און געוואָרן געזעלשאפטלעך אקטיוו.

דער פינפטער פאראיין איז געווען דער טרעגער־פאראיין, אָרגאניזירט פון די לינקע פ״צ מיט דער באטייליקונג פון ״בונד״. קיין פראָפ. טרעגערס זענען די מיטגלידער נישט געווען. א גרויסער טייל זענען געוואָרן טרעגערס אלס רעזולטאט פון דער מלחמה. דער פאראיין האָט געציילט ביי 40—50 מיטגלידער. אין פאראיין זענען געווען טעטיק די פ״צ־טוער פּראשקער, טענצער, ראטמאן סאָלניק, לעשטשענסקי. פון „בונד״: משה ווארמאן, טאָביאק, פאפּיער א.א. די טרעגער און פורמאנעס האָבן זיך געניטיקט אין כסדרדיקע אינטערווענצן ביי די מאכט־אָרגאנען. א דאנק דעם פאראיין און דער טעטיקייט פון סאָלניקן האָבן זיי געקענט ציען חיונה פאר זייערע משפחות.

די לעצטע יאָרן האָט זיך אויך געשאפן א פריזירער־פאראיין, וואָס האט געציילט 20—30 פריזירער־ארבעטער. אין פאראיין זענען געווען טעטיק איזידאָר האָלץ און יעזשי בלאָך.

אין די איבעריקע פאכן, ווו די צאָל ארבעטער איז געווען א קליינע, ווי דרוקער, האָלץ, בוי, עפּענטלעכע ארבעטן, בעקער א.א. זענען א טייל געווען אָרגאניזירט אין די פּוילישע פאראיינען. די, וועלכע זענען נישט געווען אָרגאניזירט און האָבן געהאט קאָנפליקטן מיט די ארבעטס־געבער, זענען די קאָנפליקטן דערליידיקט געוואָרן דורך די פארטייען, צו וועלכע זיי האָבן געהערט. בונדיסטן (דורכן „בונד״), פ.צ. (דורך פ.צ.) א.א.וו.

אלע פראָפ. קלאסן (ארבעטער)־פאראיינען האָבן אין קאליש געשאפן א פראָפ.־ראט (צענטראלע). זיין זיצאָרט איז געווען אויף ליפּאָווא גאס. צו דעם ראט האָבן געהערט אלע אָן אויסנאם פראָפּ. קלאסן־פאראיינען. דער פראָפּ. ראט האָט געהערט צו דער צענטראל־קאָמיסיע פון די פראָפ. פאראיינען אין פּוילן, וו די העכסטע אינסטאנץ, אָנגעפירט דורך זדאנאָווסקי, זשולאווסקי, קוואפּינסקי, אלטער (פון די יידישע פראָפּ. פאראיינען) האָבן רעפּרעזענטירט עטלעכע מיליאָן אָרגאניזירטע ארבעטער. חוץ דעם האָט יעדער באזונדערע פאראיין געהערט צו זיין צענטראלע.

חוץ די פראָפ. יידישע קלאסן־פאראיינען האָבן אין קאליש עקזיסטירט בירגערלעכע פראָפ. אינסטיטוציעס, ווי האנטווערקער־פאראיין (בירגערלעכע), סאָציאליסטישער האנטווערקער־פאראיין (כאלופּניקעס), פּועלי אמוני ישראל, אגודת ישראל, קליינהענדלער־פאראיין, טאָרג־

פאָרערס, מאַרק־הענדלער, סוחרים־פאַראיין, די אַלע בירגערלעכע אינסטיטוציעס האָבן זיך באַשעפטיקט אויסשליסלעך מיט פּראָפ. טעטיקייט. זיי האָבן רעפּרעזענטירט זייער א גרויסע טייל באַשעפטיקטע.

ביזן יאָר 1914 איז ווי געזאָגט קיין לעגאַלע פּראָפ. באַוועגונג נישט געווען. די סטאַטיסטיק איז דאַן נישט געווען קיין גענויע. פון די איבער 50 טויזנט איינוווינער, וואָס קאַליש האָט דאַן פאַרמאָגט ביזן אויסבראָך פון דער ערשטער וועלט מלחמה 1914, האָט די יידישע באַפעלקערונג באַטראָפן עפּעס מער ווי 15 טויזנט. דאָמינירט האָט הויפּזעכלעך די שטיקעריי־אינדוסטרי, וואָס האָט ארומגענומען פאַבריקאַנטן, אָנגעשטעלטע, וואַיאַזשאָרן, שטיקער, פעדלער, אויסבעסערקעס, פּלעטערנס, מאַנטערן און צייכענערס. דערביי האָט די שטיקעריי־בראַנזשע געגעבן אַרבעט א ריי פאַכן ווי שלאָסער, פּירמאַנעס, צו וואַשן די אויסגעאַרבעטע שפּיצן, דרוקערייען א.א.

די אינדוסטרי, ווי שוין דערמאָנט, איז אין 75%—80 געלעגן אין יידישע הענט. איבער א העלפט פון דער קאַלישער באַפעלקערונג (יידישע, פּוילישע) האָבן געצויגן זייער חיונה פון דער שטיקעריי־בראַנזשע. פון די איבער 15 טויזנט יידישע באַפעלקערונג זענען ביי 60% געווען באַשעפטיקט אין דער שטיקעריי־בראַנזשע, און 40% ביי אַנדערע פאַכן. כאָטש אין שטאָט זענען געווען אַנדערע גרעסערע אונטערנעמונגען, ווי מילערס פּלוש-פאַבריק, רעפּהאַנס טעקסטיל-פאַבריק, פּיביגערס פּיאַנינאָ-פאַבריק, פּולדעס גאַרבעריי, חוץ קלענערע אונטער-נעמונגען פון באַקלייד, לעדער, בעקעריי און סוחרים, דאָך זענען די אַלע אונטערנעמונגען אין פאַרגלייך מיט דער שטיקעריי־אינדוסטריע געווען 40%, ד. ה. אַרום 9.000 יידישע נפשות, איבער 3.000 יידישע משפחות האָבן זיך דערנערט פון דער שטיקעריי־אינדוסטריע.

אין קאַליש איז נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה געשאַפן געוואָרן דורך יידישע אונטער־נעמער א גרויסע צאָל מילן. אין די מילן, וועמענס אייגנטימער זענען געווען: רייך, כמעלניצקי, קאַוואַלסקי, גאָטפריד, הילער, נאָוואַק, ראָזן און גאַד, זענען געווען באַשעפטיקט פיל יידישע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע. די אייגנטימער פון די מילן זענען געווען אָרגאַניזירט. אויך די אַרבעטער און אָנגעשטעלטע האָבן געהערט צו די געהעריקע פּראָפ. אָרגאַניזאַציעס.

דער פאַראיין פון האַנטווערקער (בירגערלעכע) איז אין קאַליש געווען שטאַרק אָרגאַניזירט. ער האָט ארומגענומען כמעט אַלע האַנטווערקער־פאַכן. דער פאַראיין האָט געציילט פון 800 ביז 1.000 מיטגלידער. מיטן פאַראיין האָט אָנגעפירט: עליאַש, גראָס, ראָט, צאַמבער, וואַקס, מיכאַלאָוויטש און ביעזשווינסקי. דער פאַראיין האָט געהאַט זייערס א פאַר-שטייער אַלס ראַטמאַן אין שטאָטראַט, דעם אַרכיטעקט אינזש. צאַמבער. דער פאַראיין האָט זיך באַשעפטיקט מיט סכסוכים צווישן די מיטגלידער, רעגולירן פון פרייזן פאַר אַרבעט, מיטגעהאָלפן די מיטגלידער ביים שליסן קאָנטראַקטן, געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט די פאָרשטייער פון די אַרבעטער־פאַראיינען ביים רעגולירן לוין־קאָנפליקטן און דורכפירן לוין־רעגולירונגען מיט די כאַלופּניקעס, געהאָלפן די מיטגלידער מיט יורידישע עצות, מיט הלוואות, געזאָרגט און געטראָגן הילף ווען ס'איז נויטיק געווען פאַר די מיטגלידער. אין קאַליש איז דער פאַראיין געווען זייער א שטאַרקע יידישע פּאָזיציע. אין פאַרגלייך מיטן פּוילישן צעך איז ער געווען פיל פּראָגרעסיווער און סאָלידער.

אין קאַליש האָט אויך עקזיסטירט א סאָץ. האַנטווערקער־פאַראיין א.נ. פאַראיין פון כאַלופּניקעס (היים־אַרבעטער). דאָס זענען געווען זעלבשטענדיקע קוואַליפיצירטע אַרבעטער, וועלכע האָבן אהיימגענומען אַרבעט און אויך געהאַלטן אַרבעטער (געזעלן). אין דעם פאַראיין זענען געווען אָרגאַניזירט איבער 300 מיטגלידער, כאַלופּניקעס פון אַלע פאַכן. דעם פאַראיין האָבן אָנגעפירט לייזער מיץ, חיים קאַווע, נאַפּאַרסטעק, בליצבלוי, לייב הירשביין, סעקרעטאַר רפאל שטיינערט.

דער פאַראיין האָט זיך באַשעפטיקט מיט רעגולירן די לוינען, שליסן קאָלעקטיווע אָפּמאַכן מיט די בעלי בתים און מיט דעם האַנטווערקער־פאַראיין. די אָפּמאַכן זענען געווען האָנאָרירט. ביים אָנהויב פון סעזאָן זענען פאָרגעקומען לוין־רעגולירונגען און ווען ס'זענען קיין אויס־גלייכן נישט געווען מעגלעך, האָבן די כאַלופּניקעס צוזאַמען מיט די אַרבעטער געשלאָסן אן איינהייטלעכן פראָנט און צוזאַמען געשטרייקט ביז די אַרבעטס־געבער האָבן נאָכגעגעבן די פאָדערונגען. דער סאָציאַליסטישער האַנטווערקער־פאַראיין האָט געגעבן זיינע מיטגלידער

יורידישע הילף, הלוואות און געווען שטארק פארבונדן מיט די ארבעטער־פארטייען.

אין קאַליש האָט עקזיסטירט א פאראיין פון קליינהענדלער, וועלכער האָט ארומגענומען אלע מארק־שטייער, טאָרג־פּאָרער, גאסן־הענדלער. דער פאראיין האָט געציילט עטלעכע הונדערט מיטגלידער. דעם פאראיין האָט אָנגעפירט פועלי אגודת ישראל, דער אָנפירער איז געווען ר׳ יוסף משה העבער. זיינע געהילפן: חנינא ראָזענבלום, משה ווארמאַן, איצקאָוויטש. דער פאראיין האָט זיך באשעפטיקט מיט שאפן מיטלען, הלוואות פאר מיטגלידער — וועלכע זענען צוליב אויסערלעכע סיבות אריינגעפאלן אין א נויט (ווען מ׳האָט זיי באגנבעט, בארויבט און זיי האבן סתם געהאט שאָדנס), געזאָרגט, אז די מאכט אָרגאנען זאָלן זיי נישט רודפן, אָפּשרייען גזירות, מבטל מאכן שטראָף־פּראָטאָקאָלן, געגעבן יורידישע עצות, זיך פאראינטערעסירט ווען א מיטגליד איז אריינגעפאלן אין אן עת־צרה — קראנק געוואָרן, אן אומגליק־פאל, און אויך מיטגעהאָלפן ווען א מיטגליד האָט זיך גענויטיקט ביי חתונה מאכן א קינד, ביי א געבורט.

די פאראיינס־מיטגלידער האָבן זיך גענויטיקט אין שטענדיקע אינטערווענצן. דאָ איז געווען אומדערמידלעך ר׳ יוסף משה העבער, וועלכער האָט ארויסגעוויזן פיל הארץ, איבער־געבנקייט. בכלל האָט די פערזאָן פון ר׳ יוסף משה העבער ארויסגערופן צו זיך פיל אכטונג. ער איז געווען פון אלעמען זייער געשעצט. אלס לאַווניק אין שטאָט־ראט האָט ער געהאָלפן יעדן, וואָס האָט זיך נאָר צו אים געווענדעט. מיט זיין געזעלשאפטלעכער טעטיקייט האָט ער זיך דערוואָרבן אנערקענונג נישט בלויז ביי קאַלישער איינוווינער. ער איז די לעצטע יאָרן געוואָרן א פערזענלעכקייט פון פוילישן יידנטום: ער איז געווען דער פּאָרזיצער פון קליינהענדלער־פאראיין אין פוילן, זיך באטייליקט אין גרויסע אסיפות, וואָס די בירגערלעכע געזעלשאפטן אין פוילן האָבן איינגעאָרדנט. ער וואָלט זיכער געווען איינער פון די קומענדיקע סיים־פּאָרשטייער פון פוילישן יידנטום. נישט געקוקט דערויף, וואָס ער איז געווען באטייליקט אין אלע גרויסע געזעלשאפטן אין קאַליש, אין דער קהילה, אין שטאָטראט, סוחרים־פאראיין, האנטווערקער־באנק, אין אלע ערנסטע אינסטיטוציעס, האָט ער דאָך געפונען פיל צייט אוועקצוגעבן די קליינהענדלער, וועלכע האָבן זיך אזוי גענויטיקט אין זיין הילף.

חוץ די גרויסע פּראָפ. אָרגאניזאציעס האָבן נאָך עקזיסטירט צענדליקער חברות, געזעלשאפטן, וואָס זייער טעטיקייט איז פארבונדן מיט פּראָפ. טעטיקייט. ווי לייַ־קאסעס, קרעדיט־געזעלשאפטן, וואָס האָבן ארויסגעגעבן אויף וועקסלען הלוואות. צו דעם האָבן אויך מיטגעהאָלפן די עקזיסטירנדיקע פּראָפ. אָרגאניזאציעס.

די יידישע באפעלקערונג אין קאַליש האָט מיט אירע אָרגאניזאציעס זיך נישט געהאט וואָס צו שעמען. די אָרגאניזאציעס האָבן ארומגענומען אלע פאך־צווייגן, אלע שיכטן און גרופן, אָבער דאָס, וואָס איז מיט אזוי פיל מאטערניש, מי און שכל די לעצטע הונדערט יאָר געבויט און געשאפן געוואָרן, האָבן די היטלער־בעסטיעס און זייערע פוילישע געהילפן חרוב געמאכט אין פארלויף פון די עטלעכע יאָר — פון 1939 ביז 1942.

שמעון האראנטשיק

אין געדרויש פון מאשינען

(פראגמענט)

גראָ און שווער, ווי וואָלקנס מיט קוים ליכטיקערע פינטעלעך פון קורצע, מאָגערע שבתים, האבן זיך געצויגן די טעג און וואכן.

אייזיק שיניאק — א דארער יונג מיט א הויכן רוקן — צו ווענען בנימין איז פון א באס פּראָטעקציע אריינגעגעבן געוואָרן אלס פּעדלער צום איינציען פּעדעם — האס טאקע געהאט די מעלה, וואס ער ארבעט ביים פעטער לייב־חיים אין פאבריק און בנימינס פאָר גילדן א וואָך זענען אזויערנאך געזיכערט געווען; — א חוץ דעם אָבער איז דער דאָזיקער שיניאק געווען נישט בעסער און נישט ערגער פון א סך אנדערע שטיקער־ארבעטער. א גאנצע וואָך האט ער געהאָרעוועט ביי דער מאשין, געיאָגט די פּעדלער און זיך אליין, געיאָגט פון פינף פארטאָגס ביז האלבער נאכט; פרייטיק האט ער אין

קאַנטאָר אָפּגענומען דאס פארדינסט פון דער וואָך, שבת — פארטרינקען און פארטאכלעוועט אלץ ביז א גראָשן, זונטיק איז ער געקומען צו דער ארבעט פארכמורעט, בייז און ווידער גענומען יאָגן.

ער איז געווען נישט בעסער און נישט ערגער פון א סך אנדערע שטיקערס.

...דער ארבעטס־טאָג ציט זיך לאַנג — אן אייביקייט; שוין לאַנג ברענען די לאָמפּן און צום ארבעטס־סוף איז נאָך וועלטן־ווייט. ס׳ווערט שפּעטער און שפּעטער, דער גאַנג פון די מאשינען ווערט שוואכער, די קאָלבע פאלט ארויס פון די מידע הענט, אויך ביי די פעדלערס ווערן די הענט שווער ווי בליי, מיט מאטערניש כאַפּן זייערע פינגער דעם געוועקסטן פאָדעם, ציען אים אריין אין דער נאָדל און פארשלייפן. די אויגן קלעפּן זיך; יעדעס איינציקע גליד לעכצט נאָך רו.

ערגעץ דאָ נישט ווייט ביי א פעדל־טישל זינגט א מיידל מיט א פארשלאָפן קול; ביי טאָג, בעתן גרויסן מאשינען־גערויש, וואָלט זיך דאס זינגען גאָרנישט געהערט, איצט, ביי דער נאכלעסיקער שפּעטנאכטיקער ארבעט כאַפּט אויף דאס אויער נישט־ווו־נישט־ווען א פּאָר ווערטער פונעם ליד. עס רעדט זיך דארט וועגן איינעם, וואס האט צוגעזאָגט בריוו צו שרייבן און האלט נישט קיין וואָרט...

אומעטיק קלינגט די דערמאַנונג:

> געדענקט נאָר, ווי די ליבע האט געברענט
> און היינט איז זי געוואָרן פארלאָשן —

פון דעם אומעטיקן טאָן האלט ביים דערוועקן זיך א סטרונע אין בנימינס געמיט, נאָר פון פארמאטערטקייט נעמט דאס אויער גלייכגילטיק עס אויף און דאָס הארץ וויל זיך גאָרנישט אָפּרופן און נאָר שלאָפן, שלאָפן.

קאלט, מוטנע, ווי א רעגן אין א שפּעטער נאכט אין הארבסט, פליסט צו נאָך א שטיקל פון דעם מיידלס ליד:

> און געדענק נאָר, וואָס דו האסט מיר צוגעזאָגט:
> צו הייראַטן אָן א גראָשן. —

און די מאשינען קלאַפּן צו אָפּגעהאַקט, נישט מיט דעם רעגולערן גאַנג וואס ביי טאָג...

סוף כל סוף ענדיקט זיך די ארבעט. בנימין, ווי דער מינדסטער פעדלער, רוימט אוועק די מכשירים, פארלעשט די לאָמפּן, וואס הענגען אראָפּ פון יעדן זייט מאשין, כאַפּט אויף זיך דאָס רעקל און גייט אהיים.

אין דרויסן איז א ווייסע ווינטער־נאכט. די לונגען זיינע, וואס האבן א גאַנצן טאָג עאָטעמט די שטויביקע פאבריק־לופט, ברייטערן זיך אויס, אָטעמען אָפּ טיף און לאַנג; אָס אויג קוויקט זיך מיטן שניי; ס׳איז ווייס און ס׳ברענען גאַז־לאָמפּן... אן איינציקער נגעפעלצטער סטראַזשניק שפּאצירט זיך באַזאכט אין מיטן גאַס, אהין און צוריק.

און מיט אמאָל גיט א פלי אוועק פון בנימינען דער אין גראקייט, אין שטויב און אייל פארברענגטער טאָג. די איינגעשלאָפענע לעבנסלוסט גיט זיך אין אים ראַפּטעם א כאַפּ ויף און, ווי אויסצופרווון די כוחות זיינע, נעמט ער לויפן, „פענדזשען״; נישט כדי וואָס יכער אהיימצוקומען, נאָר אָט, גלאַט אזוי! עס טוט אים הנאה: ער לעבט און איז יונג. ויפט ער ווי א זשרעבעקל צושאקלענדיק מיטן קאָפּ און פאָכעט מיט די הענט ארויף און ראָפּ, אזש די נאכט־סטרוזשעס קוקן אים נאָך.

אין דער היים הייבט זיך איצט, נאָך דער ארבעט, ערשט אָן דער טאָג. די מאמע האָט אָנגעגרייט אויף נאכטעסן א הערינג, עסט מען אים שטיקלעכווייז מיט ברויט און מען פּאַרטרינקט מיט טיי.

די קליינע משפחה זיצט ארום טיש. די מאמע דערציילט ווי קלוג, קיין עין־הרע, סימעלע איז, גייט א גאַנג אין געוועלבל אריין, קויפט איין וואָס מ׳הייסט איר און ברענגט ריכטיק א רעשט...

מלכה דערהייבט דעם קאָפּ פונעם בוך וואס זי לייענט מיט התמדה. זי דערציילט, אז אין קאַנטאָר ביי זיי איז היינט צוריקגעקומען א „חזרה״ — עטלעכע שאכטלען סחורה, ווייל


שמעון האַראַנטשיק

זי טויג נישט, איז פעלערהאַפט. ראָזענבלום — דעם פעטער לייב־היימס פאַבריק־שותף — האָט אָנגעגעבן מעשים... ישראל־נח, וואָס שמט פאַר א פלינקן פעדלער — פרעגט זיך נאָך ביי בנימינען, ווי די ארבעט גייט אים, צי ער שטייט נישט אָפּ מיטן איינציען נאָדלען פון דער הויפּט־פעדלעריןֿ, און רויק, געמיטלעך, פאַרברענגט מען דעם אָוונט ביז די מאַמע דערמאָנט, אַז ס׳איז צייט צו גיין שלאָפן.

נישט שטענדיק אָבער גייט אַלץ גלייך. ס׳טרעפט — און גאָר אָפט — דער נאָרמאַלער גאַנג אין שטוב ווערט פון עפּעס געשטערט: די מאַמע, סימעלע, צי עמעץ אַנדערש איז עטלעכע טעג נישט געזונט געווען און ס׳זענען דערפאַר געווען גרעסערע הוצאות. אָדער ס׳האָט געטראָפן, אַז ישראל־נחן האָט א שטיקער אַנגעזעצט דאָס פאַרדינסט פון כמעט צוויי וואָכן — אין שטוב איז נישטאָ פאַר וואָס צו קויפן הייצונג און עסן פעלט אויך אויס. לייגט מען זיך האַלב הונגעריק, דער פוסטער מאָגן לאָזט נישט איינשלאָפן. אין אומרויקן דרימל דאַכט זיך בנימינען, אַז ער זיצט איצט אין פאַבריק ביים טישל און פאַר אים ליגט א בערגל נאָדלען — כאַפּט אים מיט א מאָל אָן א שרעק: "וואָס שטיי איך עפּעס מיט די הענט?" — און ער נעמט ארבעטן, באַוועגן מיט די הענט ווי ביים איינציען נאָדלען... ישראל־נח קען אַפּנים אויך נישט שלאָפן צוליבן פוסטן מאָגן. אַלע ווײַלע וואַכט ער אויף, פּלוצלונג זעצט ער זיך גאָר אויף אין בעט און מיט א דערשראָקן קול רעדט ער פון שלאָף:

— אוי, מ׳דאַרף אויפשטיין!... מאַמע, ווי שפּעט איז שוין? — ביז ער שלאָפט ענדלעך פעסט איין.

און ווי אויף צו להכעיס האָבן זיך איצט געמאַכט גרויסע קרירות. אין עלנטן דינוועגטלדיקן שטיבל שלאָגט אַדורך דער פראָסט. די ווענט זענען ווי באַצויגן מיט גלאָז, אַזוי זעען זיי אויס. אין בעט ביי דער וואַנט לייגט די מאַמע אונטער יעדן אָוונט פאַרשידענע מלבושים, די קינדער זאָלן זיך נישט דערקילן.

פאַרטאָגס, ביים אויפשטיין, איז אין שטוב אַזוי קאַלט, אַז עס קלימפּערן די ציין. עפנט מען דאָס מויל, זעצט ארויס א פאַרע ווי פון א זודיקן קעסל. די מאַמע קוקט אויפן פאַר־פרוירענעם פענצטער, וואָס די שייבלעך זיינע זעען אויס ווי באַצויגן מיט א קלאָר־ווייס האָריק פעלעכל און מיט פינקלדיקע בריליאַנטן — זי קוקט צום פענצטערל און האַלט אין איין אונטערזיפצן...

נאָר אָט זענען ביידע שוין אָנגעטאָן, יעדער נעמט אויפן האַלדז א "פלאַכטע", פון די פלאַכטעס, וואָס מלכה ברענגט אהיים "אויסצובעסערן". זיי הילן זיך איין אין דער נאָך מיט רויע שטיקערייען אויסגעאַרבעטער אַכט־איילנדיקער פלאַכטע, וועלכע נעמט זיי ארום עטלעכע מאָל, לעשן אויס דאָס לעמפּל און גייען אַוועק מיט א שטיקל ברויט אין טאַש, אַן אָפּגעשפּאַרטס פון נעכטיקן נאַכטעסן.

אין דרויסן קערט זיך די וועלט, א זאַווערוכע בושעוועט און פייפט, טראָגט אַן גאַנצע זיילן שניי־שטויב.

בנימין און ישראל־נח שלעפּן זיך איינגעבויגן ווי די זקנים. אויפן האַלדז און ארום די פלייצעס וואַרעמט די פלאַכטע, זי היצט אַזש, אין דער נאָז קריכט דער גערוך פון שיטערע זייף — מיט וואָס די פּעדעם ווערן געשמירט איידער זיי קומען אין דער מאַשין אריין — ס׳ווילט זיך פון דעם גערוך ניסן און אויפן ניכטערן הונגעריקן מאָגן איבלט עס.

מ׳רעדט צווישן זיך קוים געציילטע ווערטער און די ווערטער זענען סאַמע נייטיקע, ווינציקע און ערנסטע... די שווערע פּראַצע און דחקות האָבן אין וואָסערע פאַר וואָכן געמאַכט פון די יינגלעך ערנסטע, באַזאָרגטע זקנים, באַלאָדנט מיט שווערע דאגות.

ישראל־נח זאָגט:

— ביי אונדז איז היינט א שלעכט מוסטער, פּרעסט אריין א סך גאַרן. מ׳וועט מוזן יאָגן.

בנימין, וואָס איז נאָך נישט אַזא פלינקער פעדלער, באַמערקט:

— יאָגן מוז מען זיך שטענדיק, אַלע טאָג.

און אַז זיי קומען צוט אָרט, ווען זייערע וועגן שיידן זיך, צעגייען זיי זיך שווייגנדיק.

אין פאַבריק האַלט מען לאַנג די פאַרשטאַרטע הענט ארום די וואַרעמע לאָמפּנגלעזלעך,

די שטייף־געפרוירענע פינגער באַוועגן זיך שווער, טייען זיך זאַכטע אויף. דער שטיקער האָט לייכטער: ער דרייט די קאָלבע נישט בלויז מיט די פינגער, נאָר מיט דער גאַנצער האַנט. ער דערוואַרעמט זיך גיך. זעענדיק ווי די פעדלערס שטייען מיט די הענט אַרום דעם לאַמפּגלעזל, קומט ביי אים אויס, אַז זיי זענען פויל, ס'גלוסט זיך זיי נאָך נישט צו זעצן זיך צו דער אַרבעט, הייבט ער באַלד אָן מיט ירגזון:

— אַ סוף, אַ סוף, גענוג שוין געוואַרעמט זיך!...

★

ציען זיך די איינטאָניקע טעג ווי לאַנגע גראָע שנירן. דאָס ליכטיקע פּינטעלע, צו וועלכע די מידע אויגן צילן, איז דער פרייטיק־צונאַכטס און דער שבת־טאָג...

אַ מאָל קומט דער פעטער לייב־חיים. ער זיצט אַ פּאָר מינוט, ווי יוצא צו זיין, אָפּצופּטרן עפּעס אַ חוב און גייט באַלד אַוועק, צוזאָגנדיק ווידער צו קומען; טייל מאָל קומען זיינע קינדער, די אויסגעגעבענע טאָכטער לאה און אַ מאָל אויך די כלה־טאָכטער אסתר מיט די רויטע באַקן.

אין שטוב ווערט מיט זייער אַריינקומען, ווי ליכטיקער. די מאַמע ווערט הייטערער, שאַרט זיך אַרונטער די גראָע האָר, בעט זיי זיצן. זי רעדט צו זיי דוצנדיק, ווי צו ברידערנקינדער, נאָר פּאַרט מיט רעספּעקט און דרך־ארץ.

אַזוי לאַנג ווי זיי זענען דאָ אין שטוב, פילט זיך ווי זיי וואָלטן מיט זיך מיטגעבראַכט אַ ליכט־שטראַל פון יענער גליקלעכער שטוב, פון וואַנעט זיי קומען.

דערפאַר, ווען זיי גייען אַוועק, בלייבט מען ווי אָפּגענאַרט. ס'פאַרדריסט עפּעס, צו וואָס זיי זענען גאָר אינגאַנצן אַהער געקומען. נאָך זייער אַוועקגיין פילט זיך דאָ נאָך מער און נאָך פיינלעכער די אָרעמקייט. און די נויט דריקט, דאַכט זיך, נאָך מער, ווי פאַר זייער קומען.

און אָט איז שוין ווידער וואָך. דער שבת — אַוועק; עפּעס געדויערט דער שבת־טאָג אַ סך ווייניקער ווי אַן אַנדערער טאָג... ווידער איז וואָך און ווידער גייט מען איינגעהילט אין די פלאַכטעס צו דער אַרבעט.

— — — דאָס, פאַר וואָס אַלע האָבן זיך געשראָקן, איז געקומען; דאָס, פון וועלכן מ'האָט גערעדט מיט אַנגסטן, איז ענדלעך מקוים געוואָרן: דער פאַבריקאַנט אַראָנסאָן האָט געברענגט מאַשינען. זיי וועלן זיך באַוועגן נישט מיט דער הילף פון אַ קאָלבע, וועלכע ווערט געטריבן פון אַ מענטשלעכער האַנט און שעמלען, וואָס ווערן געקערעוועט פון מענטשלעכע פיס — נאָר מאַשינען, וואָס באַוועגן זיך מיט אַ מאָטאָר און טראַנסמיסיעס.

אַ פינצטערע אימה האָט אַרומגענומען אַלע גאַסן און געסלעך, וואָס זענען באַוווינט פון אַרבעטער. דער גאַנצער אַרבעטער־קוואַרטאַל האָט געציטערט אָנצוווערן דאָס שטיקל ברויט, און נישט נאָר שטיקערס און פעדלערס האָבן געלעבט אין פחד, נאָר אויך די היימישע מאָנטירן, וואָס האָבן זיך אויסגעלערנט מאָנטירן מאַשינען נישט ערגעץ אין זאַקסן אָדער אין דער שווייץ, נאָר אין דער היים: קאַליע געמאַכט איין מאַשין און נאָך איינע, ביז מ'האָט "געכאַפּט" דעם פּאָרטל. אַפילו זיידל, דער הויפּט־מאָנטיער, איז אַרומגעגאַנגען פאַרמרהשחורהט, ער האָט אָנגעזאָגט, שמועסט מען, דעם ווייב, זי זאָל אַ ביסל שפּאָרן אין דער באַלעבאַטישקייט, נישט רודערן אַזוי מיטן גרויסן קאָכלעפל...

און אַז מ'איז געוואָר געוואָרן, אַז ביי אַראָנסאָנען אין דער נייער געביידע זענען שוין דאָ די קראַפט־מאַשינען און זיי ווערן שוין צוזאַמענגעשטעלט, און ס'איז אויך מיטגעקומען אַ גאַנצע מחנה דייטשע מאָנטירן, שטיקערס און אויך געהילפן — פעדלערס, און אַ ליאַדע וואָך וועלן די מאַשינען שוין אָנהייבן צו אַרבעטן, איז די יללה צווישן אַרבעטער געווען מוראַדיק. אין אַלע שטובן האָט מען רק געאָכצט און געקרעכצט. די שטיקער־ווייבער, צוזאַמענטרעפנדיק זיך אין די געוועלבער, האָבן פון עפּעס אַנדערש נישט גערעדט, נאָר פון דעם פינצטערן וואָלקן, וואָס קלייבט זיך זיי אויף די קעפּ אַראָפּצולאָזן. אָט באַלד וועלן זייערע מענער בלייבן אָן אַרבעט, ס'וועט נישט זיין קיין ביסן ברויט צו געבן די קינדער.

די קרעמער, הערנדיק פון די שטיקערס אומזיכערע לאגע, האבן זיי שוין באצייטנס זיך אָפגעזאגט צו געבן אויף באָרג. דורך דעם איז די נאָך ווייטלעכע צרה געוואָרן נאָענט, מ׳האט שוין דערשפירט דעם חלף אויפן האלדז.

די סכנה פון קראפט־מאשינען איז געווען דער הויפט־שמועס אומעטום. ביי בנימינען אין דער היים, פארשטייט זיך, אויך ווי אומעטום. די מאמע האט געציטערט פאר׳ די אָנקומענדיקע טעג, פאר די פארע־מאשינען, און די דייטשן, וואָס קלייבן זיך ארויסצורייסן דעם ביסן ברויט פון מויל. זי פלעגט נאָכאַנאַנד קרעכצן און אָפטער ווי פריער גיין צו איר ברודער לייב־חיים א שמעק־טאָן וואָס מ׳רעדט דאָרט וועגן דעם.

ס׳איז א מאָל אויסגעקומען א שמועס, האט בנימין געזאגט, אז קראפט־מאשינען, וועלכע דערפילן א פונקציע פון א מענטשלעכער האנט, זענען נישט צום שאָדן פאר די ארבעטער, נאָר צום נוצן, נישט מער, מען מוז צום בעסערן צופאסן די ארבעטס־באדינגונגען, לויט דעם נוצן, וואָס מען האט פון דער מאשין.

ישראל־נח ווידער האָט געטענהט, אז קראפט־מאשינען זענען אן אומגליק פאר׳ן ארבעטער: זיי פארגרעסערן די ארבעטסלאָזיקייט און דעם נוצן פון די מאשינען האבן בלויז די פאַב־ריקאנטן, דעריבער מוז מען מיט כוח צעשטערן די דאזיקע משחיתים, די קראפט־מאשינען.

— וועט מען ברענגען אנדערע — זאָגט בנימין.

— וועט מען פון די אנדערע אויך א תל מאכן, אזוי לאנג ביז די ברענגערס וועלן מיד ווערן צו ברענגען.

ישראל־נח דערמאָנט א מעשה: ווען ער איז נאָך געווען א קליין יינגל, האט ביי זיי אין שטעטל דער בעל־עגלה משה אָקס געפלעגט פון ערגעץ מיטצוברענגען מיסיאָנערישע ביכלעך... איין מאָל און נאָך א מאָל. מ׳האָט מיט אים געטענהט, ער זאל נישט ברענגען, ער אָבער — ״וואס ווייס איך, מ׳באצאָלט מיר, ברענג איך״. אזוי לאנג און אזוי ברייט, מ׳האָט אים א מאָל אָפגעוואַרט הינטער דער שטאָט, אָפגעשטעלט דעם וואָגן, גאָר אָרנטלעך אים מקיים פסק געווען, האט ער אויפגעהערט צו ברענגען די ״סחורה״.

— אזוי איז עס אויך מיט די מאשינען — פירט אויס ישראל־נח — אז מ׳קען נישט אנדערש, מוז מען גיין מיט דעם פויסט.

און אבא, וואס זיצט גראָד ביי דעם שמועס, איז מסכים מיט ישראל־נחן:

— נאָר אזוי, — שטימט אבא צו — צעברעכן די מאשינען און די דייטשן אָנ׳רייבן א מארדע, וועלן זיי פון הי אנטלויפן.

בנימין איז נישט מסכים מיט ישראל־נחן, בשום אופן נישט איינשטימיק. די מאמע איז יא נוטה מסכים צו זיין מיט ישראל־נחן, נישט מער:

— צום ערשט דארף מען אנהויבן מיט גוטן, גיין צו אראָנסאָנען, אים געבן צו פארשטיין, סארא אומגליק ער ברענגט מיט זיינע ניימאָדישע מאשינען, ערשט אז מיט גוטן וועט מען נישט פועלן, זאל מען גיין מיט כוח.

...שבת אין די ביר־שיינקען איז נאָר וועגן דעם גערעדט געוואָרן. אין ביר־הייזל ביי נאָטע מאקאָוער, וועלכער איז א מאָל אליין געווען א שטיקער און ער האָט געמוזט אוועקלייגן די ארבעט צוליב זיין שוואכן געזונט, געמוזט זיך מאכן א בלינד ביר־שענקל אין זייז איינציקן שטיבל — איז דעם שבת נאכן מיטאָג פאָרגעקומען א מין נישט־אפיציעלע באראטונג.

די באראטונג איז נישט צוזאמענגערופן געוואָרן, זי איז פשוט פון זיך אליין זיך צוזאמענ־געקומען. יעדער האט געפילט פאר נייטיק די זאך ארומצורײדן; יעדער איז געקומען מיט א פול הארץ און שווערן מוח; און אזוי ווי מאקאָווערס באזוכער זענען ס׳רוב עלטערע שטיקערס, גוטע פאכלייט און מענטשן מיט א נאָמען צווישן ארבעטערס, האט די באראטונג פון זיך אליין אנגענומען דאָס אויסזען פון אַן אָפיציעלער באראטונג, וואָס באטראכט מיטלען קעגן דער סכנה פון די קראפט־מאשינען.

יואל פאנטשער, וואס איז אויך געקומען טרינקען א גלאז ביר, האט געזאגט דא דאס זעלבע, וואס בנימין אין דער היים — אז נישט אין די קראפטמאשינען שטעקט די סכנה, נאָר גאָר אין אַן אנדער ארט, און טאקע אין די ארבעטער אליין. דערפון איז געוואָרן א טומל.

די סאָלידע אלטע ארבעטערס מיטן אויסזען פון אלטע אָפגעארבעטע שקאפעס האָבן זיך אזוי אויפגערעגט אויף פאנטשערן, אז עס האט זיך געקענט דאכטן, אז אים דראָעט א סכנה צו באקומען דא געבראָכן די ביינער.

כאסקל פימס, וואס האט זיך גערעכנט פאר איינעם פון די בעסטע פאכלייט, און פון דעסטוועגן האט ער נישט געהאט אויף זיך קיין אָרנטלעך שטיקל מלבוש און די קינדער זיינע האט ער געשיקט לערנען אין תלמוד־תורה, דער כאסקל פימס האט פאנטשערן דאס מויל פארמאכט:

— וואס, — האט ער זיך דעם גארגל געריסן — דער קייזער געפעלט דיר אפשר נישט, דו וואָלסט בעסער געווירטשאפט?

און קריידע, וואס ארבעט אין וואָלבערגס פאבריק, — א הויכער, א דארער, מיט שווארצע־ראנדיקע אויגן און מיט א שטיל קולעכל ווי א קאץ — האט פלוצלונג, ווער ווייסט צוליב וואס, גענומען אויפווייזן, אז די ערגסטע הינט זענען די פאבריקאנטן, וואָס האָבן זיך ארויפגעארבעט. אלע איבעריקע האָבן געפילדערט, יעדער האָט גערעדט, וואָס ער האָט געוואלט, אלע האָבן גערעדט צוזאמען, זיך געבייזערט, רויק געווארן און באלד ווידער זיך גענומען קאָכן. איינער האט נישט געהערט, וואָס דער אנדערער רעדט.

פאנטשערן האט מען דאָס מויל פארמאכט און ער האט זיך באלד אָפגעטראגן. ווען ס׳איז א ביסל רויקער געווארן, האָט עמעץ א שטיקערל מיט א שווארץ־גראלעך בעדדל, — מ׳רופט אים מאיר קאלב — פאָרגעלייגט, מ׳זאָל טאקע גרינדן א שטיקער־חברה, ווי פאנטשער וויל, נאר מ׳זאָל אהין ארייַנשטעלן א ספר־תורה, מ׳זאָל דארט דאווענען, און יעדן שבת נאָכמיטאג זאל א מלמד לערנען מיטן עולם א פרשה חומש.

א ביסל שפעטער איז ארויפגעקומען אין ביר־שענקל פעלדבערג, דער אויפזעער אין וואָלבערגס פאבריק; דערבליקנדיק פעלדבערגן, האט זיך דער אלטער פראפער אומבאמערקט אָפגעטראגן (פעלדבערג זאל נישט האבן צו דערציילן אין קאַנטאָר, אז אים, פראפערן, בלייבט נאָך פון פארדינסט אויף ביר...) קריידע האט זיך אויך גענומען פילן עפעס אומהיימלעך. דער עולם שטיקערס איז געבליבן שטיל.

אראָפגייענדיק פון ביר־שענקל האט מען זיך אָפגעשמועסט, אז ס׳איז נויטיק צוזאמענצורופן א פארזאמלונג אין אַן עפענטלעך ארט, למשל אין בית־מדרש, און מאקאָווער מיטן מאָגערן בערדל און די ברילן מיט די משונה־גראָבע גלעזער איבער די אָפגעשטאנענע אויערן, האָט פאָרגעלייגט, מ׳זאָל גיין צום רב בעטן, ער זאָל שיקן נאָך אראנסאָנען און מיט אים איבעררעדן, ער זאָל די דייטשן און די קראפט־מאשינען צוריקשיקן אהין פון וואנען ער האט זיי געברענגט; ער זאל א שטאָט מיט ארבעטער נישט צונעמען דאס ברויט.

נאָר אויב אויף אט דער „באראטונג" צווישן די עלטערע ארבעטער האט מען גאָרנישט באשלאָסן און יוצא געווען מיט א ביסל ארומאמפערן זיך, האט מען אויף א צווייט ארט, צווישן יונגוואַרג, אפנים מער באשלאסן. נישט אוועק עטלעכע טעג, און די דייטשן, בעת זיי זענען א מאָל אן אויפדערנאכט אהיימגעגאנגען פון דער געביידע, ווו זיי שטעלן אויף די קראפט־מאשינען, זענען באפאלן געווארן. מ׳האָט זיי גאר ארנטלעך מקיים פסק געווען.

מ׳האָט די דייטשן טאקע גוט צעשלאָגן, אָבער צו מאָרגנס האט מען פון אלע פאבריקן געפירט שטיקערס צום פאָליציימייסטער.

פאָליציי איז געגאנגען איבער די פאבריקן און ווו נאר ס׳איז געווען א יונג מיט א ווילעריש פנים, האט מען זיי צוזאמענגעבראכט אויף איין אָרט און באוואכטערהייט זיי אפגעפירט אין ארעסט.

א שרעק האט אלעמען ארומגענומען. פנימער זענען בלאס געווען און די הערצער האָבן געפלאטערט, אזוי ווי עס פלאטערן בלעטלעך אויף די ביימער אין ווינט... גימפל דעם געשטופלטנס מוטער, די עפל־זיצערקע, איז מיט א יאָמער געקומען צו לויפן אין קאנטאָר, אז ראָזענבלום זאָל זיך באמיען און איר פארדינער ארויסראטעווען פון דער פאליציי. אויך טעוול קנאָפּ איז פארהאלטן געווארן, מחמת איינער פון די סטראזשניקעס האט אים געדענקט פון א מאָל, ווען ער איז נאָך געווען דער אמתער טעוועלע.

אן אימה האט געשוועבט איבער די פאבריקן. קיינער איז נישט זיכער געווען, צי מ׳וועט

נישט קומען אים נעמען. אָנהייבן מיט דער פאליציי איז נישט קיין קאטאָוועס. נאר נישט פארטשעפּען זיך מיטן "רויטן קאָלנער", גייט ארום א ווערטל. און דער עלטערער דור ארבעטער, די באזוכערס פון מאקאָווערס ביר־שענקל, כדי זיך אָפּצוגרענעצן פון די יונגען, צו ווייזן, אז זיי זענען נישט איינשטימיק מיט די מעשים פון די יונגען די שקצים, — האָבן זיי זיך עטלעכע צוזאמענגענומען און ארויפגעגאנגען צום הער אראָנסאָן אראָפּרעדן זיך זייערע צעשראָקענע הערצער און בעטן, ער זאָל רחמנות האָבן און צוריקשיקן די קראפט־מאשינען.

אראָנסאָן — האבן זיי דערנאָך דערציילט — האָט זיי אויפגענומען אין קאָרידאָר, ער האט זיי אָנגערופן אידיאטן און מתרה געווען, זיי זאָלן נאָך א מאָל זיין פאָרזיכטיקער און נישט אָנפאלן אויף די דייטשן. און וואָס שייך זייער שרעק, אז די דייטשן וועלן זיי אוועקנעמען די ארבעט, איז עס נישט מער ווי צו לאכן, וואָרעם יעדער איינער וועט זיך קענען אויסלערנען ארבעטן אויף א קראפט־מאשין. די דייטשן מיינט ער גארנישט צו האלטן אויף שטענדיק, בלויז אויף דערווייל, ביז היימישע ארבעטער וועלן זיך אויסלערנען, וועלן זיי איבערנעמען די מאשינען און די דייטשן וועלן צוריק אוועקפאָרן; איבערהויפּט וועלן די דאמף־מאשינען גאָרנישט ארבעטן דאס זעלבע וואס די האנט־מאשינען... זיי וועלן גאָר ארבעטן אויף טיול און אַפּליקאציע... נאר איבערהויפּט — האט הער אראנסאן געענדיקט דעם שמועס — איז עס דאך "ווארער איזדיאָטיזמוס" זיך קעגנצושטעלן דער אנטוויקלונג פון דער מעכאניק...

אין די פאבריקן האט מען אויסגעהערט דעם באריכט פון די, וואס זענען געווען ביי אראָנסאָנען. מ'האָט נישט קלאָר פארשטאנען אלץ וואס ער האט דארט גערעדט, און נישט געוווּסט, צי מ'דארף זיין צופרידן, אדער גאר טרויעריק ווערן. נאר ווי נישט ווי, מ'איז געוווינט געווארן מיט דער נייער צרה, אז ס'זענען דא קראפט־מאשינען, מער זיך בארויקט און נישט געטראכט שוין פון נקמה.

פרץ וואלטער

1920–1904

ביז די רעוואָלוציע־יאָרן איז די יוגנט נישט געווען געזעלשאפטלעך אקטיוו. די מערסטע יוגנט פלעגט ארבעטן ביים שטיקעריי־פאַך.

די יידישע יוגנט פלעגט זיך אממערסטן אמוזירן הערמיט וואָס מען האָט ארומשפּאצירט ארום דעם ראטהויז ווו עס איז געווען דער מיליטערישער קלוב און דאָרט האָט געשפּילט דער מיליטערישער אָרקעסטער.

אין די יאָרן 1904—1905 — די רעוואָלוציאָנערע יאָרן, זענען פאָרגעקומען פּאָליטישע שטרייקן אויך אין קאליש. די שטרייקן זענען אָנגעפירט געוואָרן פון „בונד", פּועלי ציון פּ.פּ.ס. און סאָציאַל־דעמאָקראטישע פארטיי. די רוסישע מאכט האָט געהאלטן אין איין ארעסטירן די אָנפירער פון די שטרייקערס און יעדן דאָנערשטיק פרי פלעגט מען מיטן עטאַפּ די ארעסטירטע רעוואָלוציאָנערן ארויסשיקן קיין סיביר.

הארצרייסנדיקע סצענעס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אויף די גאסן, ווען די מאמעס האָבן געזען ווי זייערע קינדער ווערן פארשיקט אויף קאטאָרגע אין דעם וויטן, קאלטן סיביר.

נישט איין יידישער רעוואָלוציאָנער האָט אויסגעהויכט זיין נשמה אויפן וועג, אָדער באגראָבן געוואָרן אין דעם פראָסטיקן סיביר.

אין יאָר 1909 אָדער 1910 האָט די רוסישע רעגירונג דערלויבט אין פוילן צו אָרגאניזירן „הזמיר־קלובן".

קאָליש האָט אויסגענוצט די דאָזיקע געלעגנהייט און האָט אָרגאניזירט אזא "הזמיר"־קלוב ביי ציפּצאר אין זאל. דאָס איז געווען דער אָנהייב פון אַ יידישן פאראיין.

דער "הזמיר" האָט אריינגעבראכט א ניי לעבן אין דער יידישער יוגנט. מען האָט געזונגען צוזאמען יידישע פאָלקס־לידער און מען האָט געהאט אן אייגענעם אָרקעסטער.

אין די יאָרן 1910—1911 האָט זיך אָרגאַניזירט אין קאַליש א טורן און ספּאָרט־פאַראיין.
דער איניציאַטאָר איז געווען דער זון פון באַנקיר משה לאַנדוי. דער ספּאָרט־זאַל איז געווען אין מייזנערס געוועזענער פאַבריק. די יידישע יוגנט איז געווען שטאַרק באַגייסטערט פאַר דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע. עס איז געווען א נאַציאָנאַלער שטאָלץ דאָס טראָגן די בלוי־ווייסע העמדלעך און די בלוי־ווייסע היטלעך. די גאַנצע יידישע יוגנט איז געוואָרן פאַר־כאַפּט פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע. כמעט אַלע זענען געוואָרן מיטגלידער פון דעם טורן־פאַראיין.
די ערשטע זאַך וואָס דער טורן־פאַראיין האָט געטאָן איז געווען דער אויספלוג קיין אָפּאַטוווּעק, א זיבן מייל פון קאַליש.
די יידישע ספּאָרטלער האָבן מאַרשירט אין רייען אין די נאַציאָנאַלע מלבושים און די קריסטן האָבן געקראָגן מער דרך־ארץ פאַר די יידן, ווען זיי האָבן דערזען אַן אָרגאַניזירטן יידישן כוח.
צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן האָבן די קריסטן געזען יונגע יידישע בחורים מאַרשירן מיט געהויבענע קעפּ אין זייערע נאַציאָנאַלע קליידער און זיי האָבן פאַרשטאַנען, אז די דאָזיקע יוגנטלעכע וועט מען מער נישט קענען פּאַגראַמירן ווי א מאָל אין די אַלטע צייטן, אז די דאָזיקע יונגעלייט וועלן צוריקגעבן...
א יאָר צייט האָט געדויערט דאָס צוגרייטן די יוגנט צו דעם טורן־פעסט. די יידישע ספּאָרטלער האָבן אויף א פרייען פּלאַץ געמאַכט פאַרשידענע גימנאַסטישע איבונגען.
די גאַנצע יידישע און נישט יידישע באַפעלקערונג איז געקומען צו דעם טורן־פעסט און אַלע האָבן אויסגעדריקט גרויס באַגייסטערונג פאַר די פאַרשידענע ספּאָרט־פאַרמעסטונגען און ספּאָרט־דעפילאַדעס.
דער טורן־פאַראיין איז אָבער נישט געווען בלויז א ספּאָרט־קלוב. דער טורן־פאַראיין איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א קולטור־צענטער פאַר דער יידישער יוגנט. דאָרט האָט זיך געפונען א יידישע ביבליאָטעק אין יידיש און העברעאיש, און די יידישע יוגנט האָט געשלונגען די ביכער. דער פאַראיין האָט פון צייט צו צייט אויך דורכגעפירט לעקציעס און יידיש און עברית. דער טורן־פאַראיין האָט עקזיסטירט ביז צום אויסבראָך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.
עס איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה. די יידישע באַפעלקערונג האָט באַגריסט די דייטשן מיט ווייסע פענער און זיי פריינדלעך אויפגענומען. אָבער די דייטשן האָבן שוין דעמאָלט ארויסגעוויזן זייער אכזריותדיקייט. 6 א זייגער אין אָוונט האָבן פּלוצלינג די דייטשן אָנגעהויבן צו שיסן אין די גאַסן.
קיינער האָט נישט געוווּסט די סיבה פון זייער שיסן. פאַרשידענע קלאַנגען זענען ארומ־געגאַנגען.
עס זענען געפאַלן יידן און קריסטן.
צומאָרגנס זענען די פּוילישע און יידישע רעזערוויסטן, וואָס האָבן זיך געדאַרפט צושטעלן צום רוסישן מיליטער צוריקגעקומען קיין קאַליש, ווייל די רוסישע ארמיי איז אין צווישן אָפּגעטראָטן, האָבן די דייטשן געגעבן א באַפעל די רעזערוויסטן זיי זאָלן זיך אויסלייגן אין די גאַסן, ווער עס האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, האָבן די דייטשן דערשאָסן.
אין דער ברעסלאַווער גאַס האָבן די דייטשן געשאָסן און אויסגעשאָכטן די גאַנצע משפּחה פון דעם ציוניסטישן עסקן קאהן און א יעוואַניצער בעקער־משפּחה. עס זענען דעמאָלט געפאַלן נאָך יידישע משפּחות.
דינסטיק אין דער פרי האָבן די יידן נישט געוואָלט עפענען די געשעפטן. עס איז אָבער ארויס א באַפעל, אז די וואָס וועלן נישט עפענען די געשעפטן, וועלן באַשטראָפט ווערן. דער פּחד איז געווען זייער גרויס. די יידן האָבן געעפנט די געשעפטן, אָבער ווען די געשעפטן זענען געעפנט געוואָרן האָבן די דייטשן ווידער אָנגעהויבן צו שיסן.
און שוין דעמאָלט האָבן די פּאָליאַקן ארויסגעוויזן זייער אַנטיסעמיטישן פּרצוף. די דייטשע ארמיי, וואָס איז אריין אין קאַליש איז געווען פון פּויזן, האָבן די פּאָליאַקן ארויסגעשטעלט צלמים אין זייערע פענצטער, כדי די דייטשן זאָלן וויסן, אז אין די דאָזיקע הייזער זאָלן זיי נישט שיסן.

אין דער דאָזיקער דייטשער אָפּטיילונג זענען אָבער אויך געווען א צאָל יידישע סאָלדאטן פון דער פויזנער געגנט. איז פאָרגעקומען א מאָדנער פּארמעסט, די דייטשע סאָלדאטן וואָס זענען געווען פוילישע האָבן געשאָסן בלויז אין יידישע הייזער, און די יידישע סאָלדאטן — בלויז אין די פוילישע הייזער.

דער שרעקלעכסטער טאָג איז געווען פרייטיק.

די יידן האָבן געעפנט די געשעפטן און די דייטשן האָבן אָנגעהויבן צו שיסן דירעקט אין די געשעפטן אריין. די דייטשן האָבן אויך ארויסגעשלעפּט מענטשן פון די הייזער, מען האָט די מענטשן אויסגעשטעלט ביי דער מאגיסטראט־וואנט און זיי דערשאָסן. פאר נאכט האָט דאָס דייטשע מיליטער זיך צוריקגעצויגן פון דער שטאָט, און באשאָסן די שטאָט מיט הארמאטן. א גאנצע נאכט האָבן די דייטשן געשאָסן אויף דער שטאָט.

שבת אין דער פרי זענען דייטשע פּאטראָלן צוריקגעקומען אין שטאָט אריין, זיי האָבן געכאפּט מענער אין דער ברעסלאווער גאס, ארויסגעפירט זיי פון דער שטאָט, אויסגעשטעלט אין א ריי און געזאָגט, אז זיי וועלן דערשיסן יעדן צענטן מענטשן. די יידן זענען געווען אין גרויס שרעק. זיי זענען אלע אנטלאָפן. מען האָט אָבער נישט געהאט וווהין לויפן. אלע וועגן זענען געווען פול מיט מענטשן.

די דייטשן האָבן געהרגעט דעם דאָזאָר פון שטאָטראט פרענקל, וועלכער האָט געהאט א גרויסע שטיקעריי־פאבריק.

די דייטשע סאָלדאטן האָבן אויסגערויבט אלע געשעפטן, וואָס די יידן האָבן איבערגעלאָזט אויף הפקר, די הויפּטגאסן פון שטאָט זענען פארניכטעט געוואָרן פון די הארמאטן־שאָסן. גאנצע געגנטן האָט מען אונטערגעצונדן.

ערשט אין צוויי חדשים שפּעטער האָבן אָנגעהויבן יידן צוריקצוקומען קיין קאליש. א סך האָבן מער נישט געהאט זייערע וווינונגען. אלע געשעפטן זענען געווען אָדער פארניכטעט אָדער אויסגערויבט. די אָרעמקייט איז געווען גרויס.

איינער פון די ערשטע צוריקגעקומענע איז געווען דער געלער קאהן, א בעקער, האָט ער אָרגאניזירט א טיי־האלע אין דער יידישער שולע פאר די צוריקגעקומענע יידן, זיי זאָלן האָבן א ווארעם גלאָז טיי. די יידישע יוגנט האָט פרייוויליק געארבעט אין דער טיי־האלע. דער הונגער צווישן דער יידישער באפעלקערונג איז דעמאָלט געווען זייער גרויס. דורך דעם הילפס־קאָמיטעט איז אויך געשאפן געוואָרן א קיך, ווו מען האָט געקענט קריגן א שטיקל ברויט, זופּ און געקאָכטע קארטאָפל בחינם, א שטיקל פלייש איז געווען א לוקסוס. גרויסע רייען פון פרויען, מענער און קינדער זענען געשטאנען אין דער ריי צו באקומען א מאָלצייט.

אין די יאָרן 1915—1916 האָט די דייטשע מיליטערישע מאכט געכאפּט יונגעלייט אין די גאסן און זיי פארשיקט אויף צוואנגס־ארבעט הינטערן פראָנט. דאָס רוב פון די געכאפּטע זענען געווען יידן. די וואָס האָבן נישט געהאט קיין כוח צו ארבעטן שווער, זענען געשלאָגן געוואָרן מכת רצח. א צאָל זענען אומגעקומען. מיין ברודער אברהם יעקב וואלטער איז געווען איינער פון די געכאפּטע. ער האָט געהאט מזל און איז צוריקגעקומען בשלום.

אין די יאָרן 1916—1917, האָט די דייטשע רעגירונג צוריק דערלויבט די פארשידענע פארטייען זיי זאָלן מעגן ווידער פונקציאָנירן אין פוילן. אויך דער טורן־פאראיין איז צוריק געעפנט געוואָרן, אין 1915—1916, אין נייעם זאל אויף וויעסקא־גאס.

גימנאסטיק האָט געלערנט א געוועזענער דייטשער אָפיציר, וואָס איז געווען א פארוווּנדעטער. מען האָט צוריק איינגעפירט טורן־פעסטן און דער טורן־פאראיין האָט צוריק געעפנט א גרויסע ביבליאָטעק. דער טורן־פאראיין האָט אויך איינגעפירט קורסן פאר יידיש און העברעיש. וויסנשאפטלעכע לעקציעס האָט געגעבן חבר ראָט. שמואל ארקוש האָט געגעבן עברית־לעקציעס.

עס איז אויך צוריק אָרגאניזירט געוואָרן דער כאר, אָנגעפירט דורכן דיריגענט קראָטשאנסקי. דער כאָר האָט דורכגעפירט קאָנצערטן. עס האָט זיך אויך געשאפן א דראמאטישע סעקציע, וואָס האָט פון צייט צו צייט געגעבן פאָרשטעלונגען.

דער טורן־פאראיין האָט אויך אנטייל גענומען אין דער גרויסער אלימפּיאדע פון אלע יידישע ספּאָרט־פאראיינען אין פוילן, וואָס איז פאָרגעקומען אין לאָדזש. אויך האָט דער טורן־

ספאָרט־פאַראיין געהאַט אַן אייגענעם טורן־אינסטרוקטאָר — קיאַווסקי וואָס האָט אין דער שטאָט שעראַדז דורכגעפירט אַ טורן־פעסט.

אין יענע יאָרן האָבן זיך צוריק אנגעהויבן אָרגאַניזירן די יידישע פּאָליטישע פּאַרטייען, ווי דער "בונד" און פּועלי ציון. די יידישע יוגנט איז געווען אמיינסטן אַנגעשלאָסן אין דעם יידישן טורן־פאַראיין — באַזונדערס די יידישע שטודירנדיקע, וואָס האָבן באַזוכט פּוילישע האַנדל־שולן.

די אסימילירטע יוגנט האָט נישט געוווסט וואָס מיט זיך צו טאָן. יעדער פון די יוגנט לעכץ האָט געזוכט אַנצושליסן זיך אין אַ פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע. האָבן זיי פאַר אין ברירה זיך אָנגעשלאָסן אין בונד. די נאַציאָנאַלע יידישע יוגנט, די פּאָלקס־מענטשן, האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער פּועלי־ציון־פּאַרטיי.

אַ גרויסע צאָל פון דער יידישער יוגנט זענען געווען מיטגלידער פון דער טיי־האַלע. זיי האָבן באַשלאָסן צו בייטן דעם נאָמען פון דער טיי־האַלע אויפן נאָמען "אַרבעטער־היים".

די אָנפירער פון "אַרבעטער־היים" זענען געווען: מאַנטלע קלעטשעווסקי, חוה און ישראל שורעק, לעשטשינסקי, איך, יחיאל פאַקענטרעגער, שמואל אַרקוש, זאַוואַדזקי. די אָנפירער פון "אַרבעטער־היים" האָבן אָרגאַניזירט לעקציעס. די מערסטע לעקציעס זענען געגעבן געוואָרן פון חבר פאַקנטרעגער. ער איז געווען אַן אינטעליגענטער און געלערנטער מענטש, ער איז אין יאָר 1905 פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר פאַר זיינע רעוואָלוציאָנערע אַרבעטן.

"אַרבעטער־היים" האָט אויך אָרגאַניזירט אַ קאָאָפּעראַטיווע קראָם פאַר ביליקע פּרייזן. ער האָט אויך אָרגאַניזירט אַן אַרבעטער־קיך, ווו מען האָט באַקומען אַ ביליקן מאָלצייט (אויף לאַזונגע גאַס נעבן קאַרפּוס). סובסידיעס זענען געקומען פון די קאַלישער הילפס־פאַראיינען אין אַמעריקע.

ווען פּוילן איז געוואָרן זעלבשטענדיק, האָבן מיר אָרגאַניזירט אַ קינדערהיים, ווו מען האָט די קינדער געגעבן צו עסן און מיט זיי געלערנט.

אויף דער יידישער גאַס זענען נאָך טעטיק געווען די פּאַרטייען, "בונד", צעירי ציון און אַלגעמיינע ציוניסטן, פּאָלקיסטן און אַנדערע.

אויף דער פּוילישער גאַס האָבן זיך אָרגאַניזירט די ענדעקעס, פּ.פּ.ס., און פּוילישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן. יעדע פּאַרטיי האָט אָרגאַניזירט פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. די קאָמוניסטן האָבן אָנגעהויבן אָרגאַניזירן די אַרבעטער, וואָס זענען געווען באַשעפטיקט ביים אָפּרייניקן די חורבות, וואָס זענען געבליבן פון דער דייטשער צעשיסונג פון דער שטאָט. אין דעם קאָמוניסטישן קלוב, ביי ווייל אַנדן אין הויז, פלעגן יעדן אָוונט פאָרקומען פאַרזאַמלונגען. מען האָט געפירט דיסקוסיעס וועגן רעוואָלוציע, וועגן ברידערלעכקייט, וועגן פאַרבעסערן די לאַגע פון אַרבעטער און וועגן געבן בעסער ברויט. דאָס ברויט וואָס מען האָט דעמאָלט געבאַקן איז געווען מיט אַ גרויסן פּראָצענט שטרוי. כדי דאָס צו דערגרייכן, האָבן די קאָמוניסטן דערקלערט אַ שטרייק פון די אַרבעטער, וואָס זענען געווען באַשעפטיקט ביים אָפּרייניקן די חורבות.

אַ פּאָר טעג פאַר פּורים 1919 איז דערקלערט געוואָרן דער שטרייק. פון גאַנץ פרי אָן האָט מען געפילט, אַז דער שטרייק וועט נישט אָפּגיין גלאַטיק.

מיר האָבן געהאַט אַ וואורשטן־געשעפט אין דער יידישער גאַס. איך האָב געעפנט דאָס געשעפט גאַנץ פרי. אַרום 9 אַ זייגער אין דער פרי קומט אַריין מיין מוטער און דערציילט מיר, אַז זי איז דורכגעגאַנגען די פּאָליציי־סטאַנציע און זי האָט געזען ווי דער פּאָליציי־מייסטער (אַ גרויסער אַנטיסעמיט. פאַר דער אַנטשטייונג פון פּוילן האָט ער געהאַט אַן אַפּטייק אויפן נייעם מאַרק) טיילט פאַפּיראָסן די שוואַרץ־אַרבעטער פון דעם קאָמוניסטישן פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין. די מאַמע זאָגט צו מיר: "פּרץ, עפּעס איז מיר דער פּאָליציי־מייסטער צו פריינדלעך צו די אַרבעטער, איך האָב מורא, אַז היינט וועט עפּעס פּאַסירן"!...

איך פאַרלאָז באַלד דאָס געשעפט און לויף אַרויף אין "אַרבעטער־היים" און איך דערוויס זיך, אַז די קאָמוניסטן ווילן דורכפירן אַ דעמאָנסטראַציע. די פּ.פּ.ס. וועט זיך נישט באַטייליקן.

די דעמאָנסטראַציע פון די קאָמוניסטן דאַרף זיך אָנהייבן אַרום צען אַ זייגער אין דער פרי, דורכמאַרשירן דעם נייעם מאַרק און דורכגיין די טשאַסנאַ־גאַס, ווו אונדזער "אַרבעטער־

היים״ געפינט זיך. זיי ווילן, אז מיר, פועלי ציון, זאָלן זיך סאָלידאריזירן מיט זיי און זיך אָנשליסן אן זייער דעמאָנסטראציע.

מיר רופן גלייך א זיצונג און עס אנטוויקלט זיך א דיסקוסיע. די גרעסטע צאָל חברים זענען קעגן דעם, אז מיר זאלן זיך באטייליקן אין דער דעמאנסטראציע, ווייל די פ.פ.ס. נעמט נישט קיין אנטייל. א מינדערהייט איז פאר יאָ באטייליקן זיך, ווייל די דעמאָנסטראציע שטעלט ארויס בלויז עקאָנאָמישע פאָדערונגען.

די דעמאָנסטראציע האָט זיך אָנגעהויבן אין דער באשטימטער צייט, און ווען זי האָט דורכמארשירט אונדזער ״ארבעטער־היים״, האָבן א צאָל חברים געכאפט די רויטע פאָן פון דער פועלי ציון פארטיי, וואָס האָט געהאט רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען און ארויסגעלאָפן זיך אָנשליסן אין דער דעמאָנסטראציע. ספאָנטאן זענען אויך אנדערע חברים זיי נאָכגעגאנגען און אזוי האָבן מיר פאָרמירט אן אייגענע פועלי־ציון־דעמאָנסטראציע אין די קאָמוניסטישע רייען.

מיר האָבן געזונגען רעוואָלוציאָנערע לידער, אונדזער געזאנג האָט אָפגעהילכט אין די גאסן, די דעמאָנסטראציע איז געוואקסן. מיר האָבן דורכמארשירט די אגראָדאָווע גאס, וו עס איז געווען דער לאָקאל פון ״בונד־צוקונפט״ און אויך די חברים פון ״בונד״ האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער דעמאָנסטראציע.

אזוי האָבן מיר מארשירט ביז מיר זענען צוגעקומען צום טויער פון מאגיסטראט. דאָרט האָט זיך די דעמאָנסטראציע אָפגעשטעלט און א פאָרשטייער פון די קאָמוניסטן האָט זיך געווענדט אין א רעדע צום בירגערמייסטער פון שטאָט און פארלאנגט מען זאָל די ארבעטער געבן בעסער ברויט.

אָבער עפּעס איז געוואָרן אויפפאלנדיק, אז בעת דער פאָרשטייער פון די קאָמוניסטן האט גערעדט זענען א סך קאָמוניסטישע דעמאָנסטראנטן פארשווונדן. זיי זענען ארויפגעקראָכן אויף די חרובע מויערן פון מייזנערס האנטשטיקעריי־פאבריק. און ווען דער רעדנער האָט פארענדיקט זיין רעדע, זענען די כוליגאנעס, וואָס זענען געשטאנען אויף די מויערן, באפאלן די קאָמוניסטישע פירער. זיי האָבן מיט לאנגע דרענגער געשלאָגן זייערע אייגענע ״חברים״ און פון דער צווייטער זייט פון די חורבות האָבן די כוליגאנעס אָנגעהויבן ווארפן אויף אונדז שטיקער ציגל.

מיר האָבן זיך גלייך אָריענטירט, אז דאָס איז א פראָוואָקאציע און אז מיר מוזן ווייטער מארשירן אין דער דעמאָנסטראציע. מיר זענען צוגעקומען אויף דער ברעסלויער גאס, צו דעם בנין וו בורזשין האָט געהאט זיין פאפיראָסן־געשעפט, און דאָרט האָט זיך אָפגעשפילט די גרויסע טראגעדיע.

די כוליגאנעס זענען אָנגעפאלן אויף יידן. א צאָל יידן זענען געווען צעבלוטיקט. איך און מיין חבר ראָגאָזשינסקי האָבן געהאלטן פעסט אונדזער פועלי־ציון־פאָן. די פאָגראָמשטשיקעס האָבן געוואָלט פון אונדזערע הענט ארויסכאפן די פאָן. די פאָן איז אויף א ווילע אראָפגעפאלן אויף דער ערד. צוויי כוליגאנעס האָבן געוואָלט זי כאפן. איך האָב מיטן פוס א זעץ געגעבן אַ כוליגאן. מיין חבר ראָגאָזשינסקי האָט צוריק אויפגעהויבן די פאָן פון דער ערד און איז מיט איר אנטלאָפן. אין צווישן האָב איך ארויסגעריסן דעם דראָנג פון צווייטן כוליגאן און האָב געפאָכעט אין אלע זייטן, אזוי אז זיי האָבן אויך געפילט דעם טעם פון יידישע קלעפּ.

איך בין געלאָפן אין דער ״ארבעטער־היים״ אריין. אויפן וועג האָב איך געקראָגן א שטיין אין קאָפּ און אין דער קני. מיין פנים איז געווען פארבלוטיקט, אָבער איך בין ווייטער געלאָפן. און פלוצלינג דערזע איך ווי פון א הויז קומט ארויס א סטרוזשקע מיט א הילצערנעם טרעפ אין דער האנט און דערלאנגט א קלאפ א יידיש ייִנגל איבערן קאָפּ. איך בין גלייך צו איר צוגעלאָפן, ארויסגעריסן דעם הילצערנעם טרעפ פון איר האנט און האָב איר געגעבן א זעץ איבערן קאָפּ. זי האָט געגעבן א קוויטש ״אָ יעזוס״.

דערנעבן איז געווען א שפיטאָל פון פוילישע סאָלדאטן (דאָרט איז געווען א רעאַל־שולע אין דער צייט פון רוסישן רעזשים), די סאָלדאטן האָבן דערהערט אירע געשרייען, זענען

זיי ארויס און מיך נאָכגעיאָגט. איך בין צוגעלאָפן אינעם לאָקאל "צוקונפט" פון בונד. איך האָב זיך באַהאַלטן אויפן בוידעם און דאָרט געלעגן א שעה צייט, דאַן בין איך צוגעלאָפן צו דער חברטע לעוויט (שוסטער־געשעפט, זי געפינט זין היינט אין ישראל). זי האָט מיר פארבאַנדאַזשירט דעם קאָפּ און דעם פּוס. איך בין דאַן געלאָפן צו דער יידישער גאַס, דאָרט האָב איך זיך דערוווסט, אז די כוליגאַנעס האָבן געמאַכט אַן אמתן פּאָגראָם. די פּאָליציי איז "פּלוצלינג" פארשווונדן, און די פּאָגראָמטשיקעס האָבן געבושעוועט פריי, זיי האָבן צעראַבעוועט יידישע געשעפטן און געמעמיתט יידן.

די כוליגאַנעס האָבן געפּרוווט זייער מזל אויך אויפן צווייטן טאָג. זיי זענען צוגעקומען צו די יידישע יאַטקעס, אָבער דאָ האָבן זיי געכאַפּט זייער סוף. די יידישע קצבים זענען ארויס מיט העק און מעסערס און זיך אָקעגנגעשטעלט. עס איז געווען א בלוטיקער קאַמף. איין כוליגאַן איז שווער פארוווּנדעט געוואָרן און משה אנזעל, א קצבס א זון, איז דערשטאָכן געוואָרן אויף טויט. עס איז אויך שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן יהושע ראָזנבלאַט, דער פאָטער פון מיין חבר העניעך ראָזנבלאַט, און ער איז שפּעטער געשטאָרבן פון די ווונדן.

דער פּאָגראָם האָט אָנגעהאַלטן צוויי טעג. די פּוילישע צייטונגען האָבן געשריבן, אז אין דער פּאָליציי געפינט זיך די פּועלי ציון־פאַן מיט אירע רעוואָלוציאָנעלע לאָזונגען קעגן דער פּוילישער רעגירונג. דער ציל פון דער מעלדונג איז געווען אָנצוהייבן א נייע העצע קעגן די יידן. דאָס איז געווען א בפירושער ליגן. דער אמת איז געווען, אז די פאָן איז געווען ביי אונדז.

דער פּאָגראָם אין קאַליש האָט געהאַט אַן אָפּקלאַנג איבערן גאַנצן לאַנד. די יידישע דעפּוטאַטן אין סיים האָבן אינטערפּעלירט. עס איז געשאַפן געוואָרן א קאָמיסיע פון סיים־דעפּוטאַטן אויסצופאָרשן דעם פּאָגראָם. א טייל כוליגאַנעס האָבן געקראָגן לייכטע שטראָפן, אָבער דער הויפּט־אָנפירער פון פּאָגראָם, דער פּאָליציי־מייסטער, איז נישט אָנגערירט געוואָרן...

צוויי טעג נאָך דעם פּאָגראָם איז געקומען די ערשטע הילף פון "דזשאָינט". עס איז געקומען קיין קאַליש דער פאָרשטייער פון דעמאָלטיקן "פּיפּלס רעליף", ברוך צוקערמאַן (היינט אין ישראל). ער האָט געהאַלטן א לעקציע אין "ארבעטער־היים" און באַרויקט די יידישע איינוווינער פון שטאָט. ער האָט אונדז געגעבן קוראַזש און צוגעזאָגט הילף פון אמעריקע. די קאַלישער לאַנדסלייט אין אמעריקע האָבן אויך אָנגעהויבן צושיקן אונדז הילף.

אין יענער צייט איז געווען אין אמעריקע אלס שליח פון פּוילישן יידנטום דער יידישער דעפּוטאַט ד"ר ראָזנבלאַט פון לאָדזש. ער האָט דעמאָלט געקראָגן געלט פון די קאַלישער לאַנדסלייט אין ניו־יאָרק פאַר אונדזער שטאָט קאַליש.

די קאַלישער לאַנדסלייט אין ניו־יאָרק זענען דעמאָלט געווען פאַראייניקט אין איין קאַלישער קאָמיטעט צו שאַפן געלט פאַר די יידן אין קאַליש. אינעם ניו־יאָרקער קאָמיטעט זענען געווען אָנגעשלאָסן דער קאַלישער לאָדזש, דער קאַלישער ברודער פאַראיין, דער קאַלישער יאָנג מען ארבעטער־רינג, ברענטש נומער 241.

מיר האָבן דעמאָלט געקראָגן פון דעם פאַראייניקטן קאַלישער הילפס־קאָמיטעט אין ניו־יאָרק איבער 3000 דאָלאַר. דאָס איז אין יענע יאָרן געווען א גאַר היפּשע סומע. דאָס געלט איז אָנגעקומען פאַר פּסח. אינעם קאָמיטעט אין קאַליש, זענען געווען פאַרטרעטן פאָרשטייער פון אלע יידישע פּאַרטייען. מיר האָבן געגעבן געלט אויף מצות און אויף קאַרטאָפל. מיר האָבן אויך פאַרטיילט געלט פאַרן יידישן שפּיטאָל, פאַרן מושב זקנים, אויך פאַר דעם רבס ישיבה און פאַר די קינדערהיימען פון ביידע פאַרטייען פון פּועלי ציון און "בונד".

אין משך פון די דאָזיקע יאָרן, ביז מיין פאַרלאָזן קאַליש, זענען אָפט געמאַכט געוואָרן כוליגאַנישע אָנפאַלן אויף יידן אין שטאָט, אָבער די יידישע יוגנט האָט געוווּסט ווי צו שטעלן א ווידערשטאַנד און זיי אָפּצאָלן כפל כפליים.

אין יאָר 1920 האָב איך פאַרלאָזט קאַליש און אָפּגעפאָרן קיין אמעריקע.

לעאָן סאָלניק

אונדזער שטאָט

אויף גרינע אינדזלען מיט אַלטע בריקן צווישן אַלעען, פּאַרקן און גערטנער — ליגט אויסגעשפּרייט די שטאָט קאַליש. אַ שטראָם פון טיפן וואַסער צעשניידט דעם שטח פון דער שטאָט. דאָ דאָמינירט דאָס וואַסער — צוזאַמען מיט דער זון, וואָס פאַרברוינט די המונים אויף דער פּלאַזשע, צוזאַמען מיטן ווינט, וואָס קילט און גלעט.

די יוגנטלעכע אַנטוויקלען זייערע קערפּערס אויפן גרויסן סטאַדיאָן, אויף די פוטבאָל־פּלעצער, ביים שיפן זיך. די שיפלעך־פּאַרטן שניידן זיך אַריין אין וואַסער און דינען אַלס אָפּשטעל פאַר די שיפלעך און מידע רודערערס. ווינטער ליגן געקאָוועט אין אייז די הויפּט־קאַרעטע פון טייך פּראָסנאַ, דער „קאָגוטאַק" און די קליינע אָזיערע. דאָרט קומען פאַר די ווינטער־שפּילן. מען גליטשט זיך אויף ליזשעס און נאַרטעס.

ווען עס נעמט צופאַלן דער אָוונט, פּילט אָן די יוגנט דעם ריזיקן פּאַרק, וואָס געדענקט נאָך די טעג פון קאַזשימיעזש דעם גרויסן, דאָס וועלדל, די אַלעען, די גראָז־בייטן, נישט בלויז אויף די ברעגן פון דער פּראָסנאַ, נאָר אויך אין צענטער שטאָט.

אין צענטער פון קאַליש, אויפן הויפּט־מאַרק, געפינט זיך דער שיינער בנין פון שטאָטראַט, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט קראָמען, מיטן אויסנאַם פון דעם הויפּט־איינגאַנג, איבער וועלכן עס געפינט זיך אַ דאַך אויף זיילן. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט מען רעמאָנטירט דעם בנין און אים געענדערט אין רענעסאַנס־סטיל.

די קאַנאָניצקאַ־גאַס פירט צום אַלטן קאָשטשאָל פונעם הייליקן מיקאָלאַי, וואָס פאַרבינדט די קעלערס פון דעם אַמאָליקן באַשיצטן שטאָט־פּערטל מיט די קעלערס פון דער געוועזענער גימנאַזיע אַ. נ. פון אַסניק. די דאָזיקע אונטערערדישע פאַרבינדונג ציט זיך צום ריזיקן בנין אויפן הויפּט־מאַרק, צום קלויסטער פונעם הייליקן מיקאָלאַי און גייט אַרויס אויף רופּינעק. פּאַראַלעל צו דער קאַנאַניצקאַ, פון דעם הויפּט־מאַרק הייבט זיך אָן דער יידישער פּערטל.

אויף זלאָטאַ־גאַס, וואָס ווערט גערופן די יידישע גאַס, און איז פאַרבויט מיט שמאָלע צווישטאָקיקע הייזער, זעט זיך פון לינקס די גרויסע שול מיט די ביזאַנטישע קאָפּולן. זי איז אָפּגעטיילט פון דער גאַס מיט אַ גרויסן גראָזפּליין, אָן אַדורכגעשניטענעם מיט שטעגלעך און אַרומגענומען מיט בענק. דער גראָז־פּליין איז אָפּגעצוימט פון דער גאַס מיט אַ שיינעם אייזערנעם פּאַרקן אויף אַ געמויערטן פונדאַמענט (אַ מתנה פון טיקאָטשינער).

נעבן דער שול האָט זיך געפונען אַ בית־מדרש פון 13טן יאָרהונדערט, און אין אַריינגאַנג — אַן אַלטערטימלעכער שטיינערנער כיור. אָט דאָס בית־מדרש האָט אַרויסגעגעבן אין משך פון דורות באַרימטע רבנים און פּוסקים. אַ ביסל אין אַ זייט האָט זיך אַרויסגעזען דאָס נייע בית־מדרש — דאָס איינציקע וואָס איז געבליבן.

פאַר דער בריק, רעכטס, — געפינען זיך די אַלטע יאַטקעס. אויף דער נאַדוואָדנאַ־גאַס, ביי אַן אָפּצווייג פון דער פּראָסנאַ, זענען פאַראַן די איבעריקע יאַטקעס. די אַלע זייטיקע גאַסן, צוזאַמען מיט ראָסמאַרק, האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט דעם צענטער פון פּערטל. אויף יענער זייט בריק, פון דעם פּראָסנאַ־קאַנאַל, הויבט זיך אָן די נאָווא־גאַס, וועלכע ווערט דאָ און דאָרט איבערגעהאַקט דורך די גאַסן באַבינאַ, ציאַסנאַ און שאָפּען, וואָס ציט זיך ביז מאַיקאָווסקאַ.

ווי נאָענט איז יענע צייט, ווען די יידישע באַפעלקערונג האָט געלעבט רויק און גליקלעך, נישט געווען אָפּגעשלאָסן אין איר פּערטל, נאָר געוווינט צווישן אַלע אַנדערע איינוווינער, אין גוטע שכנישע באַציונגען. נישט בלויז רעליגיעזע שולן האָבן יידן פאַרמאָגט, נאָר אויך וועלטלעכע, מיט דער אונטעררריכט־שפּראַך אין פּויליש און יידיש, און בראש פון זיי — די יידישע גימנאַזיע.


לעאָן סאָלניק

ביי די פאַרשידענע פאַראיינען און חברהס האָבן עקזיסטירט לייען־זאַלן און ביבליאָטעקן. דער פאַרבאַנד פאַר גימנאַסטיק און ספּאָרט האָט פאַרמאָגט אַ ביבליאָטעק און לייען־זאַל, וואָס

איז אָרגאניזירט געוואָרן דורך זשעפּקאָוויטש, בינשטאָק און קלעטשעווסקי. אָט דער פאַרבאַנד איז געגרינדעט געוואָרן דורך הערמאַן לאַנדאַו צוזאַמען מיט צימער און מייזנער. פּאָרזיצערס זענען געווען סאָלניק, פרידע א״א. דער פאַרבאַנד האָט געשאַפן א שטאַב פון דערציער און אָנפירער פון די פאַרשידענע סעקציעס, צווישן זיי: קויאַווסקי, לאַשטשעווסקי, אראָנאָוויטש, פּערלע, קלעטשעווסקי און ביילינקע מעסינג. דעם אָרקעסטער האָט געשאַפן און אויך אָנגעפירט וויטקאָווסקי. די רעפּרעזענטאַנץ־סעקציע פון פוטבאָל איז געפירט געוואָרן דורך זייפע און לעאָן שורעק.

עס זענען אויך געווען ביבליאָטעקן און לייען־זאַלן פון די אַרבעטער, א ספּאָרט־קלוב „שטערן״, אַרבעטער־און קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוון, שולן פון פּועלי ציון און פון ציש״אָ. עס האָבן עקזיסטירט פראָפעסיאָנעלע פאַראייניגונגען פון שטיקערס, נאָדל, שוסטער, טראַנספּאָרט. ביים האַנטווערקער־פאַרבאַנד האָט עקזיסטירט א פאַך־שול.

די ציוניסטישע באַוועגונג, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך קראַקאָווסקי, הערמאַן סאָלניק, ד״ר צוקער, וועלטסמאַן און בוקי, האָט אָרגאַניזירט א פילשפּראַכיקע ביבליאָטעק מיט א לייען־זאַל, קורסן צו דערלערנען העברעיש און האָט זיך באַטייליקט אין אַלע וואַלן.

די מוסטער־שול א. נ. עליזאַ אָזשעשקאָוואַ, מיט דער פּוילישער לערן־שפּראַך, האָט זיך געפונען אין אַן אייגענעם בנין. אויך דאָס יידישע שפּיטאָל, מיט א גרויסער אויפנעם־מעגלעכקייט און מיט אַלע ספּעציעלע אָפּטיילונגען, האָט זיך געפונען אין אַן אייגענער געביידע.

עס איז כדאי צו דערמאָנען די „אַרבעטער־היים״, וואָס האָט געשפּילט א גרויסע ראָל ביים פאַרשפּרייטן קולטור און דעם פּראָגרעסיוון געדאַנק. די אינסטיטוציע האָט זיך געפונען אויף ציאַסנאַ־גאַס. אַחוץ די דריי קליינע צימערן האָט דער לאָקאַל פאַרמאָגט א גרויסן זאַל, אין וועלכן עס פלעגט פאָרקומען רעפעראַטן, פאַרזאַמלונגען און פאָרשטעלונגען. דאָס איז געווען א לעבעדיקע קערפּערשאַפט, פילבאַר צו יעדער געזעלשאַפטלעכער פראַגע. אין לאָקאַל פון דער צענטראַלע פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראייניגונגען האָט זיך געפונען א בופעט. דאָרט האָט זיך אויך געפונען דער דראַמאַטישער קרייז, וואָס איז אַרויסגעטראָטן אין קאַליש און אומגעגנט. די רעזשיסאָרן זענען געווען יאַקובאָוויטש און שיראַדזקי.

דער אַרבעטער־ספּאָרטקלוב „שטערן״ האָט פאַרמאָגט גרופּעס פאַר גימנאַסטיק און פוטבאָל, א ביבליאָטעק, א לייען־זאַל און אַן אָרקעסטער. אין די שבתים זענען דאָרט געוואָרן איינגעאָרדנט רעפעראַטן פון ד״ר קלינגער, ד״ר ראָזענטאַל, ד״ר סאָלניק, ד״ר שיפּער, אינזש. נוימאַן און אויך פון רעפערענטן פון וואַרשע. אָפט זענען פאָרגעקומען ליטעראַרישע אָוונטן.

ביכער און צייטונגען זענען געוואָרן פאַרקויפט אין בוכהאַנדלונגען פון קאַפּלאַן, וועלטסמאַן און גרין. אין קאַליש זענען געווען דריי דרוקערייען: פון שיראַדזקי, שטשעטשינסקי און קאָהן. אין שיראַדזקיס דרוקעריי איז געוואָרן געדרוקט דאָס פאַרשפּרייטסטע וואָכנבלאַט אין קאַליש און אומגעגנט — „דאָס קאַלישער לעבן״. די פּראָווינצער צייטשריפטן פלעגן פון דאָרט איבערדרוקן פעליעטאָנען, קליינע דערציילונגען, לידער. די דאָזיקע צייטונג איז געוואָרן רעדאַגירט און אָנגעפירט דורך הערמאַן סאָלניק, מיט דער באַטייליקונג פון ראָזאַ יאַקובאָוויטש, ווירושעסקי, קלינגער, סעגאַלאָוויטש, הערשעלע דאַנילעוויטש און פיל אַנדערע.

אַחוץ דער אויבנדערמאָנטן יידישן ראַיאָן, האָט זיך אויך געפונען א יידישע צענטער אויף דער דאַבזשעצקאַ־גאַס, אָבער קיין אינסטיטוציעס זענען דאָרט נישט געווען.

דער קאַלישער יידישער ישוב האָט געלעבט מיט זיין אויטאָנאָם נאַציאָנאַל לעבן. און דאָס אַלץ איז געוואָרן אויסגעריסן מיטן וואָרצל. די יידן זענען געוואָרן דערמאָרדעט, דאָס פאַרמעגן איז געוואָרן אויסגערויבט, די הייזער זענען געוואָרן צעשטערט. אַלץ איז געוואָרן באַוואַקסן מיט גראָז. אפילו דאָס אַלטע בית־עולם איז פאַרשוווּנדן און אויף דעם אָרט האָט מען אויס־געבויט הייזער. געבליבן איז בלויז א קליינער טייל פון אים, אַרומגעצוימט מיט שטעכלדראָט. געבליבן זענען איינצלנע יידן. זיי האָבן דורכגעמאַכט דאָס גיהנום, כדי צו דערציילן פאַר דער וועלט וועגן דעם מאַסנמאָרד, וואָס זיין גלייכן איז נישט געווען אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט.

אלים

אינסטיטוציעס און פאראיינען

קליינהענדלער־פאראיין

אז דער קליינהענדלער־פאראיין איז איינע פון אונדזערע נויטיקסטע און וויכטיקסטע אינסטיטוציעס — אין דעם צווייפלט קיינער נישט. דאָס איז איינע פון אונדזערע שוץ־ברעטער קעגן דעם שווערן האָגל פון גזרות, וואָס פאלן כסדר אויף אונדזערע קעפּ.

ס׳טרעפט אָבער, אז אזעלכע וויכטיקע אינסטיטוציעס ווערן געשאפן צוליב א צופאל, אז אן איינצעלנער פאל איז די שטויס־קראפט, וואָס באוועגט, אז די אינסטיטוציעס זאָלן געשאפן ווערן, כאָטש מיר קענען זיך אָן איר נישט באגיין.

דער דאָזיקער צופאל איז אויך געווען ביי דער אנטשטייונג פון קליינהענדלער־פאראיין.

מיט דריי יאָר צוריק איז שטארק געווען פארשפרייט דאָס פאָרן אין פויזנער געגנט מיט פארשידענע סחורות, צווישן די דאָזיקע סוחרים האָבן זיך געפונען א היפש ביסל קאלישער יידן, וואָס דאָס איז געווען זייער איינציקע פרנסה.

מיט איין מאָל, דאָס איז געווען פאר ניי־יאָר, ווען די סוחרים זענען געקומען אין שטייער־אמט אויסקויפן פאטענטן, האָט מען זיי דערקלערט, אָז לויט א פאראָרדענונג פון מיניסטעריום, וועט מען קיין פאטענטן צו פאָרן אין פויזנער געגנט נישט ארויסגעבן. צווישן די סוחרים האָט די דאָזיקע ידיעה ארוסגערופן א גרויסן טומל, ס׳האָט געדראָט פאר הונדערטער משפחות צו פארלירן די פרנסות.

לויט דער איניציאטיוו פון א יונגנמאן, א געוויסר ה׳ פראָסט, איז צוזאמענגערופן געוואָרן א פארזאמלונג אין לאָקאל פון דער ״אגודה״, נאָווא 7. דעמאָלט האָט מען כלל נישט גערעדט וועגן גרינדן א פאראיין אָדער עפּעס ענלעכס. מ׳האָט גערעדט אויסשליסלעך וועגן דער גזירה נישט צו געבן קיין פאטענטן, צום סוף איז באשלאָסן געוואָרן צו שיקן א דעלעגאציע קיין ווארשע און אין דער שפיץ פון דער דעלעגאציע איז באשלאָסן געוואָרן צו שטעלן דעם דעמאָלט שוין באקאנטן כלל־טוער ה׳ העבער.

די ארבעט פון דער דעלעגאציע האָט געברענגט גוטע רעזולטאטן, ווייל באלד איז די גזירה אראָפּגענומען געוואָרן און מ׳האָט צוריק אָנגעהויבן ארויסגעבן פאטענטן אין פויזנער געגנט.

נאָכדעם ווי די דעלעגאציע איז צוריקגעקומען פון ווארשע, איז צוזאמענגערופן געוואָרן א צווייטע פארזאמלונג פון אלע אזוי גערופענע פויזנער פאָרער, ווו ס׳איז אָפּגעגעבן געוואָרן א באריכט וועגן דער טעטיקייט פון דער דעלעגאציע.

אויף יענער פארזאמלונג איז אויפגעשווומען די פראגע צי ס׳וואָלט נישט געווען געווונטשן צו שאפן א פאראיין, וואָס זאָל כסדר שטיין אויף דער וואך פאר די אינטערעסן פון די פויזנער פאָרער, איך באטאָן די פויזנער פאָרער — ווייל ס׳איז דאמאָלט קיינעם נישט איינגעפאלן צו שאפן א קליינהענדלער־פאראיין, נאָר ס׳איז גערעדט געוואָרן וועגן א פאראיין פון פויזנער פאָרער.

די דאָזיקע מיינונג איז מיט צופרידנקייט אויפגענומען געוואָרן דורך די פארזאמלטע און ס׳איז געווילט געוואָרן א צייטווייליקע פארוואלטונג, וואָס האָט גלייך אָנגעהויבן די איינשרייבונגען פון מיטגלידער.

באלד ביים אָנהייב האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דער באגריף וועגן א פאראיין פון פויזנער פאָרער איז צו ענג און אז ער מוז פארברייטערט ווערן.

די ארבעט איז דערוויל געפירט געוואָרן פּראָוויזאָריש, ס׳איז נישט געווען קיין אייגענער לאָקאל און אנדערע איינריכטונגען, און אין משך פון א קורצער צייט האָבן זיך פארשריבן לערך הונדערט און פופציק מיטגלידער.

ס׳איז פאָרגעקומען די אלגעמיינע פארזאמלונג, ווו ס׳זענען געווילט געוואָרן די געהעריקע אָרגאנען. די עקזיסטענץ פון א קליינהענדלער־פאראיין איז שוין געווען א געשעענער פאקט. דער לאָקאל פון פאראיין האָט זיך געפונען אויף נאָווא 7.

מיט דער צייט האָט זיך אָנגעהויבן א שנעלער וווקס פון מיטגלידער און אין משך פון עטלעכע חדשים האָט די צאָל שוין דערגרייכט פיר הונדערט, א האלב יאָר נאָך דער אלגעמיינער פארזאמלונג האָט זייער צאָל שוין דערגרייכט אכט הונדערט.

סיבות פאַרן שנעלן וווקס פון מיטגלידער זענען געווען פארשידענע. פיל קליינהענדלער האָבן זיך נישט געקענט צופאסן צו דער שטייפקייט, וואָס האָט געהערשט אין אנדערעווירטשאפטלעכע אָרגאניזאציעס. פיל מיטגעהאָלפן צו דעם האט דאָס אנגאזשירן אלס דירעקטאָר פון פאראיין דעם ה׳ העבער, וועלכער האָט זיך באמיט ווי ווייט מעגלעך די מיטגלידער צופרידנשטעלן און צו טאָן פאר זיי אלץ וואָס ס׳איז נאָר מעגלעך געווען.

שפעטער האָט זיך ביים פאראיין געשאפן אויך א ״גמילות חסדים קאסע״.

היינט צו טאָג פארמאָגט דער קליינהענדלער־פאראיין צירקא טויזנט מיטגלידער און רעכנט זיך אלס איינע פון די שטארקסטע אָרגאניזאציעס אין אין אונדזער שטאָט.

במשך פון זיין עקזיסטענץ האָט דער פאראיין שוין אדורכגעפירט פיל הונדערטער דער־פאָלגרייכע אינטערווענצן סיי פאר יחידים־מיטגלידער און סיי פארן כלל־מיטגלידער. אלס ווירטשאפטלעכע אָרגאניזאציע איז זי איינע פון די נויטיקסטע אין דער היינטיקער שווערער צייט, ווען מ׳מוז שטיין אויף דער וואך פאר דער עקזיסטענץ פון יידישן קליינהענדלער.

דער קליינהענדלער־פאראיין האָט שוין זיצן זיינע פאָרשטייער אין אלע עפנטלעכע אינסטי־טוציעס, ווו זייער אויפגאבע איז צו זען, אז דער קליינהענדלער זאָל נישט באעוולהט ווערן.

דאָס קאלישער לעבן (71) נומער 1
כ״ב בטבת תרפ״ט (21.3.1930)

האנטווערקער־פאראיין

דער האנטווערקער־פאראיין איז היינט צו טאָג איינע פון די שטארקסטע און איינפלוס־רייכסטע ווירטשאפטלעכע אָרגאניזאציעס אויף דער יידישער גאס.

די מיטגלידער פון האנטווערקער־פאראיין זענען אָרגאניזירט אין סעקציעס, יעדער פאכמאן געהערט צו זיין פאך־סעקציע און בכלל אין די האנטווערקער־מאסע. וואָס איז אָנגעשלאָסן אין האנטווערקער־פאראיין זייער דיסציפלינירט.

ס׳איז אינטערעסאנט זיך צו באקענען ווען, און ווי אזוי דער האנטווערקער־פאראיין איז געשאפן געוואָרן.

געווען איז דאָס אין יאָר 1916, בעת דער דייטשער אָקופאציע. קאלישער פרעזידענט איז דעמאָלט געווען דער גוט באקאנטער פראנדזינסקי, און אָט איז ארויס א גזירה, אז דער פרייער לעדער־פארקויף ווערט פארבאָטן, און ער, פראנדזינסקי, וועט יעדן חודש פארטיילן א געוויסן סכום לעדער צו די שוסטער.

מצד די נישט יידישע שוסטער האָבן זייערע אינטערעסן רעפרעזענטירט דער פוילישער שוסטער־צעך, דאקעגן די יידישע שוסטער זענען נישט געווען פאראייניקט און אָרגאניזירט. זיי האָבן אָבער געהאט אן אייגענע חברה, ווו זיי האָבן צוזאמען געדאווענט.

דעמאָלט האָבן זיך אלע שוסטער, וועלכע האָבן געדאווענט אין דער חברה, זיך פאראייניקט און געגרינדעט א שוסטער־סעקציע, און רעפרעזענטירט די יידישע שוסטער ביים פארטיילן דעם סכום לעדער.

זעענדיק, אז מיט פאראייניקטע און אָרגאניזירטע כוחות קען מען פיל מער אויפטאָן, ווי יעדער באזונדער, איז דעמאָלט אנטשטאנען דער געדאנק ביי אייניקע פערזאָן צו שאפן א האנטווערקער־פאראיין לויטן מוסטער פון אנדערע גרויסע שטעט.

ס׳האָבן זיך דערצו ענערגיש גענומען אייניקע פערזאָן, און מ׳האָט צוזאמענגערופן א גרויסע פארזאמלונג אין לאָקאל פון די ״צעירי ציון״ אויף וויעיסקא 19.

צו די ערשטע גרינדער פון פאראיין האָבן געהערט די ה״ה: דוד נייהויז, חיים מענדל נאפארסטעק (א קאָמאַשן־שטעפער, היינט אין ארץ־ישראל), זעלקאָוויטש, בער גראָס (שניידער), חיים יצחק ביעזשווינסקי (שלאָסער), קאהן (א בעקער, היינט אין אמעריקע), ישראל לוסטיג און אברהם רובין (א קאָמאשן־שטעפער).

אויף דער פאַרזאַמלונג אין לאָקאַל פון "צעירי ציון" איז געוויילט געוואָרן דער אָרגאַניזיר־קאָמיטעט. דעם ערשטן לאָקאַל האָט דער האַנטווערקער־פאַראיין געהאַט אויף וואַדנאַ 3.

שפּעטער האָט מען אַראָפּגעבראַכט דעם ד"ר גרשון לעווין פון לאָדזש, וועלכער האָט געגעבן געוויסע אָנווייזונגען ווי אַזוי די אָרגאַניזירונג זאָל פאָרקומען.

אין דער ערשטער צייט פון זיין אַנטשטייונג האָט דער האַנטווערקער־פאַראיין געהאַט אַן ערך 70 מיטגלידער, דערנאָך האָבן זיך אין אים אָנגעשלאָסן גאַנצע סעקציעס פון באַזונדערע פאַכן, וואָס האָבן זיך פריער אָרגאַניזירט.

דער ערשטער פּרעזעס איז געווען ה' דוד נייהויז; סעקרעטאַר — ה' ישראל לוסטיג.

כאַראַקטעריסטיש, אַז אין איינעם פון די ערשטע פּראָטאָקאָלן געפינט זיך אַ באַשלוס, אַז דער פאַראיין זאָל זיך נישט מישן אין פּאָליטישע ענינים, געהאַנדלט האָט זיך דעמאָלט וועגן די וואַלן פון היגן שטאָטראַט. דאָס לעבן האָט אָבער דערנאָך אַנדערש דיקטירט, און היינט נעמט דער האַנטווערקער־פאַראיין אַנטייל אין אַלע פּאָליטישע אַקציעס. היינט פאַרמאָגט דער האַנטווערקער־פאַראיין זעקס הונדערט פעסט דיסציפּלינירטע מיטגלידער און איז איינע פון די אָנגעזעענסטע ווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס. אין אַלע יידישע אינסטיטוציעס און אויך אין שטאָטראַט האָבן די האַנטווערקער זייערע אייגענע פאָרשטייער, וועלכע פאַרטיידיקן זייערע אינטערעסן און זייער שטים הערט זיך אין אַלע געזעלשאַפטלעכע פראַגן.

איינער פון די וויכטיקסטע האַנטווערקער־טוער איז דער פּרעזעס ה' יוסף פריינד (אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון "קאַלישער לעבן").

דער האַנטוווערקער־פאַראיין האָט געהאַט אַן אייגענע קראַנקן־קאַסע, וואָס האָט פאַרטיילט מעדיצינישע הילף אין גאַנצן אומזיסט און פאַר הנחה־פּרייזן. שפּעטער אָבער, ווען דאָס געזעץ פון אַלגעמיינע קראַנקן־קאַסע איז אַריין אין קראַפט, האָט זיך די טעטיקייט פון דער אייגענער קראַנקן־קאַסע אָפּגעשטעלט.

ס'איז נאָך כדאַי צו דערמאָנען די גרויסע יובילעי־פייערונג, וואָס דער האַנטווערקער־פאַראיין האָט אַדורכגעפירט אין פאָריקן יאָר. דאָס איז געווען אַ ריזיקע מאַניפעסטאַציע פאַרן האַנטווערקער־געדאַנק. אַלע מיטגלידער זענען דעמאָלט געגאַנגען אין אַ פייערלעכן מאַניפעסטאַציע־צוג, מיט דער אייגענער פאָן, איבער די גאַסן, אין באַגלייטונג פון אַן אָרקעסטער. דער דאָזיקער צוג האָט געהויבן דעם פּרעסטיזש פון האַנטווערקער־פאַראיין.

ס'איז נאָך כדאַי אויפמערקזאַם צו מאַכן אויף דער מוסטערהאַפטער און דיסציפּלינירטער אָרגאַניזירונג פון דער שוסטער־סעקציע ביים האַנטווערקער־פאַראיין, וועלכע איז איינע פון די שטאַרקסטע סעקציעס. זיי האָבן לעצטנס געשאַפן אַן אייגענע באַנק, וועלכע דיסקאָנטירט וועקסלען פאַר מיטגלידער און רעדיסקאָנטירט זיי אין דער היגער קאָאָפּעראַטיווער באַנק.

אין דער היינטיקער פאַרוואַלטונג געפינען זיך פאָלגענדע פּערזאָנען: ה"ה יוסף פריינד (פּרעזעס), בער גראָס, מ. אַבראַמאָוויטש, ש. ח. אַראָנאָוויטש, י. גוטפריינד, אינזש. צאַמבער, דוד נייהויז, אַ. עליאַש, י. וויטקאָווסקי, ה. שוואַרצבאַרד, פּ. וואַקסמאַן, אַ. וואַקס, וו. סיטנער, י. י. אורבאַך, יצחק זיעמניאַק, ראָט, יצחק שטאָרך און ח. ראָזענפעלד.

דער פּרעכטיקער לאָקאַל פון האַנטווערקער־פאַראיין געפינט זיך היינט אויף וויעיסקאַ 12.

דאָס קאַלישער לעבן נומער 2 (72)
כ"ט בטבת תרפ"ט 11.1.1929

סוחרים־פאַראיין

דער סוחרים־פאַראיין איז היינט איינער פון אונדזערע שטאַרקסטע ווירטשאַפטלעכע פאַקטאָרן אינעם ווירטשאַפטלעכן לעבן. דער סוחרים־פאַראיין איז אויך געווען די ערשטע יידישע סוחרישע אינסטיטוציע אויף דער יידישער גאַס. אינעם סוחרים פאַראיין זענען אָרגאַניזירט די גרעסערע און מיטעלע סוחרים, וועמען פאַרשידענע גזירות טרעפן טייל מאָל נאָך מער ווי דעם קליין־סוחר.

אין יאָר 1919, נאָכדעם ווי פּוילן האָט געוווּנען איר אומאָפּהענגיקייט, זענען געמאַכט געוואָרן זייער פיל שוועריקייטן אינעם האַנדל. סחורות זענען געווען טייער, און אין וואַרשע האָט זיך געגרינדעט אַ געזעלשאַפט א. נ. "צעקאַס", וואָס האָט געהאַט די אויפגאַבע איינצוקויפן

אין אויסלאנד גרויסע טראנספּאָרטן סחורות און אזוי ארום גרינגער מאכן דעם סחורות־מאנגל אין לאנד.

פון קאליש איז דעמאָלט איינגעלאדן געוואָרן אנטייל צו נעמען אין "צעקאס" ה׳ הערמאן ווירושעווסקי.

צוליב דעם, וואָס אָרגאניזירטע סוחרים האָבן דעמאָלט פיל מער געקענט אויפטאָן ווי יעדער סוחר באזונדער, איז מען געקומען אויף דער אידעע צו גרינדן א סוחרים־פאראיין.

די איניציאַטאָרן פון סוחרים־פאראיין זענען געווען די ה״ה: הערמאן ווירושעווסקי, פעליקס פינקוס, לעאָן שמאנט און בערנארד ווינבערג.

די ערשטע פארזאמלונג איז פאָרגעקומען אין לאָקאל פון "צענטרא־אפאל" אויף וויעסקא גאס, אויף דער דעמאָלטדיקער זיצונג איז ענדגילטיק באשלאָסן געוואָרן צו גרינדן דעם סוחרים־פאראיין.

אין דער ערשטער פארוואלטונג האבן זיך געפונען פאָלגענדע פערזאָנען: ה״ה הערמאן ווירושעווסקי, פעליקס פינקוס, ווינבערג, דוד שלמה דזיאלאשינסקי, איליא קאַט, מארקוס שטשעטשינסקי, מאקס רינעק, זשיוואצקי און ראָטשטיין.

דער ערשטער לאָקאל האָט זיך געפונען אויף ברעסלער 24 אין דער וווינונג פון ה׳ פינקוס. שפּעטער האָט זיך דער סוחרים־פאראיין איבערגעצויגן אין לאָקאל אויף מייקאָווסקא 1. די ערשטע ארבעט זיינע איז געווען דאָס ארויסגעבן צעניקעס. די ליכווע־אמטן האָבן דעמאָלט געארבעט מעשים, א כוואַליע פון שטראָפן האָט זיך אויסגעגאָסן איבער יידישע קעפ. יעדן טאָג האָט מען געדארפט האָבן נייע צעניקעס, און דאָ איז געקומען צו הילף דער סוחרים־פאראיין, וועלכער האָט פארלייכטערט דעם גורל פון יידישן סוחר.

אייגנטלעך האָט דעמאָלט דער סטאראָסטווע געדארפט ארויסגעבן די צעניקעס, און ווען מען וואָלט געמוזט טוישן די צעניקעס יעדן טאָג, וואָלט דאָס געווען א צרה פארן יידישן סוחר. א דאנק אָבער דער אינטערווענץ און פערזענלעכע באקאנטשאפט פון ה׳ ווירושעווסקי מיטן סטאראָסטא, איז געלונגען צו פועלן, אז דער סוחרים־פאראיין זאָל די צעניקעס ארויסגעבן.

אויפן חשבון פון סוחרים־פאראיין דארף אויך פארשריבן ווערן די אנטשטייונג פון דער קאאפּעראטיווער פאָלקס־באנק, וועלכע איז איינע פון די שענסטע און וויכטיקסטע אינסטי־טוציעס ביי אונדז אין שטאָט.

ווי באוווסט, האָט פאר דער מלחמה עקזיסטירט ביי אונדז אין קאליש די אזוי גערופענע 5־טע ליי און שפּאָר־קאסע. שפּעטער, אין דער מלחמה־צייט, זענען געקומען די מיטגלידער פון דער דאָזיקער קאסע און פארלאנגט צוריק זייער געלט. דער סוחרים־פאראיין האָט גענומען די מיסיע אויף זיך. געשאפן 150 טויזנט רובל און אויסגעצאָלט אויף די שפּאָר־ביכלעך און גלייכצייטיק האָט דער סוחרים־פאראיין געשאפן נייע פאיען און געגרינדעט א קרעדיט־אינסטיטוציע.

ערשט אין יאָר 1920, ווען ס׳איז באשטעטיקט געוואָרן דער סטאטוט פאר קאָאָפּעראטיווע בענק אין פוילן, האָט דער סוחרים־פאראיין ליקווידירט די שפּאָר און ליי־קאסע און זי איבערגעמאכט אויף א קרעדיט־קאָאָפּעראטיווע באנק. מיטגלידער זענען דאן געווען העכער דרייצן הונדערט.

דערביי דארף מען געדענקען, אז דער סוחרים־פאראיין האָט דעמאָלט אדורכגעלעבט דריי דעוואלואציע־פעריאָדן, אָבער נישט קוקנדיק אויף אלע שטערונגען איז געלונגען די באנק צו דערהאלטן ביים גלייכגעוויכט.

אין יאָר 1925 זענען צו דער באנק צוגעצויגן געוואָרן פאָרשטייער פון די פאבריקאנטן און האנטווערקער און די באנק האָט זיך איבערגעטראָגן אין אייגענעם לאָקאל אויף ברעסלער גאס, און דעמאָלט איז זי אויך אוועק פון אונטער דער השפעה פון סוחרים־פאראיין.

אין יאָר 1926 האָט דער צענטראלער סוחרים־פאראיין אין ווארשע, אין אירס א צירקולאר צו דער היגער אָפּטיילונג, פארלאנגט צו עפענען אין קאליש א ספּעציעלע באנק פאר סוחרים, וואָס איז דעמאָלט איינגעאָרדנט געוואָרן אויף ווארשאווסקא 4, וווהין ס׳האָט זיך אויך אריבערגעטראָגן דער סוחרים־פאראיין.

איבערטראָגנדיק זיך אין נייעם באקוועמען לאָקאַל, האָט אויך דער סוחרים־פאראיין אָנגעהויבן אויפלעבן און אָנפירן א ברייטע טעטיקייט אויפן ווירטשאפטלעכן געביט, זי איז אזוי צו זאָגן ארויס פון די ענגע ראמען און אָנגעהויבן זיך אָפּגעבן מיט די ערנסטע זאָרגן פון אירע מיטגלידער.

דורך דער צייט זענען שוין דאָ געווען די באוווסטע סוחרים־רעפּרעזענטאנטן, די ה״ה ווישליצקי און טרוסקער, וועלכע האָבן שטארק געליבט די ארבעט פון סוחרים־פאראיין.

באזונדערס איז ווערט צו פארצייכענען דעם דערפאָלג פון סוחרים־פאראיין ביים דורכפירן א מאנדאט אין דער לאָדזשער האנדלס־קאמער — דעם ה׳ שילאַק, וואָס קען פארעכנט ווערן אלס א פאקט פון ערשטקלאסיקער באדייטונג פון די היגע סוחרים.

היינט צו טאָג האָט דער סוחרים־פאראיין צירקא פינף הונדערט מיטגלידער און ווערט אָנגעפירט דורך א גוטער און געוויסנהאפטער לייטונג פון יוריסטן, וועלכע באמיען זיך צו קומען צו הילף זייערע מיטגלידער אין אלע ווירטשאפטלעכע אנגעלעגנהייטן, וואָס ווערט אָפּטמאָל געקרוינט מיט דערפאָלג.

היינט צו טאָג געהערן צו דער פארוואלטונג פאָלגנדיקע פערזאָנען: די ה״ה ווירושעווסקי, שטשעטשינסקי, ווארטסקי, סקאווראָן, וואקשטאק, קלאטע, ראָטשטיין, דזיאלאָשינסקי און זשיוואצקי.

ווי ס׳האָט זיך אין תחילת געקענט אויסדאכטן, האָט מען געקענט מיינען, אז די געשעענישן אין ״באנק קופּיעצקי״ וועלן האָבן אן איינפלוס אויף דער ארבעט פון סוחרים־פאראיין. ס׳האָט זיך אָבער ארויסגעוויזן, אז די מיטגלידער זענען אויף אזוי פיל באוווסטזיניק און פארשטייען, אז מ׳קאָן נישט בינדן די טעטיקייט פון סוחרים־פאראיין און ״באנק־קופּיעצקי״ און אז דער סוחרים־פאראיין, אלס אזעלכער, האָט רעכט און מוז עקזיסטירן אויף דער יידישער גאס.

דאָס קאַלישער לעבן, נומער 3 (73)
ז׳ בשבט תרפ״ט, 18.1.1929

דב זשעלאנקא

„באנק אודזיאלאווי״

חסידישע קרייזן האָבן געשאפן א קאָאָפּעראטיווע באנק, וואס איז מיט דער צייט פארוואנדלט געוואָרן אין א וויכטיקער ווירטשאפטלעכער אינסטיטוציע. בראש פון „באנק אודזיאלאָווי״ זענען געשטאנען: יצחק מאיר זשעלאָנקא (פּאָרזיצער), יצחק קליין (עקזעקוטיוו־פּאָרזיצער) און מענדל שעראַדזקי (ביזן יאָר 1934).

א סך יידן פונעם מיטלשטאנד האָבן געהאָלפן דער באנק אין זיינע פינאנסן. די באנק האָט זיך געפונען אין האַנדלס־צענטער — פילסודסקי־גאס נומער 2 — און געפירט א פארצווייגטע טעטיקייט אין אלע באנק־געביטן.

די באנק האָט פּלאַנירט צו שאפן א פאָנד אויף צו בויען פאר די מיטגלידער קאָאָפּעראטיווע הייזער אויף לאנגטערמיניקע אויסצאָלונגען (דאָס איז אין פוילן געווען א נייעס), אָבער די מלחמה האָט צעשטערט דעם פּלאַן.

א וואָך פארן אויסברוך פון דער מלחמה האָט די באנק־אָנפירונג באשלאָסן איבערצופירן דעם וועקסלען־פּאָרטפעל קיין לאָדזש. די דאָזיקע אויפגאבע איז ארויפגעלייגט געוואָרן אויף מיר. פרייטיק, דעם 1־טן סעפטעמבער 1939, בין איך ארויסגעפאָרן מיטן לעצטן צוג און געפירט מיט זיך צוויי וואַליזעס מיט וועקסלען. אויפן וועג האָב איך זיך דערוווּסט, אז די דייטשן זענען אריבער די פוילישע גרענעץ. אין זדונסקא־וואָלא האָט זיך שוין געפילט די מלחמה. די דייטשן האָבן אומאויפהערלעך באָמבארדירט.

אין לאָדזש האָב איך שוין קיינעמען נישט געטראָפן. די וועקסלען זענען געבליבן ביי מיר. ווען מ׳האָט מיר ארויסגעפירט קיין אוישוויץ, האָב איך זיי איבערגעלאָזט, ווי א זכר נאך א חרוב געוואָרענע יידישער אינסטיטוציע.

י. מ. העבער

פינף יאר קהילה־ארבעט

דעם טעטיקייט־באריכט, וועלכן מיר לייגן דאָ פאָר, איז דער ערשטער פרווו אָפּצוגעבן א דין־וחשבון דער יידישער עפנטלעכקייט אין קאליש וועגן דער טעטיקייט פון דער קהילה במשך פון איר כמעט פינף־יאָריקער קאדענץ.

דער באשלוס ארויסצוגעבן דעם קהילה־באריכט איז געוואָרן אָנגענומען דורך דער פארוואלטונג אין יאָר 1935, אין שייכות מיט דער פארענדיקונג פון דער קהילה־קאדענץ. אָבער צוליב א ריי טעכנישע סיבות איז אויך געווען אוממעגלעך צו געבן א פולקאָמען און גענויען איבערזיכט איבער אלע רעסאָרטן און טיילן פון דער ברייטפארצווייגטער קהילה־טעטיקייט, בפרט, אז דער קאָלאָסאלער מאטעריאל, וואָס האָט זיך אָנגעזאמלט פאר דעם כמעט פינף־יאָריקן קאדענץ־פעריאָד, וואָלט געפאָדערט פיל צייט און מי, כדי אים ווי געהעריק צו באַארבעטן און סיסטעמאטיזירן. ס׳מוז אויך דערמאָנט ווערן, אז אין דער קהילה האָט ביז איצט געפעלט דער געהעריקער אמט, וועלכער זאָל זיך ספּעציעל פארנעמען מיטן סעקרעגירן און באארבעטן דעם פארשידנארטיקן מאטעריאל פארן ארכיוו און פאר דער געשיכטע פון דער קהילה. מ׳האָט זיך דעריבער געמוזט באגנוגענען מיט דעם מאטעריאל, וואָס האָט זיך געפונען אונטער דער האנט אָדער וואָס האָט זיך געלאָזט לייכטער צוגרייטן און באארבעטן. דאָס האָט אויך גורם געווען צו א געוויסער דיספּראָפּאָרץ אין די באריכטן פון די באזונדערע אָפּטיילונגען, פון וועלכע אייניקע זענען באהאנדלט געוואָרן אויספירלעכער, און די אנדערע — נישט גענוגנדיק.

מיט דעם אינהאלטסרייכן טעטיקייט־באריכט פון דער קהילה זענען מיר אין דער ערשטער ריי אויסן: 1) צו געבן די קאלישער יידן, וועלכע טראָגן די לאסטן פאר דער קהילה, א קלאָרן דין־וחשבון, ווי אזוי און אויף וועלכע צוועקן ס׳זענען געוואָרן פארוועגדעט די אלע איינגעפלאָסענע געלטער אין דער קהילה; 2) צוצוגרייטן א סטאטיסטישן מאטעריאל פאר די נאָכקומענדע קהילות אין קאליש, וועלכע וועלן פון די דערפארונגען פון דער אָפּטרעטנדיקער קהילה — פון אירע עליות און ירידות — קענען אָפּלערנען, וואָס ס׳איז געווען גוט און פארדינט נאָכגעטאָן ווערן, און וואָס ס׳מוז אויף להבא אויסגעמיטן ווערן. דערביי מוז אויך באטאָנט ווערן, אז דער אויסשעפּנדיקער באריכט פון דער קהילה, וועלכער שליסט אָפּ א געוויסן פעריאָד, אפשר דעם שווערסטן און פאראנטוואָרטלעכסטן אין אונדזער קהילה־לעבן — איז א וואָגיק געשעעניש און א וויכטיקער צושטייער אין דער געשיכטע פון קהילה־ווען אין אונדזער שטאָט.

צוטרעטנדיק אונטערצופירן א סך־הכל פון די 5 יאָר אָפּגעטוענער ארבעט אין דער קהילה, איז קודם כל נויטיק צו באטראכטן די באדינגונגען, ביי וועלכע ס׳איז אויסגעקומען די ארבעט צו פירן. אויף אייניקע פון זיי וועלן מיר זיך עטוואָס גענויער אָפּשטעלן.

איינע פון די הויפּט־שוועריקייטן, מיט וועלכע די קהילה האָט געמוזט פירן א כסדרדיקן קאמף, כדי צו דערהאלטן דעם גלייכגעוויכט פון א נאָרמאלן בודזשעט — איז געווען דאָס שוואכע און נישט רעגולערע איינפליסן פון די עטאט־צאָלונגען, מחמת א באדייטנדיקער טייל, גראָד פון די פארמעגלעכע צאָלער, האָבן זיך נישט געאיילט מיטן ארייננטראָגן דעם עטאט, און זיי האָבן אויך פארלאנגט, אז מ׳זאָל זיי דעם עטאט אראָפּלאָזן אויף א העלפט און אויף א דריטל, וואָס מ׳האָט זיי צום גרעסטן טייל געמוזט נאָכקומען. צוליב דעם האָט די קהילה געליטן פון א פערמאנענטן געלט־מאנגל און נישט איין מאָל האָט די קהילה געזוכט מיטלען צו ווירקן אויף די נישט־צאָלער. אויך די צוואנגסאויפמאָנונג האָט נישט געהאט דעם געווינשטן דערפאָלג. ס׳האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דער קריזיס איז שטארקער פון אלע געזעצן. דער עטאט־צאָלער געפינט זיך היינט אין אזאַ לאגע, אז אים אינטערעסירט שוין גאָרנישט, מיט וויפיל מ׳האָט אים באשטייערט, און ער שרעקט זיך שוין אויך נישט פאר דעם "געלן־צעטל" פון שטייעראמט, מחמת ער האָט שוין נישט וואָס צו פארלירן... און ווען טראָץ אלע שוועריקייטן און שטערונגען, האָט די קהילה דאָך אויסגעצאָלט אלע

סובסידיעס און באַאמטן־פּענסיעס, ממש ביז צו איין גראָשן — איז עס דאָס גרעסטע פאַרדינסט פון דער היינטיקער קהילה־לייטונג.

רעדנדיק וועגן די בודזשעט־שוועריקייטן פון דער קהילה און די הויפּט־סיבות, וועלכע האָבן דערצו גורם געווען, מוזן מיר צוריקבליקן צום יאָר 1932. דאָס יידישע קאַליש האָט געליטן אַ שרעקלעכן פאַרלוסט, פאַרלירנדיק איר גרויסן מנהיג און מדריך, איינעם פון די העכסטע געשטאַלטן פונעם פּוילישן יידנטום, פּרעזעס פון "אגודת הרבנים" אין פּוילן, לאַנגיאָריקער מרא דאתרא פון קאַליש, הרב הגאון ר' יחזקאל ליבשיץ זצ"ל. אין זיין צייט האָט געהערשט שלום און האַרמאָניע אין אונדזער שטאָט, און די קהילה־מערהייט האָט מיט דער גאַנצער פעסטקייט און אַנטשלאָסנקייט אָנגעפירט מיט דער קהילה־ווירטשאַפט לטובת אַלע שיכטן פון יידישן קאַליש. זיין פּטירה האָט אויפגעטרייסלט דאָס קהילה־לעבן ביז די טיפסטע יסודות.

אַ גרויסן קאַמף האָט די קהילה געמוזט פירן און פירט נאָך ביז היינטיקן טאָג מיט דער אַזוי גערופענער "לינקער שחיטה", וועלכע האָט אין אונדזער שטאָט דערגרייכט די גרעסטע מדרגה פון הפקרות, אונטערברעכנדיק דעם הויפּט־מקור פון דער קהילה־הכנסה פון איין זייט, און דאָס מאכיל זיין נבלות און טרפות אַ שטאָט מיט יידן — פון דער צווייטער זייט. נאַטירלעך, וועט דאָ קיין שום קאַמף נישט העלפן, כל זמן די יידישע געזעלשאַפט אַליין וועט נישט ווי געהעריק אָפּשאַצן דעם שאָדן, וואָס מ'איז מיט דעם גורם דעם כלל אין אַלע הינזיכטן, און וועט נישט ענערגיש זיך נעמען צו באַקעמפן די געאַסרטע שחיטה. מ'דאַרף אויך נעמען אין אַכט, אַז דאָס פלייש פון די בהמות און עופות, וואָס ווערט געקוילעט אין געהיימע ערטער ביי די ערגסטע היגיענישע און סאַניטאַרע באַדינגונגען — איז פּשוט עקלדיק צו נעמען אין מויל אַריין, און אין אַ גרויסער מאָס אויך שעדלעך פאַרן געזונט.

ס'איז איבעריק אָנצווייזן, אַז די אַלע שטערונגען און שטרויכלונגען האָבן געהאַט איין ציל צו פאַרקלענערן די הכנסות פון דער קהילה ביז אַ מינימום, כדי ס'זאָל אוממעגלעך זיין צו באַפרידיקן די נויטן פון דער יידישער באַפעלקערונג, און דאָס זאָל קענען דינען אַלס שטאָף פאַר די בייזוויליקע העצער און אינטריגאַנטן צו פירן אַ שטענדיקן קאַמף קעגן דער קהילה. אַז דער פּלאַן פון דער אָפּאָזיציע איז נישט געלונגען — דערויף זאָגט עדות דער פולער טעטיקייטס־באַריכט, וועלכן מיר לייגן דאָ פאָר, ווו יעדער איינציקער האָט אַ מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיט דעם קהילה־באַלאַנס פון דער כמעט פינף־יאָריקער קאַדענץ.

נישט קוקנדיק וואָס די נויט און פאַרשולדיקונג פון כמעט אַלע אָן אויסנאַם פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס, דורך דעם כסדרדיקן פאַרקלענערן זיך פון זייערע הכנסות, האָט גורם געווען, אַז דער הויפּט־געוויכט האָבן אַלע געלייגט אויף דער קהילה, און דורך דעם זענען די פאָדערונגען צו דער קהילה געוואַקסן פון טאָג צו טאָג — האָט זיך דער קהילה איינגעגעבן אַלע שוועריקייט און מכשולים צו באַקעמפן, און אין אַ געהעריקער מאָס, לויט די ראַמען פון אירע מעגלעכקייטן, באַפרידיקן די נויטן פון דער יידישער גאַס.

רעדנדיק וועגן די קולטורעלע מוסדות, שטעלן מיר פעסט מיט דער גאַנצער קאַטעגאָרישקייט, אַז אויב אין קאַליש עקזיסטירט אַ פּרעכטיקער, מאָדערנער תלמוד־תורה־בנין, אין וועלכן ס'לערנען, ווערן דערצויגן, באַקליידט און באַשפּייזט העכער 450 קינדער פון אומבאַמיטלטע עלטערן — איז דאָס נאָר צו פאַרדאַנקען דער קהילה, וועלכע צאָלט רעגולער די סובסידיעס, און דאַדורך ווערט דערמעגלעכט די עקזיסטענץ פון דער תלמוד־תורה. די קהילה האָט אויך דערפירט דעם ראַבינאַט צו אַזאַ מדרגה, ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ שטאָט ווי קאַליש. דאָס אויסהאַלטן כל־ערליי רעליגיעזע מוסדות, דאָס איינשטעלן רעגולערע שכירות פאַרן ראַבינאַט, דאָס אָרגאַניזירן אַ געהעריקע כשרות־השגחה, באַזונדערס די גרויסע פּסח־אַקציע און כשרע קיך פאַר יידישע זעלנער און אַרעסטאַנטן, און פיל אַנדערע אַקציעס — האָבן פאַרנומען אַ באַדייטנדיקן טייל אין קהילה־בודזשעט.

מאַכנדיק דעם סך־הכל פון דער ביז איצטיקער טעטיקייט אין דער קהילה, און שטייענדיק ביים סוף פון דער אַלטער קאַדענץ ערב די וואַלן צו דער נייער קהילה — בליקן מיר צוריק מיט שטאָלץ אויף דער אָפּגעטועטער אַרבעט במשך פון די פאַרגאַנגענע פינף יאָר. די דאָזיקע אַרבעט איז נישט בלויז אַ כבוד פאַר די, וועלכע האָבן די אַרבעט אַדורכגעפירט,

נאָר אויך פאר די אלע איבערגעגעבענע טוער, וועלכע האָבן מיטגעהאָלפן צום דערפאָלג. נישט איין מאָל האָבן אונדז די קעגנער דערפירט צו דער גרעסטער פארצווייפלונג. אָבער דאָס שטארקע אחריות־געפיל און געדולד האָט אונדז געגעבן מוט און ענערגיע, די דאָזיקע שווערע און פאראנטוואָרטלעכע ארבעט צו דערפירן ביזן סוף און זי איבערגעבן אין די הענט פון די נייע געוויילטע פאָרשטייער פון דער צוקונפטיקער קהילה אין קאליש.

קאלישער לעבען (451) 28
ג׳ אלול תרצ״ו, 21.8.1936

א. אבן־טוב

דאס יידישע שפיטאל

1

ווען מיר ווילן מאכן א פאראלעל פון יידישן שפיטאל אין דער פארגאנגענהייט מיט זיין איצטיקן אויסזען, איז נויטיק צו מאכן א קליינע עקסקורסיע אויף א ריי יארן צוריק. כדי צו האבן א באגריף, וואס די מאדערנע צייט האט אויפגעטאן אויך אין באצוג צום היגן יידישן שפיטאל.

מיט א היפש ביסל יארן צוריק בין איך קראנק געווארן אויף פאָקן, און כדי די ארומיקע זאלן זיך נישט אנשטעקן, בין איך איזאלירט געווארן אין יידישן שפיטאל אין א באזונדערן חדר. אז כ׳האב זיך אנגעהויבן בעסער צו פילן, האב איך צייט געהאט צו אבסערווירן די גאנצע ווירטשאפט אין שפיטאל, און אזוי ווי כ׳האב נאך דעמאלט געהאט א שוואכע אנונג, וואס איז דאס אזוינס א שפיטאל, האב איך אלץ אנגענומען פאר גוט. כ׳האב געמיינט, אז אזוי דארף א שפיטאל אויסזען. דער גאספאדאזש דארף זיין א בייזער, דער שפיטאל־וועכטער מעג זיך איבערן קראנקן בייזערן. בכלל טוען זיי אונדז א גרויסע טובה, זיי היילן דאָך אונדז...

דער שפיטאל־לייטער, א פרומער גאָטספארכטיקער ייד, נאר זייער א בייזער, האט אויף די קראנקע געמאכט א שלעכטן איינדרוק. ווען דער דאקטאר האט באזוכט די קראנקע, האט ער אים אומעטום באגלייט. נאך היינט שטייט ער מיר פאר די אויגן, אט דער דאזיקער שפיטאל־לייטער, אדער ווי מען האט אים גערופן: גאָספאָדאזש, מיט זיין צעפלאשעטער גרויסער בארד, מיט די קליינע כיטרע אייגעלעך, וועלכע האבן געשמייכלט צום דאקטאר, מיט זיינע גרויסע ברעמען. דער הילוך זיינער האט גארנישט הארמאנירט מיט די פארשריפטן פון היגיענע. אין א לאנגן טונקעלן כאלאט און שטיוול, אין א סאמעטענער וועסט, אויף וועלכער ס׳האָט זיך געבאמבלט א גאלדענע קייט, האט דערגרייכט ביז צום האלדז און פון וואַנען ס׳האט ארויסגעקוקט דער קאלנער פון העמד — אט דאס איז געווען דער טראכט. ער איז געווען אפטייקער, גאספאדאזש און האט אפילו פארטראטן די פונקציע אלס סאניטאר. צו קראנקע איז ער געווען שטרענג און ווייל זיינע פולמאכטן זענען געווען אומבאגרענעצט, האט אפט מאל זיין חוצפה דערגרייכט ביז אן אבסורד.

דאָס פערסאנאל פון שפיטאל איז געווען זייער א באגרענעצטער: צוויי קראנקענוועכטער און א קריסטין, וואס האט געוואשן און גערייניקט — דאס איז געווען די גאנצע דינערשאפט פון שפיטאל. די קראנקוועכטער האבן באקומען א נישטיקע פענסיע, אזוי, אז זיי זענען געצוווּנגען געווען צו רייסן פון די קראנקע וואס מער. די ארעמע, וואָס האבן נישט געגעבן אין יד אריין, איז געווען ביטער. גאנצע וואכן זענען זיי נישט איבערגעבעט געווארן, וועגן יוצא־וועגן האט מען עס געטאן טייל מאל, אדער צוגעטראגן א ביסל וואסער צום וואשן.

די ריינקייט פון אזעלכע "סאניטארן", איז אויך געשטאנען אונטער א גרויסן פראגעצייכן. קיין קאנאל, קיין וואסער־לייטונג איז נישט געווען. אויב, מ׳האט געדארפט א באָד, האט מען ספעציעל אונטערגעהייצט דעם קעסל און פון קעסל אין דער וואנע אריין. א קופערנע פאס אין וועלכן מ׳האט אריינגעגאסן וואסער, האט געדינט אַנשטאָט וואסער־לייטונג.

די דיעטע פאר די קראנקע איז געווען אזוי פארזיכערט, אז זיי זאָלן חלילה נישט דעם מאגן פארדארבן: רייז מיט מילך אדער רייז־זופּ. און אויב דער קראנקער האט אונטער־געהונגערט, איז דאס געווען א באוויז, אז דעם קראנקן ווערט בעסער, ער האט דאך אפעטיט צום עסן...

די כירורגישע אפטיילונג האט מערסטנטייל געפּוסטעוועט. ביי א ערנסטער אָפּעראציע האט מען איינגעלאדנט דעם דעמאלטדיקן איינציקן כירורג אין קאליש ה׳ דראָזדאָווסקי, וועלכער איז געווען א ספּעציאליסט ״אין שניידן״, אבער די קאלישער יידישע בעפעלקערונג האט צו אים נישט געהאט קיין שטאַרקן צוטרוי און ס׳זענען פּשוט נישט געווען קיין בעלנים, וואס זאלן פרייוויליק זיך וועלן איבערפעקלען אויף יענער וועלט. אויף אים האבן זיך געשיט גלייכווערטלעך ווי: ״א מכה קען ער מאכן אפּעראציעס״. נאָר די סאמע ארעמסטע, וועלכע האבן זיך נישט געקענט פארגינען נאך אויסלאנד צו פארן, האבן זיך אין דאזיקן דאקטארס הענט איבערגעגעבן.

וואס אנבאלאַנגט די אינערלעכע לאקאלע איינריכטונג, איז אויך נאך געווען פיל צו ווינטשן. נאָר נעמענדיק אין אכט די אומשטענדן אין יענער צייט, די קליינע פאראינטערעסירונג פון דער ברייטער געזעלשאפט פארן יידישן שפּיטאל, מוז מען צוגעבן, אז דאס יידישע שפּיטאל איז געווען טעטיק אין די ראמען פון אירע מעגלעכקייטן. אויסערלעך אין דער איינדרוק געווען באַפרידיקנדיק. די געפארבטע דילן מיט די ווייסע כאַדניקעס האבן געמאכט דעם איינדרוק, אז מען זארגט פאר דער ריינקייט, אבער פון א היילאנשטאלט, ווו עס דארף זיך קאנצענטרירן די גרעסטע אויפמערקזאמקייט פאר דער היגיענע — איז דער שפּיטאל נאך ווייט געווען.

ווי ווייט דער שפּיטאל־פּערסאנאל האט געטראכט צו פאַרלייכטערן דעם גורל פון די קראנקע, דינט אונדז אָט דער עפּיזאד:

ווען די מלחמה איז אויסגעבראכן, און נאך דעם בלוטיקן פּרייטיק, ווען די קאלישער איינוווינער פון שטאט זענען אנטלאפן, זענען אויך אלע שפּיטאל־באאמטע מיטן גאָספּאָדאַוש אנטלאָפן, איבערלאזנדיק די קראנקע אויף גאטס באראַט. עס איז איבעריק צו דערציילן וואס די קראנקע האבן דעמאלט איבערגעלעבט. זיי זענען געווארן אויסגעמאטערט פון הונגער און דארשט. אזוי האט אויסגעזען דאס יידישע שפּיטאל אין דער פארגאנגענהייט.

2

מיטן פרילינג פון פוילנס באַפרייונג, האט אויך אנגעהויבן א ניי ווינטל צו בלאזן פאר די יידישע קראנקע. דאס יידישע שפּיטאל האט פּראגרעסירט, און וואס א מאל אנגענומען שענערע און בעסערע פארמען. עס איז געוואַקסן די פאראינטערעסירונג פון דער קאמונאלער מאכט מיטן יידישן שפּיטאל און אויך די שטיצע פון דער געזעלשאפט.

מען זאגט א שפּריכווארט ״א גאסט אויף א ווייל, זעט אויף א מייל״ און איך וויל צוגעבן, אז א גאסט אויף א געוויסער צייט, זעט אויף א סך מיילן, ווייל דער, וואס קומט אויף א ווייל, קען נאָר אויף א קורצן בליק זען דאס אויבערפלעכלעכע; ווייל מען אבער מיט דעם אויג ארומנעמען אלץ, וואס קען און דארף אינטערעסירן, מוז מען אָפּגעבן צייט — אנדערש קען מען דורך א טעות ארויסטראגן א נישט גערעכטן אורטייל.

נישט אָפּהענגיק פון מיין ווילן האט זיך מיר געמאכט א געלעגנהייט ווידער צו מאכן אן אבסערוואציע איבערן היגן יידישן שפּיטאל. און דאס מאל אין דער נייער און פארבעסערטער אָרדענונג.

אין דעצעמבער 1928 בין איך ווידער קראנק געווארן. און ווידער האט דער גורל געוואלט כ׳זאל זיין געצוווּנגען צו זיין אין היגן יידישן שפּיטאל.

כ׳האב זיך געווענדעט צום כירורג ד״ר קאליניעוויטש, און נאך אן אונטערזוכונג האט ער מיר געראָטן, כ׳זאל גיין אויף א געוויסער צייט אין שפּיטאל אונטער זיין אויפזיכט.

נאך איצט ליגט מיר אין זכרון דער ערשטער איינדרוק פון מיין אריינקומען.

נישטא מער דאס פאַדערשטיבל מיטן קופערנעם ״כיור״. א לאבירינט מיט פארשידענע צימערן. צוויי אפּעראציע־זאלן, העל באלויכטן מיט עלעקטריש ליכט. דער דאקטאר האט מיך

פארבעטן אין גרויסן אפעראציע־זאל. אלץ איז זויבער און פינקלט. דער גרויסער גלאז־שראנק, אין וועלכן ס׳ליגן מיט דער גרעסטער אָרדענונג פארשידענע כירורגישע אינסטרו־מענטן, מאכן דעם איינדרוק פון אן אייראפעישן שפיטאל. גלעזערנע רעזערוואַרן מיט פאַרשידענע וואסערן, פאַרצעלאנענע וואש־געשטעלן און וואסער־לייטונג, וואס גיט ארויס קלאר דיסטילירט וואסער. אין די קלאזעטן שטייען גאז־אייוועלעך. א גאנצן טאג שטייט א טשייניק מיט געקאכט וואסער און א טשייניקל מיט עסענץ. אויב דער קראנקער וויל, באקומט ער טיי צו יעדער צייט. נאך דעם ווי דער דאקטאר האט מיך אדורכגעלויכטן, האָט ער פאר מיר באשטימט א בעטל אין גרויסן זאל, ווו ס׳זענען געלעגן די כירורגישע קראנקע. אין דער אפטיילונג האבן זיך געפונען אכט בעטלעך. יעדעס בעט האט א קאלדרע, א קישן, וועלכע זענען שניי־ווייס איבערצויגן.

אַנשטאָט די אמאליקע קראנקענוועכטער, זענען איצט פאַראַן אויסגעשולטע סאניטארינס, שווארץ־חנעוודיקע און בלאנדע יידישע מיידלעך, וואס פארשטייען זייער פאך און מאכן אויפן קראנקן א גוטן איינדרוק.

די דיזשורן פון די סאניטארינס ווערן אָפט געביטן. יעדע האט זיך איר זאל, ווו זי דארף צוויי מאל אין טאג מעסטן די היץ, דערלאנגען מעדיקאמענטן. זייער אויפגאבע איז אויך צו גיין מיט די דאקטוירים צו די קראנקע, פארנאטירן וואס דער דאקטאר פאַראָרדנט, זיין אנוועזנד ביי די אפעראציעס, דערלאנגען אינסטרומענטן, פאַרבאנדאזשירן א.א.וו. די נאכט־דיזשורן ווערן איינגעטיילט אין א געוויסער ארדענונג, אזוי, אז די נאכטהילף איז ביי א פארפאל געזיכערט.

די צוויי דאקטוירים־כירורגן, ד״ר קאליניעוויטש און ד״ר טראכטענבערג, האבן אומדערמידלעך געארבעט; יעדן טאג זענען פארגעקומען עטלעכע אפעראציעס, טייל גאנץ שווערע. כמעט אלע פון די אפעראציעס מיט קליינע אויסנאמען זענען גליקלעך אדורכגעגאנגען.

דעם לעצטן מאנאט פון זיין אוועקגיין פון שפיטאל האט ד״ר קאליניעוויטש שטארק פאר־נאכלעסיקט די ארבעט. מיטן אוועקפארן פון ד״ר קאליניעוויטש האב איך זיך גלייכצייטיק אויסגעשריבן פון שפיטאל. כ׳בין געפארן נאך ווארשע, ווו נאך א געוויסער קוראציע, איז מיר בעסער געווארן.

מיט דריי מאנאטן צוריק האט זיך מיר די קראנקייט ווידער דערוועקט. כ׳האב זיך געווענדעט צו ד״ר ראדוואן נאך הילף. כ׳מוז זאגן דעם אמת, אז טראץ די אלע רעדענישן אין שטאט, אז ד״ר ראדוואן איז אנגעשטעקט מיט אנטיסעמיטיזם, האב איך דאס אויף קיין פאל ביי אים נישט געקענט באמערקן, זיין זארגפעלטיק באטראכטן דעם קראנקן אָן אונטערשיד פון ייד אדער קריסט אימפאנירט זייער.

כ׳בין ווידער אונטער זיין אויפזיכט געווען אין שפיטאל דריי וואכן. ער האט מיך ערנסט באהאנדלט, דערביי האט ער מיר געזאגט, אז כ׳מוז האבן אן אפעראציע. ער האט דאס געזאגט אין א מילדן טאן, אבער מיט א זייער ערנסט געזיכט.

צו די שפיטאל־באאמטע באַציט זיך ד״ר ראדוואן זייער מילד, און דאך איז דער רעספעקט פאר אים זייער גרויס. זיין וואָרט איז א געבאט. די דיעטע אין שפיטאל איז איצט א פיל בעסערע ווי א מאל. אכט א זייגער באקומט דער קראנקער פרישטיק, וואס באשטייט פון דריי זעמל, איינע מיט פוטער און א טעפל קאווע אדער מילך. די וואס דארפן דערהוילונג באקומען צוויי מאל אין טאג שיטערע אייער. צום צווייטן פרישטיק באקומען די קראנקע א טעפל האבערפלאקן־זופ. צוועלף מיט דרייסיק מינוט באקומט דער קראנקער יעדן טאג אן אנדער מענו, וואס באשטייט פון אייניקע געריכטן מיט פלייש, קאמפאט, זייער געשמאק געקאכט. אויף וועספער — זעמל מיט מילך אדער טיי, אוונטברויט — צוויי אדער דריי זעמל מיט קאווע.

ס׳איז איבעריק צו זאגן, אז דאס, וואס מיר זעען איצט אין יידישן שפיטאל, די אלע אויסבעסערונגען, האבן מיר צו פערדאנקען די געניטע האנט, וועלכע פירט דארט אָן. אבער טראץ דעם אלעם, אויב מען וויל זיין אין גאנצן אויפריכטיק, מוז מען צוגעבן, אז געוויסע זאכן נויטיקן זיך אין אויסבעסערונגען.

3

מיטן אנקומען פון א נייעם הויפט־דאקטאר האט דער שפיטאל אנגענומען א גאנץ אנדערן כאראקטער. ווען נישט די יידישע אנגעשטעלטע, וואלט מען געקענט מיינען, אז מען געפינט זיך אין א פוילישן שפיטאל. עס ווארפט זיך אין די אויגן די גרויסע צאל קריסטלעכע קראנקע. די קריסטן מיט יידן לעבן דא צווישן זיך זייער גוט, לויבן דעם "זשידאווסקין" שפיטאל, דא — זאגט איינער א קריסט צו מיר — באזוכן אונדז די דאקטוירים צוויי מאל אין טאג. אין "שוו. טרויצע" איז דער פאל נישט, אז דער דאקטאר פון "שוו. טרויצע" האט מיר פארארדנט איבערצוגיין אין יידישן שפיטאל, איז מיר געווארן קאלעמוטנע אויפן הארצן. איך האב זיך פארגעשטעלט, אז דא אין יידישן שפיטאל איז אזא ארדענונג ווי — איך בעט אנטשולדיקונג — ביי אייך אין דער באָזשניצע... אבער אריינקומענדיק אין שפיטאל, און זעענדיק די גוטע אָרדענונג און די פיינע באהאנדלונג, האב איך באלד חרטה געהאט פאר מיין שלעכטע מיינונג, וואס איך האב ארויסגעטראגן וועגן יידישן שפיטאל.

די קריסטלעכע דינערשאפט פון שפיטאל פירט זיך קארעקט צו די יידישע קראנקע, אבער צייטנווייז ווייזט זיך ביי זיי ארויס דער איינגעבירגערטער אינסטינקט פון פאַראכטונג צו א ייד.

אזוי, למשל, אין זאל ווו איך בין געלעגן, איז אויך א קריסטלעך יינגל פון 5 יאר קראנק געווען אויף א פוס. דאס יינגל האט געליארמט, דא איז דאס קריסטלעכע משרת, וועלכע האט באדינט די קראנקע פון זעלבן זאל אריינגעקומען, און האט אנגעשריגן אויף דעם יינגל סטראשענדיק אים, אז דער ייד וועט באלד קומען און אים צוכאפן. איך האב דערויף געמאכט אויפמערקזאם, אז זי זאל זיך רעכענען מיט ווערטער, און זי זאל גערענקען, אז זי געפינט זיך אין א יידיש שפיטאל. זעענדיק, אז מיך פארדריסט דאס, האט זי מיך איבערגעבעטן, און האט זיך פארטיידיקט, אז זי האט דאס געזאגט אין געלעכטער, און עס האט מיך כלל גארנישט געוווּנדערט אזא אַרט אויסדרוק פון א משרת. עס איז בלויז כאראקטעריסטיש, אַז אין דער סביבה, אין וועלכער ס'געפינען זיך א גרעסערע צאל יידישע קראנקע, קען מען זיך דערלויבן אזעלכע ווערטער.

מער האט מיך געוווּנדערט אויף דער שפיטאל־ווירטין, זי איז דאך א יידיש קינד מלידה ובטן. אַן אנשטענדיקע יידישע פרוי איז אריינגעקומען צו איר אין קאנצעלאריע און געבעטן, זי זאל איר ארויסגעבן א צייגניש, אז איר מאן ליגט אין שפיטאל, ווייל צו מארגנס קומט פאר זיינער א פראצעס, דער ווירט האט אים איינגעקלאגט און וויל ארויסבעקומען אן עקסמיסיע, און אזוי ווי צוליב זיין קראנקייט קען ער זיך נישט שטעלן אין געריכט, קען דער ווירט געווינען.

אויסהערנדיק דעם פארלאנג פון דער פרוי, ווענדעט זי זיך צו איר מיט א מינע פון אן אויספארשונגס־ריכטער: אהא! איך פארשטיי שוין די קונץ, אייער מאן האט זיך געלייגט אין שפיטאל אריין, בכדי אפצושלעפן דעם פראָצעס. מיר קענען זיך אויף אזעלכע זאכן. טאָ יעסט זשידאָווסקא שפעקולאציא...

דער פאקט באווייזט, אז א ווירטין וועלכע האט די אויפגאבע צו דערפילן די פליכטן בנוגע דער ווירטשאפט פון שפיטאל, דערלויבט זיך צו רייצן די אזוי אויך דערשלאגענע געפילן פון די נאענטע קרובים פון די קראנקע, מיט ווערטער, וואס האבן בלויז דעם איינציקן ציל צו פארשאפן בייז בלוט. אלנפאלס, דעם שפיטאל קען אזא ארט נישט אנשטענדיקע האנדלונג גאָרנישט געבן.

נאך א פאר ווערטער וועגן די סאניטארינס. אויף מיר האט געמאכט א גוטן איינדרוק די פאננע לאָלא, זי צייכנט זיך אויס מיט איר איבערגעגעבנקייט צו איר זאך, שטיל און באַשיידן, אָן טומל און רעש, גייט זי ארום דעם קראנקן, זי אימפט און באנדאזשירט דעם קראנקן מיט א געניטקייט פון א גוט פראקטיצירטער קראנקן־שוועסטער.

דער פאפולערסטער סאניטאר אדער פעלדשער, איז "פאן שמולעק" וועלכער ארבעט פאר זעקס. דער פאן שמולעק איז זייער באליבט ביי די קראנקע, אלץ גייט ביי אים געשווינד, דא באנדאזשירט ער, דא מעסט ער די היץ, דא לויפט ער אין דעם זאל, דא אין א צווייטן

זאל, און אזוי כסדר, אומעטום ווו ער באוויזט זיך, טראגט ער הילף דעם קראנקן, און די קראנקע לויבן אים זייער פאר זיין אפפערוויליקייט.

צום לעצט וויל איך אויך ווידמען א פאר ווערטער דעם וועכטער ביי הער טיר.

עס איז באווּסט, אז דריי מאל אין וואך ווערט אין באשטימטע שעהען צוגעלאזט קרובים צו די קראנקע, דער וועכטער לאזט אריין אחוץ די דערמאנטע שעהען די פערזאנען וואס האבן חן אין זיינע אויגן, אדער אזעלכע וועלכע דער דאקטאר דערלויבט. וועמען ארט דאס? מאכט זיך אבער, אז מ'לאזט אריין פערזאנען, ווען די קראנקע דארפן רוען. אזא פאל האב איך צוגעזען, און גראד איז דער, וואס מ'האט אים אריינגעלאזט, געווען שכור און ער האט באאומרויקט די קראנקע.

אבער נישט קוקנדיק אויף די אלע קליינע חסרונות, וועלכע קענען אויסגעמיטן ווערן, שטייט דער היגער יידישער שפיטאל אויף דער הויך פון זיינע אויפגאבן.

קאלישער וואך נ.נ. 2—6
מערץ—אַפּריל 1930

אכים

לינת־הצדק

לינת־הצדק איז איינע פון די עלטסטע אינסטיטוציעס אויף דער יידישער גאס, זי עקזיסטירט שוין 29 יאָר.

ביים היינטיקן טאָג, ווען דער דלות און אָרעמקייט איז אזא אָפטער גאסט ביי די יידישע מאסן, דערשיינט לינת־הצדק אָפט ווי א רעטער, וואָס קומט צו הילף ביי אלע קראנקייט־פאלן.

געשאפן געוואָרן איז די אינסטיטוציע כמעט דורך א יחיד, דורכן היינטיקן פרעזעס ה' מענדל לעווענטאל.

געווען איז דאָס אין יאָר 1900 ד. ה. מיט 29 יאָר צוריק. ה' לעווענטאל, זעענדיק די נויטיקייט פון אזא אינסטיטוציע, האָט זיך געווענדעט צו ה' הענעך קאפפעמאן, ער זאָל אים צוהעלפן ביים שאפן מיטגלידער פאר אן אינסטיטוציע לינת־הצדק, וואָס ער האָט בדעה צו גרינדן.

זיי האָבן דעמאָלט געשאפן 100 מיטגלידער, און אין חודש אדר דעם זעלבן יאָר, האָט ה' ל. צוזאמענגערופן די ערשטע גרעסערע זיצונג אין דעמאָלטיקן בית המדרש, ווו ס'זענען אַנוועזנד געווען די שענסטע מענטשן פון דער שטאָט. ער האָט פאָרגעלייגט זיין פּראָיעקט וועגן גרינדן א לינת־הצדק, באמערקנדיק, אז ער האָט שוין 100 מיטגלידער.

אלע אָנטיילנעמער אין דער זיצונג האָבן גערן מסכים געווען צו דער גרינדונג פון אזא אינסטיטוציע און ס'איז געוויילט געוואָרן א קאָמיטעט פון פאָלגנדיקע פערזאָנען: ה"ה מענדל לעווענטאל, בן ציון ווארטסקי, אפרים לעווי ז"ל, פרץ גאָלדשטיין, ישראל ווארטסקי און משה לאנדוי ז"ל.

די ערשטע ארבעט פון קאָמיטעט איז געווען צו אָרגאניזירן משמרות ביי קראנקע. נאָכן אָפּארבעטן א יאָר צייט, האָט זיך ארויסגעוויזן, אז ס'איז דאָ א גרויסער דעפיציט. די קאָמיטעט־מיטגלידער האָבן אָבער געארבעט מיט מסירת־נפש און נישט געלאָזט די אינס־טיטוציע פאלן.

אין יאָר 1909 איז די לינת־הצדק לעגאליזירט געוואָרן דורך דער רוסישער מאכט, און לויטן סטאטוט האָבן דעמאָלט געהערט צו דער פארוואלטונג פאָלגנדיקע פערזאָנען: דער היגער רב ר' יחזקאל ליבשיץ, פייבוש ארקוש, יהודה ערדבערג ז"ל, יצחק אדער, אליעזר משה קאָהן ז"ל, מענדל לעווענטאל, בן ציון ווארטסקי, משה הירש שימקיעוויטש ז"ל, אפרים לעווי ז"ל און אלעזר קראָסוצקי.

דעמאָלט האָט דער לינת־הצדק געדונגען זיין ערשטן לאָקאַל אויף דער ברעסלער גאס 16, וווּ ער האָט זיך געפונען ביזן אויסבראָך פון וועלט־קריג.

אינעם זעלבן יאָר איז אויך געגרינדעט געוואָרן די נאכט־פּאַגאָטאָוויע.

ווי ווייט פּאָפּולער די אינסטיטוציע איז שוין דעמאָלט געווען באַווייזט דער פאקט, וואָס דער לינת־הצדק האָט שוין דעמאָלט געהאט העכער 800 מיטגלידער.

לינת־הצדק האָט ביי זיך אין לאָקאַל אויך איינגעאָרדנט א שטענדיק מנין און האָט אויך געלאָזט שרייבן אן אייגענע ספר־תורה. דער חינוך פון דער ספר־תורה איז געווען זייער אן אימפּאָזאנטער און האָט געמאכט אין שטאָט א שטארקן איינדרוק.

לינת־הצדק האָט אויך געפּלאנט צו קויפן אן אייגן פאנאטאוויע־קעטשל, אָבער דאָס איז נישט צושטאנדגעקומען צוליבן אויסבראָך פון דער מלחמה.

אינטערעסאנט איז צו פארצייכענען, אז בעתן מלחמה־אויסבראָך איז די ספר־תורה געראטעוועט געוואָרן דורך דעם ה׳ אלי׳ גאָלדבערג.

אין יאָר 1916 האָט ה׳ לעווענטאל צוריק אָנגעהויבן באנייען די טעטיקייט פון לינת־הצדק, וועלכע איז אויך לעגאליזירט געוואָרן דורך דער דייטשער אָקופּאציע־מאכט, און האָט געדונגען דעם לאָקאַל אויף זלאָטע 17, ווו ער געפינט זיך ביז היינטיקן טאָג. א יאָר שפּעטער, ד. ה. אין 1917, איז אויך באנייט געוואָרן די טעטיקייט פון דער נאכט־פּאַגאָטאָוויע.

אין 1918 איז לינת־הצדק ווידער לעגאליזירט געוואָרן דורך דער פּוילישער מאכט און זי פירט ווייטער איר פרוכטבארע טעטיקייט.

פון די פילמאָליקע באריכטן, וואָס זענען שוין געווען געדרוקט אין "קאלישער לעבן" האָבן די לעזער שוין געקענט קריגן א באגריף, וואָס פאר א קאָלאָסאלע טעטיקייט עס פירט לינת־הצדק אויפן געביט פון העלפן קראנקע מיט דאָקטוירים, פעלדשער און מעדיצינען, און עס וואָלט כדאי געווען, אז די יידישע געזעלשאפט זאָל זיך מער פאראינטערעסירן מיט לינת־הצדק און איר דערמעגלעכן זיך צו קויפן א ספּעציעל פּאַגאָטאָוויע־קעטשל.

ס׳איז אויך כדאי צו באמערקן אויף דער מוסטערהאפטער אָרדענונג, וואָס הערשט אין דער בוך־פירונג, אזוי, אז צו יעדער צייט קען מען זען דעם באשטאנד פון קאסע און טעטיקייט פון דער אינסטיטוציע.

ביים היינטיקן טאָג געהערן צו דער פארוואלטונג פאָלגענדיקע פּערזאָנען: ה״ה מענדל לעווענטאל — פּרעזעס, מיכל זיידמאַן, גבריאל פּאטאלאָווסקי, ס. זאנדער, וואָלף פייפער, יצחק רעדליך, יוסף בלומענקראנץ, דוד שלמה דזיאלאָשינסקי, משה וואָלף טרויבע, לייבוש פרידע, יהושע ווייץ, פרוי פריינד, פרוי נאגורסקא און פרוי ווארשאווסקא.

דאָס קאלישער לעבן (75)
כ״א בשבט תרפ״ט—1.2.1929

מ. ווארשאווסקי

30 יאר „לינת־הצדק״

יוביליים פון געזעלשאפטן זענען לעצטנס פאראן לרוב. עקזיסטירט א חברה, א יאָר, צוויי, דריי, מאכט מען גלייך אקאדעמיעס, באנקעטן און שבחים שיטן זיך פארדינטע, און מער נאָך — נישט פארדינטע. ווען מיר זאָלן דעריבער וועלן פארגלייכן אונזער היינטיקן יובילייִ פונעם "לינת־הצדק" מיט אנדערע ענלעך־קלינגענדיקע פייערונגען פון אנדערע חברות, וואָלטן מיר באגאנגען אן אָנפארציילעכן חטא, הן לגבי דער געזעלשאפט "לינת־הצדק" גופא און הן לגבי די עסקנים, וועלכע ארבעטן אומדערמידלעך שוין דרייסיק יאָר אויף זייערע פאראנטוואָרטלעכע פּאָסטנס.

דרייסיק יאָר "לינת־הצדק", הייסט שטיין אויף דער וואך א דריטל יאָרהונדערט און אָפּהיטן דעם געזונט פון טויזנטער קאלישער בירגער. דאָס הייסט דערציען א געזונטן דור

אין אונדזער שטאָט צום רום פון דער געזעלשאַפט און צום נוצן פון דער שטאָט.

אין יאָר 1900 איז די שטאָט געווען שטאַרק אָנגעשטעקט פון פאַרשידענע קראַנקייטן. דאָס טאַקע האָט באַוויגן דעם ה׳ מ. לעווענטאַל צו גרינדן אַ געזעלשאַפט פון משמרות און דרינגענדיקע הילף פאַר נויטבאַדערפטיקע קראַנקע. שוין אין שושן־פורים פונעם זעלבן יאָר ווערט אויף אַ גרעסערער פאַרזאַמלונג אין בית־המדרש "מגן אברהם" — געשאַפן די געזעלשאַפט "לינת־הצדק", וועלכע האָט אויף זיך גענומען אַחוץ משמרות, צו געבן דאָקטוירים, מעדיצינען און זאַגאַר פלעגע.

מיטגלידער האָבן זיך גלייך פאַרשריבן 400. אַלס אָנפירער האָבן דעמאָלט פיגורירט די ה״ה מ. לעווענטאַל, בנציון וואַרטסקי, אלי קראָסוצקי און די פאַרשטאַרבענע אליעזר משה כהן, אפרים לוי, יודע ערדבערג און משה הערש שייקעוויטש. אַלס קאַסירער זעען מיר דאַן ר׳ ישראל וואַרטסקי.

אין אייניקע יאָר אַרום זענען מיר שוין טויזנט מיטגלידער, און דער יידישער "לינת־הצדק" טיילט צו אַלע, אָן אויסנאַם פון רעליגיע, מעדיצינישע הלף. דעמאָלט טאַקע איז אויך געשאַפן געוואָרן די נאַכט־פאָגאָטאָוויע, וועלכע איז אַזוי שטאַרק וויכטיק פאַר אַלע בירגער אין דער שטאָט.

די "לינת־הצדק" ווערט לעגאַליזירט פון דער מאַכט און באַקומט פון דער לאָדזשער וואָיעוואָדשאַפט די דערלויבניש צו עפענען אַן אייגענע אַפּטייק.

"לינת־הצדק" ווערט מיט דער צייט די וויכטיקסטע הילפס־אינסטיטוציע ביי אונדז אין שטאָט און אין די לעצטע צוויי יאָר 1929—1928, דערטיילט זי הילף אין קנאַפּע צוועלף טויזנט פאַלן!

די היינטיקע פאַרוואַלטונג באַשטייט פון פאָלגנדיקע ה״ה און פרויען: מ. לעווענטאַל (פּרעזעס), פרויען: פּרוינד, נאַגאַרסקאַ, סקאָווראָן און וואַרשאַווסקאַ, ה״ה זיידמאַן, מ. וו. טרויבע, ערליך, יעקב היימאַן, דזשאַלאָשינסקי, בלומענקראַנץ, פרידע, בער רעדליך און ג. פּאַטאַלאָווסקי.

מיט ריזן־טריט האָט זיך די נוצלעכע געזעלשאַפט אַנטוויקלט צום וווּל פון דער היגער באַפעלקערונג.

ביים היינטיקן 30־יאָריקן יובילעי ליגט אַ הייליקער חוב אויף דער היגער באַפעלקערונג אָן אויסנאַם בייצוהילפיק צו זיין דער "לינת־הצדק", ווייטער צו אַנטוויקלען איר טעטיקייט און צו פאַרפּילפאַכן די הילפסאַרבעט לטובת הכלל.

און צו די אָנפירער זאָגן מיר: זעצט פאָר אייער אַרבעט צום רום פון יידישן קאַליש.

"קאַלישער לעבן" 133

14.3.1930

די פייערונג פון 30־יאָריקן יובילעי פון „לינת־הצדק"

אין צוזאַמענהאַנג פון דער 30־יאָריקער עקזיסטענץ פון לינת־הצדק אין קאַליש האָט די פאַרוואַלטונג, זונטיק, דעם 16־טן ד. ה. איינגעאָרדנט אין מוזיק־זאַל אַ יובילעי־פייערונג.

דער פּרעזעס ה׳ לעווענטאַל עפנט דעם אָוונט און דערקלערט די וויכטיקייט פון דער אינס־טיטוציע און ער גיט איבער דעם פאָרזיץ דעם ה׳ אדער. אַלס אַסעסאָרן ווערן פאַרבעטן: ד״ר בעקאַטוס, לעאָן דאַנציגער און ה׳ באַרשט.

דער פאָרזיצענדער דערמאָנט די דריי פאַרשטאָרבענע פּרעזעסן: מ. לאַנדוי, י. ראָזען און זאַנדער. זיי ווערן באַערט דורך די פאַרזאַמלטע מיט אויפשטיין.

דער חזן מיטן כאָר זינגען „מה־טובו" און מאַכן אַ „אל מלא רחמים" די פאַרשטאָרבענע פּרעזעסן.

דאַן קומען די באַגריסונגען פון פאַרשידענע אינסטיטוציעס. אין נאָמען פון קליינהענדלער־פאַרבאַנד באַגריסט ה׳ מ. ד. ביאַלעק, אין נאָמען פון פאַרבאַנד שפּענדעט ער 10 זל. פון דער קהילה באַגריסט ה׳ מ. ב. טרויבע, פון די האַנטווערקער — ה׳ טרויבע, וואָס שפּענדעט 20

זל. פון דער „אגודה״ ה׳ ראזענבלום, פון פועלי אגודת ישראל ה׳ איצקאָוויטש — שפענדעט 10 זל. אין נאמען פון דאקטוירים — ד״ר זייד.

דער חזן זינגט מזמור שיר חנוכת און דעם פוילישן הימן (ה׳ אַדאָלף גוטפרויגד מאַכט אויפ־מערקזאם, אַז אויך דער יידישער הימן דארף געזונגען ווערן, אָבער דער פארזיצער האָט דאָס אפגעזאָגט. אַלס פראָטעסט האָבן עטלעכע פערזאָן פאַרלאָזט דעם אָוונט). ה׳ לעווענטאַל גיט אַן איבערבליק איבער דער אַנטוויקלונג פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע.

ס׳איז דערטיילט געוואָרן הילף אין דער פאָרעם פון נאַכט־פּאָגאָטאָוויע, דאקטוירים ביי קראַנקע און רעצעפּטן:

אין יאָר 1927 אין 5089 פאַלן
אין יאָר 1928 אין 5885 פאַלן
אין יאָר 1929 אין 6355 פאַלן

די אויסגאבן פון יאָר 1927 — 15.000 זל.
די אויסגאבן פון יאָר 1928 — 15.500 זל.
די אויסגאבן פון יאָר 1929 — 17.000 זל.

אַלס דאַנק פאַר זייער איבערגעגעבענער ארבעט זענען באַשאָנקען געוואָרן מיט זשעטאָנען: פּרוי נאַגורסקאַ; פרוינד; וואַרשאַווסקאַ; סקאָווראָן און דוד ביער.

דער פאָרזיצנדער דאַנקט די פאַרזאַמלטע פאר זייער באטייליקונג, מיט דעם ווערט דער אָוונט געשלאָסן.

קאלישער וואך № 1
קאליש, כ״א באדר תר״ץ
21.3.1930

די פייערלעכע דערעפנונג פון דער אפטייק ביי לינת־הצדק

געפיל פון שטאָלץ און סאטיספיקאציע האָט געשטראַלט ארום יעדן גאסט אויף דער פייערונג פון לינת־צדק, וועלכע איז פאָרגעקומען דעם לעצטן זונטיק לכבוד דער דערעפענונג פון דער אַפטייק ביי דער געזעלשאפט. מיט שעצונג און התפעלות זענען מיר געשטאַנען פאַר דער אָנפירונג פון לינת־הצדק, וועמענס איבערגעגעבענע ארבעט איז אימשטאַנד געווען צו שאפן אָט דעם גרויסן אנשטאַלט.

אפילו אין נאָרמאלע צייטן און נאָרמאלע באַדינגונגען וואָלט דאָס אויפשטעלן פון דער אַפטייק פון לינת־הצדק געווען א גרויס געשעעניש אין אונדזער געזעלשאפטלעך לעבן, אָבער אין די איצטיקע טעג, ווען געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציעס ווערן ליקווידירט און דער קאַמף פארן קיום איז אַזוי שווער, איז דאָס שאפן אַזאַ אינסטיטוציע מיט אַזאַ אויסשטאַטונג אַן אויסגעוויינלעכע געשעעניש.

דער פארבאַנד פון לינת־צדק, וועמענס הומאַניטאַרע אויפגאַבע איז צו דערלאַנגען מעדיצינישע הילף דער יידישער באַפעלקערונג, האָט באַוויזן מיט אָט דעם אויפטו א הויבן גיוואָ, וואָס איז ראוי אָפּגעשאַצט צו ווערן פון דער גאַנצער געזעלשאַפט.

לאָמיר נישט פארגעסן דעם פאַקט, אַז לינת־צדק ארבעט אָן טומל און רעקלאַמע. עס איז קלאָר אַז אַזאַ אַפטייק קאָן מען אויפשטעלן נאָר מיט א סך אָנגעשטרענגטער ארבעט. דערפאַר קומט די טוערס פון לינת־צדק, די פרויען און די מענער, א יישר־כוח. איר האָט באַוויזן אַן אקט פון אַן איבערגעגעבענער און געטרייער ארבעט, איך האָט אויסגעהאַלטן דעם פּרווו מיט גרויס דערפאָלג!

דעם פאַרגאַנגענעם זונטיק נאָך מיטאָג איז פאָרגעקומען די פייערלעכע דערעפענונג פון דער אַפטייק ביי לינת־צדק. אינעם זאַל האָט געהערשט א יומטובדיקע שטימונג. עס האָבן זיך פאַרזאַמלט די פאָרשטייער פון פאַרשידענע אינסטיטוציעס און ריכטונגען אינעם יידישן און נישט נאָר יידישן ציבור. מיר זעען דאָ יידישע און נישט יידישע דאָקטוירים, אדוואָקאַטן, לאָוניקעס, די פירער פון דער קהילה, פרנסים, משגיחים און אנדערע.

די שטימונג ביי די טוערס פון לינת־הצדק איז א פייערלעכע. דער עיקר ביי די פרויען, וועלכע האָבן א גרויסן חלק אין אָט דער געשעעניש. זיי טראָגן אלע דעם אָנדענק־צייכן פון לינת־הצדק. זיי דריקן אויס אויף אלע אופנים זייער גרויסע פרייד, וואָס עס האָט זיך זיי איינגעגעבן צו שאַפן אָט די פיינע אינסטיטוציע.

עס איז אָנגעקומען דער מרא דאתרא, ר׳ יחזקאל ליבשיץ, און ער האָט פאַרנומען זיין אָרט ביי דעם פרעזידיום־טיש.

דאָס גלעקל האָט געמאָלדן דעם אָנהויב פון דער פייערונג. דער פאָרזיצער פון לינת־הצדק, ה׳ מענדל לעוועטאל, פאַרבעט דעם ה׳ יצחק אדער צו פאַרנעמען דאָס אָרט פונעם פאָרזיצער פון דער דאָזיקער פייערונג. ה׳ אדער פאַרבעט צום פרעזידיום די דאָקטוירים עדוואַרד בעאַטוס און דרעשער.

ה׳ אדער דאַנקט פאַרן כבוד און גיט איבער דאָס וואָרט דעם רב.

דער רב זאָגט, אז ער איז גליקלעך, וואָס ער האָט געהאַט די זכיה צו זיין א חבר פון דער לינת־הצדק־אַנפירונג נאָך מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק, און וואָס עס איז אים באַשערט צו זיין אָנוועזנדיק אויף אָט דער דאָזיקער פייערונג. דערנאָך רעדט דער רב וועגן דער מאָראַלישער פליכט פון יעדן איינציקן ייד, וועגן דער חובה מדרבנן, צו טראָגן הילף די קראַנקע, אויך די וואָס זענען נישט קיין בני־ברית. אין דעם מצב פון אָרעמקייט און מאַנגל וואָס הערשן אויף דער יידישער גאַס, דאַרף מען בענטשן און דאַנקען פאַרן אויפשטעלן פון אָט דער אַפטייק, וואָס איז א נויטווענדיקייט, דאָך ווינטשט ער, אז מען זאָל וואָס ווייניקער דאַרפן זיך באַנוצן מיט דער נייער אינסטיטוציע.

דער שטאָטישער חזן ה׳ באַניופקא און דער כאָר האָבן געזונגען "מה טובו", א מזמור פון חנוכת הבית און דעם פוילישן הימן.

דאַן האָט לעוועטאל באַגריסט די פאַרזאַמלטע, אויף יידיש און אויף פויליש, און האָט געהאַלטן א קורצע רעדע וועגן דער וויכטיקייט פון לינת־הצדק.

ד"ר לובעלסקי האָט באַגריסט די דערעפענונג פון דער נייער אינסטיטוציע אלס דאָקטער, וואָס אַרבעט שוין יאָרן לאַנג אין לינת־צדק. ער האָט גערעדט וועגן דער גרויסער פאַר־לייכטערונג, וואָס וועט זין אָפּפילן ביי דער אָרעמער באַפעלקערונג פון שטאָט, ווייל זיי וועלן באַקומען אומזיסט די רפואות. ער האָט אויסגעדריקט א האָפענונג, אז אין גיכן וועט באַנייט ווערן די אַרבעט פון דער ערשטער הילף אין די נאַכט־שעהען.

נאָך אים האָט דער ראַיאָן־דאָקטער, ד"ר סטאַשקיעוויטש, באַגריסט אינעם נאָמען פון די געזונטס־אינסטאַנצן. ער האָט איבערגעחזרט עטלעכע פסוקים פון דער רעדע פונעם רב ליבשיץ און האָט אויסגעדריקט זיין האָפענונג, אז דאָס איז נישט די לעצטע פייערונג פון אָט דעם מין, אז לינת־הצדק וועט פאַרזעצן און עפענען נייע אינסטיטוציעס, וואָס וועלן הייבן דעם געזונט־צושטאַנד ביי דער יידישער באַפעלקערונג.

אינעם נאָמען פון דער קהילה־אַנפירונג האָט באַגריסט ה׳ מ. ב. טרויבאַ, וועלכער האָט דערקלערט אז עס איז כדאי זיך צו באַמיען וועגן א באַנייונג פון דער שטאָט־סובסידיע פאַר לינת־הצדק.

אין נאָמען פון שטאָטראַט האָט באַגריסט דער לאָוניק מאַציעיעווסקי, וועלכער האָט געזאָגט, אז עס איז נישט פאַראַן קיין מער דערהויבענע אויפגאַבע, ווי די הילף פאַר קראַנקע. ער האָט פעסטגעשטעלט, אז די איצט אויפגעשטעלטע אינסטיטוציע דאַרף אויפגעהאַלטן ווערן

טראָץ דעם עקאָנאָמישן קריזיס אין לאַנד. ענטפערנדיק אויף די ווערטער פון ה׳ טרויבא, האָט דער רעדנער גערזאָגט, אז צוליב דער שווערער עקאָנאָמישער סיטואַציע איז דער שטאָטראַט געווען געצוווּנגען צו רעדוצירן די סובסידיע פון לינת־הצדק, אָבער עס וועט אין דער צוקונפט געמאַכט ווערן א פּרווו צו פאַרריכטן אָט דעם מצב.

א זייער באַאיינדרוקנדיקע רעדע האָט אויף פּויליש געהאַלטן דער לאָוניק העבער, וועלכער האָט באַגריסט אינעם נאָמען פון דער יידישער סעקציע אינעם שטאָטראַט. ער האָט דער־קלערט, אז די יידישע חברים אינעם שטאָטראַט האָבן תמיד געקעמפט פאַר א פאַרגרעסערטע סובסידיע פאַר לינת־הצדק. עס איז אמת, אז די סובסידיע איז רעדוצירט געוואָרן אויף 80 פּראָצענט אין דער לעצטער צייט, אָבער אין דעם זענען נישט שולדיק די חברים פון שטאָטראַט, נאָר די אינספּעקציע־אינסטיטוציעס אין לאָדזש.

דער רעדנער האָט אויך אָפּגעצייכנט די סימבאָלישקייט פונעם אויפשטעלן פון אָט דעם אַפּטייק — אין א צייט ווען יידן ווערן באַקעמפט אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, ווי אויך אין הויכשולן, פּייערן מיר א דערעפענונג פון א יידישער אינסטיטוציע, וואָס דערלאַנגט הילף יידן און נישט יידן.

אינעם נאָמען פון לינת־הצדק אין פּאַביאַניץ האָט באַגריסט ה׳ גלאַס.

אינעם נאָמען פונעם שניידער־צעך אין קאַליש האָט באַגריסט ה׳ בער גראָס וועלכער האָט געמאַכט א פאָרשלאַג ווייניקער צו דאַנקען און מער העלפן דער אַנפירונג אין איר אַרבעט. דער שניידער־צעך וועט אויף דער נאָענסטער זיצונג אַסיגנירן א באַשטימטע סומע פאַר לינת־הצדק און ער אַליין שפּענדעט 10 פּראָצענט פון זיין חודשלעכער הכנסה (שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן).

אינעם נאָמען פונעם סוחרים־פאַרבאַנד האָט באַגריסט ה׳ יודל שוואַרצבאַרד, און אינעם נאָמען פון דער תלמוד־תורה — ה׳ חיים יאַווען.

מען האָט געלייענט די באַגריסונגס־טעלעגראַמעס פון ״טאַז״ אין וואַרשע, פון לינת־החולים אין ביאַליסטאָק און פון דער משפּחה סקאָווראָן אין קאַלאַ.

ה׳ אדער האָט געהאַלטן א קורצע רעדע.

דער רב האָט אויף פּויליש אויסגעדריקט זיין דאַנקבאַרקייט די דאָקטוירים און פאָרשטייער פונעם שטאָטראַט פאַר זייער אַנטיילנעמען אין דער פּייערונג.

די פרויען אויגוסטא פּרוינד און פעלא טעמקין האָבן געהאַט דעם כבוד אויסצושטריקן די זיידענע בענדער איבער דעם טויער פון דער אַפּטייק, און דער רב האָט זיי איבערגעשניטן מיט א שערל.

דער עולם איז אַריינגעגאַנגען באַקוקן די אַפּטייק. די אינערלעכע איינריכטונגען האָבן באַפרידיקט די באַזוכער.

פרוי הירשבערג איז נאָמינירט געוואָרן אַלס דירעקטאָרין פון דער אַפּטייק.

נאָך דער פּייערונג איז פאָרגעקומען א זיצונג פון דער דירעקציע צוזאַמען מיט די שליחים פון פּאַביאַניץ. מען האָט באַטראַכט די מעגלעכקייט, פון אָרגאַניזירן א ראַיאָן־קאָנפערענץ פון לינת־הצדק.

עס איז אויסגעקליבן געוואָרן א קאָמיסיע, וואָס וועט זיך פאַרנעמען מיט דעם דאָזיקן ענין. פון קאַליש באַטייליקן זיך אין דער קאָמיסיע ה׳ לעווענטאַל און פרוי נאַגורסקאַ, פון פּאַביאַניץ — ה״ה מאַנדעל און גלאַס. דריי פּלעצער אין דער קאָמיסיע זענען רעזערווירט געוואָרן פאַר די חברים פון לאָדזש.

קאַלישער לעבן (220) 47
י׳ בכסלו תרצ״ב. 20.11.1931

א. ר.

א וויזיט אין מושב־זקנים

שוין לאַנג ווי איך האָב זיך געקליבן צו מאַכן אַ וויזיט אין היגן מושב־זקנים, זען מיט מיינע אייגענע אויגן די העכסט סימפּאַטישע אינסטיטוציע, וווּ מענטשן, וועלכע האָבן שוין געהאַט זייערע לעצטע חשבונות מיט דער אויס־ערלעכע וועלט, האָבן זיך דאָרט באַזעצט, כדי דאָרט זייערע לעצטע יאָרן צו פאַרברענגען, וווּ עס זשומעט שוין מער נישט דער הו־האַ פון רוישיקן לעבן, וווּ קנאה און שנאה האט מער קיין פּלאַץ נישט.

דעם פאַרגאַנגענעם שבת, האב איך דאָרט אָפּגעשטאַט אַ וויזיט. אריינקומענדיק אין קאָרידאָר האט זיך מיר געוואָרפן אין די אויגן די גרויסע אויפשריפט אויף דער פּוילישער שפּראַך מיט די נעמען פון די גרינדער: ה׳ פּרץ און ה׳ מייזנער. עס האט מיך אפילו שטארק געוווּנדערט, פאַר וואָס אין אַ יידישער אינסטיטוציע זאל נישט זיין אויך קיין אויפשריפט אויף יידיש, נאָר גיי פרעג קשיות.

אָבער טראָץ דעם זיינען די דערמאָנטע קאַלישער פילאַנטראָפּן באמת ווערט, אַז זייערע נעמען זאלן פאראייביקט ווערן, זאָל זיין אין וואס פאר אַ שפּראַך ס׳איז. זיי האָבן געשאַפן אַ גרויסע אינסטיטוציע. פאַרוואַלטערין, פרוי שעראַדזקאַ, איז געווען אזוי פריינדלעך און מיט מיר ארומגעגאַנגען אין אלע צימערן פון דער מענער־און פרויען־אָפּטיילונג, די צימערן זיינען גרויסע און ליכטיקע, 5 בעטלעך אין אַ צימער, ווייס איבערצויגן, אַ טיש און אייניקע שטולן, און מיט פאליצעס מיט ביכער און ספרים.

די דילן זיינען פון אַספאַלט, אָבער זייער ריין, איבערן גאַנצן הויז ציט זיך א לאַנגער באַלקאָן, אזוי, אז פון יעדן צימער איז אַ פאַראַן באַזונדערער ארויסגאנג צום באלקאָן וואס גרענעצט זיך מיטן גאָרטן, פון וועלכן עס טראָגט זיך אַ שמעקעדיקער און אָנגענעמער ריח.

אין גארטן זענען פאַראַן אייניקע בענק, וווּ די אלטע לייט זיצן אדער שפּאַצירן ארום. דער ערשטער איינדרוק איז, אז דאָס איז נישט קיין יידישע אינסטיטוציע, ווייל — צווישן אונדז זאָל דאָס בלייבן — די מידה פון רחמנות און גוטהאַרציקייט איז טאַקע ביי אונדז גרעסער ווי ביי אַנדערע, אבער עסטעטישן געשמאַק און אָרדענונג מעגן מיר זיך לערנען ביי די גוים, און אויב די גרינדער פון דער אַזוי וויכטיקער אינסטיטוציע האָבן איינגאָרדנט דעם מושב־זקנים מיט אזוי פיל עסטעטישן געשמאק, איז דאס טאָקע אַ דאַנק דעם, וואָס זיי האבן אין דער הינזיכט פיל געלערנט פון די קריסטלעכע שכנים.

איך בין אריינגעגאַנגען אין גרויסן זאל, וווּ עס שטייען צוויי לאַנגע טישן מיט בענק, אַרום די טישן זיצן יידן גרייז־גרויע, ווער ביי אַ חומש, ווער ביי א גמרא, ווער ביי אַ צייטונג, מען גיט זיך נישט אָפּ בלויז מיטן חומר, דער עם־הספר געפינט שטענדיק צייט פאר גייסטיקע ענינים.

איך פארפיר אַ געשפּרעך מיט אייניקע זקנים. אויף מיין פראַגע, צי זיי זיינען צופרידן, ענטפערן זיי מיר, אז זיי האָבן זיך בעסער גאָרנישט געווונטשן, זיי האבן פון אלץ, וואס אַ מענטש באַדאַרף.

איינער זאגט צו מיר: „איך זאג אייך, פאַניע לעבן, איר מעגט דאָס באשרייבן אויף דער צייטונג, אז די וואָס אינטערעסירן זיך אזוי פיל מיט אונדז, זאגט מען דאך אויף זיי, אז זיי זיינען „פולזשידקעס״. גלויבט מיר, אז זיי זיינען בעסערע יידן ווי אונדזערע חסידים, וואָס שאקלען זיך אַזוי שטארק ביים דאַווענען. זיי האָבן אַ יידיש האַרץ. נאָר זיי האבן מיר צו פאַרדאנקען, וואָס מיר האָבן אויף דער עלטער אזא פרידלעכן און שיינעם אָפּרו״.

נאָך דעם, ווי די פאַרוואַלטערין האָט מיר נאָך געוויזן די פאַרשידענע איינריכטונגען, די קיך, וועלכע איז מוסטערהאפט איינגעאָרדנט, די צענטראַלע באהייצונג, די וווינונג פאַר דער דינערשאפט ווי אויך די איינצלנע צימערן, אין וועלכע עס וווינען צו פאָרפאָלק, האָב איך זיך געזעגנט און בין אַוועק מיט דער בעסטער צופרידנקייט.

קאלישער וואך № 17
קאליש, פרייטיק, כ״ב תמוז תר״ץ
18.7.1930

מ. דאווידאוויטש

אל תשליכנו לעת זקנה... (א באזוך אין מושב זקנים)

איך האב מיינע אייגענע אויגן נישט געוואלט גלייבן.

איך האב זיך פארגעשטעלט: א האלב חרובע געביידע, א דאך פון צעפוילטע שינדלען, וואס האלט זיך אויף נסים, ענלעך צו דעם באקאנטן טיפ פון די דארפישע "כאטעס". און ווייטער: צעבראכענע זקנים און זקנות, נידערגעשלאגענע און פארצווייפלטע. שמוציקע און אפגעלאזטע, וואס גייען אויס פון יאוש און פארצווייפלונג, און פארשעלטן דעם טאג פון זייער קומען אין "מושב זקנים".

אזוי האב איך געטראכט און פאנטאזירט דעם גאנצן, לאנגן וועג, וועלכער פירט צו דעם הויז, ווו ס'רוען אפ און לעבן אויס זייערע רעשט יארן, אייניקע צענדליק יידישע זקנים און זקנות, ביז... ביז, כ'בין צוגעקומען צום הויז נומער 41 אויף סטאַווישינסקא־גאס, און איך בין געבליבן שטיין פאר פארוווּנדערונג און איבעראשונג, פרעגענדיק כסדר: "הזאת נעמי?" אט דער הערלעך־גיגאנטישער בנין, וועלכער מאכט דעם איינדרוק פון א שיינעם אויסגעטרוימטן "אאזיס". איז דאס דער "מושב זקנים" פון די קאלישער יידן?

אבער נאך א גרעסערע איבערראשונג האט מיך דערווארט ווען כ'בין דורך דעם עטוואס־קרימלעכן, פאנטאסטיש־משופעדיקן איינגאנג און אריינגעקומען אין דעם אינווייניקסטן לאקאל. וואס רעד איך: לאקאל? דאס איז נישט קיין לאקאל, נאר א פאלאץ, און נישט איין פאלאץ, נאָר פאלאצן. יעדע אפטיילונג — א באזונדערער פאלאץ: ליכטיק, לופטיק, גראַם, באקוועם און איינגעארדנט לויט די לעצטע פאַרשריפטן פון היגיענע.

דער הויפט־לייטער, ה' בן־ציון ווארטסקי, איז געווען אזוי פריינדלעך און אויסגעדריקט זיין גרייטקייט מיך צו באקענען מיט אלע אפטיילונגען און איינריכטונגען פון "מושב זקנים", און אין דער באגלייטונג פון דער הויפט־ווירטין, פרוי שעראדזקאַ, האבן מיר אנגעהויבן אונדזער אינספעקציע אין דער הערלעכער אינסטיטוציע.

פון דער שיין איינגעארדנטער קאנצעלאריע זענען מיר גלייך אריבער אין דער ספעציעלער אָפּטיילונג פאר דער דינערשאפט (ס'וואלטן זיך פיל באדינער פון אנדערע אינסטיטוציעס געוווּנטשן צו האבן אזעלכע באקוועמע וווינונגען).

נעבן דער אפטיילונג פון דער צענטראל־באהייצונג געפינט זיך א לאנגער ליכטיקער זאל דאס איז א ספעציעלער עסזאל פאר די פענסיאנערן פון "מושב זקנים". דער דאזיקער זאל דינט אויך אלס שול פאר די זקנים איבערן ווינטער צוליב דעם וואָס די אפיציעלע שול איז שווער צו באהייצן.

מ'האט מיר אויך געוויזן די קיך־אפטיילונג מיט אלע נויטיקע כלים און מכשירים, ווו ס'געפינט זיך אגב א היפשער סכום קוילן און ברענמאטעריאלן, וואס דער מאגיסטראט האט געגעבן אויפן חשבון פון דער סובסידיע פאר דער וויכטיקער אינסטיטוציע. אין דער דאזיקער אפטיילונג איז אויך פאראן א ספעציעלער איווון אויף טשאלנט. בקיצור, אומעטום זעט מען די זארגפעלטיקע השגחה פון דער לייטונג וועלכע גיט אכטונג, אז די זקנים זאל גארנישט פעלן.

ווי געזאגט, אין די שול ווינטערצייט געשלאסן, ווייל ס'איז אוממעגלעך די שול צו באהייצן. ה' ווארטסקי האט זיך ספעציעל מטריח געווען, געבראכט די שליסלען און נאכן עסן מיך אריינפארבעטן און א שיינענדיקער א זאג געטאן: זעט!

גלייך ביים איבערטרעטן די שוועל פון דער "מושב־זקנים־שול" בין איך געבליבן פארגאפט און נישט געקענט א וואָרט ארויסברענגען פאר פריידיקער איבערראשונג. שטעלט אייך פאר: א שול א גרויסע, אין וועלכער ס'קענען אריין ביז 200 מענטשן, א הערלעכער ארון־קודש מיט א פראכטפול געשטיקט פרוכת. אין צווי סימעטרישע רייען שטייען די "שטעט". אין מיטן א געניג גראמער דורכגאנג, אין דער הויך א שיינע גאלעריע וועלכע דינט פאר א "עזרת נשים". די שול איז ניי רעמאנטירט און הערלעך געמאָלט און מאכט א גוטן

איינדרוק. רעמאנט פון דער שול און פון גאנצן "מושב זקנים" איז געווארן דורכגעפירט אין מאנאט אויגוסט פון פאַריקן יאר, פאַר די נדבות פון חשובן נדבן ה' ביידענקאפּ פון לאנדאן.

איך האב אויך געזען די באזונדערע צימערן און צימערלעך, ווו ס'וווינען די זקנים (פאַרטער) און די זקנות (ערשטן שטאק). אלץ איז דא זויבערריין, ממש עס בלאַנקט. אויפן צווייטן שטאק געפינט זיך א ספעציעלע פּראַלניע, א בוידעם צו וועש, קאמערן צו קליינ־קייטן א.א.וו.

אין "מושב זקנים" האלטן זיך אויף 41 פענסיאנערן: 17 זקנים און 24 זקנות, וועלכע עס פעלט פון גארנישט. זיי באקומען 4 מאל אין דער וואך פלייש, זיי ווערן אפט געבאדן אין דער ספעציעלער באד־אפטיילונג פון דער אינסטיטוציע, און יעדע פאַר טאג ווערט ביי זיי געטוישט די וועש. אזוי, אז די אלטע לייט, וועלכע קומען דארט אהין אויסלעבן די רעשט יארן, האבן זיך אויף גארנישט צו באקלאגן.

— ווי זעט אויס דער פינאנציעלער מצב פון "מושב זקנים"?

— לגבי אנדערע אינסטיטוציעס — ענטפערט ה' בנציון ווארטסקי — נישט צו פארזינדיקן. איר מוזט דאך נעמען אין אכט, אז די לייטונג פון "מושב זקנים" ארבעט מיט מסירת־נפש פאר דער דאזיקער אינסטיטוציע, כדי צו דערהאלטן איר עקזיסטענץ. נישטא ביי אונדז קיין פארטיי־סכסוכים און אנדערע רייבונגען. אין דער פארוואלטונג הערשט א מוסטערהאפטע הארמאניע און איינשטימיקייט, און דאס איז גורם צו דער גינסטיקער אנטוויקלונג פון דער אזוי וויכטיקער אינסטיטוציע. אבער דאך, ביי אזא ריזן־טעטיקייט ווי ס'פירט זיך דער "מושב זקנים", דארף מען זיך לגמרי נישט חידושן, ווען מיר האָבן פון צייט צו צייט א שטיקל דעפיציט. אויך היי־יאָר, א דאנק דעם שווערן קריזיס, איז דא ביי אונז א דעפיציט.

— ווי אזוי רעכנט איר צו דעקן דעם דעפיציט?

— מיר אָרדענען איין א סיום אויף "עין יעקב" אין ט"ו בשבט, און מיר גלייבן, אז דאס יידישע קאליש וועט פארשטיין אפצושאצן די וויכטיקייט פון דער נוצלעכער אינסטיטוציע און מאסנהאפט זיך באטייליקן אין אונדזער שמחה.

אזא שמחה אָרדענען מיר איין יעדע דריי יאר. אויפן לעצטן סיום, מיט דריי יאר צוריק, איז אויך געווען אָנוועזנד דער רב, הרב יחזקאל ליבשיץ ז"ל, וועלכער האט זיך נישט געקענט באהערשן און פאר גרויס שמחה זיך צעוויינט.

א צייט לאנג האב איך זיך געפונען אונטערן זעלטענעם איינדרוק פון מיין באזוך אין דעם לעגענדארן פּאלאץ, וועלכן מען רופט "מושב זקנים". איך בין טיף איבערצייגט, אז אויב אלע אינסטיטוציעס און פילאנטראפישע געזעלשאפטן וואלטן געפירט אזא ערלעכע, מוסטערהאפטע ווירטשאפט, ווי אין "מושב זקנים", וואלט די נויט אויף דער יידישער גאס פילפאך געווארן געלינדערט.

קאלישער לעבן (332)
ג' בשבט תרצ"ד—19.1.1934

די קינדערהיים "בית יעקב"

ווען מיר האבן דערהאלטן אין רעדאקציע די איינלאַדונג צו באזוכן די קינדערהיים "בית יעקב", האב איך לכתחילה געצווייפלט אויב עס לוינט זיך צו מאכן דעם באזוך, טראכטנדיק ביי זיך: וואסערע וווּנדער קען מען דען אייגנטלעך זען ביי די קליינע פיצינקע קינדערלעך. דאך אבער, בכדי צוליב צו טאָן די פארשטייער פון דער אינסטיטוציע, וואס האבן מפציר געווען, באשליס איך ביי זיך צו מאכן דעם באזוך.

און איך מוז מודה זיין, אז כ'האב טאקע געהאט א גרויסן טעות. ס'איז דא אין דער קינדערהיים זייער פיל צו זען און פיל צו באטראכטן. איך וואלט עס קיין מאל נישט געגלייבט, ווען איך איבערצייג זיך נישט אליין דערין. זייער ריכטיק באמערקט ה' גאלדבערג

(מיטגליד אין שול־קאמיטעט): די אנטשטייונג פון דער שולע איז א נס. עס איז געשאפן געווארן א יש מאין. פון א פוסטן לײדיקן פאבריקס־לאקאל, וועלבער איז געווען פארוויסט יארן לאנג, איז אויסגעבויט געווארן א מוסטערהאפטע שולע, ווו הונדערטער יידישע קינדער באקומען אן עכט רעליגיעזע דערציונג, ווערן דערצויגן אין רעליגיעזן גייסט פון קינדווייז אן, ביז 16—15 יאר.

דורות ווערן געשמידט און דערהאלטןביים יידישן קיום. לאנג האט דאס "חנוך הבנות"־פראבלעם געווארט אויף א לייזונג, און ענדלעך איז דורכן "בית יעקב" די לייזונג געקומען.

★

אריינקומענדיק דורכן קארידאר אין גרויסן זאל, האבן מיך זייער פריינדלעך אויפגענומען די שול־פּאַרשטייער, די ה"ה גאלדבערג, סאמסאָן און ניימאַן. ה' גאלדבערג זאגט צווישן אנדערן: מיר האבן אייך איינגעלאדן אלס פארשטייער פון דער פרעסע, וואס שפילט היינט א דערציערישע ראָלע אין דער עפנטלעכער מיינונג. קומט און איבערציוגט אייך, זעט און באטראכט, וואס עס איז געשאפן געווארן, גיט עס איבער אביעקטיוו פאר דער עפנטלעכקייט, זאל דער עפענטלעכקייט באקאנט ווערן, וואס מיר האבן געשאפן. און זאל די געזעלשאפט וויסן ווי געהעריק אפצושאצן די גרויסע ווערט פון אונדזער שולע. ה' גאלדבערג ענדיקט זיין באגריסונג מיט די ווערטער: סוף כל סוף וועט דאס יידנטום אנערקענען דעם גרויסן נס, וואס איז געשען די יידישע טעכטער דורכן גרינדן די "בית־יעקב"־שולן. "בית יעקב" איז דאס איינציקע רעטונגס־מיטל אין דער היינטיקער צייט פאר די יידישע טעכטער!

אין דער באגלייטונג פון די אויבנדערמאנטע ה"ה באזוך איך דאן דעם לאקאל פון דער קינדערהיים־שולע, וואס געפינט זיך אין א זייטיקן צימער פון גרויסן זאל.

א הערלעך בילד שטעלט זיך מיר פאַר די אויגן פאַר: א געננג גרויסע, העלע שטוב, די ווענט באהאנגען מיט גרויסארטיקע שיינע בילדער, וואס דינען אלס אילוסטראציע פאר די קינדער. איבער 20 קינדערלעך זיצן אין א מוסטערהאפטער אָרדענונג ביי קליינע טישלעך, באדעקט מיט ריין־ווייסע טישטעכלעך, נעבן יעדן קינד ליגט א קיישל עסן. פרל. ראָט דערלאנגט דאן יעדן קינד א גלאז געצוקערטע טיי, וואס ווערט אויפגעקאכט אין דער שולע אויף א ספעציעלן עלעקטרישן טשייניק. אלע קינדער זיצן רויק שטיל. די לערערן פרל. קליניעווסקא (א טאכטער פון היגן איינוווינער ר' אברהם חיים קליניעווסקי) דערנענטערט זיך צו די קינדער און דערקלערט אין א זאפטיק הארציקער קינדער־שפראך די באדייטונג פון ברכה, אלע קינדערלעך שטעלן זיך אויף פון די ערטער און די לערערין צוזאמען מיט אלע קינדער זאגן הויך ברכה. אלע קינדערלעך זעצן זיך אויס רויק אויף זייערע ערטער און באטראכטן געניי די פעקעלעך פראוויאנט, וואס זיי האבן מיטגעברענגט פון דער היים. א גרויס פארגעניגן איז באמת צו באקוקן די שיינע אידיליע, ווי אלע קינדער עסן זיך געמיטלעך אָן זארג, אָן שום קנאה און שנאה־געפילן. נאכן עסן זעצן זיך אלע קינדערלעך גלייך מיט דער גרעסטער ערנסטקייט. פרל. קליניעווסקא דערקלערט דאן די קינדער, אַז אויך נאכן עסן מוז מען דאנקען דעם שעפער און זאגט מיט די קינדער די ברכה בורא נפשות.

פרל. קליניעווסקא באזיצט א פיינעם דיאלעקט און מיט איר האלטונג מאכט זי דעם בעסטן איינדרוק. די קינדער באציען זיך צו איר מיט גרויס ליבשאפט.

נאכן עסן טיילן זיך די קינדער אין 2 גרופן, די ייגגערע קינדער ווערן אריינגעפירט אין גרויסן זאל, ווו זיי שטעלן זיך אויס אין א רונד־קרייז און די לערערין זינגט מיט זיי איין פארשידענע פוילישע און יידישע לידלעך. די קינדער טאנצן פריילעך, מונטער און ווילן זיך זייער גוט.

די עלטערע קינדער־גרופע בלייבן איבער אין לאקאל פון קינדערהיים, ווו זיי ווערן צוגעגרייט — אין דער פוילישער שפראך און אנדערע קעגנשטענדן — צום ערשטן קלאַס. בכדי צו קענען ווי געהעריק פאַרטיילן און אויספירן די ראלן — דערקלערט סעקרעטאר ה' נוימאן — האבן מיר אראנזשירט אויך די לערערן פרל. גרינבערג, וועלכע צייכנט זיך אויס מיט איר ענערגיע און פעיקייט. די 2 לערערינס זענען "בית יעקב"־שילערינס, וואס

ענדיקן דעם 4טן קורס. דערווייל — דערקלערט ה׳ גאלדבערג — האבן מיר ארויסגעוויזן דאס פארשטענדעניש, אז די שילערין וואס ענדיקט אונדזער שולע, דארף דורך אונדז אראנזשירט ווערן. טראָץ אלעמען, גיט צו ה׳ ג. ריכטן זיך די דערציערינס פון דער קינדערהיים לויט די אנווייזונגען פון דער לערערין פרל. פראצעל, וועלכע זיי באטראכטן אלס זייער גייסטיקע מוטער, און פרל. פ. איז פאקטיש די הויפטלייטערין פון דער קינדערהיים.

אנווייזנדיק אויף די ווירטשאפטלעכע איינריכטונגען און שפיל־זאכן — זאגט ה׳ סאמסאן: דאס האבן מיר צו פארדאנקען דעם לאווניק ה׳ העבער און ראטמאן ה׳ ראזענבלום, וועלכע האבן ארויסגעוויזן גרויס פארשטענדעניש פארן עסטעטישן אויסזען פון דער קינדערהיים.

נאכן אויסדריקן מיך צופרידנקייט, דאנקט ה׳ גאלדבערג אין נאמען פון קאמיטעט פארן באזוך און דריקט אויס די האָפענונג, אז די שאפונג פון דער רעליגיעזן קינדער־היים וועט דורך דער היגער יידישער פרעסע געפינען דעם געהעריקן אפקלאנג.

דאס רעליגיעזע יידנטום קען באמת שטאלצירן מיטן פראכטפולן אנשטאלט. אנטשולדיקט, רעליגיעזע יידן, וואס מיר האבן וועגן אייך געהאט א קנאפע פארשטענדניש, מיר האבן אייך שלעכט פארשטאנען, מיר האבן אייך אומזיסט חושד געווען, אז איר זענט נישט שאפונגס־פעיק.

״אין לך דבר העומד בפני הרצון״...

אזוי איז עס טאקע, דער מענטשלעכער ווילן און ענערגיע איז שטארקער פון אייזן, ס׳איז נישט פאראן קיין שום זאך, וואס זאל קענען שטעלן א ווידערשטאנד דער מענטשלעכער אייזערנער ענערגיע.

די איניציאטארן און אנפירער פון דער שולע פארדינען זיך טאקע א אמתן דאנק פאר זייער אומדערמידלעכער אנגעשטרענגטער ארבעט צו שאפן און דערהאלטן ביי היינטיקע צייטן אזא פרעכטיק ווערק וואס אנטציקט דאס אויג פון יעדן באזוכער.

קאלישער לעבן (83)

י״ז אדר ב׳ תרפ״ט, 29.3.1929

אינזש. ס. פינטשעווסקי

דער הילפס־קאמיטעט פאר די יידישע פליטים פון דייטשלאנד

דעם 30סטן נאָוועמבער 1938, שפעט אין אָוונט, איז אין א קאלישער קאפע געזעסן א גרופע מענטשן, צו וועלכער עס איז צוגעלאָפן א געוויסער לובעלסקי, דאן א בילעטער פון אויטאָבוס וואָקזאל־שטאָט, און דערציילט, אז נאָר וואָס זענען אָנגעקומען אויפן וואָקזאל צוויי ספעציעלע צוגן, איבערפולטע מיט יידן, וואָס זענען געוואָרן ארויסגעטריבן פון דייטשלאנד. די מענטשן זענען הונגעריק. זינט דער פריערדיקער נאכט, ווען געסטאפאָ האָט זיי ארויסגעשלעפט פון די שטובן, האָבן זיי גאָרנישט געגעסן. די צוגן זענען אָפגעשלאָסן, ארומגערינגלט מיט פאָליציי און קיינער קאָן צו זיי נישט צוקומען.

הגם מען האָט שוין דעמאָלט געוווּסט, אז די היטלעריסטן זענען פעיק צו אלעמען, דאָך האָט די ידיעה אויסגעזען אומגלויבלעך. מען איז תיכף אוועק אויפן וואָקזאל און צום פאָליציי־קאָמענדאנט, און מען האָט באקומען א דערלויבעניש צו ברענגען פון שטאָט א ביסל שפייז־פראָדוקטן. מען האָט אויפגעוועקט פון שלאָף דעם באלעבאָס פון א וווּרשט־געשעפט, ווו מ׳האָט אָפגעקויפט די גאנצע סחורה, וואָס איז דאָרט געווען און פון א בעקעריי האָט מען באקומען עטלעכע הונדערט ברויטלעך. דאָס אלץ האָט מען פונאנדערגעטיילט אין די וואַגאָנען.

מען האָט אויך באקומען ווייטערדיקע אינפאָרמאציעס פון די פליטים און פון די פוילישע באאמטע אויפן וואָקזאל. אלע ארויסגעטריבענע זענען געווען אָפשטאמיקע פון פוילן, וואָס האָבן

ליבע שװעסטער און ברידער אין אמעריקא!

מיר זענען טיף גערירט פון אײער פאראינטערעסירען זיך מיט אונזער גורל. אײער מתנה פון 400 דאָלאר האבען מיר באקומען, און גלײכצײטיג זיך געטײלט מיט אונזערע קאלישער ברידער, װעלכע געפינען זיך נאך אין דעם אינזעל פון טרערן אין זבאָנשין.

מיר זענען פערױאָגט, אבער דאָך ניט אײנזאַם. דאס האבען אײך באװיזען אונזערע ברידער אין קאליש, און אונזערע לאנדסמאנשאפט אין אמעריקא. מיר דריקען אױס אונזער טיפסטען דאנק און שיקען אהארציגען ברידערליכען גרוס.

קאליש, דען 29. יאנואר 1939.

דײטשע פליטים אין קאליש.

אבלער שמואל
אבלער ישראל
אײזלער חיים לײזער
אלט פײבוש
בוקסדמאַן אברהם
בערגער גילא (פאמיליע)
בערקאָװיטש מרדכי
גרינבערג מאיר (פאמיליע)
פרידמאַן אהרן
פרידמאַן שמואל
פרײנד מאיר (פאמיליע)
גאָלדבוים רײזע
גאָלד יצחק מאיר (פאמיליע)
גאָלדמאַן יצחק
גאָלדשטײן מרדכי
הײמאַן נח (פאמיליע)
סוקאָבאָװיטש שלמה

יעדװאַב יעקב
קאָפּמאַן משה
קאַמינסקי יעקב
קאַפּלאַן יוסף
קאָטל יעקב (פאמיליע)
קלינגער לײזן
קלײן ישראל (מעריטל) יצחק
קאָבער מאָרקוס (פאמיליע)
קאָהן שמואל קלמן
לעװענדאָװיטש אברהם
לאַנדסבערג מתתיהו
ליפשיץ חיים
ליפשיץ דוד
לובינסקי יעקב
לובינסקי לײזן
לוטל שמואל (פאמיליע)
מיודװינסקי דוד

מאַקאָװסקי ישראל
מאַרקאָװיטש גרשון
מאַרקאָװיטש מרדכי
מאַטושעק מאַקס
מאָשקאָװיטש יעקב נח
מאָשקאָװיטש הערש
מאָשקאָװיטש הלל
מאָשקאָװיטש יעקב. אױגען
מענדלסאָן מרדכי
פּאַטאַ פּינחס מאיר (פאמיליע)
פּאַם זלמן (פאמיליע)
רוק חיים
רײזער אליעזר (פאמיליע)
רײזענבױם אריה (פאמיליע)
סאַמסאָן שמחה
שלינגער פּאַני
סאַראַשעװסקי פּינחס (פאמיליע)

זיגאַל רחל (פאמיליע)
שטרײַזער יהודה
סטאַריק דװש
שטאַהל בורוך (פאמיליע)
שימקאָװיטש יעקב (פאמיליע)
טאַפּפּער שמואל יעקב
װײסמאַן בנימין
צוקער משה (פאמיליע בארעקי)
שטיל שמואל (פאמיליע).
זלאטע בערקאָװיטש

קאלישער - אמעריקאַנער - קאָמיטעט. דער קאָמיטעט פאַר די דײטשע פליטים אין קאליש.

HOLTZ
ZOFIA BIGELEISEN
ZOFJA NOWAKOWA
SALINA SANDER
MIRIAM SALOMONOWITZ
BENJAMIN ARKUSZ
OPPENHEIM Roza
M. L. LIEBER

שוין צענדליקער יאָרן געוווינט אין דייטשלאַנד, אָבער קיין דייטשע בירגערשאַפט האָבן זיי נישט געהאַט, און אונטער דעם פּרעטעקסט זענען זיי געוואָרן אַרויסגעטריבן פון דייטשלאַנד. דער פּאָליציי־פונקציאָנאַר האָט אויפגעקלערט, אַז קיינער פון זיי באַזיצט נישט קיין גילטיקן פּוילישן פּאַספּאָרט, דערפאַר טאָרן זיי נישט אַראָפּגיין פונעם צוג. מען וואַרט אויף אינסטרוקציעס פון וואַרשע. פון זבאָנשין (די גרענעץ־סטאַציע) זענען שוין אָנגעקומען עטלעכע אַזעלכע צוגן און אַנדערע זענען נאָך אין וועג.

ביי נאַכט איז אָנגעקומען אַ דערלויבעניש אויסצולאָדן אויפן געביט פון פּוילן די פּאַסאַזשירן פון אָט די צוגן. אין קאַליש זענען אַראָפּגעגאַנגען איבער אַ צענדליק פּערזאָן און די צוגן זענען אַוועק ווייטער. די טראַנספּאָרטן, וואָס זענען געוואָרן פאַרהאַלטן אין זבאָנשין, האָבן נישט באַקומען אַזאַ דערלויבעניש, און עטלעכע טויזנט יידן זענען געוואָרן איינגעאָרדנט אין שלעכטע באַדינגונגען אין זבאָנשין.

אין קאַליש אין דאַן געשאַפן געוואָרן אַ הילפס־קאָמיטעט לטובת די אַרויסגעטריבענע יידן. פּאָרזיצער פונעם קאָמיטעט איז געווען דער קאַלישער רב אַלטער, וויצע־פּאָרזיצערס — דער פּרעזעס פון דער יידישער גמינע י. העבער און לאַווניק פון שטאָטראַט ל. דאַנציגער. מיטגלידער פונעם קאָמיטעט זענען געווען די הויפּט־עסקנים פון אַלע יידישע פּאָליטישע, געזעלשאַפטלעכע און פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס אין קאַליש. דער אויספיר־קאָמיטעט האָט צוזאַמען מיטן קלוב פאַר די פּליטים זיך געפונען פון אָנהויב אין דער יידישער קהילה, און שפּעטער אין לאָקאַל פון יידישן האַנטווערקער־פאַרבאַנד. זיין אויפגאַבע איז געווען: מאַטעריעלע הילף און טאָגטעגלעכע השגחה פאַר די פּליטים און זאַמלען דערויף די נויטיקע פאָנדן. מיט אָט דער אַרבעט האָט אָנגעפירט אינזש. ס. פּינטשעווסקי צוזאַמען מיט ב. אַרקוש א. א., ווי אויך פון אַ גרופּע פרויען, צווישן וועלכע עס האָבן באַזונדער זיך אויסגעצייכנט אירענאַ האַלץ, קאָוואַלסקאַ, נאַגורסקאַ, פּערעצאָוואַ, גאָלדשטיין א״א.

די ערשטע פונקציע פונעם קאָמיטעט איז געווען דאָס אָרגאַניזירן אַ זאַמלונג פון געלט און פון וואַרעמע מלבושים און אויך פון עסנוואַרג. עטלעכע טעג נאָך דער דאָזיקער זאַמלונג האָט אַ דעלעגאַציע פונעם קאַלישער קאָמיטעט אָנגעלאָדן עטלעכע לאַסטאויטאָס מיט צונויפגעזאַמלטע חפצים און זיי אַוועקגעפירט קיין זבאָנשין, וווּ עטלעכע טויזנט יידן האָבן זיך געפונען אין זייער שווערע באַדינגונגען — אין אָפּגעלאָזטע זעלנערישע קאַשאַרן, אין דער מיל און אין אַנדערע ענלעכע פּלעצער.

במשך פון אַ קורצער צייט זענען אָנגעקומען אין קאַליש נאָך היימלאָזע און זייער צאָל איז דערגאַנגען ביז 250. די אַלע האָבן געהאַט אַ געוויסע פאַרבינדונג מיט קאַלישער איינוווינער, אָדער זיי זענען מיט יאָרצענדליקער צוריק אַרויסגעפאָרן פון קאַליש.

האַרט פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט דער קאָמיטעט אויסגעהאַלטן בערך 150 פּערזאָן פון די פּליטים. נישט אַלע פּליטים האָבן געמוזט אָנקומען נאָך מאַטעריעלער הילף, אָבער יעדע אַנדערע הילף, ווי יורידישע, למשל, האָבן אַלע באַקומען פון דעם הילפס־קאָמיטעט.

די פּליטים האָבן באַקומען פונעם קאָמיטעט אַ דירה און פולע אויסהאַלטונג אין דער קאָמיטעט־קיך, אָדער געלט אויף וווינונג און אויסהאַלטונג. געווען אויך פאַלן, ווען קאַלישער איינוווינער האָבן פריוויליק געגעבן וווינונגען אָדער אויסהאַלטונג פאַר געוויסע פּערזאָנען. אויסער דעם האָבן אַלע פּליטים באַקומען וואָכן־געלט אויף קליינע אויסגאַבן (7 זל. אַ וואָך). דער קאָמיטעט האָט אויך דערליידיקט אויף זיין חשבון זייערע פּאַסט־אָפּצאָלן. אַלע יידישע דאָקטוירים און אַדוואָקאַטן האָבן מסכים געווען אומזיסט זיי צו היילן און דערליידיקן זייערע יורידישע ענינים — אויפן סמך פון אַן אָנווייזונג פונעם קאָמיטעט — און דער קאָמיטעט האָט געצאָלט פאַר שפּיטאָל, רפואות, ווי אויך פאַר די רעיענטאַלע הוצאות און דאָקומענטן. די, וואָס האָבן זיך געגויטיקט, האָבן באַקומען מלבושים, שיך און קאָלדרעס.

אַ סך אַרבעט און צייט האָט דער קאָמיטעט אָפּגעגעבן אויף איינאָרדענען די פאַרשידענע פּאַרמעלע ענינים פון די פּליטים, און דער עיקר — דאָס באַנייען זייער פּוילישע בירגערשאַפט, וועלכע איז נויטיק געווען סיי צום איינאָרדענען זיך אין לאַנד און סיי צום עמיגרירן.

פון די פּליטים האָבן עטלעכע זייער טיכטיק געהאָלפן דעם קאָמיטעט אין זיין ארבעט. צווישן זיי האָט זיך אויסגעצייכנט ישראל סאָכאטשעווסקי, וואָס האָט געהאלטן אָרדענונג ביי די טירן פונעם אויספיר־קאָמיטעט.

פון די שמועסן מיט אים, האָט מען זיך דערוווּסט, אז ער איז אנטלאָפן פון פּוילן קיין דייטשלאנד נאָך א באָמבע־אטענטאט אויפן רוסישן פּאָליצמייסטער אויפן נייעם מארק אין קאַליש. דעם אטענטאט האָט ער אויסגעפירט צוזאמען מיט נאָך צוויי חברים פון דער פּ.פּ.ס.־באָיוווקע (קאַמף־אָפּטיילונג פון דער פּוילישער סאָציאליסטישער פּארטיי).

מען האָט גלייך פארשטאנען, אז ווען דאָס גיט זיך איין צו באשטעטיקן, וואָלט סאָכאטשעווסקי תיכף באקומען א פּוילישן פּאַספּאָרט. אָבער די מיטבאטייליקטע פון יענעם אטענטאט האָבן שוין נישט געלעבט, און קיינער פון די עלטערע פּ.פּ.ס.־מיטגלידער האָט גארנישט געוווּסט וועגן סאָכאטשעווסקין. מיט דעם ענין האָט זיך ספּעציעל פארנומען יאַקוב האַלץ. אין היסטאָרישן ארכיוו אין ווארשע האָט ער אָפּגעזוכט דעם אקט און די באשרייבונג פון יענעם אטענטאט, און אויף דעם סמך האָט סאָכאטשעווסקי באקומען א פּוילישן פּאַספּאָרט (אויסער דעם — אויך אַן אויסצייכענונג און פארשידענע הנחות).

די באדערפענישן זענען געווען גרויסע. מען האָט געשאַפן 800 מיטגלידער, וואָס האָבן געשטיצט מיט געלט און פּראָדוקטן. למשל, געבעקס האָט דער קאָמיטעט אין גאנצן נישט געקויפט: די בעקערס האָבן דאָס אומזיסט אויסגעבאַקן פון דעם מעל, וואָס די מילנער האָבן צוגעשטעלט אומזיסט.

בעת די צאָל פּליטים אין קאַליש איז געווען די העכסטע, האָבן די באדערפענישן פונעם קאָמיטעט באטראָפן בערך 20 טויזנט זל. א חודש, און אין די לעצטע חדשים פארן אויסבראָך פון דער מלחמה — 10 טויזנט. אזעלכע סומעס איז נישט לייכט געווען צו שאַפן, הגם א סך קאַלישער האָבן בייגעשטייערט מיט דער ברייטער האנט.

י. ב.

בלאשקי

געווען א שטעטל מיט א יידישער מערהייט. דאָס שטעטל איז פאראן, אָבער די יידן זענען מער נישטאָ. ווער עס האָט עולה געווען קיין ארץ־ישראל אָדער עמיגרירט — איז געבליבן. די איבעריקע האָבן געהאט דעם זעלבן גורל פון די מיליאָנען אומגעקומענע.

לויט די דערציילונגען פון פריינד — האָבן מיר צונויפגעשטעלט די געשיכטע פון דעם שטעטל. אוודאי איז דאָס בילד נישט פולקאָם. וואָס מענטשן האָבן דערציילט איז געוואָרן פארצייכנט. עס איז נישטאָ קיין שום מקור פון באגלויבלעכע דאָקומענטארע מאטעריאַלן.

דאָס שטעטל איז געווען נאָענט צו קאַליש: א מהלך פון 28 קילאָמעטער. פון איין זייט — דער צופלוס פון טייך פּראָסנא, יאַשענקאַ (פליסט ארויס פונעם דערפל יאַשענא), א קליין טייכל, וואָס די שטאָט טרינקט זיין וואסער, באָדט זיך און וואשט זיך אין אים, באהאלט אין אים, אין קאסטנס, די פיש, בויט אויף אים די מקווהס. פון דער צווייטער זייט — דער אייזנבאַן־וועג. צווישן דער באַן־סטאַציע און דער שטעטל — דאָס בית־עולם. איבערן טייכל — א בריק.

צוויי הויפּטגאסן: שעראַדזקאַ און קאַליסקאַ. זיי פירן אריין און ארויס. דיביידע גאסן האקן איבער דעם גרויסן מארק. פאראן אַן איבערשטער מארק און אַן אונטערשטער. צוויי מאָל אין וואָך, מאָנטיק און דאָנערשטיק, קומען פאָר יארידן. די יידן האָבן נישט געבויט קיין סטראַגאַנעס אין מארק: זיי האָבן אוועקגעשטעלט קאסטנס און צוגעבונדן דערצו א באדעק. אין צענטער מארק — א ברונעם אויף רעדער, א שטריק און אַן עמער. ווינטער גליטשט מען זיך דאָ איבערן אייז.



ספר

לרשימת הציונים ומדרגת

של הבחור

תלמיד המחלקה

של החדר

„עץ-חיים“

בלאשקי.



CHEDER

„EIZ-CHAIM“

przy Stowarz.

„Agudas-Hoortodoksym“

w Błaszkach.

Świadectwo

postępów w naukach

i sprawowaniu.

אויפן מארק שטייט א גרויסער בנין — די „בלאשקאָוויאנקא”. אונטן — געוועלבער, אויבן — א זאל פאר פאָרשטעלונגען, א גימנאזיע, א באָד־אנשטאלט.

אויף דער קאליסקא האָבן געוווינט בלויז יידן, אויף דער שעראדזקא — איבער א העלפט פאָליאקן, בעיקר בעל־מלאכהס — שוסטערס, סטאָלארעס און אויך טריפהנע יאטקעס. געווען אויך א האָלענדער־גאס — קריסטן פון האָלאנד, בעיקר שוסטערס.

מיט וואָס האָבן יידן זיך באשעפטיקט? זיי האָבן זיך מפרנס געווען פון די ארומיקע דערפער. דער יאריד איז געווען דער פרנסה־געבער. עס זענען געווען יידן, וואָס האָבן זיך פארנומען מיטן עקספאָרט פון אייער און שפייזפראָדוקטן.

א וויכטיקער פרנסה־צווייג איז געווען דער האנדל מיט תבואה און זוימען, און די סוחרים זענען געווען די פני פון שטעטל, אָבער מלאכה האָט פארנומען אן אָנגעזעען אָרט אין דער פרנסה פון יחידים. א וויכטיקע בראנזשע איז געווען מענער־קאָנפעקציע. די סחורה האָט מען פארקויפט די פויערן אויפן יריד און אויך געשיקט קיין פויזן. 15 פראָצענט פון די יידן זענען געווען שניידערס. אויך די היטלמאכערס האָבן געשיקט זייער סחורה קיין פויזן.

יידן האָבן אויך געארבעט אלס בלעכערס, פורמאנעס, זייגערמאכערס, טרעגערס, אייגנטימערס פון האנטוועגעלעך און פון דראָזשקעס צום וואָקזאל און אויף צווישנשטאָטישע ליניעס, וואסערטרעגערס. די ליניע צו דער באַן־סטאציע, וואָס האָט זיך געפונען 3.5 קילאָמעטער פון שטעטל, איז געווען אין יידישע הענט — אייגנטימער פון אָפענע דראָזשקעס. עס זענען אויך געווען פורמאנעס פון משא־וואָגנס. מיר וועלן אויך נישט פארגעסן די בעקערס, פריזיערס און פעלדשערס. די לעצטע זענען געווען מומחים אויף יעדער זאך: זיי האָבן דורכגעפירט לייכטע אָפעראציעס, באנדאזשירט ברוכן און ווונדן. מען דארף דערמאָנען איציק פעלדשער און פייוול פעלדשער.

ווען די פוילישע רעאַקציע האָט אָנגעהויבן די באָיקאָט־קאַמפּאַניע קעגן יידן, איז ביי יעדן יידישן געשעפט געשטעלט געוואָרן א פויליש געוועלב. די טעטיקייט פון דער אנטיסעמיטישער אָרגאַניזאַציע „ראָזוואָי" האָט זיך שטאַרק געלאָזט פילן.

לויט דער אָפּשאַצונג זענען אין בלאַשקי, ביז די 20ער יאָרן געווען איבער 400 יידישע משפחות און 250 קריסטלעכע. שפּעטער האָט זיך אָנגעהויבן א גרויסע באַוועגונג פון דאָרף אין שטאָט אריין, און די צאָל קריסטן האָבן דערגרייכט ביז 50 פּראָצענט.

אין דער גרויסער שול איז אויך געווען אַן „עזרת נשים". אין בית־מדרש האָבן געדאַוונט עטלעכע מנינים און בחורים האָבן דאָרט געלערנט. עס זענען אויך געווען חסידים־שטיבלעך פון די גערער, אלעקסאַנדערער און סאָכאַטשעווער חסידים.

די וועלטלעכע יידן האָבן געשיקט זייערע קינדער אין דער פוילישער שול און אין דער פוילישער גימנאַזיע. די רעליגיעזע האָבן געשאַפן א מיידלשול „בית יעקב". עס איז אויך געווען א שול פון „אגודת ישראל". אין יאָר 1919 איז געשאַפן געוואָרן א העברעישע שול „יבנה", דאָס איז געווען אַ מוסטערהאַפטער אנשטאַלט.

אין דער צאַרישער שול האָט מען קיין יידן נישט צוגענומען, אָבער דער לערער האָט געגעבן לעקציעס אין די חדרים. אין 1913 האָט מען אויסגעבויט א שול פון 4 צימערן, און די קינדער פון חדר זענען געקומען אויף א האַלבער שעה אין דער וואָך לערנען רוסיש.

אין שטאָט איז געווען א מאָדערנער חדר א. נ. „עץ חיים". דאָס חדר איז געווען טעטיק לויט די פּרינציפּן פון א מאָדערנער שול מיט דער אָרדענונג, דיסציפּלין און ריינקייט. דער ערשטער מנהל איז געווען ר' אברהם אייזענבערג. אין אָט דעם חדר זענען געווען איינגעפירט באַלן, שילער־ביכלעך מיט צווייוועכנטלעכע אָפּצייכענונגען פון די פּאַרהערן.

פון די חדר־מלמדים ווילן מיר דערמאָנען: אלטער מלמד, יצחק מלמד, פּייוויש מלמד, סלוצקער מלמד, שוואַרצער יוסף, הערש מלמד, נייער מלמד.

בראש פון דער קהילה איז געשטאַנען ר' מרדכי הובערמאַן, ער איז אויך געווען דער יידישער פאָרשטייער כלפּי די מאַכט־אָרגאַנען.

א דריטל פון די יידן האָבן געהערט צו „אגודת ישראל", א פערטל צו די אַלגעמיינע ציוניסטן. אין פּראָפּפּאַראַיין זענען געווען פאָרטראָטן אַלע פּאַכן. די השפּעה האָט געהערט צום „בונד". דער האַנטווערקער־פאַרבאַנד איז געווען אונטערן איינפלוס פון די פּאָלקיסטן. אַנדערע פּאַרטייען, אחוץ די ציוניסטן, זענען דאָרט געווען פאָרטראָטן.

דער „טורן־פאַראיין" איז געווען אַן אומפּאַרטייאישער און אין אים האָבן זיך געפונען קרוב 200 יוגנטלעכע. דער „השומר הצעיר" האָט ארומגענומען קרוב 200 יוגנטלעכע, דער „ביתר" — 100, „החלוץ" — 150.

וועגן דעם אנטשטיין פון דער העברעישער שול „יבנה" דערציילט מען: מ'האָט צונויפגענומען אָרעמע קינדער, פאַרברענט זייערע מלבושים און אָפּגעשוירן זיי די האָר. ריינע און אָנגעטוענע, זענען זיי שפּעטער געווען פון די בעסטע תלמידים. פון לאָדזש האָט מען געבראַכט דעם לערער הירשבערג. פון אָט די קרייזן איז שפּעטער אנטשטאַנען דער „טורן־פאַראיין".

די קינדער זענען געווען הונגעריק. מען האָט געמוזט זאָרגן וועגן באַשפּייזן זיי. די הכנסות דערויף האָט מען באַקומען פון די פאָרשטעלונגען פונעם דראַמקרייז אונטער דער אָנפירונג פון פּייוול יעדוואַב (געשטאָרבן אין אויסטראַליע). קאַסיר איז געווען אברהם קאַצבערג. ער איז געווען אַקטיוו אין אַלע ציוניסטישע אַקציעס און באַזונדערס ביי די זאַמלונגען פון „קרן־קיימת".

אין „טורן־פאַראיין" האָבן אויך מיטגעאַרבעט מאַקס וואַקסמאַן און זיין פרוי, הגם ער איז געווען א קאָמוניסט. ווען ער איז געגאַנגען אויף אַקציעס, האָט ער אָנגעטאָן א בלוי־ווייס היטל.

אין שטאָט האָבן זיך געפונען צוויי באַנקען. „ספּולדזשעלניאַ" — א חסידישע באַנק אונטער דער אָנפירונג פון שלמה לוי און „באַנק לודאָווי" פון די ציוניסטן, וואָס האָט זיך געפונען

אונטערן פראָטעקטאָראַט פון „באנק לוואָוו" (ראָזמארין). דירעקטאָר פון דער באנק איז געווען שלמה אלחנן קאָלטאָן.

אלס אקטיווע ציוניסטן אויף אלע געביטן דארף מען דערמאָנען: מרדכי וואקסמאַן, יואל סאָלניק, יעקב יוסף בראָמבערג, שמעלקע בער, חיים פייוויש שטארקמאן און זלמן מאדאָוויטש.

דער קאָמיטעט פון די אלגעמיינע ציוניסטן אין 1925 איז באשטאנען פון פאָלגנדיקע פערזאָנען: גאָזדזשיק, לייב גערשט, אליעזר מאדאָוויטש, הערש אביש גערשט, רוחמה חיימאָוויטש, הינדע אייזנער, משה חיימאָוויטש, שלמה אלחנן קאָלטאָן, רבקה פייערמאן, אביגדור לייביש זייף, אברהם לייב בראָמבארט.

קאָמיטעט פון „קרן־קיימת": אליהו בערן, רוחמה אייזנער, הינדה מיאלאָוויטש, טוביה לייב גערשט, עזרא שטארק, אסתר חיה שטארק, חוה בראָמבארט, יהודית פייערמאן.

אונדז האָט זיך איינגעגעבן צו פארצייכענען איינצלנע עפיזאָדן פון לעבן אין שטעטל אין פארשידענע צייטן, און הגם זיי זענען אָפּגעריסענע און נישט פארבונדענע, איז דאָך אין זיי פאראן עפּעס, וואָס שאפט א בילד פונעם ישוב.

אין אָנהייב פונעם יאָרהונדערט איז אויסגעבראָכן א שארפע מחלוקת אין דער קהילה וועגן כשרות־ענינים. „מזרחי" האָט געבראכט א באזונדערן שוחט. נאָך דער פטירה פונעם רב, וואָס האָט נישט באשטימט קיין יורש, האָט קאנדידירט צום כסא הרבנות ר' אבא נטע קופּפער, א חובב ציון. אָבער די חסידים האָבן געוואָלט דעם צאָפּקאָווער רבין און ער איז טאקע געוואָרן אויסגעוויילט. די שטאָט־יידן האָבן געשיקט צו אים בריוו, אז ער זאָל זיך נישט דערוועגן צו קומען. ר' אבא נטע האָט געוווינט אין א קהילה־דירה און ער האָט זיך אָפּגעזאָגט זי צו פארלאָזן, אָבער ביים משפט האָט ער פארשפילט און זיינע זאכן האָט מען ארויסגעוואָרפן. נישט ווייט פון דאָרט האָט געוווינט א קוימענקערער, א קריסט, און ער האָט אים אריינגענומען צו זיך.

אין א צייט ארום האָבן די דאָזאָרעס אויסגערעמאָנטירט דעם רבס דירה פארן צאָפּקאָווער. ער האָט דאָרט געוווינט עטלעכע חדשים. אין איינעם א פרייטיק צו נאכטס אין 1904 איז אויסגעבראָכן א שריפה אין דעם הויז. ווען יידן זענען געקומען ראטעווען דעם רב, האָבן זיי געפונען די טיר ארומגעבונדן מיט דראָטן. מען האָט אים ארויסגעצויגן דורכן פענצטער און אריינגעזעצט אין א פור. די קריסטן האָבן אים געוואָלט שלאָגן, ווייל צוליב אים איז אין שטאָט אויסגעבראָכן א שריפה. דער צאָפּקאָווער רב איז אנטלאָפן קוים מיטן לעבן און מער שוין נישט צוריקגעקומען. עטלעכע יאָר איז דאָס שטעטל געווען אָן א רב.

אין יאָר 1907 איז אלס רב אויסגעוויילט געוואָרן הרב יצחק מאיר קאנאל, וואָס איז אין א צייט ארום געווען דער אב בית־דין אין ווארשע. ער האָט אָנגענומען דאָס רבנות ערשט נאָך א שמועס מיט די פאָרשטייער פון אלע צדדים. מען האָט אים אויפגענומען מיט גרויס כבוד. אָבער ווען ער האָט געמאָלדן די דאָזאָרעס, אז ער וועט זיך פירן ווי ער פארשטייט, און נישט ווי זיי ווילן, האָבן זיי אים אָנגעהויבן אָנטאָן צרות. דאן האָט ער צו וויסן געטאָן, אז ער וויל נישט קיין מחלוקת און ער האָט פארלאָזט די שטאָט.

ער האָט געבראכט אין שטאָט אריין דעם רב פוקס, אן אויסגעשפראָכענער ציוניסט, א מענטש פון „מזרחי". ער פלעגט צונויפנעמען ביי זיך אין שטוב יוגנטלעכע און פריידיקן פאר זיי ציוניזם. די לייט פון „אגודת ישראל" זענען שארף ארויסגעטראָטן קעגן אים. לסוף האָט מען אים איינגעבראָכן. ער האָט געלערנט תנ"ך אין דער פוילישער שול. די חסידים זענען געווען קעגן דער שול בכלל, און בפרט — אז דער רב זאָל דאָרט לערנען.

איין מאָל האָט מען געשיקט א יינגל, אז ער זאָל אראָפּנעמען די איקאָנע אין קלאס. דער צלם איז ארויסגעפאלן פון קינדס האנט און צעבראָכן געוואָרן. מען האָט דעם רב ארעסטירט און געזאָלט משפטן. פון עגמת נפש איז ער קראנק געוואָרן און געשטאָרבן.

★

די באַציונגען מיט דער קריסטלעכער באַפעלקערונג זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער צייט.

אין יאָר 1910, בעת א גרויסן יאַריד, האָט מען געכאַפּט א יידישן קעשענע־גנב, נישט קיין אָרטיקן, אויף דער הייסער מינוט. די פּויערים האָבן אים געשלאָגן מכות רצח און דערנאָך זענען זיי אריבערגעפאָרן איבער זיין האלדז מיט א וואָגן.

אין יאָר 1918, ווען פוילן האָט באַקומען זעלבשטענדיקייט, האָבן די קריסטן אין שטאָט געפּרוווט ארויסרופן עקסצעסן. אין דער זעלבער צייט איז פאָרגעקומען א זיצונג פון שטאָטראַט, אין וועלכער עס האָט זיך באַטייליקט הרב קאַנאַל. אין דער זיצונג האָבן זיך אויך באַטייליקט עטלעכע גוטבאַזיצער פון דער געגנט און א גלח. פּלוצלונג האָבן זיך דערהערט שאָסן און עס איז אויסגעבראָכן א בהלה. אין שטאָט האָט זיך ארומגעשלעפּט א יידישער שוטהוואַטער בחור. מען האָט פאַרשפּרייט א קלאַנג, אַז אָט דער בחור האָט געשאָסן אויף פּאָליאַקן. איינער פון די אַנטיסעמיטן איז אַוועק אויף דער באַן־סטאַציע און געשריגן: „די יידן שעכטן קריסטן". צו אים איז צוגעגאַנגען גוראַצקי און געפרעגט: „זאָג נאָר, ווער פון די יידן האָט געטשעפּעט א קריסט?" יענער האָט נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן.

עס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען פּויערים פון די נאָענטע דערפער מיט די ווידלעס אין די הענט, כדי צו מאַכן א פּאָגראָם אויף יידן. די מיטגלידער פון שטאָטראַט און דער גלח האָבן זיך אַוועקגעשטעלט ביי אַלע איינגענג אין שטאָט און אָפּגעהאַלטן די אויפגעהעצטע המונים, אַז זיי זאָלן נישט אריינגיין אין שטאָט.

אין זעלבן יאָר איז אָנגעקומען א צוג מיט האַלערטשיקעס. אויף דער סטאַציע האָבן זיך גראָד געפונען יידן; זיי זענען געווען פאַרנומען ביים אָנלאָדן עופות און אייער. די זעלנער האָבן אָנגעהויבן שלאָגן די יידן, וואָס זענען אַנטלאָפן און געזוכט א באַהעלטעניש אויף די בוידעמס. די זעלנער זענען געלאָפן נאָך זיי און געשריגן: „וווּ זענען די יידן"? זיי האָבן געפונען די באַהאַלטענע און זיי געשלאָגן. זיי האָבן אויך פאַרוווּנדעט א פרוי, וואָס האָט נישט געוואָלט אויסגעבן דאָס באַהעלטעניש.

אין שטאָט איז געווען א פוטבאָל־גרופּע אויף א גוטן ניוואָ. זי פלעגט ארויספאָרן אין דער געגנט אויף מעטשן. איין מאָל איז געקומען אין שטאָט אריין אויף א מעטש א פּוילישע גרופּע פון לאָדזש. דער מעטש איז פאָרגעקומען זונטיק. די פּאָליאַקן האָבן פאַרשפּילט, און באַלד האָבן זיך אָנגעהויבן עקסצעסן. דער „טורן־פאַראיין" האָט שנעל אָרגאַניזירט א זעלבשוץ. די פּאָליאַקן האָבן זיך צוריקגעצויגן.

אויך אין יאָר 1934 איז געמאַכט געוואָרן א פּרווו צו שלאָגן יידן. פרייטיק איז אויפן יאַריד אריינגעקומען א פּאָליאַק צו שמואל ראַקמאַנען און געקויפט א פּאָר שטיוול. ער האָט גענומען די שטיוול און אַוועק. ס'איז געווען פאַר נאַכט און דער ייד האָט פאַרשלאָסן די קראָם. דערווייל האָט דער קריסט געוויזן די שטיוול זיינע חברים און זיי האָבן געזאָגט, אַז דער ייד האָט אים אָפּגענאַרט. דער פּאָליאַק איז צוריק אַוועק אין געוועלב, און ווען ער האָט דערזען, אַז דאָס געוועלב איז געשלאָסן, האָט ער אָנגעהויבן ברעכן די טיר. די יידן זענען שוין געגאַנגען אין שול אריין און די פּאָליאַקן האָבן זיך אויף זיי געוואָרפן. די קריסטלעכע טרעגערס זענען ארויס אין גאַס מיט מעסערס אין די הענט. ווען איינער פון יידן האָט געוואָלט עפּעס רעדן צו זיי, האָבן זיי געשריגן „מיר וועלן אויסהרגענען אַלע יידן".

דער רב איז אַוועק צום גלח און אים האָט זיך איינגעגעבן צו באַרויקן דעם המון. א סך יידן זענען געוואָרן פאַרוווּנדעט. יענעם שבת איז מען נישט געגאַנגען דאַווענען.

די נאַציס האָבן קאָנצענטרירט די יידן אין בלאַשקי אויף דריי ערטער: סאַרניאַקי, לאָשיץ און סאָקאָלאָוו־פּאָדליאַסקי. זיי האָבן דערמוטיקט צו לויפן אויף יענער זייט גרענעץ. א סך זענען טאַקע אַנטלאָפן קיין רוסלאַנד און אויך אין וואַרשעווער געטאָ. די געבליבענע זענען דערשאָסן געוואָרן און מ'האָט זיי אַוועקגעשיקט אין די טויט־לאַגערס.

ווען זיי זענען אריין אין שטאָט האָבן זיי גענומען צען ערובניקעס פון די אָנגעזעענסטע מענטשן, ארויסגעפירט זיי אויפן קריסטלעכן בית־הקברות און דאָרט זיי געשאָסן.

אין יענע טעג זענען די וועגן פול געווען מיט מענטשן. א סך יידן זענען געקומען קיין בלאשקי מיט דער האָפענונג זיך צו ראטעווען, אָבער דאָ האָט זיי דערגרייכט דער אומקום.

א. ע. קאפעמאן

בלאשקי 1920 — 1957

אין די דרייסיקער יאָרן האָט די יידישע באפעלקערונג אין בלאשקי געציילט 600 משפחות צווישן די 1200 פון דער אלגעמיינער באפעלקערונג.

אין יענער תקופה איז שארף געווען דער קאמף צווישן די רעליגיעזע און די ציוניסטן, וועלכע האָבן צייטנווייז געגאָסן פון דער אונטערשטיצונג מצד דעם „בונד", די פאָלקיסטן און בעלי־מלאכהס. דאָס פאָליטישע לעבן ביי יידן איז געווען זייער אינטענסיוו און אפילו משפיע געווען אויפן פאָליטישן לעבן ביי די פאָליאקן. אלע פארטייען פון לאנד זענען געווען טעטיק אין שטאָט און זיך באמיט צו געווינען ווילער און סימפאטיקער. אָט די קאמף האָבן געהאט נעגאטיווע און אָפט שענדלעכע רעזולטאטן, אָבער אויך א פאָזיטיוון רעזולטאט: די קולטור־ארבעט איז געוואקסן און יעדער איינער האָט זיך באמיט זי צו פארגרעסערן. די פארטייען האָבן איינגעאָרדנט רעפעראטן, ליטערארישע אָוונטן, ארויסטריטן פון שרייבער און פאָליטיקער.

די יוגנט האָט א סך געלייענט יידיש און אויך פרעמדע שפראכן. יעדע פארטיי האָט געשאפן איר ביבליאָטעק, און אויך דער פראָפפאראיין האָט געפירט א ברייטע קולטור־טעטיקייט. די ביבליאָטעקן זענען געוואָרן געשטיצט דורך די בלאשקער לאנדסלייט אין אמעריקע. איינער פון די שטיצערס געפינט זיך היינט אין ניו־יאָרק: יצחק שנורמאן.

דער פראָפפאראיין האָט אויך פארמאָגט א דראמקרייז. פון די אמאטאָרן געדענק איך זלמן דאווידאָוויטש, פולווערמאכער, מלכה גרין. זיי האָבן געגעבן פאָרשטעלונגען אויך אין דער ארומיקער געגנט און געהאט גרויס דערפאָלג. צווישן די פיעסן, וואָס זיי האָבן געשפילט, זענען געווען „דער אוצר", „טוביה דער מילכיקער".

מיטן פראָפפאראיין האָבן אָנגעפירט נח וואָלף, שלמה סטאל, דוד יוסף זייף, אברהם יצחק אייזנער, שלמה קאפעמאן, שיע זאָלץ א"א.

אויך דער ספאָרט־פאראיין האָט געפירט א קולטור־טעטיקייט און געשאפן א דראמקרייז. בראש פון פאראיין האָבן זיך געפונען יוסף הובערמאן, אביגדור און שמחה מעסער (אויסגע־צייכנטע ספאָרטלער).

עטלעכע יאָר פארן אויסבראָך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז דער יידישער ישוב אין בלאשקי איינגעשרומפן געוואָרן, בעיקר צוליב ארויספאָרן פון די שניידערס קיין קאליש, ווו די באקלייד־אינדוסטריע האָט זיך מער אנטוויקלט.

איך האָב אויך געזען מיין שטעטל אין די טעג פון דער נאצישער הערשאפט. מיט גרויס מי האָב איך זיך דערשלאָגן קיין בלאשקי, כדי צו זען מיין משפחה. אלע, סיי יידן, סיי נישט יידן, זענען געווען דערדריקט פון פחד. שוין אין דעצעמבער האָט מען אלע יידן ארויסגעשיקט קיין לאָשיץ. די מערהייט פון דער בלאַשקער יידישער באפעלקערונג איז געוואָרן אומגעבראכט אין לאָשיץ און אין טרעבלינקע.

איך האָב געזען דאָס שטעטל באלד נאָכן חורבן. דער איינציקער ייד, וואָס איז צוריקגעקומען — האָט מען מיר דערציילט — און געגרייט זיך צו וווינען אין זיין פאָטערס הויז, אפרים זאלק, איז אויפן אָרט דערהרגעט געוואָרן דורך די אנטיסעמיטן. איך בין נאָך א מאָל געקומען קיין בלאשקי, כדי צו שטעלן דאָרט א מצבה לזכרון אויפן אָרט, ווו ס'איז פריער געווען דער בית־עולם. די דייטשן האָבן אים צעשטערט און באזייטיקט די מצבות.

בעת דער צערעמאָניע האָב איך געהאט דעם איינדרוק, אז די שטאָט־בעלי־בתים ווילן זאָרגן, מ'זאָל מער נישט פארשווערן דעם בית־עולם. אָבער ווען איך בין געקומען אהין אין יאָר 1957 האָב איך געזען ווי בהמות פאשען זיך אויפן שטח פון יידישן בית־עולם.

שרגא ענגעל

סטאווישין

אין קאלישער קרייז, 17 קילאָמעטער פון דער שטאָט, האָט זיך געפונען די קליינע סטאווישינער יידישע קהילה. 80 יידישע פאמיליעס, 20% פון דער באפעלקערונג.

פון דער געשיכטע איז באוווּסט, אז אין די צייטן פון פוילישן קעניגרייך האָט סטאווישין באקומען דעם סטאטוס פון א שטאָט. לויט די אלטע געביידעס און דעם אלטן בית־עולם ווערט קלאָר, אז א יידישער ישוב האָט דאָרט עקזיסטירט הונדערטער יאָרן.

צוזאמען מיט די יידן פון דער נאָענטער קאָלאָניע כאָטש זענען געווען 90 משפחות, און זיי האָבן אויסגעהאלטן 2 שוחטים, א רב און א שמש. אין שטעטל האָבן זיך געפונען א שול, א בית־מדרש און א שטיבל פון פארשידענע חסידים.

די מענער זענען געווען פאראייניקט אין חברהס, ווי ביקור חולים, לינת הצדק, תהילים, נר־תמיד. די פרויען — אין פרויען־געזעלשאפטן.

מיין פאָטער, ר' לייבוש ענגעל ז"ל איז געווען א מיטגליד אין נר־תמיד. אין דער חברה איז געווען א מנהג צו פארטיילן אויף שמיני עצרת פענער און זיסוואַרג פאר אלע יידישע קינדער. שמיני עצרת איז געווען דער טאָג פון די חברהס, דער טאָג פון זייער יערלעכן סיום.

אין די יאָרן 1914—1939 זענען צוגעקומען א ציוניסטן־פארבאנד, א ביבליאָטעק, א ספּאָרט־קלוב, א קרעדיט־קאָאָפעראטיוו, א האנטווערקער־פארבאנד, א סוחרים־פאראיין, א קליינהענד־לער־פאראיין און א דראמקרייז.

אין סטאווישין איז נישט געווען קיין ספּעציעלע יידישע גאַס. אין יעדן צווייטן אָדער דריטן הויז האָט געוווינט א ייד. טייל מאָל איז די צעוואָרפנקייט געווען נאָך א גרעסערע. אזוי האָבן דאָ יידן געלעבט אין משך פון הונדערטער יאָרן און אָפּגעהיטן זייערע מנהגים און זייער שטייגער. מען האָט נישט געוווּסט פון אָפּטע אָנפאלן אויף יידן. דעם סאמע ערנסטן פאל געדענק איך פון יאָר 1918 ווען עס זענען געווען אין דער מאָדע אָנפאלן אויף יידן: אן אומבאקאנטער האָט אין א פענצטערער נאכט צעבראָכן דעם הילצערנעם פלויט פון דער שול. די גויים פלעגן שטענדיק קומען צו אונדזערע פייערונגען אין שמחת תורה און זיך באטייליקן אין קבלת פנים פאר א נייעם רב. די קצבים און פערד־סוחרים, וואָס זענען געווען צום נאָענטסטן צו די פּאָליאקן צוליב זייערע געשעפטן, האָבן דערציילט, אז זייערע פוילישע חברים פלעגן זיי פארטיידיקן אויף פרעמדע יארידן, און זיי ווידער האָבן פארטיידיקט די גויים, אויב מ'האָט זיי אָנגעגריפן.

מיין שטיף־פאָטער, ר' משה שמעלקע לאקס ז"ל, איז געווען דער יידישער פאָרשטייער אין שטאָטראט ביזן לעצטן טאָג. פריער איז ער געוואָרן אויסגעוויילט אין בענדינער ראט. ער האָט

גוט געקענט די פוילישע שפראך. ער איז געוואָרן אויסגעוויילט, הגם ער האָט געהערט צו „אגודת ישראל" — א מינדערהייט אין שטעטל.

מיין זיידע, ר׳ ישראל פיוול ענגעל ז״ל, א קאָצקער חסיד, האָט איינגעפירט אין שול פריילעכע חסידישע מנהגים, כדי מקרב צו זיין די פשוטע פאָלקס־מענטשן, די בהמות־סוחרים, די שניידערס און דאָרפסגייער, וועלכע האָבן נישט געטראָגן קיין יידישע מלבושים און גערעדט יידיש מיט א דייטש־פראנקפורטער אויסשפראך.

ביז וואנען עס גרייכט נאָר מיין זכרון, איז ראש הקהילה געווען הערמאן שטאָפּטער ז״ל, א פאָרגעשריטענער ייד, וואָס האָט גערעדט דייטש און פויליש. אין 1916, ווען מ׳האָט איינגעפירט אין פוילן פראָפּאָרציאָנאלע וואלן, האָבן די פארטייען זיך פארשטענדיקט און ארויסגעשטעלט בראש פון אלע ליסטעס דעם ראש הקהל. דער וואלקאמף איז פאָרגעקומען בלויז ווענן די אנדערע פלעצער.

דער ציוניסטישער פארבאנד איז געשאפן געוואָרן אין יאָר 1916 דורך א יוגנט־קרייז בראש מיט סענדער פאָגעלמאן ז״ל. עס איז אנטשטאנען א חברה בחורים און דער רב טעמערזאָן ז״ל מיט נאָך למדנים האָבן דאָרט געגעבן שיעורים פון תנ״ך שבת נאָך מיטאָג. ביסלעכווייז האָבן זיי מסכים געווען צו פארבעטן רעפערענטן, נישט קיין באזונדערס פרומע. אין משך פון דער צייט איז די חברה געוואָרן פארוואנדלט אין אן אויסגעשפראָכן ציוניסטישער און מ׳האָט אויך אָנגענומען פרויען אלס חברות.

איך געדענק א דערהויבענע געשטאלט פון א פשוטן מענטש. ווען מ׳האָט זיך באשטייערט מיט צירונג לטובת דעם קרן־קיימת נאָך דער באלפור־דעקלאראציע, זענען מיר געגאנגען פון שטוב צו שטוב. איך בין דעמאָלט געווען דער לייטער פון דער אקציע. מיר האָבן אדורכגעלאָזט די שטוב פון אברהם גרינבוים ז״ל, דער איינציקער טרעגער אין שטעטל. ער איז אָבער געקומען און געטענהט אז מ׳האָט אים פארשעמט. מיר זענען אוועק צו אים. אין זיין אָרעמער, אָבער ריינער שטוב האָט אונדז זיין ווייב אָפּגעגעבן אירע געפּאסטע אויררינגלעך. אזעלכע געשטאלטן פארגעסט מען נישט.

מיר באזיצן נישט קיין פרטים וועגן דעם אומקום פון דער קהילה.

הרב
ד״ר מאיר שווארצמאן

דאס רעליגיעזע לעבן אין דער שטאט

נישט בלויז מיט אירע גרויסע רבנים שטאָלצירט קאליש. כמעט יעדער רבי אין פוילן האָט דאָ געהאט זיינע חסידים. די גרערער חסידים האָבן געהאט עטלעכע שטיבלעך. איינער פון זיי איז געווען פון די „יונגע", און דאָרט פלעגן זיך פארזאמלען די אברכי המשי, וואָס האָבן געגעסן קעסט ביי זייערע נגידישע שווערס.

די אלעקסאנדער חסידים האָבן געהאט א גרויס שטיבל. איך געדענק אויך שטיבלעך פון די סאָכאטשאָווער, סקערניעוויצער, קאָצקער, סאָקאָלאָווער, פּאָריסאָווער און ראדאָמסקער חסידים, און געווען נאָך א סך אנדערע.

ר׳ וועלוול מאָזעס, דער מורה־הוראה פון שטאָט, האָט געלערנט מיט די פעיקסטע בחורים. אויך דער דיין ר׳ מאָרגנשטערן האָט געלערנט א שיעור (ער איז דערשאָסן געוואָרן אין 1914 דורך די דייטשן).

אין דער ישיבה האָבן געלערנט אויך א סך בחורים פון אויסער דער שטאָט. זיי האָבן געגעסן "טעג" ביי די בעלי־בתים. א חוץ דעם האָבן די פּאָטערס געלערנט מיט זייערע זין,

די שוועדס — מיט זייערע איידעמס. יעדע רעליגיעזע שטוב איז געווען א בית־מדרש אין קליינעם פאַרנעם.

אינעם יאָר 1914 האָט זיך דער מצב פאַרערגערט. נישט בלויז אין עקאָנאָמישן, נאָר אויך א גייסטיקן חורבן האָבן די דייטשן געבראַכט אויף דער שטאָט. דער "פרייער" ווינט, וואָס האָט געבלאָזן פון דייטשלאַנד, האָט געווירקט צו שטאַרקן דעם פראָצעס פון וועלט־לעכקייט. די ארבעטער האָבן אָנגעהויבן זיך צו אָרגאַניזירן. עס האָבן זיך געמערט אָרגאַני־זאַציעס און פאַרטייען. די שולן זענען לײדיק געוואָרן, די יוגנט האָט אָנגעהויבן צו פאַרלאָזן דעם אַלטן שטייגער, די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען האָבן געירשנט דאָס אָרט פון שטיבלעך, די פאַרטייען — פון שולן.

די דאָזיקע דערשיינונג האָט אויפגעוועקט די אקציע פון די רעליגיעזע יידן. די גדולי ישראל מיטן גערער רבין ר׳ אברהם מרדכי זצ״ל האָבן אויפגעשטעלט די „אגודת ישראל״, וועלכע האָט זיך אין אָנהויב גערופן "שלומי אמוני ישראל". די חסידישע רבנים, רבנים פון ליטא און דייטשלאַנד האָבן זיך אַלע פאַראייניקט אינעם קאַמף צו ראַטעווען דאָס יידישע רעליגיעזע לעבן.

אין קאַליש האָבן זיך בראש פון אגודת ישראל געשטעלט ר׳ יוסף משה העבער און חננאל ראָזענבלום און זיי האָבן דאָרט אויפגעשטעלט איינע פון די שטאַרקסטע אָפּטיילונגען אין לאַנד.

נאָכן טויט פונעם רב ר׳ יחזקאל ליבשיץ האָט זיך אָנגעצונדן א שאַרפע מחלוקת וועגן דעם אויסוויל פון א נייעם רב. מזרחי און די חסידים האָבן פאָרגעשטעלט זייערע קאַנדידאַטן און יעדער פון זיי איז פאַקטיש ראוי געווען דעם כבוד. אין אָט דעם קאַמף האָבן געזיגט די גערער חסידים און אגודת ישראל. עס איז אויסגעוויילט געוואָרן דער יונגער זון פון „שפת־אמת״, ר׳ מענדעלע, דער רב פון פּאַביאַניץ, דער ברודער פונעם גערער רבין. ר׳ מענדעלע איז אויך אויסגעוויילט געוואָרן אלס דער פאָרזיצער פון אגודת הרבנים אין פוילן. אויך זיינע קעגנער האָבן מיט אים שלום געמאַכט. ער איז אומגעקומען אויף קידוש השם צוזאַמען מיט זיין קהילה.

די קאַלישער יידישע פּרעסע

אין די צוואַנציקער יאָרן איז אַנטשטאַנען א פאַרצווייגטע יידישע פּרעסע אין א ריי שטעט פון פוילן, און אויך אין קאַליש. א סך מאַטעריאַלן זענען פאַרלוירן געגאַנגען בעת דער מלחמה. מיר ברענגען דאָ די נעמען פון די צייטונגען, וואָס זענען אונדז באַוווּסט:

קאַלישער בלאַט, וואָכנבלאַט, 1922. רעדאַקטאָר — ה. סאָלניק. דערשינען 3 נומערן.

דאָס קאַלישער וואָרט, וואָכנבלאַט. רעדאַקטאָר — ש. שטערן. דריי נומערן.

קאַלישער טאָג, טאָגצייטונג, 1925. נישט לאַנג דערשינען.

קאַלישער וועקער, 1931, וואָכנבלאַט. פיר נומערן. אָרגאַן פונעם "בונד", געווידמעט די קהילה־וואַלן. אין 1937 איז דערשינען נאָך א העפט געווידמעט 40 יאָר "בונד".

קאַלישער עקספּרעס, טאָגצייטונג, ביילאַגע צום וואַרשעווער "עקספּרעס". נישט לאַנג דערשינען.

קאַלישער לעבן, וואָכנבלאַט. רעדאַגירט (לאַנגער צייט) א. י. מאַמעלאָק. דערשינען מיט איבעררייסן ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה. אונטערן איינפלוס פון "אגודת ישראל".

קאַלישער וואָך, וואָכנבלאַט. דערשינען מיט איבעררייסן ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה. אונטערן איינפלוס פון דער ציוניסטישער באַוועגונג.

יוסף מילנער

פערזענלעכקייטן מיטן נאמען „קאליש″ אדער קאלישער

די יידן פון קאליש האָבן שטענדיק שטאָלצירט מיט זייער ″מגן אברהם″: ″מיר האָבן געהאט פאר א רב דעם ″מגן אברהם″ אליין!″... ער איז באמת געווען איינער פון די וויכטיקסטע למדנים פון מיטן דעם 17טן יאָרהונדערט, און כמעט זיין גאנצן לעבן האָט ער פארבראכט אין קאליש אלס ″דיין″, כאָטש ער איז נישט געווען געבוירן א קאלישער, נאָר א גאָמבינער (א שטעטל, אין יענע יאָרן, פון 400 יידן מאקסימום, אין ווארשעווער קרייז) און מען האָט אים גערופן ר׳ אברהם־אבעלע גאָמבינער. מען ווייסט נישט געווי די דאטעס פון זיין ביאָגראפיע און לויט דעם בארימטן היסטאָריקער און פאָרשער שטיינשניידער דארף מען זיי אזוי סיטואירן: געבוירן אין יאָר 1636 און נפטר געוואָרן אין יאָר 1683. ער האָט זיך בארימט געמאכט מיט זיינע פירושים צום ″שולחן־ערוך″ (″אורח חיים″). ער האָט זיי אָנגעשריבן ארום דעם יאָר 1670. נאָך זיין טויט, אין 1692, זענען זיי אָפגעדרוקט געוואָרן אונטערן נאָמען ″מגן אברהם″, וואָס איז אזוי פאָפולער געוואָרן צווישן אלע יידן, אז מען האָט פארגעסן זיין אמתן נאָמען ר׳ אברהם אבעלע גאָמבינער. דער ″מגן אברהם″ האָט באקומען דעם ערשטן פלאץ אין רעליגיעזן לעבן.

דאָס בוך איז דערשינען אין דיהערנפורט, א שטעטל אין שלעזיע, ווו א ייד, ר׳ שבתאי באס, האָט אויפגעשטעלט א בארימטע דרוקעריי. ר׳ שבתאי באס אליין (מען רופט אים אויך ″באסיסטא″ און ″משורר″) איז געווען א בארימטער יידישער ביבליאָגראף. געבוירן אין יאָר 1641 אין קאליש און געשטאָרבן אין קראָטאָשין אין יאָר 1718. אין קאלישער פאָגראָם פון יאָר 1655 האָט ער פארלאָזן זיינע עלטערן, וועלכע זענען אומגעקומען אויף קידוש־השם און ער איז אוועק קיין פראג, ווו ער איז געוואָרן א ″משורר″ אין כאָר פון דער פראגער ″אלט־ניי־שול″, און צוליב זיין שיינעם ″באס″־קול האָט ער באקומען אזא פאמיליע־נאָמען.

א דאנק זיין אייזערנעם ווילן, ווערט ר׳ שבתאי באס איינער פון די געבילדעטע יידן פון דער געגנט, זיין רום גייט אפילו אריבער די פוילישע גרענעצן, מען פאראינטערעסירט זיך מיט אים אלס ביבליאָגראף אין יידישע און נישט יידישע קרייזן אין דייטשלאנד, האָלאנד און אין אנדערע מדינות. קריסטלעכע אָריענטאליסטן זעצן איבער (אויף דייטש און לאטיין) די פאָרשונגען פון שבתאי באס, דעם קאלישער ייד.

ער באזעצט זיך אין ברעסלוי און אין פארלויף פון פיר יאָר איז ער זיך משתדל צו באקומען א דערלויבעניש אויף צו עפענען א דרוקעריי. ער בויט זי אין קליינעם שטעטעלע דירענפורט ביי ברעסלוי, אין יאָר 1687. און פינף יאָר שפעטער דערשיינט ביי אים דער ″מגן אברהם″, דאָס ספר פון דעם גרויסן דיין פון זיין געבורט־שטאָט קאליש.

זיינע ביכער ציען צו צו זיך די אויפמערקזאמקייט פון דער גאנצער וועלט, וואָס אינ־טערעסירט זיך מיט דער בוך־קונסט, סיי יידן און סיי נישט יידן. אפילו די יעזויטן פאר־אינטערעסירן זיך מיט דעם, קוקן אויף אים מיט א ″קרום־אויג″ און סוף כל סוף, ווערט שבתאי באס דורך זיי אריינגעוואָרפן אין תפיסה. די סיבה איז, וואָס ער האָט ארויסגעגעבן ר׳ נתן האנאָווערס ″שערי־ציון″ און די יעזויטן האָבן געהאלטן, אז דאָס איז א פאמפלעט קעגן דעם קריסטנטום. זיין זון יוסף באס האָט ער אויפגעהאָדעוועט אין דער זעלבער ליבע צום בוך. יוסף האָט פאָרגעזעצט זיין פאָטערס טעטיקייט. ער איז געשטאָרבן אין שטעטל קראָטאָשין, וואָס איז געווען א צענטער, צו וועלכן קאלישער יידן האָבן בכלל זיך געצויגן. דער ″מגן אברהם″ אליין איז אויך דאָרט געשטאָרבן*). דאָס איז געווען א בארימטער מקום־תורה, א שטאָט, ווו ס׳האָבן זיך קאָנצענטרירט בארימטע ביי יידן ″זעצערס″, און ר׳ שבתאי באס, נאָך די גרויסע רדיפות, וואָס אים איז געקומען אויסצושטיין, האָט

*) דער ″מגן אברהם″ האָט איבערגעלאָזט א צוואה, אין וועלכער ער האָט אָנגעזאגט, אַז אויף זיין מצבה זאָל מען אויסקריצן בלויז זיין נאָמען.

שטארק משפיע געווען אויף די מאנישעס אין קראטאשין, אַז זיי זאָלן אנטוויקלען אין זייער שטאָט די יידישע דרוקעריי, וועלכע איז געוואָרן שפּעטער אזוי וועלט־בארימט. די מאנישעס זענען געווען נאָענטע קרובים פון פּראָפעסאָר גרעץ. דער ברעסלויער גרעץ, איידער ער איז געוואָרן דער גרויסע היסטאָריקער, איז געווען א "קאָרעקטאָר" אין דער דרוקעריי פון זיין פעטער מאניש אין קראָטאָשין.

מאקס נאָרדוי פלעגט זיך שטענדיק רימען, אז ער שטאמט פון די קראָטאָשינער בוך־דרוקער, די מאנישעס; און זייערס אַן אייניקל איז געווען דער אויסטראלישער גענעראליסימוס מאניש, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט דער גאנצער אויסטראלישער ארמיי אין פראנקרייך אין דער מלחמה פון 1914. ער האָט א מאָל אויפגענומען אין זיין גענעראל־שטאב דער פראנצויזישן אויבערראבינער ליבער און אים געזאָגט:

— איך שטאם פון די קראָטאָשינער מאנישעס, און קראָטאָשין איז געווען ענג פארבונדן מיט קאָליש.

ר' אברהם־אבעלע גאָמבינער האָט געהאט אן איידעם אין קאליש (זיין פאמיליע איז געווען: קויפמאן), א בעל־תורה און א גרויסער סוחר. ער האָט, נאָך דעם טויט פון זיין שווער, ארויסגעגעבן אויף זיינע הוצאות אויך אנדערע ספרים, וועלכע דער "מגן־אברהם" האָט איבערגעלאָזט אין "כתב־יד", ווי "פיוטים" און "לחם־הפנים", אָבער דאָס כאראקטעריסטישע איז, וואָס דער גרויסער למדן געפינט זיך אין זיינע פיוטים אונטער דעם איינפלוס פון פאָלגנדיקן פאקט: זיין פאָטער חיים־לייב איז אומגעקומען אין גאָמבין על קידוש השם אין יאָר 1655 (גלייך ווי די עלטערן פון שבתאי באס) דורך די קאָזאקן. דאָס האָט פארפאָלגט דעם גרויסן "דייך" ביז צום סוף.

ס'איז באמת צו באוווּנדערן ווי וויט די פאָזנאנער שטאָט ליסא ("לעשנע") איז געווען ענג פארבונדן, עקאָנאָמיש און קולטורעל, מיט קאליש. מען קען זאָגן, אז ס'איז שווער צו שטעלן א גרענעץ, ווו עס הויבט זיך אָן און ווו ענדיקט זיך איינע פון דיביידע שטעט. יידן פון ליסא פלעגן וווינען אין קאליש און להיפוך. מ'האָט זיך משדך געווען זייער אָפט; מען פלעגט זיך צוזאמענשמעלצן.

ליסא איז אויך געווען בארימט מיט אירע גרויסע יידישע דאָקטוירים (צווישן זיי איינער, וועלכער האָט געהייסן: יצחק פרץ) און יידן פון קאליש פלעגן אָן אויפהער קומען צו זיי און היילן זיך ביי זיי.

צווישן די רבנים איז געווען דער בארימטער ר' יעקב בר' יעקב ליסא (ר' יעקב לאָרבערבוים), וועלכער איז געבוירן ארום 1750 און איז געווען אן אוראייניקל פון "חכם־צבי". ער איז געוואָרן רב אין קאליש אין יאָר 1801 און דאָרט פארבליבן גאנצע אכט יאָר. ער האָט איבערגעלאָזט איינעם פון די גרעסטע נעמען אין דער רבנישער ליטעראטור. ביי יידן זענען געווען בארימט זיין "דף החיים", "נתיבות המשפט" און "חות דעת", וועלכע זענען געווען אָנגענומען אלס באזע צו פסקענען דינים.

דער בארימטער ביי יידן ר' צבי הירש חיות איז געווען רב אין קאליש אין יאָר 1852. ער איז געווען איינע פון אונדזערע אינטערעסאנטסטע פיגורן אין צווייטן טייל פון ניינצנטן יאָרהונדערט. אליין געבוירן אין בראָד (אין 1805), האָט ער געהערט צו א משפחה פון גרויסע באנקירן. ביי יידן פלעגט מען דערציילן אז זיי זענען געווען פיר ברידער: צבי הירש, לייב, וואָלף און בער. ווען ס'איז ארויס די "גזירה", אז אלע יידן אין גאליציע דארפן האָבן א "פאמיליע־נאָמען", האָט זיין פאָטער א קוק געטאָן אויף זיינע פיר זין און געזאָגט: — איך וועל הייסן "חיות"!...

ר' צבי הירש, דער קאלישער רב, איז געווען א בקי פון "חכמת היהדות", א בארימטער לינגוויסט (ער האָט אויסגעצייכנט געקענט לאטיין, איטאליעניש, פראנצויזיש און זעלבס־פארשטענדלעך — דייטש). ער איז געווען ענג פארבונדן אין זשאלקיעוו מיט ר' נחמן קראָכמאל, דעם מחבר פון "מורה נבוכי הזמן". זיין "תפארת משה", ווו ער פארטיידיקט דעם רמב"ם, האָט ער געשריבן אין קאליש.

וועגן אים פלעגט מען דערציילן די פאָלגנדיקע מעשה: ער איז איין מאָל אריין שבת אין דער פרי אין דער זשאלקיעווער שול און איז געווען זייער טרויעריק. די יידן האָבן זיך דערשראָקן: וואָס פאסירט מיט אונדזער רב? איז ער חס־ושלום קראנק? איינער פון

די גבאים איז צוגעגאנגען צו אים און אים געשטעלט די פראגע. און ר׳ צבי הירש חיות האָט געענטפערט:

— געטע איז געשטאָרבן!...

די ידיעה האָט זיך שנעל פארשפרייט אין שול. יידן האָבן זיך נישט געקענט פאָרשטעלן דאָס דער "נפטר" זאָל נישט זיין א מאור־הגולה, ווען דער רב אליין איז אזוי צוטראָגן. און פון מויל צו מויל האָט מען זיך איבערגעגעבן:

— רבנו געטע איז געשטאָרבן!...

און מען האָט דערהערט א טרויעריקן זיפץ:

— ברוך דין אמת!...

אזוי ווי איך האַלט, אז מענטשן האָבן זיך נישט אזוי פשוט געגעבן דעם נאָמען "קאליש" אָדער "קאלישער" א.ז.וו. וויל איך אויך פארצייכנען אייניקע בארימטע יידן, וועלכע זענען געווען די טרעגער פון דעם נאָמען פון דער שטאָט. איך וויל נאָר, אגב, זאָגן, אז מען טרעפט זיי בלויז צווישן דייטשע יידן — ווייל קאלישער יידן האָבן זייער פיל עמיגרירט דורך פויזן קיין פרייסן; די עמיגראנטן וועלכע זענען אָנגעקומען ביז צו קיעוו האָבן שוין געהייסן "קולישער". ביי די לעצטע איז געווען אפילו א מין וויץ:

— זענט איר מוזיקאליש?...

— ניין, איך בין נישט "מוסיע" קאליש, נאָר ה׳ לעווי!...

און באמת, די קאלישער זענען געווען צווישן די דייטשע יידן (און אפילו אויך אין לאָדזשער געגנט) כחול הים. מען האָט געקענט בערטא קאליש, וועלכע איז געבוירן געווען פון לעמבערג, די איינציקע "גאליציאנערין" מיט דעם נאָמען, א יידישע ארטיסטקע אין ניו־יאָרק, וועלכע האָט מיט דערפאָלג געשפילט יעקב גאָרדינס פיעסן; דוד קאליש א בארימטער דייטשער הומאָריסט, געבוירן אין ברעסלוי פון קאלישער עלטערן, וועלכער האָט זיך געטראָפן אין פאריז מיט היינריך היינע און דער לעצטער האָט אויף אים געהאט א גרויסע השפעה; איזידאָר קאליש, א דייטשער דיכטער (1815—86); לודוויג קאליש, א דייטשער שריפטשטעלער (1814—1882); א גרויסער געלערנטער; מארקוס קאליש, א רעוואָלוציאָנער פון 1884, וועלכער האָט געדארפט מאכן פליטה קיין ענגלאנד (ס׳איז באקאנט, אז זיינע עלטערן האָבן געשטאמט פון קאליש און שפעטער געוווינט אין טרעפטאָוו, דאָס דעמאָלטיקע פאָמעראַניע). אין 17טן יאָרהונדערט איז געווען אין פוילן א בארימטער דאָקטאָר משה קאליש, וועלכער האָט איבערגעלאָזט מעדיצינישע ווערק אויף "עברי־טיימש". טראָגנדיק אזא נאָמען, קען דען אנדערש זיין, אז זיין וויגעלע איז געשטאנען אין דער שטאָט קאליש? ס׳איז אויך געווען אין אמעריקע אן אימיגרירטער רב, איזידאָר קאליש, וועלכער איז געווען רב אין צינצינאטי (אין יאָר 1857). ער האָט געהאט א גרויסן נאָמען אין אמעריקע און איבערגעלאָזט זייער פיל וויסנשאפטלעכע ביכער.

צווישן די "קאלישערס", וועט פארבלייבן אין דער יידישער געשיכטע דער בארימטער רב ר׳ צבי הירש קאלישער, וועלכער איז געבוירן אין יאָר 1715 אין ליסא. ער איז געווען דער טארנאָווער רב (דאָרט געשטאָרבן אין יאָר 1874). ער איז געווען איינער פון די בויער פון "חיבת ציון", דאָס איז געווען איינע פון אונדזערע שענסטע פערזענלעכקייטן, וועלכע זענען אריין אין אונדזער פאנטעאָן צוזאמען מיט ר׳ שמואל מאָהליווער, מיט ד״ר לעאָן פינסקער און מיט דער גרופע פון "המגיד". ער האָט צוגעצויגן צו דער באוועגונג פון "חיבת ציון" ר׳ ישראל סאלאנטער, מאָנטעפיאָרע און דעם לאָנדאָנער רב־הכולל ר׳ נתן אדלער, און ער האָט אפילו משפיע געווען אויף די פראנצויזישע "אליאנס־איזראעליט", אז זי זאָל בויען "מקוה ישראל". ארום ר׳ צבי הירש קאלישער איז ביי יידן באשאפן געוואָרן א גרויסע ליטעראטור.

עס זענען נאָך געווען אנדערע גרויסע רבנים, וועלכע האָבן געטראָגן דעם נאָמען "קאלישער", ווי ר׳ יהודה לייב שיינדעלס ("קאלישער") א געבוירענער (אין יאָר 1807) אין ליסא. דאָס איז געווען א נאָענטער פריינד פון ר׳ עקיבא אייגער (זיין זון ר׳ עקיבא קאלישער איז געווען אין יאָר 1833 דיין אין ליסא); מ׳האָט נאָך געקענט א בארימטן תלמודיסט

(פון 17טן יאָרהונדערט) ר׳ יחיאל מיכל קאַלישער (בעל־מחבר פון ספר ״שערי ציון״). אין בערלין איז געווען א פריוואטער דאָצענט, א באַקאַנטער שפּינאָזיסט אַלפרעד קאַלישער, און א טארנער סאַלאָמאָן קאַלישער איז געווען א פיזיקער אין אמסטערדאם (1878).

אין רוסלאַנד האָט מען געקענט דעם עטנאָגראַף מיכאל קולישער, געבוירן ביי לוצק (1847), ער איז אויך געווען א גרויסער יוריסט און היסטאָריקער; זיין עלטסטער זון יוסף קולישער האָט זיך גערעכנט צווישן די בעסטע רוסישע עקאָנאָמיסטן און דער צווייטער זון יעווגעני קולישער האָט געווווינט אין קיעוו און מ׳האָט אים געשעצט צווישן די גרעסטע אויטאָריטעטן אין פּראָבלעמען פון קרימינאַלאָגיע (דער ייד לאָמבראָזא אין איטאַליע איז געווען אויף דעם געביט איינער פון זיינע נאָענטע קאָלעגן). ס׳זענען אויך געווען אנדערע קולישערס אין רוסלאַנד, באַקאַנטע דאָקטוירים אָדער זשורנאַליסטן.

צום סוף וויל איך דערמאָנען דעם קאַלישער רב ר׳ חיים אלעזר וואַקס, דער מחבר פון ספר ״נפש־חיה״. מען רופט אים ״אבי רעיון חיבת ציון הדתית בפולין״ (ר׳ צבי הירש קאַלישער האָט געהאַלטן פון ״חיבת ציון״ אָן שום אנדערע עטיקעטן). איך וויל פאַרצייכענען, אז אין יאָר תש״י איז דערשינען א ביכל אין תל־אביב געווידמעט דער ביאָגראַפיע פון ר׳ חיים אלעזר וואַקס ״הרב מקאליש״, געשריבן דורך ישראל דוד בית־הלוי. ער שרייבט וועגן ר׳ חיים אלעזר ז״ל, דאָס ער איז געווען איינער פון די גרעסטע פּוילישע רבנים און איבעראַל געטראָגן דעם טיטל פון ״קאַלישער רב״. ער איז געווען א ״גדול בתורה ובהלכה״, א גרויסער געזעלשאַפטלעכער טוער, א רב, וואָס האָט זיך נישט פאַרשלאָסן צווישן די ד׳ אמות פון זיין קהילה, נאָר געקומען אין קאָנטאַקט מיט דער יידישער וועלט און אָנגעוויזן איר דעם איינציקן וועג צו ראַטעווען אונדזער פאָלק: מדינת ישראל.

ער איז געבוירן אין טאַרניגראָד (לובלינער גובערניע) אין יאָר תקכ״ב (1822), ער איז אוועק אין 1886, נישט קוקנדיק אויף זיין שוואַכקייט, קיין ארץ ישראל און ער איז נפטר געוואָרן אין יאָר 1889. אין דעם בוך לייענט מען אויך: ״קאַליש איז געווען באַרימט מיט אירע ישיבות, זי איז איינע פון די עלטסטע יידישע קהילות אין פּוילן, קאַליש איז געווען דער צענטער פון ״וועד פולין גדול״ (וועלכער האָט געהערט צו דעם ועד ד׳ הארצות). אין קאַליש זענען געווען באַרימטע רבנים אין ״א פאַרלויף פון דריי הונדערט יאָר״ און ער גיט צו (צו מיין רשימה) נאָך די פאָלגנדע נעמען: רבי ישראל שפירא ״הדרשן״ מלובלין; רבי יהודה בן ניסן (הריב״ן) בעל־מחבר ״בית יהודה״; ר׳ יהודה רעגאַלער (מליסא). (רעגאַלע איז געווען א שטעטעלע אין קאָוונער גובערניע און ר׳ אליהו — א באַרימטער צדיק).

איך וויל פאַרענדיקן מיט דעם קאַלישער רב ר׳ יחזקאל ליבשיץ, וועלכער איז אָנגעקומען קיין קאַליש פון פּלאָצק. ער איז געווען איינער פון די אינטעלעקטועלסטע פּוילישע רבנים. אפשר ״פּאָליטיש״ פאַרזיכטיק, קיין מאָל נישט אָנגענומען קיין שטעלונג אין קאַמף פון ציוניזם פון די ערשטע הערצל־יאָרן. דאָך האָט מיט אים פּאַסירט א פאַקט, וועלכער האָט געבראַכט אין יענער תקופה נאָר נוצן דעם ציוניזם. איך האב געהאַט צו דעם א שייכות אומדירעקט, א דאַנק מיין פאָטער ז״ל, וועלכער פלעגט קומען געשעפטלעך אין פּלאָצק זייער אָפט און איז געווען זייער באַפריינדעט מיט ר׳ יחזקאל ליבשיץ.

אין יענע יאָרן איז געווען א רב אין פּאָלטאַווע איינער, ר׳ יעקב ראַבינאָוויטש, וועלכער איז געפאָרן אלס דעלעגאַט צו א באַזעלער קאָנגרעס. ער איז צוריקגעקומען א פאַרביסענער קעגנער פון ציוניזם און באַשלאָסן צו רופן א קאָנגרעס פון רבנים אין רוסלאַנד און פּוילן, כדי אריינצולייגן אין חרם דעם ציוניזם און די ציוניסטן. צווישן זיינע ערשטע אָנהענגער איז געווען, לויט זיינע מאַניפעסטן, ר׳ יחזקאל ליבשיץ. מיין פאָטער האָט אים געשטעלט די פראַגע און ר׳ יחזקאל ליבשיץ האָט אים באַשטעטיקט אז להד״ם, ער האָט קיין מאָל נישט געגעבן זיין צושטימונג.

מיין פאָטער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף זיין צוריקרייזע אין וואַרשע און האָט מודיע געווען וועגן דער דערקלערונג פון ר׳ יחזקאל ליבשיץ אין דעמאָלטיקן ״הצופה״. דאָס האָט געמאַכט א גרויסן רושם און די גאַנצע אוואַנטורע פון דעם פּאָלטאַווער רב איז דורכגעפאַלן מיט א גרויסער חרפה.

משה פיינקינד

דער „מגן אברהם"

ארעם געבוירן, אָרעם געלעבט און אָרעם געשטאָרבן" איז געווען דער גורל פון כמעט אלע אונדזערע פארצייטישע תלמידי חכמים, און אזא גורל האָט אויך געהאט ר' אברהם אבעלע גאָמבינער, דער "מגן אברהם" ווי מ'האָט אים דאן גערופן, געלעבט כל ימיו א חיי צער ועוני, אין אָרעמקייט און דחקות ווי דער דרכה של תורה איז, האלטנדיק זיך כל ימיו ביי דעם דאָזיקן מנהג ישראל.

געבוירן אין יאָר שצ"ו (1636) אין שטעטל גאָמבין, אין וועלכן זיין פאָטער ר' חיים הלוי און זיין מוטער זענען אומגעקומען אויף קדוש השם אין יאָר תט"ו (1655). דעם פוילישן העטמאן טשארנעצקיס קאָנפידעראטן האָבן נאָכן שוועדישן אומגליקלעכן קריג ממלא געווען דאָס, וואָס באָגדאן כמעלניצקיס רויבער־באנדעס האָבן נישט באוויזן צו טאָן. זיי האָבן אויסגעשאָכטן נאָך דער מלחמה — אין וועלכער שטאָט זיי זאָלן נישט זיין אריינגעקומען — אלע יידן. אזוי אין פויזן, קאליש, לענטשיץ, פיעטריקאָוו, פרזשעדבאָזש, גאָמבין א"א.

דער "מגן אברהם" איז דעמאָלט אלט געווען קוים 9 יאָר און זיין ברודערל ר' יהודה — מיט צוויי יאָר יינגער, ר' אברהם אבעלע האָט זיך דאן געלאָזט אין דער ווייטער וועלט אריין לערנען, אין ליסע האָט ער געהאט קרובים. דאָ איז ער כמעט אויפגעצויגן געוואָרן און צו תכלית געקומען.

פון דאָרט איז ער געקומען שוין א חתונה געהאטער מיט א רחים על צוארו קיין קאליש, וועלכע האָט דעמאָלט געשמט מיט אירע גרויסע לומדים, דאָ איז ער געוואָרן א מלמד און געלערנט מיט בחורים להחיות את נפשו, אין א קעלער־שטוב. אין אלריכס־הויז נעבן דער שול האָט ער כל ימיו געוווינט און עוסק געווען אין תורה טאָג און נאכט אין גרויס אָרעמקייט, ווי דער פראנקפורטער רב ר' יוסף שמואל באשטעטיקט אין זיין הסכמה צום מ"א.


זייענדיק בטבע א גרויסער עניו און א בטלן, האָט מען אין דער שטאָט כמעט ווי נישט געוואוסט וואָס פאר א גרויסער למדן ער איז. ערשט נאָך א לאנגער צייט מאכט זיך אין שטאָט א שווערע שאלת־חמץ, און דער בית־דין האָט זיך גאָרנישט מיט דער דאָזיקער הארבער שאלה געקענט קיין עצה געבן, האָט זיך ר' אברהם אבעלע וועגן דער דאָזיקער שאלה אויך ארויסגעזאָגט צווישן זיינע באקאנטע, און אזוי ארום איז דער "מגן אברהם" נתגלה געוואָרן. מען איז דערגאנגען, אז דער מלמד און בטלן איז גאָר א גרויסער פוסק און מען האָט טאקע געפסקנט אזוי ווי ער האָט געזאָגט.

דערנאָך האָט די שטאָט אים געמאכט פאר א ראש ישיבה און פאר א דיין, אָבער נישט וועלנדיק קיינעם פון די אלטע דיינים מקפח פרנסה זיין, האָט ער די דיינות נישט געוואָלט אָננעמען, סיידן מ'וועט אים מאכן פאר א שול־דיין, און מיט דעם נאָמען האָט מען טאקע דעם "מגן אברהם" אָנגערופן זיין גאנצן לעבן אין קאליש.

ערשט ווען ר' ישראל בר' נתן שפירא איז געווען רב אין קאליש האָט ער אים אריינגענומען אין זיין בית דין און איז געוואָרן שטאָט־דיין.

אָבער ביי דעם אלעם האָט ער געלעבט אין גרויס דחקות, וועלנדיק מקיים זיין די תורה בעוני, אין גרויס אָרעמקייט. נאָך נישט אלט זייענדיק קיין גאנצע 30 יאָר, האָט ער זיך גענומען אָנשרייבן א פירוש אויף גאנץ "שולחן־ערוך" — "אורח חיים". געשריבן האָט ער דעם פירוש אויף שטיקלעך פאפיר, און וואָס ער האָט נישט איבערן טאָג באוויזן אויפצושרייבן אויפן פאפיר, האָט ער ביי נאכט אין דער פינצטער אויפגעשריבן אויף די ווענט פון זיין וווינונג מיט שווארצע קוילן, כדי ער זאָל נישט איבערנאכט עס פארגעסן.

און אזוי האָט דער "מגן אברהם" געשריבן זיינע פירושים טאָג און נאכט, אפילו ווען ער איז שוין געווען א חולה מסוכן צוליב זיין אָרעמקייט און אסקעטישן לעבן, ליגנדיק קראנק אין בעט. אָבער ביים לעבן איז אים נישט באשערט געווען צו זען דעם פירוש אָפגעדרוקט, כאָטש ער האָט שוין געהאט אויף אים די הסכמה פון ליסער רב ר' יצחק



בר׳ שלום — אויך א גאָמבינער, — וועלכער האָט זי אים נאָך געגעבן אין יאָר תל״א. זיין ברודער ר׳ יהודה גאָמבינער פון קראָקע, וועלכער איז ספּעציעל געפאָרן קיין אמסטערדאַם לאָזן אָפּדרוקן דעם פּירוש, איז דערווייל אויפן וועג געשטאָרבן און דער כתב־יד איז צווישן פרעמדע פארפאלן געוואָרן.

ערשט נאָכן ״מגן אברהמס״ טויט האָט זיך זיין זון ר׳ חיים גענומען אויפצוזוכן דעם כתב־יד, וועלכער דער באַזיצער האָט געמוזט לויטן באַפעל פון ״ועד ארבע ארצות״ ארויסגעבן דעם זון, און ערשט אין צוויי יאָר ארום האָט דער מדפיס ר׳ שבתי משורר פון פּראָג געלאָזט דעם פירוש אויף זיינע קאָסטן אָפּדרוקן אין זיין דרוקעריי אין דירענפורט, תנ״ב (1692).

געדרוקט האָט ער דאָס צוזאמען מיטן ״שלחן־ערוך״; פון איין זייט — מיטן פירוש פון ״טורי זהב״ מיטן נאָמען ״מגן דוד״, און פון דער צווייטער זייט — מיטן פירוש פון ר׳ אברהם אבעלע גאָמבינער, מיטן נאָמען ״מגן אברהם״.

מיט דעם, וואָס דער פירוש איז אָפּגעדרוקט געוואָרן גלייכצייטיק מיטן ״טורי זהב״ אין איינעם מיטן ״שלחן ערוך״, איז דער ״מגן אברהם״ געשטעלט געוואָרן אין די ערשטע רייען פון די פוסקים אין פוילן און אין דייטשלאַנד, און די גאַנצע וועלט האָט זיך אָנגעהויבן צו באַציען מיט גרויס כבוד צום ״מגן אברהם״ רעכנענדיק זיך שטאַרק מיט זיין מיינונג. זיין פירוש איז געשריבן קורץ און אינהאַלטסרייך, פאַרשטענדלעך מיט לאָגישער טיפקייט און אויסגעהאַלטנקייט, זייענדיק דערביי ממלא דאָס, וואָס דער רמ״א האָט נישט דערמאָנט אין זיין ״דרכי משה״, און מען קען דעריבער דרייסט זאָגן, אז נאָכן רמ״א איז דער ״מגן אברהם״ געווען דער פּאָפּולערסטער פּוסק אויפן תלמודישן געביט אין פוילן.

ר׳ שלמה פון קעלן האָט צוליב דער קורצער אויפפאסונג פון די געדאנקען פון ״מגן אברהם״ געשריבן א ביאור ״מחצית השקל״, וועלכער קלערט אויף און דערגענצט דעם ״מגן אברהם״.

דער ״מגן אברהם״ האָט אויך געשריבן א פירוש ״זית רענן״ אויפן ״ילקוט שמעוני״ (דרוק דעסוי 1704) און אויף עטלעכע מסכתות פון נזיקין (אמסטערדאם 1722), דרשות אויף עטלעכע פרשיות פון בראשית, א. נ. ״שמן ששון״, וועלכע ס׳האָט ארויסגעגעבן זיין איידעם ר׳ יצחק מאיר קויפמאן, דער רב פון קוטנע.

געפרוווט האָט זיך אויך דער ״מגן אברהם״ צו שרייבן פיוטים, וועלכע מען פלעגט זאָגן אין דער שול אין קאליש כל׳ זמן ער האָט געלעבט. צוויי פון די דאָזיקע פיוטים זענען אָפגעדרוקט געוואָרן אין ״לחם הפנים״ און ״חוקי חיים״. אָבער די פיוטים זיינע האָבן ביים עולם וויניק אויסגענומען. עס פעלט אין זיי דער פאָעטישער רעליגיעזער שוווּנג און די שיינע שפראך־אויסדריקן, וואָס מען געפינט געוויינלעך ביי אנדערע פייטנים. דעריבער האָבן זיי אויך נישט געפונען קיין אָפקלאנג אין דער יידישער ליטורגיע און ווערן אויך נישט פון קיינעם דערמאָנט.

נישט דערגרייכנדיק קיין 50 יאָר, איז דער ״מגן אברהם״ נאָך א לאנגער קראנקייט און פיזישער שוואכקייט נפטר געוואָרן ט״ו אדר תמ״ג (נישט תמ״ב, ווי עס שרייבט דער ״עמוד עבודה״) איבערלאָזנדיק א צוואה, אז אויף זיין מצבה זאָל נישט מער זיין אויפגעשריבן ווי זיין נאָמען און דער נאָמען פון זיין פירוש.

אין מיטן דעם אלטן בית החיים, וואָס שטייט שוין פון יאָר 1287, אויף דער בערגל, אויף וועלכן עס זענען געקומען צו קבורה די קאלישער בארימטע רבנים און זייערע תלמידים, די אזוי גערופענע חכמי קאליש. געפינט זיך אויך דער קבר פון גרויסן עניו און גאון ״מגן אברהם״, ביי וועמענס צו קאָפּנס עס שטייט נאָך ביז היינט א שפיציקער געוויינלעכער זאמדשטיין מיט אן אויסגעהאקטער אויפשריפט: פ״נ ר׳ אברהם אבלי ב״ר חיים הלוי מגן אברהם.

די דאָזיקע אויפשריפט איז געוואָרן ערשט נישט לאנג אויפגעפרישט פון דעם שטאָט־משכיל וועלטסמאן. צו דער הייגטיקער 250 יאָרצייט דארף דער קבר אויך ווערן ארומ־געצוימט. ס׳איז דאָך דער ״מגן אברהם״ — דער גרויסער קדוש און עניו.

צווישן די ״גדולי קאליש״ אין דער שול אויפן טאָוול געפינט זיך אויך זיין נאָמען. דער נאָמען פון אונדזער עלטערזיידן, אברהם אבעלע גאָמבינער.

ת.נ.צ.ב.ה.

קאלישער לעבן (79) 9

י״ט אדר א׳ תרפ״ט, 1.3.1929

שמואל צבי וועלטסמאן

צום „מגן אברהם״ס ביאגראפיע

אין דעם ארטיקל פון ה׳ משה פיינקינד אין ״קאלישער לעבן״ נומ. 9 א. נ. דער ״מגן אברהם״, זענען צום באדויערן אָנגעגעבן פיל נישט ריכטיקע דאטעס. צוליב דעם אָבער, וואָס אזעלכע ידיעות זענען פאר געשיכטע־שרייבער וויכטיק, האַלט איך פאר נויטיק די פעלערס אויסצובעסערן.

הרב מו״ה אברהם אבעלע גאָמבינער איז געבוירן געוואָרן נישט אין יאָר שצ״ו, נאָר אין שצ״ז און ווען זיינע עלטערן זענען אומגעקומען אין יאָר תט״ו, איז ער דאן אלט געווען נישט 9 יאָר, נאָר 18 יאָר. אויך די ידיעה, אז דער ״מגן אברהם״ זאָל זיין נתגלה געוואָרן דורך פארענטפערן א שווערע שאלת־חמץ, מיט וועלכע דער בית דין האָט זיך נישט געקענט אן עצה געבן, שטימט נישט מיט דער ווירקלעכקייט. לויט ווי ס׳האָבן דערציילט

היגע, איז ער גאָר נתגלה געוואָרן דורכן הגאון מו״ה שבתי הכהן בעל הש״ך, וועלכער האָט א מאָל, האַלטנדיק אין דער שול א דרשה, געשטעלט א שווערע קשיא, אויף וועלכער קיינער האָט נישט געוווסט צו ענטפערן. אין דער שול האָט זיך דעמאָלט געפונען א ייִנגל פון הגאון ר׳ אברהם אבעלעס תלמידים. און ווען דאָס ייִנגל האָט די קשיא פאַרגעלייגט זיין רבין, האָט ער אים גלייך אויפן אָרט געענטפערט. דער ענטפער איז אָנגעקומען צום בעל הש״ך, האָט ער דעם אומבאַקאַנטן גאון באַלד אויפגעזוכט, און שמועסנדיק מיט אים א צייט אין לערנען האָט ער ערשט דערקענט זיין גרויסקייט.

זיין איידעם האָט נישט געהייסן ר׳ יצחק מאיר קויפמאַן, נאָר הגאון מו״ה ר׳ משה יחזקאל קויפמאַן כ״ץ, בעל ״לחם הפנים״, צו ערשט רב אין קוטנע אייניקע יאָר, דאַן א צייט אין קאַליש געוווינט, און שפּעטער אָנגעקומען אלס דיין אין קראָטאשין.

אויך די ידיעה, אז דער ״מגן אברהם״ זאָל האָבן פאַרזאָגט אין זיין צוואה, אז מען זאָל אויף זיין מצבה מער נישט אויפשרייבן ווי זיין נאָמען און דעם נאָמען פון זיין ספר — איז דורכויס נישט ריכטיק, ווייל ווי באַוווסט האָט מען דאָ פאַרצייטנס געשטעלט אָנשטאָט מצבות בלויזע פעלזן־שטיינער אָן שום תמונת אות. די ערשטע מצבה אויף וועלכע מ׳האָט אויסגעקריצט ווערטער איז געווען פון הגאון מוה״ר אברהם אבעלע חריף הכהן, וואָס איז נפטר געוואָרן אין יאָר תקס״ט. פון דעמאָלט אָן האָט מען שוין אויף אלע מצבות אויסגעקריצט ווערטער. די פּאָר ווערטער אויפן ״מגן אברהמס״ קבר האָט אויסגעקריצט ר׳ יקותיאל זיסמאַן שאַלזער אין יאָר תקצ״ו.

אויך אז איך זאָל האָבן אויפגעפרישט די מצבה — איז פאַלש, און עס וווּנדערט מיך, פון וואַנען האָט דער ה׳ פיינקינד געשעפּט די אלע אומקלאָרע ידיעות. איך וועל זיך באַמיען, אז ס׳זאָל ווערן אויפגעפרישט איינצלנע מצבות פון גדולי ישראל, וואָס זענען שוין געוואָרן אין גאַנצן אָפּגעמעקט, דערונטער אויך פון ״מגן אברהם״. איך האָף, אז דאָס וועט נאָך געשען דאָס יאָר. די 250סטע יאָרצייט פון פטירת בעל מגן אברהם וועט ערשט זיין אין יאָר תרצ״ז, נישט דאָס היינטיקע יאָר.

קאַלישער לעבן (83)

י״ז אדר ב׳ תרפ״ט, 29.3.1929

מרדכי ווייס

הגאון ר׳ אבלי חריף

געבוירן איז ר׳ אבלי חריף אין לאַסק ביי א יחוסדיקער משפחה, בשנת תצ״ח—1738. אין קאַליש איז ער געווען רב 42 יאָר. ווייניק איז באַקאַנט די טעטיקייט פון אים אין משך פון זיין רבנות. פאַרבליבן זענען נאָר אייניקע לעגענדעס פון ערשטן יאָר נאָכן איבערנעמען דורך אים דעם קאַלישער כסא הרבנות.

דאָס היגע רבנות האָט פון שטענדיק אָן געשמט אין דער וועלט. די קאַלישער רבנים, זענען כמעט שטענדיק נאָך אַ רומפולער פאַרגאַנגענהייט דאָ אויפגענומען געוואָרן. דאָך איז ר׳ אבלי, שוין א 29־יאָריקער יונגערמאַן, אויפגענומען געוואָרן אלס רב אין קאַליש (1767) נישט האָבנדיק הינטער זיך קיין שום רבנות.

פאַרשידענע לעגענדעס דערציילן, ווי אזוי ר׳ אבלי חריף איז געקומען צום היגן רבנות. אָבער מיר ווילן איבערגעבן נאָר די, וועלכע ווייזן זיך אויס אלס ריכטיקסטע.

דער דעמאָלטדיקער פראַנקפורטער רב ר׳ אבושל ליסער, האָט אויף דער עלטער גענומען א צווייטע פרוי, א טאָכטער פון לאַסקער נגיד ר׳ נחום. אין תחילת יאָר תקכ״ז (1767) האָט ר׳ אבושל געפירט א גרויסע מחלוקת מיט פיל רבנים וועגן מכשיר זיין א גט. דער פראַנקפורטער רב איז דעריבער זייער באַקאַנט געווען אויף דער גאַנצער וועלט. אין דעם זעלבן יאָר איז ער צוריקגעפאָרן פון לאַסק דורך קאַליש, ווו ער איז פאַרבליבן אייניקע טעג. די היגע פני זענען אוועק צו ר׳ אבושלען און געבעטן ער זאָל זיי אָנווייזן א פּאַסיקן קאַנדידאַט אויף דעם היגן כסא הרבנות.

דער פראנקפורטער רב האָט זיי געבעטן צו איבערגעבן דאָס רבנות דעם לאסקער יונגערמאן ר׳ אבלי, מיט וועמען ער האָט זיך באקענט.

די היגע פאָרשטייער האָבן טאקע געפאָלגט די עצה, גלייך געשריבן א כתב־רבנות און דערמיט אוועקגעשיקט צוויי אָנגעזעענע לומדים קיין לאסק.

אריינקומענדיק צו ר׳ אבלין האָבן זיך די שליחים צוריקגעהאלטן פון איבערגעבן אים דאָס כתב־רבנות, ווייל זיי האָבן נישט געגלויבט, אז אזא יונגערמאן זאָל ראוי זיין צום קאלישער רבנות. ווי איבערראשט זענען זיי אָבער געוואָרן ווען זיי האָבן אָנגעהויבן מיט אים שמועסן אין לערנען.

בעת זיי האָבן ר׳ אבלין דערציילט דעם צוועק פון זייער שליחות, האָט ער נישט געגלויבט דערין, ביז זיי האָבן אים דאָס כתב־רבנות איבערגעגעבן. אויך ר׳ אבליס פרוי, די רביצין, האָט נישט געגלויבט ביז די שליחים האָבן איר געגעבן א גרעסערע סומע געלט, זי זאָל באקליידן די גאנצע משפחה, ווי עס פאסט פאר דעם קאלישער רב. אלנפאלס האָט ער געבעטן די שליחים, זיי זאָלן אין לאסק דערפון נישט דערציילן, ווייל מ׳וועט דערפון ליצנות מאכן.

מיט גרויס פאראד האָט קאליש אויפגענומען דעם נייעם רב. די לומדים אָבער, דער־זעענדיק, אז ער איז נאָך א יונגערמאן, האָבן באשלאָסן אים צו רבנות נישט דערלאָזן. זיי האָבן באשלאָסן בעת דער דרשה אים צו פארמאטערן מיט קשיות, ביז ער וועט נישט וויסן קיין תירוץ און פאר חרפה פארלאָזן קאליש.

ר׳ אבלי אָבער האָט אלע קשיות פארענטפערט. נאָר ווען ער האָט פארשטאנען, אז מען מיינט נישט דעם תירוץ, נאָר אים צו דערצערנען, האָט ער צום פרעגער א זאָג געטאָן: „יכרות ה׳ כל שפתי חלקות" און אָנגעהייבן צו דרשנען אין עניני קדשים וטהרות, אין וואָס די לומדים האָבן שוין נישט געקענט אײנטענהן.

ר׳ אבלי האָט פארענדיקט זיין דרשה מיט גרויס דערפאָלג און געוואָרן היגער רב.

דער, צו וועמען ר׳ אבלי חריף האָט געזאָגט „יכרות ה׳ כל שפתי חלקות", איז נאָך אין דעם זעלבן יאָר געשטאָרבן.

דאָך זענען נאָך געווען מתנגדים אויף ר׳ אבלין. אזוי האָט ר׳ מרדכי פרנס געוואָלט דווקא, אז זיין קרוב זאָל זיין היגער רב, און דעריבער האָט ער אינטריגירט קעגן ר׳ אבלין. דער רב אָבער האָט געהאט א קרוב אין פלאָצק, א גרויסן למדן און גביר ר׳ איטשעלע, האָט דער זעלבער געשריבן צו ר׳ מרדכי פרנס, אז ער זאָל נישט רודפן ר׳ אבלין און אלס מתנה בייגעלייגט א הונדערט רענדל־באנקנאָט. ר׳ מרדכי האָט טאקע אָנגעהויבן אריינצוקומען צום רב און מיט דער צייט זיך שטארק מיט אים באפריינדט.

ס׳איז געווען פורים, האָט ר׳ מרדכי פרנס געשיקט דעם רב שלח־מנות דעם הונדערטער. ר׳ אבלי מיטן ווייב זענען געווען קנאפע מבינים אויף געלט. צו מאָרגנס, ווען די רביצין איז געגאנגען אין גאס אריין איינקויפן, האָט זי דעם באנקנאָט מיטגענומען. די סוחרים אָבער האָבן נישט געהאט א רעשט צו געבן פון אזא סומע און זיי האָבן זיך געוווּנדערט פון וואנען דער רב האָט אזוי פיל געלט. די רביצין איז שנעל אהיימגעגאנגען און דערציילט דערפון דעם רב. ר׳ אבלי האָט זיך דערשראָקן, אפשר וויל ר׳ מרדכי אים געבן דערמיט שוחד, און ער האָט תיכף געלאָזט רופן צו זיך דעם פרנס.

ר׳ מרדכי האָט דערציילט פון וואנען ער האָט דאָס געלט און בשום אופן נישט געוואָלט צוריקנעמען. ר׳ אבלי האָט עס צוריקגעשיקט צום קרוב זיינעם.

אין א צייט ארום, האָט דער רב זיך משדך געווען מיטן זעלבן מרדכי פרנס און ווידער האָט דער פלאָצקער קרוב אריינגעשיקט דעם הונדערטער באנקנאָט, אָבער דאָסמאָל שוין אלס דרשה־געשאנק פארן יונגן פאָר.

ר׳ אבלי חריף איז געווען אין קאליש רב 42 יאָר און איז נפטר געוואָרן אין יאָר תקס״ט (1809). ביזן היינטיקן טאָג ווערט ער דערמאָנט מיט גרויס יראת הכבוד. אויך איז דאָ א פאָלקס־ווערטל: „מר׳ אברהם אבלי (מגן אברהם) עד ר׳ אבלי (ר׳ אברהם חריף) לא קם כר׳ אברהם אבלי".

קאלישער לעבן (107)
ח׳ באלול תרפ״ט, 13.9.1929

מ. קאַלישאַי

„נפש חיה"

דעם רב ר' חיים אלעזר וואקס האָט דאָס פּאָלק גערופן "נפש חיה", אויפן נאָמען פון זיין ספר. זיין לעבנס־געשיכטע און זיינע געזעלשאַפטלעכע ראַנגלענישן זאָגן עדות וועגן א געשטאַלט פון א מנהיג, וואָס האָט זיך נישט פארשלאָסן אין די ד' אמות פון הלכה, הגם ער איז געווען פון די מחמירים. אינטערעסאַנטע זאַכן דערציילט וועגן אים י. י. טרונק, אן אוראייניקל פון ר' יהושעלע, דעם באַרימטן רבין פון קוטנא, אין זיין בוך "פוילן".

דער רום פונעם "נפש חיה" אין פוילן איז אייגנטלעך נישט געקומען פון זיין גאונות, נאָר דער עיקר פון זיין אויסערגעוויינלעכער קלאָרקייט. די גדולים פון די פוילישע רבנים האָבן געקענט נאָר די ד' אמות פון דער הלכה, זיי זענען נישט געווען בקיא אין די טעגלעכע ענינים און זיי האָבן געלעבט זייער פּשוט. דאקעגן דער נפש חיה האָט געפירט זיך שטוב אויף א גבירישן אופן. ער האָט געשטאַמט פון א גבירישער שטוב אין קירהס מדינה. זיין ערשטע פרוי האָט אויך געשטאַמט פון א גבירישער משפחה אין די זעלבע קאַנטן. דער נפש חיה האָט אריינגעטראָגן דעם שטייגער פון עשירות און וועלטלעכקייט אין דער אָפּגעלאָזענער און קבצנישער אטמאָספער פון דער רבנישער וועלט אין פוילן. ער האָט אפילו געשיקט זיינע טעכטער אין שולע: זיי האָבן געקענט דייטש און פויליש און געלייענט שילערן און מיצקעוויטשן. אָט די פעיקע און איידעלע טעכטער האָבן געהאַט אין זיך מער פון ליידיס ווי פון רבנישע טעכטער, און ס'איז נישט געווען קיין שום ענלעכקייט צווישן זיי און אזא אָפּגעלאָזענער יידענע ווי די מומע שרהלה די צדקת. דער קאַלישער רב האָט זיך משדך געווען מיט די גרעסטע חסידישע גבירים פון פוילן. אזעלכע ווי ר' ישעיה פריוועס, ר' יעקב ענגעלמאַן און ר' איטשע בלאַס.

— — דער קאַלישער רב האָט געוווינט אין סאַלאָנען און געפירט זיך מער ווי א גביר ווי א רב. ער האָט פארפלאַנצט א בלומען־גאָרטן פאר זיין הויז און יעדן פרימאָרגן פלעגט ער אליין ארויסגיין ארומצובינדן די שיינע רויזן, וועלכע ער האָט געהאָדעוועט. דאָס איז געווען זייער א זעלטענער שטריך פאר א פוילישן רב. ער האָט פארמאָגט אין זיך א ניצוץ פון א יידישן שר.

ער האָט זיך פארנומען — לויט די באַגריפן פון יענער צייט — מיט ישוב ארץ־ישראל. ער האָט געשטרעבט צו פארריכטן די קבצנישע "חלוקה"־געשעפטן און פלעגט צורעדן די וואַרשעווער נגידים צו בויען הייזער אין ירושלים. דער ציל פון די הייזער, וואָס דער רב האָט געהאַט אין זינען, איז נישט קלאָר געווען. די הייזער זענען צום סוף אריינגעפאַלן צו דער "חלוקה". זיינע פּלענער אויף באַזעצן ארץ־ישראל זענען געווען א סך מאָדערנער ווי די פּלענער פון אנדערע פוילישע רבנים. ער האָט געשטיצט די יידישע ישובים, וואָס זענען דעמאָלט אויפגעשטעלט געוואָרן אין ארץ־ישראל.

אין פוילן גופא האָט דער נפש־חיה געפירט א שטאַרקע קאַמפּאַניע פארן בענטשן נאָר אויף די אתרוגים פון ארץ־ישראל. צוליב עפּעס א סיבה האָבן די פוילישע רבנים נישט זייער גערן געהאַט די ישראלדיקע אתרוגים. לויט זייער מיינונג זענען די קאָרפו־אתרוגים מער ראוי געווען מקיים צו זיין די מצוה. צום שטאַרקסטן זענען געווען קעגן די ישראלדיקע אתרוגים דער גערער רבי, וועלכער האָט שפּעטער מחבר געווען דאָס ספר "שפת אמת", און דער רבי פון ראַדזין, ר' גרשון העניך. אָט דער זעלבער ר' גרשון העניך האָט שטאַרק באַקעמפט דעם קאַלישער רב צוליב זיינע ארץ־ישראלדיקע אתרוגים.

דער קאַלישער רב האָט פארטיידיקט זיינע אתרוגים אין א גרויסער "תשובה", וואָס איז אָפּגעדרוקט אינעם אָנהויב פון זיין בוך "נפש חיה". אָבער אזוי ווי דער ראַדזינער רבי

האָט געקעמפט אויף א פאמפלעטישן, ווילדן און באליידיקנדיקן אופן, האָבן זיך די מחלוקת פארוואנדלט אין א שרעקלעכער שנאה. דער ראדזינער האָט זיך באנוצט מיט ווולגארע פערזענלעכע אָנפאלן אויפן קאלישער רב. האָט אים באשולדיקט צוליב זיינע סאלאָנען, זיינע רויזן — געטענהט, אז אין די אלע גבירישע מנהגים זענען פאראן עפעס פון "ובחוקותיהם לא תלכו". ער איז אויך אָנגעפאלן אויפן קאלישער רב צוליב דעם, וואָס זיינע טעכטער לערנען פרעמדע שפראכן און אז ער באשעפטיקט גויישע דינסטן. דאָס קעגנשטעלן זיך די גויישע דינסטן איז געווען פון די פילבארסטע פונקטן ביים ראדזינער רבין. ער האָט אָנגעשריבן א לאנגע "תשובה" אין דעם ענין, אין א שארפן פאמפלעטישן טאָן און מיט ביטערע פערזענלעכע אָנפאלן אויפן קאלישער רב. עס איז דערגאנגען צו דעם, אז די צווייטע פרוי פונעם קאלישער רב, שפרה מירל די יחוסדיקע, איז געקומען מיט א געוויין צו איר טאטן יהושעלע און אים געבעטן ער זאָל נישט אריינלאָזן דעם ראדזינער רבין אין זיין שטוב. ביז דאן איז דער ראדזינער רבי געווען אן אָפטער גאסט ביי ר׳ יהושעלע.

דער ליבעראלער און אריסטאָקראטישער קאלישער רב איז געצוווּנגען געוואָרן צו פארלאָזן די שטאָט קאליש. און אזוי איז דאָס געשען: קאליש איז געווען א גרענעץ־שטאָט, נאָענט צו דייטשלאנד, און דערפאר האָבן זיך דאָרט געפונען א סך רייכע יידן "משכילים". א בערלינער ווינט האָט אָנגעהויבן בלאָזן אין דער שטאָט. די פאָרגעשריטענע האָבן געוואָלט "רעפאָרמירן" די שול. דער קאלישער רב האָט זיך שארף אנטקעגנגעשטעלט. צום סוף האָבן זיך די בערלינער רעפאָרמאטאָרן באנוצט מיטן אויסגעפרוווטן מיטל צו לייזן מחלוקת — זיי האָבן געמסרט דעם רב פארן גובערנאטאָר. דער נפש חיה איז געווען געצוווּנגען צו פארלאָזן קאליש. ער איז אריבער קיין ווארשע. אזוי ווי ער איז געווען באוווּסט אלס א קענער פון די וועלטלעכע ענינים, האָבן די גרויסע ווארשעווער גבירים אָנגעהויבן צו ברענגען פאר אים זייערע געשעפטלעכע סכסוכים צו א דין־תורה. אויך אין ווארשע האָט דער נפש חיה געוווינט אין סאלאָנען און געפירט זיך לויט זיין גבירישן שטייגער. נאָך א געוויסער צייט איז ער אויסגעוויילט געוואָרן אויף דער שטעלע פונעם רב אין פיאָטרקאָוו.

ר׳ חיים אלעזר וואקס איז געבוירן געוואָרן אין טארניגראָד, אין לובלינער געגנט אינעם יאָר תקפ״ב. ער האָט געלערנט ביי די גדולי התורה און געגאנגען זיין אייגענע וועג. איינע פון זיינע כאראקטעריסטישע שטריכן: ער איז נישט געפאָרן אין די רביישע הויפן. זיין צווייטע פרוי איז געווען די טאָכטער פון ר׳ ישראל יהושע טרונק, דעם רב פון קוטנע, פון די גדולים אין פוילן, וועלכער איז געווען באקאנט אונטערן נאָמען ר׳ יהושעלע.

אינעם עלטער פון פערציק יאָר איז ער געוואָרן דער רב פון קאליש, נאָך צוואנציק יאָר פון זיין רב פון טארניגראָד. ער האָט אויפגעבויט דעם נייעם בית המדרש און קאָנצענטרירט ארום זיך די בעלי־בתים לערנערס. ער האָט אויך געלערנט אין דער קאלישער ישיבה. ער האָט געפירט דאָס רבנות מיט א שטארקער האנט, נישט געווען אונטערטעניק די גבאים און די תקיפים. נאָך דעם ווי ער האָט מתקן געווען דעם עירוב פון יאָר תרל״ח האָבן די קריסטן עס אויסגענוצט אלס א תירוץ פאר פאָגראָמען (זע דעם ארטיקל וועגן די פאָגראָמען פון תרל״ח און די געשיכטע פון עירוב). ער האָט איניציאירט רעליגיעזע תקנות לטובת דער צניעות פון מלבושים, מנהגים און פייערונגען.

זיין נאציאָנאלע טעטיקייט איז א באזונדער קאפיטל. א חוץ די "אתרוגי ישראל", האָט ער אויך געשטיצט דעם כולל ווארשע־פוילן. אינעם יאָר תרמ״ו האָט ער באזוכט ארץ־ישראל.

זיין חיבור "נפש חיה" איז א זאמלונג פון תשובות אויף די פיר טיילן פונעם שולחן־ערוך. דאָס ספר זאָגט עדות וועגן זיין פארטיפטקייט און דרייסקייט אין ענינים פון הלכה.

אינעם יאָר תרמ״ב איז ער געוואָרן דער רב פון פיאָטרקאָוו — ביז סוף פון זיין לעבן.

ער איז נפטר געוואָרן אין יאָר תרמ״ט אין דער געגנט פון קאליש און געבראכט געוואָרן צו קבורה אין קאליש.

א. ק.

שטריכן צו דער געשטאַלט פון הרב ר׳ יחזקאל ליבשיץ

הרב ר׳ יחזקאל ליבשיץ איז געבוירן געוואָרן אין א שטעטל אין קאָוונער גובערניע. זיין פאָטער, ר׳ הלל אריה ז״ל, האָט פאַרנומען דאָס כסא רבנות אין סוּוואַלק און שפּעטער אין לובלין. נאָך אין זיין יוגנט איז ר׳ יחזקאל געווען באַוווּסט ווי אַן עילוי און משכיל. ער האָט געלערנט א ריי אייראָפּעיִשע שפּראַכן און באַקומען היתר הוראה נאָך זייענדיק זייער יונג. ער האָט פאַרמאָגט א גלייכן און שאַרפן שכל און נישט געוואָרן זאַט פון לערנען, דערפאַר איז ער אויך געווען בקי אין דער וועלט־ליטעראַטור.

אין אָנהייב איז ער געווען רב אין יורבורג, לעטלאַנד, דערנאָך אין בויסק — קורלאַנד, אין פּלאָצק און אין קאַליש — 25 יאָר. אין דער רבנישער וועלט איז ער געוואָרן באַוווּסט מיט זיין חיבור ״המדרש והמעשה״. אַזעלכע גרויסע קהילות, ווי פּעטערבורג, תל־אביב און לאָנדאָן האָבן אים געבעטן צו פאַרנעמען דאָס כסא רבנות, אָבער ער איז געבליבן טריי דער קאַלישער קהילה.

קאַליש האָט געהאַט גרויסע רבנים, גדולים אין יידישן לעבן, און דערפאַר איז דאָרט דאָס רבנות נישט געווען גרינג. ר׳ יחזקאל ליבשיץ האָט פאַראייניקט אין זיין פּערזאָן א ריי אייגנשאַפטן, וועלכע האָבן אים באַליבט געמאַכט ביים ציבור. זיין לעבנס־חכמה האָט באַשטימט זיין מעסיקייט, זיין פאַרשטענדעניש פאַר אַנדערע, אַן אײדעלע באַנעמונג און באַציִונג מיט מענטשן, אַן איינגעבוירענע אָביעקטיווקייט פון אײנעם, וואָס דאַרף פאַראייניקן עקסטרעמען.

ער איז געווען דער פאָרזיצער פון אגודת הרבנים אין פּוילן. אויף דעם אמט האָט ער א סך געטאָן, כדי צו לייזן די פראַגע פון עגונות. צוליב דעם איז ער אויך געפאָרן קיין אַמעריקע און איז דאָרט אויפגענומען געוואָרן דורך פּרעזידענט קולידזש.

ער איז געווען א גרויסער חובב ציון. ער האָט אָנגעהאַלטן א שטענדיקן קאָנטאַקט מיט הרב קוק זצ״ל. ווען עס האָט זיך געשאַפן די יידישע אַגענץ, איז ער אין איר אַריינגעטראָטן, ווי א פאָרשטייער פון אומפּאַרטייאישן אָרטאָדאָקסישן יידנטום. אויף דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פון דער סוכנות איז ער אויסגעוויילט געוואָרן אין פּרעזידיום. ער איז געווען א גרויסער אָנהענגער פון דער לאַנד־פּראָדוקציע (תוצרת הארץ). אין די לעצטע יאָרן האָט ער פאַרעפנטלעכט אין דער וועלט־פּרעסע א פּלאַמיקן קול קורא צום גונסטן פון די ארץ־ישראלדיקע אתרוגים איבער די קאָרפוּער.

ער איז נפטר געוואָרן אין אדר ב׳ תרצ״ב, אין עלטער פון 73 יאָר.

אין זיינע זכרונות דערציילט מ. כרמל

— — — זייער א געלאַסענער איז געווען ר׳ יחזקאל ליבשיץ. עס האָט זיך געדוכט, אַז זיין יעדער וואָרט ווערט געוויגן און געמאָסטן, איידער עס ווערט אַרויסגעזאָגט. זיין שיינע ליטווישע אויסשפּראַך האָט געקלונגען אין זיין מויל ווי אײדל געזאַנג. אויף דער גאַס וווּ ער האָט געוווינט, האָט געשטראָמט די פּראָסנא, אויפן ברעג זענען געוואַקסן בוימער. אין זייער שאָטן פלעגט דער רב שפּאַצירן נאָך מיטאָג, און דער שמש משה ברוך האָט אים באַגלייט. לייכט אָנגעשפּאַרט אויפן שוואַרצן שטעקן מיטן זילבערנעם הענטל, האָט ער געשפּאַנט א פּאַרטראַכטער, אָדער געשמועסט מיטן שמש. ווער עס איז אים פאַרבייגעגאַנגען, א ייד צי נישט קיין ייד, איז געוואָרן געפאַנגען פון זיין פּערזענלעכן צויבער. ער איז געווען געאַכט פון אַלעמען. זיין חכמה איז געווען אָנגענומען ביי אַלעמען און מענטשן זענען געקומען צו אים נאָך אַן עצה אין יעדן הארבן ענין, א פּריוואַטע ווי א געזעלשאַפטלעכע.



— — — ווען מיין פאָטער האָט אָנגעטאָן דאָס שבתדיקע מלבוש און מיך געפירט אין רבס הויז, האָב איך נאָך נישט געוווסט דעם אמת. ערשט ווען מיר זענען אָנגעקומען אהין, האָב איך זיך דערוווסט, אז ר׳ איטשע פודרעצקי האָט אויף זיינע הענט געטראָגן דעם רב נאָכן הארץ־אטאק. מ׳האָט ארויסגערופן דאָקטוירים, אָבער זיי האָבן נישט באוויזן אים אָפצוראטעווען.

אין גרויסן צימער האָט מען אוועקגענומען די טישן אין דער זייט. אויף אויסגעשפרייטן שטרוי איז געלעגן דער רב באדעקט מיט שווארץ און גרויסע ליכט האָבן געברענט צוקאָפּנס. אין דער זייט זענען געזעסן גבאיטעס און גענייט תכריכים.

— — — די גרויסע שול איז געווען פול פון ברעג צו ברעג. אלע דריי שטאָק פון דער "עזרת נשים" און פון דער גאלעריע ארום. עס האָט געהערשט א געשפאנטע שטילקייט, אָנגעזאפּט מיט כבוד און צער. עס האָט זיך געדוכט, אז עס קלינגען די גלעזלעך פון די אלע קאנדעלאברעס. אזא שטילקייט האָט געהערשט אין שול שבת הגדול, ווען הרב יחזקאל ליבשיץ האָט געהאלטן זיין דרשה, וואָס איז געווען אן איידעלער געוועב פון פארטיפטע מחשבות און סארקאסטישע באמערקונגען אויפן חשבון פון די שטאָטישע פני. קהל פלעגט איינהאלטן דעם אָטעם, כדי נישט צו פארלירן קיין איין וואָרט פון זיינע רייד. ער פלעגט רעדן, איבעררייסן און א זיפץ האָט זיך ארויסגעריסן, א זיפץ פון מידקייט צוליב די עוולות פון דער קהילה.

און איצט וועט מען שוין נישט הערן זיין איידעלע שטימע, נאָר געוויין, קרעכץ און הספד.

אריי בארנשטיין

תורה און תפילה

אין די דאָזיקע ווערטער זענען נישטאָ קיין אמביציעס אויסצושעפּן די אלע אַספּעקטן פונעם רעליגיעזן לעבן אין דער שטאָט. איך וויל נאָר פאַרציי־כענען עטלעכע בולטע ערטער פון תורה און תפילה און דערציילן עפּעס וועגן די, וואָס האָבן דאָרט געלערנט.

אינעם הויף פון דער גרויסער שול, אין א ספּעציעלן פליגל, האָט זיך געפונען דער בית־המדרש פון מגן אברהם. א גאַנצע וואָך האָבן דאָרט געדאַוונט די בעלי בתים און אויך געלערנט דאָרט א שיעור. אויפן צווייטן שטאָק האָבן די בחורים געלערנט אויף א זעלבשטענ־דיקן אופן. א טייל פון זיי האָבן געלערנט דעם גאַנצן טאָג און זייערע עלטערן האָבן געזאָרגט פאַר פּרנסה, און א טייל האָט געלערנט נאָך א טאָג ארבעט, אין א גרופּע. יעדעס יאָר האָבן די בחורים אויסגעקליבן א קאָמיסיע און בראש פון אָט דער קאָמיסיע זענען געשטאַנען די עלטסטע צווישן זיי. עס האָט זיך דאָרט אויך געפונען א תורה־ביבליאָטעק, די גרעסטע אין דער שטאָט. אלע וואָס פלעגן לערנען, האָבן זיך באַנוצט מיט אָט דער ביבליאָטעק. דער שיעור, וואָס פלעגט פאָרקומען נאָך די ארבעט־שעהן האָבן אָרגאַניזירט אריה קנאָבלעוויטש (געשטאָרבן אין ישראל), מרדכי רואי און אנדערע. דאָרט האָבן געלערנט ארום פיר הונדערט תלמידים.

א דאַנק זייער באַזונדערן רעליגיעזן שטייגער האָבן זיי געהאַט אן איינפלוס אויף דער שטאָט. זיי זענען אויך געשטאַנען אין ענגן קאָנטאַקט מיט הרב ליבשיץ. באַזונדערס איינדרוקס־פול זענען געווען זייערע הקפות, ארום וועלכע עס האָבן זיך קאָנצענטרירט ביי זיבן הונדערט בחורים, אחוץ די המונים, וואָס האָבן זיך געזאַמלט ארום זיי. אין ניטל פלעגן די בחורים פאַרברענגען אין פאַרשידענע שפּילן. די בחורים האָבן אויך געשאַפן קאָמיסיעס פאַר תיקון־סופרים, פאַר קעגנזייטיקער הילף, אפילו פאַר חתונות.

די עלטערע בחורים פלעגן לערנען תורה מיט די יונגע, און דאָס אלץ איז געמאַכט געוואָרן אָן שום באַלוינונג. אינעם לימוד התורה האָבן זיך צונויפגעמישט די חסידים מיט די מתנגדים.

אין די צימערן איבערן בית המדרש האָט זיך געפונען די ישיבה פון מגן אברהם. זי איז געשאַפן געוואָרן דורך די בחורים אליין מיט פנחס גאָלדבערג און מרדכי קאַפּערמאַן בראש. עס האָבן דאָרט געלערנט קינדער פון איבער 11 יאָר, ביז וואַנען זיי זענען זעלבשטענדיק געוואָרן און זענען אוועק אין בית המדרש. אין דער ישיבה האָבן געלערנט 100—150 תלמידים. אין איר בלי־תקופה איז ראש־ישיבה געווען ר׳ מענדל וועקסלער.

ר׳ יודל טרויבע האָט געגרינדעט די ישיבה "עץ חיים" און מיט איר אָנגעפירט אין משך פון איבער 25 יאָר. אין שפּיץ פון דער ישיבה־קאָמיסיע איז געשטאַנען ר׳ יחזקאל ליבשיץ. די ראשי הישיבה זענען געווען ר׳ הירש יהודה מאַמלאָק און ר׳ כתריאל שטיין. די קאָמיסיע האָט אויפגעהאַלטן די ישיבה דורך שפּענדונגען פון די חברים און יחידים און האָט נישט גענומען קיין שום שכר־לימוד. תלמידים, וואָס זענען געקומען פון דער פּראָווינץ, האָבן געגעסן "טעג".

די חסידים האָבן זיך קאָנצענטרירט אין די שטיבלעך. די מערהייט פון זיי זענען געווען גערער חסידים, זיי האָבן געהאַט ארום צען שטיבלעך. ארום דרייסיק מנינים האָבן געדאַוונט אין די צוויי גרויסע, און ארום דריי־פינף — אין די קליינע שטיבלעך. זיי האָבן זיך געפונען אויף ראָסמאַרק ביז 1914, אויף טשאַסנא 10 נאָך דער מלחמה, אויף נאָווא 3, זלאָטא 5, טשאַסנא 15, בזשעסקא 14, פּיאַסקאָווא 20, גורנאַשלאָנסקא, ביי רעפּהאַן און טורעצקא.

דער צענטער פון די אלעקסאַנדער חסידים האָט זיך געפונען אויף באַבינא 25, דאָרט האָבן געדאַוונט א פּאָר הונדערט יידן. דער גבאי ר׳ משה וואָלף טרויבע איז דאָרט געווען גבאי זיין גאַנץ לעבן.

די פּילצער חסידים האָבן געדאַוונט אויף טשאַסנא 8, בלויז עטלעכע מנינים.

די סקערניעוויצער חסידים, הונדערט ביז הונדערט פופציק — אויף שאָפּען 6.

די סטריקאָווער חסידים — אויף שאָפּען 7.

די ראַדאָמסקער חסידים — אויף זלאָטאַ.

די סאָכאַטשאָווער חסידים — אויף נאַדוואָרנא 14.

די חברה־משניות — אויף נאַדוואָרנאַ.

די בעלי בתים —אינעם נייעם בית־מדרש.

דער זשיכלינער רבי האָט געוווינט אויף נאָווא 3. דער רבי פון וואָלא — אויף טשאַסנא 11.

עס איז אויך געווען אַן אָפּטיילונג פון דער ישיבת חכמי לובלין, אייגנטלעך — א הילפס־קאָמיטעט. דאָרט זענען געווען: ר׳ וועלוול מאָזעס, דוד פערלע, שלמה יארעצקי, י. מ. העבער און אריה באָרנשטיין — סעקרעטאָר.

איינער פון די צום מערסטן איינדרוקספולע מאָמענטן איז געווען די באגעגעניש פון יידן אויף ראָג פון טשאַסנא און נאָווא. אין דער נאכט פון ראש השנה נאָכן דאווענען, ווען אלע האָבן זיך געווונטשן א גוט יאָר.

אלימלך קראַטיינסקי

קאלישער חזנים

אין דער חזנישער וועלט האט קאליש פארנומען א בכבודיק אָרט, נישט דערפאר ווייל קאליש האט א סך חזנים געהאט. פארקערט, אין פארלויף פון לעצטן יארהונדערט איז געווען אין יעדע שולן קוים א פיר אדער פינף חזנים, ווייל אין קאליש איז געווען א מנהג, אז א חזן פלעגט מען אנגאזשירן אָן א טערמין ד. ה. אויפן גאנצן לעבן.

עלטערע מתפללים געדענקען ר׳ סראלקען (ישראל) — א ליטווישער בעל־תפילה און א גרויסער תלמיד חכם, מיט א הדרת פנים. עס געפינען זיך נאך איניקע פון עלטערן דור, וועלכע געדענקען זיינע אימפראוויזאציעס. ער פלעגט שאפן די קאמפאזיציעס שטענדיק ביים עמוד. זיי זענען אויף נאָטן נישט פארשריבן. אין טיפן עלטער איז ער אפגעפארן צו זיינע קינדער קיין ארץ־ישראל.

נאך ר׳ סראלקען האט קאליש אויפגענומען דעם באוווסטן חזן נח זאלודקאָווסקי (נח לידער), וועלכער האט פארמאגט א קרעפטיקע, לירישע באריטאָן־שטימע, און געווען א גרויסער מנגן, ווי אויך א גרויסער למדן. מיט זיינע תפילות און אויך כאר־געזאנגען פלעגט ער באגייסטערן, אלע מתפללים, איבערהויפט ימים נוראים. זיין עבודה אום יום כפור האט געשמט זייער ווייט מחוץ פוילן. פון איבם האט מען שוין געהערט אייניקע קאמפאזיציעס און קווארטעט־געזאנגען, וועלכע ער אליין האט פארפאסט. ער האט אליין דיריגירט מיטן כאר און מערסטנס געזונגען זיינע אייגענע זאכן, וועלכע זענען געווען מוזיקאליש געשריבן, אזוי אז אנדערע חזנים האבן שוין געהאט פון וואס צו "גנבענען".

אין ערשטן וועלט־קריג, ווען קאליש איז פארברענט געווארן דורך דייטשן מיליטער, איז נח זאלודקאָווסקי אוועקגעפארן און איז געווארן אויבער־קאנטאָר אין ראָסטאָוו־דאָן. נאכן קריג איז ער צוריקגעקומען און האט ווידער פארנומען, ביז צום טויט, דעם פאָסטן. 45 יאר האט ער פארנומען דעם עמוד, דעם בכבודיקן פאָסטן, אין דער קאלישער שטאט־שול.

נאכן טויט פון נח זאלודקאווסקי איז די שול אין גאנצן געווען אָן א חזן, עס איז געווען שווער צו באקומען א פאסיקן חזן נאך נחן.

קאליש האט אויך פארמאגט א שיינע מאדערנע שול אויפן אויסלענדישן שטייגער, וועלכע עס האבן אויפגעבויט, אין 1912, די "אריסטאקראטן", א פאר צענדליק קאלישער גבירים, ווי ד"ר צוקער, מארקוס האלץ, אלעקסאנדער פרעגער, אדאם שרייער, הערמאן גורני, יצחק

מייזנער מיט רפאל פרענקעל אלס פרעזעס. די שול האט דעמאלט געציילט עטלעכע און דרייסיק מיטגלידער. זיי האבן גערופן די שול "די נייע סינאַגאָגע". דער קאַלישער עולם האט זי גערופן "די דייטשע שול". אין רוסלאַנד האט מען אַזאַ שול גערופן די כאָרשול. עס איז ווירקלעך געווען וואָס אַנצוקוקן. זי האט אויסגעזען ווי אַ קליין בית המקדשל, געבויט אויפן בערלינער מאָדעל. עס איז אַריינגעשטעלט געוואָרן אַ גרויסע פּוסהאַרמאָניע, וועלכע די קאַלישער האבן גערופן "די אָרגלען". די חסידים האבן די שול בויקאָטירט און האבן דערקלערט פּשוט, אַז אין אַזאַ שול טאָר מען נישט דאַוונען. די "דייטשן" האבן באַלד געמאַכט אַ קאָנקורס אויף אַ קאַנטאָר. עס האט נישט לאַנג געדויערט און עס איז אַנגאַזשירט געוואָרן דער בעסטער תּלמיד פון אברהם בירנבוימס חזנים־שול שלמה קופּפער — אַ קליין יידל מיט אַ גרויסער קלינגענדיקער לירישער טענאָר־שטימע. ביי זיינעם אַ רעטשיטאַטיוו זענען די טענער געווען געוויגן און געמאָסטן לויט דער לערע פון זיין גרויסן רבין בירנבוימען.

דאַן איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן די פראַגע וועגן אַ דיריגענט צום כאָר. דאָס איז געווען אַ סענסאַציע: "צו וואָס אַ דיריגענט און זי, הער קאַנטאָר, האָבן דען נישט קיין הענט?". האט קופּפער געמוזט געבן צו פאַרשטיין, אַז היות דער כאָר וועט שטיין אויבן און דער קאַנטאָר אונטן, מוז צווישן חזן און כאָר שטיין אַ דיריגענט און מאַכן מיט די הענט. צווייטנס, קאָן נישט זיין קיין כאָר אָן דיריגענט. דאַן האט מען פאַרעפנטלעכט אַ קאָנקורס אויף אַ דיריגענט צום כאָר, און ס'איז אַנגאַזשירט געוואָרן אַ באַוווּסטער חזנס אַ זון, אלימלך קראַטיינסקי, וועלכער האט זיך באַלד גענומען און געשאַפן אַ גרויסן כאָר פון עטלעכע און צוואַנציק פּערזאָן, מענער און קינדער, אין וועלכע ס'האָבן זיך אויסגעצייכנט די סאָליסטן משה גאָלאַמבעק, ערשטער טענאָר (איצט אין אַמעריקע), לייזער טרויבע — ערשטער באַריטאָן, יצחק באָרדאָוויטש — אַלט, וועלוול טענענבוים — באַס, גרשון מעסער — סאָפּראַן און ווייכטל — אַלט. דאָס זענען געווען די ערשטע גרינדער פונעם כאָר אין דער נייער סינאַגאָגע.

דאַן איז אַקטועל געוואָרן די פראַגע פון רעפּערטואַר ד. ה. וועלכע קאָמפּאָזיציעס זאָל מען זינגען אין דער נייער סינאַגאָגע. די "דייטשן" האָבן געפּאָדערט דורכויס לעוואַנדאָווסקין. ממה נפשך, איז דאָס יאָ אַ דייטשע שול, זאָל מען זינגען פון אַ בערלינער דיריגענט. קופּפער ווידער, וועלכער איז געווען אַ גרויסער חסיד פון בירנבוימען און זעלצערן, האט פאַרלאַנגט זייערע ווערק. דער דיריגענט קראַטיינסקי, וועלכער שטאַמט פון יענע קאַנטן ווי אָדעס, יעקאַטערינאָסלאַוו, קיעוו, האט זייער סימפּאַטיזירט מיט נאָוואַקאָווסקין, דונאַיעווסקין, מינקאָווסקי, און האט אפילו געשטעלט אַ באַדינג קופּפערן, אַז אויב עס וועלן נישט אַריין דונאַיעווסקיס צוויי קדושהס אין רעפּערטואַר, מעג ער בעצייטנס זיך זוכן אַ פרישן דיריגענט. הכלל, מען האט געמוזט יעדן צופרידנשטעלן און זינגען פון יעדן ווערק צו ביסלעך.

דער דיריגענט קראַטיינסקי האט זיך אָבער נישט באַנוגנט בלויז מיט סינאַגאָגע־געזאַנגען און האט געשטרעבט נאָך עפּעס מער צו שאַפן און דאָס איז אים געלונגען. מיט דער הילף פון אייניקע חברים מוזיק־ליבהאָבער ווי פרוי מייראַנץ, פרוי קלעטשעווסקי, ה' האַממער, ה' אַראָנאָוויטש (דער איצטיקער אַרנאָלד פון אַמעריקע), ה' לייב וואָלקאָוויטש א. א. איז אין פאַרלויף פון איין יאָר געגרינדעט געוואָרן צוויי גרויסע כאָרן געמישט פון מענער און פרויען, אַ טורן־פאַראיין־כאָר אין אַ צאָל פון 30 מאַן, אַ צווייטער כאָר איז געווען פון בונדיסטן און פּ"צ־ניקעס; ביים טורן־פאַריין האט אויך זיך געשאַפן אַ בלאָז־אָרקעסטער פון 25 מאַן און אַ שטרייך־מוזיק, וועלכער איז געגרינדעט געוואָרן צו דער עפענונג פון "הזמיר", וועלכער האט געזאָלט געגרינדעט ווערן דורך דער איניציאַטיוו פון באַנקיר לאַנדאַו און האַנטווערצל. ליידער איז דער "הזמיר" באַלד נאָכן ערשטן קאָנצערט אין מוזעל־זאַל ליקווידירט געוואָרן דורך דער רוסישער מאַכט, ווייל דער צאַרישער גובערנאַטאָר האט נישט געוואָלט געבן קיין דערלויבעניש אויף אַזאַ מוזיק־פאַראיין אין דער העברעישער שפּראַך. דאָך איז דורך דעם "הזמיר"־אָרקעסטער געגעבן געוואָרן אייניקע קאָנצערטן, אין וועלכע ס'זענען געזונגען געוואָרן די שענסטע פּערל פון וועלט־רעפּערטואַר, ווי אייניקע נומערן פון דער אָראַטאָריע פון הענדעל, די שאַפונג פון היידן, "הללויה" פון הענדעל — "רעקוויעם"

פון מאצארט א. א. אזוי, אז די לעצטע יארן אין קאליש זענען געווען זייער מוזיקאלישע. אויף דער יידישער גאס האט מען נאָר געהערט זינגען אדער שפילן. ווער ס'האט נישט געקענט דערגרייכן צו א קלאוויר, האט געמוזט האבן אין שטוב א פידל אדער א מאַנדאָלינע. נאר געשפילט זאל ווערן.




שלמה קופפער

איצט צוריק צום חזנות. אזוי ווי איך האב שוין פריער באמערקט, איז אין קאליש נאכן טויט פון חזן זאלודקאָווסקי אין דער שטאטשול א שטיק צייט נישט געווען קיין חזן. נאך אייניקע חזנים־פראבן איז אנגאזשירט געווארן א יונגערמאן ישראל באנופקע — א שיינער מנגן, מיט א שיינער טענאר־שטים. ער האט אליין נישט שלעכט דיריגירט מיטן כאר און פון צייט צו צייט פלעגט ער דורכשמוגלען א "לכה דודי" פון לעוואנדאווסקי, "רצה" פון סיראטא און פארענדיקן מיט א פינאל פון משה קוסעוויצקי. דעמאלט האט זיך אנגעהויבן די אמתע קאנקורענץ צווישן דיביידע שולן. עס האט זיך געשאפט צוויי צדדים — א יידישער און א דייטשער. איין צד האט געליארעמט, אז די אמתע שענסטע גאונים זענען אין דער יידישער שול, דער צווייטער צד פונקט פארקערט: ווילסטו הערן א שיינעם "לכה דודי" אדער א "קדושה" מיט א פינאל אויף דער אויבער־צ אויפן סוף — איז טאקע נאר אין דער דייטשער שול. עס איז דערגאנגען אזוי ווייט די מחלוקת, אז מען האט צו וויסן געגעבן צו הרב ליבשיץ, אז בכן אין דער דייטשער שול זינגען אין כאר פרויען. און דער רב האט טאקע באלד באפוילן מען זאל די מיידלעך פון כאר תיכף באזייטיקן. עס איז אבער נישט געווען וועמען צו באזייטיקן.

דער חזן באנופקע איז לאנג אין קאליש נישט געווען. ער האט זייער געשטרעבט נאך א דייטשער שול; און גאט האט אים געהאלפן — מען האט אים אנגאזשירט אין יאָר 1933 אין דער לאדזשער דייטשער שול אויף אלטערמאנס ארט. און די קאנקורענץ צווישן דיביידע שולן האט אויפגעהערט.

דאן איז ווידער קאליש געבליבן אן א חזן. אבער אויך די דייטשע סינאגאגע איז געבליבן אן א חזן, נאר צוליב אנדערע טעמים, ווייל אין פארלויף פון עטלעכע יאר איז אין קאליש געווען עפעס א "דייטשע מגפה", און אלע דייטשן פון דער סינאגאגע זענען אויס־געשטארבן. צוויי מיטגלידער זענען געבליבן: שמעון פרעגער און מאריץ פרידמאן. און, אויב די וועלט זאגט א ווערטל, אז חזנים זענען נאראנים, איז אבער דער חזן קופפער נישט געווען פון די בטלנים־חזנים, און האט זיך באקלערט, אז פאר טויטע דייטשן איז א שאד צו שטיין און רייסן דעם האלדז, און נישט לאנג געקלערט, געמאכט א ויברח קיין לייפציג, צו די לעבעדיקע דייטשן, ווייל ער איז שוין דעמאלט בארימט געווען פון די גראמאפאן־פלאטן, ווו ער האט קונציק קאפירט יאסעלע ראזענבלאטן. פון לייפציג איז ער אוועק גלייך קיין מאנטשעסטער (ענגלאנד) ווו ער געפינט זיך עד היום. ער האט ערשט נישט לאנג געשריבן צום שרייבער פון די שורות, אז די אויבער־צ איז נאך אין ארדענונג...

נאך קופפערס אוועקפארן איז דער כאר איז דער דייטשער שול ליקווידירט געווארן. דאך איז אין א צייט ארום צוגענומען געווארן נאך א חזן, ישראל קאָוואַלסקי. אבער ער איז געווען זייער א קורצע צייט און איז אוועק קיין ענגלאַנד.



אלימלך קראַטיינסקי

אין דער שטאטשול ווידער איז נאכן חזן באנופקען ווידעראמאל פארגעקומען א חזנים־קאנקורס. עס העבן זיך געמאלדן זייער פיל חזנים. עס איז געווען א שבת, ווען עס זענען אנגעפארן 3 חזנים. איינער האט מקבל שבת געווען און די אנדערע האבן געדאוונט אין דער פרי שחרית און מוסף. עס געדענקט זיך נאך דער שבת מברכים, ווען איינער פון די פראבן־חזנים האט פון גרויס באגייסטערונג אויסגעשריגן — ראש חודש תשרי. האבן די יידן געהאט א פריילעכן שבת דעמאלט... און באלד טאקע נאך תשרי־שבת איז אנגעקומען אויפן צווייטן שבת א חזן מאטל שווארצענבערג, און עס איז שוין געווען א וואך קורץ פאר ימים נוראים. האט מען מיט אים דעם קאנקורס פארענדיקט. דער חזן שווארצענבערג האט שטארק אויסגענומען, געפעלן מיט זיין דאוונען, אבער מיט קיין כאר האט ער קיין מאל נישט געדאוונט. האבן זיך ווידער אנגעהויבן אונטערהאנדלונגען מיט א דיריגענט, און נאך לאנגע אונטערהאנדלונגען איז אנגאזשירט געווארן דער דיריגענט פון דער דייטשער סינאגאגע, קראטיינסקי.

די חסידים האבן אפילו שטארק פראטעסטירט קעגן דייטשן דיריגענט, היתכן, אן אפיקורס, וועלכער איז אכצן יאר אין א סינאגאגע מיט ארגלען (אין דער אמתן האבן די ארגלען געשפילט נאר חנוכה, פורים און צו די חופות) זאל מען ארייננעמען אין שול פון ״מגן־אברהם״. האט אבער דער וויצע־פרעזעס נח הילער דערקלערט אויף א זיצונג, אז טאקע דעם אפיקורס זענען מיר, חסידים, מחויב צו מאכן פאר אן ערלעכן יידן — און ער האט זיינס אויסגעפירט. איצט האבן זיך אנגעהויבן די אמתע קאנצערט־שבתים. ווען עס איז געקומען א פרייטיק־צונאכטס, איז די שול געווען געפאקט. ערשטנס, א דיריגענט אין דער יידישער שול. צווייטנס, ווערט פרייטיק געזונגען די וועלט־באדימטע קאמפאזיציע פון זיידל ראוונער ״אמת ואמונה״. שבת פרי ווידער ווערט געזונגען דער צווייטער שלאגער פון זיידל ראוונער ״בריך שמיה״.

ליידער זענען דאס שוין געווען די לעצטע שבתים, ווייל אין ר״ח אלול תרצ״ט (1939), איז אויסגעבראכן די מלחמה און האט געמאכט א סוף פוןביידע קאלישער שולן און פון קאלישער חזנות, וואָס האט געבליט א קנאפן יארהונדערט. ווען א קאלישער קומט איצטער צו פארן קיין קאליש, זוכט ער ארום די ערטער, ווו ביידע שולן זענען געשטאנען.

קאליש, 23 אָקטאָבער 1947

יצחק דוב וואגענסבערג

וואס איך געדענק

דאָס שרייבט א ייד, וואָס האָט געלערנט אין קאליש דריי א האלבן יאָר אָנהייבנדיק פון 1898. איך אליין בין פון ראדאָמער גובערניע, אן איידעם פון מאמאָליניצע נעבן ווארשע. איך בין געקומען קיין ארגענטינע 1930.

105 פרעמדע ישיבה־בחורים זענען מיר געווען פון די שטעט: סטאווישין, ראָכוואל, זאמברעאָווע, קויל, קאָנין, טורעק, שודעק, סאמפּאָלנע, דאָברע, דאָמביע, וולוין, בלאַשקע, שעראַדז, זדונסקא־וואָליא, דווארט, זלאָטשעוו, בעלכאטאָוו, כמעלניק, גאָמבין, קערניזשע, ווישעגראָד און סוואלק. איך אליין בין געווען פון פשיסכע. מיר האָבן געגעסן טעג און געלערנט אין בית המדרש אויפן שטאָק.

די בחורים פון קאליש זענען געווען: ש. א. מינף; אליהו מייבינער; לייבוש שפירא און זיין ברודער חנינא, זייער פאטער איז געווען פארוואלטער פון יידישן שפיטאָל. ער איז געווען א גערער חסיד; איטשע יהודה, זיין פאָטער איז געווען א בלעכער. ער האָט געקענט גוט לערנען. אלס בחור האָט ער שוין געטראָגן א באָרד, ער איז געווען זייער פרום; שמואל העבערס א זון (איך געדענק נישט ווי אזוי ער האָט געהייסן), ער האָט חתונה געהאט מיט אַ טאכטער פון פשיסכער רב ר׳ ניסים ז״ל.

אונדזער רב איז געווען אַן אלעקסאנדער חסיד. צו די ערשטע סליחות איז אונדזער רב זצ״ל געפאָרן קיין אלעקסאנדער. שמואל העבער איז אויך געווען אן אלעקסאנדער חסיד. אין אלעקסאנדער ביים רבין איז געשלאָסן געוואָרן דער שידוך.

דער עלטערער זון פון שמואל העבער, יעקב, האָט שוין דעמאָלט חתונה געהאט.

אונדזער רב ר׳ ניסים איז געוואָרן דערנאָך רב אין מאָסקווע, פון מאָסקווע איז ער געפאָרן קיין ארץ־ישראל און דאָרטן איז ער נפטר געוואָרן.

מיט אונדז האָט געלערנט א בחור יעקב שימקעוויטש, בערישעס א זון, א גערער חסיד. דאָס גערער שטיבל האָט זיך געפונען אויף דער מארק־גאס, אויך דאָס אלעקסאנדער שטיבל איז געווען אויף דעם זעלבן אָרט. בעריש שימקעוויטש האָט זיך געפירט, אַז פרייטיק־צו־נאכטס, ווען ער איז אהייגעגאנגען פון דאוונען, האָט ער געלערנט א שעה צייט חומש מיט רש״י און דערנאָך ערשט געמאכט קידוש. אין זיינע צייטן איז קיין שום בחור, וואָס האָט געלערנט, נישט געגאנגען צום מיליטער. ער האָט משפיע געווען אויפן גובער־

נאטאָר. אנדערע זאָגן, אז בעריש האָט באַקומען פון רוסישן קייזער א מתנה א גאָלדן שווערדל. זיין איידעם האָט געהאט א פאבריק פון סאָדע־וואסער.

עס האט אויך דעמאָלט געלערנט די אלמנה וועלטמאנס אן איידעם. זי האָט געהאט אן איינפאָר־הויז. אלע פּראָווינצער פויערים זענען צו איר פארפאָרן. דעמאָלט איז נאָך נישט געגאנגען קיין באן דורך קאליש.

געוווען אויך א בחור, וואָס זיין פאָטער האָט געהאנדלט מיט פיש. דאכט זיך, אז ער איז געווען אַן אלעקסאנדער חסיד. ער האָט געהאט צוויי מיידלעך, איינע פון זיי איז שוין געווען א כלה, און האָט שוין געהאט באַקומען כלה־מתנות. איז געשען, אז די יינגערע שוועסטער איז אוועק מיט אן ערל און האָט מיטגענומען איר שוועסטערס צירונג. צוליב דעם איז געוואָרן אויס שידוך ביי איר שוועסטער. די געוועזענע כלה איז דערנאָך געוואָרן א כלה פאר דעם בחור פון כמעלניק, וואָס האָט געלערנט אין קאליש.

אין בית המדרש איז געווען א שמש, ר׳ חיים שייניק. ער האָט מיט אונדז בחורים, אויך מיט מיר, געלערנט די גמרא ביצה.

אין בית־המדרש איז געווען אַ יזכור־בוך פון נפטרים, די בלעטער זענען געווען פון פּארמעט, געשריבן מיט אותיות, ווי אין א ספר־תורה.

דער שמש פון שול האָט געהייסן איטשע באס, ער האָט אונטערגעהאָלפן דעם חזן. ער האָט געטראָגן לאנגע האָר. עס איז געווען א שיינער מנהג, אז אלע אבלים ר״ל האָבן פרייטיק פאר נאכט געדאווענט מנחה אין פאָליש. פאר קבלת שבת האָט דער שמש געגעבן א קלאפּ אין באַלעמער מיט די ווערטער מנחם אבלים. זענען אלע מתפללים צוגעגאנגען צו דער טיר און האָבן אריינגענומען די אבלים אין שול אריין.

דער ראש בית הדין איז דעמאָלט געווען ר׳ אליהו זינגער זצ״ל. ער גופא האָט אויך געלערנט, אלס בחור, אין קאליש. ער האָט חתונה געהאט פון קאליש. געווען א געבוירענער פון דאַברע, אן אלעקסאנדער חסיד. ער האָט מיר דערציילט, אז ווען דער נפש חי׳ ז״ל איז געווען רב אין קאליש, האָט זיך געפירט, אז פרעמדע בחורים פון פּראָווינץ האָבן געארבעט אין די קאלישער פאבריקן און געשלאָפן ביי בעלי־בתים. ישיבה בחורים זענען אויך געשלאָפן ביי בעלי־בתים. איז איינער פון זיי געקומען א מאָל צום רב נפש חי׳ זצ״ל פארמסרן די ישיבה־בחורים, וואָס זענען ביי אים געשלאָפן, אז ווען זיי קומען שפּעט ביי נאכט פון בית המדרש, זעצן זיי זיך שפּילן אין קאָרטן. האָט דער רב הנ״ל געפרעגט בזו הלשון: ווען ביי דיר שלאָפן שוסטער, שניידער און זיי שפּילן אין קאָרטן, וואָלסטו מיר אויך געקומען דערציילן? ווען ער האָט געענטפערט, אז ער וואָלט נישט געקומען, האָט דער רב געזאָגט: איז וואָס ארט דיר, אז זיי לערנען? זאָל זיך דיר דאכטן, אז זיי זענען שוסטער, שניידער...

אויפן אלטן מארק האָט געוווינט אן אלמנה, וואָס האָט געהייסן האָדל פּרענקעל. זי האָט געטראָגן א קופקע מיט 2 לאנגע סטענגעס. איר איידעם איז געווען ר׳ יהושע דוד מאָזעס, ער האָט שוין דעמאָלט געהאט אן איידעם פון לובלין. זיי ביידע, דאָס הייסט דער שווער און דער איידעם, האָבן געגעסן ביי דער האָדלען קעסט. ר׳ יהושע מאָזעס איז שוין דעמאָלט געווען אַנגעזען, א גערער חסיד, אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז ער געוואָרן ראש הקהל.

איך געדענק אַ ייד ישכר מאָרדאָוויטש, א ווערטל־זאָגער. איין מאָל האָט מען געשיקט זעלנער פון רוסלאנד קיין סיביר און פון סיביר קיין רוסלאנד. די האָבן געטראָגן היטלען מיט גרינע פּאַסן, און יענע — מיט רויטע פּאַסן. האָט ער געפרעגט: נאָך וואָס דאַרף מען שיקן די מענטשן אזוי ווייט? זאָל מען איבערטוישן בלויז די היטלען.

אין קאליש האָט געלעבט א שניידער, זייער א פרומער ייד, האָט ער געהאט א מנהג, אַז פורים פאר נאכט, ווען מ׳האָט זיך געזעצט צו דער פורים־סעודה, איז בכדי מ׳זאָל זיך דערמאָנען, אז מ׳דאַרף דאַווענען מעריב, פלעגט ער צוגיין צו יעדער יידישער שטוב און געבן א קלאפּ: מעריב!

אין קאליש איז געווען א שטאָט־נאר, שמשון קנאקער, א קליין יידל. שבת, ווען מ׳האָט געלייענט די תוכחה, איז ער געלאָפן פון איין חברה צו דער צווייטער מיט דעם טלית אויף

זיך, מ׳זאָל אים געבן די תוכחה, און מ׳האָט שוין אויף אים געוואַרט, דערפאַר האָט ער באַקומען 18 קאָפּיקעס מיט א טרונק בראַנפן.

עס איז געווען א מנהג, אז ווען מ׳האָט געפירט א מת דורך דער גאס־מארק, האָט דער בעל־עגלה, אן אלטער ייד, אָנגעטאָן א צילינדער אויפן קאָפּ, דער צילינדער איז געווען מיט ספּרוזשינעס און געלעגן שטענדיק אונטער דעם זיץ אויף דער עגלה. אז מ׳האָט אים באַדאַרפט אָנצוטאָן, האָט מען געגעבן א שאָקל, איז ער אויפגעשפּרונגען דורך די ספּרונזשינעס, פרויען זענען נישט מיטגעגאַנגען אויפן בית־החיים, נאָר ביז צו דעם סלופּ אויף דער מארק־גאַס. דאָרט האָבן זיי געוואַשן די הענט און געגאַנגען אהיים.

לאַ פּלאַטאַ, ארגענטינע תשי״ז

שלמה יחיאל נובל

אין דער ישיבה

איך האָב פאַר די אויגן דאָס קאַליש פון יאָר 1908 ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה, דאָס יידישע קאַליש מיט דער יידישער גאַס. פון איין זייט — דאָס בית־מדרש פון „מגן אברהם" אויף גאַרבאַרסקאַ. צוויי שטאָק האָט געהאַט דער בנין. אויפן פּאַרטער האָט זיך געפונען דאָס בית התפילה, וווּ עס האָבן געדאַוונט הונדערטער יידן, און אויפן ערשטן שטאָק — דאָס גרויסע לערן־אָרט, דאָס בית־מדרש ממש, וואָס האָט אריינגענומען די דריי הונדערט בחורים פון יעדן עלטער. זיי האָבן געלערנט פון אין דער פרי ביז שפּעט ביי נאַכט און זייערע שטימעס האָט מען געהערט פון גאָר ווייט.

פון דער צווייטער זייט האָט זיך געפונען דאָס נייע בית־מדרש. דאָרט האָבן געדאַוונט ר׳ איטשע פרידע, ר׳ הערשל שאַפּיר, ר׳ חנניה פרידע א״א. די אלע מתפללים אין דעם בית־מדרש זענען געווען אָרנטלעכע און פרומע יידן, אָנגעלערנטע מיט ש״ס ופוסקים.

עס איז כדאי צו דערמאָנען ר׳ אבאלע גוטפריינד ז״ל, א ירא שמים און א מבקר חולים ביי אלע קראַנקע, אפילו מיט אָנשטעקנדיקע מחלות. ווען א ייד איז קראַנק געוואָרן אויף אַן אָנשטעקנדיקער קראַנקייט, האָט מען מורא געהאַט צו רופן א דאָקטער אָדער א פעלדשער, טאָמער וועט ער איבערגעבן דער מאַכט און דאָס איז דאָך פאַרבונדן מיט איזאָלאַציע. איז ר׳ אבאלע געגאַנגען אין אַפּטייק קויפן די מעדיקאַמענטן, אמת, נישט פאַר זיין געלט. ער איז נישט געווען קיין גביר. אָבער אין מערהייט פאַלן האָט ער דערפאַר נישט גענומען קיין שום באַלוינונג. דער ייד האָט געוווינט בשכנות מיט אונדז און איך האָב אים גוט געקענט.

אחוץ דעם אויבנדערמאָנטן בית־מדרש איז אין קאַליש געווען א ישיבה פון פיר כיתות. אונדזער ראש ישיבה איז געווען ר׳ יחיאל לאַסקער ז״ל, א טייערער ייד. מנהל פון דער ישיבה איז געווען ר׳ יודל טרובע ז״ל. ער האָט געאַרבעט מיט איבערגעגעבנקייט פון אין דער פרי ביז שפּעט ביי נאַכט. ער האָט זיך באַצויגן צו אונדז, ווי צו אייגענע קינדער; ער איז געווען קינדערלאָז. זיין פרוי האָט אונדז וואַרעם אויפגענומען, ווען מיר פלעגן קומען פרייטיק אָפּנעמען די צעטלען צו וועמען מיר זאָלן גיין שבת, אז מ׳זאָל אונדז „פאַרהערן", און זונטיק, ווען מיר האָבן צוריקגעבראַכט די צעטלען מיט די באַמערקונגען.

נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע האָבן אָנגעהויבן בלאָזן נייע ווינטן. עס איז זיי שווער געווען אריינצודרינגען אין בית־מדרש אין דער שטאָט פונעם „מגן אברהם". דאָך זענען געשאַפן געוואָרן די אָרגאַניזאַציעס „מזרחי" און „צעירי מזרחי" א דאַנק אַזעלכע יחידים, ווי ר׳ מאיר שלמה קלעפער ז״ל, ה׳ ראַוויצקי, דער איבערגעגעבענער באַפולמעכטיקטער פונעם „קרן־קיימת" און דער סעקרעטאַר פון „צעירי מזרחי", וואָס האָט אָן שום לוין געאַרבעט ביי טאָג און ביי נאַכט. יצחק ריבקינד, סעקרעטאַר פונעם מרכז, האָט ארויסגענומען מיך מיט נאָך עטלעכע בחורים פון בית־מדרש.

מיר זענען געווען א גוטער קרייז ביז עס איז אויסגעבראָכן די פויליש־באָלשעוויסטישע מלחמה אין יאָר 1920. א טייל איז געוואָרן מאָביליזירט אין דער ארמיי, א סך זענען אנטלאָפן. בלויז בדרך נס זענען מיר נישט אין גאנצן ליקווידירט געוואָרן, אָבער דאָס איז שוין נישט געווען די מוסטערהאפטע פארטיי „צעירי מזרחי" אין קאליש.

נאָכן יאָר 1920 איז אין קאליש פאָרגעקומען א פאָגראָם. אונדזער געוועלב אויף דער יידישער גאס איז געוואָרן אויסגערויבט. אין יענער צייט איז די גרופע אוועק קיין ארץ־ישראל, אָבער די מערהייט פון איר איז צוריקגעקומען פון וועג צוליב די געשעענישן אין יפו. מיין פאָטער ז"ל האָט באשלאָסן עולה צו זיין און געזאָגט צו איינעם פון די צוריקגעקומענע, א יינגערן פון אים: „דו ביסט געפאָרן און צוריקגעקומען. אָבער איך וועל פאָרן און נישט צוריקקומען". און אזוי איז טאקע געווען. מיין פאָטער ז"ל האָט עולה געווען אין יאָר 1923, און איך מיט דער גאנצער משפחה — אין יאָר 1924.

מ. בן־מנחם

דער יובל פון קאלישער עירוב

(א בלעטל פאגראם־געשיכטע)

דער עירוב ביי אונז אין שטאט איז היינט כמעט שטענדיק אין ארדענונג, א קאמיטעט פון דריי — פיר פערזאן איז גענוג צו האבן דערויף די אויפזיכט. א מאל האט די פראגע פון עירוב פערשאפט גענוג בייז בלוט אין קאליש צווישן די יידישע און קריסטלעכע איינוווינער, און צום איצטיקן יובל וועלן מיר די בלוטיקע געשיכטע דערמאנען.

מיט 50 יאר צוריק האט דאס היגע כסא הרבנות פערנומען דער פון אלע געשעצטער און געאכטעטער רב, הרב הגאון ר' חיים אליעזר וואקס. געזארגט האט ער מיט איבערגעבנקייט פאר די רעליגיעזע הצטרכותן פון זיין עדה און מיטן גאנצן ברען האט ער זיך גענומען איינפירן אן עירוב אין שטאט. צענדליקער אסיפות זענען צו דעם צוועק גערופן געווארן און יעדער האט מיט עפעס געוואלט בייהילפיק זיין דעם רב ביי דער הייליקער ארבעט, נאר דאס ארעמקייט פון די יידישע איינוווינער האט גורם געווען די זאך זאל זיך לענגער פארציען. אבער ענדלעך איז מען צוגעטראטן צו פארלייגן דעם עירוב.

דער רב אליין האט אכטונג געגעבן ביי דער ארבעט. האבן נאר אויסגעפעלט דרענגער — איז דער רב אוועק צו די וואלד־סוחרים, און זיי האבן דאָס תיכף צוגעשטעלט.

חדשים האט געדויערט די ארבעט, מען האט געצויגן דעם עירוב־דראט ארום דעם דעמאלטדיקן שטאט־שטח פון דער אזוי גערופענער "ראגאטקע" ביים קריסטלעכן שפיטאל פון איין זייט' ביז די בריקן אויף סטאווישינער און טורקער גאס אויף דער צווייטער זייט.

ענדלעך ווערט דער עירוב פארטיק אין חודש תמוז 1878 יאר.

די דעמאלטדיקע רוסישע הערשער, וועלכע האבן געוואלט, אז נאך די אויפשטאנד־יארן זאלן די פאליאקן זיך נישט פארנעמען צו פיל מיט פאליטישע ענינים, האבן אויסגענוצט דעם קאלישער עירוב צו זייערע פינצטערע צילן.

אין שטאט האבן זיך פארשפרייט קלאנגען — דורך רוסישע אגענטן — צווישן קריסטלעכן המון, אז דער עירוב איז א "כישוף". און דער רב ר' חיים אליעזר וואקס האט ספעציעל ארומגעצוימט מיט א דראט די שטאט, כדי מיטן כוח פון כישוף ארומצורינגלען די קריסטלעכע איינוווינער... צוגעהאלפן אונטערהעצן די קריסטן קעגן יידן האט אויך דער פאקט, וואס די פרוי פון קריסטלעכן דאקטער רימארקעוויטש האט עדות געזאגט, אז זי האט געזען ווי יידן ווארפן שטיינער אויף א דורכגייענדיקער קריסטין.

די פרוי רימארקעוויטש האט טאקע געזאגט אמת, אבער עס איז געווען פראוואצירט דורך די רוסן, דער מכלומרשטער "ייד" איז געווען א פארשטעלטער רוסישער פראוואקאטאר אלס ייד.

זונטיק, דעם 23טן יולי 1878, ווען דער קריסטלעכער המון איז געווען פארזאמלט אין דער קירך, איז ער נאך אויפגערייצט געווארן דורך די העץ־דרשות פון די גלחים קעגן עירוב, וואס די יידן האבן געצויגן און בפרט קעגן רב.

באלד האט זיך דאס פעבל א לאז געטאן אין יידישן קווארטאל און אנגעהויבן פאגראמירן, רויבן יידיש האב און גוטס און שלאגן יעדן אנגעטראפענעם יידישן דורכגייער, צעשטערנדיק די יידישע שול און דאס יידישע שפיטאל.

אפטוענדיק דאס שטיקל ארבעט, האט זיך דער המון פארזאמלט ארום רבס הויז. אבער דא האבן זיי אנגעטראפן אויף א שטארקן ווידערשטאנד פון די בית המדרש־בחורים מיט "טראטל קצב" בראש, און לסוף האט דער המון געמוזט אפטרעטן.

דריי יידישע קינדער זיינען דעמאלט דערהרגט געווארן און א גרויסע צאל דערוואקסענע פארוואונדעט ביים פארטיידיקן זייער לעבן און פארמעגן.

די סחורה, וואס איז דעמאלט צעראבירט געווארן איז געווארן געשאצט אויף העכער הונדערט טויזנט רובל.

די רוסישע מאכט אין קאליש, וועלכע האט צוגעגרייט דאס שטיקל ארבעט, איז געווען צופרידן פון די רעזולטאטן. זי האט אבער נישט מודיע געווען פון דער גאנצער זאך דעם פולקאווניק פון הוזארן־פאלק, ווייל דער פולקאווניק, אלס ליבעראלער מענטש, וואלט עס זיכער נישט צוגעלאזט.

ווען ער איז געוווּיר געווארן וועגן פאגראם, איז ער געקומען אין שטאט אריין מיטן פאָלק און א סוף געמאכט מיט דעם העסלעכן און בלוטיקן שפיל.

נישט איין חדר־ייִנגל האבן די הוזארן, לויטן פולקאווניקס באפעל ארויפגענומען אויף די פערד, כדי מציל צו זיין פון דעם צעווילדעוועטן המון, און אפגעשטעלט אהיים.

די רוסישע מאכט האט — ווילנדיק צי נישט ווילנדיק — געמוזט מסכים זיין צו דער האנדלונג פון פולקאווניק און ענדיקן דאס, וואס ער האט אנגעהויבן: אויף דער קריסטלעכער באפעלקערונג פון קאליש און אומגעגנט איז ארויפגעלייגט געווארן א קאנטריבוציע פון הונדערט און צוואנציק טויזנט רובל.

דער רב אבער, ר' חיים אליעזר, ז"ל האט געמוזט צוליב דעם עירוב זיך אפזאגן פון קאלישער כסא הרבנות.

אט אזוי האט זיך אנגעהויבן און פארענדיקט מיט 50 יאר צוריק דער עירוב־פאגראם אין קאליש.

קאלישער לעבן 2

29.7.1927

מ. מנחמאי

פאגראם אין קאליש אין יאר תרל־ח

א סך האָט דאָס קאלישער יידנטום איבערגעלעבט אין די לעצטע יאָרן, און „די לעצטע צרות מאכן פארגעסן די ערשטע", און ביסלעכווייז ווערן פארגעסן די געשעענישן אין אונדזער שטאָט. די עלטערע מענטשן גייען אוועק אויפן עולם האמת, נישט פארשרייבנדיק די געשיכטע פון זייער צייט, און אפשר ווילן זיי נישט דערמיט די קינדער דערציילן אויך פון זייערע צרות... סיי ווי סיי ווערט דערווייל פארגעסן א שטיק געשיכטע, יידישע געשיכטע פון קאליש, וואָס איז שטענדיק מער פארמישט מיט טרערן ווי מיט פרייד.

איינע פון א סך וועלן מיר היינט באשרייבן — צו די פופציק יאָר פון דער פאסירונג.

געווען איז דאָס אין גריגעם זונטיק אין יאָר תרל"ח. א גרויסער המון קריסטן פון שטאָט און פויערים־פאָלק פון די ארומיקע דערפער האָבן זיך פארזאמלט אין די היגע קירכעס

אָפּצוריכטן זייער תפילה, ווייל די גלחים האָבן באַפוילן דעם המון זיך צו פארזאמלען דעם טאָג אין שטאָט און פאָרויסגעזאָגט גרויסע געשעענישן.

נאָר וואָס אזוינס עס וועט געשען, האָט קיינער לכתחילה נישט געוווּסט.

דערווייל האָבן די גלחים אויף די עפענטלעכע פּלעצער אין שטאָט געהייסן אויפשטעלן טריבונעס, זיי וועלן פריידיקן אונטערן פרייען הימל פאר דעם גרויסן המון, אויף וועלכע זיי האָבן זיך גערעכט.

און טאקע באלד באַגינען האבן גשטראָמט מאסן קריסטן צו די קירכעס און פארזאמלט זיך ארום די טריבונעס אויף די גאסן.

נאָך זייערע תפילות זענען די גלחים ארויף אויף די טריבונעס און באַפוילן דעם המון צו גיין ראבירן די זשידעס. די סיבה, וואָס זאָל האָבן געגעבן די גלחים שטאָף אויף אזא העצע, איז נישט באַוווּסט, און ווי עלטערע מענטשן גיבן איבער, זאָל עס זיין אין צוזאמענהאַנג מיט א באַפרייונגס־באַוועגונג אין פּוילן.

דער באַפעל איז תיכף אויסגעפירט געוואָרן, און א המון פון העכער צען טויזנט מענטשן האָבן זיך געלאָזט לויפן אין יידישן קווארטאל מיט ווילדע אויסגעשרייען און געביילטע פויסטן, קעגן אלץ וואָס איז יידיש.

מיט א באַזונדער ווילדער שנאה איז א גרויסער טייל קריסטן אוועק צום שולהויף און אויפּ־געריסן די טירן אין שול אריין.

זיי זענען צוגעלאָפן צום ארון־קודש און צעריסן ספרי־תורות. איינע איז געווען פון „בית־יהודה״, געשריבן דורך אים אליין. דער חנוכה־לייכטער איז צעבראָכן געוואָרן.

דאָס רוסישע מיליטער האָט ענדלעך א סוף געמאכט צו די ווילדע אָרגיעס פון צבושעוועטן המון.

געווען איז דאָס אין כ״ב סיון און דער דעמאלטיקער רב, דער „נפש חיה״ האָט קובע געווען אין קאליש א תענית צום אָנדענק פון פּאָגראָם.

צוליב די פּסול־געוואָרענע ספרי־תורות איז ווידער באַנייט געוואָרן, לויט דער איניציאַטיוו פון רב ר׳ חיים אליעזר ז״ל, די חברה „תיקון סופרים״, וועלכע האָט זיך קודם כל גענומען פאררעכטן דעם ספר פון „בית יהודה״.

די אויבנדערמאָנטע געשעענישן זענען פארשריבן געוואָרן אין פּנקס פון אָט דער חברה „תיקון סופרים״ דורכן דעמאלטיקן היגן חזן ר׳ ישראל יפה.

דאָס קאלישער לעבן (41) 13
כ׳ סיון תרפ״ח, 8.6.1928

מ. בענסקי

בלוט־בלבול אין קאליש

די פינצטערע שווארצע כוחות פון דעם באַקאַנטן טרויעריקן ענדעקישן לאגער רוען נישט. בלוטדורשטיקע העצער, נישט האבנדיק מיט וואס צו באַשמוצן דאס יידנטום, וואס שטייט זיי שטענדיק ווי א בייך אין האלז, שלעפּן ארויס די שווארצע גיהנום־פּעקלעך פון מיטלאלטער און פּרווון זיי אויפצופרישן.

אין נומ. 3 פון דעם שווארצן שמאטקעלע "סאַמאָאָבראָנאַ" ווערט דערציילט און געשילדערט מיט שווארצע פארבן ווי אזוי יידן באַנוצן זיך צו ריטועלע צוועקן מיט קריסטלעך בלוט: 1) צוויי וואכן זענען פאראן אין יאר ווען דער רב נעמט בלוט פון א דערמאָרדעט קריסטלעך קינד און שמירט דערמיט איין טירן פון קריסטלעכע וווינונגען, בכדי די אייגנטימער פון די זעלבע איינגעשמירטע וווינונגען זאלן ווערן פריינדלעך צו יידן; 2) ביי א יידישער חתונה ווערט פייערלעך געפראוועט די צערעמאניע ווען דער רב גיט דעם יונגן פּאָר צו עסן אן

איי איינגעטונקט אין קריסטלעך בלוט; 3) יידישע מתים שמירט מען אין די אויגן מיט קריסטלעך בלוט; 4) פסח באנוצן זיך יידן מיט מצה, אין וועלכע ס'איז איינגעקנאטן קריסטלעך בלוט. אזא מצה הייסט "אפיקומן"; 5) כדי די געשעפטן ביי יידן זאלן זיך גוט אנטוויקלען, נעמט מען פון רב א בריוו, אין וועלכן ס'געפינט זיך בלוט פון א קריסט. דעם בריוו באגראבט מען פאר א קריסטלעך הויז. דאן איז מען שוין זיכער מיט פרנסה.

באצייכנט וויל דערמיט ווערן, אַז דער ייד ווערט געבוירן, האט חתונה, מאכט געשעפטן און שטארבט — אלץ אויפן חשבון פון קריסטלעכן בלוט.

מיר וואלטן געלאכט אויסהערנדיק אזא מין געפלאפלטן פורים־שפיל, וואס פאסט פאר א קלאָון אין צירק, ווען ער וויל מאכן לאכן דער עולם. איז אבער די מעשה, אז אַנשטאָט צו לאכן מוזן מיר זיך פארטראכטן.

דאס שמוציקע רינשטאק־בלעטל גייט אין די טויזנטער, ספּעציעל פארן המון. די דערפער זענען דערמיט פול, צעשיקט ווערט עס איבערן גאנצן לאנד, מיט דער כוונה אויפצורייצן דעם נידעריקן אינסטינקט פון פשוטן נאיוון המון, וואס נעמט יעדעס געדרוקטע ווארט אָן פאר הייליק און אמת. צו וואס דאס טויג זיי? דאס ווייסן שוין די דעמאגאגן פון יענער מחנה.

מיר פרעגן אונדזערע פארשטייער, אונדזערע יידישע ראטמענער, אלע די, וואס קלאמערן זיך צו דער גמינע, בפרט אונדזער פרעזעס: צי מיינט איר אויך דאס מאל צו פארשווייגן? צי ווילט איר ווארטן ביז די אייער פון אזעלכע גיפטיקע שלאנגען וועלן זיך אויסבריען? צי זעט איר נישט די זאָמען פון דער היטלערשער אגיטאציע? צי ווילט איר ווארטן ביז די פרוכט וועט רייף ווערן?

צו די פערזענלעכקייטן פון דעם היגן יידישן ציבור ווענדן מיר זיך מיטן אפעל: נעמט אָן די געהעריקע שריט קעגן דער טייוול־שפיל.

פויזן איז געווען דער צענטער פון אנטיסעמיטיזם, און א דאנק דער ענערגישער אקציע פון די דארטיקע יידן איז צוגעמאכט געוואָן די פאגראם־צייטונג "פאָז. פרעגנגיעזש" און דער רעדאקטאר איז איינגעזעצט געווארן. מיר דערווארטן אייער דערקלערונג: וועלכע קאנקרעטע מעשים נעמט איר אונטער אקעגנצווווירקן דעם כוליגאנישן גיפט?

"קאלישער לעבן" (331) 2

כ"ה טבת תרצ"ד, 12.1.1934

דאס קולטור־
געזעלשאפטלעכע
לעבן



שמואל צבי וועלטסמאן

"חיבת־ציון" אין קאליש מיט 50 יאר צוריק

יצט, ווען די וועלט פייערט דעם 50־יאריקן יובילײ פון "חיבת־ציון" און דעם 30־יאריקן יובילײ פון ק.ק.ל., וועט נישט זיין איבעריק צו באשרייבן אַט די באוועגונג אויך אין קאליש.

באלד נאך די פאגראמען אין רוסלאנד אין יאר תרמ"א האט זיך אנגעהויבן אן עמיגראציע קיין ארץ־ישראל, פיל האבן אויך עמיגרירט קיין אמעריקע.

אין יאר תרמ"ב, ווען אין ארץ־ישראל זענען געשאפן געווארן אייניקע קאלאניעס, האבן זיך אין דער גאנצער וועלט אנגעהויבן גרינדן חברות "חובבי־ציון" צו שטיצן די ערשטע קאלאניעס אין ארץ־ישראל.

דער שרייבער פון די דאזיקע שורות איז געווען דער ערשטער, וואס האט דעמאלט אנגעהויבן אין קאליש צו ארבעטן פאר דער דאזיקער באוועגונג. זייענדיק דעמאלט אלט 18 יאר האב איך שוין אגיטירט און געוועקט פארן ציון־געדאנק די יידישע הערצער.

איך וויל נישט באשרייבן, וואס איך האב זיך דעמאלט אנגעליטן צוליב דער דאזיקער ציון־באוועגונג, דאס וואלט פארנומען א גאנץ באזונדערן פרק, איצט איז נישט דאס ארט דערפון.

ווען איך האב אנגעהויבן מיין טעטיקייט פאר חיבת־ציון, האבן מיך פיל געהאלטן פאר א משוגענעם און אנדערע — פאר אן אפיקורוס.

די ערשטע וואס זענען צוגעשטאנען צו דער באוועגונג, זענען געווען ליטווישע יידן — די פוילישע יידן האבן לכתחילה נישט געהאט קיין פארשטענדעניש דערצו, אזוי איז עס געווען ביי אונדז אין קאליש, לאדזש, ווארשע און אומעטום. שפעטער ערשט זענען אויך די פוילישע יידן צוגעשטאנען.

האבנדיק אין קאליש שוין 20 חברים אין יאר תרמ"ד איז פארגעקומען די ערשטע אלגעמיינע פארזאמלונג ביי ר' ישראל געלערנטער און דעמאלט איז געגרינדעט געווארן די חברה "חובבי־ציון".

כמעט אלע חברים זענען געווען עלטערע בעלי־בתים, יונגווארג איז נאך דעמאלט אין דער באוועגונג נישט געווען. יעדער חבר האט געצאלט פון 2 ביז 3 קאפיקעס א וואך. די ראשי החברה זענען געווען: ר' ישראל געלערנטער, ר' אליעזר משה קאהן און דער שרייבער פון די שורות. סעקרעטאר איז געווען ר' שאול בערנשטאדט.

דאס געזאמלטע געלט איז געשיקט געווארן צו דער צענטראלע אין ווארשע, ווו ס'זענען געשטאנען אין דער שפיץ פון דער באוועגונג: שאול פנחס ראבינאוויטש, ישראל יאשינאוסקי, יעקב משה מאירזאהן, לייביש דאווידזאהן און יעקב ברוידע.

די ראשי־חובבים אין ווארשע האבן געדרוקט די פאטאגראפיעס פון השר ר' משה מאָנטעפיאָרע, וועלכער איז דעמאלט אלט געווארן 100 יאר. די פאטאגראפיעס זענען פארקויפט געווארן צו 1 רובל א שטיק. פיל האבן געגעבן גרעסערע סומען ביז 100 רובל, און דאס געלט איז געגאנגען אויף ישוב א"י.

דורכן פארקויפן די פאטאגראפיעס זענען אנטדעקט געווארן פיל חובבים. אין קאליש האב איך פארקויפט 30 שטיק.

געווען בי אונדז א פנקס החברה, אין וועלכן ס'זענען געווען פארשריבן די תקנות, די נעמען פון די חברים און די אלע פארגעקומענע פארזאמלונגען. צווישן די תקנות איז געווען איינע, אז דער וואס שאפט 25 חברים ווערט באצייכנט אין בוך מיט גאלדענע אותיות, אזעלכע זענען געווען דריי חברים.

אין דעם פנקס האט זיך אויך געפונען אריינגעשריבן א מליצה־בריוו פון הרב הגאון ר' שמשון ארנשטיין אב"ד דפה, וועלכער איז געווען א גוטער חובב ציון.

מיר האבן געהאט אן אייגענע בית התפלה, דאס איז געווען די "חברה קדישה" אויף דער יידישער גאס. עס זענען אהערגעקומען מגידים, דרשנים, וועלכע האבן גערעדט אין בית המדרש און אין אונדזער בית התפלה איבער ישוב א"י.

מיר האָבן אויך געהאַט אַן איינקונפט פאַרן ישוב א״י פון די קערות, וואָס מ׳האָט ערב יום כפור אויסגעשטעלט אין די בתי תפלות, און דאָס האָט אַריינגעבראַכט אַ שיינע סומע.

אין יאָר תרמ״ה, נאָך דעם צוזאַמענפאָר פון חובבי ציון אין קאַטאָוויץ, איז דער צענטער איבערגעטראָגן געוואָרן פון וואַרשע קיין אָדעס אונטער דער אָנפירונג פון ד״ר לעאָן פינסקער, און די געלטער זענען אויך דאָרט אַהין אָפּגעגאַנגען. עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז די חברות חובבי ציון אין פוילן און רוסלאַנד זענען נישט געווען לעגאַליזירט פון דער רעגירונג און די אַרבעט איז געגאַנגען אין געהיים, מערערע מאָל האָט מען איינגעזעצט אין תפיסות חברים, ביי וועלכע מ׳האָט געפונען פאַרשידענע מאַטעריאַלן פון דער חובבי־ציון־באַוועגונג.

אין יאָר תר״ן איז די באַוועגונג געוואָרן דערלויבט אונטערן נאָמען ״קאָמיטעט צו שטיצן די ערדאַרבעטער און בעלי־מלאכות אין ארץ־ישראל״. די רעגירונג האָט נאָר דערלויבט, אַז אין יעדע שטאָט זאָל זיין איינצלנע חברים, וועלכע זאָלן צאָלן יערלעך 3 רובל און מער, און איבער זיי זאָל זיין אַ מורשה. צירקולאַרן, ברִיוו אָדער פאַרשידענע אַגיטאַציע־אַרבעט, איז נישט געווען דערלויבט. ביי אַזאַ אַרבעט איז די באַוועגונג שוואַכער געוואָרן, מען האָט ווידער געמוזט אַרבעטן אין געהיים.

צוויי יאָר איידער דער פּאָליטישער ציוניזם פון ד״ר הערצל איז אַנטשטאַנען, איז די חברה חובבי ציון אין קאַליש, איבער פאַרשידענע סיבות, שוואַכער געוואָרן און לסוף אין גאַנצן בטל געוואָרן.

ערשט אין יאָר תרנ״ז, נאָכן אַנטשטיין פון פּאָליטישן ציוניזם, איז אין קאַליש געגרינדעט געוואָרן, דער פאַראיין אגודת הציונים. מיר זענען אַריין אין אַ נייער תקופה פון פּאָליטישן ציוניזם, וועלכע עקזיסטירט ביז היינט אין פאַרשידענע פאָרמען.

קאַלישער וואָך 6

קאַליש, פרייטיק, כ״ח בשבט תרצ״ב, 5.2.1932

אליעזר בירנבוים

צעירי ציון

אין יאָר 1917 האָט די אויפלעבונג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג דערגרייכט אויך אין קאַליש. די יוגנטלעכע, בעיקר יענע, וואָס האָבן שוין נישט געטראָגן אויף זיך דעם עול פון פרומקייט, האָבן אָנגעהויבן זוכן זיך אַן אָרט אין פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס אָדער צו שאַפן זיי.

אין יענע טעג איז צווישן די מיטגלידער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אַנטשטאַנען אַ גרופּע יוגנטלעכע, וואָס האָבן געזוכט אַ וועג צום יידישן סאָציאַליזם. זיי זענען נישט געווען קיין אַרבעטער אָדער קינדער פון אַרבעטער, נאָר זיי האָבן געשטאַמט פון מיטלשטאַנד, געווען קינדער פון סוחרים, פאַבריקאַנטן. זייער שטרעבונג צו סאָציאַליזם איז אייגנטלעך געווען די שטרעבונג צו געזעלשאַפטלעכן פאָרשריט, ווי זיי האָבן זיך דאָס פאָרגעשטעלט.

די גרינדערס פון דער גרופּע, ווי מען קאָן זיי אָנרופן לויטן זכרון, זענען געווען יששכר קאָט, יעקב דוד סיטנער, טוביה גרינשפּאַן, אַדלער, בלאָך, קני (זיין פאָטער איז געווען דער בעל־עגלה פון דער חברה קדישא), קאָן, שלום זיידאָרף (שבתיס זון), ליפּמאַן קאַלטאָן, אַש, שלמה סאַמסאַן ווינטער, נאָמבערג; די פרויען: לייפּציגער, מאַניא זאַלודקאָווסקי, קאַלטאָן־אַרקוש, גאַלא קאָט, לאה כענטשינסקי־בירנבוים.

ווען די צעירי ציון איז געשאַפן געוואָרן, האָט זי פאַרמאָגט בלויז אַרום 50 מיטגלידער. קיין לאָקאַל איז נישט געווען. נאָך גרויסע באַמיונגען האָט מען געדונגען אַ לאָקאַל אין קאָטס הויז — אויפן נייעם מאַרק, דאָס הויז אויפן ווינקל שאַפען־גאַס.

די ערשטע טעטיקייטן זענען געווען פאָלגנדיקע: לעקציעס פון עברית־בעברית. דאָס איז געווען אַ גרויסער חידוש. אויך די הילפסשפּראַך איז געווען עברית; זאַלודקאָווסקי, וואָס האָט שוין דיריגירט מיט זיין פאָטערס כאָר, האָט געשאַפן אַ כאָר.

מיר האָבן אקטיוו זיך באטייליקט אין אלע ציוניסטישע אקציעס אין שטאָט. אגב, איז אין יענע טעג אָנגעקומען צו אונדז דער חבר זשעפּקאָוויטש־בית־הלוי, דער מחבר פון דעם בוך „די געשיכטע פון קאליש". ער איז געווען פול מיט ענערגיע און איינער פון די חשובסטע און טעטיקסטע חברים אין דער אָרגאניזאציע.

אין יאָר 1918 איז די אָרגאניזאציע אריבער אין א נייעם לאָקאל, אויף דער ברעסלויער־גאַס. אין יענעם יאָר איז געקומען מערעמינסקי אַלס שליח פונעם צענטער און ער האָט אָרגאַניזירט די ארבעט אונדז אין סניף. ביי די וואַלן צום סיים איז צעירי ציון געווען אקטיוו לטובת דער פאראייניקטער ציוניסטישער ליסטע. די אָרגאניזאציע האָט דעמאלט געציילט 100 מיטגלידער.

די צווישנפארטייאישע באציונגען זענען געווען גוטע. עס זענען פאָרגעקומען דיסקוסיע־אָוונטן און יעדע ריכטונג האָט רעפּרעזירט איר מיינונג. פונעם צענטער זענען רעגולער געקומען שליחים, רעפערירט און אינסטרואירט. צווישן די שליחים זענען געווען: ד. ב. מאלקין, ברזילי־אייזענבערג, מערעמינסקי.

בעת דער שפּאלטונג אין פועלי־ציון האָט צעירי־ציון זיך פאראייניקט מיט הפועל הצעיר און געשאפן די „התאחדות".

די ערשטע עולים פון צעירי־ציון אין קאליש זענען געווען, אויף וויפיל עס איז מעגלעך צו געדענקען: ישראל דוד בית־הלוי (זשעפּקאָוויטש) מיט זיין משפחה, שלמה סאמסאָן, לאה און אליעזר בירנבוים, י. נאָמבערג ז"ל, שלום זיידאָרף, לייבקע ראָזענבערג, ליפמאן קאָלטאָן און זיין פרוי (זיי זענען צוריקגעפאָרן און אומגעקומען).

ל. ק.

פועלי־ציון לינקע

1919—1915

אין די יאָרן 1916—1915 איז געוואָרן באנייט דאָס פאָליטישע לעבן אויף דער יידישער גאַס. די ציוניסטישע יוגנט האָט געפונען איר פלאַץ אין דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע. אָבער מיט דער צייט זענען אנטפלעקט געוואָרן סתירות אין דער אויפפאסונג פון סאָציאלע ענינים צווישן יונגע ארבעטער און די אלגעמיינע ציוניסטן. א גרופּע יוגנטלעכע האָט געשאפן א קעמערל פון פועלי־ציון. מיר האָבן זיך געווענדט צום געגנטלעכן קאָמיטעט אין לאָדזש און געבעטן אָנווייזונגען. זיי האָבן געשיקט צו אונדז דעם ח' דוד קרול. מיר האָבן גערופן א זיצונג אין ציוניסטישן זאל אויף טאָוואראָווא־גאַס. עס האָבן זיך באטייליקט הירש ראָגאָזשינסקי, ישראל שורעק, שמואל לעשטשינסקי, חוה רובינשטיין־שורעק און מרדכי טאנדאָווסקי. עס איז געוואָרן באשלאָסן איינצואָרדענען א גרעסערע פארזאמלונג.

מיר האָבן נישט געהאט קיין זאל און קיין דערלויבעניש פון דער מאכט. מיר זענען זיך צונויפגעקומען אין „טורן־פאראיין". צו דער פארזאמלונג זענען געקומען נייע און אלטע חברים, צווישן זיי: בנימין זשיוואצקי, שמואל ארקוש, יחיאל פאקענטרעגער. מיר האָבן באשלאָסן צו מאכן פארזאמלונגען יעדע וואָך. די צאָל פון די חברים איז געוואקסן. געווען אויך חברים, וועלכע האָבן זיך צוריקגעצויגן, ווייל זיי האָבן געזען א סתירה צווישן ציוניזם און קלאסנקאמף. בראש פון דער ארבעט זענען געשטאנען יחיאל גרינשפאן, פרץ וואלטער א"א.

היות ווי מיר האָבן נישט געהאט קיין אייגענעם קלוב, זענען מיר אריינגעטראָטן אלס מיטגלידער אין דער טיי־האלע אויף ציאסנא־גאס נ. 8, וועלכע איז געוואָרן אָנגעפירט דורך נתן כהן (געלער). פאָרזיצער איז געווען א בונדיסט, עס זענען אָבער אויך געווען מיטגלידער ציוניסטן. אין א צייט ארום האָבן מיר געפאָדערט צו רופן אן אלגעמיינע פארזאמלונג און עס איז געוואָרן אויסגעוויילט א נייע פארוואלטונג, וועלכע איז געשטאנען נאָענט צו אונדז. אזוי ארום איז דער פלאַץ פארוואנדלט געוואָרן אין א קלוב פון פועלי־ציון. צו דער פארטיי זענען צוגעטראָטן אויך געוויסע מיטגלידער פון דער טיי־האלע, ווי ח. ל. בינשטאָק, לייב וואָל־

קאָוויטש, מאַנדזשע קלעטשעווסקי, נתן לייפּציקער. דער קלוב האָט זיך געגרונדעט „טיי־האַלע" ביז די דייטשן האָבן פאַרלאָזט די שטאָט אין יאָר 1918. אין דער נאַכט ווען זיי זענען אַוועק האָט דער קאָמיטעט באַשלאָסן אָנצורופן דעם קלוב מיטן נאָמען „אַרבעטער־היים", און תיכף האָט מען צוגעקלאַפּט א נייע שילד. אזוי איז געשאַפן געוואָרן די געזעלשאַפט „אַרבעטער־היים", וואָס האָט געאַרבעט אונטער דער השפעה פון פּועלי־ציון.

די פּאַרטיי האָט אָנגעהויבן פירן אַן ענערגישע טעטיקייט. מען האָט אַראָפּגעבראַכט רעפערענטן פון וואַרשע: זרובבל, זלמן רובאַשאָוו (שזר), וועלכער איז אויך געווילט געוואָרן אַלס דעלעגאַט צו דער פּועלי־ציון־קאָנפערענץ אין פּוילן. מיר האָבן צוגעצויגן נייע חברים, ווי מרדכי מאַקאַטאָוו און די סטודענטן הענריק סאַלניק, רפאל לובעלסקי א"א. די קולטור־טעטיקייט איז געוואָרן געפירט סיי מיט דרויסנדיקע כוחות, ווי אברהם כאַמעט, אַמסטערדאַם פון וואַרשע, און אָרטיקע, ווי: פאַקטערגער וועגן מאַרקס' „קאַפּיטאַל", ראַט וועגן אסטראָנאָמיע. עס זענען אויך פאָרגעקומען דיסקוסיעס וועגן פּאַרטייען און אידעען.

די טעטיקייט פון דער פּאַרטיי איז געוואָרן קענטיק ביים שאַפן דעם פאַראיין פון די נאָדל־אַרבעטער, וואָס איז געוואָרן געפירט געמיינזאַם פון פּועלי־ציון און פון „בונד". דער ערשטער קאַמף איז פאָרגעקומען וועגן לוין פאַר לערן־מיידלעך; עס האָט זיך געפירט, אַז צוויי יאָר האָבן זיי געאַרבעט אָן שום לוין. אין גרינשפּאַנס וואַרשטאַט (שפּעטער פלאַטע), ווו מ'האָט אָפּגעזאָגט צו צאָלן די לערן־מיידלעך, איז דערקלערט געוואָרן א שטרייק. טאָגטעגלעך זענען חברים פון דער אָנפירונג געשטאַנען אויף דער וואַך פאַר דער טיר פונעם וואַרשטאַט. דעם רעזולטאַט פונעם שטרייק געדענק איך נישט.

בראש פונעם טרעגער־פאַראיין איז געשטאַנען פּרץ וואַלטער. פון לאָדזש איז געקומען צו אונדז דוד סקראָבעק, כדי צו העלפן אונדז אין דער פּראָפעסיאָנעלער טעטיקייט. א ריי אונדזערע חברים האָבן שפּעטער זיך געפונען אויף אָנפירנדיקע אַרבעטן, ווי אברהם וואָלקאָוויטש, יחיאל טענצער, דוד שעראַדזקי, שורטשע אַרקוש און נחום עדעלשטיין.

אין די ערשטע וואַלן צום שטאָטראַט האָבן מיר באַקומען צוויי מאַנדאַטן: שמואל אַרקוש און יוחנן טאַנדאַוואַסקי — א סאָציאַליסט וואָס האָט אָנגענומען אונדזער פּראָגראַם.

ביים „אַרבעטער־היים" האָבן מיר אָרגאַניזירט א שפּייז־קאָאָפּעראַטיוו. די ערשטע אַקטיוויסטן זענען געווען: יחיאל גרינשפּאַן, ישראל שורעק, נתן לייפּציגער, שמואל אַרקוש — בוכהאַלטער. שפּעטער איז אונדזער קאָאָפּעראַטיוו קראָם איינגעשלאָסן געוואָרן אין קאָאָפּעראַטיוון־צענטער. עס זענען צוגעקומען מיטגלידער, דער סחורה־אומזאַץ איז פאַרגרעסערט געוואָרן און צו דער טעטיקייט זענען צוגעצויגן געוואָרן אברהם וואָלקאָוויטש, מאַנדזשע און נחום עדעלשטיין אַלס בוכהאַלטער.

אין „אַרבעטער־היים" האָבן אויך עקזיסטירט א דראַמקרייז, א כאָר אונטער דער אָנפירונג פון חיים אליעזר בינשטאָק. אין קאַסע־קאָמיטעט, געשאַפן אין יאָר 1919, האָבן זיך געפונען: מינטשע טשעקאַטשינסקי, לאַנדסבערג, חוה שורעק, קאַפּערמאַן.

ל. מאַקאָווסקי

יוגנט־אָרגאַניזאַציע „יוגנט" אין קאַליש

די יוגנט־אָרגאַניזאַציע פון לינקע פּועלי־ציון — „יוגנט" — האָט אין דער צייט פון צווישן דיביידע וועלט־מלחמות געשפּילט א גאָר באַדייטנדיקע ראָלע אין יידישן געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן לעבן פון קאַליש. זי איז געווען איינע פון די גרעסטע און אַקטיווסטע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס פון אונזער שטאָט און האָט אַנטייל גענומען אין כמעט אַלע אַרבעטן פון דער פּאַרטיי. ווי למשל, וואַלן צום שטאָטראַט און קהילה, פּראָפעסיאָנעלע אַרבעט, קולטור־טעטיקייט און ספּאָרט.

מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז אין יענע צייטן אין פּוילן איז דער גרעסטער טייל פון דער יידישער יוגנט געווען אַן אַרבעטער־יוגנט און די אַלע, וואָס האָבן געהערט צו אַן אָרגאַניזאַציע פון יוגנטלעכע אַרבעטער, זענען געווען אמתדיקע אַרבעטער.

איינע פון די גאָר וויכטיקע ארבעטן פון דער יוגנט־ארגאניזאציע "יוגנט" אין קאליש איז געווען די געזעלשאפט "אָוונט־קורסן". א גרויסער טייל פון דער יוגנט האט שוין אין די פריסטע יארן, נאך אלס קינדער, זיך גענומען צו א מלאכה און נישט געהאט די מעגלעכקייט צו לערנען, נישט אין א פאָלקס־שולע און אוודאי נישט אין א גימנאַזיע. האט מען טאקע אויסגענוצט די געז. "אוונט־קורסן", וועלכע האט געפירט איר טעטיקייט אין לאָקאל פון דער באָראָכאָוו־שולע, אויף נאָווע־גאס נומער 17, און פלייסיק געלערנט לייענען, שרייבן, חשבון, געשיכטע, געאָגראפיע א.א.וו. פאר געוויסע חברים פון דער "יוגנט" איז דאס געווען דער אָנהייב פון א סיסטעמאטישן לימוד און א דאנק די דאזיקע קורסן זענען זיי אויסגעוואקסן אלס באוווסטזיניקע ארבעטער, וועלכע האבן שפעטער פארנומען פאראנטווארטלעכע אמטן אין דער יוגנט־ארגאניזאציע און אין דער פארטיי פון לינקע פועלי־ציון.

די לערער זענען געווען די, וועלכע האבן בייטאג געלערנט אין דער באראכאוו־שולע און אויך חברים־סטודענטן פון דער פארטיי. לאָמיר דאָ דערמאָנען די סטודענטן און לערער, וואָס האָבן געלערנט אָן שום באלוינונג, כאָטש זיי האבן זיך אָפט געפונען אין א גאר שווערער מאטעריעלער לאגע: די סטודענטן אפט און פרידע, משה שלומפער, די לערער כמיעלעווסקא, שענער און אויך דער שרייבער פון די דאזיקע שורות.

זייער אקטיוו מיטגעארבעט האט די "יוגנט" אויך אין ספאָרט־קלוב "גוויאזדא־שטערן". דער ספאָרט־קלוב האט אויך פארמאָגט אן אייגענעם בלאָז־ארקעסטער, אין וועלכן עס האבן געשפילט פיל חברים פון אונזער יוגנט־אָרגאניזאציע. דעם 1־טן מאי זענען זיי געגאנגען מיטן אָרקעסטער אין שפיץ פון דער מאי־דעמאָנסטראציע פון לינקע פועלי־ציון. אָנגעפירט מיטן ספאָרט־קלוב "שטערן" האָבן די חברים: סאָלניק, ברוך פראשקער און משה בראקמאַן.

די פארטיי און די יוגנט־ארגאניזאציע זענען אין קאליש געווען האלב לעגאל. זייער לעגאליטעט איז געווען אָפהענגיק פון דעם חסד פון א סטאַראָסטע אדער א פאָר געהיים־אגענטן, וועלכע האבן זייער אָפט זיך באוויזן אין לאקאל פון דער פארטיי און ווען עמעצער איז זיי נישט געפעלן, האבן זיי אים איינפאך מיטגענומען מיט זיך, אים אפגעהאלטן א פאָר שעה, אדער א פאָר טעג, און דערנאך אים ארויסגעלאזט און אָפטמאָל אויך אים גוט אָנגעבויקערט די ביינער.

האבן מיר טאקע אונדזער גאנצע ארבעט געפירט האלב לעגאל. ווען עס איז פאָרגעקומען א יוגנט־פארזאמלונג, איז אויף דער גאס, פארן לאָקאל געשטאנען אן אייגענע וואך און די פארזאמלונג האבן מיר געפירט ארום... א פינג־פאָנג־טיש. אויפן טיש זענען געלעגן צוויי ראקעטעס מיט א פינג־פאָנג־באַלעמל. אזוי ווי מען האט אונז געגעבן א צייכן, אז עס דראָט א געפאר, האבן צוויי חברים אנגעהויבן צו שפילן. און מער ווי איינמאל האט אונדז אזא פינג־פאָנג־מאטש אָפגעראטעוועט פון די נעגל פון דער געהיים־פאליציי. ספאָרט האט מען יא געמעגט פראווען...

דער ציל פון יעדן יוגנטלעכן איז געווען צו דערלעבן דעם מאמענט, ווען ער וועט צוזאמען מיט זיין גאנצן יוגנט־קרייז איבערגעשיקט ווערן אין דער פארטיי. כמעט יעדעס יאר איז פאָרגעקומען אזא יום־טוב, בעת וועלכן א גרופע פון 10—15 יוגנט־חברים האבן באקומען זייער פאָליטישן רייפקייטס־אטעסטאט און זיי זענען געווארן פולבארעכטיקטע חברים פון דער פארטיי לינקע פועלי־ציון.

כ'דערמאן זיך, ווי אזוי איך האב אדורכגעלעבט דעם דאזיקן מאמענט. מיר זענען געווען א גרופע פון 16 יוגנטלעכע. אונדזער קרייז־פירער איז געווען קלמן אראָנאָוויטש. עס איז געווען פורים 1931 און די פארטיי האט געפייערט דעם 25־יאָריקן יובל פון איר עקזיסטענץ. צו דער גרויסער פייערונג, וואס מיר האבן איינגעארדנט אין קאליש, איז ספעציעל געקומען דער חבר זרובבל פון ווארשע. ווי שטאלץ איז דעמאלט געווען דער חבר קלמן, ווען ער האט איבערגעגעבן דעם חבר זרובבל, אלס מתנה צום יובל, א גרופע פון 16 יוגנטלעכע, וועלכע ער האט דערפירט צו פארטייאישער רייפקייט.

די "יוגנט" האט אין זומער איינגעאָרדנט זומער־קאלאניעס. מען האט געזאמלט גראָשן צו גראָשן, קלעצלעך צוקער, טיי, קאווע, מעל, קאשע. מען האט זיך אויך געוואנדן צו יידישע

פאַבריקאַנטן און מיל־אייגנטימער, וועלכע האָבן צושטייער געגעבן. און ווען עס איז געקומען דער חודש יולי, איז מען אַוועק אין א דאָרף, נישט ווייט פון דער שטאָט, און געפראַוועט דאַטשע. אָבער דער ציל פון אַזאַ זומער־קאָלאָניע איז נישט געווען בלויז געניסן פון זון, וואַסער און דער שיינער נאַטור. מען האָט אויסגענוצט די צייט אויף א זייער אינטענסיוון אופן צו לערנען. די 2—3 פרייע וואָכן זענען מיר דאָך געווען צוזאַמען, איז עס טאַקע געווען די בעסטע צייט אַריינצוכאַפּן וואָס מער וויסן, וואָס מער זיך בילדן.

אַזוי האָט זיך געפירט די יוגנט־אָרגאַניזאַציע "יוגנט" אין קאַליש. ביז עס איז געקומען דאָס יאָר 1939, ווען די דייטשע האָרדעס האָבן אָנגעהויבן אויסראָטן דאָס פוילישע יידנטום און צוזאַמען מיטן גאַנצן יידישן לעבן איז אויך אונטערגעגאַנגען די אַזוי פּרעכטיקע יידישע אַרבעטער־יוגנט־אָרגאַניזאַציע "יוגנט".

חיים בראַנד

מיין אַרבעט אין פועלי־ציון אין קאַליש

איך בין געקומען קיין קאַליש אין יאָר 1920 אַלס זעלנער פון דער פוילישער אַרמיי און אָנגעבונדן א קאָנטאַקט מיט דער פּאַרטיי פועלי־ציון. די ערשטע פאַרזאַמלונג, אין וועלכער איך האָב זיך באַטייליקט, האָט געמאַכט אויף מיר א גרויסן רושם מיט דער צאָל פון עלטערע אַרבעטער און מיטן ניוואָ פון דער דיסקוסיע. מיינע פאַרבינדונגען זענען געוואָרן אַלץ ענגערע און איך האָב אָנגעהויבן זיך באַטייליקן אין פּאַרטייאישער אַרבעט, ווי למשל אָרגאַניזירן פּאַרטיי־גרופּעס אין די פּראָפּפאַראיינען און שאַפן אַן איניציאַטיוו־קאָמיטעט פאַר א קינדער־גאָרטן. אין אָט דעם קאָמיטעט האָבן זיך באַטייליקט די חברים זשיוואַצקי, אַרקוש, ש. לעשטשינסקי, אליעזר חיים בינשטאָק, נחום עדעלשטיין, א. שוועד, העלען זאַקס (שוועדס פרוי). אַלס פּרעבליסטינס האָבן געאַרבעט מינאַ גיטלין (ישראל) און מלכה ענצעל. פון אָט דעם קינדער־גאָרטן איז שפּעטער אַנטשטאַנען די שול א. נ. פון באָראָכאָוו.

נאָך מיין באַפרייונג פון מיליטער האָט די קאַלישער אָפּטיילונג פאָרגעשלאָגן אין צענטער צו באַשטימען מיך אַלס געצאָלטן סעקרעטאַר. ביז מיין אַוועקגיין אין מיליטער בין איך געווען סעקרעטאַר אין וואַרשע־פּראַגע און אין פּראָפפאַראיין פון די כעמישע אויף דזשיקע 38. איך בין געוואָרן א קאַלישער תושב. צו יענער צייט איז צוריקגעקומען קיין קאַליש מאַנדזשע קלעטשעווסקי און פאַרנומען זיין פּלאַץ אין דער אָנפירונג פון דער פּאַרטיי. די באַנייטע טעטיקייט פון דער פּאַרטיי האָט זיך גוט אָנגעזען אין געזעלשאַפטלעכן לעבן.

ווי עס האָבן מיר דערציילט חברים פון די ראשונים — בנימין זשיוואַצקי, שמואל אַרקוש, יודל שעראַדזקי א"א — האָט א גרופּע פון פועלי־ציון עקזיסטירט שוין אין יאָר 1906. אין יאָר 1907 אָדער 1908 האָט אין קאַליש פאַרבראַכט א לענגערע צייט דער באַוווּסטער פועלי־ציוניסטישער טוער לעאָן כאַזאַנאָוויטש, און זיין פאַרדינסט איז געווען דער וווּקס פון דער פּאַרטיי־השפּעה אויף די יידישע אַרבעטער אין שטאָט. ווי איך האָב שוין געזאָגט, איז די פּאַרטיי־טעטיקייט געשטיגן בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה. וועגן דער קאָאָפּעראַטיווער קראָם האָב איך שוין דערציילט. בראש פון דער בעקעריי איז געשטאַנען אַברהם שוועד, וועלכער איז אויך געווען דער פאָרזיצער פונעם קאָאָפּעראַטיוו. די אַרבעטער האָבן זייער הויך אָפּגעשאַצט די דאָזיקע אַנשטאַלטן, וואָס האָבן זיי פאַרהיטן פון הויט־שינדעריי.

די „טיי־האַלע", וואָס איז בשעתו איבערגעפירט געוואָרן אויף שאַפען־גאַס, איז געוואָרן אָנגעפירט דורכן ח' זאַוואַדסקי. דאָרט פלעגן אַרבעטער זיך טרעפן אויף פרישטיק אָדער אויף א לייכטן איבערבייס פאַר א נישט טייערן פּרייז. דאָרט האָט זיך אויך געפונען דער טרעגער־פאַראיין. אין דער קיך אויף לאָזשענע־גאַס האָבן די אַרבעטער באַקומען גוטע מיטאָגן צו

ביליקע־פרייזן. די קיך האָט אויך געדינט ווי א קולטור־צענטער פאַר ארבעטער און אינטעלי־
גענץ. אָט די אינסטיטוציע איז געוואָרן אָנגעפירט דורך נחום עדעלשטיין.

די „ארבעטער־היים" אויף ציאַסנאַ־גאַס איז געווען באַקאַנט אויך אויסער קאליש. עס איז
דאָרט געווען א זאַל פאַר 400 פּערזאָן, א בינע, צוויי ביוראָ־צימערן און א ביבליאָטעק־צימער.
די אָנפירונג פון דער אינסטיטוציע איז באַשטאַנען פון ש. לעשטשינסקי, דאַנציגער, פלאַקאָוויטש,
אברהם דזשאַלאָשינסקי, פישל שעראַדזקי א״א. די באָראָכאָוו־יוגנט האָט געפירט איר ארבעט סיי
אין „ארבעטער־היים", סיי אין דער „טיי־האַלע".

אין דער פאַרטיי־טעטיקייט האָבן א סך געהאָלפן די ארבעטער פונעם צענטער. צווישן די
פאַרבעטענע רעפערענטן זענען געווען ד״ר י. שיפּער, זלמן רובאַשאָוו, ש. יוריס, דניאל לייבל,
י. לעוו, נ. בוקסבוים, ש. זאַגאַן, ד״ר ג. גרשוני, יוסף ראָזען, י. פּעטערזייל, זרובבל. עס איז
טעטיק געווען א פאָלקס־אוניווערסיטעט — 2 רעפעראַטן וועכנטלעך. איין גרופּע האָט געלערנט
פּאָליטישע עקאָנאָמיע ביי יחיאל פאַקענטרעגער יעדן שבת פאַר מיטאָג.

אין די פרייטיקצונאַכטסן פלעגן פאָרקומען דיסקוסיעס איבער אַקטועלע ענינים. דער זאַל
האָט נישט געקאָנט אַריינעמען אַלע, וואָס האָבן געוואָלט זיך באַטייליקן. עס זענען ארויס־
געטראָטן ד״ר י. שיפּער און זיין פרוי ד״ר זשופּניק,ביידע לערערס אין דער אָרטיקער
גימנאַזיע, ד״ר סאָלניק, אדוו. פּערקאַל, י. פאַקענטרעגער, מאַנדזשע קלעטשעווסקי און איך.
יעדע צוויי וואָכן זענען פאָרגעקומען פאַרזאַמלונגען אין די פּראָפעסיאָנעלע פון די פאַך־
סעקציעס: לעדער, נאָדעל, שפּייז. דער פאַראיין פון די טעקסטיל־ארבעטער האָט יעדעס מאָל
געמוזט אָפּהאַלטן צוויי פאַרזאַמלונגען צוליב דער גרעסערער צאָל פאַכן, וואָס זענען אין אים
געווען אָנגעשלאָסן. איבער 300 ארויסענדיקערינס פלעגן קומען צו א פאַרזאַמלונג, און דאָס איז
געווען בלויז איין פאַך.

פון יעדער וואַל־קאַמפּאַניע איז פּועלי־ציון ארויס א געשטאַרקטע. אין נאָמען פון דער
פראַקציע זענען אויף דער שטאָטראַט־טריבונע ארויסגעטראָטן ד״ר סאָלניק, יחיאל טענצער,
נחום עדעלשטיין, אברהם וואַלקאָוויטש, און זיי האָבן פאַרטיידיקט די אינטערעסן פון די יידישע
ארבעטער און פאָלקסמאַסן. אין דער קהילה זענען געווען טעטיק יחיאל טענצער, ש. לעשט־
שינסקי, דוד שעראַדזקי — קעגן דער תקיפות פון די גבאים, קעגן דער גבירישער פאַרריסנקייט,
פאַר א וועלטלעך יידיש לעבן, רעכט אויף א וועלטלעכער שול, פאַרגרעסערן די שטייערן פון
די פאַרמעגלעכע און באַפרייען פון שטייערן די אָרעמע, און אויך פאַרן קאַמף קעגן דער
פּוילישער רעאַקציע און איר אַנטיסעמיטישער פּאָליטיק.

ביי די וואַלן צום ראַט פון דער קראַנקנקאַסע האָט די פאַרטיי אָפּגעהאַלטן א גרויסן נצחון.
דער הויפּט־קאַמף איז געווען מיטן „בונד". עס זענען געוויילט געוואָרן 5 פאַרטיי־מיטגלידער:
ד״ר סאָלניק (שפּעטער איז ער אויך אויסגעקליבן געוואָרן אין דער פאַרוואַלטונג), שעראַדזקי,
יחיאל טענצער, נחום עדעלשטיין, הענעך ראָזענבלאַט. דער „בונד" האָט באַקומען 2 מאַנדאַטן,
דוכט זיך — איזענבערג און גאַלאַנטערניק. די פּועלי־ציון־פראַקציע איז געווען די צווייט־
גרעסטע נאָך פּ.פּ.ס.

ווען איך האָב פאַרלאָזט קאליש און אוועק קיין לאָדזש אויף פאַרטיי־ארבעט, איז סעקרעטאַר
געוואָרן יהודה טיבער (וואָלאַדעק) איצטיקער רעדאַקטאָר פון „אונדזער וועג", פאַרטיי־אָרגאַן
אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט אים פאַרטראָטן דוד שעראַדזקי
און ש. וואָלקאָוויטש, וועלכער האָט פריער אָנגעפירט מיטן אינטערנאַציאָנאַלן פאַראיין פון די
טעקסטיל־ארבעטער.

די פאַרטיי האָט זיך באַטייליקט אין מאַסן־פאַרזאַמלונגען און אויך זיי אָרגאַניזירט. די טעמעס
פונעם עפנטלעכן קאַמף זענען געווען: שטאָט־ענינים, ארבעט פאַר ארבעטסלאָזע, רדיפות,
געטאָ־בענק פאַר יידישע סטודענטן, דאָס ווייסבוך אדג״ל. אין די דעמאָנסטראַציעס זענען געווען
אַקטיוו בעיקר די באָראָכאָוו־יוגנט. אין די יאָרן 22־1918 זענען נישט פאָרגעקומען קיין
אינטערנאַציאָנאַלע ערשטער מאַי־דעמאָנסטראַציעס. נאָכן אָנפאַל אויף דער ארבעטסלאָזע־
דעמאָנסטראַציע האָט פּ.פּ.ס. זיך אָפּגעזאָגט איינצואָרדענען געמיינזאַמע דעמאָנסטראַציעס. אין
יאָר 1922 האָט מען פאַרגעלייגט א דעמאָנסטראַציע פון אַלע ריכטונגען. פון אָנהייב האָט דער
„בונד" געפּרוווט פּסלען די ארץ־ישראלדיקע לאָזונגען, אָבער זיי זענען געווען געצוווּנגען

נאָכצוגעבן, ווייל אפילו די פוילישע קאָמוניסטן האָבן געשטיצט די פאָדערונגען פון פועלי־ציון. אויף דער דעמאָנסטראַציע איז געקומען א גרויסע צאָל מענטשן. בראש פון אונדזער דעמאָנסטראַציע איז געגאַנגען אברהם שוועד. עס איז געווען גרייט א שוץ־גרופּע. א פערטל שעה נאָך דעם ווי עס האָבן זיך פאַראייניקט די יידישע און פוילישע דעמאָנסטראַציעס, זענען סטודענטן־כוליגאַנעס באַפאַלן מיט שטעקנס די יוגנט. די שוץ־גרופּעס האָבן ארויסגעוויזן א מעכטיקן ווידערשטאַנד און געענטפערט די כוליגאַנעס ווי ס׳באַדאַרף צו זיין. צו הילף זענען געקומען די פוילישע מעטאַל־אַרבעטער מיט גורסקין אין דער שפּיץ און א ריי חברים פון פּ.פּ.ס. די כוליגאַנעס האָבן באַקומען א געהעריקע לעקציע. עטלעכע פון זיי האָט מען אָפּגעפירט אין שפּיטאָל. פון די פועלי־ציון־חברים זענען פאַרווונדעט געוואָרן חיים אליעזר בינשטאָק (איצט אין ישראל) און לייב יאַקובאָוויטש (דערמאָרדעט געוואָרן). דער צוזאַמענשטויס האָט געדויערט בערך א פערטל שעה און די פּאָליציי איז נעלם געוואָרן. זי האָט זיך באַוויזן ערשט דעמאָלט ווען די כוליגאַנעס זענען צעשלאָגן געוואָרן.

די חברים, אַלט און יונג, האָבן ארויסגעוויזן מוט: קיין איינער האָט נישט פאַרלאָזט די ריי. די דעמאָנסטראַציע איז דערגאַנגען ביז טעאַטער און נאָכן מיטינג האָט זי צוריקמאַרשירט אונטער דער שוץ אויך פון פוילישע חברים בראש מיט גורסקין, צו דער „אַרבעטער־היים" אויף ציאַסנע־גאַס. די יידישע מאַסן האָבן אויפגענומען די דעמאָנסטראַנטן מיט אַפּלאָדיסמענטן.

די פּאַרטיי האָט אָנגעפירט מיט עטלעכע פּראָפפאַראיינען. אין טרעגער־פאַראיין איז פאָרזיצער געווען יהודה שנאַפּער. דער שפּייז־אַרבעטער־פאַראיין איז געשאַפן געוואָרן דורך פרץ וואַלטער, אַן אַרבעטער אין א וואָרשטן־פאַבריק. אין באַאַמטן־פאַראיין איז סעקרעטאַר געווען נחום עדעלשטיין און הענעך ראָזענבלאַט איז געווען א מיטגליד אין דער אָנפירונג. עטלעכע אַנדערע נעמען האָב איך פאַרגעסן. אין לעדער־פאַראיין זענען געווען אָרגאַניזירט קאַמאַשנמאַכערס, שוסטערס, שטעקשיך־אַרבעטער, רימערס. הגם דער „בונד" האָט געהאַט א השפעה ביי די שוסטערס, פון דעסטוועגן האָט די פּאַרטיי געהאַט א מערהייט אין דער אָנפירונג. דוכט זיך, אַז פאָרזיצער איז געווען ח׳ ווייץ, פייוול קאַפּלאַן — סעקרעטאַר. אין נאָדל־פאַראיין האָט געהערשט דער „בונד". פועלי־ציון האָט דאָרט געהאַט א גוט אָרגאַניזירטע פראַקציע. דער טעקסטיל־פאַראיין איז געווען אַן אינטערנאַציאָנאַלער און אַרומגענומען טויזנטער אַרבעטער. די פּאַרטיי האָט דאָרט געהאַט א דעצידירנדיקן איינפלוס. אין דער אָנפירונג האָבן זיך באַטייליקט: שעראַדזקי, וואָלקאָוויטש, טענצער, און א ביסל שפּעטער — ש. וואָלקאָוויטש אַלס געצאָלטער סעקרעטאַר. ער איז אויך געווען א דעלעגאַט אויף די צוזאַמענפאָרן פאַר די טעקסטיל־אַרבעטער אין פוילן.

אָט די אַלע פאַראיינען זענען, טראָץ דער קעגנשאַפט פונעם „בונד", אָנגענומען געוואָרן אַלס מיטגלידער אין שטאָטישן ראַט פון די פּראָפפאַראיינען.

דער לעבעדיקער נערוו אין דער פּאַרטיי איז געווען די באָראָכאָוו־יוגנט. יעדע גרופּע האָט געהאַט אַן אינסטרוקטאָר. אין דער אָנפירונג האָבן זיך באַטייליקט לערערס און דערציערס. דער ערשטער פאָרזיצער איז געווען מענדל זאַקס (די גאַנצע משפחה זענען געווען פועלי־ציוניסטן). נאָך אים — מאיר פאַקענטרעגער. דער קאָמיטעט איז באַשטאַנען פון די חברים יוסף וואָלקאָוויטש, פּראַשקער, יוסף קאָט, חוה וואָלקאָוויטש (איצט אין פראַנקרייך). שפּעטער א ביסל איז בראש פון דער טעטיקייט געשטאַנען שמולעק זאַלצמאַן, איצט — איינער פון די פּאַרטיי־פירער אין פראַנקרייך, קלמן אַראָנאָוויטש, איצט — מיטגליד פונעם מרכז אחדות העבודה־פועלי ציון אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אליעזר מאַקאָווסקי און מענדל בוזשין — פון די אָנגעזעענסטע פּאַרטיי־טוערס אין פראַנקרייך, משה שלומפּער (געפאַלן).

די באָראָכאָוו־יוגנט האָט אויך געהאַט א ספּאָרט־קלוב א. נ. שטערן.

דאָס איז געווען אַן אַרבעטנדיקע און לערנענדיקע יוגנט. פון אירע רייען איז געקומען אברהם דיאַמאַנט, וועלכער האָט געקעמפט אין הערש בערלינסקיס גרופּע בעתן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ.

עס איז אויך געווען א קינדער־אָרגאַניזאַציע א. נ. „יונגבאָר", וועלכע האָט געפירט איר טעטיקייט אין די שולן. אָט די יוגנט האָט ארויסגעגעבן פון זיך א גרויסע צאָל קעמפער, פּאַרטיזאַנער, **חלוצים.**

ש. ביעזווינסקי

די פארטיי "התאחדות"

די פארטיי איז געווען פּאָפּולער צווישן דער יידישער באפעלקערונג אין קאליש. אין איר זענען געווען אקטיוו א גרויסער טייל פון דער יידישער אינטעליגענץ און פון די בעל־מלאכהס.

אין פארטיי־קלוב איז געפירט געוואָרן א פארצווייגטע טעטיקייט. דאָרט זענען געווען א לייען־זאל און א ביבליאָטעק. עס פלעגן פאָרקומען פארזאמלונגען און רעפעראטן פון אָרטיקע פארטיי־חברים און פון צענטראלע רעפערענטן אויף טעמעס פון ציוניזם און פון דער לאגע אין ארץ־ישראל.

די פארטיי האָט זיך אקטיוו באטייליקט אין דער ארבעט פון דער קאָאָפּעראטיווער באנק און געווירקט לטובת די אינטערעסן פון די בעלי־מלאכהס און קליינהענדלער. איר פאָרשטייער אין באנק איז געווען אליעזר שובין.

אין קאלישער שטאָטראט איז געווען טעטיק שלמה ביעזווינסקי, וועלכער איז אויסגעוויילט געוואָרן דורך דער ליגע פארן ארבעטנדן ארץ־ישראל און דעם האנטווערקער־פארבאנד. ער האָט ענערגיש פארטיידיקט די אינטערעסן פון די יידן און באזונדערס די ענינים פון די בעל־מלאכהס.

אין די יאָרן 1933—1939 האָבן א סך מיטגלידער עולה געווען קיין ארץ־ישראל. א טייל האָט זיך באזעצט אין די קיבוצים און א טייל אין די שטעט און מושבות.

יוגנטלעכע פון צווישן דער בעסטער ציוניסטישער יוגנט זענען געווען אָרגאניזירט אין פארבאנד „גורדוניה", וואָס האָט געפירט א שיינע טעטיקייט. פיל פון די חברים זענען אוועק אויף הכשרה און שפּעטער עולה געווען.

צווישן די אקטיווע חברים האָבן זיך געפונען אליעזר שובין, לעאָן שטשעטשינסקי, שלמה ביעזווינסקי און עפּשטיין.

שאול זאלוד

השומר הצעיר

א

די ערשטע וועלט־מלחמה דערנענטערט זיך צום סוף — ארטור באלפור פארעפנט־לעכט די בארימטע דעקלאראציע — די דייטשן ציען זיך צוריק פון אלע פראָנטן — פעלקער באפרייען זיך פונעם פרעמדן יאָך און ווערן זעלבשטענ־דיק — נייע ווינטן בלאָזן אין דער גאנצער וועלט און אין דער יידישער וועלט בפרט.

אין פרייען פוילן אנטוויקלט זיך ביסלעכווייז די ציוניסטישע יוגנט־באוועגונג. די דער־ציערישע יוגנט־באוועגונג האָט זיך באזירט אויף דער סקויטן־באוועגונג, וואָס איז געשאפן געוואָרן דורכן ענגלישן הויפּטקאָמאנדיר באדען־פּאול.

אנטשטאנען איז די באוועגונג אין גאליציע. מיט דער באפרייונג פון פוילן דרינגען די אידעען אריין אין דער הויפּטשטאָט ווארשע, און פון דאנען — אין אנדערע פוילישע שטעט און שטעטלעך.

ווער זענען זיי? די שטודירנדיקע יידישע יוגנט, גימנאזיסטן און סטודענטן.

אין ריזיקן רוסלאנד, אין רעזולטאט פון מלחמה און רעוואָלוציע, הערשט אָרעמקייט און פאריתומטקייט, און צוליב דעם אנטוויקלט זיך די הפקרות ביי דער יוגנט. גרופּנווייז וואנדערן זיי פון אָרט צו אָרט — יינגלעך און מיידלעך, האלב נאקעטע אָדער אָנגעטוענע אין צעפוילטע שמאטעס. זיי הויבן אָן זיך צו פארנעמען מיט גניבה, רויב און מאָרד.

אויך אינעם וויניקער צעשטערטן פוילן האָבן זיך געשאפן אזעלכע גרופּעס, באזונדערס אין די שטעט, וואָס האָבן געליטן בעת דער מלחמה. די חורבות זענען געווען דאָס ווינאָרט פאר די באנדעס. אויך אין קאליש זענען געווען אזעלכע גרופּעס.

אין א געוויסן טאָג איז געקומען קיין קאַליש א בחור מיטן נאָמען יארעצקי, זיך פארבונדן מיט עטלעכע גימנאזיסטן פון די העכערע קלאסן, זיי צונויפגעזאמלט, אויפגעקלערט, איבער־צייגט — און געשאפן מיט א טייל פון זיי די ערשטע גרופע — די צוגרייטונג־גרופע.

און דאן האָט זיך אָנגעהויבן די "מאָביליזאציע", אין אָנהויב אין די אכטע קלאסן. די "מאָביליזאציע" האָט זיך אָנגעהויבן פון "הויכן" עלטער. די מלחמה איז טאקע געווען געענדיקט, אָבער אירע גרוילן האָבן זיך נאָך געלאָזט פילן אויף שריט און טריט. די יוגנט האָט ווייטער געטרוימט וועגן צערעמאָניעס און מארשן — וועגן נאָכאמען די מיליטערלייט, וועגן מונדירן. די מונדירן האָבן געהאט די שטארקסטע איבערצייגונגס־קראפט. יעדער נייער חבר דארף זיך באזאָרגן מיט כאקי־קליידונג, א פאסעק אאז"וו.

ביסלעכוויז האָבן אָנגעהויבן שטראָמען אין די רייען יינגלעך און מיידלעך. אין אָנהויב איז קיין לאָקאל נישט געווען, אָבער זומערצייט האָט דער פארק געדינט פאר א טרעפפונקט. די "אָנפירער" האָט אויך באקומען א דערלויבעניש צו באנוצן זיך אין דער פרייער צייט מיט די באשיידענע ביורא־צימערן פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע אין שמערקאָוויטשס הויז אויפן עק פונעם "נייעם מארק".

דער דאָזיקער פלאָץ איז געוואָרן אויסגענוצט פאר שטודיר־טעטיקייטן — דהיינו למודים פאר דרגה ג', די געבאָטן פון השומר הצעיר, געאָגראפיע פון א"י, היסטאָריע, פראקטישע סקויטן־טעטיקייט, פארבינדונגס־כללים אדג"ל. אָרדענונג־איבונגען און ענלעכע זענען געמאכט געוואָרן אין די הייף פון די הייזער, אין פארק און אנדערע פלעצער. די רייד־און לערן־שפראך איז, פארשטייט זיך, געווען פויליש, אָבער די באפעלן צו די איבונגען — עברית. די לידער זענען לכתחילה געווען אויסגעבאָרגטע פון דער פוילישער סקויטן־באוועגונג "הארצעזש", דערנאָך זענען זיי געוואָרן דורכגעמישט אויך מיט העברעישע לידער. פון אָנהייב איז אַלץ געווען ענלעך צו דער פוילישער סקויטן־באוועגונג, בעיקר די מונדירן.

איינע פון די ערשטע ציוניסטישע אקציעס איז געווען די "בלאָע פושקע" — זאמלען באשטייערונגען פארן "קרן־קימת". פאַרלעכוויז זענען מיר ארויס אויף דער יידישער גאס, מיר זענען אריינגעגאנגען אין די הייזער און געבראכט אהין דעם "ציוניזם".

אין גיכן איז די "באנדעס" צוגעגעסן געוואָרן זייער פירונג און אויך זיי האָבן זיך פאראייניקט צו אונדז — פון יחידים זענען מיר געוואָרן צענדליקער, און פון צענדליקער — הונדערטער.

מיר האָבן אויך געדונגען א לאָקאל — "איזבא" אויף פויליש — פריער איז דאָרט געווען א קליין פאבריקל — אין ביעזשוינסקיס הויז אויף ציאסנא 19. מיט דער צייט איז דער אדרעס געוואָרן א שם־דבר.

ב

מיר וועלן ארויס מיט געזאנגען,
די שטאָטישע גאסן פארלאָזן;
מיר וועלן צו ווייטן דעו לאנגען —
צו ערטער פון וועלדער און גראָזן.

דער לאָזונג איז געווען: צוריק צו דער נאטור.

די ערשטע פאלן פון פארלאָזן די שטאָטישע מויערן זענען פאָרגעקומען מיט דער הילף פון גבירים... די יידישע גוטבאזיצער פון דער קאלישער געגנט — יארעצקי און די פאמיליע בוראקס — האָבן געגעבן צו אונדזער דיספאָזיציע פלעצער אין זייערע גיטער לאשקאָוו, געטשע, קארבאָני. שפעטער זענען געוואָרן איינגעאָרדנט זעלבשטענדיקע עקסקורסיעס אין

די וועלדער פון דער געגנט — פריער אויף א טאָג, שפּעטער — אויף א נאַכט מיט א טאָג, און נאָך שפּעטער — אויף עטלעכע טעג.

מיר זענען געוואַקסן אין דער צאָל און געשאַפן א פאַרבאַנד. די יידישע גאַס האָט געשאַלט פון פרייד. יעדער אויספלוג, א גרויסער ווי א קליינער, האָט זיך אָנגעהויבן אָדער געענדיקט מיט א מאַרש איבער די גאַסן און מיט העברעישע לידער. די יידן האָבן זיך געפרייט, אָבער אויך זיך געזאָרגט פאַר אונדז, פאַר דער זיכערקייט פון די קינדער, וואָרעם עס איז געווען א העזה אזוי זיך צו פירן אין יענער צייט, אין אַן אומפריינדלעכער סביבה...

בעת די ל״ג־בעומר־אויספלוגן זענען די מאַרשן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א גרויסער יום־טובדיקער דעמאָנסטראַציע. דער גאַנצער ״קן״ מיט אַלע גרופּן, קאָמפּאַניעס און באַטאַליאָנען און זייערע עלטסטע, מיט די פענער און פענדלעך, ביי דער באַגלייטונג פון אַן אָרקעסטער (פון אָנהויב פון ״יידישן ספּאָרט־פאַרבאַנד״) האָט מאַרשירט איבער די גאַסן מיט שטאָלץ און מיט א געהויבענעם קאָפּ. פון ביידע זייטן גאַס זענען געשטאַנען מאַסן מענטשן און האָבן געמאַכט אויסרופן לכבוד דעם ״יידישן מיליטער״. נישט איין מאָל האָט געטראָפן, אַז ביים אָנהויב פונעם מאַרש, אין די פאַרשטעט, האָט געוואַרט אַן אַנדער פּובליקום, וואָס האָט מקבל פנים געווען די מאַרשירער מיט א רעגן פון שטיינער. אָבער געווען צווישן אונדז אַזעלכע, וואָס האָבן דאָס פאַראויסגעזען און נישט באַהאַלטן די הענט אין די קעשענעס. מיר האָבן זיי געגעבן א לעקציע און אַפילו די קריסטן האָבן אָנגעהויבן זיך באַציען צו אונדז מיט אַכטונג.

ג

די מונדירן, די פייפלעך, די פויק־אָרקעסטערס, די ״בלאָע פּושקע״, די העברעישע ״קאָמאַנדע״ אאז״וו — איז געווען דער סקעלעט, וואָס האָט מיט דער צייט זיך אָנגעטאָן אין הויט און פלייש. דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז אין ״השומר הצעיר״ אין קאַליש זאָל זיך געפינען א גרופּע טיכטיקע מענטשן מיט איניציאַטיוו, וואָס האָבן צום אידעאָלאָגישן הינטערגרונט פון דער באַוועגונג נאָך צוגעגעבן די זאָרג פאַר דער אַלגעמיינער אַנטוויקלונג פונעם מענטש אַלס מענטש. אחוץ דער טעטיקייט אין די גרופּן, וואָס האָבן, אין איינקלאַנג מיטן עלטער, זיך פאַרנומען מיט אַלע ענינים, פאַרבונדענע מיט סקויטנשאַפט: צוגרייטונג צו דער דרגה ג׳, ליטעראַטור, האַנטאַרבעט אאז״וו, זענען געשאַפן געוואָרן לערן־קרייזן — א קרייז פאַר פילאָזאָפיע, א קרייז אויף דערלערנען איינשטיינס טעאָריע (דאַן איז דאָס געווען זייער אַקטועל), און לסוף א קרייז אויף דערלערנען די ראַדיאָטעכניק — דער ראַדיאָ האָט דעמאָלט זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען. איך געדענק ווי מיר האָבן פון באַקומענע רוישטאָפּן אויסגעבויט דעם ערשטן ראַדיאָ־אַפּאַראַט, וואָס האָט באַקומען עלעקטרי פון אַן אַקומולאַטאָר, און מיט דער הילף פון פּרימיטיווע הער־טרייבלעך, וואָס זענען געגאַנגען פון האַנט צו האַנט, האָט זיך אונדז איינגעגעבן צו הערן אויסלענדישע סטאַציעס (אין פּוילן איז נאָך דאַן נישט געווען קיין ראַדיאָ־זענדונג). פייפערייען, קולות — אָבער ראַדיאָ האָבן מיר געהערט!

די דערציונגס־אַרבעט איז געגאַנגען מיט דער גאַנצער קראַפט. מיר האָבן קלאָר געזען, אַז די גאַס איז צו אונדז פרעמד — און אויך מיר האָבן נישט געהאַט קיין אינטערעס צו איר. די פרעמדע שול האָט אונדז געגעבן די טרוקענע יסודות פון די פאַרשידענע לימודים. די שטוב איז אין רוב פאַלן געווען פאַרעקשנט אין אירע פּאַטריאַרכאַלע פּרינציפּן, און ווי תמיד, מורא געהאַט פאַרן מאָרגן. די באַוועגונג האָט אויסגעפילט אָט דעם גרויסן בלויז מיט דער פולער מאָס.

ד

מתחילת די צוואַנציקער יאָרן, נאָך דער פּויליש־רוסישער מלחמה, האָט זיך אָנגעהויבן די רעאַליזירונג, ד. ה. די אידעאַליסטישע עליה אויף וועגן־אומוועגן, דאָס וואַרטן אויף די גרענעצן, דאָס אויסקוקן די סערטיפיקאַטן אין ווע... די ערשטע בריוו פון די עולים האָט מען געלייענט אויף אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען. פון אָנהייב זענען די בריוו געווען געשריבן אין פּויליש, שפּעטער אין עברית מיט לאַטייניש אותיות, און צום סוף — אין עברית, מיט העברעישע

אותיות. עס איז נישט געוואָרן איבערגעריסן די פאַרבינדונג מיטן „קן". מען האָט אָנגעהויבן א גרויסע אקציע צו זאמלען ביכער, כדי זיי צו שיקן קיין ארץ־ישראל. הונדערטער ביכער זענען געוואָרן געזאמלט, קאטאלאָגירט און אָפּגעשיקט. דאָס אלץ איז געמאכט געוואָרן אין דער „איזבא" מיט איבערגעגעבנקייט און באגייסטערונג, וואָרעם יעדער איינער האָט דאָך מיט אומגעדולד געוואַרט אויף זיין אייגענער עליה.

פאראלעל דערמיט האָבן זיך אָנגעהויבן אנדערע טעטיקייטן — דאָס שאפן קליינע ווארשטאטן אויף הכשרה: מעכאניק, שלאָסעריי, איינבינדעריי; נאָכן אנטשטיין פון די אלגעמיינע הכשרה־קיבוצים אין פוילן, האָבן א סך חברים פונעם „קן" זיך באטייליקט אין זייער הכשרה צו א קאָלעקטיוו לעבן אין ארץ־ישראל.

א וויכטיקע ראָל אין דער דערציונג פון דער יוגנט האָט געשפילט דאָס אָרגאניזירן זומער־קאָלאָניעס. א חודש פאר די גרויסע וואקאציעס האָט מען א סך חברים איינגעשפּאנט אין די צוגרייטונגס־ארבעטן. דער אָפּצאָל איז געווען א מינימאלער און צוליב דעם איז נויטיק געווען צו שאפן געלט און מתנות. אלע מיל־אייגנטימער אין שטאָט האָבן געשענקט זייערע פּראָדוקטן, די גוטבאזיצער — קארטאָפל, און אזוי ארום זענען זיי ארויס אויפן דאָרף. די ארבעט דאָרט איז געווען א צווייפאכיקע: סקויטן־טעטיקייט צוזאמען מיט פעדאגאָגישער ארבעט אין גרויסן פארנעם; די אויסגעצערטלטע קינדער פון רייכע שטובן האָט מען געלערנט קאָכן, גרייטן צום טיש און אלע ארבעטן, פארבונדענע מיט א זומער־קאָלאָניע און מיט דער ווירטשאפט.

אין ארץ־ישראל איז דער מצב געוואָרן אלץ ערגער, סיי צוליב די שוועריקייטן מצד דער מאנדאט־מאכט, סיי צוליב אינערלעכע טעמים. די באוועגונג איז דורכגעגאנגען דיפערענציאציע־פּאַזעס און אן אויסגעשפּראָכענע פּאָליטיזאציע. א סך האָבן אנטוישט און אנטוישט געוואָרן... עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אָפּפאלן פון אינעווייניק פון איין זייט און דאָס צוריקפאָרן אין גלות פון דער צווייטער זייט. אויך אין אונדזער „קן" האָט זיך אָנגעהויבן דאָס איבערגיין צו אנדערע פּאָליטישע באוועגונגען, ווער אויף עקסטרעם לינקס און ווער צו אנדערע סאָציאליסטישע פּארטייען. אָבער דער קערן, וואָס איז געבליבן, איז געוואָרן רייפער, פעסטער, טראָץ דעם וואָס א טייל פון די „אידעאַליסטישע" עולים איז צוריקגעקומען קיין קאליש. (אמת, א סך פון זיי זענען טריי געבליבן דעם ארבעטנדיקן א"י, אָבער שוין אָן שום פארבינדונג מיט דער באוועגונג פון „השומר הצעיר"). די הכשרה־טעטיקייט איז געוואָרן שטארקער און עס איז פאָרגעקומען א פּראקטישע צוגרייטונג צו עליה — צו זעלבסטפארווירקלעכונג. די הכשרה־קיבוצים אין מאלקין און אין טשענסטאכאָוו זענען פול געווען מיט קאלישער יוגנטלעכע און צום סוף פון די צוואנציקער יאָרן האָבן א סך פון זיי עולה געווען.

אויב די ערשטע עולים האָבן זיך אָנגעשלאָסן צו די גרינדער פון „משמר העמק" און אנדערע קבוצות פון עמק יזרעאל (קיבוץ השומר הצעיר א' און עין גנים), זענען די גרופּעס עולים נאָך זיי געווען צווישן די ערשטע בויער פון „עין החורש" — „עין שמר", און שפּעטער „מסלות" — „ניר דוד".

ה

ווען מיר וואַרפן א בליק אויף צוריק, קאָן מען פעסטשטעלן מיט דער גאנצער זיכערקייט, אז עס איז כדאי געווען די מי וואָס איז געוואָרן אריינגעלייגט אין דער טעטיקייט פון „השומר הצעיר". דאָס הייפּעלע דעמאָלטדיקע מדריכים, וועלכע האָבן אויסגעוועבט דעם טרוים און זיי אליין האָבן עולה געווען און זיך איינגעוואָרצלט אין לאנד, האָבן זוכה געווען צו זען מיט די אייגענע אויגן די רעזולטאטן פון זייער טעטיקייט אין די יונגע יאָרן. די גרעסטע צאָל פון די דערצויגלינגען פון „השומר הצעיר" אין קאליש, שטאמען פון דעם גדוד „עליזים" (דער דריטער „דור" פונעם „קן"). זיי זענען צעשפּרייט אין אלע ווינקלעך פון לאנד — אין קיבוצים, אין דערפער, אין שטאָט — און א טייל פון זיי פארנעמט א וויכטיקע פּאָזיציע אין לעבן פון דער מדינה.

★

45 יאָר זענען אריבער זינט די ערשטע שפּראָצונגען פון דעם „קן" „השומר הצעיר" אין קאליש. די דערגרייכונגען זענען גרויסע, און אין הארצן זענען געבליבן איינגעבאקן ליבע און ווארעמע זכרונות פון יענע צייטן.

צ. ב.

דער פאַרבאַנד פון אַלגעמיינע ציוניסטן

נאָך אין יאָר 1897 האָבן זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן ציוניסטישע קרייזן. דער רוף פון „נפש חיה" צו קויפן ארץ־ישראלדיקע אתרוגים האָט עדות געזאָגט וועגן אַקטיווע ציוניסטישע שטימונגען. אָבער ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה זענען די דאָזיקע קרייזן נישט געווען אָרגאַניזירט. די באַלפור־דעקלאַראַציע האָט פּאַקטיש געשאַפן דעם ציוניסטישן פאַרבאַנד אין קאַליש. ער האָט זיך געפונען אויף באַבינאַ־גאַס 23. די צענטראַלע טוערס זענען געווען: שבתאי בוקי, אברהם בוקי, שבתאי זיידאָרף, משה קראַקאָווסקי, לעאָן סעמיאַטיצקי, יצחק קאָהן, דוד וואָלקאָוויטש, שלמה זילבערמאַן — דער פאָנטרעגער; פון דער יוגנט: שלמה האַראָוויץ, יעקב יוסף פריינד, יוסף ציגע.

בראש פונעם קאָמיטעט זענען געשטאַנען ל. סעמיאַטיצקי און ש. זיידאָרף. די אַרבעט איז באַשטאַנען אין שטיצן די פאָנדן, פאַרשפּרייטן שקלים, אונטערשטיצן די יוגנט־באַוועגונגען און קעמפן קעגן אַסימילאַציע. קאַליש איז געווען אַ שטאָט פון חסידים פון איין זייט און פון אַסימילאַטאָרן פון דער צווייטער זייט — אויב עס האַנדלט זיך וועגן די קרייזן מחוץ פון די פאַרשידענע נאַציאָנאַל־וועלטלעכע פאַרטייען. עס האָט עקזיסטירט אַ האַלב־רעפאָרמירטע שול, ווו די שפּראַך איז געווען דייטש, און שפּעטער פּויליש. דער ציוניזם האָט זיך דורכגעבראָכן אַ וועג מיט גרויסע שוועריקייטן. שבתאי זיידאָרף און משה קראַקאָווסקי האָבן געקעמפט אין שול פאַרן ציוניסטישן געדאַנק.

אין יאָר 1927, בעת עס איז פאָרגעקומען אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע דער אינערלעכער קאַמף צווישן די פראַקציעס „על המשמר" און „עת לבנות", איז אין קאַליש געשאַפן געוואָרן די ראַדיקאַלע גרופּע „על המשמר" און זי האָט באַקומען די שליטה אויפן אָרטיקן סניף. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַלזייטיקע אַנטוויקלונג. אין יענער תקופה זענען געווען אין סניף ביי 600 חברים. דער באַפולמעכטיקטער פון „קרן־קיימת" איז געווען שבתאי זיידאָרף, פון „קרן־היסוד" — גוסטאַוו מאַרקאָווסקי. עס זענען אַנטשטאַנען גרופּעס אויף דערלערנען די העברעישע שפּראַך. נאָכן יאָר 1927 איז סעקרעטאַר פון דער אָרגאַניזאַציע געווען יצחק אהרן כהן.

נאָך די וואַלן אין יאָר 1928, ווען די רדיפות אויף יידן זענען געוואָרן שטאַרקער בעת דער סאַנאַציע־הערשאַפט און די עקאָנאָמישע לאַגע איז געוואָרן אַ שווערע, האָט די יוגנט אָנגעהויבן צו שטראָמען אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. אויך די יוגנט באַוועגונגען זענען געוואַקסן. אין יענער תקופה איז געקומען אין אַ שליחות נתן ביסטריצקי און מיט זיין הילף איז געשאַפן געוואָרן אַן אָפּטיילונג פון „וויצאָ".

די קהילה האָט זיך אָפּגעזאָגט צו שטיצן וועלכן עס זאָל נישט זיין ציוניסטישן ענין. אין די לעצטע יאָרן איז די אָרגאַניזאַציע געווען רעפּרעזענטירט אין דער קהילה דורך רפאל גרינבוים און ג. מאַרקאָווסקי. די וואָכנשריפט „קאַלישער וואָך", אונטער דער רעדאַקציע פון יעקב יאַרעצקי, האָט געפירט די ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע און דעם קאַמף קעגן דער אגודה. בראש פון דער אָרגאַניזאַציע איז דאַן געשטאַנען רפאל גרינבוים. אין דער אָנפירונג זענען געווען: ג. מאַרקאָווסקי, שלמה זילבערמאַן, יוסף ציגע, סעקרעטאַר — יוסף פריינד.

י. קלעטשעווסקי

דער „בונד"

נאָך פאַר דער אנטשטייונג פון "בונד" האָבן די שטיקערס געהאַט צווישן זיך א קאָנטאַקט. זיי האָבן זיך געטיילט מיט ראט, געהאָלפן איינער דעם צווייטן בעת א דעפעקט אין דער מאשין, געמיינזאם באהאנדלט די מוסטערן, געלערנט זיך צו קוואליפיצירן אין דער ארבעט, געהאלטן זיך איינס קעגן די פעדלערס (נישט אויסצודינגען קיין פעדלער איינס ביים צווייטן). זיי האָבן געהאַט אפילו זייערע חברות, ווו אין די שבתים און יום טובים האָבן זיי זיך געטראָפן ביים דאווענען, געהאַט זייערע הילפס־קאסעס, זיך פארבעטן איינער צום צווייטן. די שטיקערס זענען געווען קולטורעל אָפגעשטאנען.

גאנץ אנדערש איז געווען די לאגע פון געהילף־שטיקער און פעדלער. זיי האָבן געליטן פון אלע פלאגן: פארדינט זייער ווייניק — פון 1.50 ביז 3 רובל א וואָך, געארבעט פון 6 פרי ביז 9—10 אָוונט, נישט געזען די ליכט פאר די אויגן. די ארבעטס־געבער און די שטיקערס האָבן זיי געהאלטן ווי שקלאפן, האָבן זיי זיך פארבונדן מיט א שטיקער, איז דאָס געווען אויף א זמן ד. ה. פון סוכות ביז פסח. צוויי מאָל אין יאָר, סוכות און פסח, האָבן זיי זיך באטראכט ווי פרייע מענטשן, וואס האָבן זיך געקאָנט אויסקלייבן א צווייטן ארבעטס־געבער. אָבער אויך דעמאָלט איז עס נישט לייכט אָנגעקומען. זיי האָבן נישט געהאט קיין אנונג וועגן די פארשידענע מאכינאציעס, וואָס קומען פאָר צווישן ארבעטס־געבער און דעם שטיקער, טייל מאָל אויפן חשבון פון פעדלער. דאָס האָט דערפירט, אז אין די פאבריקן האָט געהערשט א שנאה צווישן די פעדלערס און די שטיקערס, ממילא איז לייכטער געווען צו אָרגאניזירן די פעדלערס און די הילפס־שטיקערס ווי די קוואליפיצירטע שטיקערס.

די שטיקעריי־ארבעטער זענען געווען נישט בלויז יידן. געווען אפילו פאבריקן פון בלויז פוילישע ארבעטער. צווישן זיי האָט שוין געארבעט די פ.פ.ס. א טייל פון די יידישע ארבעטער און יידישע אסימילירטע עלעמענטן האָבן צו איר געהערט. זיי האָבן זיך באמיט ארייננצוציען אין אירע רייען אויך יידישע ארבעטער.

דאָס אָרגאניזירן זיך אין א זעלבשטענדיקער יידישער אָרגאניזאציע האָט זיך אָנגעהויבן אין סוף פון פאָריקן יאָרהונדערט און דעמאָלט קומען פאָר קרייזן פון איינצלנע מענטשן אויף סטשעלניצע. די ערשטע בונדיסטן זענען דאָס רוב צוגערייזטע. אין עטלעכע יאָר ארום זענען, נאָך א גרויסער אומלעגאלער שווערער צוגרייטונגס־ארבעט, ארויס אויף דער אויבערפלאך די בונדיסטן אונטער די נעמען אשר דער שעראדזער, ישראלקע דער סטאָלער, מאיר זלאטשאָווער, די לאָדזשער בעקערינס, צוויי שוועסטערס פאנינקע, גימפל, ידידיה שוחטס זון, וואָלף קויאווסקי, גומפריכט, ברידער האשקעס, ברידער שעראדזקי, ברוך פראשקער, ברידער צוויק, הערש שאיע אָקונאָווסקי, גלאטשטיין און יאדזשא האָלץ.

אין יאָר 1902 האָט חבר לייזער לעווין אָנגעפירט מיט די בונדיסטישע גרופן. זיינע מאסוווקעס קומען פאָר אויף סטשעלניצע. ס'הייבן אָן צוקומען צו דער אָרגאניזאציע די ארבעטער פון אנדערע פאכן — שניידערס, סטאָליערס, שוסטערס, בעקערס, אָנגעשטעלטע, א טייל פון דער יידישער אינטעליגענץ און שילער־קרייזן.

ביסלעכווייז ווערן ענג די קליינע צימערן און ס'הייבן זיך אָן גרינדן בירזשעס. די ערשטע בירזשע איז געווען אין וועלדל ביים קאלישער פארק. אונטער די געדיכטע ביימער פלעגן אין די שבתים פאָרקומען "מאסוווקעס". שפעטער, אין יאָר 1904, האָט דער "בונד" שוין פארמאָגט 4 בירזשעס: אין וועלדל, אויפן אלטן מארק (ווי מ'האָט גערופן אויף טשענקלערס), אויף זלאָטע גאס און ביי דער שול. אויף די בירזשעס פלעגן דערליידיקט ווערן אלע ענינים פון דער אָרגאניזאציע און פון פראָפ. פאראיין. ס'זענען דערליידיקט געוואָרן סכסוכים, שטרייקן, לויך־קאָנפליקטן א.ד.גל.

די מאכט און די פאבריקאנטן האָבן געזען די גרויסע געפאַרן, וואָס דער "בונד" שטעלט מיט זיך פאָר און געשלאָסן א פראָנט קעגן דער קראַמאָליע. ס'הייבן זיך אָן רעפרעסיעס,

ארעסטן און אומגעהויערע קאָנטראָלן אין די פאבריקן. די פאבריקאנטן שטעלן זיך אפילו נישט אָפּ פון ארויסוואַרפן ארבעטער פון פאבריק. די האנדלונג פון די פאבריקאנטן רופט ארויס גרויס אויפרעגונג צווישן די ארבעטער און דאָס דערפירט צו עפּנטלעכע קאָנפליקטן און צוזאמענשטויסן, וואָס אין רעזולטאט ווערן די פאבריקאנטן אייזיק פּאלאַזש און וואָלף מילגרוים (וואָלף ווארשעווער) שווער פארוואונדעט.

ערב די פרייהייטס־טעג פון 1905 האָט דער "בונד" ארומגענומען כמעט די גאנצע יידישע ארבעטערשאפט. די צוגרייטונג אויפצונעמען די רעוואָלוציע־געשעענישן, וואָס רוקט זיך אָן איבערן לאנד ווערט דורך די בונדיסטן געפירט מיט א געוואלדיקער ענטוזיאסטישער איבער־געגעבנקייט, וואָס אין רעזולטאט דערפירט עס דערצו, אז דער לאָזונג וועגן באפרייען די פּאָליטישע ארעסטירטע פון דער קאלישער קאטאָרזשנער טורמע ווערט אָרגאניזירט און דורכגעפירט דורכן "בונד".

איין מיטינג איז פאָרגעקומען אין טעאטער (נישט אלע פארזאמלטע האָבן אין טעאטער־זאל געקענט אריין). א צווייטער מיטינג איז פאָרגעקומען אויפן פּלאַץ ביים טעאטער. דער מיטינג האָט געדויערט ביז שפּעט אין דער נאכט.

די בונדיסטן האָבן גערופן די פארזאמלטע צו שטורעמען די תפיסה. דער גאנצער עולם איז אוועק צו דער טורמע, אויפגעבראָכן דעם טויער, די מויער צעהאקט, אריין אין תפיסה און באפרייט נאָר פּאָליטישע ארעסטירטע. די תפיסה־מאכט האָט זיך געלאָזט אַנטלויפן.

ד'ערוויל האָט פּולקאָווניק קעלער זיך צוגעגרייט און ארויסגעשיקט מיליטער קעגן די פארזאמלטע. דאָס מיליטער האָט געשאָסן, דערהרגעט עטלעכע מענטשן און פיל שווער און לייכט פארוואונדעט. הונדערטער מענטשן זענען ארעסטירט און פארשיקט געוואָרן קיין סיביר און אויף קאטאָרגע. ס'זענען דאן פארשיקט געוואָרן די בונדיסטן: שמעון שאטאן, שלמה בריש, יחיאל פּאקענטרעגער, ווילי גאָלאָמבעק, די ברידער פּראשקער, לייזער זשאָלטי, ארטור גאָטפריד, מרדכי טענצער, הערש מאיר קאָן, מלך וואָלקאָוויטש, פּרץ סקורא, טוביה שעראדזקי, יאנקל מארקאָוויטש, משה זעלוועך, אפרים קאמפינסקי, די ח'טע פערלע. אויף קאטאָרגע זענען פארמשפּט געוואָרן די בונדיסטקעס: האָלצמאן, גאָרפינקל פון לאָדזש (געבליבן אין רוסלאנד) און אנדערע.

די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן האָבן ראדיקאל געענדערט דאָס גאנצע לעבן פון דער שטאָט. ס'זענען געענדערט געוואָרן די ארבעטס־באדינגונגען. די פאבריקאנטן האָבן שוין נישט געקענט צוריק איינפירן אנדערע ארבעטס־באדינגונגען אָן דעם הסכם פון די ארבעטער.

א גרויסער טייל פון אקטיוו איז אוועק אין תפיסה, סיביר, קאטאָרגע. א גרעסערער טייל איז געצוווּנגען געווען צו עמיגרירן קיין אויסלאנד און קיין אמעריקע. די סאָציאליסטישע באוועגונג איז צוריק אראָפּ אין אונטערערד.

פון 1910 באקומט קאליש א גאנץ אנדערן אויסזען. ס'ווערן מיט א גיכן טעמפּ איינגעפירט ענדערונגען אין דער שפּיצן־אינדוסטריע. עס ווערן איינגעפירט די מעכאנישע קראַפט־מאשינען. די האנט־שטיקערס יאָגן זיך אויך גיך אויסצולערנען דאָס אומגיין מיט די קראַפט־מאשינען. דער פארדינסט איז געגאנגען ראשיק בארג־ארויף. א גוטער שטיקער האָט פארדינט איבער 15—25 רובל א וואָך און מער; פעדלערס — פון 5 ביז 9 רובל און מער. קיין ארבעטס־לאָזיקייט איז פאר די יאָרן 1914—1919 נישט געווען. שטרייקן און לוין־קאָנפליקטן איז געווען פארצייכנט ווינציק. אויך קיין שטרייק־ברעכער אָדער לוין־דריקער איז נישט געווען, ווייל ס'איז געווען א מאנגל אין קוואליפיצירטע גוטע שטיקערס. די פּראָספּעריטי־צייט האָט צוגעצויגן קיין קאליש א גרויסע צאָל איינוווינער פון די ארומיקע שטעט און שטעטלעך: ווי קאָנין, טורעק, שעראדז און פון ווייטערע געגנטן אין פּוילן. די יידישע באפעלקערונג איז ראשיק געוואקסן. א גרויסע צאָל ישיבה־בחורים האָבן זיך פּראָלעטאריזירט. אלץ איז פארשלונגען געוואָרן דורך דער פאבריק.

אין אָנהויב פון 1916 קומט קיין קאליש פון לאָדזש דער באקאנטער בונדיסטישער טוער אפרים לאָזער זעלמאנאָוויטש. ס'קומען זיך צונויף ביז 60 בונדיסטן און זיי שאפן אָן אָרגאניזאציע. דאן ווערט אָרגאניזירט א פאָרלעזונג פון וולאדימיר מעדעם. די פאָר־לעזונג לאָזט איבער אין שטאָט אן אומגעהויערן רושם. דאָס גאנצע געזעלשאפטלעכע

לעבן גרופּירט זיך ארום דעם טורן־און ספּארט־פאַריין. דאָרט קומען פאָר קעסטל־אָוונטן און דיסקוסיעס, און פון דאָרטן בילדן זיך אויס כמעט אלע פּאָליטישע גרופּירונגען, אָנהויבנ־דיק פון ציוניסטן, „בונד", פּ. צ. און אנדערע. אין די אָפטע דיסקוסיעס באַטייליקן זיך מצד דעם „בונד" לעווענבערג, לעאָן דאַנציגער, עזריאל מאַרקאָוויטש, שמואל יעקב גאַלאַנ־טערניק, אינזש. לעבנהאַפּט, ארטור גאָטפריד, מרדכי קרול, שמואל יעקב ראָזענפעלד, מאיר שטיינערט א. א.

ביי די שטאָטראַט־וואַלן אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע פאַרטרעטן דעם „בונד" די ח"ח אינזש. לעבנהאַפּט און ארטור גאָטפריד.

אין יאָר 1917 עפנט דער „בונד" אַן אייגענעם לאָקאַל אין דער אַלייע־יוזעפּינא ביים פּאַרק.

די רעוואָלוציע פון מערץ 1917 גייט נישט פאַרביי אומבאַמערקט ביי די קאַלישער בונדיסטן. דער אינטערעס צו די געשעענישן אין רוסלאַנד איז אַן אומגעהייערער. יעדן פרייטיק אָוונט קומט זיך די אָרגאַניזאַציע צונויף און ס'ווערן באַהאַנדלט אַקטועלע פּאָליטישע פּראָבלעמען. אלס רעפערענטן טרעטן ארויס די חברים לעווענבערג, לעבנהאַפּט און געלבפיש.

ווען ס'ברעכט אויס אין דייטשלאַנד די רעוואָלוציע, ווערט אין קאַליש געשאַפן דער ארבעטער־ראַט. די פאַרטרעטער פון „בונד" זענען לעווענבערג און לעאָן דאַנציגער. ווען דער דייטשער ארבעטער־און סאָלדאַטן־ראַט באַשליסן אוועקצוגעבן דאָס געווער, זענען אין דער קאָמיסיע געווען פאַרטראָטן די בונדיסטן קאָפּל געלבאַרט און עזריאל מאַרקאָוויטש.

ס'אַנטשטייט דאָס אומאָפּהענגיקע פּוילן און דער בונד גייט איצטער ארויס אין דער עפנטלעכקייט אלס א פּאָליטישע פּאַרטיי פון דער יידישער ארבעטערשאַפט. די בונדישע פאָרשטייער אין שטאָטראַט בעת דער דייטשער אָקופּאַציע בלייבן די ח"ח לעווענבערג און דאַנציגער. די אָרגאַניזאַציע ציילט צו דער צייט איבער 160 פּאָליטישע מיטגלידער און זייער פיל סימפּאַטיקער.

אין יאָר 1918—1919 ווערן דורכן „בונד" געשאַפן די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען פון נאָדל־און לעדער־ארבעטער. דער בונד עפנט א קאָאָפּעראַטיוו און באַזאָרגט די ארבעטער־באַפעלקערונג מיט פּראָדוקטן פון ערשטן געברויך (וואָס דער מאַגיסטראַט גיט ארויס אויף קאַרטן), ווי ברויט, זאַלץ, צוקער א. א. ס'ווערט געעפנט די ערשטע קינדערהיים אין קאַליש. דער „בונד" גייט איבער אין זיין נייעם לאָקאַל אויף קאָפּערניקא (אין הויז פון ראַוויצקי). אין דעם גרויסן צימער פון פּאַרטיי־לאָקאַל באַקומען די קינדער די אָנהויב־דערציונג און באַשפּייזונג. אלס פּרעבליסטין קומט אראָפּ פון לאָדזש געניא טוסטער. די קינדערהיים ווערט דאָס צירונג פון דער אָרגאַניזאַציע.

איינגעאָרדנט דאָס אָרגאַניזאַציע־לעבן, א לאָקאַל, א ביבליאָטעק — הויבט זיך אָן די פּויליש־רוסישע מלחמה. די בונדישע פּאַרטיי טרעט ארויס קעגן דער מלחמה. מיט דער פאָדערונג, אַז די מלחמה זאָל אָפּגעשטעלט ווערן, טרעט ארויס דער פירער פון „בונד" הענריק ערליך אין וואַרשעווער שטאָטראַט. ער ווערט דאַן ארעסטירט און די פּאַרטיי ווערט דערקלערט אלס אומלעגאַל. די אָרגאַניזאַציע שטעלט אויך דאַן נישט אָפּ איר טעטיקייט.

אין דער ארבעטער־קיך אויף נאָווא־גאַס קומען דאַן פאָר „מאַסן־וקעס" און פּאַרטיי־פאַרזאַמלונגען. די קינדערהיים ווערט איבערגעפירט אויף שאַפּענא גאַס 6, אין לאָקאַל פון קאָאָפּעראַטיוו. אויך די פּראָפ. פאַראיינען פירן זייער טעטיקייט. אין דער צייט גרינדעט זיך די יוגנט־אָרגאַניזאַציע, וואָס אין שפּיץ שטייען די חברים ראָזענפעלד דער יונגער, פּרץ קלעטשעווסקי, סטודענט גלובא, יוזעפאָוויטש, פּריוויטש.

צום קראַקעווער צוזאַמענפאָר פון „בונד" — דער ערשטער לעגאַלער צוזאַמענפאָר אין פּוילן — ווערט דעלעגירט דער ח' מרדכי קרול. נאָכן צוזאַמענפאָר פון „בונד" ווערט איינגעשטעלט אַן אָרגאַניזאַציאָנעלע פאַרבינדונג מיטן צענטראַל־קאָמיטעט וועלכער באַזאָרגט קאַליש מיט רעפערענטן.

די פּויליש־רוסישע מלחמה ווערט פאַרענדיקט און ביסלעכוויז גייט דער „בונד" ארויס אויף דער אויבערפלאַך. דער פאַרחתמעטער לאָקאַל ווערט צוריק אָפּגעגעבן און מ'הייבט זיך אָן אויף דאָס ניי דאָס אָרגאַניזאַציאָנעלע לעבן. ס'ווערט געשאַפן די געזעלשאַפט „קולטור־ליגע", שול־געזעלשאַפט „אונדזער שול", א ביבליאָטעק און א דראַמקרייז.

אין די ערשטע שטאָטראַט־וואַלן פירט דער "בונד" דורך צוויי ראַטמענער פיורא און דאַנציגער. דער ח' לעאָן דאַנציגער ווערט אויסגעוויילט אלס סעקרעטאַר פון שטאָטראַט.

דער פאָגראָם, אין יאָר 1919 אין קאַליש, וואָס זיין ציל איז געווען אָפּצושרעקן די פוילישע און יידישע אַרבעטער, האָט זיין ציל דערגרייכט. צוויי יידן און איין קריסט זענען דערהרגעט געוואָרן. לויטן באַריכט, וואָס די אָרגאַניזאַציע שיקט צו פאַרן אַרבעטער־לוח 1920, ווייזט זיך אַרויס, אַז דער "בונד" פאַרמאָגט פּאָליטישע מיטגלידער 125. אין שטאָטראַט צוויי ראַטמענער (באַקומען שטימען 563), פּראָפ. פאַראיין פון נאָדל־אַרבעטער, פּראָפ. פאַראיין פון לעדער־אַרבעטער, קולטור־געזעלשאַפט "צוקונפט" (315 מיטגלידער), קינדער־היים (62 קינדער), אַרבעטער־קאָאָפּעראַטיוו "אייניקייט" (160 מיטגלידער), יוגנט־אָרגאַניזאַציע (50 מיטגלידער), יוגנט קלוב (100 מיטגלידער). די פאָרשטייער פון בונד" אין די פּראָפ. פאַראיינען זענען: ביי די נאָדל — עזריאל מאַרקאָוויטש; פאַפּיר — לערער, יוזעפאָוויטש־העלפאַנט; הויז־דינערשאַפט — דבורה האַלצמאַן־ליטאָווסקא; פריזירער — יוזשע בלאָך, איזידאָר האָלץ; טראַנספּאָרט — משה וואַרטמאַן; אָנגעשטעלטע — גאַלאַנטערניק, שמואליק קאַפּלאַן. די פּראָפ. פאַראיינען פירן דורך זייער פיל לוין־אַקציעס און שטרייקן.

אין אָנהייב 1920 קומט פאָר דער היסטאָרישער צוזאַמענפאָר פון "בונד" אין דאַנציג. אלס דעלעגאַט ווערט פון קאַליש געשיקט יצחק קלעטשעווסקי.

אין דער צייט קומען פאָר די צווייטע שטאָטראַט־וואַלן. דער "בונד" באַקומט טויזנט שטימען און צוויי ראַטמענער — לעאָן דאַנציגער און פיורא. ווידער ווערן די בונדישע ראַטמענער וואַרעם אויפגענומען פון די פוילישע ראַטמענער.

דער שטאָטראַט האָט באַשטימט א סובסידיע פאַר די יידישע שולן. אין די ווייטערדיקע שטאָטראַט־וואַלן פירט דער "בונד" אדורך צו צוויי ראַטמענער. דער ח' פיורא פאַרלאָזט קאַליש. ס'פאַרטרעט אים דער חבר אברהם שטיין. דאַן ווערט געוויילט אלס ראַטמענער די ח"ח שמואל גאַלאַנטערניק, שמואליק קאַפּלאַן און מיכאל אייזנבערג.

די יידישע שול אנטוויקלט זיך גוט און פאַרמאָגט פינף קלאַסן מיט צוויי הונדערט שילער. די שול ווערט אָבער פון דער מאַכט ליקווידירט. אין די שפּעטערדיקע יאָרן ווערט ווידער באַנייט דאָס עפנען א קינדער־היים. אלס פּרעבליסטין קומט צו פאָרן די פּרעבליסטן געניא קאַץ־שטאָרך און ווידער ווער'ט יעדעס יאָר געעפנט א קלאַס. אַזוי דערגייט מען ביזן דריטן קלאַס. זי ליקווידירט זיך, ווייל דער שטאָטראַט זאָגט אָפּ צו געבן די געהעריקע סובסידיע און צוליב פינאַנסיעלע שוועריקייטן ווערט די שול פאַרמאַכט.

כדי אויפצוהאַלטן די בונדיסטישע אינסטיטוציעס ווערן יעדעס יאָר איינגעאָרדנט פעסט־פאַרוויילונגען, וועלכע פאַרוואַנדלען זיך אין א פאָלקס־יום־טוב. אין די שענסטע לאָקאַלן, וואָס קאַליש פאַרמאָגט, פאַרזאַמלען זיך ביי 800—700 מענטשן פון אַלע שיכטן און קלאַסן פון דעם אָרעמען טראַנספּאָרט־אַרבעטער ביז די רייכסטע פאַבריקאַנטן, און פאַרווילן זיך ביי טענץ א גאַנצע נאַכט.

דער "בונד" עפנט נייע אינסטיטוציעס: "יאַפ" (יידישע אַרבעטער־פרוי), דראַמ.־סטודיע "אַרוו" (אַרטיסטישער ווינקל), אָנגעפירט דורך דעם ח' א. שטאַרק, א ספּאָרט קלוב "מאָרגנ־שטערן", "סקיפ" (סאָציאַליסטישער קינדער־פאַרבאַנד) און א סאָציאַליסטישע האַנטווערקער־פאַראיין.

אין יאָר 1917 ווערט דורך "בונד" אָרגאַניזירט א פאָלקס־אוניווערסיטעט. דער אוניווער־סיטעט איז טעטיק פון אָקטאָבער ביז מאַי 1927. יעדן פרייטיק אָוונט און שבת נאָך מיטאָג קומען פאָר לעקציעס וועגן פאַרשידענע פּראָבלעמען. די רעפערענטן זענען ספּעציעל איינ־געלאַדן פון וואַרשע.

צו דער צייט באַשליסט דער "בונד" צו ענדערן זיין באַציונג צו דער יידישער קהילה. ער פירט דורך אין דער קהילה צוויי ראַטמענער: די ח"ח מיכאל אייזנבערג און מאיר וואָלף שעפּס, שפּעטער ח' לייזער מיץ. אויך מיט דער פוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פ.פ.ס. שטייט דער "בונד" אין אַן ענגן קאָנטאַקט. אין משך פון די צוואַנציק יאָר אומאָפּהענגיקייט פירט דורך דער "בונד" צוזאַמען מיט די פוילישע אַרבעטער־פּאַרטייען צענדליקער אַקציעס.

פ. א.

פועלי אגודת ישראל

רעליגיעזע יונגעלייט, ארבעטער ביי האפטן און שפיצן, האָבן אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן זיך נאָך אין יאָר 1910. זיי האָבן זיך גערופן „פועלי שלומי אמוני ישראל". נאָך פאַרשידענע תקופות פון עליה און ירידה האָבן אָט די גרופּעס זיך קאָנסאָלידירט אין דער אָרגאַניזאַציע „פועלי אגודת ישראל". אין 1925 זענען אין דעם פאַרבאַנד געווען אַקטיוו: ר' מרדכי וויערושעווסקי, הענעך סאַמסאָן. ר' פייביש נתן וויערו־שעווסקי האָט פאַרפאַסט א הימען פאַר דעם פאַרבאַנד און דער באַוווסטער חזן יוסף ראָזענבלאַט האָט צוגעפאַסט א מעלאָדיע.

אָט דער רעליגיעזער פאַרבאַנד איז געווען אַקטיוו אין קאַליש נאָך איידער ער האָט געטראָגן דעם נאָמען „פועלי אגודת ישראל". אָבער מיטן אָנשליסן זיך אין דער אָרגאַניזאַציע איז פאַרשטאַרקט געוואָרן די אַקטיוויטעט. איינע פון די עיקרדיקע פּראָגעס, מיט וועלכע דער פאַרבאַנד האָט זיך פאַרנומען, איז געווען דאָס דערלערנען דאָס פאַך: פאַרבעסערן די קענטשאַפט און אריינפירן אין פאַך נייע ארבעטער. א סך עלטערע ארבעטער זענען געוואָרן זעלבשטענדיקע פּראָדוצענטן אָדער היים־ארבעטער (כאַלופּניקעס).

א האַרבער ענין איז געווען די ארבעט אום שבת. פאַקטיש איז דאָס געווען די שטויסקראַפט צום אָרגאַניזירן זיך פון די רעליגיעזע ארבעטער. עס זענען געווען רעליגיעזע יידן, וואָס האָבן געלאָזן אין גאַנג זייער פאַבריק אום שבת אויפן סמך פון א שטר־מכירה. דער רעליגיעזער ארבעטער איז אַזוי אַרום אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון די ארבעטס־פּאָזיציעס און געווען דיסקרימינירט.

די נייגונג פון פאַרבאַנד צום ציוניזם איז געקומען אין די דרייסיקער יאָרן. אין יאָר 1933 האָבן חברים אָנגעהויבן גיין אויף הכשרה ווי חלוצים. דער ערשטער הכשרה־פּלאַץ איז געווען אין קושיזשווו. שפּעטער האָבן זיך געשאַפן געמיינזאַמע רעליגיעזע עולים־גרופּעס פון פועלי אגודת ישראל, אגודת ישראל און צעירי אגודת ישראל. די ערשטע צען עולים זענען אַרויס־געפאָרן אין די יאָרן 36־1935. אין די יאָרן 34־1933 האָט דער פאַרבאַנד געציילט ביי א 150 מיטגלידער. די אַקטיוויסטן: ר' אברהם הערש גאָלדבערג הי"ד, הרב יאַנקעלעוויטש ז"ל, ר' יצחק איצקאָוויטש הי"ד און יבדל לחיים — ר' ישראל שטיין.

דער פאַרבאַנד האָט געפירט א פאַרצווייגטע רעליגיעז־קולטור־טעטיקייט. ביים בית־המדרש איז געשאַפן געוואָרן א גרופּע לערנערס פונעם דף יומי פאַר די סוחרים, וואָס זענען געווען פאַרנומען א גאַנצן טאָג. דעם שיעור האָבן געגעבן ר' ליפּמאַן מאַנספעלד, ר' אברהם הערש גאָלדבערג און אויך הרב ליבשיץ, בעיקר אין די שבתים. דאָרט פלעגן זיך צונויפקומען אַרום 150 בחורים.

מען האָט אויך איינגעאָרדנט שיעורים ביי דער אגודה. דאָרט האָבן געלערנט יינגערע בחורים, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין שום גרונט־ידיעות אין יידישקייט. די שיעורים זענען פאָרגעקומען אין לאָקאַל אויף שאַפּען 12. געזאָגט דעם שיעור האָבן: הרב בן־יעקב (יאַנקעלעוויטש), ר' יצחק איצקאָוויטש, ר' מרדכי יהושע אדלער, ר' כתריאל שטיין.

די מיטגלידער פון דער אגודה האָבן רעפּרעזענטירט אויך אין אַלגעמיינעם בית־מדרש און אין געשלאָסענע חברהס, ווי חברה משניות, חברה משקימי קום (א פריער מנין צום דאַווענען פאַר מענטשן וואָס דאַרפן אַרויסגיין באַלד אין דער פרי). גמילת חסדים, הכנסת כלה, הילף צו באַקומען ארבעט, הילף אין פאַל פון א קראַנקייט — דאָס זענען געווען די סאָציאַלע טעטיקייטן פון דער אגודה. עס איז אויך געווען א גרויסע ביבליאָטעק פון רעליגיעזער און וועלטלעכער ליטעראַטור.

אין יאָר 1928 האָבן ביים פאַרבאַנד זיך אָרגאַניזירט די „בנות אגודת ישראל". די גרינדערס זענען געווען דינה קנאָבעלעוויטש־ראַבינאָוויטש און מיט איר אין דער פאַרוואַלטונג: דבורה פּערלע, פּאָרזיצערין, מרים בערגמאַן־מאָזעס (איצט אין ישראל), נאַטקע ווייץ־קלאַמאַרסקי (איצט אין ישראל), יהודית כץ־זילבערבערג, עטע מאָשקאָוויטש — ביבליאָטעקאַרין, אסתר שקלאַנאָווסקי — אין די זומער־קאָלאָניעס.

אַט די מיידל־אָרגאַניזאַציע איז געווען א דערגאַנצונג פאר די „חבצלת״־שילערינס און פאר די שילערינס פון די מלוכה־שולן. זיי האָבן זיך באַנוצט מיט דער גרויסער פוילישער ביבליאָטעק פון דער אגודה. די ביכער זענען דאָרט אדורך א קאָנטראָל, אָבער נישט קיין זייער עקסטרעמע.

די מיידלעך זענען געווען אָרגאַניזירט אין גרופעס צו 25. פאַקטיש זענען דאָס געווען גאַנצע קלאַסן פון „חבצלת״ (רעליגיעזע שולן פאר מיידלעך). די גרופן האָבן באַקומען נעמען, ווי „השחר״ אדג״ל. די אינסטרוקטאָרן זענען געווען די מער דערוואַקסענע מיידלעך. די טעטיקייטן זענען פאָרגעקומען אום שבת, איינע אויף דאַווענען און איינע אויף קולטור, און צוויי אין מיטן דער וואָך. פון אַט די צוויי איז איינע געווען געווידמעט פאר א שיעור פון ר׳ יצחק איצקאָוויטש. אויך די אינסטרוקטאָרינס האָבן געהערט דעם שיעור.

די טעמעס פון דער טעטיקייט זענען געווען נישט נאָר קיין רעליגיעזע, נאָר אויך ליטעראַרישע און אקטועלע. די רעד־שפּראַך פון די טעטיקייטן איז געווען יידיש. עס זענען אויך איינגעאָרדנט געוואָרן פאַך־קורסן, ווי צושניידעריי, בוכאַלטעריע. פון צייט צו צייט איז דערשינען א וואַנטצייטונג. עס זענען אויך איינגעאָרדנט געוואָרן אויספלוגן. די אינסטרוקטאָר׳ינס האָט מען געשיקט אויף פאַרפולקאָמונג: אין ראַבקע (א חודש־קורס), אין רודא־פאַביאַניצקא, אין קאַמינסק.

די שענסטע דערגרייכונג פון דער טעטיקייט איז געווען די זומער־קאָלאָניע (יעמיליאַנוּוו, נעבן קוזמינעק). אויך די אומפאַרמעגלעכע מיידלעך זענען ארויסגעפאָרן אויף דער קאָלאָניע. זייער אויסהאַלטונג איז געוואָרן ארויפגעלייגט אויף די אַנדערע מער־פאַרמעגלעכע מיידלעך. נאָך א ציל פון דער אָרגאַניזאַציע איז געווען — קעגנזייטיקע הילף: אַן אינערלעכע קאַסע און הכנסת כלה. די מיידלעך האָבן זיך באַטייליקט אויך אינעם געזעלשאַפטלעכן־פּאָליטישן לעבן פון אגודת ישראל. צוו. אגד. האָט עקזיסטירט א קאָמיטעט, וואָס האָט געהאַט די אויפזיכט איבער די מאָלצייטן פון דער תלמוד־תורה־קיך.

די אָרגאַניזאַציע האָט פאַרמאָגט ביי א 400 מיטגלידערינס. פון צייט צו צייט פלעגן פאָרקומען געגנטלעכע צוזאַמענטרעפן, אין וועלכע עס האָבן זיך באַטייליקט די מיידלעך פון בלאַשקי, קוזמינעק, טורעק, שעראַדז און פּאַביאַניץ.

ישׂשכר קאַט

די פארטיי פועלי־ציון (צ. ס.)

די פארטיי פועלי־ציון (צ. ס.), אָדער ווי מען האָט זי גערופן — „רעכטע פועלי־ציון״, איז געווען אקטיוו אין קאליש אין דער יידישער־ציוניסטישער געזעלשאַפט.

אירע חברים האָבן זיך באַטייליקט אין דער ארבעט פונעם „החלוץ״ און אין דער העברעישער טעטיקייט אין שטאָט. אויסער דעם האָט די פארטיי זיך באַמיט אין יענער עקזיסטירנדיקער ווירקלעכקייט צו פאַרשפּרייטן אויך די יידישע קולטור אין יידיש. זי האָט זיך אויך באַטייליקט אינעם סאָציאַלן קאַמף פונעם יידישן ארבעטער.

די פארטיי האָט אָרגאַניזירט אָוונטקורסן פון אלגעמיינע לימודים און אויך העברעיש־לעקציעס. אין פארטיי־קלוב האָט זיך געפונען א ביבליאָטעק און א לייען־זאַל. עס איז געשאַפן געוואָרן א פאָלקס־אוניווערסיטעט, אין וועלכן עס האָבן רעפערירט שליחים פון ארץ־ישראל, רעפערענטן פון אויסער דער שטאָט און אָרטיקע חברים.

די פארטיי האָט זיך באַטייליקט אין דער ארבעט פון דער קהילה און דער חבר יעקב קני איז געווען וויצע־פאָרזיצער. אויך אינעם האַנטווערקער־פאַרבאַנד איז געווען אָנזעעוודיק דער איינפלוס פון דער פארטיי.

די ליגע פארן ארבעטנדיקן ארץ־ישראל האָט ארומגענומען אלע אָרגאַניזאַציעס פונעם ארבעטנדיקן ארץ־ישראל פועלי ציון (צ. ס.), התאחדות, החלוץ, השומר הצעיר און דער איינפלוס פון פועלי ציון (צ. ס.) איז דאָרט געווען א גרויסער.

די פּאַרטיי האָט זיך אויך באַמיט אָנצוהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיטן פּוילישן פּראָלעטאַריאַט און אָרגאַניזירט געמיינזאַמע פאַרזאַמלונגען און דעמאָנסטראַציעס דעם 1טן מאַי.

אין דער פּאַרטיי זענען געווען גרופּעס פאַר יוגנט און ספּאָרט.

צווישן די אַקטיווע חברים דאַרף מען אויסרעכענען: יעקב דוד סיטנער, בנימין פּרץ, יעקב קני, שלמה קאַטעל, יעקב יצחק בלאָך, יששכר קאָט און קאַלטאַן.

פיל פון די פּאַרטיי־חברים האָבן עולה געווען קיין ארץ־ישראל און זיך איינגעגלידערט אין דער חלוצישער אויפבוי־אַרבעט.

יעקב בינשטאַק

מיין מיטגלידערשאַפט אין פּועלי־ציון

ס׳איז שווער צו באַשרייבן דאָס אַלץ, וואָס עס איז געשען אין מיין יוגנט מיט 71 יאָר צוריק ביז מיין ערשטער נסיעה קיין ארץ־ישראל סוף יאָר 1906. אין סוף 1918 בין איך אין גאַנצן געוואָרן אָפּגעריסן פון מיין געבוירן־שטאָט קאַליש, אַחוץ דער פאַמיליע־פאַרבינדונג, וועלכע האָט אָנגעהאַלטן ביז דער ימח־שמוניק האָט באַשלאָסן אומצוברענגען דאָס אייראָפּעישע יידנטום.

איך שטאַם פון פרומע עלטערן (פון אַלעקסאַנדער חסידים) און פון מיין קינדהייט אָן איז מיין באַגער געווען, אַז "בן דוד" זאָל אונדז אויסלייזן און ברענגען קיין ארץ־ישראל במהרה בימינו. איך האָב זיך פאָרגעשטעלט אין מיין קינדערישן מוח ווי אַזוי מיין פאָטער וועט אַקערן די ערד אין הייליקן לאַנד און איך, דער קליינער, וועל יאָגן די פערד, אַז זיי זאָלן אַרבעטן שנעלער און שנעלער, כדי די ערד זאָל מער אַרויסגעבן, און מיינע ברידער וועלן זייען און פלאַנצן ביימער, און זיי וועלן געבן פרוכטן, און מיר וועלן לויבן גאָט פאַר דעם גוטן לאַנד, וואָס ער האָט אונדז געגעבן.

איך וועל דערציילן וועגן צוויי פאַלן וואָס זענען מיט מיר געשען בעת איך בין געווען אַ מיטגליד אין דער פּאַרטיי "פּועלי ציון" אין קאַליש.

א) אין 1905/6, ווען אַלע אַרבעטער־פּאַרטייען זענען געוואָרן אומלעגאַל, האָבן די געהיימאַגענטן נאָכשפּיאָנירט יעדן איינעם. דאָס לעבן איז געווען אין געפאַר און עס האָט געדראָט פאַרשיקט צו ווערן, אין די וויסטע קאַנטן. די איינציקע פאַרבינדונג צווישן "בונד" און פּ.פּ.ס. צוליב אַגיטאַציע אָדער דיסקוסיעס מיט קעגנער איז געווען "שענקאַלאָווקע", דער טראָטואַר קעגנאיבער דעם מאַגיסטראַט, די בירזשע פון "בונד" און די יוזעפינא־אַלעע — פון "פּועלי ציון". יעדע פּאַרטיי האָט געשיקט אירע אַגיטאַטאָרן צום זאַמלפּונקט פון אירע קעגנער. יעדע פּאַרטיי האָט געוואָלט באַווייזן די ריכטיקייט פון אירע אידעען, און אַלע פּאָליטישע אַקציעס זענען דורכגעפירט געוואָרן אין אַבסאָלוטער קאָנספּיראַציע.

מיר, אין "פּועלי ציון", זענען געווען פונאַנדערגעטיילט אין קרייזן. יעדער קרייז איז באַשטאַנען פון 10 חברים. איך בין געווען ממונה און פאַראַנטוואָרטלעך פאַר צוואַנציק פּערזאָן און געדאַרפט זיי באַזאָרגן מיט דער געהעריקער ליטעראַטור.

אין איין אָוונט, ווען איך האָב שפּאַצירט אויפן בונדישן טראָטואַר הין און צוריק מיט פולע קעשענעס אומלעגאַלע בראָשורן, בין איך צוגעשטאַנען צו איינעם פון די בונדיסטן כדי איינצוקנעלן מיט אים די לערעס פון מאַרקסן און פון באָראָכאָוון, אויפקלערן אים די פּועלי ציוניסטישע אידעע און צורעדן אים, אַז ער זאָל אַריינטרעטן אין אונדזערע רייען. ער איז געגאַנגען ביי מיין רעכטער זייט און איך האָב זיך באַמיט, אַז ער זאָל מיך פאַרשטיין. איך האָב זיך אַ ווענד געטאָן צו אים, כדי צו הערן זיין מיינונג, אָבער דער בחור איז פאַרשוווּנדן. איך האָב זיך אַרומגעקוקט איבערן טראָטואַר — עס איז נישט געווען קיין לעבעדיקער נפש. אַלע זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען. איך האָב אַ קוק געטאָן אויף לינקס, און דערזען נעבן זיך דעם פּריסטאַוו רייטן אויף זיין פערד טראָט נאָך טראָט. נאָך אים

זענען געריטן 3 פאָליציאַנטן מיט נאַהייקעס אין די הענט. איך האָב פארשטאַנען פאר וואָס די גאס איז געוואָרן אָפּגעליידיקט פון מענטשן.

איך בין געגאַנגען ווייטער, און ער נעבן מיר. נאָכן אָפּגיין עטלעכע צענדליק טריט, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט און געקוקט אויף אים. אויך ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און געקוקט אויף מיר. איך בין געווען געקליידט "יידיש". ער האָט נישט דערקענט אויף מיר קיין שום זאַך. איך ווייס נישט, וואָס ער האָט געטראַכט וועגן מיר, אָבער נאָך א קורצער ווײַלע, האָט ער א טרייב געטאָן דאָס פערד און זיך אָפּגעטראָגן מיט די 3 פאָליציאַנטן.

ב) נאָכן פארענדיקן די רוסיש־יאַפּאַנישע מלחמה און פארעפנטלעכן די קאָנסטיטוציע, האָבן אלע פאָליטישע פארטייען איינגעאָרדנט באַזונדערע מאַניפעסטאַציעס. איך האָב געאַרבעט ביים מצבה־קריצער משה קאַליסקי. פון אלע פארטייען איז מען געקומען צו אים, אַז ער זאָל זיי אויספאַרטיקן פענער מיט די געהעריקע לאָזונגען. ער האָט זיי אָפּגעשיקט צו מיר און איך האָב אויסגעפירט די ארבעט צו זייער צופרידנקייט.

ערב דעם ערשטן מאַי 1906 האָב איך געמאָלן דעם לאָזונג פון "פועלי־ציון" מיט זילבערנע פארב אויף א רויטן הינטערגרונט (אלע פענער זענען געוואָרן געמאָלן אויף א רויטן הינטערגרונט). איך האָב נישט באַוויזן צו ענדיקן די פאָן ביז האַלבע נאַכט און געענדיקט זי אין דער פרי. איך האָב איינגעוויקלט די פאָן, אַריינגעלייגט אין בוזעם־טאַש און געגאַנגען אַהיים. אין מיטן וועג האָט מיך פארהאַלטן א מיליטערישע וואַך און מיך געפרעגט וואָס איך האָב אין קעשענע. "א רויטע פאָן" — האָב איך געענטפערט. "ווייז!" — האָט איינער פון זיי אויסגעשריגן. איך האָב אַרויסגענומען דאָס רויטע סאַמעטענע זעקעלע פון קעשענע און געוויזן. "וואָס האָסטו אינעווייניק" — "באָמבעס" — האָב איך געענטפערט. — "עפן און ווייז אונדז דיינע באָמבעס". איך האָב געעפנט דאָס זעקל און זיי געוויזן די תפילין און דעם סידור. ווען כ'בין געקומען אַהיים, זענען מיינע עלטערן געווען איבערגעשראָקן, ווייל עמעצער האָט זיי צו וויסן געטאָן, אַז מען האָט מיך פארהאַלטן.

גרשון ווראצלאַווסקי

אלגעמיין־ציוניסטישע יוגנט

אויף פולאַווסקא 19 האָט זיך געפונען דער לאָקאַל פון דער ציוניסטישער יוגנט און פון אלגעמיין־ציוניסטישן החלוץ, וועלכע האָבן אין די לעצטע יאָרן פאַרגעשטעלט מיט זיך איין קערפערשאַפט. די אָרגאַניזאַציע האָט געציילט עטלעכע הונדערט מיטגלידער. דאָס אידעאָלאָגישע פּראָגראַם איז באַשטאַנען פון איין וואָרט: ארץ־ישראל. א דאַנק דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע געפינען זיך איצט אין ישראל נאָך צענדליקער פון די קאַלישער יידן.

די טעטיקייט איז באַשטאַנען אין איינאָרדענען זומער און ווינטער־קאָלאָניעס. די ווינטער־קאָלאָניעס האָבן געדינט אויך ווי א קורס אויף צוגרייטן אינסטרוקטאָרן פאר דער ווייטערדיקער ארבעט.

די חברים זענען אוועק אויף הכשרה פאר זייער עולה זיין. די מיטגלידערשאַפט אין דער אָרגאַניזאַציע און דער אַרויספאָר אויף הכשרה האָבן פון אָנהויב באַגעגנט א ווידערשטאַנד מצד די עלטערן, אָבער ביסלעכווייז איז די עפנטלעכע מיינונג באַהערשט געוואָרן און די טעטיקייט איז געוואָרן א נאָרמאַלע. דער לאָקאַל איז געווען אונדזער היים. מיר האָבן זיך באַטייליקט אין די קאַמפּאַניעס לטובת די נאַציאָנאַלע פאָנדן. דער ח' ישראל בינשטאָק און דער שרייבער פון די שורות זענען געשטאַנען בראש פון דער טעטיקייט ביז די לעצטע טעג.

אין נאָוועמבער 1939 איז מיר געלונגען, מיט דער הילף פון נאָך א חבר, צו באַגראָבן די פאָן "החלוץ הכלל ציוני" אינעם הויף פונעם לאָקאַל. דאָס איז געווען די קבורה.

ש. ר.

החלוץ

אין יאָר 1924, זעקס יאָר נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע, איז צום ערשטן מאָל אַרויסגעשוואומען די לייזונג פון עליה קיין ארץ־ישראל. עס האָט זיך אויסגעדוכט, אז אלע יידן זיצן אויף די פעקלעך. דער ענטוזיאַזם איז געווען גרויס און א סך האָבן זיך פאַרשריבן צו גיין צו פוס אין אויסגעבענקטן לאַנד.

אָבער די אַנטוישונג איז שנעל געקומען. אין די יאָרן 27—1926, אין דער צייט פון שווערן קריזיס, האָבן א סך זיך אומגעקערט און זיי האָבן אויסגערעדט אויפן לאַנד. און דווקא אין יענע שווערע יאָרן איז אַנטשטאַנען א באַוועגונג, פון אַנהייב זייער א באַשיידענע. "החלוץ" איז געשאַפן געוואָרן דורך איינצלנע מענטשן. מ'האָט געלערנט עברית און געזונגען העברעישע לידער.

דאָס איז געווען א נייעס. אין קאַליש האָבן זיך געפונען א סך יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, געווען אַן אַרבעטער־באַוועגונג, אָבער חוץ דער אָרגאַניזאַציע פון "השומר הצעיר", וואָס האָט דערצויגן די יוגנט צו א ווערטן־איבערשאַצונג (אמת, די טעטיקייט האָט זיך באַזירט בעיקר אויף דער שטודירנדיקער יוגנט), האָט קיין שום ציוניסטישע פּאַרטיי נישט אַרויסגערוקט דעם לאָזונג פון "הגשמה עצמית" (אייגענע עליה קיין ארץ־ישראל).

אין יענער צייט, ווען פון ארץ־ישראל זענען צוריקגעקומען די יורדים, האָט זיך קאָנסאָלידירט די קליינע "החלוץ"־גרופּע. יעדן אָוונט האָבן די חברים זיך געטראָפן אין שטאָטישן פּאַרק און געזונגען: "כולם ילכו מפה, רק אנחנו, רק אנחנו".

דער "החלוץ" האָט נישט געהאַט קיין קלוב. אין א געוויסער תקופה איז ער געווען טעטיק אין לאָקאַל פון פּועלי ציון אויף נאָווא 18, און אין אַן אַנדער צייט — אינעם קלוב פון "השומר הצעיר" אויף ציאַסנא. אָבער אומפאַרגעסלעך זענען געווען די אָוונטן אין פּאַרק. צייטנווייז איז געפאַלן א שניי, די קעלט איז געקראָכן אין די ביינער, אָבער די יינגלעך און מיידלעך זענען געגאַנגען געאָרעמטע און געחלומט וועגן א שענער לעבן.

אַן ערנסטע ווענדונג אין דער קאַלישער "החלוץ"־אָרגאַניזאַציע איז אַריינגעטראָטן מיטן באַווייזן זיך פון דניאל הלוי ז"ל. אין משך פון געציילטע טעג האָט ער איבערגענומען די אָנפירונג. דניאל הלוי איז געווען א מענטש מיט א קלאָרן געדאַנק, פעסטן ווילן, פון דער נאַטור אַן עקשן און צוגעבונדן צום ציל. זייער שנעל האָט ער אַוועקגעשטעלט דעם "החלוץ" אויף פעסטע יסודות. די פאַרבינדונג מיטן צענטער איז געוואָרן ענגער. דער "החלוץ" איז געוואַקסן און געוואָרן א צוצי־כוח פאַר דער יוגנט. ביסלעכווייז זענען די חברים געפאָרן אויף לאַנדווירטשאַפטלעכער הכשרה, אין די טאַרטאַקן "שחריה" און אין די שטיינהאַקערייען "קלאָסאָווא". אין א קורצער צייט אַרום איז דניאל גופא אַוועק אויף הכשרה און פאַרנומען א צענטראַל אָרט אין קיבוץ "קלאָסאָוו" און אין מרכז "החלוץ".

דער "החלוץ" אין קאַליש איז נישט געווען קיין מאַסן־באַוועגונג, אָבער זיין געזעלשאַפטלעכע וואָג איז געווען א גרויסע. דער נאָמען "חלוץ" האָט באַצויבערט. יידן האָבן דאָס נישט געקענט דעפינירן, אָבער זיי האָבן געפילט, אז זיי געפינען זיך פאַר א מעכטיקער ענדערונג. דער באָדן איז געווען גרייט צום אויפנעמען דעם פאַרזיי. אויך די חלוצים פון קאַליש האָבן זיך באַטייליקט אינעם עפענען א ניי בלאַט אין דער געשיכטע פונעם יידישן פאָלק.

עדזיא

דער קיבוץ „למפעל" אין קאליש

קאליש, די יידישע שטאָט, פון וועלכער עס זענען ארויס א סך חלוצים אין משך פון א לאנגער צייט, איז געווען ווייניקער איבערראשט פון דער באגעגעניש מיט אונז ווי מיר — מיט איר. די שטאָט צייכנט זיך אויס מיט איר לייכטער אינדוסטריע. באזונדערס אויפן געביט פון טיול און האפטן. דאָרט איז געווען א שיכט פון יידישן פּראָלעטאריאט מיט א פּראָלעטארישן באוווסטזיין און דערביי האָבן זיי געשטרעבט עולה צו זיין. זיי האָבן דאָס אויסגעדריקט דערמיט, וואָס די דערוואקסענע זענען געווען חברים פון די ציוניסטישע אָרגאניזאציעס און די יונגע זענען געווען טעטיק אין די יוגנט־אָרגאניזאציעס. א לאנגע תקופה האָט אָט די שטאָט פולסירט מיטן לעבן פון דער ציוניסטישער יוגנט, בלויז עטלעכע יאָר פאר אונזער אָנקומען איז דאָרט טעטיק געווען א גרויסער קן פון השומר הצעיר.

ווען די ערשטע גרופּע פון "למפעל" איז אָנגעקומען אין שטאָט אין יוני 1933, האָבן מיר נאָך געפונען אין דער קליינער דירה פון צוויי צימערן, אויף גורנאָשלאנסקא 95, די לעצטע פונעם פריערדיקן הכשרה־קיבוץ. אָבער אין גיכן זענען מיר געבליבן אליין אנטקעגן די שוועריקייטן פון אקלימאטיזירן זיך. דאָס איז געווען א באזונדערס שווערע תקופה, ווען די ציוניסטישע טעטיקייט, די יוגנט־באוועגונג און אויך דער קן פון דער באוועגונג האָבן זיך געפונען אין א מצב פון דעפּרעסיע. במשך פון איין מאָנאט זענען מיר געווען 60 חברים.

א טייל איז אריין אין דער אינדוסטריע און אין די יידישע פּראָפעסיעס, ווי שניידעריי. די יידישע פאבריקאנטן האָבן געקוקט אויף די חלוצים מיט כלומרשטע רחמנות, ווי זיי וואָלט געוואָלט זאָגן, אז בלויז אין זכות פון ציון האלטן זיי אונדז אין זייערע פאבריקן. דערביי האָבן זיי גוט אויסגענוצט אונדזערע בחורים ביי די פארשידענע ארבעטן ביי די מאשינען און ביים פּאַקן. די מיידלעך האָבן אהיימגענומען האפט־ארבעט. שעהן־לאנג האָבן זיי געצויגן דעם שווארצן פאָדעם, וואָס האָט געבונדן די גיפיורן. מיר האָבן גערופן די דאָזיקע ארבעט "ארויסציען קאָנסעקווענצן", רחמנא ליצלן.

אן אנדערער טייל פון די חברים איז געגאנגען צו פעלד־ארבעט, צו זלאטאָגורסקין, א ייד א ציוניסט, וועלכער האָט פארמאָגט א גרויסן גרינס־גאָרטן פון פּאָמידאָרן פאר פּראָדוקציע־צוועקן. אויף דער דאָזיקער ארבעט זענען געגאנגען אויך חברטעס. מיר האָבן גערופן זיי, ווי אויך די חברטעס וואָס האָבן געארבעט ביי די מעל־זעק אויף דער מיל — "זשוברעס", — א נאָמען, וועלכן עס האָבן געבראכט די חלוצים פון הייניאָווקא, אין אָנדענק פון די חיות פונעם ביאלאָוויעזשער וואלד.

דאָ זענען מיר דאָס ערשטע מאָל אריין אינעם קרייז פון ארבעטער־לעבן, אין זייער קאמף פאר בעסערע באדינגונגען. אינעם גרינס־גאָרטן, וואָס האָט זיך געפונען אינעם צענטער פון דער שטאָט האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף דער אכזריותדיקער באציונג לגבי דעם פּוילישן פויער מצד א געוויסן לייבוש, דעם ארבעטס־אָנפירער פון דער פּלאנטאציע. די פויערים האָבן אויף אונדז געקוקט ווי אויף משוגעים — זיי האָבן נישט געקאָנט באגרייפן ווי אזוי קען מען פארלאָזן גוטע שטיבער כדי צו הונגערן צוזאמען מיט זיי.

צוויי נישט קיין גרויסע צימערן מיט א קליינער קיך האָבן אונדז גענוצט פאר אַ שלאָפצימער און עסצימער, פאר א פארזאמלונג־זאל און פאר א לייען־ווינקל. מיר האָבן אויסגענוצט דעם פאקט, וואָס די צימערן זענען געווען הויך און מיר האָבן אויפגעבויט נארעס. אויף עסן האָבן מיר נישט קיין סך אכט געלייגט. מיר האָבן זיך פאָרגעשטעלט, אז דאָס איז א זייטיקער ענין — דער עיקר איז די אידעע. די ארבעטסלאָזיקייט צווישן א טייל פון אונדז ווי אויך דער קליינער לוין ביי די ארבעטנדיקע האָבן געשאפן שווערע לעבנס־באדינגונגען. נישט שטענדיק האָבן מיר געהאט ליכט — ווייל נישט תמיד האָבן מיר געהאט צו באצאָלן פאר ליכט.

די קולטור־טעטיקייט האָט זיך זייער אנטוויקלט — עס זענען טעטיק געווען א סך קרייזן,

באזונדערס אויפן געביט פון לערנען שפּראכן. זיי האָבן געארבעט אין אויסערגעוויינלעך שווערע באדינגונגען. מען האָט א סך געלייענט און געשמועסט אין אונדזערע צימערן.

מיר האָבן אנטוויקלט א צעצווייגטע געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע טעטיקייט. עס זענען פאָר־געקומען דיסקוסיע־אָוונטן, און אפילו דיסקוסיע־נעכט, מיט די חברים פּועלי־ציון לינקע, באגעגענישן מיט די קאָמוניסטן, וועלכע האָבן געטענהט, אז מיר נידעריקן אראָפּ דעם ארבעטסלוין, און אז אונדזער גאנצע ארבעט איז נאָר אויף עקספּאָרט.

ווען עס האָבן אָנגעהויבן צוקומען נייע חברים האָבן מיר געדונגען א גרויסע דירה אויף פּיסקאָזשעווא 15. דאָס איז געווען א גרויסער זאל פון א פּארלאָזטער פאבריק. מיר האָבן געמאכט די איינריכטונגען צו צעטיילן דעם זאל אויף שלאָף־צימערן, אן עס־צימער, אן ארבעטס־צימער מיט א סטאָלער־טיש, א שוסטער־טיש מיט א ניימאשין, א קיך און א מין טואלעט. די טואלעט איז באשטאנען פון א האלב פארמאכטן צימער, אין וועלכן עס זענען געשטאנען צוויי שיסלען. עס איז אין יענע טעג אָנגעקומען געווען דער זאָג: „יא פּאָ טאָביע" — איך נאָך דיר — די כוונה איז געווען די ר י י צום וואשן זיך. איין מאָל אין וואָך האָבן מיר זיך געבאָדן אין דער שטאָטישער מקווה, וועלכע מען פלעגט אָנהייצן ספּעציעל פאר אונדז. מיר האָבן ליקווידירט די נארעס אין די שטאָק, אָבער מיר זענען געשלאָפן צ ו ו י י אין א בעט. אינעם עס־צימער האָבן מיר אוועקגעשטעלט אן אייזערנעם אויוון, געהייצט מיט קויל. כאָטש עס איז געווען זייער אָרעם, דאָך האָט עס גענוצט אלס א צענטער פון געזעלשאַפטלעכן לעבן. מיר האָבן געקויפט א ראדיאָ. די אָרעמקייט און הונגער האָבן נאָך אַלץ געהערשט, אָבער מיר האָבן דאָס פארטויבט מיט פלאַמיקע טענץ, און אין די ליכט־איבעררייסן האָבן מיר פארבראכט אין א ראָמאנטיש געזאנג.

ס'איז געקומען דאָס דריטע יאָר פון הכשרה, און קיין סערטיפיקאטן זענען כמעט נישט געווען. די מערהייט פון די בחורים זענען גענומען געוואָרן אין מיליטער. מיר האָבן געדונגען א פּריוואטע דירה אויף דאָבזשעצקא. דאָס איז געווען א דירה פון צוויי צימערן, וועלכע מיר האָבן אויסגעמאָלן און אפילו אוועקגעלייגט עפּעס, וואָס איז ענלעך געווען צו טעפּיכער אויף דער פּאָדלאָגע. דאָרט איז געווען א לייען־צימער, אַ מוזיק־צימער — אפילו א באָד־צימער מיט הייס וואסער.

אויפן הויף האָבן מיר געהאט א גרינס־גאָרטן און א שטאל מיט איין קי, וואָס האָט צוגעצויגן די ליבע פון דער גאנצער גרופּע. אינעם אויפשטעלן אָט די ווירטשאפט האָט אונדז געהאָלפן דער פּאטראָנאט פון סימפּאטיקער. זיי האָבן אויך געהאָלפן מיטן עליה־פאָנד. סוף־סוף איז געקומען די עליה!

ח. ב.

ב י ת״ר

אין איינעם פון די שבתים פון יאָר 1929 האָבן אכט בחורים זיך געטראָפן אין א גאָרטן אויף גורנאָשלאָנסקא און באשלאָסן מיט א מערהייט שטימען צו גרינדן אין קאליש א „ברית טרומפּלדור". מיט א מערהייט שטימען — ווייל די מינדערהייט איז געווען גענייגט צו שאפן דעם „השומר הלאומי", וואָס איז דאן געווען אין דער מאָדע ביי דער רעכטער יוגנט. די גרינדערס זענען געווען: מאיר באום, מאיר פרוינד, יצחק באָרנשטיין, יהודה פישער, אברהם בערקאָוויטש, דוד הערשקאָוויטש, יהודה וואלדמאן און יהושע זאנדבערג. צווישן די ערשטע שטיצערס פון דער באוועגונג איז געווען ה' מענדזיזשעצקי־נהרי.

די מערהייט פון דער קאלישער יידישער יוגנט איז דאן געווען אָרגאניזירט אין „השומר הצעיר", אָדער אין ספּאָרט־אָרגאניזאציעס. ווען אין שטאָט איז געוואָרן באוווסט וועגן דער גרינדונג פונעם ביתר האָבן זיך אָנגעשלאָסן גאנצע גרופּעס יוגנט. די גרינדערס האָבן מיט זיך

פאַרגעשטעלט די ערשטע גרופּע „בוגרים". פונעם „השומר הצעיר" איז צו אונדז איבערגעגאַנגען א גרופּע פון 12—13 יאַריקע, צווישן זיי ברוך מאשעוויטש (אין ישראל, פאַרטרעטער פון אברהם שטערן), וואָס איז געקומען צו אונדז אין א קאַפּאָטע. די באַוועגונג האָט שוין געציילט ארום 60 מיטגלידער. מיר האָבן געדונגען א גרויסן זאַל אויף באַבינא־גאַס.

אין יאָר 1930 איז געקומען אויף א באַזוך זאב זשאַבאָטינסקי. זיין באַזוך האָט איבערגעלאָזט א גרויסן רושם אין שטאָט און אויף דער יוגנט. אין יענער צייט איז שוין געווען טעטיק אין „קן" בינם גרויזאַלץ, ווי דער קאָמענדאַנט. ער איז געווען א זשורנאַליסט און א ספּאָרטלער, וואָס האָט פאַרלאָזט דעם „ק. וו. 30", ווען דאָרט איז שטאַרק געוואָרן די השפּעה פון די אַסימילאַטאָרן, און ער איז אַריין אין ביתר. ער האָט דורכגעפירט די צוגרייטונגען צום קבלת פּנים פאַר זשאַבאָטינסקין, וואָס איז אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס כבוד. ווען ער איז אַדורכגעפאָרן די שטאָט אין אַן אָפענער קאַרעטע, האָבן די גויים געזאָגט: „דער יידישער קעניג איז געקומען". אין יענער תקופה איז אויך אַריין אין דער באַוועגונג אַלעש העלינג, דער זון פון גימנאַזיע־דירעקטאָר, און משה הערשקאָוויטש. די באַוועגונג האָט געציילט ביי 60 פּערזאָן. גרויזאַלץ האָט פאַרשטאַרקט די ספּאָרט־מיליטערישע דערציונג, אַרויסגעפירט דעם „קן" אין גאַס, און אָט די טעטיקייט האָט געהויבן דעם אָנזען פון ציוניזם.

אין 1930 איז אין וואַרשע פאָרגעקומען דער גרויסער צוזאַמענפאָר פון ביתר. דער קאַלישער „קן" האָט געשיקט א דעלעגאַציע פון 30 פּערזאָן. אין דער זעלבער צייט זענען געשאַפן געוואָרן סמל־קורסן אין זשעלאַנקא נעבן וואַרשע. עס זענען אויך געפאָרן חברים אויף הכשרה. די ערשטע זענען געווען: גאָרנשטיין, קאָט, בצלאל שייקעוויטש, צדיק און בערקאָוויטש.

אין 1933 איז געשאַפן געוואָרן א באָקסער־גרופּע. יצחק און שלום גאָרנשטיין, משה פויערא און טורענבערג האָבן געוווּנען דעם ערשטן פּלאַץ אין ד' פאַרמעסטונגען אין קאַליש, יעדער איינער לויט זיין וואָג. דאָס איז געווען דער אויפטריט פון יידן אין געביט פון באָקס־קאַמף, וואָס האָט א סך געהאָלפן צו דער ספּאָרט־מיליטערישער דערציונג פון דער יידישער יוגנט.

דעם 3טן מאַי האָט ביתר זיך באַטייליקט אין דער מאַניפעסטאַציע און אויפגעהויבן די נאַציאָנאַלע פאָן.

אין 1933 האָבן ביתר־חברים זיך באַטייליקט אין דער עליה ב' אויף דער שיף „וואַנדא". די שיף איז נישט דערגאַנגען צו די ברעגן פון ארץ־ישראל צוליב דעם מאַנגל אין שפּייז. דער „קן" האָט געשיקט נאָוואַקן לערנען זיך נאַוויגאַציע אין טשיוויטא וועקיא, איטאַליע.

„ברית החייל" — פון די באַפרייטע פון מיליטער — איז געשאַפן געוואָרן אין יאָר 1932. אין דער אַנטוויקלונג פון דער פאָן האָט זיך באַטייליקט אייזיק רעמבאַ. די אַקטיוויסטן — בעסער, ראַווסקי, וואַרטסקי. בראש פון ברית הצה"ר, געשאַפן אין זעלבן יאָר, איז געשטאַנען חיים ראָזענפעלד. עס איז אויך געשאַפן געוואָרן א דראַמקרייז און א כאָר. די אַקטיוויסטן — קיבעל, בערקאָוויטש, קלעפּפיש.

אין יאָר 1933 איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַן אָרגאַניזירטער אויספלוג דורך פּ. וו. מיט מיליטערישער אויסשטאַטונג אונטערן פּראָטעקטאָראַט פון דער רעגירונג.

צו די 5 יאָר זינט דער גרינדונג פון ביתר אין קאַליש איז דערשינען אין 1934 א בראָשור.

די באַוועגונג האָט זיך באַטייליקט אין האַנדל־באָיקאָט קעגן דייטשלאַנד אין יאָר 1936.

די רודערער־גרופּע פון „קן" האָט פאַרנומען דאָס ערשטע אָרט אינעם שטאָט־פאַרמעסט פון יאָר 1937. די מאַנשאַפט פון די געווינערס: פּאַגעל, גליצענשטיין, פויערא און לעווקאָוויטש.

אין די גרופּעס פלעגן פאָרקומען 3 טעטיקייטן אין וואָך, געווידמעט יידישע געשיכטע, געשיכטע פון ציוניזם, אָרדענונג־איבונגען, געזאַנג און טענץ, און שמועסן וועגן דיסציפּלין. דער „קן" האָט זיך באַטייליקט אין דער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט פון הצהר, אין די וואַלן אדג"ל. אין ברית הצהר זענען געווען אַקטיוו: קאָמפּנער, מאַמלאָק, ווייס. אין ביתר: ישראל פרידע, געצל ווייסבערג, יצחק בראָון, בצלאל שייקעוויטש, די ברידער פייפלאָוויטש, ראובן זשיוואַצקי, מאָנדעק וויינטראַוב, יחיאל זאַלץ, שאול קיבעל, משה קאַליסקי, יצחק קוטנער, ברוך אורבאַך.

בנימין צביאלי

"החלוץ המזרחי" און "השומר הדתי"

די ציוניסטישע דערוואַכונג ביי דער רעליגיעזער יוגנט אין פּוילן האָט זיך געפילט אויך אין קאַליש. א חוץ דעם "החלוץ המזרחי", ווו עס האָבן זיך קאָנצענטרירט די יוגנטלעכע, וואָס האָבן געלעבט פון זייער אייגענער ארבעט (פּאַראַלעל צו דער עלטערער גענעראַציע פון "מזרחי"), איז אויפגעשטאַנען די יוגנט־באַוועגונג "השומר הדתי", וואָס איז אייגנטלעך געווען א רעליגיעזע סקויטן־אָרגאַניזאַציע. אָט די אָרגאַניזאַציע האָט זיך איינגעפלאָכטן אין דער אלגעמיינע אונטערנעמונג פון הכשרה פאַר דער עליה און אויף איר איניציאַטיוו זענען אויפגעשטעלט געוואָרן א סך קיבוצים אין פּוילן, פון וועלכע עס זענען שפּעטער עולה געווען גרעינים און יחידים.

אינעם יאָר תרצ"ב האָט אין קאַליש אָנגעהויבן צו ארבעטן א קליינער גרעין פון יונגע ווי אַן אָפּטיילונג פונעם "השומר הדתי". די אינסטרוקטאָרן פון דער אָפּטיילונג זענען געווען: זלמן בעהאַריער, ישראל ליפשיץ, רפאל שפּירא און בנימין הערשקאָוויטש.

אין אָנהויב איז דער "השומר הדתי" געווען טעטיק אינעם קלוב פון "המזרחי", אין דעם אָפּענהיים־הויז אויף דער פּילסודסקי־גאַס. שפּעטער האָט מען געדונגען א גרויסן זאַל אויף דער נאָווא גאַס. די אָפּטיילונג האָט זיך צוזאַמענגעפלאָכטן מיט דער ברייטער ציוניס־טישער טעטיקייט פון די יוגנט־באַוועגונגען אין שטאָט. אין ל"ג בעומר פלעגט מען אָרגאַניזירן דעם טראַדיציאָנעלן לאַגער אינעם וואַלד נעבן דער שטאָט. ווען זיי פלעגן צוריקקומען אין זייערע סקויטן־מלבושים, צוזאַמען מיט אנדערע אָרגאַניזאַציעס, פלעגן אַלע איינוווינער זיי אויפנעמען מיט א סך התלהבות. אין יענע טעג איז אויך אין קאַליש געגרינדעט געוואָרן דער הכשרה־קיבוץ "תורה ועבודה". צו דעם קיבוץ זענען צוגעשטאַנען חברים פון גאַנץ פּוילן, און כמעט אַלע האָבן שפּעטער עולה געווען. א סך פון זיי פאַרנעמען איצט וויכטיקע שטעלעס אין ישראל. דער קיבוץ האָט זיך אויסגעהאַלטן פון דער ארבעט פון די חברים ביי בעלי־בתים, אין פאַרשידענע געשעפטן און פאַבריקן. די חברים האָבן זיך נישט געשראָקן פאַר קיין שום ארבעט. די עקאָנאָמישע סיטואַציע, ווי אויך די וווין־באַדינגונגען פונעם קיבוץ, זענען געווען זייער שווערע.

עטלעכע פון די חברים פונעם קיבוץ זענען אויך געווען די אינסטרוקטאָרן אינעם אָרטיקן "השומר הדתי".

י. קלעטשעווסקי

קאַלישער אין קאַמף קעגן פאַשיזם אין שפּאַניע אין די יאָרן 1936-1939

נישט געווען אזא אפשניט פון קאַמף פאַר פרייהייט אין גאַר דער וועלט, ווו די קאַלישער יוגנט זאָל נישט האָבן גענומען דעם אַקטיווסטן אנטייל.

די טראַדיציעס פון די קעמפער פאַר דער באַפרייונג פון דער מענטשהייט פון יעדן מין אָנטערדריקונג זענען געווען זייער שטאַרק ביי דער קאַלישער פּראָגרעסיווער יוגנט. צי איז דאָס געווען אין דער צייט פון קאַמף קעגן צאַריזם 1905—1906, צי איז דאָס געווען אין דער צייט פון דער סאַנאַציע־הערשאַפט — אומעטום און שטענדיק אויף דער זייט פון פּראָגרעס, קעגן דער רעאַקציע, מיט א רייכן צושטייער פון בלוט און קרבנות.

דעריבער איז קיין ווונדער נישט, אַז ווען אין יאָר 1936 זענען דערגאַנגען קיין פּוילן די ערשטע ידיעות, אז דאס שפּאַנישע פאָלק ראַנגלט זיך אין קאַמף פאַר זיין פרייהייט, האָבן זיי אַרויסגערופן דעם טיפסטן אָפּקלאַנג אין די הערצער פון דער קאַלישער פּראָג־רעסיווער יוגנט.

דורך וועגן און אומוועגן האבן זיך געלאזט אין דעם ווייטן שפאניע הונדערטער און טויזנטער פון די בעסטע זין פון פוילישן פאלק. צווישן זיי האבן אויך נישט געפעלט אונדזערע קאלישער תושבים.

כמעט דריי יאר איז אנגעגאנגען דער אומגלייכער גערא נגל קעגן די רעגולערע גוט באוואפנטע באנדעס פון היטלער־מוסאליני. קעגן דער אפענער און באהאלטענער מיטהילף מצד די "נייטראלע" מערב־מלוכות. דריי יאר האבן יונגע יינגלעך אפט "באַלעבאטישע קינדער" גוט באקאנטע אין קאליש, צוזאמען מיט שפאניער און זייט ביי זייט מיט טויזנטער קעמפער פון דער גארער וועלט, פרייוויליק געטראגן אויף זיך דעם חוב פון דערהאלטן די פרייהייט פון שפאנישן פאלק, און דורך דעם — די פרייהייט פון אלע פעלקער פון דער וועלט.

איינער פון די פאפולערסטע געשטאלטן פון דער אינטערנאציאנאלער בריגאדע איז געווען אונדזער בן־עיר אלעק שורעק, אקטיוויסט אין דער קאמוניסטישער באוועגונג פון קאליש, שפעטער אקטיוו אין דער קאמוניסטישער און פראפעסיאנעלער באוועגונג אין פראנקרייך. אין שפאניע אנטייל גענומען אין קאמף פון די ערשטע טעג אן, געווען אדיוטאנט ביי דעם רומפולן קאמאנדיר פון דער 35טער אינטערנאציאנאלער דיוויזיע גענעראל וואלטער שווערט־שעווסקי, געווען דער ליבלינג פון די אינטערבריגאדיסטן. ווען דער קאמף איז געווארן איבערגעריסן האט ער אויך ווייטער פארגעזעצט דעם קאמף אין די רייען פון דער ווידער־שטאנד־באוועגונג אין פראנקרייך.

אין שפאניע האבן מיר אויך געזען דעם אין קאליש גוט באקאנטן אין די ארבעטער־קרייזן מיט זיינע ארויסטריטן אויף ליטעראַרישע אוונטן יוסף רייכמאן. נאך דער שפאנישער עפאפייע, זייענדיק אין יאר 1939 אינטערנירט אין פראנצויזישן לאגער אין גירס, האט ער נאך געפונען אין זיך גענוג מאראלישן כוח איינצואָרדענען אין לאגער ליטעראַרישע אונטער־נעמונגען וועגן יידישע שרייבער און יידישע קולטור ווי, למשל, א שלום עליכם־אקאדעמיע. ער איז אומגעקומען בעת דער אקופאציע אין פראנקרייך.

צווישן די יידישע קעמפער פון קאליש זענען אויך געווען:

ישראל לאנגער, באקאנט אין קאליש אונטערן נאמען "טשאפ".

אברהם קאלמאנאוויטש, אקטיוויסט פון דער קאמוניסטישער באוועגונג, געפאלן אין פעב־רואר 1938 אויף דעם פראנט פון עסטראמאדורא.

הענעך בלאנרויט, שניידער־ארבעטער, אקטיוויסט אין דער פראפעסיאנעלער באוועגונג, געפאלן ביי מאדריד.

נאטעק קליין, אַנטיילגענומען אין די קאמפן אין שפאניע פון די ערשטע טעג אן אין די רייען פון דער טעלמאן־בריגאדע, שפעטער אקטיווער אַנטיילנעמער אין דער ווידער־שטאנד־באוועגונג אין פראנקרייך. העלדיש געפאלן 7 טעג פאר באפרייען גרענאָבל.

קלמן העלפאנד, שלמה סקיערא באלסקי, שלמה שלאַמאָוויטש.

נחמן פלעק, געקעמפט אין די רייען פון דער באטוין־קאמפאניע, אומגעקומען ביי דער עבראָ. דער לעצטער איז אומגעקומען אין פראנקרייך.

שלמה הילדעסהיים, געקעמפט אין דער לופטשוץ, איז געווען אין די לאגערן גירס, צפון־אפריקע — אומגעקומען.

איינער פון די ערשטע באטוויניסטן איז געווען דער 17־יאריקער קאמוניסט משה בליצבלוי. נאך פילצאליקע העלדישע מעשים אלס פארבינדלער איז ער, אין סעפטעמבער 1938, אריינגעפאלן צו די פאשיסטן אין געפאנגענשאפט. ער אנטלויפט און בעת דער מלחמה קעמפט ער אין די רייען פון פוילישן ים־פלאט. איצט איז ער אפיציר אין דער פוילישער ארמיי.

זיסקינד קאפעל, לעדער־ארבעטער, אקטיוויסט אין דער קאמוניסטישער פארטיי. פיל יארן פארבראכט אין די פוילישע תפיסות פון סאנאציע־רעזשים, געקעמפט אין די רייען פון דער באַטוין־קאמפאניע, געווען אינטערנירט אין צפון־אפריקע, שפעטער אריינגעטראטן אין דער קאשטשיושקאָ־דיוויזיע. איצט אפיציר אין דער פוילישער ארמיי.

שאול וויינריב, איינער פון די ערשטע אַנטיילנעמער אין די קאמפן אין שפאניע, אקטיוו זיך באטייליקט ביים אנטשטיין פון דער פאלקס־מיליץ.

חיים שטיין

וועגזוכער

דענע יאָרן, לויטערע יאָרן פון דער יוגנט־באַוועגונג, יאָרן פון דערוואַכונג, פון שטרעבונגען און פון בענקשאַפט נאָך א דערהויבענער ציל — זענען געווען אונדזער גרויסע פרייד פון לעבן.

אין אונדזער שטאָט, ווי אין אנדערע פוילישע שטעט, האָבן עקזיסטירט כמעט אלע פארטייען און יוגנט־באַוועגונגען, וואָס האָבן דאַן געווירקט אויף דער יידישער גאַס. מיר געדענקען די נעכט, פולע מיט אינהאַלט און מיט דורשט צום וויסן, ווען מיר זענען געזעסן אויף די רעפעראַטן, גענומען אָנטייל אין דיסקוסיעס. מיר זענען געווען גיריק צו וויסן אַלץ, וואָס עס קומט פאָר אויף דער וועלט, אָבער בראש פון אונדזערע באַגערן איז געווען אונדזער אייגענע וועלט.

אָט די וועלט איז געווען זייער צעשפּליטערט. פון איין זייט האָט זיך געפונען דער „בונד" און די „פראַקציע" — קעגנער פונעם ציוניזם, פון דער צווייטער זייט „פועלי ציון", און אין מיטן — די ציוניסטישע יוגנט־באַוועגונגען, וואָס האָבן געזען זייער הויפּטציל אין עליה קיין ארץ־ישראל.

אָט די העכסטע דערגרייכונג האָט אונדז פארכישופט. דאָס האָט געשמעקט מיט יוגנטלעכער געוואַגטקייט. אָבער דאָס איז געווען פארבונדן מיט א גרויסער אָנשטרענגונג און פעסטן ווידערשטאַנד קעגן אָנגענומענע מיינונגען.

איך קען א סך דערציילן וועגן יענע טעג, ווען מיר איז שווער געווען זיך אָפּצורייסן פון עלטערן, וואָס האָבן מיך געבעטן, אז איך זאָל ראַטעווען זייערע קינדער פון ארייַנפאַלן אין דער "געפערלעכער נעץ" פון "עליה". איך האָב זיי געדאַרפט באַרויקן. אָבער נישט שטענדיק האָבן זיי זיך באַנוגנט מיט בעטן. א סך מאָל בין איך געווען געצוווּנגען ארומ־צודרייען זיך אין גאַס שעהען, כדי ניצול צו ווערן פון די עלטערן, וואָס האָבן געוואַרט אויף מיר ביי מיין שטוב. די טעג פון הכשרה און לסוף פון עליה, די געבענטשטע און אומפארגעסלעכע טעג פאַר דער באַוועגונג, זענען פארוואַנדלט געוואָרן אין טעג פון געוויין און צאָרן פאַר די עלטערן און קרובים. מיר האָבן געמוזט ארויסווייזן א סך כוח און א שטאַרקן ווילן, כדי זיך ארויסצורייסן פון די ליבנדיקע אָרעמס, ווען אַנשטאָט א געזעגענונגס־שמייכל, האָבן מיר געזען טרערן פון פאַרדרוס.

דאָס דאָזיקע לעבן, פול מיט שיינקייט, חן, ווייטיק און גבורה — איז געווען דאָס לעבן פון דער יוגנט־באַוועגונג. די וועלט ארום אונדז איז ווי פארגעסן געוואָרן, און אונדזער קומענדיקע באַשעפטיקונג איז געווען די שאַפונג פון מאָרגן, א ראָזער חלום.

נישט ווייניק האָבן אונדז געהאָלפן דערציער און די דערוואַקסענע מענטשן מיט גוטן ווילן, הגם נישט שטענדיק איז זייער הילף געווען לטובה, ווארעם זיי אליין האָבן דאָך געשטעקט אין דער וועלט פון בטלנות, אין גרויען, איינטאָניקן און האָפענונגלאָזן לעבן. די אויפגאַבע פון די ציוניסטישע און מזרחיסטישע קרייזן איז געווען צו זאַמלען געלט, לויטן באַקאַנטן ווערטל: "נעם געלט פון איין ייד, כדי א צווייטער זאָל קענען עולה זיין". צווישן ציוניסטן און מזרחיסטן זענען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געוואָלט עולה זיין, אָבער זיי האָבן נישט געהאַט קיין געלט און דערצו נאָך האָט אויף זיי געשווערט די לאַסט פון די נויטבאַדערפטיקע משפחות.

איך וויל דערמאָנען א פּאָפּולערן נאָמען צווישן דער יוגנט: יורעק קלינגער, א געבילדעטער, אָן אומגליקלעכער און געטראָפענער פונעם גורל. ווער געדענקט דען נישט זיין אָפּגעלאָזענעם גאַנג, זיין צעדרייטן קאַפּעלוש אויפן קאָפּ און דעם לעכערלעכן געבוי פון זיין גוף. ער פלעגט אריינגיין אין יעדן יוגנט־קלוב, א געבעטענער און נישט געבעטענער. ער האָט רעפערירט, דיסקוסירט, געלערנט אנדערע, אליין זיך געלערנט, אויפמערקזאַם צו אַלץ וואָס עס קומט פאָר ביי דער יידישער יוגנט. א סך האָט מען מיר דערציילט וועגן אים. ער האָט איינגעשטעלט

זיין לעבן פאר אנדערע. די נאציס האָבן אים געכאפּט אין מיטן דער ארבעט און אים דערהרגעט. כבוד זיין אָנדענק.

★

נאָך א נאָמען, וואס איז געווען א מוסטער און א שטאָלץ: דער אלטער ייד שבתאי זיידאָרף, באפולמעכטיקטער פונעם "קרן־קימת". א פיינע באנעמונג און טאקטיש צו מענטשן. אין "קרן קימת" האָט ער געזען ממש א הייליקע ארבעט. ער האָט זיך באטראכט פאר דעם עלטסטן צווישן די קאלישער ציוניסטן. ער האָט ליב געהאט צו דערציילן פארגעסענע זאכן און דערביי האָט ער ארויסגעוויזן זיינע גרויסע פעיקייטן.

א סך זעלטענע געשטאלטן זענען געווען ביי אונדז אין שטאָט. עס איז נישט מעגלעך זיי אויסצורעכענען. אין שטאָט האָט זיך געפירט אן אינטענסיווע ציוניסטישע טעטיקייט אויף אלע געביטן: אין קהילה־ראט, אין שטאָטראט. עס איז כדאי אָפּצומערקן דעם באזוך פון הרב פישמאן לטובת דער "קרן היסוד". אין מיטן זיין רעדע האָט זיך אריינגעריסן "אגודת ישראל" און ארויס־גערופן א מהומה. דאָך האָט ער פארענדיקט זיין רעדע מיט דערפאָלג.

דער באזוך פון ח. נ. ביאליק איז פארוואנדלט געוואָרן אין א יום־טוב פאר אונדזער שטאָט. אלע יוגנט־באוועגונגען, אלע ציוניסטן, האָבן זיך באטייליקט אינעם קבלת־פנים. די שילערס פון דער העברעישער גימנאזיע האָבן געטראָגן זיין קארעטע אויף די אקסלען.

אונדזער שטאָט איז געוואָרן באזוכט פון די בעסטע יידישע רעפערענטן און א גרויסער עולם איז געקומען זיי הערן.

די באוועגונג "החלוץ המרכזי" איז אנטשטאנען פון יוגנט, וואס האָט, צוליב פארשידענע סיבות, נישט געפונען איר פלאץ אין אנדערע יוגנט־באוועגונגען. איין זאך איז קלאָר געווען: אז דער רוב יוגנט, וואס האָט געזוכט א וועג צו חלוציות, האָט געפונען אין דער באוועגונג דעם הויפּט ציל פון אונדזער האָפענונג — די עליה קיין ארץ־ישראל. אָט די באוועגונג איז ארייג־געדרונגען צווישן דער יוגנט פון "עמך", קינדער פון האַראַפּאַשניקעס, וואס א סך פון זיי זענען געווען בונדיסטן. גאנץ מעגלעך, אז זיי האָבן בכלל זיך נישט אינטערעסירט, וווהין זייערע קינדער גייען. אזוי ארום האָט די באוועגונג ארומגענומען הונדערטער פון צווישן דער בעסטער יוגנט און צוזאמען האָבן זיי געשאפן א קאָנסאָלידירטע מחנה ארום דעם ציוניסטישן געדאנק. אמת, די באוועגונג האָט נישט געהאט קיין גרויסע טראדיציע און אויך נישט קיין גענוגנדיקע אָנפירונג. בלויז א דאנק די וועגזוכער, וואס האָבן קלאָר געוווסט, אז דער איינציקער ציל איז עליה, האָט זי באוויזן זיך צו אנטוויקלען.

מאיר פאקענטרעגער

דאס יידישע קולטור־לעבן אין קאליש

ווי א שטאָט צווישן פּראָווינץ־שטעט מיט א יידישער באפעלקערונג פון קרוב 30 טויזנט, דארף קאליש זיך נישט שעמען מיט אירע קולטור־דערגרייכונגען אויף די געביטן פון פרעסע, טעאטער, קונסט אדג"ל.

אין יאָר 1919 איז לויט דער דער איניציאטיוו פון שרייבער און זשורנאליסטן געשאפן געוואָרן די ערשטע יידישע וואָכנצייטונג אין קאליש "די קאלישער וואָך". דאס איז געווען דער אָרגאן פון די אלגעמיינע ציוניסטן. די צייטונג איז געוואָרן רעדאגירט דורך מ. אבראמאָוויטש און שלמה בריש. דאָס וואָכנבלאט האָט שנעל זיך דערוואָרבן די סימפּאטיע פון דער לייענערשאפט און איז געוואָרן פארשפרייט אין עטלעכע טויזנט עקזעמפּלארן.

די צייטונג האָט קאָנצענטרירט ארום זיך די שרייבערס: מ. אבראמאָוויטש, שלמה בריש, זלמן קאפלאן, הערשל סאלניק, מרדכי שמולעוויטש, מ. וויערושעווסקי. פון צייט צו צייט האָט

פאַרעפנטלעכט אין דער צייטונג אירע לידער די דיכטערין ראָזאַ יאַקובאָוויטש, וועלכע פלעגט דרוקן אירע תנ״כישע לידער אין װאַרשעװער ״היינט״ (איר מאַן איז געװען דער שפּיצן־פאַבריקאַנט אביגדור יאַקובאָוויטש). דער הויפּטשרייבער אין דער צייטונג איז געװען שלמה בריש. ער האָט פאַרעפנטלעכט שאַרפע און טרעפלעכע פעליעטאָנען, אין וועלכע ער האָט אויף אַ לייכטן אופן קריטיקירט די אַרטיקע עסקנים און אינסטיטוציעס.

אין זעלבן יאָר האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען דאָס צווייטע יידישע וואָכנבלאַט, ״דאָס קאַלישער לעבן״, אונטער דער רעדאַקציע פון י. מאַמלאָק, אַ פּעיקער זשורנאַליסט און רעדאַקטאָר, אַ געוועזער ישיבה־בחור. ער האָט אויפגעהויבן דעם ניווא פון דער וואָכנצייטונג. זיין וואָכנטלעכער פעליעטאָן איז געשריבן געוואָרן מיט חכמה און געווען אָנגעפּראָפּט מיט פּסוקים פון יידישן קוואַל. ער איז גלייכצייטיק געווען קאָרעספּאָנדענט פונעם װאַרשעװער ״מאָמענט״. אין דער וואָכנשריפט האָבן זיך באַטייליקט יעקב אלבערשטיין, שלמה רובין, משה פּלינקער און מאיר פּאַקענטרעגער.

אַ געוויסע צייט איז אויך דערשינען אַן אָרטאָדאָקסישע צייטונג. אין יאָר 1930 האָט יעקב אַלבערשטיין ארויסגעגעבן אַ טעגלעכע צייטונג ״דער קאַלישער עקספּרעס״, אָבער נאָך אַ קורצער צייט האָט די צייטונג אויפגעהערט צו דערשיינען.

אין יאָר 1926 איז אין קלעצקין־פאַרלאַג אין וואַרשע דערשינען אַ בוך דערציילונגען פון הערשל סאָלניק ״פון אלטן קלויסטער״. פאַקטיש איז דאָס בוך ארויס אויפן חשבון פונעם מחבר. די קריטיק האָט דאָס בוך פאַרשוויגן. די דיכטערין ראָזאַ יאַקובאָוויטש האָט אָנגעשריבן אַן אַרטיקל וועגן דעם בוך, אָבער דער ״היינט״ האָט זיך אָפּגעזאָגט עס צו דרוקן.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אויסגאַבע צום ״מכבי״־יובל אין יאָר 1939 האָט זלמן קאַפּלאַן געשריבן אין דער קאַלישער וואָך באַמערקונגען וועגן דער אַנטשטייונג פון דער ספּאָרט־באַוועגונג אין קאַליש: ״עס וועט נישט זיין קיין פּאַראַדאָקס, אויב איך וועל זאָגן, אַז די פּייערונגען זענען פאַרבונדן אין זייער אָנהויב מיטן געזאַנג־פאַראיין ״הזמיר״. פון אים האָט זיך אָנגעהויבן די ספּאָרט־באַוועגונג. דאָס איז געשען אין יאָר 1912. די יוגנט איז געווען זייער באַשעפטיקט אין דער דערפאָלגרייכער שפּיצן־אינדוסטריע, און עס האָט איר באַהערשט אַ דראַנג צו שאַפן פאַר זיך אַ ווינקל אויף חברישע באַגעגענישן. אין יענער צייט האָבן בכלל נישט עקזיסטירט קיין שום וועלטלעכע געזעלשאַפטן. אַן אַנטוויקלטן געזעלשאַפטלעכן חוש האָט דאַן ארויסגעוויזן דער קאַלישער פאַבריקאַנט האַנטווורצעל, וואָס האָט זיך געשטעלט בראש פון פאַראיין ״הזמיר״.

דער דיריגענט קרושאַנסקי האָט דיריגירט מיטן כאָר און מיטן סימפאָנישן אָרקעסטער. מען האָט דערלאַנגט דער מאַכט אַ סטאַטוט אויף צו באַשטעטיקן. אַלץ איז געגאַנגען כשורה, ווען נישט דער צאַרישער רעזשים, וואָס האָט נישט ארויסגעוויזן קיין חשק צו דערלויבן וועלכע עס איז געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט. נאָך עטלעכע וואָכן איז אָנגעקומען אַ באַפעל אויפצולייזן די געזעלשאַפט. אָט די גזירה האָט געשטויסן אין אַ צווייטער ריכטונג. עס איז אַנטשטאַנען דער געדאַנק צו שאַפן אַ ספּאָרט־פאַראיין.

ה׳ האַנטווורצעל איז געווען זייער דערשלאָגן נאָכן דורכפאַל פון ״הזמיר״ און ער האָט מער נישט געוואָלט העלפן. מיר האָבן אָבער געדאַרפט געפינען אַ צוטריט צו די מאַכט־אָרגאַנען, און דאָס איינציקע מיטל דאָס צו באַקומען איז געווען — כאַבאַר. מיר זענען אוועק אויף דעם וועג און ארויסגעהאָלפן זיך מיט די איינפלוסן פונעם באַנקיר הערמאַן לאַנדוי און דעם פאַבריקאַנט האַנטווורצעל, וואָס האָט ענדלעך דערלויבט, אַז מען זאָל אים צוציען צו דער זאַך. און אַזוי אין אַ מזלדיקער שעה געשאַפן געוואָרן דער ספּאָרט־פאַרבאַנד, וואָס האָט אריינגענומען אין זיך דעם ״הזמיר״.

די זעלבע גרופּע פון ״הזמיר״ האָט אויך דורכגעפירט די קולטור־אַרבעט אין פאַרבאַנד. אין משך פון די יאָרן האָבן די חברים אדורכגעפירט אינטערעסאַנטע ליטעראַריש־מוזיקאַלישע אָוונטן, אויפגעפירט אויף דער בינע אָפּערעטעס פון גאָלדפאַדען א״א אויף אַ פיינעם קינסטלערישן ניוואָ.

אינטערעסאַנט איז געווען דער באַשלוס פון דעם אָרגאַניזיר־קאָמיטעט נישט אריינצונעמען קיין פרויען אלס מיטגלידערינס אין פאַרבאַנד. דער פּאָרזיצער לאַנדוי האָט עקשנותדיק פאַר־

טיידיקט די דאָזיקע שטעלונג. אין שייכות דערמיט האָט ער געזאָגט: "דאָס דאָזיקע געשלעכט וועט אייך נאָך פאַרשאַפן גענוג צרות". אָבער די ערשטע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג האָט באַשלאָסן צו דערלויבן פרויען אַריינצוטרעטן אין דער געזעלשאַפט.

הגם דער פאַרבאַנד האָט בעיקר זיך פאַרנומען מיט ספּאָרט, האָט ער אויך אַ סך געטאָן אויף אַנדערע קולטור־געביטן. צום באַדויערן זענען נישט פאַרהיט געוואָרן די אַרכיוו־מאַטעריאַלן פון פאַרבאַנד, וואָס וואָלט פאַר אונדז אויפגעדעקט אַן אינטערעסאַנט בילד פון פּיאָנערישער אַרבעט אין משך פון 25 יאָר.

געציילטע זענען געווען די יידישע שרייבער און זשורנאַליסטן אין קאַליש. זיי האָבן זיך קאָנצענטרירט אַרום די צוויי יידישע וואָכנצייטונגען און בייגעשטייערט לויט זייערע מעגלעכקייטן צו דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער קולטור.

בראש פון דער גרופּע האָט זיך אָנגעזען די דיכטערין ראָזאַ יאַקובאָוויטש, די אויטאָרין פונעם בוך לידער "מיינע געזאַנגען". זי האָט אָנגעהויבן שרייבן נאָך אין די צייטן פון י. ל. פּרץ, און אין דער תקופה, וואָס ווערט דאָ געשילדערט, האָט זי שוין געהאַט נאָך זיך אַ סטאַזש פון 30 יאָר ליטעראַרישע טעטיקייט. אין דעם הויז פון ראָזאַ יאַקובאָוויטש פלעגן אַריינקומען אַלע אָרטיקע שרייבער, כדי צו לייענען פאַר איר זייערע שאַפונגען, צו הערן איר מיינונג און באַקומען אַן עצה און אָנווייזונג.

די אַריינקומערס צו איר אין שטוב זענען געווען פאַרשידנאַרטיקע. איך וועל דערמאָנען עטלעכע פון זיי. יעקב אַלבערשטיין האָט געוואָלט זיין אַ גרויסער שרייבער און ער האָט אַריינגעלייגט אין אָט דעם חשק אַ סך צייט און געלט. ער איז געווען אַ פעיקער מענטש, אָבער ער האָט נישט געוואָלט לערנען און זיך פאַרפולקאָמען. יאָרן האָט ער זיך אַרומגעטראָגן מיט אָט דער "קראַנקייט", ביז אין איינעם אַ טאָג האָט ער זיך באַפרייט פון די נסיונות און געוואָרן אַ גרויסער סוחר.

אויך הערשל סאָלניק איז געווען אַן אַריינגייער צו ראָזאַ יאַקובאָוויטש, אָבער ער האָט געהאַלטן פון זיך און זיך באַצויגן מיט ביטול צו די יינגערע שרייבערס. איך וועל אויך דערמאָנען דעם דיכטער מרדכי שמולעוויטש און ישראל רובין. ישראל רובין האָט אַ סך געשריבן פאַרן טעאַטער און פאַר דער קליינקונסט־בינע. זיינע בילדלעך און סקעטשן זענען אויפגעפירט געוואָרן מיט דערפאָלג דורך דער קליינקונסט־בינע "קאָמעט" אין קאַליש. ווער געדענקט דען נישט זיין באַרימטן נומער "וואָס וועל איך האָבן דערפון?" אין אַ צייט אַרום איז ישראל רובין אוועק קיין לאָדזש און אויפגעהערט צו שרייבן.

פון די זשורנאַליסטן וועל איך דערמאָנען משה פלינקער, דוד קליין, מ. אַבראַמאָוויטש, י. מאַמלאָק און שלמה בריש. אַחוץ ראָזאַ יאַקובאָוויטש, דוד קליין, ז. באַפּלאָ און דער שרייבער פון די שורות, איז קיינער נישט געבליבן לעבן און זייערע קברים זענען אומבאַקאַנט.

קיין קאַליש פלעגן אָפט קומען פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן־טרופּעס פון וואַרשע און שפּילן טעאַטער אונטער דער דירעקציע פון לעווין (דער געלער לעווין). אין שטאָט זענען אויך געווען טעטיק צוויי דראַמקרייזן, איינער פון "בונד" און דער צווייטער פון "פּועלי־ציון־לינקע". דער קרייז פון פּועלי־ציון־לינקע האָט אַרויסגעוויזן אַן אינטענסיווע טעטיקייט און געזאַמלט אַרום זיך די בעסטע אַמאַטאָרישע כוחות, ווי: די ברידער לייביש און וועלוול יאַקובאָוויטש, לובעלסקי, מאַטושיאַק, די חברטע ראָזענצווייג, חנקע יאַכימאָוויטש, קליין, שפּרינגער און אַברהם לעדער, דאָס פּאָרל נאַקאַרט, די חברטע שלימאָוויטש, די חברטע קוכטשיק, די ברידער יאַכימאָוויטש, זעלדע שפּרינגער א"א. בראש פון דעם דראַמקרייז איז געשטאַנען דער פעיקער רעזשיסער לייביש יאַקובאָוויטש. די יוגנט און די גאַנצע פּראָגרעסיווע יידישע באַפעלקערונג האָבן הויך געשאַצט די טעטיקייט פונעם דראַמקרייז. בעת די פאָרשטעלונגען איז דער זאַל פון "אַרבעטער־היים" אויף ציאַסנאַ 6 געווען פול פון עק ביז עק. דער דאָזיקער דראַמקרייז האָט אויפגעפירט בעסערע פּיעסן, צווישן זיי — דעם "דיבוק" פון ש. אַנסקי.

אין יאָר 1923 איז לויט דער איניציאַטיוו פונעם דיכטער משה בראָדערזאָן געשאַפן געוואָרן דאָס קליינקונסט־טעאַטער "קאָמעט". דאָס טעאַטער האָט אויפגעפירט בילדער, סקעטשן און לידער פון משה בראָדערזאָן און רובין. די הויפּט־אַקטריסע אין דעם טעאַטער איז געווען ביאַנקאַ שלימאָוויטש. דאָס טעאַטער האָט געהאַט אַ גוטן שם ביי דער יידישער באַפעלקערונג אין קאַליש.

ש. באום

קולטור־אַרבעט 1939-1918

אין יאָר 1918, ווען פוילן איז באַפרייט געוואָרן און עס איז אויסגעבראָכן די פויליש־רוסישע קריג איז קיין אָרגאַניזאַציאָנעל לעבן כמעט נישט געווען. אַלע פּאַרטייען זענען געווען אומלעגאַל. דאַן האָט זיך געעפנט דער אַזוי גערופענער "יידישער טורן־און ספּאָרט־פאַראיין" און עס האָבן זיך אָנגעהויבן גרופּירן די יידישע געזעלשאַפטלעכע כוחות פון אַלע שיכטן און פּאַרטייען. אונטערן מאַנטל פון טורן־פאַראיין האָבן זיך קאָנצענטרירט גרופּן פון פועלי ציון לינקע, פון פועלי ציון רעכטע, בונד, און אפילו קאָמוניסטן, ווייל דאָס איז געווען דער איינציקער פּלאַץ און מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען די יידישע קולטור־אויפלעבונג.

עס האָט זיך געשאַפן א ביבליאָטעק, וועלכע האָט געגעבן זייער פיל פון די יידישע יוגנט דעם ערשטן שטויס צו קולטור און וויסנשאַפט, עס האָבן זיך אָרגאַניזירט אָוונט־קורסן אין פויליש, עברית און אַנדערע שפּראַכן, 3 מאָל וועכנטלעך זענען געוואָרן איינגעאָרדנט וויסנשאַפטלעכע און מעדיציניש פאָרלעזונגען. אַז מען איז אַרויפגעקומען אין טורן־פאַראיין האָט עס געקאָכט און גערוישט פול מיט לעבן, און ווער שמועסט נאָך, אַז עס איז געקומען צו וואַלן פון א פאַרוואַלטונג — דאַן א־ז געווען ליהודים... יעדער פּאַרטיי האָט געוואָלט האָבן וואָס מער פון אירע פאַרטרעטער אין דער פאַרוואַלטונג, איז די אַגיטאַציע און דער קאַמף געווען זייער א פאַרעקשנטער...

אין יאָר 1921 איז געקומען א געוויסער ה' וויטקאָווסקי פון קוטנע און פאָרגעשלאָגן דער פאַרוואַלטונג צו גרינדן א יידישן בלאָז־אָרקעסטער. מ'האָט אָנגעהויבן ווערבירן מיט־גלידער און גלייך אינטענסיוו צו לערנען שפּילן. אין פאַרלויף פון 3 חדשים איז דער אָרקעסטער אַרויסגעטראָטן אין דער עפנטלעכקייט און ער איז געוואָרן דער ליבלינג פון דער קאַלישער יידישער באַפעלקערונג. דער אָרקעסטער האָט איינגעאָרדנט קאָנצערטן, אָנטייל גענומען אויף טורן־פעסטן, אויספלוגן, ווי אויך אין יידישע אָרגאַניזאַציעס און ספּאָרט־קלובן פון די פּראָווינץ־שטעט ווי: זדונסקא־וואָלא, בלאַשקי, שעראַדז, וויעלון און קוטנע. ווו מיר זענען אָנגעקומען, איז געווען א גרויסער יום־טוב. דאָס גאַנצע יידישע שטעטל איז אונדז געקומען מקבל פּנים זיין, אַלט און יונג, פרום און נישט פרום — דער אָרקעסטער איז געווען באַליבט ביי אַלע, חוץ די פוילישע אַנטיסעמיטן, וואָס האָבן אונדז נישט געקענט זען אויף די אויגן. ביי יעדן אַרויסמאַרשירן אויף אַן אויספלוג אָדער ביי אַנדער געלעגנהייטן זענען זיי אונדז באַפאַלן און באַוואָרפן מיט שטיינער.

עס איז כדאי צו באַשרייבן א בילד פון זייער רוצחישער פירונג און פון אונדזער יידישער העלדישקייט. אונדזער פוטבאָל־מאַנשאַפט האָט געשפּילט א פוטבאָל־מעטש מיט א פוילישער מאַנשאַפט און גאָט האָט געהאָלפן, אַז אונדזערע האָבן געוווּנען דעם מעטש. באַלד האָט מען געזען, אַז עס מאַכט זיך א קאָכעניש. מיר האָבן זיך אויסגעשטעלט אין די רייען, פון פראָנט דער אָרקעסטער, און אָפּמאַרשירט צום טורן־פאַראיין, וועלכער האָט זיך, ווי באַוווּסט, געפונען אויף פּולאַסקיעגאָ. ווען מיר זענען אָנגעקומען צום "סאָנד אָקרענגאָווי" זענען די כוליגאַנעס אונדז באַפאַלן. מיר האָבן זיי אָפּגעשטויסן און מאַרשירט ווייטער. אָנקומענדיק אויף פּולאַסקיעגאָ, א־ז אונדז אַנטקעגנגעקומען א גאַנצע באַנדע און עס האָט זיך אָנגעהויבן א קאַמף. מיר האָבן די קינדער און פרויען און דעם אָרקעסטער אַרויפגעשיקט אין לאָקאַל און אונדזערע בחורים האָבן זיך געכאַפּט צו די האָלץ־פּלאַשן (וואָס זענען געווען צום איבן די הענט) און אַראָפּ צום קאַמף. עס איז געוואָרן אַן אמתע שלאַכט. מען האָט אַרויפגעבערענגט פאַרוווּנדעטע און עס האָבן זיך באַלד געשטעלט פרייוויליק פרישע בחורים. די כוליגאַנעס האָבן באַקומען אָנגעלערנט.

אין יאָר 1929 איז דער ה' וויטקאָווסקי אַוועק פון קאַליש און איך האָב איבערגענומען די לייטונג פון אָרקעסטער.

שפּעטער האָט זיך אויך געשאַפן א סימפאָנישער אָרקעסטער און א כאָר, אונטער דער לייטונג פון ה' קרוטשאַנסקי (איך בעט ביי אים אַנטשולדיקונג, ווייל איך געדענק נישט קיין

דאטע. נאָך די אלע צרות וואָס איך בין אדורכגעגאנגען אין די געטאָס און לאַגערן, איז ביי מיר דער זכרון א ביסל אָפּגעשוואכט). אויך האָט זיך געשאפן א ציקליסטן־סעקציע, וועלכע האָט געהאט א באדייטנדיקע צאָל מיטגלידער. ביי יעדן עפנטלעכן ארויסטריט פון טורן־פאראיין, ווי טורן־פעסטן, אויספלוגן, זענען די ציקליסטן געפאָרן פון פראָנט, און דאָס האָט באשיינט דעם מארש און דעם אלגעמיינעם אויסזען.

עס איז אויך געשאפן געוואָרן א דראמאטישער קרייז, וועלכער האָט אויסגעפירט פיעסן און אָפּערעטן מיט גרויס דערפאָלג.

אין פארלויף פון די יאָרן זענען געווען פרעזעסן פון טורן־פאראיין: ד״ר הענריק סאָלניק, ד״ר שוועד, ד״ר מילער, אהרן פרידע, לעאָן דאנציגער און מייזנע.

אזוי האָט זיך אלץ געהאלטן ביז די יאָרן בערך 1923—24, דערנאָך האָבן זיך אָנגעהויבן לעגאליזירן די פארטייען און יעדע פארטיי האָט געמאכט שבת פאר זיך. יעדער ספּאָרט־קלוב האָט געשאפן דראמאטישע סעקציעס און די כוחות האָבן זיך צעשפּליטערט, אָבער דאָך האָט יעדער געפירט זיין טעטיקייט, צוגעצויגן זיינע אָנהענגער, און די יידישע קאלישער יוגנט האָט געליפערט כוחות פאר אלע.

בערך אין יאָר 1933—34 האָט זיך אָפּגעשפּאָלטן פון טורן־פאראיין א גרויסע גרופּע מיטגלידער, וואָס האָבן אין שטאָט ווערבירט מיטגלידער און אָנהענגער און געעפנט דעם ספּאָרט־קלוב „מכבי״, וועלכער האָט געפירט א ברייטע טעטיקייט נאָר אויפן ספּאָרט־געביט. באלד דערנאָך האָט זיך געשאפן דער ספּאָרט־קלוב „הפועל״, וועלכער האָט אויסגעוויילט איר ערשטע פארוואלטונג לויטן פאָלגנדיקן צוזאמענשטעל: פאָרזיצער שמעון באום, סעקרעטאר גד גאָלדמאן, מיטגלידער: מרדכי בלאשקאָווסקי, לאשצעווסקי און פּיאָטרקאָווסקי. דער ספּאָרט־קלוב „הפועל״ האָט זיך אנטוויקלט זייער שיין. אין פארלויף פון 3 חדשים האָט דער „הפועל״ אויסגעפירט דעם ערשטן טורן־פעסט, וועלכער האָט זיך זייער גוט איינגעגעבן. ביים „הפועל״ האָט זיך אויך געשאפן א דראמאטישע סעקציע, וועלכע האָט אויסגעפירט זייער ערנסטע און אינטערעסאנטע פיעסן און געהאט גרויסן דערפאָלג.

אויך האָט זיך געשאפן אין קאליש דער אזוי גערופענער „העובד״, אין וועלכן ס׳האָבן זיך גרופּירט האנטווערקער און ארבעטער. דאָרט זענען איינגעאָרדנט געוואָרן עברית־קורסן און עס איז אויך געפירט געוואָרן א קולטור־טעטיקייט. מיט איין וואָרט: דער יידישער טורן־און ספּאָרט־פאראיין איז געווען דאָס וויגעלע פון קאלישער יידישן פארטייאישן און קולטורעלן לעבן.

לאה כמיעלעווסקי

די ציש״א־שול א. נ. פון באראכאוו

איך וויל דערציילן וועגן די פּשוטע ארבעטסמענטשן, וואָס האָבן געגאַרט אריינצובערענגען אין זייער גרא, פארחושכט און אָרעם לעבן א ביסל פרייד, גייסטיקייט און יום־טובדיקייט. וואָרעם די מערהייט פון די שילער־עלטערן און פון די עסקנים, וואָס האָבן געטאָן פאר דער שול, אנטוויקלט זי מיט ליבשאפט און מסירת נפש, זענען געווען ארבעטער. אָט די ארבעטער פלעגן נאָך א טאָג שווערע האָרעוואניע קומען אין שול ווי אין א מין הייליק אָרט און נאָכגעקוקט אין יעדן ווינקעלע: צי עס רינט נישט פון א קראַן, צי א שויב איז נישט צעבראָכן, אָדער אפשר איז דער פּארקאן צעבראָכן. ווי גרויס איז געווען זייער פרייד ווען זיי האָבן געטראָפן אלץ אין אָרדענונג, אז זייער באליבטע אינסטיטוציע איז גאנץ און טעטיק.

די שול איז געווען בארימט נישט בלויז צווישן דער יידישער אינטעליגענץ, נאָר אויך צווישן די קולטור־טוערס פון פּ.פּ.ס., און זייערע חברים אין שטאָטראט זענען געקומען זען דאָס וווּנדער אויף נאָווא 17. זיי זענען געוואָרן איבערראשט דערפון, וואָס די לערן־שפּראך אין דער שול

איז יידיש, און די שילער קענען אויך פויליש און אנדערע קענטשאַנדן, זיי האָבן באַוווּנדערט די צייכענונגען פון א הויכן ניוואָ. מען קען זיך נישט פאָרשטעלן דעם שטאָלץ פון די עלטערן: די "גויים" זאָגן, אז דער קענטעניש־ניוואָ פון אונדזערע שילערס איז א סך העכער ווי ביי די פוילישע שילערס פונעם זעלבן עלטער.

אין א לויטערן זומערטאָג סוף יולי 1927 בין איך געקומען קיין קאַליש. איך בין געשטאַנען א צעטומלטע צווישן דעם פרעמדן המון אויף דער גרויסער סטאַציע. איך האָב באַמערקט א בלייכן יונגנמאַן מיט טיפע שוואַרצע אויגן, וואָס האָט געהאַלטן אין האַנט די "ליטעראַרישע בלעטער". ער האָט דערזען, אז איך קוק זיך איין אין דער צייטונג, איז ער מיר תיכף אנטקעגנ־געלאָפן, ער מיט זיין חבר. זיי האָבן זיך געפרייט, ווי זיי וואָלטן אויפגענומען א קרוב נאָך אן אָפשייד פון א סך יאָרן. דאָס זענען געווען דוד שעראַדזקי און שמואל לעשטשינסקי ז"ל, טייערע און איבערגעגעבענע חברים. אָט די איבערגעגעבנקייט האָט ווי מיט א כישוף־שטעקעלע פאַריאָגט מיין מורא פאַר דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון א שול־לייטערין.

נאָך דעם ווי מיר זענען אריין אין די ענגע אָרעמע יידישע געסלעך זענען מיר ענדלעך אָנגעקומען צום ציל: אן ענגער טונקעלער הויף מיט צוויי איינשטאָקיקע רויטציגלדיקע בנינים איינער קעגנאיבער דעם צווייטן, צווישן זיי — א פלאַץ מיט עטלעכע נאַקעטע ביימער. מיר זענען אריין אין קינדערגאָרטן א. נ. שורעק אונטער דער לייטונג פון מלכה לעשטשינסקא ז"ל (געהאָלפן האָט איר די ח' וואַנטשעוווסקא). די גרויסע צימערן זענען געווען באַפּוצט מיט קינדער־אַרבעטן: צייכענונגען, אַרבעטן פון ליים, פּלאַסטעלין און שטרוי. די קליינע טישן און שטולן האָבן געבלאַנקט פון ריינקייט. א שפע פון בלומען אין אַלע ווינקעלעך. מלכה (די פרוי פון שמואל לעשטשינסקי), אן איבערגעגעבענע פּרעבליסטין, האָט מיך וואַרעם אויפגענומען. אין הויף האָבן געהילכט די קינדערישע לידער. אז די קינדער זענען מיד געוואָרן פון דער אַרבעט האָבן זיי זיך ארויסגעריסן אין הויף ווי א ראָי בינען, געשפּרונגען מיט געשרייען לויפנדיק און טאַנצנדיק. דאַן איז ארויס צו זיי מלכה, צונויפגענומען זיי אין א קרייז און אוועק מיט זיי אין א טאַנץ ביים באַגלייט פון א פריילעך געזאַנג.

פון דאַנען זענען מיר אוועק אין דער שול קעגנאיבער דעם קינדערגאָרטן. די שול איז געשאַפן געוואָרן אין יאָר 1923 דורך די חברים עדעלשטיין, באַנט, ברידער וואַלקאָוויטש, לייפּ־ציגער, ד. שעראַדזקי, ש. לעשטשינסקי, שטיין ז"ל, און יבדל לחיים — בודזאַנאָווסקי (געפינט זיך אין ישראל), וואָס האָט בייגעשטייערט גרויסע סומעס פאַר דער שול.

דער אָנהויב איז געווען א שווערער און צוליב פאַרשידענע סיבות האָט די שול נישט אַנטוויקלט זיך ווי ס'באַדאַרף צו זיין. דאַן איז אלס לייטערין כלפּי דער מאַכט דערשינען ד"ר זשופּניק, א לערערין אין דער פוילישער גימנאַזיע. ווען די רעגירונגס־אויפזעער האָבן זי נישט געטראָפן אין דער יידישער שול, האָבן זיי געזוכט פאַרשידענע פאָרטלען כדי צו שטערן איר אין דער נאָרמאַלער אַנטוויקלונג. דערפאַר איז קיין וווּנדער נישט, וואָס דער קאָמיטעט האָט זיך אַזוי געפרייט מיט אונדזער אָנקום: מאיר ווייל און מאָטל שענער ז"ל — דיפּלאָמירטע לערערס, און איך — מיט רעכט אָנצופירן מיט דער שול.

מיר האָבן זיך אריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט מיט א יוגנטלעכן ברען. מיר האָבן געפילט, אז מיר טראָגן אויף זיך די האָפענונגען, וואָס עס האָבן ארויפגעלייגט אויף אונדז די אַלע חברים מיט זייער גרויסער ליבשאַפט. אין דעם לערניאָר 1926—27 האָבן מיר געעפנט דריי קלאַסן, צוויי האָבן עקזיסטירט פון פריער (בשעתו האָבן דאָרט געאַרבעט די לערערינס בת שבע קרוק און פייגע שפּילמאַן). אחוץ די לימודים פונעם רעגירונגס־פּראָגראַם האָט מען אין די צישאָ־שולן פון פועלי־ציון געלערנט אויך עברית און תנ"ך. מיר האָבן זיך נישט באַנוגנט מיטן אָפיציעלן פּראָגראַם און אויך געווידמעט זיך אַרבעט: מיר האָבן באַאַרבעט דעם גאָרטן און פאַרזעצט ירקות.

א באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט האָבן מיר געשענקט דער וואַנטצייטונג, אין וועלכער עס זענען געווען די אָפּטיילן: פון שטוב, פון שול, אין גאַס, אויף דער וועלט, שפּילערייי־ווינקל און פרייע טעמעס. די דערציילונגען זענען דורך די קינדער געוואָרן באַצירט מיט זייערע צייכענונגען. מיטגלידער פון דער רעדאַקציע זענען געווען פינף קינדער (בראַניצקא, זילבערבערג, ישעיה פלאַקאָוויטש, ל. ראַבינאָוויטש און הירש שפּיגל) און א לערער. די צייטונג איז דערשינען

איין מאָל אין חודש. דער טאָג, ווען מ׳האָט אים אויפגעהאָנגען אויף א וואַנט אין גרויסן זאַל, איז געווען א יום־טוב סיי פאַר די קינדער, סיי פאַר די עלטערן.

די צוויי יידישע שולן אין קאַליש, פון פועלי־ציון א. נ. באָראָכאָוו און פון בונד (א. נ. מעדעם ?) האָבן געליטן פון מאַנגל אין שילערס. אין די משפחות זענען געווען מיינונגס־פאַרשידנקייטן וועגן דער קינדער־דערציונג. די עלטערן, אין דער מערהייט — מיטגלידער פון די אויבנדער־מאָנטע פאַרטייען, האָבן געוואָלט, אַז זייערע קינדער זאָלן ווערן דערצויגן אין יידיש־סאָציאַליסטישן גייסט. דאַקעגן די מוטערס, ספּעציעל די מער פאַרמעגלעכע, האָבן מיט די קינדער גערעדט פּויליש און בכלל נישט געוואָלט אַז זיי זאָלן לערנען יידיש, כּדי זייער פּוילישער אַקצענט זאָל, חלילה, נישט קאַליע ווערן. געווען א סך מוטערס, וואָס האָבן זיך געווענדעט צו מיר מיט דער ביטע, אַז איך זאָל ״פּסלען״ דאָס קינד צוליבן אויבנדערמאָנטן טעם. מיר זענען זיכער געווען, אַז זיי וועלן אייגנווילּיק צוריקקומען, און אַזוי איז טאַקע געשען.

ווי אַן אַמאַטאָר פון מאָלעריי האָב איך גרויס געוויכט געלייגט אויף דער לערע פון מאָלעריי און האַנטאַרבעט. אגב, זענען דאָס געווען מיינע ספּעציאַליטעטן. צום גליק זענען צווישן די קינדער באמת געווען זייער פעיקע. די ווענט זענען געוואָרן באַצירט מיט אָנגענעמע נאַטור־מאָלערייען, וואָס די שילערס האָבן געמאַכט אויף יעדן אויספלוג אין וואַלד און אין פעלד, אַזוי אַרום איז מיט יעדער לעקציע געמאָלן און געצייכנט געוואָרן טייכן, אָזערעס, וועלדער אאז״וו. דאָס זעלבע געווען מיטן לימוד פון געשיכטע. אין שטאָטישן מוזיי זענען געווען א סך געפונענע און היסטאָרישע עקספּאָנאַטן, און בעת אונדזערע באַזוכן דאָרט האָבן אונדזערע שילערס אַרויסגעוויזן א סך באַהאַוונטקייט און וויסן.

מיר האָבן זיך באַמיט צו שאַפן אין שול א שעפערישע אַטמאָספער. מיר האָבן אינסצענירט דערציילונגען פון מענדעלע, שלום עליכם, פּרץ א״א, און אויך פון דער פּוילישער ליטעראַטור. שפּעטער האָבן מיר צוגעגרייט די פאָרשטעלונגען, די קאָסטיומען און דעקאָראַציעס לויטן גייסט פון דער צייט. מיר האָבן אויך אינסצענירט און אויסגעפירט געשעענישן פון דער יידישער און אַלגעמיינער געשיכטע.

איז דערפאַר נאַטירלעך, אַז נאָך אַזאַ פלייסיקער און איבערגעגעבענער אַרבעט, זענען אונדזערע שילערס געשטאַנען אויף א העכערן ניוואָ, ווי זייערע חברים פונעם זעלבן עלטער אין דער פּוילישער שול.

מיר האָבן אויך געטראַכט פאַר דער מוזיקאַלישער אַנטוויקלונג פון די קינדער. מיר האָבן געשאַפן א מאַנדאָלין־אָרקעסטער. מיר האָבן איינגעשאַפן 12 מאַנדאָלינעס און ה׳ קלעטשעווסקי האָט פרייוויליק געלערנט זיי אומזיסט. מען קאָן זיך פאָרשטעלן, וואָס עס האָט זיך געטאָן אין שטאָט ווען אין איינעם א שיינעם טאָג האָבן זיך באַוויזן מעלדונגען אין די גאַסן, אַז עס ווערט איינגעאָרדנט אַן אַקאַדעמיע צו דער פופצנטער יאָרצייט פון י. ל. פּרץ — מיט דער באַטייליקונג פונעם מאַנדאָלין־אָרקעסטער ביי דער באָראָכאָוו־שול! די קינדער פון 8 ביז 11 יאָר זענען אַרויס־געטראָטן אָן דער מוזיקשטער סטענע. האָב איך געזען די שטימע פון טאָג אויך אין די קרייזן פון די פּוילישע לערערס און שילערס.

דעם לערער מאיר ווייל האָט זיך איינגעגעבן צו שאַפן א קינדער־געריכט. יעדע זאַך, א גרויסע ווי א קליינע, האָט מען געבראַכט פאַרן קינדער־געריכט, וועלכער פלעגט זיך צונויפקומען איין מאָל אין צוויי וואָכן. די זיצונגען פונעם געריכט האָבן צוגעצויגן א סך עלטערן, און זיי האָבן זיך צוגעהערט צו די פאַרהאַנדלונגען מיט גרויס אינטערעס. די קריגערייען און סכסוכים צווישן די שילערס זענען טאַקע ווייניקער געוואָרן, ווייל זיי האָבן זיך געשראָקן פאַרן געריכט פון די קינדער. די שטראָפן זענען, חלילה, נישט געווען קיין האַרבע, אָבער די אָנוועזנדקייט פון די עלטערן און די פאַרהאַנדלונגען האָבן משפיע געווען.

דערווייל האָבן זיך געביטן די לערערס. עס זענען געקומען נייע (ליכטענשטיין און חיים רובל ז״ל). דאָס לערניאָר 1929—30 איז מאַטעריעל געווען זייער א שווערס. דער אָרעמער שכר־לימוד האָט נישט געסטייעט אויסצוהאַלטן די שול און קיין סובסידיעס פון דער רעגירונג אָדער פון שטאָטראַט האָט מען דעמאָלט נאָך נישט באַקומען. עס זענען טאַקע אָנגעקומען באַשטייערונגען פון פועלי־ציון־חברים אין אַמעריקע, דייטשלאַנד און בעלגיע, אָבער זיי זענען נישט געווען קיין סטאַבילע. דער שול־קאָמיטעט האָט אַרויפגעלייגט דעם גאַנצן עול אויף די לערערס, וואָס

האָבן אויסגעגעבן דאָס געלט אויף צו באַצאָלן דירה־געלט, שטייערן אדג״ל. דאָס איבערגעבליבענע האָט מען פונאַנדערגעטיילט צווישן די לערערס און דער סעקרעטאַרין (חיה באום ז״ל). מיר האָבן קיין מאָל נישט געוווּסט וויפל עס באַטרעפט אונדזער געהאַלט, און ער איז זיכער נישט געווען קיין פולער. עס איז געקומען צו דעם, אַז מיר האָבן פאַרלאָזט אונדזערע געדונגענע צימערן און מיר זענען אַוועק וווינען אומזיסט אין דער דירה פון שמואל לעשטשינסקי ז״ל. נישט נאָר האָבן מיר געלעבט בצימצום, נאָר מיר האָבן פשוט געהונגערט. אָבער די צוגעבונדנקייט פון די קינדער צו דער שול האָט אונדז דערמוטיקט ממשיך צו זיין אין דער אַרבעט. יענעם יאָר איז דער ווינטער געווען אַ שווערער. צוליב די גרויסע פרעסט זענען די לימודים אין אַלע שטאָטישע שולן איבערגעריסן געוואָרן. אָבער אונדזערע שילערס האָבן זיך אַן עצה געטאָן: זיי האָבן געבראַכט קוילן פון די שטובן, אַבי נישט איבערצורייסן די לימודים.

טראָץ די שוועריקייטן האָבן מיר זיך מאָביליזירט צוצוגרייטן אַ גרויסע אויסשטעלונג, וואָס זאָל אָפּשפּיגלען די דערגרייכונגען פון 3 יאָר אַרבעט. במשך פונעם גאַנצן שול־יאָר האָבן מיר זיך געגרייט צו דער אויסשטעלונג. די קינדער האָבן געמאָלן, געקלעפּט, געשניצט און געבויט און דערביי אַרויסגעוויזן אַ סך טאַלאַנט, דערפינדערישקייט און געפיל פון עסטעטיק. די אויס־שטעלונג האָט באַקומען אָפּרופן אין דער געזעלשאַפטלעכקייט און אין דער אָרטיקער פרעסע. 5 גרויסע צימערן זענען פול געווען מיט אילוסטראַציעס, בילדער, פּלאַסטישע אַרבעטן אויף טעמעס פון דער לערע און פרייע טעמעס: מאָדעל פון דער גרויסער שול אין קאַליש, די באָראַכאָוו־שול און דער קינדערגאָרטן, אַ שמידעריי און דער שמיד ביי דער אַרבעט, אַ פויערישע ווירטשאַפט, אַ ייד דאַוונט, אַ פאַמיליע ביי דער שבתדיקער סעודה, אַ בינע לויט אַלע כללים פון דער טעכניק, דעקאָראַציעס און פּרצעס „שרה בת טובים״, דער וואָגן פון מענדעלע מוכר ספרים, קאָמוניקאַציע־מיטלען פון די אַלטע צייטן ביז איצט.

אַזוי האָבן מיר געאַרבעט און געהונגערט, אָבער די שוועריקייטן זענען אונדז ליב געווען, ווייל מיר האָבן געזען די ברכה פון אונדזער מי. אַ שווערע איז געווען די מערכה פון דער יידישער שול אין פּוילן, אָבער במשך פון אירע ווינציקע יאָרן האָט זי באַוויזן צו דערציען אַ דור, וואָס איז מיט לייב און לעבן געווען פאַרבונדן מיט די יידיש וועלטלעכע אוצרות, געהיטן זיי ווי אַ הייליקע ירושה און געווען ווי אַ דאַמבע קעגן דעם מעכטיקן שטראָם פון אַסימילאַציע און פאַרפרעמדקייט. אָט די קינדער האָבן פאַרפלאַנצט אין די הערצער פון זייערע נאָענטע, די פאָלקסמענטשן, אַ שטרעבונג אויסצוגלייכן דעם רוקן ווי אַ ייד און ווי אַן אַרבעטער, און די ליבשאַפט צו אַ לעבן פון אַרבעט און שאַפונג. מיטן כוח פון אָט דער ירושה זענען זיי אין די טעג פון שרעק און אומקום אויפגעשטאַנען צוזאַמען מיט זייערע קעמפנדיקע ברידער אין די געטאָס, צו פאַרטיידיקן דעם יידישן כבוד.

מיטשאַ יעדוואַב־קציר

די גימנאַזיע

עס זענען געווען צוויי אַרייַנגאַנגען אין דער גימנאַזיע: איינער אַ צענטראַלער, אַ מכובדיקער, דער צווייטער — אינעם פינצטערן טונעל פונעם טויער. הילצערנע טרעפּ האָבן געפירט אויף די ביידע שטאָקן. דער פראָנט פון די קלאַסן איז אַרויס אויף דער קעלינסקי גאַס. דער אויסבליק אויפן הויף איז געווען זייער אינטערעסאַנט. דער גרויסער הויף איז געווען אויסגעפלאַסטערט און אַרומגערינגלט מיט הויכע געביידעס. בעת די איבעררייסן פלעגן מיר אַרויסגיין אויף דער לופט. אין די מאַרק־טעג איז אַ טייל פונעם הויף געווען פאַרנומען מיט די פויערישע פורמאַנקעס. די פריי־געלאָזענע פערד האָבן געקייט מיט פאַרגעניגן דעם היי. דער ריח פונעם היי האָט אונדז דערציילט וועגן דער קלאָרער לופט פון די פעלדער אינעם וויטן דאָרף.

דער ערשטער שטאָק איז געווען איינגעאָרדנט ממש ווי שול־קלאַסן, אַן איבעררייס־זאַל, אַ לערער־צימער, דער צימער פונעם דירעקטאָר נעבן וועלכן מען פלעגט אַדורכגיין מיט אַ געפיל

פון פחד. אויפן צווייטן שטאָק זענען געווען עטלעכע קלאסן און איין עק פונעם קאָרידאָר, און אינעם צווייטן — פּריוואטע דירות. די אָרעמע איינוווינער פלעגן זיך שטענדיק בייזערן און אונדז שטראָפן פאר אונדזער נישט דערצויגנקייט: ווי אזוי קענען שילער שרייען און זינגען בעת די איבעררייסן!


אין די לעצטע יאָרן פון איר קיום האָט די גימנאזיע אָפּגעקויפט אַט די אַלע דירות.

די יידישע גימנאזיע אין קאליש האָט געהערט צו דער יידישער געזעלשאפט פאר מיטלשולן אונטער דער דירעקציע פון ד"ר בראודע די לערן־שפראך איז געווען פויליש. דאָס יאָר האָט זיך געווייינלעך אָנגעהויבן מיט א תפילה, וואָס איז פאָרגעקומען אין א שול אויף דער קרוטקא גאס. פאָרוויז זענען מיר דאָרט געגאנגען דורך דער באבינא־גאס, אינעם אָנהויב און אינעם סוף פונעם שול־יאָר, און אויך אין מלוכהשע יום־טובים. אין די יום־טובים פלעגן מיר גיין איבער די גאסן און ארויסרופן התפעלות ביי די פּאָליאקן.

די פארוואלטונג פון דער שול איז געווען אין תוך געמומען ציוניסטיש, און דאָס האָט אויך באאיינפלוסט די ריכטונג פון דער דערציונג. די מאטורע־עקזאמענס זענען בדרך כלל פאָרגעקומען אין אן אטמאָספער פון שרעק, אָבער דער עקזאמען פון העברעאיש איז אדורך אין א הויכער נאציאָנאלער שטימונג.

דער דירעקטאָר איז געווען ה' העלינג און זיינע פרינציפּן האָבן באשטימט דעם גייסט פון דער שול. די מערהייט לערערס זענען געווען פון גאליציע, וועלכע איז אין יענע טעג געווען דער קולטור־צענטער אין פוילן. יעדער לערער איז ראוי דערמאָנט צו ווערן. נאָר איך וויל זיך באגנוגענען מיטן פארצייכענען דעם לערער צ י מ ע ר, דעם יינגסטן פון אלע, וואָס איז אונדז צום נאָענטסטן געווען. ער האָט פארלאָזט זיין ארבעט און עולה געווען קיין ארץ־ישראל און דערמיט האָט זיך די פארבינדונג צווישן אונדז נאָך מער געשטארקט.

מיין דערציער איז געווען ה' באקאלאר, אן אויסערגעוויינלעכער פּעדאגאָג. ער איז פריער געווען ביאליקס סעקרעטאָר. ער האָט אין אונדז איינגעוואָרצלט ליבע צו ציוניזם און צו העברעישער ליטעראַטור. מיר האָבן ליב באקומען ביאליקן און טשערניכאָווסקין. אויף זיין איניציאטיוו האָבן מיר אָנגעשריבן א בריוו צו ביאליקן און אויך באקומען אן ענטפער. וועלכן מיר האָבן איינגערעמט און אויפגעהאנגען אין אונדזער זאל. ער האָט אונדז דערציילט וועגן זיין ציוניסטישער טעטיקייט אין זיין היימשטאָט פינסק. באַקאַלאַר האָט שטאָלצירט מיט יעדן איינעם פון אונדז, וואָס האָט עולה געווען אלס חלוץ אָדער אלס סטודענט. עס קען זיין, אז



אין זיין זכות זענען מיר, די פאַרבליבענע שילער פון אָט דעם קלאַס, עולה געווען קיין ישראל, כאָטש די מלחמה האָט אונדז צעשפּרייט איבער פאַרשידענע לענדער.

עס איז אוממעגלעך צו שרייבן וועגן אַלע חברים, וואָס זענען געפאַלן. איך וועל דערמאָנען יהודית לעווקאָוויטש, וועלכע מיר האָבן גערופן "דרינאַ". איר פאָטער איז געווען דער צאָן־דאָקטאָר פון דער גימנאַזיע און אַן אַקטיווער מיטגליד פון דער פאַרוואַלטונג. ער איז געווען אַ ציוניסט פון ליטע און האָט אויך זיין טאָכטער דערצויגן אינעם ציוניסטישן גייסט. דרינאַ איז געווען אַ גרויסע אידעאַליסטקע. זי האָט פאַרענדיקט די לימודים אינעם אינסטיטוט פאַר יודאיסטיק אין וואַרשע און אויך שטודירט אינעם אוניווערסיטעט און צוריקגעקומען אַלס אַ לערערין אין דער קאַלישער גימנאַזיע. זי איז געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט די פון אונדז, וועלכע האָבן עולה געווען קיין ארץ־ישראל. זי איז געפאַלן ווי אַן אומבאַוווּסטע העלדין, ווען זי האָט געפּאַטשט אַ נאַצי אין דער פאַרטיידיקונג פון איר יידישן כבוד. זי איז אַ סימבאָל פון דער יידישער יוגנט, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אינעם נאַציאָנאַלן גייסט אין אונזער גימנאַזיע.

ז. ק.

יידיש טעאַטער און אַמאַטאָרן־טרופּעס

א יידישע טעאַטער־טרופּע איז צום ערשטן מאָל אויפגעטראָטן אין קאַליש אין יאָר 1908. דאָס איז געווען "לאַנדסמאַנס טרופּע". עס זענען געווען יאָרן פון רעאַקציע און מען האָט נישט געטאָרט שפּילן אין יידיש. די דערלויבעניש אויף דער פאָרשטעלונג האָט מען באַקומען דורך כאַבאַר. אין די אַפישן האָט מען געמאָלדן, אַז עס וועט שפּילן אַ יידיש־דייטשע טרופּע. אָבער טייל מאָל איז אין זאַל אריינגעקומען דער גובערנאַטאָר בכבודו ובעצמו און זיך דערוווּסט, אַז דאָס וואָס מען רעדט אויף דער בינע האָט נישט קיין שום שייכות צו דייטש. דעמאָלט האָבן נישט געהאָלפן קיין שום טענות — מען האָט געהייסן דעם פּובליקום זיך פונאַנדערגיין.

בעת דער דייטשער אָקופּאַציע זענען יידישע פאָרשטעלונגען געוואָרן דערלויבט. יידישע אַקטיאָרן פלעגן קומען קיין קאַליש.

אין באַפרייטן פּוילן האָט מיט טעאַטער זיך פאַרנומען דער באַוווּסטער טעאַטער ליבהאָבער לעווין, אָדער ווי מען פלעגט אים רופן "דער געלער לעווין". ער איז געווען טעטיק אויף דעם געביט ביזן אויסבראָך פון דער מלחמה אין 1939. ער פלעגט אַראָפּברענגען אין קאַליש די בעסערע טעאַטערס, ווי "וויקט", "יונג־טעאַטער" און באַרימטע אַקטיאָרן.

דער ערשטער דראַמקרייז אין קאַליש איז געשאַפן געוואָרן אין יאָר 1912 דורך דעם אַקטיאָר ראַקאָוו, וועלכער איז גלייכצייטיק געווען דער רעזשיסער פונעם קרייז.

אין יאָר 1915 איז געשאַפן געוואָרן אַ דראַמאַטישער קרייז דורך אפרים צימער, משה יעדוואַב, זלמן גוטפריינד און יעקב רויך. זיי האָבן געשטעלט גאָרדינס "די ברידער לוריא". אין יאָר 1917 איז ביים "טורן־פאַראיין" באַנייט געוואָרן די טעטיקייט פונעם דראַמקרייז. מאַנדזשע קלעטשעווסקי און "דער געלער לעווין" האָבן אויפגעפירט: "קעניג ליר", "די ברידער לוריא", "שולמית" א״א. די אַקטיאָרן־אַמאַטאָרן זענען געווען: איטקע נאָמבערג, ציגע, אָסקאַר סאָבאָלסקי, יאַנקעלעוויטש, וו. ציווש, סאַל איאַכימאָוויטש, א. גאָלאָמב, טאָפּער, ש. ראָזענשטיין, פינקעלשטיין, מלכהלע, באַקעל און ביעלינקאַ. שפּעטער איז צוגעקומען אַ יונגע גרופּע: פ. ניסענבוים, פ. קאַפּלאַן, פ. שטערנבערג.



לייזער לעווין

אין באַפרייטן פּוילן זענען אין קאַליש געשאַפן געוואָרן דראַמקרייזן ביי אַלע פּאַרטייען און אין די צוגאָבשולן ביי דער "אַרבעטער־היים".

אין די 20ער יאָרן האָט פּרץ הירשביין באַזוכט קאַליש און 3 דראַמקרייזן האָבן דאַן אויפגעפירט זיינע פּיעסן.

דעם קרייז ביי די פּועלי־ציון האָבן געפירט וו. יאַקובאָוויטש און ד. נויגאַרטען. די שפּילערס זענען געווען: ראָזענצווייג, יאַכימאָוויטש (די יינגערע), גאָלדמאַן, ל. יאַקובאָוויטש, פ. מאַטושאַק,



י. גאָטהעלף, וו. זאלץ, לובעלסקי, יאנקא שלאמאָוויטש. דער קרייז האָט אויפגעפירט צוו. אנד.: ״גנבים״ פון בימקאָ, ״צעבראָכענע הערצער״, ״הערצעלע מיוחס״, ״שלאמקע שאר־לאטאן״, גאָרדינס ״שחיטה״.

דער דראמקרייז ביים ״בונד״ איז געוואָרן אָנגעפירט פון שטארק און מאטושאק.

אין יאָר 1925, ווען די קליינקונסט־טעאטערס ״סמבטיון״ און ״עזאזל״ האָבן געהאט א גרויסן דערפאָלג, איז ארויפגעשוווּמען א פאָרשלאָג צו שאפן אין שטאָט א קליינקונסט־טעאטער. די אָרגאניזאטערס זענען געווען: טענצער, ש. לעשטשינסקי, פ. שעראדזקי. באראטנדיק זיך מיט די אָנפירער פונעם דראמקרייז וו. יאקובאָוויטש און ד. נויגארטען, איז געוואָרן באשלאָסן צו בעטן דעם דיכטער משה בראָדערזאָן, אז ער זאָל איבערנעמען די קינסטלערישע לייטונג פון דעם טעאטער. בראָדערזאָן איז געקומען קיין קאליש (ער איז דאן געווען קינסטלערישער לייטער פון טעאטער ״אררט״). ער האָט באקענט די שוישפילער־ליבהאָבער און גענומען אויף זיך די קינסטלערישע לייטונג. אלס רעזשיסאָרן זענען געוואָרן באשטימט: וו. יאקובאָוויטש, דוד נוי־גארטען, ז. קאפלאן.

אזוי ארום איז באשאפן געוואָרן די אמאטאָרן־קליינקונסטבינע ״קאָמעט״. דאָס ערשטע פראָג־ראם האָט באקומען אלס נאָמען דעם פאָפּולערן זאָג אין קאליש. ״וואָס וועל איך האָבז דערפון ?״ דעם טעקסט האָט געשריבן ש. רובין (אן אייניקל פון דוד שמעיה רובין) ; די מוזיק — דיריגענט קרוטשאנסקי. א טייל פונעם מאטעריאל איז געווען פון מ. בראָדערזאָנס שאפונגען, דעקאָראציעס — צימער, ליכט — פ. שעראדזקי.

די ערשטע צוויי פאָרשטעלונגען זענען פאָרגעקומען אין זאל ״סלאָנצא״, ציאסנא 21. דער דערפאָלג איז געווען א גרויסער. די פאָרשטעלונג איז געוואָרן אויפגעפירט נאָך 6 מאָל. משה בראָדערזאָן איז געווען באגייסטערט פון דער אויספירונג.

דאָס צווייטע פראָגראם האָט געהייסן: ״לאָמיר זיך איבערבעטן״ און דאָס דריטע — ״האלאָ, טשארלסאָן״. אחוץ בראָדערזאָן האָבן די טעקסטן געשריבן ש. רובין און ז. קאפלאן. ״קאָמעט״

האָט געהאט גרויס דערפאָלג אויך אין די ארומיקע שטעט: פויזן, קאָנין, טורעק, קאָלאָ שעראדז, זדונסקא־וואָלא, וויעלון.

אין דער "קאַמעט"־טרופּע האָבן זיך באַטייליקט: וו. יאַקובאָוויטש, ד. נויגארטען, וו. שלאָמאָ־וויטש, ה. ענגלענדער, ה. יאכימאָוויטש, ה. ראָזענצווייג, ל. ראַבינאָוויטש, ניסנבוים, וו. לובעלסקי, א. לעדער, העלפּגאָט, בעקערמייסטער, טאַנדאָווסקא, שער, בערקאָוויטש און א ריי אנדערע.

טראָץ דעם מאַטעריעלן און מאָראַלישן דערפאָלג האָבן די הכנסות נישט געקענט דעקן די גרויסע אויסגאַבן: אָרקעסטער, דיריגענט, דעקאָראַציעס אדג״ל. אין יאָר 1928 איז די טרופּע זיך צעפאַלן: עטלעכע האָבן פאַרלאָזט קאַליש, געוויסע פון די מיטגלידערינס האָבן געבוירן קינדער אאז״וו. אָבער דער נאָמען "קאַמעט" איז געבליבן איינגעקריצט אין זכרון פון די קאַלישער.

יעקב ציוואוש

די דראַמאַטישע סעקציע ביים ספּאָרט־קלוב „הפּועל“

דער דראַמאַטישער קרייז ביים ספּאָרט־קלוב "הפּועל" האָט זיך געשאַפן אין יאָר 1936. איך האָב גענומען אויף זיך די איניציאַטיוו צו שאַפן דעם דראַמאַטישן קרייז, און צו דעם צוועק האָב איך זיך פאַרבונדן מיט די אַמאָליקע חברים פון געוועזענעם דראַמאַטישן קרייז "קאַמעט". דאָס זענען די חברים לובעלסקי און מאַטושאַק.

מיר האָבן זיך געווענדן צו דער פאַרוואַלטונג פון "הפּועל", וועלכע איז באַשטאַנען פון די פּערזאָנען: באום — פּרעזעס, גאָלדמאַן — סעקרעטאַר, לאַשצעווסקי און נאָך אַנדערע, בכדי צו שאַפן דעם אַזוי גערופענעם דראַמאַטישן קרייז. לאַנגזאַם און שטופּנווייז האָט ער זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען און מיר האָבן אָנגעפאַנגען צו ווערבירן מיטגלידער און אָנהענגער, מיר האָבן אָנגעהויבן מיט לייכטע רעוויעס.

דער אָנפאַנג איז שטענדיק שווער. איך האָב געדאַרפט לויפן און שלעפּן יעדן איינעם, ביז מיר האָבן סוף־סוף דאָך וואָס צוזאַמענגעשלעפּט. מיר האָבן געשאַפן א רעזשי־קאָלעגיום, וועלכער איז באַשטאַנען פון די חברים לובעלסקי און מאַטושאַק. א סך אַמאַטאָרן זענען געווען מענטשן, וואָס האָבן קיין מאָל נישט געוווסט וואָס הייסט שפּילן אויף דער בינע.

אין א קורצער צייט האָבן מיר אויסגעפירט פּיעסן, ווי "דער אויפשטאַנד", וועלכע עס האָט רעזשיסירט לייביש יאַקובאָוויטש; "די איפּערזוכט"; דער "גרויסער מאָמענט"; די "ווייסע שקלאַפן" און נאָך.

צום דראַמאַטישן קרייז פון "הפּועל" האָבן געהערט אברהם לעדער, מאַליא לועל, חברה פּאַפּער, מאַשא אוניקאָווסקא, פירסטענבערג, ווייס און פיל אַנדערע, וועלכע איך געדענק נישט. מיר האָבן זיך צוזאַמענגעלעבט און זייער גוט געהאַלטן.

אין א צייט ארום האָט דער דראַמאַטישער קרייז באַקומען איינלאַדונגען פון די שטעטלעך קאָלאָ, טורעק, וויעלון און אַנדערע, אָבער דאַן איז אויסגעבראָכן די שרעקלעכע מלחמה און אַלץ איז געוואָרן צעבראָכן.

זלמן קאַפּלאַן

ייוו״א און לאַנדקענטעניש

די ליבשאַפט צום יידישן פאָלקלאָר האָט צונויפגעפירט א גרופּע יוגנטלעכע, וואָס האָט געשאַפן אַן אָרטיקע אָפּטיילונג פונעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט ייוו״א. דער קרייז איז געווען אַן איבערפּאַרטייאישער, האָט זיך פאַרנומען מיט זאַמלען פאָלקלאָריסטישן און שפּראַך־מאַטעריאַל און אָפּשיקן עס צום צענטער. אזוי ארום האָבן די מיטגלידער אַנטדעקט דעם גריידיצער רבינס ארכיוו, וואָס איז געווען פון גרויסער

וויכטיקייט. אין 1930 האָט מען געשיקט צו דער ייווא"א־קאָנפערענץ אין ווילנע די אָנפירנדיקע חברים ב. זשיוואצקי און ז. קאפלאן.

דער קרייז האָט געפּלאַנט ארויסצוגעבן א מאנאָגראפיע וועגן קאליש מיט דער באטייליקונג פונעם היסטאָריקער פרידמאַן אָבער די מלחמה האָט דעם פּלאַן צעשטערט.

אויך די יידישע געזעלשאפט פאַר לאנדקענטעניש איז געווען אַן איבערפּארטייאישע. איר נאָמען איז געווען: Z.T.K. — Zydowskie Towarzystwo Krajoznawcze די געזעלשאפט האָט אָרגאניזירט אויספלוגן אין שטאָט און אויסער איר, און גענאָסן פון הנחות אין פארשידענע טוריסטישע פלעצער. זי איז געווען טעטיק ביז 1939 און געווען אָנגעפירט פון וויערושעווסקי און קאפלאן.

יצחק קלעטשעווסקי

דער טורן־און ספּאָרט־פאראיין

ד

ער קאלישער יידישער טורן־און ספּאָרט־פאראיין איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1911, די סיבה פון זיין אנטשטיין איז געווען די אייגנאַרטיקייט פון יידישן לעבן אין קאליש.

קיין געזעלשאפטלעכע פּאָליטישע פּארטייאישע טעטיקייט איז דאַן עפנטלעך נישט געפירט געוואָרן. נאָך דער רעוואָלוציע אין יאָר 1905 איז א טייל פון דער יוגנט, וואָס איז געווען אנגאזשירט אין א פּאָליטישע טעטיקייט, געווען אין פארשיקונג אָדער אנטלאָפן אין אנדערע שטעט, אָדער עמיגרירט, אויפזיכט איבערן יידישן לעבן האָבן געהאט די רעליגיעזע אינסטי־טוציעס, די צארישע מאכט. אין דער צייט איז די שטאָט און די אינדוסטריע (די שטרי־קעריי) געוואקסן מיט ראשיקע טריט. די ניי־אנטשטאנענע מעכאנישע שטריקעריי־אונטער־נעמונגען זענען געוואקסן און צוגעצויגן נייע און פרישע איינוווינער, א גרויסער טייל פון דער יוגנט האָט זיך געפונען אין די ישיבות און געזוכט א וועג, ווי צו ענדערן זייער לעבן. צוליב דעם כסדרדיקן וואקס פון דער שטריקעריי־אינדוסטריע אין מאנגל אין פרישע ארבעטס־כוחות איז קיין נויט נישט געווען, מ'האָט לייכט און גוט פארדינט. דער ארבעטס־טאָג איז געווען 10 שעה.

דאָס איינציקע אָרט, ווו די יוגנט האָט זיך גרופּירט אין פארשידענע גרופּן און קרייזן, איז געווען דער שיינער קאלישער פּארק, ארום דעם טייך (פּראסנא), אָדער אין די דעמאָלט עקזיסטירנדיקע טאנץ־זאלן, וואָס האָט דער יוגנט קיין געזונט נישט געגעבן. אין דער צייט איז אומבאדינגט נויטיק געווען א געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציע, וואָס זאָל גרופּירן די יוגנט און ענדערן זייערע לעבנס־באדינגונגען.

אין פּוילן איז דאַן געוואָרפן געוואָרן א געדאנק פון שאפן אינסטיטוציעס, וועלכע זאָלן פיזיש אנטוויקלען די יוגנט — "א געזונטער קערפּער אין א געזונטן גייסט". דעם געדאנק האָבן אויפגעכאפּט א טייל פון דער קאלישער ארבעטנדיקע און שטודירנדיקע אינטעליגענץ. די איניציאטארן זענען געווען דער פאבריקאנט סט. מייזנער, לעאָן דאנציגער, פרידע א. א. זיי האָבן גענומען אויף זיך אויסצוארבעטן א סטאטוט פון אַ געזעלשאפט און זיך באמי־ען, אז די דעמאָלטיקע צארישע מאכט זאָל זי לעגאליזירן. אזוי לייכט איז עס נישט אָנגעקומען.

אין גאנג פון דורכפירן די לעגאליזאציע איז דערוויי̈ל געעפנט געוואָרן א זאל, וואָס עס האָט אָפּגעגעבן דער פאבריקאנט מייזנער אין זיין פאבריקהויז אויף קרוטקא גאס, דאָרטן האָט די יוגנט זיך אָנגעהויבן צו גרופּירן.

די ערשטע טורנער זענען געווען וואָלף גאָלדבערג, לייב וואָלקאָוויטש, סיטנער, בנימין קאהן, וואלטער, לוסטיק, קויאווסקי א. א., ביז דער סטאטוט איז באשטעטיקט געוואָרן האָט קיין רייד נישט געקאָנט זיין פון פירן א ברייטע טעטיקייט, נאָך עטלעכע וואָכן אָנגעש־טרענגטער ארבעט, איז דער סטאטוט מיט מזל באשטעטיקט געוואָרן און דאָס לעבן אין טורן־און ספּאָרט־פאראיין האָט זיך שנעל אנטוויקלט. די יוגנט האָט געשטראָמט מאסנווייז.

יעדן טאָג זענען צוגעקומען נייע טורנער, אויך קינדער פלעגן כמעט א גאנצן טאָג באזוכן דעם לאָקאל און דורכפירן פארשידענע ספּאָרט־איבונגען.

ס'איז נויטיק געווען א לערער, וועלכער זאָל אָנפירן מיט די ספּאָרט־איבונגען. ס'איז דאן אנגאזשירט געוואָרן דער איידעם פון פאבריקאנט מילער, וועלכער איז געווען א מיטאייגנ־טימער פון דער גרויסער קאלישער פלוש־פאבריק. דער ספּאָרטלער איז נישט געווען קיין ייד, נאָר א דייטש. און די איבונגען זענען געפירט געוואָרן אין דייטש (נישט אין רוסיש אָדער פויליש). זיינע געהילפן זענען געוואָרן וואָלף גאָלדבערג, לייב וואָלקאָוויטש, לוסטיק און קויאווסקי.

אין משך פון א קורצע צייט האָט דער פאראיין געציילט עטלעכע הונדערט מיטגלידער.

אויף דער ערשטער גרינדונגס־פארזאמלונג זענען אָנוועזנדיק געווען עטלעכע הונדערט מענטשן כמעט פון אלע שיכטן פון דער יידישער באפעלקערונג, קינדער פון רייכע עלטערן (פאבריקאנטן, גרויסע סוחרים) פויליש־רעדנדיקע אינטעליגענץ, ארבעטער פון אלע פאכן, אויך מענטשן פון פארשידענע פּאָליטישע אנשויונגען: ציוניסטן, בונדיסטן, פועלי ציוניסטן, אויך א טייל וואָס האָבן געהערט צו די פוילישע פארטייען פּ.פּ.ס. און פּ.ס.ד.

וועגן פירן א פּאָליטישע טעטיקייט איז נישט געווען קיין רייד, ווייל די עקזיסטענץ פון דעם פאראיין וואָלט געווען באדראָט. אויף דער פארזאמלונג האָט לעאָן דאנציגער באקאנט די אָנוועזנדיקע מיטן סטאטוט, און מיט גרויס ענטוזיאזם האָבן די פארזאמלטע באשטעטיקט דעם סטאטוט.

דער טורן־פאראיין איז געווען דער צענטער פון דער יוגנט. מיט דער אנטוויקלונג פון פאראיין האָט זיך אויך געשטעלט די פראגע צי בלויז מיט ספּאָרט דארף דער פאראיין זיך באשעפטיקן. פון זיך אליין איז אנטשטאנען א חשק, אז צוזאמען מיט ספּאָרט דארף געפירט ווערן א קולטור־ארבעט. ס'איז אנטשטאנען א כאָר אונטער דער אָנפירונג פון דיריגענט קרוטשאנסקי. יעדעס יאָר איז פאָרגעקומען א ספּאָרט־פארמעסט, אויספלוגן ארום קאליש, לערנען שווימען. יעדע אונטערנעמונג האָט צוגעצויגן און גרופּירט כמעט די גאנצע יוגנט.

א דאנק דעם טורן־פאראיין איז דאָס לעבן אין קאליש געוואָרן פרייליכער, מונטערער, אָבער ביים גרעסטן אויפבלי פון טורן־פאראיין איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה — די דייטשן זענען אריין, צעשאָסן די שטאָט, די באפעלקערונג איז אנטלאָפן.

ווען די יידישע באפעלקערונג איז צוריקגעקומען אין די יאָרן 1916—1915 און דאָס לעבן איז ווי עס איז איינגעשטעלט געוואָרן אונטער דער דייטשער אָקופּאציע, האָט די יוגנט תיכף באנייט די טעטיקייט פון טורן־פאראיין און זיך ארום אים גרופּירט. אָבער אין דער זעלבער צייט האָט זיך אָנגעהויבן צו גרופּירן די יוגנט לויט פּאָליטישע איינשטעלונגען. די פארטייען זענען ארויס פון די באהעלטענישן און אין טורן־פאראיין זענען שוין געווען טעטיק גרופּן, וואָס האָבן זיך צעטיילט לויט בונדיסטן, פועלי־ציוניסטן, ציוניסטן א. א. אָבער דער פאראיין האָט אלעמען ווייטער געהאלטן.

דער צושטאנד האָט אָנגעהאלטן ביז דער אנטשטייונג פון פּוילנס אומאָפּהענגיקייט אין יאָר 1917. עטלעכע יאָר נאָך איז דער טורן־פאראיין געווען א אומפּארטייאישע אינסטיטוציע. דער פאראיין האָט שוין געהאט א נייעם לאָקאל אין גוטפריינדס טאנץ־זאל, געשאפן א אייגענעם בלאָז־אָרקעסטער אונטער דער אָנפירונג פון דיריגענט וויטקאָווסקי, אייגענע מונ־דירן, און דער אונטערגעוואקסענער דור יונגעלייט האָט זיך אויסגעלערנט ספּאָרט, אָנטייל גענומען אין אלע ספּאָרט־פארמעסטונגען, וואָס די שטאָט האָט איינגעאָרדנט.

אין מיטן פון די צוואנציקער יאָרן, ווען די פּאָליטישע פארטייען זענען געוואָרן מאסן־אָרגאניזאציעס און געשאפן פארשידענע הילפס־אינסטיטוציעס, ווי קולטור־אינסטיטוציעס, פּראָפ. פאראיינען, קינדער־היימען, שולן, ביבליאָטעקן, דראמאטישע קרייזן און יוגנטלעכע אָרגאניזאציעס, איז ביי זיי אנטשטאנען אויך דער פארלאנג פון איינהאלטן די יוגנט אין ספּאָרט. און אזוי איז ביי די גרעסטע פארטייען (בונד, פועלי ציון א. א.) געשאפן געוואָרן ספּאָרט־גרופּן אונטער די נעמען מאָרגענשטערן, יוטשניא, פּיאָנער. אָבער דער טורן־און ספּאָרט־פאראיין איז אלץ געבליבן דער אומפּארטייאישער ספּאָרט־פאראיין, וואָס האָט צוגעצויגן דעם אונטערוואקסנדיקן דור, און זיינע ספּאָרט־אונטערנעמונגען זענען אויך ווייטער געבליבן א מוסטער פון דער שטאָט.

דער טורן־מארש



טורנט פעסטער, שטארקער, ברודער,
מוטיק, העלדיש שטעלט די טריט.
גלייכט אויס אײַערע גלידער —
מוטיק, העלדיש אלע ארבעט מיט.

איינס, צוויי, דריי, פיר
נאָר מאַרשירן שנעלער, ברידער.
נאָר באוועגונג, נאָר זיך רירן,
שנעלער, ברידער.

אויסגעדארטע שוואכע ביינער
לעבט אויף ווידער,
אלע ווי איינער,
פעלט נישט קיינער,

טורנט, ברידער.

דאָס מוזיקע ליד האָט געבראַכט צום דרוק לאה בירנבוים

אזוי האָט דאָס אָנגעהאלטן ביזן יאָר 1939, ווען די דייטשע בארבארן האָבן פארנומען די שטאָט קאַליש.

מיר מוזן צוגעבן, אז אין די יאָרן 1911—1910 איז אויסער לאָדזש, ווארשע — קאַליש געווען די איינציקע שטאָט אין פוילן, וועלכע האָט אנטוויקלט אזא ספּאָרט־באַוועגונג, וואָס איז פארוואנדלט געוואָרן אין א מאסן־אָרגאניזאציע אין און ארום קאַליש. אלע שטעטלעך האָבן נאָכגעטאָן דעם ביישפּיל און מיט דער הילף פון די קאַלישער ספּאָרטלער זענען כמעט אין אלע שטעטלעך, ווי טורעק, שעראַדז, בלאַשקי, זד. וואָליא א. א. געשאפן געוואָרן ספּאָרט־פאראיינען, ווו קאַלישער טורנער האָבן געלערנט און דורכגעפירט די איבונגען. די לערער זענען שפּעטער געווען וואָלף גאָלדבערג, לוסטיק, פּרץ קלעטשעווסקי, קויאווסקי, שיע פעלע א. א. א דאנק דעם ספּאָרט איז די יוגנט פון נאָענטע און ווייטע שטעטלעך געוואָרן צווישן זיך נאָענט, און ביי ספּאָרט־פארווײלונגען האָבן זיי זיך קעגנזייטיק באזוכט.

אינזש. ס. פּינטשעווסקי

דער רודערער־קלוב פון 1930

דער יידישער רודערער־קלוב (ק. וו. 30) איז געשאפן געוואָרן, כדי צו דערמעגלעכן דער יידישער יוגנט אקטיוו זיך צו באטייליקן אין שיפער־ספּאָרט, און אויך כדי די עלטערע מיטגלידער פונעם קלוב און זייערע קינדער זאָלן האָבן צו זייער דיספּאָזיציע א האפן און א גוטן טאבאָר פון שפּאציר־אויספלוגשיפן.

מיט דער צייט איז ק. וו. 30 געוואָרן א צענטער פארן געזעלשאפטלעכן לעבן פון דער קאַלישער יידישער אינטעליגענץ און איר טעטיקייט האָט איבערגעשטיגן די פריערדיקע אָנגעצייכנטע ראמען. צו די יערלעכע דערעפענונגען פון האפן און אויף אלע רעגאטעס האָבן זיך צונויפגעזאמלט מאסן מיטגלידער מיט זייערע פאמיליעס און איינגעלאדענע געסט. דער קלוב האָט איינגעאָרדנט יערלעכע און פורים־בעלער, פון צייט צו צייט טאנץ־אָוונטן אין אייגענעם לאָקאל און עטלעכע מאָל אויך אין די זאלן פון ראָטהויז און פון דער מוזיק־געזעלשאפט, סאטירישע אָוונטן און רעפעראטן אויף אלגעמיינע און ספּאָרטטעמעס.

אין קאַליש האָט עקזיסטירט די עלטסטע אין פוילן רודערער־געזעלשאפט, „קאַליסקיע טאָוואזשיסטוואָ וויאָשלאַרסקיע" און אויך צוויי אנדערע: „פּראָסנא" און „וויאָשלאַרסקי קלוב פּאָליציני". יעדע פון אָט די קלובן האָט פארמאָגט אן אייגענעם גוטן האפן, געביידעס און איינריכטונגען. אָבער מיטן אויסנאם פון א קליינער גרופּע יידישע יוגנטלעכע פון די מלוכהשע שולן זענען זיי געווען נישט צוטריטלעך פאר יידן, פונקט ווי די אנדערע צענדליקער רודערער־קלובן אין גאנץ פוילן. פארן אנטשטיין פון ק. וו. 30 אין קאַליש האָט דער רודערער־ספּאָרט ביי יידן אין פוילן עקזיסטירט נאָר אויפן שטח פון דער קליינער רודערער־סעקציע ביים ווארשעווער „מכבי". אָבער צוליב דעם, וואָס אָט די סעקציע האָט נישט געהערט צום פוילישן פארבאנד פון די רודערער־געזעלשאפטן און האָט דערפאר נישט געקענט זיך באטייליקן אין די צווישן־קלוב־פארמעסטונגען, האָט זי שוין צוליב דעם אליין נישט געקענט שטיין אויף א געהעריקן ספּאָרט־ניוואָ און זי האָט זיך נישט אנטוויקלט.

ק. וו. 30 האָט באקומען פון דער שטאָט א פּלאץ ביי דער פּראָסנאַ. דאָרט האָט מען מיט דרענגער פארפעסטיקט די ברעגן און אויפגעשטעלט שיינע געביידעס און גארדעראָבן. דער טאבאָר פון ק. וו. 90 איז באשטאנען פון 7 אויסגעצייכנטע גרעיעג־און האלבגעיעג־שיפלעך. איינגעקויפטע אין פוילן און אין אויסלאנד און פון איבער א צענדליק אויספלוג־שפּאציר־שיפן. צווישן די 250 עפעקטיווע מיטגלידער פונעם קלוב זענען געווען ארום 100 אקטיווע ספּאָרטלער, און צווישן זיי — עטלעכע צענדליק רודערער. יידישע סטודענטן, וועלכע זענען געקומען צו פאָרן אויף זומער האָבן געקאָנט געניסן פון אלע איינריכטונגען פון ק. וו. 30.

א חוץ דעם האפן האָט ק. וו. 30 אויך געהאט א גרויסן אזוי גערופענעם ווינטער־לאָקאל אויף אלעע יוזעפינא, וואָס איז באשטאנען פון 6 צימערן מיט א לייענזאל, ביבליאָטעק און א צימער פאר בילארד און פינג־פאָנג.

די עלטערע רודערער האָבן טרעניִרט די ניי־צוגעקומענע, אָבער חוץ דעם האָט דער קלוב אנגאזשירט פראָפעסיאָנעלע טרעניִרער. א דאנק ק. וו. 30 האָבן די יידישע רודערער זיך באטייליקט אין די מייסטערשאפט־פארמעסטן אין בידגאָשטש און אין די צווישן־קלוב־רעגאטעס אין ווארשע, פויזן, וולאָצלאוועק, פלאָצק און אלע קאלישער רעגאטעס.

ק. וו. 30 האָט זיך באשטייערט מיט באדייטנדיקע סומעס לטובת דעם מושב־זקנים און דער קינדערהיים א. נ. עליזא אָזשעשקאָווא, אין דער הילפס־אקציע פאר די פארטריבענע יידן פון דייטשלאנד און יעדן חודש איינגעצאָלט אין הילפס־קאָמיטעט צו עטלעכע הונדערט זל.

נאָענט פארן אויסבראָך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט די פארוואלטונג פון ק. וו. 30 פונאנדערגעטיילט דאָס גאנצע געלט, וואָס האָט זיך געפונען אין קאסע, די קלוב־מיטגלידער און די מיטארבעטער.

פון די הויפט־אָנפירער מיט דער טעטיקייט פון ק. וו. 30 אין משך פון זיין קרוב 10־יאָריקער עקזיסטענץ זענען געווען: פרעזעס לעאָן דאנציגער, ארכ. לעאָן צאָמבער, יאקוב האָלץ, ס. מאיאָרקע, פאביאן נוימאן, פראָפ. פאוזער־דרעשער, אדוו. פערקאל, אדוו. ל. סיטנער, ד״ר טראכטענבערג, ב. האמבורגער, אינזש. ה. שרייער און אינזש. ס. פינטשעווסקי.

צווישן די אינסטרוקטאָרן און רעגאטע־רודערער האָבן זיך אויסגעצייכנט: ה. ביגעלאייזן, מ. דאווידאָוויטש, ה. האמער, לובינסקי, מיכאל און נתן שייניק אינזש. טאנדאָווסקי, מ. וויינבערג, מ. צאָמבער, גרובערג, וואַקס, ווייסבערג א״א.

צווישן די רודערקעס־פרויען זענען פעווען: פייגנבלאט, היימאן, ע. פינטשעווסקא, מ. שעפס, טאָפער א״א.

אינסטרוקטאָרן פון דער שווימער־סעקציע, אין וועלכער עס האָבן זיך געלערנט שווימען די יינגערע יוגנטלעכע, זענען געווען די אויסגעצייכנטע שווימערס: ק. דאנציגער און ל. שורעק.

„הכוח״

אין יאָר 1926, האָט א גרופע יוגנטלעכע געגרינדעט א ספּאָרט־קלוב אונטערן נאָמען „הכוח״ L. K. S. HAKOACH.

די גרינדער פון דעם קלוב זענען געווען די פאָלגנדיקע חברים: יעקב און אברהם מעסינג, די ברידער קעמפינסקי, יוסף לובעלסקי, ראובן עליאשעוויטש, אליהו ראָזען, בענעק קאַראָ, פייוול קאץ, שמואל עליאש, פרעסאייזן, שמעון אש, יצחק מאנספעלד, יעזי קריזע.

שפּעטער זענען צוגעקומען נייע מיטגלידער — דוד קושער, מאָניעק דונקעלמאן, צעשעק דזשייקאָביץ, יחיאל זאלץ, ישראל און העניעק קאָהען, פּרץ שטאר, יעקב עליאשעוויץ, ישראל בעאטוס, וועלכע האבן גענומען אן אקטיוון אנטייל אין דער אנטוויקלונג פון קלוב, וועלכער איז געווען טעטיק אויף די פאָלגנדיקע געביטן: 1) פוטבאָל; 2) באָקסינג; 3) לייכטע אטלעטיק; 4) פינג־פאָנג.

אין יאָר 1930 איז געוואָרן פרעזידענט פון קלוב דער אינזשינער ביעזווינסקי (היינט אין פאריז). אין פוטבאָל האט דער „הכוח״ אנטיילגענומען אין פארשידענע פארמעסטונגען. אין יאָר 1932־1933 איז געקומען צו א פאראייניקונג צווישן דעם „הכוח״ און ז. ק. ג. ס. מיט דער פארמיטלונג פון אונדזער וויינבערג, פון וועלט־פארבאנד „מכבי״. דער נאָמען איז דאן געענדערט געוואָרן אויף ז. ק. ג. ס. מכבי.

נ. ב.

משה זילבערבערג

"קאַלישער סטאַטוט"

(א געשפּרעך מיטן מאָלער אַרטור שיק, ספּעציעל פאַרן "קאַלישער לעבן")

לעצטנס רודערט זיך אין וואַרשעווער ליטעראַריש־קינסטלערישן וועלטל מיט אַרטור שיקס קונסט־אויסשטעלונג אין די לאָקאַלן פון דער "יידישע געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן קונסט".

גרויס אינטערעס האָבן באַזונדער אַרויסגערופן זיינע קונסט־בילדער א. ג. "דער קאַלישער סטאַטוט".

"דער קאַלישער סטאַטוט", וואָס האָט אַרויסגערופן אַזאַ געוואַלדיקן אינטערעס אין אַלע קרייזן פון דער היגער יידישער און נישט יידישער געזעלשאַפט, שטעלט מיט זיך פאָר אַט וואָס: אין 13טן יאָרהונדערט, ווען יידן האָבן נאָך אַ לענגערן נע־ונד זיין אין פאַרשידענע עקן פון דער וועלט, זיך אויך אָנגעהויבן באַווייזן אין פוילן, איז דאָס ערשטע אָרט וווּ זיי האָבן זיך באַזעצט, געווען קאַליש.

אין יענער צייט האָט געהערשט אין קאַליש דער פירשט באָלעסלאַוו פּאָבאָזשני, וועלכער זעענדיק אין די ערשטע יידישע איינוואַנדערער אַ זייער פעאיקן עלעמענט, וואָס קען ברענגען גרויס נוצן פאַרן לאַנד, האָט ער זיי געגעבן דעם "קאַלישער סטאַטוט", וועלכער האָט אַנטהאַלטן פאַרשידענע פּריווילעגיעס פאַר יידן, אַ דאַנק וואָס מיט דער צייט איז פוילן געוואָרן איינס פון די גרעסטע יידן־צענטערס אין גאָר דער וועלט.

צום באַדויערן איז, צוליב די שריפות, מלחמות און אַנדערע קאַטאַסטראָפעס, וועלכע פוילן האָט אַדורכגעמאַכט פון יענער צייט אָן, פאַרלוירן געגאַנגען דער העכסט־אינטערעסאַנטער היסטאָרישער דאָקומענט פון "קאַלישער סטאַטוט" אַזוי, אַז מיר קענען נישט וויסן, ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען דער "קאַלישער סטאַטוט".

אַרטור שיק האָט יענע הערלעכע עפּאָפּעע פאַראייביקט אין זיין קונסטווערק א. ב. "דער קאַלישער סטאַטוט", וועלכער שטעלט מיט זיך פאָר דעם אויסזען פון היסטאָרישן דאָקומענט. אילוסטרירט מיט קונסט־בילדער אין מיניאַטור־פאָרעם פונעם לעבן פון יידן פון יענער צייט אָן ביזן היינטיקן טאָג.

נישט זייענדיק קיין קונסט־קריטיקער און אויך נישט קיין קונסט־מאָלער, נאָר ווי אויף אַ באַזוכער פון פאַרשידענע קונסט־אויסשטעלונגען פון פוילישע און יידישע קונסט־מאָלער, האָט די קונסט־אויסשטעלונג פון אַרטור שיק געמאַכט אויף מיר דעם שטאַרקסטן איינדרוק.

באַזוכנדיק די אויסשטעלונג, האָב איך אויך באַשלאָסן צו מאַכן אַ באַזוך ביים קינסטלער.

ער האָט מיר אויפגענומען זייער פריינדלעך און מיך געפרעגט אין וועלכע שפּראַך וויל איך פירן דעם געשפּרעך.

— אין יידיש!

— ביטע זייער! דאָס איז ביי מיר די ליבסטע און אָנגענעמסטע שפּראַך — באַמערקט אַרטור שיק.

— ווי זענט איר געקומען צו דער קינסטלעריש־מאָלערישע קאַריערע, ה' שיק? בעסער געזאָגט: וואָס פאַראַ עטאַפּן האָט איר אַדורכגעמאַכט ביז איר זענט געוואָרן אַ קינסטלער?

— געבוירן בין איך אין לאָדזש אין יאָר 1894, איך בין אַ זון פון אַ לאָדזשער פאַבריקאַנט. פון 4 יאָר האָב שוין אַרויסגעוויזן פעקייטן אויפ'ן געביט פון צייכענען. זייענדיק אין דער 5־טער קלאַס פון דער לאָדזשער האַנדלס־שולע, איז דער דירעקטאָר פון דער שולע געקומען צו מיין פאָטער און געזאָגט, אַז איך פאַרמאָג פעאיקייטן אויפן געביט פון צייכענען און אַז אויב מ'וועט מיך לאָזן אַנטוויקלען, קען איך זיין איינער פון די גרעסטע קונסט־מאָלער.

אין יאר 1911 בין איך אפגעפארן קיין פאריז און בין אריינגעטראטן אין דער פראנצויזישער קונסט־אקאדעמיע. אין יאר 1914 האב איך געענדיקט די קונסט־אקאדעמיע און בין צוריק־געקומען קיין לאדזש.

אין יאר 1918 בין איך אין שליחות פון א לאדזשער קונסט־פאראײן אפגעפארן קיין ארץ־ישראל, בכדי אויפצוכאפן ארץ־ישראל־פייזאזשן און ארץ־ישראל בילדער.

— ווי אזוי איז די באציאונג פון דער נישט־יידישער געזעלשאפט צו אייערע קונסט־ווערק און וואס איז זייער מיינונג?

— איך ווייס נישט צי א קינסטלער פון די אומות־העולם האט שוין זוכה געווען צו אזא ווארעמער באציאונג. בעת איך האב אויסגעשטעלט מיינע קונסט־בילדער אין פאריז האט זיך די גאנצע פראנצויזישע פרעסע ענטוזיאסטיש אפגערופן וועגן מיינע בילדער. אויך די גרעסטע פראנצויזישע קונסט־מאלער, רעגירונגס־לייט, הויכגעשטעלטע פערזאנען, געלערנטע אאז״וו, זענען געווארן אנטציקט פון מיינע קונסט־בילדער.

די לעצטע טעג, זייענדיק אין ווארשע, האב איך באזוכט דעם מארשאל פילסודסקי, מלוכה־פרעזידענט מאשטשיצקי, וועלכע האבן פאר מיר געמאכט א זייער שיינע אויפנאמע. פילסודסקי איז ממש געווען אַנטציקט פון מיינע קונסט־בילדער און גלייך אויפן ארט האט ער ביי מיר געקויפט א רעפראדוקציע.

די לעצטע טעג האבן אויך באזוכט די אויסשטעלונג דער אויסערן־מיניסטער זאלעסקי, דער סאוועטישער געזאנדטער, דער פראנצויזישער געזאנדטער, גראף פאטאצקי, געוו. פרעמיער סקוזשינסקי און א גאנץ רייע פוילישע קינסטלער און הויכגעשטעלטע לייט, וועלכע האבן ארויסגעוויזן א געוואלדיקן אינטערעס צו די קונסט־בילדער.

— ווי לאנג האט איר געארבעט איבערן ״קאלישער סטאטוט?״

— איבערן ״קאלישער סטאטוט״ האב איך געארבעט אין פאריז קנאפע 3 יאר. אין משך פון דער גאנצער צייט האב איך געלעבט אין זייער שווערע באדינגונגען. און ווען נישט די מאטעריעלע שטיצע פון מיינע חברים, קונסט־מאלער, וועלכע האבן זיך מיט מיר נישט איין מאל געטיילט מיטן לעצטן גראשן, וואלט נישט געקענט זיין קיין רייד וועגן ענדיקן די אנגעהויבענע ארבעט.

אין א גרויסער מאס האב איך דעריין א סך צו פארדאַנקען דעם פוילישן אמבאסאדאר אין פאריז.

— וואס האָט אייך באוויגן, ה׳ שיק, צו מאלן דעם ״קאלישער סטאטוט?״

— דער געדאנק צו מאלן דעם ״קאלישער סטאטוט״ איז ביי מיר שוין רייף פון לאנג. נאר צוטרעטן אויסצוארבעטן דעם ווערק האט מיך געשטויסן די מאי־איבערקערעניש. די ארבעט האט געזאלט זיין א קינסטלערישער כבוד דעם לאנד אין וועלכן איך בין געבוירן געווארן. און נאך א סיבה האט מיך געשטויסן צו מאלן דעם ״קאלישער סטאטוט״: שטאמענדיק פון פוילן, האב איך געוואלט פארשאפן א נאציאנאלן כבוד דעם פויליש יידנטום. דאכט זיך, אז איך האב מיין ציל דערגרייכט.

צום סוף באמערקט ארטור שיק:

— איך האב בעגעגנט אין פוילן זייער פיל יונגע יידישע טאלאנטן, וועלכע ווען מ׳לאזט זיי זיך אנטוויקלען, וואלטן זיי מיט דער צייט געקענט ווערן די גרעסטע קונסט־מאלער. נאר לײדער איז ביי אונז יידן דא זייער א שוואכער אינטערעס צו קונסט, און נישט קענענדיק מיט די אייגענע כוחות אנטוויקלען זייערע פעיקייטן, ווערט נישט איין טאלאנט פארלארן.

— ווו קלערט איר ווייטער צו פארן?

— פון ווארשע פאר איך אין מיין געבורטס־שטאט לאדזש. דארט וועל איך אויסשטעלן אויף עטלעכע טעג די קונסט־בילדער און פון דארט פאר איך גלייך אפ קיין פאריז

איבער א יאר וועל איך צוריק זיין אין פוילן און וועל אויסשטעלן די בילדער אין אלע גרעסערע שטעט פון לאנד.

ער געזעגנט זיך מיט מיר הארציק און שטייענדיק שוין אויף דער שוועל פון דער טיר שרייט מיר נאך ארטור שיק:

— גריסט אין מיין נאמען די לעזער פון "קאלישער לעבן" און זאגט זיי, אז איבער א יאר וועל איך זיין אין קאליש, און זיי וועלן האבן די געלעגנהייט צו זען מיינע קונסט־בילדער.

איך האב זיין בקשה דערפילט.

"קאלישער לעבן" (89) 7
ל' בניסן תרפ"ט, 10.5.1929

א פאר ווערטער וועגן ארטור שיקס „קאלישער סטאטוס"

דער "קאלישער סטאטוט" איז א היסטארישער דאקומענט פון יאר 1264, וואס דער קאלישער פירשט באלעסלאוו דער פרומער האט געגעבן דער יידישער באפעלקערונג.

דעם סטאטוט האבן יידן געהיט, ווי א אויג אין קאפ, האבן שפעטער אים פארגעלייגט פארשידענע פוילישע קעניגן און פירשטן צום באשטעטיקן און פארברייטערן.

דער סטאטוט איז אלזא דער יסוד פון יידישע רעכט אין פוילן, ווייל, דער סטאטוט איז נישט נאר פאר יענע צייטן געווען ליבעראל; א סך פון זיינע פונקטן זענען נאך היינט גאנץ אקטועל. צ. ב. ש. דער פונקט קעגן עלילת־דם, אדער דער פונקט וועגן שלאגן יידישע קינדער, וועלכער לויטעט: אז א קריסט שלאגט א יידיש קינד, ווערט ער באשטראפט ווי א גנב.

אין מיטלאלטער איז שטארק געווען פארשפרייט די קונסט פון מיניאטור־אילוסטראציעס. ארטור שיק האט זיך אויף דעם פארקוקט ביים אילוסטרירן דעם "קאלישער־סטאטוט". ארטור שיק איז געגאנגען נאך ווייטער: נישט קיין טרוקענע אילוסטראציע האט ער איבערגעגעבן; אלס געטרייער זון פון יידישן פאלק האט ער אריינגעהויכט אין זיין ארבעט די גאנצע ליבע און צערטלעכקייט, מיט וועלכע זיינע זיידעס אין יענע צייטן האבן זיך באצויגן צום דאקומענט. און דאדורך לעבט יעדע געשטאלט, יעדעס אות. מ'זעט אזוי בולט אונטערגעשטראכן די וויכטיקע ראלע, וועלכע יידן האבן געשפילט די גאנצע צייט אין פוילן. אט זעט מען, ווי יידן ארבעטן אויס פוילישע מאַנעטן ביים ערשטן היסטארישן פוילישן קעניג מיעשקאָ דער 1טער. מ'זעט די יידישע בעלי־מלאכות אזוי לעבעדיק און אזוי היסטאריש ריכטיק; מ'זעט די יידישע סוחרים, וועלכע פירן דעם תבואה־עקספארט פון פוילן נאך אויסלאנד; די יידישע נאַטאבלען גיבן אפ כבוד דעם גרויסן פוילישן קעניג קאזשימיערזש; יידישע פאטריארכן אין דער אלטער פראכט־קליידונג, אזוי שיין, אזוי לעבעדיק, דורכגעוועבט מיט א פארחלומטער ראַמאנטיק.

כמעט יעדער פונקט פון סטאטוט איז אילוסטרירט. אט איז למשל, דער פונקט וועלכער זאגט, אז א ייד טאר מען נישט משפטן אום יום־טוב: שטייט פאר אייך א יידישע פרוי מיט פארלייגטע הענט און דאווגט, דאס איז אן אמתע "אשת־חיל". ס'שיינט ארויס די יידישע צניעות און ערנסטקייט פון אונדזערע אמאליקע באָבעס. הינטער איר זעט מען א ייד אין א שטריימל און טלית, ריכטיק, מיט אזא פינעזיע אויסגעפירט, אז נאר א גרויסער קינסטלער מיט א גרויסער יידישער נשמה האט געקענט אזעלכעס שאפן.

א בילדל ווי יידישע קינדער שפילן זיך אין גאס; צארטע ליכטיקע פנימלעך, מיט געקרייזלטע פאהלעך און יידישע פארחלומטע בליקן. אויך אין זיינע פוילישע בילדער זעט מען די מיניאטור־קונסט אין דער „העכסטער פארעם"; איר זעט רייטערס אויף פערד מיט פיקעס, נישט גרעסער פון 1 מילימעטער, הייזער — 1 צענטימעטער גרויס. קען דאָס א מענטשלעכע האנט מאכן? נאר א באגאבטער קינסטלער ווי ארטור שיק האט דאס געקענט מאלן.

ווי ווייט שיק האט געוואלט אויפווייזן די וויכטיקע ראלע פון יידן אין פוילן, באווייזן די אילוסטראַציעס צום העברעישן טעקסט: בערעק יאסעלעוויטש מיט זיין פולק קעמפט פאר פראַגע; דא זעט מען יידן אין טלית־קטנס פארגיסן זייער בלוט פאר פוילנס באפרייונג. א בילד ווי יידישע ארבעטער און ארבעטערינס קעמפן אויף די באריקאדן אין יאר 1905 אין לאדזש. א בילד פון אמעריקע, ווי דער פוילישער גענעראל פולאסקי און דער ייד סאלאמאן קעמפן פאר אמעריקאנער פרייהייט.

דאס איז די טענדענץ פון שיקס ארבעט צו באווייזן די באציונגען צווישן פוילן און יידן אין משך פון קנאפע 1000 יאר, די פוילישע טאלעראנץ און די יידישע טריישאפט און וויכטיקע ראלע אין פוילנס ווירטשאפט און פאליטיק.

א. נ.

„די קאלישער וואָך" 1

ה' סיון תרפ"ט, 13.6.1929


KALISCHER JÜDISCHER

Turn u. Sportverein.

קאלישער יודישער

טורן אונד ספארטפעראיין.

№ 1635

Mitglied Walter M.


מיטגליעד

Turner

Unterschrift

אונטערשריפט


מיטגלידס־קאַרטע פונעם ספאָרט־פאַראיין



משפחת
יהודי קאליש
די קאלישער
יידישע
משפחה



בשוק הדגים   אויפן פישמארק





קוני הושענות   מען קויפט הושענות



חלוקת לחם
בבית הקהילה


ברויט־פארטיילונג
אין דער קהילה




בדרך לסוכה

אין סוכה אריין








סדר פסח בבית החולים היהודי

פסח־סדר אין יידישען שפיטאל














ספורטאים ומתעמלים


ספארטלער און טורנער



חגיגת ההתעמלות הראשונה

ערשטער טורן־פעסט









יהודים הולכים ברחובות העיר
יידען גייען אין דער שטאט




זוג צעיר
א יונגע פאר



משפחה
א משפחה





זקנים וצעירים בגן העיר

אלט און יונג אין שטאט פארק







הדור הקשיש　　　דער עלטערער דור



תזמורת אגודת ההתעמלות   ארקעסטער פון טורן־פאריין





מקהלת בית הכנסת הגדול   דער כאר פון דער גרויסער שול







היימישע צוזאמענטרעפן און משפחה־שמחות















משפחות מסועפות




פארצווייגטע משפחות





אגודים וארגונים





געזעלשאפטלעכע פאריינען און ארגאניזאציעס





גבריאל העור


דער בלינדער גבריאל



חוג דרמטי   א דראמאטישער קרייז








בעלי מלאכה ובית־הספר למלאכה

האנטווערקער און די האנטווערקער שולע





חיילים יהודים בצבא הפולני

יידישע זעלנער אין דער פוילישער ארמיי


שניידער-קאאפעראטיוו
— קאליש
ARNOLD — ארנאלד





בתי מלאכה קואופרטיביים קאאפעראטיווע ווארשטאטן













הדור הצעיר





דער יונגער דור












10+10





בתפקיד צבורי



אין דער געזעלשאפטליכער טעטיקייט



בנות ישראל   אידישע טעכטער





הם הולכים...   זיי גייען...

צעו יאָר



די ערשטקלאסיגע דרוקעריי
„GRAFIKA"
właśc.: P. SKOWRON-BEATUS
Kalisz, ul. 6-go Sierpnia 3
telefon 347
דרוק-ארבייט
DOM FUTRZANY
הורט
Ch. Rozenfeld
Kalisz, Pl. 11 Listopada
מעדיצינישע
אנאליזען
כעמיש-באקטעריאלאגישער לאבאראט
מגר. מ. ראטצ
קאליש, באבינא 14
דער בעקאנטער פוטער-ווארשטאט
R. HAJSZREK
Kalisz, Piłsudskiego 11 (Ciasna 8)
פריהער

קאליש אין יאר תרפ״ז

ווידער איז אונדזער געשיכטע רייכער געוואָרן מיט נאך א יאר. ווידער איז אוועק א יאר מיט זיינע איבערלעבענישן, גוטע ווי שלעכטע. מיר זענען עלטער געוואָרן און ממילא האבן מיר געהאט פון וואס עפעס זיך אפצולערנען און אראפצונעמען א מוסר.

צוזאמען מיטן גאנצן כלל־ישראל האט אויך דאס יידישע קאליש ספעציעל צו פארצייכענען און אונטערצוציען א סך־הכל פון דעם פארגאנגענעם יאר, הן אויפן קולטורעלן געביט און הן אויפן עקאנאמישן.

זאלן די גוטע דערגרייכונגען זיין א ביישפיל, כדי מען זאל זיי פארדאפלען אויף להבא, און אויך דארפן דינען די געמאכטע פעלערן ווי א ווארענונג, אז זיי זאלן נאך א מאָל נישט איבערגעחזרט ווערן. דעם קורצן איבערבליק וועלן מיר זיך באמיען צו געבן פאר אונדזערע לעזער היינט, צוזאמען מיטן געזעגענען דאס אלטע יאר.

קולטור

מיר וואלטן אפשר גלייכער געדארפט אנרופן דעם טיטל ״קולטורלאזיקייט״, אדער על כל פנים לאזן א לערן בלויז.

ווארעם באמת, אויב מיר ווילן אויף דער א. ד. טעמע עפעס רעדן אדער שרייבן, דארפן מיר רויט ווערן פאר בושה פון די מישטיינס געזאגט קולטור־דערגרייכונגען, וואס מיר האבן אין אונדזער שטאט געשאפן.

וועלכער פאראיין, חברה אדער פארטיי, וואס עקזיסטירן אויף דער יידישער גאס, זאל דאס נישט האלטן פאר א הייליקן חוב גלייך אין די ערשטע שורות פון איר פראגראם ארייננצושטעלן און צוזאגן אויפן געביט פון קולטור אירע מיטגלידער ממש א ישועה?

אלע פארטייען, רעכטע ציי לינקע, פון ארטאדאקסישער אדער אן אנדער ריכטונג האבן פארשפראכן זייערע מיטגלידער צו געבן אזעלכע אויפקלערונגס־לעקציעס, וועלכע זאלן אין א געוויסער מאס באפרידיקן דעם דראנג צו יידישער און אויך אלגעמיינער קולטור און וויסנשאפט.

ליידער אבער זענען אלע געבליבן בלויז ביי די פראגראמען, און אין בעסטן פאל — ביי אייניקע פרוון.

קיין אין וויכטיקע פארלעזונג, קיין איין ערנסטע וויסנשאפטלעכע לעקציע אויף דעם געביט, איז נישט פארגעקומען אין פארלויף פון פארגאנגענעם יאר. בלויז קליינלעכע פארטיי־רייסענישן און חשבונות, וואס פארדארבן נאר די מיטגלידער.

זאלן דאס געדענקען די אנפירער פון אלע געזעלשאפטן — און דער פעלער וועט נישט איבערחזרט ווערן.

דערציונג

אויפן געביט פון דערציונג איז דער מצב ביי אונדז אין שטאט אין א געוויסער מאס א צופרידנשטעלנדיקער.

עס איז דא א נעץ פון חדרים און שולן. יעדע פארטיי און ריכטונג קארגט נישט אויף דעם קיין מי און געלט, זארגט פאר געהעריקער דערציונג פון יונגן דור. נאטירלעך, באמיט זיך יעדער אנצוווענדן זיינע מעטאדן. אבער דאס אינטערעסירט אונדז ווייניקער, ווייל יעדער יידישער פאטער וועט שיקן זיין קינד דארט, ווו עס וועט אים זיין נענטער צו זיינע איבערצייגונגען. א חוץ די חדרים און אנפאנגס־שולן, האבן מיר אויך אן אכטקלאסיקע גימנאזיע, א ״חבצלת״־שול פאר מיידלעך און א האנטווערקער־שול. די אלע האבן אין משך פון זייער עקזיסטענץ זיך דערוואָרבן א פארדינטע אנערקענונג.

צוויי זאכן באפרידיקן אונדז אבער נישט אויף דעם געביט.

דאס ערשטע: א געוויסע טייל עלטערן פארשטייען נאך נישט ווי צו שעצן די דערמאנטע

שולן און שיקן זייערע קינדער אין פרעמדע קריסטלעכע שולן, ווו די יידישע נשמות ווערן פארדארבן און פארפרעמדט פון יידישן פאלק.

אין דעם איז שולדיק אין א געוויסער מאס די קנאפע אויפקלערונג און פראפאגאנדע דערוועגן. דעם פעלער איז אבער לייכט צו פארבעסערן.

דער צווייטער פעלער איז, וואס 1400 יידישע קליינינקע קינדערלעך מוזן גיין אין די פאוושעכנע שולן, ווו זיי ווערן בידים פון אונדז אפגעשטויסן.

דאס איז א פעלער, וועלכן מיר וועלן ערשט דערזען אין א צייט ארום, ווען דער יונגער דור וועט אונטערוואקסן און ער וועט זיין א גענצלעך פרעמדער און אסימילירטער.

מיר פון אונדזער זייט האבן עס געטאן ביי יעדער געלעגנהייט, געוועקט און דערמאנט אויף די שפאלטן פון אונדזער צייטונג, אויפגעוויזן די געוואלדיקע עולה, וואס מיר באגייען קעגן אונדזערע קינדערלעך.

פארריכטן דאס — מוזן נאר אונזערע עסקנים, וועלכע האבן צו דעם די מעגלעכקייט און מיטלען.

האנדל

דער מסחר ביי אונדז אין שטאט, סיי דער גרעסערער האנדל און סיי דאס קליין־סוחרטום, און אין א גרויסער מאס אויך דאס האנטווערקערטום, איז בעיקר אויסגעשטעלט אויף דעם פויערישן קונה.

עס איז דעריבער פיל אפהענגיק אינם גערעטעניש, אז די קויפקראפט פון דעם פויער זאל זיך נישט פארקלענערן.

אין משך פון די לעצטע יארן האט זיך דער פויער שוין צוגעוווינט צו פארברויכן בעסערע ארטיקלען. און דעריבער איז עס אפהענגיק נאר פון זיינע הכנסות.

אינעם פארגאנגענעם יאר איז נישט געווען קיין גוט גערעטעניש און ממילא איז די קויפקראפט געווען א מינימאלע. דאך אין אנפאנג שניט־יאר, ווען דער פויער איז אויפ־געהונגערט אויף סחורה, קוקט ער נישט אויף קיין שום מניעה און קויפט. דעריבער קען מען דאס פארגאנגענע יאר איינטיילן אויף צוויי פעריאדן: די ערשטע פאר חדשים זענען געווען כמעט גוטע, דאקעגן די צווייטע העלפט יאר ד. ה. דער גרעסטער טייל איז געווען גענצלעך אונטערן צייכן פון סטאגנאציע.

דער היגער שטייער־שעף האט זיך אבער ווייניק וואס דערמיט גערעכנט און די שטייער־שרויף איז דערהויבן געווארן אין פארגאנגענעם יאר ביז א מאקסימום און ווען די רעקורסן פון א גרויסן טייל סוחרים זאלן נישט ברענגען צו געהעריקע רעזולטאטן, וועט זיי אויס־קומען פשוט צו ליקווידירן די געשעפטן.

די דריי יידישע עקאנאמישע ארגאניזאציעס האבן זיך געדארפט מער באמיען און אויפקלערן דעם שטייער־אמט דעם פאקטישן מצב פון היגן סוחרטום, און אזוי ארום פארהיטן דעם מסחר פון א קאטאסטראפע.

שטיקעריי

די שטיקעריי־פאבריקאציע, וועלכע איז א מאל געווען דער נערוו פון קאלישער מסחר און געהאט א דאמינירנדיקע ווירקונג אויף דער שנעלער אנטוויקלונג פון אונדזער שטאט, איז זייט דעם קריג אראפגעשטויסן געווארן כמעט ביז א נישט וויכטיקן האנדלס־צווייג.

אלע באמיונגען וועגן שליסן א האנדלס־אפמאך מיט רוסלאנד האבן נישט געבראכט דעם געוווּנטשענעם רעזולטאט, נישט קוקנדיק דערויף וואס רוסלאנד איז געווען פארן קריג די הויפט־אפנעמערין פון דער היגער שטיקעריי־אויסארבעטונג.

דערווייל ביז עס וועט ווערן א וואסער נישט איז האנדל מיט די שכנותדיקע לענדער, מוזן די היגע פאבריקאנטן זיך באגנוגענען מיטן אינערלעכן מארק.

דער פועל יוצא דערפון איז, אז די מאשינען גייען זעקס חדשים אין יאר און עס ארבעטן נאר א קליינע צאל פאבריקאנטן. די נישט סטאבילע קאניוקטור אין דער שטיקעריי־בראנזשע האט א שטויס געטאן די פאבריקאנטן זיי זאלן זיך פאראייניקן און על כל פנים צווישן זיך נישט קאנקורירן.

צו דעם צוועק איז געשאפן געווארן די בשותפותדיקע קאסע, ווו יעדער צאלט א געוויסן אפצאל פאר יעדער קילא סחורה.

דאס האט אויך א געוויסע מעלה, דאס בעת א סטאַגנאציע באַקומט יעדער פאבריקאנט אויסגעצאלט פאר יעדער נישט ארבעטנדיקער מאשין 75 זל. א וואך.

א חוץ שטיקעריי האט זיך לעצטנס אנגעהויבן אַנטוויקלען ביי אונדז אין שטאט אַן ענלעכע פאבריקאציע, דאס איז די קלעפעל־שפיצן. מען קען שוין היינט דאס מין מאשינען ציילן אין קאליש אין די הונדערטער. אבער כל זמן דער צאל־קריג מיט דייטשלאנד דויערט, איז צו רעכענען אויף א גוטער קאניוקטור אין דער בראנזשע. אלנפאלס וועט זיך די רעגירונג מוזן רעכענען מים דעם פאבריקאציע־צווייג ביים שליסן א האנדלס־אפמאך מיט דייטשלאנד און פארהיטן דעם פוילישן מארק פון א פארפלייצונג מיט דייטשע קלעפעל־שפיצן.

ביים היינטיקן טאג האט די דאזיקע פאבריקאציע געלייזט אין א געוויסער מאס דאס פראבלעם פון ארבעטסלאזיקייט ביי אונדז אין שטאט און אין דעם וועט די רעגירונג געדענקען.


מ י ל ן

די צווייטע פראדוקציע, מיט וועלכער קאליש טיילט זיך אויס און שטאלצירט, זענען די מילן.

אין דער הינזיכט פון מעל־פראדוקציע שפילט קאליש א גרויסע ראל ביים באַשפייזן פוילן. דאס היגע מעל גייט ביז קאטאוויץ פון איין זייט מיט גאנץ זאגלעמביע, און פון דער צווייטער זייט ביז ביאליסטאק, ווילנע אזש ביז די גרענעצן פון רוסלאנד און ליטע.

ביי אזא אנטוויקלונג פון דער פראדוקציע און ביים פאַרמערן זיך פון מילן, לעבן שוין דערביי ממילא א גרויסער צאל מענטשן, וואס באשעפטיקן זיך דערמיט. אזוי זענען דא א גרויסער טייל גרעסערע תבואה־סוחרים, וועלכע האנדלען וואגאנווייז, און די אזוי גערופענע טארג־הענדלער, וועלכע שטעלן צו די תבואה פאר די מילן.

דאס פארגאנגענע יאר, א נישט געראטן יאר אין תבואה, האט א סך געהאמעוועט דעם תבואה־האנדל, און מחמת דעם, וואס דעם גרעסטן טייל תבואה האט מען אימפארטירט, האבן די גרעסערע מילן דאס געקענט באווייזן און די קלענערע איז עס פיל שווערער אנגעקומען, נישט רעדנדיק שוין פונעם מין סוחר־פארמיטלער, וועלכע האט אבסאלוט נישט געהאט וואס אויפצוטאן דערביי, די טראנזאקציעס זענען געמאכט געווארן דירעקט מיט די מילן.



דער טארג־סוחר האט נישט געהאט פון וואס צו האנדלען, ווייל דער פויערים־צופיר איז געווען א מינימאלער.

אלנפאלס בנוגע די מילן איז דאס פארגאנגענע יאר נישט געווען קיין שלעכטס, אבער אין תבואה־מסחר איז געווען א קריזיס.

דער קלייך־עקספארט נאך דייטשלאנד, וועלכער איז שטענדיק געווען א גרויסער פאקטאר ביים רעגולירן דעם מעל־פרייז אין לאנד, איז לעצטנס פארווערט געווארן, ד. ה. עס איז ארויפגעלייגט געווארן א צאל פון $7\frac{1}{2}$ זל. אויף א מעטער. דאס האָט גענצלעך אפגעשטעלט דעם עקספארט. עס וואלט דעריבער געווען א יושר, אז די פאַראָרדענונג זאל אפגעשאפן ווערן, ווייל פון שטענדיק אן קען פוילן אליין די קלייען נישט פארברויכן און ממילא ביי א קאלאסאלער איבערפראדוקציע פון דעם מין און צוליבן פאלן פון די פרייזן, ווען די מילנער זיך מוזן דעם דיפערענץ אפנעמען דורך א פרייז־העכערונג אויף מעל, און אזא קאלקולאציע ליגט זיכער נישט אין די אינטערעסן פון דער רעגירונג.

פראדוקטיווע הילף

אויף דעם געביט האט קאליש טאקע פיל אויפגעטאן און שטייט ווייט נישט אפ פון אנדערע שטעט אין פוילן.

מיר פארמאגן דא צוויי קאאפעראטיווע בענק, וועלכע קומען דעם יידישן סוחר שטארק צונוץ, און זייער קאלאסאלע אַנטוויקלונג איז דער בעסטער באווייז פון זייער דערווארבענעם צוטרוי אין די היגע סוחרים־קרייזן.

די צווייטע אינסטיטוציע, וועלכע האט זיך דערווארבן דעם צוטרוי פון דער געזעלשאפט איז די אנפראצענטיקע „גמילות־חסדים־קאסע", דער אזוי גערופענער „רעטונגס־קאמיטעט". טויזנטער פאמיליעס, וועלכע זענען שוין געווען פארמשפט צו בעטל־ברויט, זענען א דאנק דעם „רעטונגס־קאמיטעט" צוריק געבליבן אויף די פיס, און דאס איז א גוואלדיקע דער־גרייכונג !

★

אזוי זעט אויס אונדזער ביסל דערגרייכונגען אין קאליש במשך פון פארגאנגענעם יאר. און ווי מיר האבן אין אנהויב דערמאנט, זאלן די חסרונות דינען אלס ווארענונג — זיי זאלן להבא נישט איבערגעחזרט ווערן, און די דערגרייכונגען זאלן פארדאפלט ווערן.

און תחל שנה וברכותיה.

„קאלישער לעבן" 12

ערב ראש השנה תרפ"א, 26.9.1927

קאליש אין יאר תרפ"ח

ידער שטייען מיר אויף דער שוועל פון א ניי אנגעקומען יאר. פול מיט האפענונג און גלויבן דערווארטן מיר דאס נייע יאר. טאקע נאר דער יידישער בטחון גיט אונדז כוח איבערצוהאלטן דאס שלעכטע און צו דערווארטן דאס בעסערע.

מיר ווילן דעריבער היינט, ביים סוף פון פארגאנגענעם יאר תרפ"ח, אונטערציען א שטיקל סך־הכל פון דעם יידישן אקטיוו און פאסיוו ביי אונז אין קאליש.

אדורכגעשטופט זיך א יאר — און מיט אזוי פיל האבן זיך פארגרעסערט דאס ביסל יידישע צרות.

מיר פארנאטירן דעריבער די וויכטיקסטע געשעענישן, און זאל עס בלייבן אין זכרון דאס שלעכטע אויף להבא צו פארמיידן און דאס גוטע (נאטירלעך אויב ס׳איז אזעלכעס געווען...) צו פארדאפלען. זאלן די יעניקע, וועלכע זענען געווען טעטיק לטובת דעם יידישן כלל אין קאליש, האבן דערמיט א דאנק־אויסדרוק, און ווידער די, וועלכע האבן פארנאכלעסיקט זייערע געזעלשאפטלעכע פליכטן, זיך באמיען נישט הינטערשטעליק צו בלייבן אין קינפטיקן יאר.

דער גרעסטער רושם האבן געמאַכט די וואלן צו דער קאלישער זעלבסט־פארוואלטונג. צעהיצט זענען געווען די געמיטער פון די יידישע פאליטיקער ביי אונדז אין שטאט, און געמיינט האט מען, אז עס וועט צו א געמיינזאמער ליסטע נישט קומען. אבער געזיגט האט דער געזונטער פאליטישער געדאנק און די גרעסטע איינפלוסרייכע פארטייען האבן געשלאסן א בלאק. און טאקע א דאנק דעם, וואס אזעלכע פארטייען ווי ״אגודה״, ״ציונים״ און ״קליינ־הענדלער״ האבן ארויסגעשטעלט אן איינהייטלעכע ליסטע, איז דער נצחון געווען א פאל־קאמער — די צאל דורכגעפירטע מאנדאטן פון ״זעכצנטל״ איז געווען די מאקסימאלע, אויף וועלכע מ׳האט זיך געקענט ריכטן.

אמת איז, אַז ווען די פארלוירענע שטימען פון ״אכטל״ און די רעשט פון ״זיבעצנטל״, גייען אויך צוזאמען, וואלט געווען די צאל יידישע ראטמענער גרעסער, אבער פערזענלעכע אמביציעס וועלן קיין מאל נישט פעלן, און דאס אויסצומיידן וועט קיין מאל נישט געלונגען. אבער דער אפגעהאלטענער נצחון האט נישט לאנג געלאזט ווארטן אויף גוטע רעזולטאטן: דער געלונגענער אויסוואל פון דער פערזאן אויפן איצטיקן לאווניק־פאסטן, ער פירט ווייטער די געוואונשענע און נוצבארע פאליטיק אין מאגיסטראט לטובת דעם יידישן קאליש. און מיט א רויק געוויסן קענען מיר זאגן, דאס אונדזער ארבעט איז נישט געגאנגען לאיבוד.

★

דער שטאטראט הייבט איצט אָן זיין קאדענץ, אבער אונדזער קהילה גרייט זיך ערשט דורכצופירן וואלן, ווייל איר קאדענץ ענדיקט זיך שוין גאר בקרוב.

לויט די ידיעות פון דער סטאראסטווא, דארף שוין דעם 2טן דעצעמבער זיין נאך די וואלן. עס וואלט דעריבער זייער געוווּנטשן געווען, אַז די קהילה־פארוואלטונג צוזאמען מיטן ראט, פארן פארלאזן זייערע אמטן, זאלן פארעפנטלעכן א דין־וחשבון פון זייער טעטיקייט לטובת דער שטאט אין משך פון זייער פיר־יאריקער קאדענץ.

מיר ווייסן גאנץ גוט, אַז ביים איבערנעמען דיווירטשאפט פון די דאזערעס האט אלץ אויף ס׳ניי געמוזט איינגעפירט ווערן. עס איז טאקע א גרויסער פארדינסט פון דער איצטיקער קהילה דאס ברענגען אין ארדענונג די גאנצע קהילה־ווירטשאפט. א גרויסער פלוס איז, וואס זיי האבן זיך נישט אפגעשראקן און איבערגענומען די שחיטה אונטער דער קהילה.

מען האט אנגעהויבן בויען א תלמוד־תורה (אבער ווען וועט עס שוין געענדיקט ווערן?), מען האט אויפגעפרישט די מקוה און געוויסע אינסטיטוציעס האבן באקומען אויסגעצאלט די סובסידיעס.

אבער א גרויסער פעלער איז פון דער קהילה, פאר וואס זי פאראינטערעסירט זיך אזוי ווייניק, כמעט ווי גארנישט, מיט דער דערציונג פון יונגן דור.

טויזנטער יידישע קינדער ווערן דערצויגן אין א פרעמדן, כמעט פיינטלעכן, גייסט צו אלעם, וואס איז יידיש, און די קהילה מאכט זיך קנאפ דערפון.

קען זי דאך העלפן מיט עפענען נאכמיטאג־שולן פאר די קינדער פון דער פאָושעכנער שול, און דאס קינד וואלט געווען געראטעוועט.

אזוי ווערן קינדער דערצויגן אין דער ת״ת אָן א סיסטעם און ארדענונג, ווארעם וואס זאל דאס יידישע קינד טאן נאכן פארלאזן די ת״ת־ווענט?

פאר וואס געדענקט איר נישט אין „כל תורה שאין עמה מלאכה — סופה בטלה״? לאמיר האפן אַז אין נייעם בנין וועט דאס אויסגעבעסערט ווערן.

★

אט הערן מיר אלץ פון פארריכטן די שול, און עפעס טאן זעט מען נישט.

ס׳ווערן באשטימט יאריערלעך סובסידיעס פארן ״רעטונגס־קאמיטעט״, און קיין גראשן ווערט נישט אויסגעצאלט.

אבער בעסער איז ווען מען באשטימט באלד נישט, ווי טאקע ס׳איז דאס ארט ביי ״טאז״ און אנדערע אינסטיטוציעס!

נאך איין פראגע דארף מען שטעלן די קהילה־פארוואלטונג: צו וואס די גאנצע געשיכטע מיט א ראט, בעת א חוץ צום בודזשעט ווערט ער נישט גערופן.

★

א שטיקל פארלייכטערונג פאר די יידישע מאסן אין קאליש אין די קאאפעראטיווע באנק.

דאָס איז באמת א ווערק מיט וואס דאָס קאלישער יידנטום קען שטאלצירן. אבער נישט קיין בלויזע שטאלץ איז די באנק, נאר אויך אן אמתע רעטונג פאר די טויזנטער קרעמער און בעלי מלאכות, וואס זענען א דאנק דער הילף פון דער באנק, נישט אויסגעשטעלט אויף די היענישע אפעטיטן פון די גאסן־ליכוויאזשעס.

אז אין דער קאאפ. באנק איז אלץ אין בעסטן ארדענונג זענען מיר פון דעם גרויסן וווקס און פון דער הארמאנישער מיטארבעט פון אלע ריכטונגען, וואס זענען אין איר פארטראטן.

עס בלייבט אונדז איבער צו ווינטשן א ווייטערן דערפאלג און אנטוויקלונג אויפן זעלבן וועג.

דאס זעלבע וואס די קאאפ. באנק טוט פאר די גרויסע מאסן האנטווערקער און קליינ־הענדלער, אין פארן גרעסערן סוחרטום און פאבריקאנטן די סוחרים־באנק. פארהעלט־נישמעסיק א יונגע אינסטיטוציע ביי אונדז אין שטאָט, און דאך האָט זי שוין געוווּנען די אנערקענונג פון גרעסערן סוחר און פאבריקאנט.

מיר האבן דאס זיך לייכט געקענט דערוויסן אויף דער אלגעמיינער פארזאמלונג פון דער סוחרים־באנק אויסהערנדיק דעם באריכטס־טעטיקייט, דער קאלאסאלער אומזאץ פארן לעצטן יאר איז דער בעסטער באוויז פון פארדינטן צוטרוי.

און געשאפן געווארן איז די אינסטיטוציע דורך איינצלנע פערזאנען, א דאנק זייער עקשנות און אויסדויער.

די אויבנדערמאנטע בענק און זייער טעטיקייט זענען טאקע א געוואלדיקע הילף פארן סוחרטום, פאבריקאנטן, האנטווערקער, דאקעגן די גמילת־חסדים־קאסע איז ממש א נויטווענ־דיקייט פאר די יעניקע טויזנטער משפחות, וועלכע קענען אין קיין באנק נישט אנקומען, און זייער קליינע הילף באקומען זיי אין דער ג״ח־קאסע — דער אזוי פאפולער גערופענער ״רעטונגס־קאמיטעט״.

איבער די גרויסע לייסטונגען פון אט דער אינסטיטוציע, איז נאַטירלעך גאנץ איבעריק צו שרייבן. עס איז אלעמען גוט באוווּסט די טעטיקייט. ליידער האט די יידישע געזעלשאפט אין קאליש נישט ארויסגעוויזן קיין פארשטענדעניש פאר אט דער אינסטיטוציע.

וואס דער אמת, האט די ג״ח־לייטונג נישט געפונען קיין צייט איינצוארדענען קיין זאמל־אקציע, און במילא, ווען מען מאנט נישט — גיט מען נישט.

די שולד ליגט דעריבער אויףביידע, סיי אויף דער לייטונג און סיי אויף דער שטאָט.

מיר מוזן אויך ווארענען: אין פאל ווען די ג״ח וועט נישט פארברייטערן איר טעטיקייט, פארלירט עס דעם ריכטיקן ציל וואס די גרינדער האבן זיך געשטעלט און עס ווערט ביס־לעכווייז ווי צדקה אין גרעסערן פאַרנעם.

אזוי זעט עס אויס פון דער זייט, ווּ מען באמיט זיך צו העלפן דעם ייד צו ״שטיין אויף די פיס״. פון דער צווייטער זייט ווידער, איז די שטייערן־אויסמעסטונג אין קאליש פיל מאל געווען פאנטאסטיש גרויס און איז עלול אונטערצוברעכן די עקזיסטענץ פון פיל יידישע פאמיליעס. איצט ווערט אויסגעמאסטן דער הכנסה־שטייער און יעדנס ״קוויטל״ ווערט געחתמעט. די יידישע ווירטשאפטלעכע פאראיינען מוזן שטיין געהעריק אויף דער וואַך, אויס־ארבעטן געניי דעם גאנצן מאטעריאל פאר די בייזיצער, יענע זאלן זיך קענען ווי געהעריק אריענטירן, ס׳זאל דערנאך נישט זיין קיין ״קול קורא במדבר״ פון די באַוווּלהטע, בפרט פון די, וועלכע קענען בטעות פארמשפט ווערן.

די יידישע ווירטשאפטלעכע פאראיינען ווייזן ארויס א גרעסערע טעטיקייט אין משך פון פארגאנגענעם יאר, און פאראלעל פארלירן די פאליטישע פארטייען זייער השפעה אויף די ברייטע פאלקס־שיכטן.

אויף וואס די דערשיינונג איז באגרינדעט וועלן מיר זיך דא נישט פארנעמען אויפקלערן, נאר קלאר איז, אַז א גרעסערן חלק האט דאס, וואָס די פאליטישע פארטייען האבן א ביסל צופיל געבלאפט דעם עולם און זייערע הרים־וגבעותדיקע הבטחות האבן זיך כמעט אויסגעלאזט מיט גארנישט.

זאל זשע דאס זיין א לערע פאר די ווירטש. ארג., וועלכע האבן זיך דערוואָרבן די העגעמאניע אויף דער יידישער גאס, צו זיין איבערקלייבעריש אין די מיטלען, און זיין ווי מען זאגט: "אמור מעט ועשה הרבה"...

★

גאנץ טרויעריק זעט אויס ביי אונדז אין שטאט דער קולטורעלער מצב.

נישטא קיין איין ערנסטע ארגאניזאציע אדער געזעלשאפט, וואס זאל זיך פארנעמען — אָן שום ענג פארטייאישע פאליטישע פניות — מיט דער קולטורעלער און דערציערישער פראגע אין קאליש.

נישטא ליידער קיין שום געמיינזאמע פארשטענדעניש פאר אט דעם וויכטיקסטן ענין פאר די יידישע מאסן אין קאליש. שטענדיק די זעלבע טרויעריקע דערשיינונג: בעת איינער ציט רעכטס — ציט דער צווייטער לינקס, און דער פשוטער ייד פון א גאנץ יאר ווערט ביי אזא לאגע צעמישט, מבולבל, און ווייסט נישט וואס צו טאָן, ער פאלגט נישט איינעם און נישט דעם צווייטן, און גיט זיין קינד אוועק אין דער פוילישער פאוושעכנער שול, און אזוי ווערט דער יונגער דור אָן אבר מדולדל ביים יידישן פאלק, ביסלעכווייז אסימילירט, פאר־פרעמדט און דאן וועלן זיי, די אלע פארטיי־לידער פון רעכטס און פון לינקס, זען דעם חוזק־געלעכטער פון זייער טרויעריקער קולטורעלער (משטיינס געזאגט) פארזארגונג, אבער עס וועט זיין שוין צו שפעט.

ווען עס האנדלט זיך ביים פארטיילן בענקלעך, כבודים וכדומה, געפינען זיי, די פארטיי־אדונים פון אלע ריכטונגען און שאטירונגען, די געמיינזאמע שפראך צו א פארשטענדיקונג. אבער ווען עס האנדלט זיך אין אזא וויכטיקן ענין, און אפשר דער וויכטיקסטער, באמיען זיי זיך נישט דעם "מאדוס־וויוועגדי" צו געפינען.

זאלן זיי געדענקען, אז ביי אזא איגנארירונג פון אט דער זאך, קען אמאל קומען, דאס זיי וועלן נישט האבן ביי וועמען אָן אדון צו זיין.

★

עס איז כדאי צו דערמאנען, אַז בעת פיל פילאנטראפישע אינסטיטוציעס און חברות עקזיסטירן נאר צוליבן סטעמפל און בענקל, האט אזא יונגע אינסטיטוציע ווי "טאָז" א סך אויפגעטאן.

מיר וועלן איצט נישט איבערגעבן וועגן די געלט־מיטלען פון אט דער געזעלשאפט. נאטירלעך, ווען די קאלישער איינוווינער וואלטן בייגעהאלפן לויט די מעגלעכקייטן, וואלט די טעטיקייט געווען א פיל גרעסערע און בעסערע, אבער דער פרט איז ליידער חל אויף אלע געביטן...

דאך האט "טאָז" אויסגעהאלטן צוויי סעזאנען־קאלאניעס מיט 300 קינדער, וועלכע האבן באקומען גוטע באַשפייזונג, געהעריקע פעדאגאגישע און מעדיצינישע אויפזיכט.

ס'בלייבט צו ווינטשן, אַז קאליש זאל זיך ווי געהעריק אפרופן אויף די פאָדערונגען פון "טאָז" און באהילפיק זיין ביים גרינדן א "קינדערהיים" צום ווינטער.

אזוי זעט אויס אין קורצן דער סך־הכל פון יידישן אקטיוו און פאסיוו אין קאליש אין משך פון יאר תרפ"ח. ווי מיר זעען, האט עס געקאנט זיין פיל בעסער, זאלן זשע זען די יעניקע, וועלכע קענען און זענען בכוח די פעלערן אויסצובעסערן, דאס טאָן.

מיר פון אונדזער זייט, וועלן שטענדיק שטיין צו דינסט יעדן גערעכטיקן ענין, און זיין א טריבונע פאר גערעכטע טענות, העלפן דורכצופירן יעדן גוטן געדאנק.

זאל זשע שוין דאס מאל זיין:

תכלה שנה וקללותיה

ותחל שנה וברכותיה.

"קאלישער לעבן" (55) 27 ערב רה"ש תרפ"ט, 14.9.1928

קאליש אין יאר תרפ״ט

דעם יערלעכן סך־הכל פון פריידן און ליידן פון יידישן קאליש וועלן מיר זיך באַמיען היינט אונטערצוציען. האבנדיק אזא בילד פון דער טעטיקייט, ווייסט מען זיך אפצוגעבן א דין־וחשבון, כדי אויף להבא פארצוזעצן דאס גוטע און אויסצומיידן די שלעכטע.

אמת טאקע, אז פול מיט האָפענונג זענען מיר אריינגעטראטן אין היינטיקן יאר תרפ״ט, און זיכער זענען מיר דעמאלט געווען, אז דאס איצטפארגאנגענע יאר, וועט שוין ענדלעך זיין די התחלה פון גוטן, ווייל ס'איז פשוט שווער געווען צו גלייבן, אז ס'וועט נאך זיין כוח איבערצוהאלטן קריזיסן מאראלישע און עקאנאמישע. צום שלעכטן אבער איז, א פנים, קיין גרענעץ נישט פאראן און מען באַקומט שוין קראַפט דאס איבערצוהאלטן.

דאס אוועקגייענדיקע יאר, וואָס האט זיך אזוי טרויעריק געענדיקט פארן כלל־ישראל מיט די בלוטיקע געשעענישן אין ארץ־ישראל איז אויך לגמרי נישט געווען קיין גליקלעך יאר פארן פוילישן יידנטום. אויפן זעלבן טרויעריקן מצב איז אויך געשטאנען די ווירט־שאפטלעכע לאגע אין קאליש און דער עיקר פון דער היגער פאבריקאציע, וואס ליגט כמעט אויסשליסלעך אין יידישע הענט. אין געוויסע צווייגן אין די קאנקורענץ דערגאנגען צו כמעט ווילדע פארמען און מען האט גענומען וועקסלען ביז אין דער אומענדלעכקייט.

די ענדערונג אין גאנצן לאנד בנוגע די וועקסלען־טערמינען, האט נאטירלעך אויך נישט פארמיטן קאליש. ס'זענען דעריבער געווען נאַדזאָרן, באנקראטן און ליקווידאציעס פון האנדלס־אונטערנעמונגען. איצט איז שוין די לאגע א קלארע און די פארבליבענע פאבריקן זענען שוין מער־ווייניק זיכער.

א גרויסער קלאפ פאר דעם ווירטשאַפטלעבן מצב איז אויך געווען דער קראך פון ״באנק־קופיעצקי״. אַזאַ פאלקס־אינסטיטוציע, אין וועמענס שפיץ עס זענען געשטאנען אָנגעזעענע מענטשן פון די היגע ווירטשאפטלעכע און געזעלשאפטלעכע קרייזן, האָט נאטירלעך ארויס־גערופן דעם צוטרוי פון די ברייטע מאסן. ס'איז קיין ספק נישט, אַז מענטשן, וועלכע האבן אהין געטראגן זייער אפגעשפארטע סומען, האבן דאס געטאן אויף דער פאראנטווארטלעכקייט פון די פארוואלטונגס־מיטגלידער. ווען עס איז אַנטדעקט געווארן די אפערע, האט עס זעלבסטפארשטענדלעך געטראפן ווי א דונער אין העלן טאג. נאך א יאר ווארטן זעען נאך אלץ נישט די בעלי חובות קיין גראשן. שולדיק אין פארשלעפן זענען טאקע די „סאלידע״ אנפירער.

ס'איז דעריבער קיין שום ווונדער נישט, וואס אזא אומדערוואַרטער פינאנסיעלער קראך פון א יידישער אינסטיטוציע האט לכתחילה פארשאפט ספקות לגבי ענלעכע אינסטיטוציעס אין אונדזער יידישן קאליש. מען האט אנגעהויבן טראכטן, קלערן, וואקלען זיך מיט דער דעה. אבער דער געזונטער פאלקס־חוש פון דער מאסע האט דעם צוטרוי צו דער ״קאאפעראטיווע באנק״ נישט פארלוירן און צו אונדזער צופרידנקייט זעען מיר, אז דער פאלקס־אינסטינקט איז א ריכטיקער. נאך איינס לערנען מיר אפ דערפון: נישט קיין שרייענדיקע רעקלאמעס דארף אַן אינסטיטוציע, נישט קיין ״סטארן״ זאלן אין דער שפיץ שטיין, נאָר פאלקס־מענטשן, און דער צוטרוי איז א געזיכערטער.

ווען מיר דערמאנען שוין די פינאנס־אינסטיטוציעס אין אונדזער שטאט איז וויכטיק אנצוווייזן, אַז נישט קיין קלענערע ראלע שפילט די ״גמילות־חסדים־קאסע״ אין אונדזער שטאט פאר די האנטווערקער און קליינהענדלער־מאסן, וועמען זי ראטעוועט ממש פון רואין און אונטערגאנג. בעת לגבי די ברייטע שיכטן פון דער יידישער באפעלקערונג ווערט אנגעווענדן א סיסטעם פון פאופעריזאציע, זענען די גמילות־חסדים־קאסעס — א רעטונג. מיר מוזן אבער גלייכצייטיק אנווייזן אויף דער אומדערהערטער גלייכגילטיקייט, וואס הערשט צווישן דעם היגן פארמעגלעכן קלאס לגבי דער נוצלעכער אינסטיטוציע. אזא האנדלונג איז א סקאנדאַליעזע, און איז עלול אונטערצוגראבן די עקזיסטענץ פון דער אינסטיטוציע. און דאָס קען זיך אפרופן קאטאסטראפאל אויף הונדערטער יידישע פאמיליעס אין אונדזער שטאט.

★

אונדזער שטאט האָט אין משך פון פארגאנגענעם יאר איבערגעלעבט היימישע רעוואלוציעס און עס איז געקומען צו פערזאנען־ענדערונגען אויף די אנפירענדיקע אַמטן. אויפן ערשטן פייער איז געגאנגען דער סוחרים־פאראיין, ווו אלס פרעזעס איז געווײלט געווארן ה׳ שילאק און דער זעלבער איז אויך געווארן ראטמאן אין דער האנדלס־קאמער אין לאָדזש. די ענדערונג אין סוחרים־פאראיין איז געווען א פועל־יוצא פון דעם קראך אין דער סוחרים־באנק, ווו די זעלבע פערזאנען פון פאראיין זענען געווען צופיל אנגאזשירט. מיט דער פערזאנען־ענדערונג האט דער פאראיין צוריק געוואונען דעם צוטרוי אויף דער יידישער סוחרים־גאס, און צום היינטיקן טאָג איז עס א העכסט נוצלעכע ווירטשאפטלעכע ארגאניזאציע, וועלכע טוט פיל פאר אירע מיטגלידער.

די צווייטע ענדערונג איז פארגעקומען אין האנטווערקער־פאראיין, ווו די פריערדיקע פארוואלטונג האט ארויסגערוקט צופיל דעם פערזענלעכן מאָמענט.

דאָס דיקטאטארישע סיסטעם האט ארויסגערופן צו זיך א קעגנערשאפט, און בעת דער אלגעמיינער פארזאמלונג זענען טאקע געווײלט געווארן ״סתם״ מענטשן אָן דער ספעציפישער ״מארקע״, וואס אָן אמת, קומט נאך היינט פאר אין האנטווערקער־פאראיין דער קאמף. אבער אויך דא דארף מען זיך רויק פארלאזן אויפן געזונטן חוש פון די מיטגלידער. זיי וועלן וויסן צו האבן אזעלכע פירער, אויף וועלכע זיי פארדינען זיך.

דאקעגן אין קליינהענדלער־פאראיין איז עס אדורך אָן ענדערונגען. די שווערע שטייערן־לאסט און די פרנסה־זארגן, וואס באהערשן שטענדיק די הונדערטער מיטגלידער, זענען די גאנצע צייט דער עיקר זארג פאר די אנפירער. פערזענלעכע פאליטיק האבן קיין ארט נישט לגבי די שווערע אויפגאבן פון די פארזארגטע און פאריאגטע קליינהענדלער. בכלל גענומען, שטייען די אנפירנדיקע פערזאנען שטענדיק אויף דער וואך.

וואס אבער, מישטיינס געזאגט, קענען העלפן די אלע דריי ווירטשאפטלעכע פאראיינען קעגן דער שטענדיקער דאַמאָקלעס־שווערד, וואס רופט זיך שטייערן!

אין דעם הינזיכט פון שטייערן איז אונדזער שטאט לײדער אין א ספעציעל שווערער לאגע; די שטייערן־שרויף דריקט אָן רחמנות. אלע באמיונגען כדי עטוואס צו פארלייכטערן דעם מצב לאזן זיך אויס מיט גארנישט. אזוי איז געווען מיטן אויסמעסט פון אומזאץ און עס אויך איצטביים אויסמעסט פון הכנסה־שטייערן, וועלכע קומט איצט פאר ביי אונדז אין שטאט.

אזוי, מער־ווייניק, האט אויסגעזען דאס יידישע ווירטשאפטלעכע לעבן ביי אונדז אין קאליש.

★

נישט קיין ענדערונג צום גוטן איז אויך פארגעקומען אין אונדזער געזעלשאפטלעכן לעבן. נעמען מיר די קהילה, וועמענס קאדענץ האט זיך שוין לאנג געענדיקט, האט ממש קיין שום וויכטיקס נישט אויפגעוויזן אין משך פון יאר תרפ״ט. אפאטיע, פארשלאפנקייט, אומבאַהאלפנקייט, באצייכנט די טעטיקייט פון אונדזערע היימישע אויסדערווײלטע. קיין שום אויפטו, קיין שום איניציאטיוו, קיין שום פאזיטיווס, אזוי אויפן פילאנטראפישן־סאציאלן, ווי אויך אויפן קולטורעלן געביט, איז נישט צו פארצייכענען. נישטא אין דער קהילה די הארמאנישע צוזאמענארבעט לטובת הכלל. ס׳פאלט לגמרי נישט איין אונדזערע פארזארגער צו זארגן וועגן גורל פון דערציען די טויזנטער קינדער. א טייל באקומען זייער ״אויך מיר דערציונג״ אין דער שטיקנדיקער אטמאספער פון דער תלמוד־תורה (די נייע געביידע האלט מען נאך אלץ אין בויען...) און די גרעסטע טייל ווערן פארפרעמדט צום אייגענעם פאלק און שפראך אין די פוילישע פאוושעכנע שולן און עס קימערט קיינעם נישט. א צייט לאנג זענען געווען מחלוקתלעך וועגן דיין־חזן, אבער אויפטאן עפעס וויכטיקעס, געזעלשאפטלעכס, אין מאן דכר שמה.

אפילו דער שפיטאל איז פארנאכלעסיקט געווארן, און וויפיל בייז בלוט איז דעריבער פארשאפן געווארן. אבער ממשותדיקס אויף דעם געביט איז נישט אויפגעטאן געווארן.

★

גאנץ אנדערש איז עס אין דער קאמונאלער זעלבסט־פארוואלטונג. דארט הערשט א הארמאנישע צוזאמענארבעט אין יידישן "קאלא". פיל צו פארדאנקען האבן מיר אונדזער יידישן לאווניק, אדאנק אים איז צוטריטלעך געווארן די קאמונאלע הילפס־פאנדן און אנדער שטיצעס פאר דער יידישער נויט אין קאליש. בכלל זייט ה׳ העבער איז אויף זיין פאסטן, ווערט ביסלעכווייז פארשוואונדן די צווייטראנגיקייט פונעם ייד אין די שטאטישע אינסטיטוציעס.

געוויס פאלן מיר נישט אריין אין קיין התפעלות און ווייסן, אז נאך פיל וואסערן וועלן אפלויפן ביז אונדזערע רעכט וועלן ווערן א פאקט. אבער דאס איז נישט קיין ספעציעלע קאלישער פראגע. דערפאַר מוזן מיר קעמפן צוזאמען מיטן גאנצן פוילישן יידנטום.

★

נישט פארבעסערט האט זיך דער קולטורעלער מצב ביי דער יידישער באפעלקערונג אין שטאט. דער זעלבער קלאגלעכער צושטאנד ווי אין פאריקן יאר. אין יעדער זאך ווערט אַריינגעפירט דער פארטייאישער אני מאמין, און די אמתע זארג פאר קולטורעלער דערציונג איז נישטא.

דער מצב איז אזוי טרויעריק, אז ס׳איז נישטא פון וואס אונטערצוציען א סך־הכל.

מעגלעך וועט עס אין נעכסטן יאר בעסער ווערן און מיר וועלן האבן עפעס פאזיטיווס.

יא, אין הינזיכט פון פיזישער דערציונג האט אונדזער יידיש קאליש פראגרעסירט אין יאר תרפ״ט. פארשידענע קלובן זענען אַנטשטאנען און אנטוויקלען זיך. מיר האבן אויך געהאט דעם 15־יאריקן יובילייִ פון י.ט.ס.ק., וועלכער איז אויסגעפאלן זייער אימפאזאנט.

★

דאס איז דער קורצער סך־הכל פון דער טעטיקייט אין אונדזער יידישן קאליש. בכלל איז עס געווען א זייער שווער יאר הן עקאנאמיש און הן געזעלשאפטלעך. גוטס דערפון זיך אפצולערנען איז קנאפ וואס פאראן. ס׳דארף אבער דינען אלס ווארענונג אויף להבא, מען זאל ענלעכעס אויסמיידן.

זאל זשע טאקע דאס יאר תרפ״ט מיט די איבערלעבענישן שוין געהערן צו דער פאר־גאנגענהייט און זאל דאָס נייע יאר קומען מיט גליק פאר אונדז און פארן גאנצן כלל ישראל.

"קאלישער לעבן" (110) 28

ערה״ש תר״ץ, 4.10.1929

קאליש אין יאר תר״ץ

שטייען מיר שוין ווידער אויף דער שוועל פון א ניי יאר און מיר וועלן פרווון אונטערציען א שטיקל סך הכל פון יידישן לעבן אין קאליש אין משך פון פארגאנגענעם יאר.

מיר האבן זיך אין דער אמתן נישט גערעכט אויף קיין גליקן. אבער נאך פיל ווייניקער האט עס אונדז געגעבן. בכלל איז אין גאנצן לאנד דאס ווירטשאפטלעכע לעבן געווען אין א שפלדיקער מדרגה און געוויס שוין אז דער יידישער מסחר און פאבריקאציע איז געווען אין א פיל ערגערער לאגע. אזוי טאקע האט דאס יידישע קאליש געלעבט אין פארגאנגענעם יאר אונטערן צייכן פון שווערן ווירטשאפטס־קריזיס. פאבריקן האבן זיך אפגעשטעלט, געארבעט נאָר טיילווייז, און דער עיקר — נישט געהאט פאר וועמען צו ארבעטן. פארגרעסערט

נאך מער דעם קריזיס האט דאָס, וואס דער יידישער פאבריקאנט באקומט נישט קיין מלוכה־קרעדיטן, און מיט דעם גאסן־קרעדיט קען מען בשום אופן נישט מאכן קיין סחורה־קאלקולאציע.

א קליינע טרייסט איז געבליבן פארן היגן סוחר און האנטווערקער, די קליינע קרעדיטן פון דער "קאאפעראטיווער באנק".

אבער אויך אָט די אינסטיטוציע איז נישט געשוינט געווארן פון אלגעמיינעם קריזיס און זי געפינט זיך איצט אין א סטאדיע פון "צוריק געזונט ווערן". מיר ווילן נישט אנווייזן די סיבות, וועלכע האבן צו אזא מצב גורם געווען. גרעסערע אינסטיטוציעס האבן זיך אין משך פון פארגאנגענעם יאר א וואקל געטאן און אונטערגעגאנגען. אונדזער קאאפעראטיווע באנק אבער איז געבליבן. אמת, די אפעראציעס זענען היינט קלענערע, אבער פון אונדז איז עס אפהענגיק זיי זאלן צוריק פארגרעסערט ווערן. מיר דארפן די באנק שטארקן און דאדורך וועלן מיר אלע געשטארקט ווערן.

פון צווישן די היגע יידישע פאראיינען האט איבערגעלעבט און אורכגעמאכט אן אינערלעכע עוואלוציע דער האנטווערקער־פאראיין.

די מאכט איז אריבערגעגאנגען צוריק צו די "אלטע" היגע האנטווערקער־טוער. די אויסערלעכע פערזאנען־רעפרעזענטאנץ האט זיך טאקע געענדערט און שטארק געביטן. צי וועט אבער דערפון זיין א גרויסע ישועה פאר די הונדערטער מיטגלידער? דאס וועט אונדז די נאענטע צוקונפט ווייזן.

סיי ווי, ווי ווייט אונדזערע עסקנים אויפן ווירטשאפטלעכן געביט זאלן נישט אלץ וועלן פארלייכטערן דעם קריזיס, קענען זיי אבער ראדיקאל גארנישט העלפן, ווייל דער שווער־פונקט ליגט אין שטייערן־סיסטעם, וואס דערדריקט ממש דעם האנדל און פאבריקאציע. אונדזער קאליש, וועלכע ווערט ספּעציעל שטארק "אפגעהיטן", ווערט פשוט דערדריקט אונטער דער שווערער שטייערן־לאסט. די איינציקע האפענונג איז, ווי מען שמועסט לעצטנס, אַ שטייערן־אמנעסטיע פאר אייניקע יאר און דאס ראדיקאלע ענדערן דעם סיסטעם פון אומזאץ־שטייער. דערווייל לעבט מען מיט האפענונג, און הלואי זאל עס זיך נישט אויסלאזן ווי מיט אנדערע ענלעכע וואל־הבטחות.

א פועל־יוצא פון דעם הערשנדיקן קריזיס איז די געוואלדיקע פארגרעסערונג פון פעטענטן אין דער היגער "גמילות־חסדים־קאסע".

דארטן טאקע, אין דער אינסטיטוציע, האבן מיר דעם ריכטיקסטן בּאראמעטער פון הערשנדיקן מצב אויף דער היגער יידישער גאס. ליידער איז די טרויעריקע דערשיינונג אין א פארקערטער פראפארציע: וואס מער נצרכים — אלץ ווייניקער אונטערשטיצער. מיט יעדן וואך ווערן אלץ קנאפער די וואכן־צאלער פאר דער אינסטיטוציע און די לייטונג איז בשום אופן נישט אין שטאנד קעגנצוקומען די פארגרעסערטע צאל ביטעס.

עס איז דער הייליקער חוב פון דער היגער יידישער באפעלקערונג אונטערצושטיצן די "גמילות־חסדים־קאסע", וואס איז ביים היינטיקן טאג די נוצלעכסטע אינסטיטוציע אויף דער היגער יידישער גאס.

★

אין אונדזער קהילה הערשט א "בורגפרידן". די פארוואלטונגס־מיטגלידער קומען צווישן זיך אויס. מען געפינט שטענדיק דעם מיטלפונקט, וואס שטעלט צופרידן אלע ריכטונגען וועלכע זענען דארט פארטרעטן.

א שטיקל מיינונגס־פארשידנקייט איז נאָר אויסגעבראכן ביים ווילן פון אייניקע דאזערס צו אראנזשירן צוויי נייע דיינים. געזיגט האט די געזונטע לאגיק, און דער ענין איז פארלויפיק נישט אקטועל.

אזוי זעט עס אויס די טעטיקייט אין אונזער קהל־שטוב. שטיל, אן מחלוקת, אפאטיש, פארשלאפן. אָן גרויסע אנשטרענגונגען און אָן... מעשים.

צי איז אזא הערשנדיקע אידיליע א סימן־ברכה פון געזעלשאפטלעכער ארבעט? מיר ווילן איצט דאס נישט באהאנדלען. אבער, אז ס'מעג זיין א ביסל מער טעטיקייט מצד אונדזערע דאזערס — דאס איז געוויס לכל הדעות.

א שטיקל דערפרייענדיקע דערשיינונג איז דאס אויפפרישן די גרויסע שול. ס׳איז שוין באמת געווען א סכנה פאר די הונדערטער מתפללים אין דער גרויסער שול, אויף וועמען ס׳זענען כסדר אראפגעפאלן שטיקער מויער און ציגל. א דאנק דער ענערגיע און שטארקן ווילן פונם גייעם ועד בית הכנסת, איז די אינערלעכע טייל אויפגעפרישט געווארן. אחוץ דעם, וואס עס זענען פארהיטן די מתפללים, האט די שול באקומען אן עסטעטישן אויסזען. מיר מוזן באמערקן, אז די קאלאסאלע געלט־מיטלען דערצו זענען געשאפן געווארן דורכן ועד בית הכנסת אויסשליסלעך נאָר א דאנק דער היגער גאנצער יידישער באפעלקערונג, און דאס איז א דערפרייענדיקע דערשיינונג, וואס איז כדאי צו פארצייכענען.

★

אַן אַבסאָלוטע אפגעשטאנענקייט הערשט אין קאַלישער יידישן קולטורעלן לעבן. קיין שום טעטיקייט אויף דעם געביט איז נישט געמאכט געווארן אין משך פון פארגאנגענעם יאר. א ווילן, און דוקא א שטארקן ווילן, צו שאפן א קולטור־פאראיין איז יא געווען, אבער מיט בלויזע אידעען איז מען נישט יוצא. דער ענין טאר אבער נישט ווערן אויפגעגעבן; מיר וועלן מאנען און פאדערן, אַז דער ענין זאָל פארווירקלעכט ווערן און דער יידישער קולטור־פאראיין אין קאַליש זאָל זיין א געשעענער פאקט.

דאקעגן די יידישע דערציונג אין קאליש שטעלט אונדז יא אין א געוויסער מאס צופרידן. אזוי האבן מיר אַן ערשטקלאסיקע פאך־שול, וועלכע איז אוועקגעשטעלט לויט די לעצטע פעדאגאגישע פאדערונגען. דאס לערער־פערסאנאל פארמאגט די בעסטע קרעפטן — דאך הינקט עס אונטער. שולדיק דאס מאל איז די אומוויסנקייט פון די ברייטע יידישע מאסן, וועלכע ווילן לײדער נישט פארשטיין די נוצלעכקייט פון דער אינסטיטוציע פארן צוקונפטיקן האנטווערקער־דור. די יידישע געזעלשאפט מוז מיט אלע מעגלעכקייטן פראפאגאנדירן די פאך־שול און דערציען דארט א דור צו אייגענער נוצלעכקייט.

די יידישע גימנאזיע נויטיקט זיך שוין בכלל נישט אין רעקלאמע. די יאר־יערלעכע מאטורעס און די גרויסע צאל שילער — איז דער בעסטער באווייז פאר דער גלענצענדיקער דערציונג, וואס די גימנאזיע גיט.

מיר האָבן אבער וויט נישט דערפילט דעם חוב לגבי דער גימנאזיע און מיר האבן נישט געזארגט, אז די גימנאזיע זאָל זיך געפינען אין אַן אייגן הויז, וועלכע זאל זיין צוגעפאסט צו אזא וויכטיקן מוסד, ווי ס׳איז די גימנאזיע. איצט איז שוין די העכסטע צייט דערצו און די יידישע געזעלשאפט מוז בייטראגן די ציגל צום בנין.

★

ס׳איז כדאי צו פארצייכענען די פאליטישע רייפקייט פון דער היגער יידישער געזעלשאפט, וואס מיר זעען צו די איצטיקע סיים און סענאט־וואלן. אויף א ריי געזעלשאפטלעכע פאר־זאמלונגען איז געקומען צום אויסדרוק דער קאטעגארישער פארלאנג פון שאפן אן אלגעמיינע פאראייניקונג אין דער פארעם פון א נאציאנאלן וואל־בלאק. מיר וויסן באשטימט, דאס ביי צוויי ליסטעס איז דער היגער מאנדאט פולשטענדיק פארלארן. דעריבער, אויב די פארטייי־לידער אין ווארשע וועלן מיט דער חלוקה נישט דורכקומען, מוז אונדזער קרייז ארויסשטעלן אן אייגענע פאראייניקטע ליסטע מיט אן אנגעזעענעם קאנדידאט אין דער שפיץ.

★

דער געמאכטער סך הכל איז בכלל נישט קיין דערפרייענדיקער. דער וועג פון יידישן כלל איז פול מיט דערנער. מיר זענען אבער מוטיק און פול מיטן בטחון. זאָל זשע דאס אונדזער טרייסט זיין.

אזוי איז אוועק נאך א יאר און מיר האפן אויף אַ בעסערס.

הלואי זאל עס קומען.

„קאלישער לעבן" (159) 37

י"ט באלול תר"ץ, 12.9.1930

קאליש אין יאר תרצ״א

דאס יאר תרצ״א איז געווען זייער א שווערס פארן יידישן לעבן אויף אלע געביטן. דער מוראדיקער וועלט־קריזיס, וועלכער האט פארכאפט לענדער און פעלקער, האט זיך טיף איינגעגראבן אין יידישן לעבן און אויפגעטרייסלט אלע זיינע איינגעפונדעוועטע פאזיציעס. דאס דאזיקע יאר איז געשטאנען אונטערן צייכן פון ווירטשאפטלעכן חורבן, וואס האט זיך געטראגן איבער דער וועלט און אזוי שווער געטראפן דעם ייד. ס׳זענען דעריבער אלע אנדערע פראגן פון יידישן לעבן אראפגערוקט געווארן אויפן אנדערן פלאן און דער איינציקער געדאנק איז נאר ווי אזוי צו לינדערן די נויט און דעם קריזיס.

דאך וועלן מיר פרווון געבן א שטיקל סך־הכל וועגן די וויכטיקע געשעענישן, וואס האבן זיך אפגעשפילט אין אונדזער יידיש וועלטל.

דאס יאר תרצ״א איז קודם כל געווען א יאר פון וואלן.

ס׳זענען פארגעקומען וואלן צום סיים און סענאט, בעת וועלכע די יידישע פארטייען זענען געגאנגען צעשפליטערט און ס׳איז געשאפן געווארן א טיפער תהום און פירוד צווישן זיי.

דער דאזיקער פירוד און קאמף צווישן די פארטייען האט זיך נאך מער פארטיפט און פארשארפט ביי די לעצטע קהילה־וואלן, בעת וועלכע ס׳האבן הויפזעכלעך געקעמפט צווישן זיך די אגודה און ציוניסטן. די קאמפס־שטימונג פון דעמאלט איז נאך פארבליבן ביזן היינטיקן טאג און צום באדויערן זעט זיך נישט פאר, אז די דאזיקע צוויי עלעמענטן זאלן זיך געבן די הענט און געמיינזאם ארבעטן לטובת די יידישע אינטערעסן, וועלכע פאדערן אין דער היינטיקער קריטישער צייט א פאראייניקטע אנגעשטרענגטע ארבעט.

צוגעגעבן ברען־שטאף צום דאזיקן פירוד און מיינונגס־פארשידנקייט, האט אויך דער פאקט מיט דער אפערע פון שחיטה־געלט, ווו די קהילה איז באשווינדלט געווארן אויף שווערע טויזנטער זלאטעס און צוליב וואס די ציוניסטישע דאזארעס האבן זאגאר געדראט צו ברענגען אייגענע שוחטים.

אינם דאזיקן יאר האט די יידישע רעפרעזענטאנץ אין שטאטראט און די גאנצע יידישע געזעלשאפט געהאט אויסצושטיין א שטארקן קאמף פארן דערהאלטן דאס יידישע שפיטאל.

ס׳זענען געווען געוויסע פאקטארן, וועלכע האבן געוואלט אין גאנצן ליקווידירן דאס יידישע שפיטאל, עווענטועל אים צוזאמענשמעלצן מיטן פוילישן שפיטאל, אזוי, אז זיין טעטיקייט זאל באגרענעצט ווערן ביז א מינימום און מיט דער צייט זאל דערפון קיין זכר נישט בלייבן.

דאס ״קאלישער לעבן״ איז געווען די ערשטע, וועלכע האט אלארמירט די עפנטלעכע יידישע מיינונג, פירנדיק כסדר א קאמפאניע, אז דאס יידישע שפיטאל זאל בלייבן אין איר פארעם אלס יידיש שפיטאל.

די יידישע ראטמענער, צוזאמען מיט פארשידענע כלל־טוער, האבן אפגעהאלטן שטורמישע בעראטונגען. די יידישע געזעלשאפט האט פראטעסטירט אויף מאסן־מיטינגען. און דער סוף איז געווען, אז די פאקטארן וועלכע האבן געוואלט אנטיידישן דאס יידישע שפיטאל און עס ליקווידירן, האבן זיך געמוזט אונטערגעבן אונטערן דרוק פון דער יידישער עפנטלעכער מיינונג, וועלכע האט אין דער פראגע אנגענומען אן איינהייטלעכע און פעסטע שטעלונג.

אין צוזאמענהאנג מיט דער קאמפאניע צו דערהאלטן דאס יידישע שפיטאל, האט אויך דער דאקטאר עדווארד בעאטוס פארעפנטלעכט אין ״קאלישער לעבן״ א סעריע ארטיקלען, ווו ער באוויזט מיט היסטארישע פאקטן, אז דאס יידישע שפיטאל געהערט צו יידן, און נאר די יידן האבן א רעכט איבער אים צו זאגן.

★

דער שווערער ווירטשאפטלעכער קריזיס האט אויך געבראכט דערצו, אז די קאמונאלע זעלבסטפארוואלטונג זאל שטרייכן די סובסידיעס פאר יידישע וווילטעטיקע אינסטיטוציעס. זעלבסטפארשטענדלעך, אז דאס האט זיך פאטאל אפגערופן אויף די דאזיקע אינסטיטוציעס,

וועלכע לעבן אדורך אזא שווערן קריזיס. אין רעזולטאט דערפון איז געשלאסן געווארן די אזוי וויכטיקע אינסטיטוציע נאכט־פאגאטאוויע ביים "לינת הצדק". דאס איז באמת א געוואלדיקער פארלוסט פאר דער יידישער געזעלשאפט. אבער ס'איז צו האפן, אז ס'וועט פארט גובר זיין דער געזונטער פארשטאנד פון דער יידישער געזעלשאפט. וואס וועט וויסן אפצושאצן די טעטיקייט פון דער נאכט־פאגאטאוויע.

עס מוז אויך דערמאנט ווערן, אז אינט דאזיקן יאר איז ענדלעך נאך גרויסער און שווערער מי געלונגען אויסצופארטיקן א טייל פון תלמוד־תורה־בנין וואס וועט ענדלעך געבן די מעגלעכקייט, אז די פאַר הונדערט תלמוד־תורה־קינדער זאלן נישט דארפן פארברענגען זייער צייט אין די שמוציקע פינצטערע דירות, ווי ביז איצט, נאר אין גראמע לופטיקע צימערן.

א באזונדערע אויפלעבונג האט זיך געמערקט דאס יאר אין די ווירטשאפטלעכע פאראיינען.

די שלעכטע צייט האט געברענגט דערצו, אז דער עולם זאל זיך אנכאפן אין די ווירט־שאפטלעכע פאראיינען, ווי אַן א רעטונגס־ברעט פון א טרינקענדיקער שיף.

ביים האנטווערקער־פאראיין זיינען אין דעם יאָר געשאפן געווארן צעכן פון אלע פאכן.

אויך דער סוחרים־פאראיין און קליינהענדלער־פאראיין האבן ארויסגעוויזן א לעבהאפטע טעטיקייט.

באזונדערס מוז דא דערמאנט ווערן דער 5־יאָריקער יובילײ פון קליינהענדלער־פאראיין, ווו ס'איז געקומען צום אויסדרוק די גרויסע לייסטונגען פון דאזיקן פאריין אין משך פון זיין 5־יאָריקער עקזיסטענץ.

אינם דאזיקן יאר איז דורך דער מאכט געשלאסן געווארן דער צווייטער קליינהענדלער־פאראיין (ווארשאווסקע 24), און זיינע מיטגלידער האבן זיך שפעטער ארגאניזירט אין א סעקציע ביים סוחרים־פאראיין.

זייער פאטאל איז דאס יאר געווען פאר דער א מאל אזוי מעכטיקער קאאפעראטיווער באנק.

אין אנהייב יאר האָט זיך אויסגעדאכט, אז די דאזיקע באנק, מיט וועלכע דאס יידישע קאליש האט אזוי שטאלצירט, וועט סוף כל סוף ביייקומען אלע שוועריקייטן און ווערן דאס וואס זי איז געווען א מאל.

אבער זעט אויס, אז די באנק האט שוין מער נישט געקענט צוריקגעווינען דעם צוטרוי און ט'איז איר סוף כל סוף דערקלערט געווארן אן "אופאדלאשטש" און די דאזיקע אינסטיטוציע ווערט ליקווידירט.

אויפן אָרט פון דער געפאלענער קאאפעראטיווער באנק זענען אויסגעוואקסן, אין דאזיקן יאר, צוויי נייע קרעדיט־אינסטיטוציעס. איינע — די קאאפעראטיווע קאסע פאר קליינהענדלער, וועלכע האט די אויפגאבע צו פארזארגן מיט קרעדיט אירע מיטגלידער, וואס רעקרוטירן זיך אממייסטן פון די קליינהענדלער־ספערן, און די צווייטע — דער קרעדיט־קאאפעראטיוו וועלכער איז געגרינדעט געווארן דורך א רייע ציוניסטישע עסקנים און אירע מיטגלידער רעקרוטירן זיך שוין אממייסטן פון די מיטעלע און גרעסערע סוחרים.

פארשטייט זיך, אז די דאזיקע צוויי בענק האבן זיך נישט אזוי שנעל אנטוויקלט ווי א מאל די קאאפעראטיווע באנק. אין דעם איז פיל שולדיק דער הערשענדיקער ווירט־שאפטלעכער קריזיס, און באזונדערס דער פארלוירענער צוטרוי נאך דעם קראך פון צוויי פעסטע יידישע קרעדיט־אינסטיטוציעס אין אונדזער שטאט. אבער די מענטשן, וואס שטייען אין דער שפיץ פון די נייע אינסטיטוציעס גיבן צו האפן, אז די דאזיקע אינסטיטוציעס וועלן מיט דער צייט פארדינען דעם פולן צוטרוי פון דער יידישער באפעלקערונג.

★

אויפן קולטור־געביט הערשט ווייטער, ווי אלע מאל, א טויטע שטילקייט און ס'איז גארנישט געשאפן געווארן עפעס פאזיטיווס. אין קעגנטייל, אויב ס'האבן זיך געפונען אייניקע דרייסטערע, וועלכע האבן געוואלט עפעס שאפן אויף דעם דאזיקן געביט, געגרינדעט א קולטור־פאראיין מיט דער אויפגאבע צו זארגן פאר די קולטור־באדערפעניש פון אירע מיטגלידער און פון דער יידישער באפעלקערונג — איז די דאזיקע אינסטיטוציע אויך געפאלן און געפינט זיך, שוין אזוי צו זאגן, אין א צושטאנד פון ליקווידאציע. דער דאָזיקער פאקט באוויזט צום

הונדערטסטן מאל, אז אין אונדזער שטאָט פילט די יידישע געזעלשאַפט בכלל נישט קיין קולטור־באַדערפעניש, און נאָך מער, ס׳זענען נישטאָ די פּאַסיקע פּערזאָנען, וועלכע זאָלן זיך וועלן פאַראינטערעסירן מיט קולטור־פּראָגן.

א לענגערע צייט האָט אויך אָנגעהאַלטן אַ קאַמף אין יידישן טורן־ספּאָרט־פאַראיין וועגן דעם צי די קאַליר פון קלוב זאָל זיין בלוי־ווייס אָדער גרין־ווייס. צום סוף איז באַשלאָסן געוואָרן צו ענדערן די קאַליר פון קלוב פון גרין־ווייס אויף בלוי־ווייס.

צום סוף דאַרף אויך דערמאָנט ווערן דער ״החלוץ המרכזי״, וועלכער האָט אין דעם יאָר געפייערט זיין 5־יאָריקן עקזיסטענץ.

אין יאָר תרצ״א זענען געשטאָרבן צ. א. דער איבערגעגעבענער האַנטווערקער־טוער געוו. מיטגרינדער און מיטרעדאַקטאָר פון ״קאַלישער לעבן״ אברהם רובין ז״ל; דער לאַנגיאָריקער דאַזאַר, גבאי פון דער גרויסע שול און אָנגעזעענער עסקן ר׳ וואָלף פייפער ז״ל; דער באַליבטער און געאַכטער שטאָט־חזן נח זאַלודקאָווסקי ז״ל און דער לאַנגיאָריקער סעקרעטאַר פון דער קהילה לעאָן מאַרגוליעס ז״ל.

★

איצט שטייען מיר אויף דער שוועל פון אַ ניי יאָר, די פנימער זענען פאַרזאָרגט, דער הימל פאַרוואָלקנט און די צוקונפט פון יידישן לעבן מאָלט זיך אין שוואַרצע פאַרבן. דער שווערערווירטשאַפטלעכער קריזיס, די אומגעהויערע נויט האָט געשאַפן אַ דעפּרעסיווע שטימונג, אַן ליכט־שטראַל אויף אַ בעסערן מאָרגן. אָבער לאָמיר האָפן, אַז דאָס נייע יאָר וועט פונאַנדערבלאָזן פון האָריזאָנט די אַלע שווערע פינצטערע כמאַרעס און ברענגען מיט זיך פרישן מוט, גלויבן און האָפענונג אויף אַ בעסערער צוקונפט.

״קאַלישער לעבן״ (210) 37

ערב ראש השנה תרצ״ב, 11.9.1931

קאַליש אין יאָר תרצ״ב

דאָס יאָר תרצ״ב איז געשטאַנען אונטערן אַלגעמיינעם צייכן פון קריזיס, וועלכער האָט אַרומגעכאַפּט די גאַנצער וועלט און באַזונדערס זיך אָפּגערופן אויף די ברייטע מאַסן פון דער יידישער באַפעלקערונג.

דער פאַראָרעמונגס־פּראָצעס ביי יידן איז געגאַנגען מיט ריזן־שריט פאָראויס און אַרומגעכאַפּט וואָס מער קרבנות. ווי ווייט דער קריזיס האָט דערגרייכט צווישן דער יידישער באַפעלקערונג, קען מען שוין דרינגען דערפון, וואָס בעת דער פסח־אַקציע, וואָס די קהילה האָט דורכגעפירט, זענען געוועזן רעגיסטרירט צירקאַ זיבעציק פּראָצענט יידן, וואָס האָבן געדאַרפט אָנקומען נאָך שטיצע.

באַזונדערס שטאַרק האָט זיך דער ווירטשאַפטלעכער קריזיס אָפּגערופן אויף די גרויסע מאַסן קליינהענדלער און האַנטווערקער, וועמענס פאַרדינסטן זענען געפאַלן ביז אַ מינימום צוליב דער אַלגעמיינער פאַראָרעמקייט, און פון דער צווייטער זייט — צוליב די גרויסע שטייערן, וואָס ווערן אויף זיי אַרויפגעלייגט.

באַזונדערס שלעכט איז זייער לאַגע געוועזן אין דעם יאָר צוליב די כסדרדיקע אָנפאַלן און פּאָגראָמען, וועלכע זענען אויף זיי געמאַכט געוואָרן אויף די ירידים אין פּויזנער געגנט, פון ווו אַ גרויסער צאָל קליינהענדלער און האַנטווערקער ציען זייער חיונה, ערשט אַ דאַנק די אינטערווענצן פון די אָרטיקע ווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס און צענטראַלעס אין וואַרשע, זענען די אָנפאַלן געוואָרן אָפּגעשטעלט.

דער שווערער ווירטשאַפטלעכער קריזיס האָט אויפגעוואונגען די היגע ווירטשאַפטלעכע

יידישע אָרגאַניזאַציעס צו פירן אַן אָנגעשטרענגטע טעטיקייט פאַר זייערע מיטגלידער. און מ׳קען נישט זאָגן, אַז דער סוחרים־פאַראיין, קליינהענדלער־פאַראיין און האַנטווערקער־פאַראיין זאָל נישט האָבן געטאָן גענוג געלייסטעט. ווען מ׳נעמט אַדורכבלעטערן דעם אַרבעט־בילאַנס פון פאַרזאַמלונגען, זיצונגען, אינטערווענצן אאַז״וו, מוז מען מודה זיין, אַז זיי האָבן פיל געטאָן, כדי צו פאַרלייכטערן דעם גורל פון די יידישע סוחרים, קליינהענדלער און האַנטווערקער.

באַזונדערס טעטיק איז אויך געווען די סעקציע פון ירידים־פאַרער ביים קליינהענדלער־פאַראיין, וועלכע האָט פיל מיטגעהאָלפן, אַז אויף די ירידים זאָל זיין רויק.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז ביי אַזאַ שווערער ווירטשאַפטלעכער לאַגע איז אויך די לאַגע פון געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס אַ שווערע, און ממילא איז אויך דאָס גאַנצע געזעלשאַפטלעכע לעבן נישט אַזוי, ווי עס וואָלט געקענט זיין ביי נאָרמאַלע באַדינגונגען. דאָך אָבער וועלן מיר פּרוּוון מאַכן אַ שטיקל סך־הכל פון די וויכטיקע אויפטוען אויפן געזעלשאַפטלעכן געביט.

קודם כל איז געווען אין דעם יאָר אַ דערפרייענדיקער פאַקט דאָס עפענען דעם נייעם תלמוד־תורה־בנין פאַר די הונדערט תלמוד־תורה־קינדער, וועלכע האָבן ביז אַהער געלערנט אין ממש אומדערטרעגלעכע, אַנטי־היגיענישע באַדינגונגען. ערשט דער נייער בנין האָט זיי געגעבן אַ מעגלעכקייט צו קענען געניסן פון ריינער לופט און בכלל זיך געפינען אין געזונטע, היגיענישע באַדינגונגען.

דער בנין, וועלכער אַנטהאַלט צוויי און אַ האַלבן שטאָק, האָט אָפּגעקאָסט ביז הונדערט און צוואַנציק טויזנט זל. וועלכע זענען געדעקט געוואָרן דורך דער קהילה און דורך פּריוואַטע גרעסערע נדבות.

ביי דער געלעגנהייט ווילט זיך אויך דערמאָנען דעם קאַמף, וואָס דער וועד פון תלמוד־תורה האָט געהאַט אויסצושטיין מיט די בחורים פון בית המדרש, וועלכע האָבן פאַר זיך געוואָלט דעם שענסטן לאָקאַל און צוליב דעם געפירט אין זיינער צייט אַ סאַבאָטאַזש־אַרבעט, וועלכע דער וועד פון תלמוד תורה האָט מיט שוועריקייטן באַזייטיקט.

אין דעם יאָר איז אויך געעפנט געוואָרן אַן אַפּטייק ביים ״לינת־הצדק״, וועלכע איז געשאַפן געוואָרן צו העלפן דער אָרעמער יידישער באַפעלקערונג מיט מעדיצינען.

די דאָזיקע אַפּטייק איז געשאַפן געוואָרן נאָך גרויס מי און אָנשטרענגונג און האָט אָפּגעקאָסט אַ פּאָר טויזנט זל. צוליב דעם איז ״לינת־הצדק״ געווען געצוווּנגען צו פאַרמאַכן די נאַכט־פּאַגאָטאָוויע, וועלכע איז אָבער מיט אַ צייט שפּעטער געוואָרן צוריק געעפנט.

״לינת־הצדק״ האָט דאָס יאָר אַרויסגעוויזן אַ באַזונדערע טעטיקייט, שאַפנדיק אַ חוץ די אַפּטייק אויך אַן אייגן־אַמבולאַטאָריע, ווו ס׳ווערן אונטערזוכט אָרעמע קראַנקע. די דאָזיקע אַרבעט פון ״לינת־הצדק״ איז אַ וויכטיקע. באַזונדערס אין דער איצטיקער שווערער קריזיס־צייט.

באַזונדערס מוז דאָ דערמאָנט ווערן דער צוזאַמענפאָר פון ״לינת־הצדקס״, וועלכע איז גערופן געוואָרן אויף דער איניציאַטיוו פון קאַלישער ״לינת־הצדק״ און איז פאָרגעקומען אין קאַליש.

צום צוזאַמענפאָר זענען געקומען אייניקע צענדליק דעלעגאַטן פון פאַרשידענע שטעט אין פּוילן און אין משך פון צוויי טעג זענען באַהאַנדלט געוואָרן פראַגן, וואָס האָבן אַ שייכות מיט מעדיצינישע הילף פאַר דער יידישער באַפעלקערונג.

★

עס מוז אויך דערמאָנט ווערן די גרויסע ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין קאַלישער יידישן ספּאָרט־וועזן.

פריער האָבן געהאַט עקזיסטירט צוויי יידישע ספּאָרט־קלובן ״הכח״ און י.ט.ס.ק., דער ערשטער מיט אַ בלוי־ווייסע פאַרב, און דער צווייטער מיט גרין־ווייס. שפּעטער האָבן אַ גרופּע מיטגלידער פון י.ט.ס.ק. פאַרלאַנגט, אַז דער קלוב זאָל ענדערן די קאָליר אויף בלוי־ווייס. וועגן דעם האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטאַרקער קאַמף צווישן די ביידע צדדים.

דער קאמף איז געפירט געוואָרן אויף פאַרזאַמלונגען, אין דער פרעסע אאַז"וו. און דער סוף איז געווען, אז נאָך אייניקע שטורמישע פאַרזאמלונגען איז באַשלאָסן געוואָרן צו ענדערן די קאָליר פון י.ט.ס.ק. אויף בלוי־ווייס.

מיט א קורצער צייט שפּעטער איז ווידער באַשלאָסן געוואָרן צו ליקווידירן ביידע קלובן, סיי דעם "הכח" און סיי דעם י.ט.ס.ק. און זיי פאַראייניקן אין איין גרויסן יידישן ספּאָרט־קלוב "מכבי". דער דאָזיקער באַשלוס איז דורכגעפירט געוואָרן. היינט עקזיסטירט איין ספּאָרט־קלוב "מכבי" (אחוץ דעם ארבעטער ספּאָרט־קלוב "שטערן").

עס דאַרף אויך דערמאָנט ווערן דער קאמף, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין יידישן רודער־פאַראיין וועלכער האָט געטראָגן פריער דעם נאָמען "יידישער רודער־קלוב". שפּעטער אָבער האָבן אייניקע מיטגלידער פאַרלאַנגט צו ענדערן דעם נאָמען אויף "ק.וו.30", כדי זיך נישט צו וואַרפן אין די אויגן מיטן יידישן נאָמען.

אויך דאָ האָט מען געקעמפט אויף פאַרזאַמלונגען און אין דער פרעסע און דער סוף איז געווען, אז די הערן פון רודער־קלוב האָבן זיך נישט געלאָזט איבעררעדן. זיי האָבן דעם נאָמען סוף כל סוף געענדערט און אזוי ארום דעזערטירט פון יידישן ספּאָרט־פעלד.

★

אינעם דאָזיקן יאָר איז אויך פיל געשריבן געוואָרן וועגן גרינדן א קופּת צדקה, וועלכע איז ממש א לעבן־נויטווענדיקייט אין דער היינטיקער שווערער קריזיס־צייט. ס'איז ענדלעך צוזאַמענגערופן געוואָרן א פאַרזאַמלונג, ווו ס'איז געוויילט געוואָרן א פאַרוואַלטונג, וואָס האָט געזאָלט אָרגאַניזירן די קופּת־צדקה.

ליידער איז אָבער דערפון גאָרנישט געוואָרן. אָנגעהויבן האָט מען מיט טומל, און צום סוף איז עס איינגעשלאָפן. די סיבות, פאַר וואָס ס'האָט זיך נישט איינגעגעבן, איז נישט דאָ דאָס אָרט צו באַהאַנדלען. אלנפאַלס איז עס געווען א גוטער פּרווו, וואָס וואָלט נישט געשאַט, אז ער זאָל זיך איבערחזרן.

מאַכנדיק, אזוי צו זאָגן, א שטיקל בילאַנס פון פאַרגאַנגענעם יאָר, מוז מען אויך דערמאָנען די גרויסע אבידה, וואָס קאַלישער יידן האָבן געהאַט מיט דער פּטירה פון קאַלישער רב.

הרב ר' יחזקאל ליבשיץ ז"ל, איז געשטאָרבן פּלוצלינג, דריי חדשים דערנאָך ווי די קהילה האָט געהאַט געפייערט דעם 25־יאָריקן יובל פון זיין אָנקומען אלס קאַלישער רב.

די פּטירה פון קאַלישער רב האָט געמאַכט א געוואַלדיקן רושם אין דער גאַנצער וועלט, ווייל ער איז געווען איינער פון די גרעסטע פּערזענלעכקייטן ביי יידן פון דער היינטיקער צייט.

באַזונדערס שווער איז דאָס פאַר די קאַלישער יידן. ווייל אזוי לאַנג ווי הרב ר' יחזקאל ליבשיץ איז געווען רב, דאָס הייסט אין משך פון 25 יאָר, האָט קאַליש נישט געוווּסט פון קיין מחלוקת. נאָך זיין פּטירה האָט זיך אָבער באַלד אָנגעהויבן א מחלוקת וועגן דער רבנות־פראַגע, ווער ס'זאָל זיין ממלא מקומו. א טייל האָבן פאַרלאַנגט, אז זיין אָרט זאָל פאַרנעמען זיין זון ר' אליעזר, אנדערע האָבן ארויסגעשטעלט די קאַנדידאַטורן פון אַנדערע. די קהילה אָבער, נישט וועלנדיק, אז די מחלוקת זאָל זיך באַלד אָנהויבן, האָט באַשלאָסן אָפּצולייגן די פראַגע אויף גאַנצע דריי יאָר. דאָס הייסט, אז אין משך פון די דריי יאָר וועט קאַליש נישט אויפנעמען קיין רב.

דערפאַר האָט זיך אָבער א ביסל שפּעטער אָנגעהויבן א שוחטים־מחלוקת, וואָס וואָלט זיכער נישט געווען געשען ווען דער רב ז"ל וואָלט געלעבט.

די קהילה־אָפּאָזיציע, וועלנדיק אויסאיבן א דרוק, אז די קהילה־מערהייט זאָל נאָכגעבן אירע פאָדערונגען, האָט אַהערגעבערענגט אירע שוחטים, וועלכע האָבן אָנגעהויבן שעכטן און קאָנקורירן מיט דער קהילה.

בכלל איז דער קאמף צווישן דער קהילה־מערהייט און אָפּאָזיציע נאָך קיין מאָל נישט געווען אזוי שאַרף ווי היינט און מיט וואָס ער וועט זיך ענדיקן איז נישט באַוווּסט. אלנפאַלס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אז קיין שטיק געזונט ברענגט ער נישט פאַר אונדזער קהילה, וועלכע האָט אין איצטיקן מאָמענט פאַר זיך שווערע און פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבן.

עס דאַרף אויך דערמאָנט ווערן דער פאַקט, וואָס די קהילה האָט איבערגענומען די מעלדונגס־ביכער, וועלכע זענען ביז איצט געווען אין די הענט פון ראַבינאַט. די דאָזיקע

פראגע איז אויך דעצידירט געוואָרן נאָך דער פטירה פון רב ז״ל, ווען ס׳איז אנטשטאנען געוויסע ספקות, ווו די ביכער דארפן זיך געפינען. דאָס איז א שטיקל נייס אין דער קהילות־פראקטיק, ווייל אין רוב שטעט פון פוילן געפינען זיך די ביכער אין די הענט פון די רבנים.

צום סוף מוז אויך דערמאָנט ווערן דער טויט פון יידישן גביר ר׳ אברהם אבלי פריעדע, וועלכער איז א קאַלישער און וווינט שוין איניקע צענדליק יאָר אין קייפטאון (דרום־אפריקע) און שוין אכט יאָר ווי ער האלט אויס די פאָר הונדערט תלמוד־תורה־קינדער מיט מיטאָגן. ער האָט זיך איינגעקויפט די סימפאטיע פון דער גאנצער יידישער באפעלקערונג ביי אונדז אין שטאָט, זיין טויט האָט דעריבער ארויסגערופן א פארשטענדלעכן טרויער.

אלזאָ, ווי מיר זעען, איז דער סך הכל פון יאָר תרצ״ב נישט קיין פריילעכער. פארקערט, ער איז א טרויעריקער, און נאָך טרויעריקער מאָלט זיך אונדז די צוקונפט.

אויף דער יידישער גאס, אויף אלע געביטן פון יידישן לעבן הערשט א גייסטיקע און אלגעמיינע דעפרעסיע, און דערווייל זעט זיך נישט קיין ליכטשטראל, וואָס זאָל אונדז אָנזאָגן א בעסערן מאָרגן.

נישטאָ אויך דער כוח, וועלכער זאָל אונדז אויפוועקן פון אונדזער יאושפולער שטימונג און אונדז וויזן דעם וועג צו א ליכטיקער און בעסערער צוקונפט.

אָבער מיר זענען דאָך א פאָלק, וואָס לעבט שטענדיק מיט האָפענונג, לאָמיר דעריבער אויך האָפן, אז דאָס נייע יאָר וועט ענדלעך ברענגען אַן אויפלעבונג אין אונדזערע שטימונגען, אז עס וועט פאנאנדעריאָגן די שווארצע וואָלקנס, און עס וועט פאר אונדז אקעגנשיינען א זון, א ליכטיקע, וואָס וועט אָנזאָגן א בעסערע און שענערע צוקונפט.

תכלה שנה וקללותיה ותחל שנה וברכותיה.

„דאס קאַלישער לעבן״ (265) 40

ערב ראש השנה תרצ״ג, 30.9.1932

קאַליש אין יאָר תרצ״ג

דער מוראדיקער וועלט־קריזיס, וועלכער דויערט שוין א ריי יאָרן, האָט זיך באזונדער געלאָזט פילן אין יאָר תרצ״ג. ס׳איז איבעריק צו זאָגן, אז געליטן האָבן אמשטארקסטן די פון קריזיס־געטראָפענע יידישע מאסן, וועלכע האָבן קיין מאָל נישט קיין פעסטן באָדן אונטער די פיס. יעדער קריזיס און ווירטשאפטלעכע דערשיטערונג טרעפט זיי די ערשטע און שוועבקט זיי אראָפ פון דער אויבערפלאך.

פאר די קליינהענדלער און האנטווערקער, וועלכע קרעכצן אונטער דער שווערער לאסט פון כלערליי שטייערן, איז דאָס יאָר געווען א שטיקל פארלייכטערונג.

דער ריטשאלט, וועלכער האָט אזוי צו זאָגן ראציאָנאליזירט דאָס שטייער־פראָבלעם, האָט די שטייער־צאָלער באפרייט פון די טובות פון די שאצונגס־קאָמיסיעס, וועלכע רעכענען זיך קיין מאָל נישט מיט די צאָלונגס־מעגלעכקייטן פון שטייער־צאָלער. מ׳איז אָבער נישט זיכער צי דער ריטשאלט וועט אויך בלייבן אויף ווייטער. די ווירטשאפטלעכע קערפערשאפט מאָבילירן שוין זייערע כוחות, כדי אויסצווירקן, אז דער ריטשאלט זאָל נישט ווערן אָפגעשטעלט.

דאָס פארגאנגענע יאָר האָט זיך געפונען אונטערן איינדרוק פון היטלעריסטישן בארבאריזם, וואָס האָט דערשיטערט די גאנצע וועלט און אויפגעטרייסלט דאָב וועלט־יידנטום צוליב די גרויזאמע פארפאָלגונגען אויף די דייטשע יידן. אינעם קאמף קעגן רשעותדיקן היטלעריזם האָבן זיך די יידן פון אלע לענדער אָרגאניזירט אין פאראייניקטע קאָמיטעטן. אזא פאר־אייניקטער קאָמיטעט איז אויך געשאפן געוואָרן אין אונדזער שטאָט. דער היגער קאָמיטעט,

אין וועלכן ס'זענען פאראייניקט די אָנגעזעענסטע עסקנים, זאָרגט פארן גורל פון די דייטשע פליטים, און פירט אָן מיטן באָיקאָט אויף דייטשע סחורות.

א גרויסע באומרויקונג האָט צווישן דער יידישער באפעלקערונג ארויסגערופן דאָס דער־שיינען פון דער אנטיסעמיטישער פרעסע.

אויף די שפאלטן פון "קאלישער לעבן" ווערט אָפט דערמאָנט דער טרויעריקער פאקט, אז קאליש איז געוואָרן די צענטראלע פון דער אנטיסעמיטישער פרעסע, פון וואנען זי ווערט פארשפרייט איבער דער גאנצער פוילישער רעפובליק. די דאָזיקע פרעסע, וועלכע שפייט מיט גיפט און שטעקט אָן די פוילישע מאסן מיטן געפערלעכסטן יידן־האס, איז עלול צו דערפירן צו די טרויעריקסטע קאָנסעקווענצן, אויב ס'וועלן נישט באצייטנס ווערן אָנגענומען די געהעריקע מיטלען.

אין יאָר תרצ"ג זענען פאָרגעקומען פארשידענע געזעלשאפטלעכע פייערונגען, דערונטער אויך א ריי פאָן־פייערונגען פון "מזרחי", "בית"ר" (ברית טרומפעלדאָר), שניידער־צעך און "מכבי". דער דאָזיקער ספאָרט־קלוב, וועלכער איז דער עלטסטער יידישער ספאָרט־קלוב אין אונדזער שטאָט און האָט ביז נישט לאנג געטראָגן דעם נאָמען י.ט.ס.ק., האָט שוין אדורכגעמאכט א ריי עוואָלוציעס, אָנהויבנדיק פון פאראייניקונג מיט "הכוח", דאן דער קאמף פאר בלוי־ווייס, ביז צו דער היינטיקער גוט אנטוויקלטער און שטארק פארצווייגטער "מכבי", וועלכער האָט דעם היי־יאָריקן זומער געפייערט דעם 20־יאָריקן יובילײ, פאראייניקט מיט א פאָן־אנטהילונג און באנייונג פון אַן אייגענעם שווים און רודער־"פזשיסטאַן".

אין פארגאנגענעם יאָר איז אין קאליש ווידער געוואָרן טעטיק דער "טאָז". ס'איז איבעריק צו זאגן, וואָס ס'איז דער "טאָז" און וואָס די דאָזיקע געזעלשאפט האָט שוין געטאָן פאר די יידישע מאסן. "טאָז" איז אלעמען באקאנט, און זיין העכסט־נוצלעכע טעטיקייט איז יעדן באוווסט. ס'איז דעריבער א דערפרייענדיקער פאקט, וואָס די היגע אָפטיילונג פון "טאָז" איז ווידער געוואָרן גערופן צום לעבן און געפינט זיך אונטער דער אויפזיכט פון אויסגעפרווטע, גוט באקאנטע עסקנים.

ס'מוז דאָ אויך דערמאָנט ווערן, די שוין צו אָפטע קריזיסן אין דער היגער תלמוד תורה, וועלכע קומען פאָר כראָנאָלגיש פון צייט צו צייט. זיכער איז דאָס א פועל יוצא פון הערשנדיקן קריזיס פון איין זייט, און די גלייכגילטיקייט פון דער קהילה — פון דער צווייטער זייט. און ס'האָבן ערשט געמוזט קומען גרויסע עפנטלעכע סקאנדאלן, ווען די מלמדים זענען געווען געצוווּנגען צו דערקלערן א שטרייק און צו שליסן די חדרים, און די אָפטע אלארם־רופן פון "קאלישער לעבן" — אז די קהילה זאָל ענדלעך מסכים זיין יעדע וואָך אויסצוצאָלן די סובסידיע פאר תלמוד תורה, און דערמיט צו זיכערן די עקזיסטענץ פון דער פאָלקס־אינסטיטוציע, אין וועלכער ס'לערנען און דערציען זיך העכער 400 קינדער.

ענדלעך האָט זיך אויך די רבנים־פראגע א רוק געגעבן פון אָרט. דאָס דאָזיקע אָנגעווייטאָגטע פראָבלעם, וואָס האָט א צייט לאנג די שטאָט געהאלטן אין שפאנונג, איז ענדלעך אראָפּ פון טאָג־אָרדנונג. און הגם מיר ווייסן נאָך נישט דעם ענדגילטיקן פסק, קענען מיר אָבער זאָגן מיט זיכערקייט, אז מיר האלטן די פראגע פאר געלייזט, און צום שבת פון דער היגער יידישער באפעלקערונג קענען מיר קאָנסטאטירן, אז די דין תורה וועגן דער רבנות־פראגע איז פאָרגעקומען אין א רויקער אטמאָספער, און אויך איצט, נאָך דער דין תורה זענען שוין די געמיטער באַרויקט, און אלע ווארטן געדולדיק אויפן פסק בית־דין.

ביי דער געלעגנהייט מוזן מיר דערמאָנען די יידישע האנטווערקער־אָרגאניזאציע, וועלכע פירט א טעטיקייט צו סאנירן און געזונט מאכן די אָרגאניזאציע. א דאנק דער נייע לייטונג פון היגן האנטווערקער־פאראיין, איז געלונגען צו דינגען א גרעסערן באקוועמערן לאָקאל, ווי ס'פאָדערט דער אָנזען און פרעסטיזש פון אזא אָרגאניזאציע ווי ס'איז דער קאלישער האנטווערקער־פאראיין. יעדער צעך, וואָס איז אָנגעשלאָסן אינעם דערמאָנטן פאראיין, וועט דאָרט האָבן א באזונדערן זאל פאר זיינע מיטגלידער.

די פארוואלטונג באמיט זיך אויך איינצואָרדענען אַן ערשטקלאסיקן סעקרעטאריאט, וואָס יועט באדינען די צאָלרייכע מיטגלידער, און ס'ווערן שוין געמאכט די נויטיקע צוגרייטונגען

איינצוגלידערן אין האנטווערקער־פאראיין די אלע צעכן, וועלכע זענען ביז אהער געווען מחוץ דעם פאראיין.

א זייער אקטיוון בילאנס האָט אויפצווייזן דער יידישער קליינהענדלער־פאראיין, וועמענס רייכע טעטיקייט מען קען איינטיילן אין באזונדערע סעריעס און קאפיטלעך. קודם כל איז דעם פאראיין געלונגען צו באזייטיקן די געפאר אויף די ירידים. די לייטונג פון קליינהענדלער־פאראיין איז באזונדער געשטאנען אויף דער וואך און אומעטום פארטיידיקט דאָס לעבן און פארמעגן פון די ירידים־פאָרער. אזוי, אז ביים היינטיקן טאָג קומען שוין נישט מער פאָר קיין אומרוען אויף די ירידים.

דער פארוואלטונג איז אויך געלונגען אומשעדלעך צו מאכן די ברידער לארענטי, וועלכע האָבן טעראָריזירט די מארק־פאָרער און פון זיי אויסגעפרעסט געלט. א דאנק דער אינטערווענץ פון קליינהענדלער־פאראיין זענען די ברידער לארענטי געוואָרן ארעסטירט, און ס׳איז קעגן זיי פארפירט געוואָרן א פראצעס, בעת וועלכן זיי זענען געוואָרן פאראורטיילט אויף 6 חדשים תפיסה און די מארק־פאָרער האָבן געקענט לייכטער אָפּעטעמען.

דער קליינהענדלער־פאראיין האָט אויך מיט דער גאנצער אנטשלאָסנקייט רעאגירט אויף דער מוסרים־פלאג און די באשולדיקטע אינעם דאָזיקן פארברעכן זענען געווארן אויסגעשלאָסן אלס מיטגלידער פונעם פאראיין.

די פויפעריזירונג פון די יידישע מאסן און די אלץ כסדר וואקסנדיקע ארבעטסלאָזיקייט און פרנסהלאָזיקייט האָט באוויגן דעם קליינהענדלער־פאראיין צו רופן א גרעסערע בעראטונג פון די יידישעווירטשאפטלעכע אָרגאניזאציעס מיטן אנטייל פון אָנגעזעענע עסקנים, כדי אין אונדזער שטאָט צו שאפן א ווירטשאפטלעכן ראט, וועמענס אויפגאבע עס וועט זיין, צו שטיין אויף דער וואך נישט דערלאָזן, אז יידישע ארבעטער און קליינהענדלער זאָלן ווערן ארויסגעשטויסן פון זייערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס און קעגנצווווירקן דעם באָיקאָט אויף יידן.

די דאָזיקע איניציאטיוו איז א באווייז פון א געזונטער און אויסגעהאלטענער טעטיקייט־ליניע פון קליינהענדלער־פאראיין און איז ווערט באגריסט צו ווערן.

★

שטייענדיק אויף דער גרענעץ צווישן אלטן און נייעם יאָר, געזעגענען מיר זיך מיטן אלטן יאָר מיט א באטריבט געמיט און מיט א לאַסט פון שווערע דאגות, אָבער איבערטרעטנדיק די שוועל פון נייעם יאָר תרצ״ד פלאמט אין אונדז אויף דער אלטער נישט פארלאָשענער בטחון פון ״נצח ישראל״, און באזעלט מיט נייע האָפנונגען, באגעגענען מיר דאָס נייע יאָר מיטן אלט־נייעם רוף:

תכלה שנה וקללותיה ותחל שנה וברכותיה!

״קאלישער לעבן״ (315) 37

ערב ראש השנה תרצ״ד, 20.9.1933

קאליש אין יאר תרצ״ד

דאָס יאָר תרצ״ד איז געשטאנען אונטערן צייכן פונעם אלגעמיינעם, שווערן קריזיס, וואָס די גאנצע וועלט האָט אדורכגעמאכט און באזונדערס זיך אָפּגערופן אויף די אזוי אויך שוין פויפעריזירטע יידישע מאסן.

פארשטייט זיך, אז אונדזער שטאָט מיט אירע ״דעקלאסירטע״ איינוווינער, ווו 80 פראָצענט פון די יידישע איינוווינער זענען פון אמאָלישע ״שטיקער״ געוואָרן ״סוחרים״ און לופט־מענטשן, האָט זיך דער מוראדיקער קריזיס באזונדערס געלאָזט פילן און ס׳איז דעריבער קיין וווּנדער נישט, וואָס ס׳מערן זיך די רייען פון נצרכים צווישן דער יידישער באפעלקערונג, וועלכע מוזן אָנקומען צו שטיצע און געזעלשאפטלעכער הילף.

מ׳קען נישט זאָגן, אַז די געזעלשאַפטלעכע עסקנים זענען געווען גלייכגילטיק צו דער געשאַפענער לאַגע און גאָרנישט געפּרווט טאָן, כּדי דעם מצב אויסצובעסערן. באַזונדערס האָט זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיטן גורל פון די פאַראָרעמטע יידישע מאַסן דער היגער קליינהענדלער־פאַראיין. ער האָט אין פאַרגאַנגענעם יאָר געופן פאַרזאַמלונגען און באַראַטונגען פון די יידישע אָרגאַניזאַציעס, כּדי צו אָרגאַניזירן אין אונדזער שטאָט אַ ווירטשאַפטלעכן ראַט. זיין אויפגאַבע זאָל זיין צו שטיין אויף דער וואַך און נישט דערלאָזן, אַז יידישע אַרבעטער און קליינהענדלער זאָלן ווערן אַרויסגעשטויסן פון זייערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס, ווי אויך קעגנצווווירקן דעם באָיקאָט קעגן יידן.

ליידער זענען די באַמיונגען פון קליינהענדלער־פאַראיין מיטן פּרעזעס פּערלע בראש געבליבן אַ קול קורא במדבר און טראָץ די מסירת־נפשדיקע אָנשטרענגונגען פון דער קליינהענדלער־פאַרוואַלטונג איז דער ווירטשאַפטלעכער ראַט נישט צושטאַנדגעקומען.

ווי געזאָגט, איז דאָס יידישע קאַליש אינעם פאַרגאַנגענעם יאָר געשטאַנען אונטערן צייכן פון שווערן עקאָנאָמישן קריזיס, פון דעסטוועגן זענען יידן נישט אָפּגעשטאַנען פון זייערע פּאַטריאָטישע געפילן, וואָס דאָס איז געקומען צום אויסדרוק ביים דערפילן די בירגער־פליכט ביים צייכענען די נאַציאָנאַלע הלוואה. מיט רעכט קען מען זאָגן, אַז די יידן האָבן געמאַכט איבער זיך די גרעסטע אָנשטרענגונגען, און אויפן רוף פון דער מלוכה, האָט דער איבערוויגענדער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג געצייכנט זייערע לעצטע גראָשנס אויף דער נאַציאָנאַלער הלוואה.

דעם גרעסטן חלק אין דערפאָלגרייכן אַדורכפירן די נאַציאָנאַלע הלוואה האָט דאָס "קאַלישער לעבן", אויף וועמענס שפּאַלטן די יידישע באַפעלקערונג פון אונדזער שטאָט איז כּסדר געוואָרן גערופן צו דערפילן די בירגערלעכע פליכט. במשך פון גאַנצן יאָר זענען מיר געשטאַנען אויף דער וואַך און יעדן חודש דערמאָנט די סובסקריבענטן וועגן טערמין איינצוצאָלן די נאַציאָנאַלע הלוואה. דאָס "קאַלישער לעבן" האָט פאַר דער איבערגעגעבענער פּאַטריאָטישער אַרבעט און פאַרן צוהעלפן צום דערפאָלג פון דער נאַציאָנאַלער הלוואה, באַקומען אַ ספּעציעלן דאַנק פון גענעראַל־קאָמיסאַר פון דער נאַציאָנאַלער הלוואה ה׳ מינקאָווסקי.

אין יאָר תרצ״ד איז אויך געוואָרן צוריק טעטיק דער "לינת־הצדק", וועלכער פונקציאָנירט שוין מיט אַלע אָפּטיילונגען, צו דער באַקוועמלעכקייט און נוצן פון דער באַפעלקערונג אין קאַליש.

ס׳איז דאַכט זיך איבעריק צו דערמאָנען די גרויסע שוועריקייטן, וואָס זענען געשטאַנען אויפן וועג, כּדי די דאָזיקע וויכטיקע אינסטיטוציע צוריק צו ברענגען אין באַוועגונג. ס׳האָט זיך קודם כּל געפאָדערט גוטער ווילן, אָנגעשטרענגטע אַרבעט, און דער עיקר — דאָס צוריק־געווינען דעם פאַרלוירענעם צוטרוי פון דער געזעלשאַפט. אַ דאַנק די אומדערמידלעכע מסירות־נפשדיקע לייסטונגען פון דער איצטיקער פאַרוואַלטונג, איז געלונגען דעם "לינת־הצדק" צוריק צו ברענגען צו זיין פאַרדינטן אָנזעען און אָנערקענונג פון דער ברייטער עפנטלעכקייט.

אַן אינטענסיווע טעטיקייט אינעם פאַרגאַנגענעם יאָר האָט אויך געפירט דער "טאָז". אַ חוץ די אַלטעגלעכע סיסטעמאַטישע טעטיקייט פון די ספּעציפיש־באַרופענע אָפּטיילונגען פון "טאָז", האָט אויך "טאָז" היי יאָר אַדורכגעפירט אַ גרויסע קאָלאָניע־אַקציע, אַ דאַנק וועלכער ס׳איז געווען אַ מעגלעכקייט קרוב 100 אָרעמע שוואַכע קינדערלעך אַרויסצושיקן אויף זומער־קאָלאָניעס. זייער געזונט־צושטאַנד איז אויף אַ באַפרידיקנדיקן אופן געוואָרן אויסגעבעסערט. יעדער קינד האָט דורכשניטלעך צוגענומען 3 קילאָ.

אין פאַרגאַנגענעם יאָר איז אויך געוואָרן אַדורכגעפירט וואַלן צום שטאָטראַט. די דאָזיקע וואַלן, וואָס זענען פאָרגעקומען לויטן נייעם וואַל־סיסטעם האָבן באַדייטנדיק אָפּגעשוואַכט די שאַנסן אַדורכצופירן די געהעריקע צאָל יידישע ראַטמענער, וועלכע ס׳פאַלט אויס פּראָפּאָר־ציאָנעל. דערצו האָט מיטגעווירקט דער כאַאָטישער און אומערלעכער וואַל־קאַמף, וואָס איז געוואָרן געפירט אויף דער יידישער גאַס. און לאָמיר עס זאָגן אָפן — פון אַ געוויסן

״קעמפעריש״ צד, האָט מען די פּאָליטישע קעגנער באַוואָרפן מיט קויט און בלאָטע, באַליידיקנדיק מיט די נידעריקסטע אויסדרוקן די אנערקענטע און פאַראַנטוואָרטלעכסטע פירער פון יידישן קאליש. די צעריסנקייט אין יידישן לאַגער צוזאַמען מיטן נייעם ראַיאָן־סיסטעם האָבן גורם געווען, אַז די יידישע רעפּרעזענטאַנץ אינעם ניי־געוויילטן שטאָטראַט איז געפאַלן ביז א מינימום.

דאָס יאָר תרצ״ד וועט בלייבן אַ טרויעריק בלעטל אין דער געשיכטע פון יידישן קאליש צוליב די שענדלעכע אומדערהערטע מסירות, פון דער אָפּאָזיציע אויף דער מערהייט פון דער קהילה, וועלכע האָבן נישט זייער גלייכן אין דער געשיכטע פון יידישע קהילות אין דער גאַנצער וועלט. די דאָזיקע מסירות, וועלכע זענען, אגב, שטאַרק געטאַדלט פון אַלע שיכטן פון דער יידישער געזעלשאַפט, האָבן דערפירט צו זייער טרויעריקע קאָנסעקווענצן: צוליב די אָפטע רעוויזיעס און קאָנטראָלעס איז די טעטיקייט פון דער קהילה געוואָרן פאַראַליזירט און די פאַרשידענע אָפּטיילונגען פון דער קהילה זענען געוואָרן געשטערט אין זייער נאָרמאַלער טעטיקייט. דערפון האָט קודם כל געליטן דער פון קריזיס געטראָפענער און בכבודיקער ייד, וועמען די קהילה איז נישט געווען אימשטאַנד אַקעגנצוקומען מיט הילף און שטיצע.

די מסירות האָבן אויך געהאַט א נישט־גינסטיקע ווירקונג אויפן אויספירן דעם פסק בית־דין אין דער רבנות־פראַגע. ווייל ס׳איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז ביי דער געשאַפענער לאַגע (נאָך די פאָרגעקומענע מסירות אויף דער קהילה) איז בשום אופן נישט געווען קיין מעגלעכקייט אויסצופירן דעם פסק פּינקטלעך און ראַיעל. דאָס האָבן אָבער נישט געוואָלט פאַרשטיין א גרופּע פּאָליטיקער און קריגעריש־געשטימטע מחלוקת־העצער, וועלכע האָבן אָנגעהויבן א קאַמף קעגן דער קהילה און זיי זוכן צוטשעפּעניש ביי יעדע געלעגנהייט, כדי צו קאָמפּראָמיטירן די, וועלכע שטייען אין שפּיץ פון דער קהילה.

נישט קוקנדיק אויף די נידעריקע אינטריגעס און כלערליי הינטער־קוליסן־העצעריי, איז דאָך די יידישע געזעלשאַפט איבערצייגט, אַז דער קהילה וועט געלונגען איינצושטעלן א שלום אין דער שטאָט, ווייל די מענטשן וואָס שטייען אין איר שפּיץ זענען קודם כל אַזעלכע, וואָס באַקליידן רעגירונגס־אַמטן און פאַרדינען — דורך זייער לאַנגיאָריקע געזעלשאַפטלעכע לייסטונגען — דעם פולסטן צוטרוי פון דער גאַנצער יידישער געזעלשאַפט, א חוץ נאַטירלעך פון א מינדערווערטיק הייפל געשווירענע פּאָליטיקער. אַזעלכע מענטשן מעג מען רויק אָנפאַרטרויען די אינטערעסן פון היגן יידישן צבור ווי אויך די זיכערקייט פון שלום.

★

ארום איז חושך, כאַאָס, צעריסנקייט, צעשפּליטערטקייט, און דער יאוש פרעסט ביז גאָר. דערצו קומען נאָך די צרות פון גאַנצן יידישן כלל: היטלעריזם, אַלזשיר, עליה־גזירות אין ארץ־ישראל אאַז״וו.

אין אזא לאַגע געפינט זיך איצט דאָס פאָלק ישראל צווישן אַלטן און נייעם יאָר. אָבער דאָך, מיר זענען דאָס אַלטע, אויסגעפּרוּווטע פאָלק, וואָס גלייבט מיט אַן אומדערשיטערלעכער אמונה אין ״נצח ישראל״, אַז מיר וועלן אַלע שונאים און אַלע שלעכטע גזירות איבערלעבן. אויך איצט, ביים באַגעגענען דאָס נייע יאָר תרצ״ה, זענען מיר פול מיט גלויבן און בטחון אין דער הערלעכער יידישער צוקונפט.

תכלה שנה וקללותיה ותחל שנה וברכותיה!

״קאַלישער לעבן״ 35 (364)

כ״ז אלול תרצ״ד, 7.9.1934

קאליש אין יאָר תרצ"ה

ס איז זייער שווער אונטערצוציען א סך הכל פון יידישן לעבן אינעם פאַרגאַנגענעם יאָר, בפרט פון יידישן לעבן אין אונדזער שטאָט מיט זיינע ליידן און פריידן, קאַמפן און ראַנגלענישן, האָפענונגען און אנטוישונגען, וועלכע לאָזט זיך באַצייכענען מיט אַן איינאיינציק, פיל זאָגנדיק וואָרט: כאַאָס.

דאָס דאָזיקע יאָר, וואָס האָט זיך באַזונדערס איינגעקריצט אין אונדזער זכרון צוליבן אומגעהויערן, שווערן עקאָנאָמישן קריזיס פון איין זייט און דער גייסטיקער פערקריפּלטקייט און אָפּגעשטאַנענקייט פון דער אנדערער זייט — האָט אָבער אויך געהאַט געננוג ליכטיקע פונקטן, וועלכע האָבן געדינט אלס וועגווייזער פאַר די פאַרצווייפלטע יידישע מאסן אינעם יאָר תרצ"ה.

אין דער ערשטער ריי דאַרף דערמאָנט ווערן דער היגער קליינהענדלער־פאַרבאַנד, וועלכער פירט א לעבהאַפטע נוצלעכע טעטיקייט לטובת זיינע 800 מיטגלידער, פירט אדרוך אינטער־ווענצן וועגן די אנטי־יידישע אומרוען אויף די פויזנער מערק אאַז"וו. א באַזונדערע וויכטיקע ראָל שפּילט די "גמילות חסדים־קאַסע" ביים קליינהענדלער־פאַרבאַנד, א דאנק וואָס הונדערטער עקזיסטענצן פון קליינהענדלער־משפחות זענען געוואָרן אָפּגעראַטעוועט פון אונטערגאַנג. דער קליינהענדלער־פאַרבאַנד גרייט זיך אויך אין קומענדיקן יאָר צו פייערן דעם 10 יאָריקן יובילײ פון זיין פרוכטבאַרער עקזיסטענץ, וואָס דאָס וועט זיין אַן אמתער יום־טוב פאַר די יידישע קליינהענדלער און פאָלקס־מאַסן.

א באַזונדער קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון יידישן קאַליש אין פאַרגאַנגענעם יאָר איז אויך דאָס אַנטשטיין פון אַן "אָרט"־אָפּטיילונג אין אונדזער שטאָט. ס'איז איבעריק צוצוגעבן וועגן דער וויכטיקייט פון "אָרט", וועמענס אויפגאַבע ס'איז צו פאַרשפּרייטן מלאכה און ערד־אַרבעט ביי יידן. ס'מוז אָבער באַמערקט ווערן, אז געוויסע פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער ווילן דעם "אָרט" צוגעבן א פּאַרטייאישע באַפאַרבונג און דאָס איז דורכויס פאַלש, ווייל "אָרט" איז און מוז בלייבן — פונקט ווי אומעטום — א ברייטע פאָלקס־באַוועגונג, און נישט קיין קרעמל פון פּאַרטייאישע פאַנאַטיקער. מיר זענען איבערצייגט, אז די אָנפירער פון "אָרט", וועלכע פאַרשטייען די וויכטיקייט פון זייערע אויפגאַבן, וועלן מיטווירקן, אז "אָרט" זאָל ווערן אוועקגעשטעלט אויף א פעסטן און געזונטן פונדאַמענט.

זאָל דאָ אויך דערמאָנט ווערן די געזעלשאַפט "לינת־הצדק", וועלכע אַרבעט אינטענסיוו, אז די דאָזיקע אינסטיטוציע זאָל ווי געהעריק פונקציאָנירן מיט אַלע זיינע נוצלעכע און וויכטיקע אָפּטיילונגען לטובת די ברייטסטע מאסן פון אונדזער שטאָט, אָן אונטערשיד פון קלאַס און ריכטונג.

די יידישע באַפעלקערונג האָט אינעם פאַרגאַנגענעם יאָר אויך א לעבהאַפטן אנטייל גענומען אין דער 3־פּראָצענטיקער נאַציאָנאַלער אינוועסטיציע־הלוואה, וואָס איז געוואָרן פּראָקלאַמירט דורך דער רעגירונג און שטאַרק רעקלאַמירט געוואָרן אויף די שפּאַלטן פון אונדזער צייטונג.

א באַזונדערן רושם האָט אַרויסגערופן דער טויט פון מאַרשאַל פּילסודסקי, וועלכער איז געווען שטאַרק באַליבט ביי דער גאַנצער באַפעלקערונג פון דער פּוילישער רעפּובליק. די ידיעה וועגן זיין טויט האָט זיך געלייגט ווי א שוואַרצע כמאַרע אויף די געמיטער פון די בירגער און אַרויסגערופן א טיפן טרויער ביי דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס דאָס האָט זיך באַזונדער אָפּגעשפּיגלט אויף די שפּאַלטן פון "קאַלישער לעבן".

אין פאַרגאַנגענעם יאָר זענען אויך פאָרגעקומען די וואַלן צום סיים, וועלכע האָבן נישט אַרויסגערופן קיין באַזונדערן אינטערעס ביי דער יידישער באַפעלקערונג, צוליב דעם, וואָס אין אונדזער וואַל־קרייז זענען נישט געוואָרן אַרויסגעשטעלט קיין יידישע קאַנדידאַטן. פון דעסטוועגן איז טייל יידישע פּאַרטיי־פאַנאַטיקער נישט אָנגעשטאַנען זיך אָנצושליסן אין דעם וואַל־קאָמיטעט ביי דער קהילה, און זיי האָבן געשאַפן באַזונדערע "קרעמלעך".

ס'האָט זיך אויך א רוק געגעבן פאָרויס די אָנגעווייטאָגטע רבנות־פראַגע, וועלכע האָט

אַני פיל בייז בלוט ארויסגערופן אין אונדזער שטאָט. א דאנק דער חוצפּהדיקער שטעלונג פון מאנכע פּארטיי־שאָוויניסטן, מיט זייער ספּעציפיש מארק־לשון, אונטערערדישע אינטריגעס און בייזוויליקע, ווילדע העצעס פון פארשוינענע פון א געוויסן מין. אָבער ווי געזאָגט, האָט זיך די רבנות־פראגע געענדיקט פּאָרויס, אַזוי, אַז ס׳איז דאָ א האָפענונג אַז אין דער גאָר נאָענטסטער צוקונפט וועט דער דאָזיקער אָנגעווייטאָגטער פּראָבלעם געלייזט ווערן צו דער צופרידנקייט פון דער יידישער געזעלשאַפט אין אונדזער שטאָט.

אין איצטיקן מאָמענט, ווען דאָס אַלטע יאָר שיידט זיך מיט נייעם, און מיר שטייען האָפענונגספול מיט דערוואַרטונג אויף בעסערע, ליכטיקערע צייטן, ווילט זיך דאָך גלויבן, אַז דאָס שלעכטע און צעפוילטע וועט צוגלייך מיטן אַלטן יאָר ווערן פארלענדט און פארגעסן, און מיטן פולן גלויבן אויפן בעסערן מאָרגן, וואָס מוז דאָך קומען, באַגעגענען מיר דאָס נייע יאָר תרצ״ו מיט דעם אַלט־נייעם רוף:

תכלה שנה וקללותיה ותחל שנה וברכותיה!

„קאַלישער לעבן" (412) 33

ערב ראש השנה תרצ״ו, 27.9.1935

קאליש אין יאר תרצ״ו

דאָס יאָר תרצ״ו איז געווען א שווער, ביטער יאָר פאַר די יידן אין פּוילן. א יאָר פון שווערע נסיונות און טיפע איבערלעבונגען; פון עקאָנאָמישע אוןווירטשאַפטלעכע גזירות; פון כלערליי אַנטיידישע „געשעענישן" און בלוטיקע עקסצעסן — און דאָס אַלץ צוזאמען, מיט דער ווילדער, אומגעצוימטער אַנטיסעמיטישער העצע און שאַרפן עקאָנאָמישן באָיקאָט — האָט זיך זייער שלעכט אָפּגערופן אויף דעם 3 און א האַלב־מיליאָניקן יידישן קיבוץ פון דער פּוילישער רעפּובליק, און אריינגעפירט א דעפּרעס־ע און יאוש־שטימונג. א באַזונדער שווערער קלאַפּ פאַר דער יידישער באַפעלקערונג איז געווען די שחיטה־גזירה, וועלכע נעמט צו ביי מאַסן יידן זייערע פּרנסות צוזאַמען מיט דער מעגלעכקייט צו עסן כשר פלייש.

דער ווילדער באָיקאָט, וועלכער האָט זיך געשטעלט פאַר א ציל אָוועקצונעמען דעם ביסן ברויט ביי יידן — האָט זיך באַזונדער געלאָזט פילן אין אונדזער שטאָט, ווו הונדערטער יידישע פאַמיליעס ציען זייער חיונה אויסשליסלעך פון די מערק אין פּויזנער געגנט. אָבער די פיינטלעכע אומגעשטערטע העץ־קאַמפּאַניע פון די דאָרטיקע אַנטיסעמיטן, האָט אוממעגלעך געמאַכט פאַר די דאָזיקע יידן זיך ווייטער צו באַטייליקן אין די פּויזנער ירידים, ווו מ׳האָט ביי זיי צוגערויבט זייער האָב און גוטס און געשלאָגן מכות רצח.

כדי צו ראַטעווען די דאָזיקע קאַטעגאָריע יידן פון אַן אומפאַרמיידלעכער קאַטאַסטראָפע, האָט א דעלעגאַציע פון די פאָרשטייער פון היגן קליינהענדלער־פאַרבאַנד זיך פאָרגעשטעלט פאַרן אינערן און פּרעמיער־מיניסטער, גענעראַל סלאַוואָי־סקלאַדקאָווסקי, וועמען זיי האָבן געשילדערט דעם גרויל־מצב פון די מאַרק־פאָרער, וועלכע זענען צוליבן אומגעווינלעכן גיפטיקן יידן־האַס פאַראורטיילט אויף הונגער־טויט. די דאָזיקע אינטערווענץ האָט געהאַט א געהעריקע ווירקונג, און תיכף זענען דורכן פּרעמיער געוואָרן אַרויסגעגעבן דרינגענדיקע פאַראָרדענונגען, וועלכע האָבן דערמעגלעכט דאָס ווייטערע באַטייליקן זיך פון די יידן אין די פּויזנער ירידים און בלייבן אויף זייערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס.

די קליינהענדלער־דעלעגאַציע, וועלכע איז, אגב, געווען די ערשטע יידישע דעלעגאַציע ביים פּרעמיער, האָט אויך אויסגעווירקט, אַז די מערק זאָלן נישט ווערן איבערגעטראָגן הינטער דער שטאָט, צוליב וואָס דער פּרעמיער האָט שוין אַרויסגעגעבן די געהעריקע

פאַראָרדנונג צו אַלע אים אונטערליגנדיקע אָרגאַנען. א דאַנק דעם איז אויך געוואָרן אָפּגעראַטעוועט די עקזיסטענץ פון טויזנט פאַמיליעס טאַרג־שטייער פון אונדזער שטאָט, וועלכע זענען ביז איצט געווען באַדראָט צוליבן איבערברוקירן דעם נייעם מאַרק.

דער קליינהענדלער־פאַרבאַנד האָט אויך אין פאַרגאַנגענעם יאָר אַדורכגעפירט א ריי אימפּרעזעס: באַנייונג פון א אייגענעם פאַן, 10 יאָריקער יובליי און א סיום־ספר־תורה. די פייערונגען האָבן זיך גלענצנדיק איינגעגעבן. און דאָ האָבן מיר ווידער געהאַט א געלעגנהייט זיך צו איבערצייגן אין דער פילזייטיקער טעטיקייט און שעפערישקייט פון דער דאָזיקער ווירטשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע אויף אַלע געביטן פון יידישן עפנטלעכן געזעלשאַפט־לעכן לעבן.

היי־יאָר איז אויך אויסגעפאַלן דער ערשטער יאָרצייט פון מאַרשאַל פּילסודסקי, נאָך וועלכן ס׳טרויערט דאָס גאַנצע לאַנד, באַזונדער פילן מיר, יידן, דער גרויסן פאַרלוסט, צוליב דעם גרויסן שנוי, וועלכער איז לעצטנס פאָרגעקומען אין לאַנד אין באַצוג צו דער יידן־פראַגע. דעריבער איז דער ערשטער יאָרצייט מיט אַזוי פיל ווייטאָג און מיט אַזא שווער פיינלעך געפיל געוואָרן אויפגענומען דורך דער יידישער באַפעלקערונג.

אינעם פאַרגאַנגענעם יאָר איז אויך פאָרגעקומען די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון דער אָנפּראָצענטיקער „גמילות־חסדים־קאַסע״, וועלכע ציילט שוין 10 יאָר טעטיקייט לטובת דער יידישער באַפעלקערונג אין אונדזער שטאָט. ס׳איז דער חוב פון יעדן איינציקן די דאָזיקע קאַסע צו שטיצן, כדי זי זאָל האָבן א מעגלעכקייט צו באַפרידיקן דעם פאַרלאַנג פון די אַלע, וועלכע ווענדן זיך דאָרט נאָך א הלואה.

מיר מוזן דאָ אויך דערמאָנען די יערלעכע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון דער „קאָאָפּעראַטיווער דיסקאָנטאָ־באַנק״, צו וועלכער ס׳האָבן באַזונדער היי־יאָר זיך געגרייט אייניקע דורך קנאה־צעפּרעסענע פאַרשוינען, וועלנדיק בוכשטעבלעך צעברעכן די דאָזיקע וויכטיקע קרעדיט־אינסטיטוציע. אָבער נישט קוקנדיק אויף די אַלע גיפטיקע אַטאַקעס, האָט דאָך דער געזונטער שכל געזיגט, דאָס איז געקומען צום אויסדרוק דורך דעם, וואָס דער צאָלרייכער עולם און די מיטגלידער־מאַסן האָבן אויסגעדריקט זייער פולן צוטרוי פאַר דער פאַרדינסט־פולער ליטונג פון דער „קאָאָפּ. דיסקאָנטאָ־באַנק״.

ס׳מוז דאָ אויך דערמאָנט ווערן דער גרויסער פאַרלוסט פון דער יידישער גימנאַזיע צוליבן טויט פון מיטגרינדער און בויער פון דער יידישער גימנאַזיע, דירעקטאָר שמואל העללינג ז״ל. עס איז געוואָרן אַנגאַזשירט אַלס דירעקטאָר דער באַקאַנטער פּעדאַגאָג און שול־עסקן, ד״ר משה פריילין, וועלכער איז באמת די פּאַסנדיקע פּערזאָן אויף דעם הויכן אמט.

זאָל דאָ אויך דערמאָנט ווערן די געזעלשאַפט „לינת הצדק״, וועלכע פירט, צוזאַמען מיט דער אַפּטייק, אַמבולאַטאָריום און נאַכט־פּאָגאָטאָוויע — א זייער נוצלעכע און וויכטיקע טעטיקייט לטובת דער יידישער באַפעלקערונג פון אונדזער שטאָט. דערפאַר מוז די דאָזיקע געזעלשאַפט ברייט אונטערגעשטיצט ווערן דורך דער גאַנצער יידישער געזעלשאַפט.

דאָס יאָר תרצ״ו האָט אונדז, צוגלייך מיט אַלע איבעריקע שטעט פון לאַנד, איבערגעלאָזט „לעצטגעלט״. דאָס זענען די וואַלן צו דער קהילה, וועלכע האָבן ליידער אַנטפּלעקט דעם גרויסן פירוד, וואָס הערשט ביי די היגע יידן. צו די קהילה־וואַלן האָבן זיך פאַרמאָסטן אַזש 17 ליסטעס, בעת אין יאָר 1931, ד. ה. מיט 5 יאָר צוריק איז נישט געווען מער ווי 8 ליסטעס. דאָס איינציקע ווירקלעך פּאָזיטיווע, וואָס די קהילה־וואַלן האָבן אונדז געבראַכט, איז דאָס, וואָס די ווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס — דער קליינהענדלער־פאַרבאַנד מיטן האַנטווערקער־פאַרבאַנד וועלן דאָרט זיין רעפּרעזענטירט דורך זייערע פאָרשטייער.

אויף די ניי־געוויילטע פאָרשטייער אין דער קהילה ליגט איצט דאָס אחריות, אַז ביים אויסוויילן א פּרעזעס פון דער קהילה זאָל מען נישט סתם יוצא זיין פאַרן פּאַרטיי־געוויסן. אויב מ׳וויל באמת, אַז אין דער שפּיץ פון דער קהילה זאָל ווערן געוויילט א מענטש מיט א וואַרעם יידיש האַרץ, וועלכער זאָל פּאַקטיש האָבן דעם גוטן ווילן פּאָזיטיוו צו לייסטן פאַר די יידישע מאַסן, מוז מען וויילן א מענטש מיט א פילנדיק יידיש האַרץ, וועלכער איז באַקאַנט מיט זיין פיליאָריקער טעטיקייט און אָפּפערווויליקייט לטובת די יידישע מאַסן.

אויב די קהילה־פאַרשטייער וועלן דאָס פארשטיין, און ס׳וועט זיגן דער שכל־הישר איבער די באגרענעצטע פארטיי־דירעקטיוון — וועלן מיר דאָס באטראכטן פאר א גוט־דורכגעטראכטע, קלוגע פאָליטיק, און ס׳וועט זיין אנגענעם ״לעצטגעלט״ פונעם פארגאנגענעם יאָר.

שטייענדיק אויפן פרשת־הדרכים, צווישן אלטן, אָפטרעטנדיקן יאָר און נייעם אָנקומענדיקן יאָר — איז אונדזער הייסער ווונטש, אז ס׳זאָל ענדלעך א סוף נעמען צו די אלע צרות און פיין, וועלכע רינגלען ארום דאָס יידיש פאָלק פון אלע זייטן, און ס׳זאָל מקויים ווערן: ״וכל הרשעה כלה כעשן תכלה״. און פול מיטן פעסטן, אומדערשיטערלעכן גלויבן אין דער געטלעכער הבטחה וועגן דער הערלעכער צוקונפט פון דער יידישער אומה — געזעגענען מיר דאָס אלטע יאָר, באגריסנדיק גלייכצייטיק דאָס נייע יאָר תרצ״ז מיט דעם אלט נייעם רוף:

תכלה שנה וקללותיה ותחל שנה וברכותיה!

״קאַלישער לעבן״ (455) 32

ערב ראש השנה תרצ״ז, 16.9.1936



№ 25 (107) דריטער יאהרגאנג פרייז 25 גר.
Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.
Kaliszer Leben

קאלישער לעבען

אומפארטייאיש וואכענבלאט פאר קאליש און אומגעגנט

Kalisz, 13 września 1929 r. | Kalisz, Szopena 3 Skrz. poczt. 186 | קאליש, פרייטאג ט' תשרי, ה' אלול תרפ"ט



די לעצטע יאָרן



רעזולטאט פון די שטאטראט־וואלן אין יאר 1927

דער רעזולטאט פון די וואלן צום היגן שטאָטראט איז פאָלגנדיקער :

ליסטע נומ. 1	(לינקע „פועלי ציון")	1.077	שטימען,	2 מאנדאטן
ליסטע נומ. 2	(פ. פ. ס.)	2.105	שטימען,	4 מאנדאטן
ליסטע נומ. 4	(„בונד")	973	שטימען,	2 מאנדאטן
ליסטע נומ. 5	(רעכטע „פועלי ציון")	160	שטימען,	— קיין מאנדאט
ליסטע נומ. 7	(נ. פ. ר.)	1.628	שטימען,	3 מאנדאטן
ליסטע נומ. 8	(ציוניסטיש־דעמאָקראט. פאראייניקונג)	454	שטימען,	— קיין מאנדאט
ליסטע נומ. 10	(אומאָפּהענגיקע סאָציאליסטן)	1.531	שטימען,	3 מאנדאטן
ליסטע נומ. 11	(יידישע האנטווערקער)	962	שטימען,	2 מאנדאטן
ליסטע נומ. 12	(פוילישע דעמאָקראטן)	1.389	שטימען,	2 מאנדאטן
ליסטע נומ. 13	(ענדעקעס)	3.076	שטימען,	6 מאנדאטן
ליסטע נומ. 14	(פוילישער נאצ. ווירטשאפט־בלאָק)	2.362	שטימען,	4 מאנדאטן
ליסטע נומ. 16	(יידישער פאראייניקטער בלאָק)	2.758	שטימען,	5 מאנדאטן
ליסטע נומ. 17	(יידישער אומפּאר. ווירטשאפט. בלאָק)	737	שטימען	1 מאנדאט

אין אלגעמיין זענען אָפּגעגעבן געוואָרן	20.212 שטימען
דערפון זענען געפּסלט געוואָרן	1.040 שטימען

די לעצטע צוויי טעג, פרייטיק און שבת, פאר די וואלן, האָבן אלע וואל־קאָמיטעטן אָנגעפירט א זייער ענערגישע וואל־אגיטאציע, א דאנק וועלכער ס׳האָט זיך געהויבן דער אינטערעס צו די וואלן ביים ברייטן יידישן ווילער־עולם. אזוי זענען אין פארלויף פון די לעצטע צוויי טעג אָפּגעהאלטן געוואָרן עטלעכע צענדליק וואל־מיטינגען און די גאסן זענען פשוט פארפלייצט געוואָרן מיט פארשידענע וואל־אויפרופן. עס זענען אויך אין פיל פונקטן פון שטאָט געווען אויסגעהאנגען פארשידענע ליכט־רעקלאמעס פאר פארשידענע ליסטעס.

נעכטן, אין טאָג פון די וואלן, זענען איבער דער שטאָט געפאָרן צענדליקער אויטאָס און דראָזשקעס מיט אגיטאטאָרן פון פארשידענע ליסטעס. עס זענען אויך געפאָרן די קאנדידאטן אליין פון פארשידענע ליסטעס.

פאר אלע וואל־ביוראָס זענען געשטאנען די אגיטאטאָרן פון די פארשידענע ליסטעס און זיך ממש "געריסן" איבער יעדן ווילער, יעדער האָט פון אים פארלאנגט צו שטימען נאָר פאר זיין ליסטע.

פאר די יידישע ליסטעט האָבן אממייסטן געפירט א פיבערהאפטע און א אָנזעעווידיקע אגיטאציע די ליסטעס 17, 16, 8 און 4.

דער אנטייל פון די יידן אין די וואלן איז געווען א שטארקער, עס זענען אָבער געווען פיל פאלן, ווי יידישע ווילער זענען נישט געווען ארייגעטראָגן אין די ווילער־רשימות און ממילא פארלאָרן זייער שטים־רעכט. דאָס איז א זאך, וועלכע האָט געקענט ווערן אויסגעמיטן ביי א ביסל מער אָנשטרענגונג פון די וואל־קאָמיטעטן.

"קאלישער לעבן" 10

ערב סוכות תרפ״ח, 10.10.1927

א. רובין

לערנט די קינדער א פאך

ווען דו גייסט פארביי די גאס אל. יוזעפינא און דיר ווארפט זיך אין די אויגן די גרויסע צאָל בירזשע־הענדלער, מעקלער און סתם ליידיקגייער, טראַכסטו זיך: וואָס איז דאָס פאר א פאָלק, דאָס יידישע? א פאָלק וואָס לעבט פון הוילע רוחניות, פון לופט און רויך, און ווער ווייסט — טראַכסטו זיך — אפשר לעבן זיי טאקע נישט, דען וואָס איז דאָס פאר א לעבן, ווען דו טראַכסט נאָר וועגן היינט, וועגן דער חיי־שעה, און דער מאָרגן איז נישט דיינער? דאָס איז דאָך א הינטיש לעבן אָן א זיכערער עקזיסטענץ.

גייסטו אָבער א ביסל ווייטער אין דער אייגענער גאס, זעסטו א דריי שטאָק הויז, ווו דאָרט האלט זיך אין שמידן דאָס גליק פון יונגע כוחות, וועלכע ווילן נישט און קענען נישט אזוי לעבן, ווי זייערע עלטערן, וועלכע קלערן וועגן א געזונטער צוקונפט. דאָס איז די יידישע פאך־שול. זי שפרייט אויס אירע הענט, ווי א געטרייע מוטער, און רופט: יידישע קינדער, קומט אונטער אונדזער שוץ, מיר וועלן אייך געבן דאָס שענסטע, דאָס בעסטע, וואָס נאָר די מענטשהייט איז אייך אין שטאַנד צו געבן, מיר וועלן אייך געבן בילדונג און מלאכה. איר וועט נישט דארפן נאָכצולויפן דעם פריץ, ער זאָל אייך ווארפן א ברעקל. איר וועט מיט אייערע אייגענע הענט שמידן אייער גליק און איר וועט נישט דארפן מורא האָבן פאר דעם מאָרגן, ווייל דער האנדל, ליכווע און מעקלעריי איז פארמשפט אין פוילן צום ארונטערגאנג און אייער מאָרגן וועט זיין א געזיכערטער. אָט דער רוף קלינגט אונדז שטענדיק אין די אויערן, ער שרייט צו אונדז פון די סלופעס אין די גאס, פון די פארקאַנעס און פון די שפאלטן פון די צייטונגען.

וועלנדיק דערגיין דעם אמת, צי פארדינט ווירקלעך די פאך־שול, אז מען זאָל איר שענקען דעם צוטרוי און מ׳זאָל אונדזערע קינדער אריינגעבן אויף דריי יאָר, האָב איך די טעג דאָרט געמאַכט א באזוך און איך האָב זיך אדורכגערעדט מיטן דירעקטאָר פון דער שול, ה׳ מילשטיין.

ה׳ מילשטיין האָט מיר אויפגעקלערט די באדייטנדיקע אויסבעסערונגען, וואָס זענען איצט געמאַכט געוואָרן. דאָס איינפירן די אָפטיילונג פון עלעקטראָטעכניק איז שוין א פאקט, אז די שול שטרעבט מיט אלע מיטלען זיך צוצופאסן צו די פארהעלטנישן פון דער קעגנוואַרט. זי איז איבערצייגט, אז אויף דער אָפטיילונג וועלן רעפלעקטירן אממייסטן שילער. אמת, אז שלאָסעריי קען אויך מאטעריעל באפרידיקן, און א געענדיקטער אין דעם פאך איז פאר־זאָרגט מיט חיונה. דער אונטערשייד איז נאָר דאָס, וואָס כדי איינצופירן אַן אייגענע שלאָסעריי נויטיקט זיך א גרעסערער קאפיטאל. עס איז אָבער פארשטענדלעך, אז דער גרעסטער טייל אבסאָלווענטן באקומט ארבעט אין די פאבריקן.

דאַקעגן עלעקטראָטעכניק איז א פאך, וואָס קען דעם אבסאָלווענט באלד געבן א שיינעם פארדינסט, איינפירנדיק מיט קליינע קאָסטן אַן עלעקטראָטעכנישן ווארשטאט.

עס איז דעריבער נישט קיין וואונדער, וואָס די פאך־שולן אין פוילן, ווו עס זענען פאראן עלעקטראָטעכנישע אָפטיילונגען, געפינען זיך אין די אָפטיילונגען די גרעסטע צאָל שילער, דאָס איז דערפאר, ווייל די איינריכטונג איז נישט פארבונדן מיט גרויסע הוצאות און דאָס לערנען פון דעם פאך איז נישט אזוי קאָמפליצירט.

דער דירעקטאָר ה׳ מילשטיין האָט מיר געוויזן די מאשינעריע, די טאָקארניע, העבלארקע און אנדערע פארשידענע קעגנשטאנדן. אלץ איז שוין אין בעסטן אָרדענונג און אויך דער מאָטאָר איז שוין אין פולן גאנג.

ביי דער איצטיקער צייט, ווען עס פאָדערט זיך פון בעלי־מלאכות א גוטע און געהעריקע קוואליפיקאציע, וואָלט אויך די יידישע באפעלקערונג פון אונדזער שטאָט געמעגט אויסנוצן די זייער גינסטיקע געלעגנהייט און זיך פאראינטערעסירן, אז יידישע קינדער זאָלן זיך לערנען א פאך, פון וועלכן זיי וועלן קענען ציען זייער בכבודיקע חיונה. זאָלן דאָס די

עלטערן פון מיטעלן און אָרעמען קלאס געדענקען, נישט שטענדיק מאכט זיך אזא גינסטיקע געלעגנהייט.

„קאַלישער לעבן" (25) 2

כ' בטבת תרפ"ח, 13.1.1928

מ. ווארשאַווסקי

קאָנקורענץ

דער יידישער סוחר פארדינט זיך בכלל נישט זיין שטיקל ברויט, פיל האט ער אויסצושטיין און געבוג האט ער אפצוצאלן פארשידענע שטייערן, ביז עס בלייבט אים עפעס פאר זיך זעלבסט. די מלחמת הקיום פון סוחר אין א געבוג שווערער און ממש מיט נסים ברעכט ער זיך דורך א וועג צו זיין עקזיסטענץ.

א פיל גרעסערער פלאג ווי די אלע מיני שטייערן, זענען פארן יידישן סוחר די קאָנקורענץ־אטאקעס פון די אייגענע. ליידער איז עס שוין א געוווינהייט פון פיל סוחרים, אַז זיי קעמפן צו שאדן יענעם, דער עיקר לענקען זיי זייערע אנשטרענגונגען ארויסצורייסן פון יענעם דעם ביסן ברויט. זייער הויפּט־געוויכט לייגן זיי ארונטערצוברענגען פון פלאץ דעם קאָנקורענט. דעמאָלט מיינען זיי, אַז זיי זענען שוין געהאָלפן, און זיי זעען גארנישט, דאס אויף יעדן ליקווידירטן סוחר וואקסן אויס צוויי־דריי אנדערע.

אין דעם העסלעכן קאמף איז מען גארנישט איבערקלייבעריש אין מעטאדן. אלע מיטלען ווערן געכשרט. מען רעכנט נישט איבער, אז סוף כל סוף טרעפן די אלע פיילן צוריק אין שיסער זעלבסט.

איינע פון די גרעסטע פלאגן זענען די וועקסלען, מיר ווייסן דאך גוט די גוואלדיקע „גרויסע" קאפּיטאלן, וועלכע זענען אין רשות פון יידישן קרעמער. ס'איז גוט באקאנט די „גרויסע" קרעדיטן, פון וועלכע דער יידישער סוחר געניסט... דאס „יוסטקייט" פון יידישן סוחר האט א שם... און ביי אזא לאגע איז דאס וועקסל־סיסטעם איינס פון די העכסט שעדלעכע דערשיינונגען. אין דער מאַנופאַקטור־גאַלאַנטעריע־בראַנזשע, ווו דער קרעמער האָט די מעגלעכקייט דאָס וועקסעלע אָפּצושטופּן ביים הורטאָווניק, איז נאָך האַלבע צרות, כאטש דער קרוב להיזק שטייגט פיל איבער דעם שכר, ווייל ביי דער היינטיקער סיטואציע קען מען בכלל נישט זיין זיכער מיט דעם געלט, וואס ווערט ערשט פעליק נאָך א צייט פון 9—10 חדשים.

ערגער איז אבער, וואס דער וועקסל־סיסטעם האט זיך ארייגעכאַפּט אין דער שפּייז־און קאַלאָניאַל־בראַנזשע. אין דעם האנדלס־צווייג, ווו כמעט אַלע ארטיקלען, ביי וועלכע דאס פארדינס איז א מינימאַלער, זענען די צאלונגען דעם הורטאָווניק נאָר מיט באר געלט, און ליידער איז לעצטנס איינגעפירט געווארן, אַז דער איינצל־קונה רעגולירט זיין חוב מיט א וועקסעלע.

א מאָל פלעגט דער סוחר קויפן קעגן וועקסלען און לייזן באַרעס געלט. היינט איז גראד דער היפוך, דער קרעמער מוז צאלן קאסע און דער איינצל־קונה, ווען ער האט שוין וואכן אנגענומען אויפן „בוך", רעגולירט דאן זיין חוב מיט א וועקסעלע אויף אייניקע חדשים.

דעם שעדלעכן סיסטעם אויפן היגן מארק האבן איינגעפירט א צוויי־דריי קאָלאָניאַל־סוחרים, וועלכע זענען גראד אומשטאנד די וועקסלען אויסצוהאלטן, אבער דער סיסטעם בירגערט זיך איין דער בראַנזשע בכלל און דאס איז עלול אונטערצוגראבן די עקזיסטענץ פון הונדערטער שפּייז־און קאָלאָניאַל־סוחרים.

מיט דער העכסט־קרענקלעכער דערשיינונג דארפן זיך פאראינטערעסירן די קאָלאָניאַל־סעקציעס פוןביידע פאראיינען מיט א געמיינזאַמער אקציע און מיט אלע מיטלען מוז דורכאויס אזא אומדערהערטע קאָנקורענץ אויסגעראָטן ווערן.

„קאַלישער לעבן" (81) 11

ג' אדר ב' תרפ"ט, 15.3.1929

בן-גרשון

פרנסות

איך ווייס נישט וועր ס'האט אויסגעטראכט אזעלכע בלבולים, אז יידן האבן נישט קיין פרנסה. אוי, נישט געדאכט זאלן זיי ווערן אונדזערע סיים־דעפּוטאטן מיט זייערע רעדעס, אז מען נעמט צו ביי יידן פרנסה, מען לאזט זיי נישט האנדלען, און נאך אזעלכע בלבולים.

און איך וויל אייך גראדע געבן פאקטן, לעבעדיקע פאקטן, ווי אונדזערע יידעלעך זיצן אין א שפע פון פרנסה.

קומט מיט מיר. מיר וועלן מאכן א שפּאציר פון אנפאנג זלאטע ביז עק נאווא, דאכט זיך, נאָר א ווינקעלע פון אונדזער שטאט. וויפיל יידישע געשעפטן זענען דארט פאראן, פארדאן, איך מיין יידישע בודקעס, אבער בלויז יידישע.

בודקעס דאס איז דאך אונדזער סימבאל. איך אליין האב אפּגעציילט 34 בודקעס. 34 כמנין דל... און דאס אין איין גאס. נו איז אייך נאך ווייניק? אמת טאקע, אז אין די בודקעס באקומט איר נישט מער ווי סאדע־וואסער מיט איריסן, און אויך זומער־צייט א ביסל גרינס. אבער מען לעבט דאך, יעדע בודקע האט דאך אויסגעקויפט א פאטענט, יעדע בודקע צאלט דאך שטייערן. און נישט נאר בודקעס פון סאדע וואסער האט איר דארט, נאר אויך בודקעס פון גאלאנטערי־סחורות, און אז ס'קומט אריין א קונדע, מוז דער אייגנטימער ארויסגיין, ווייל עס פעלט אויס פלאץ. און וואס האט איר נישט דארט? אלערליי הויזן־קנעפּלעך, ספּינקעס צו מאַנזשעטן אאַז"וו. און פון שוסטער־בודקעס איז דאך אפגערעדט, פרוווט אדורכגיין 10 אזייגער אוונט, וועט איר זען נאפט־לעמפּלעך, האלב פארקאפּטשעט, וועלכע ווארפן א שוואכע שיין אויף די דריפיסיקע שוסטער־בענקלעך, און שווארצע מענטשעלעך קלאפּן מיט די האמערס אין די ארעמע פאדעשוועס אריין, און מען זינגט זיך צו די בייסטע לידער: „אוי, מען שאָקלט זיך", אדער „יאָסל, יאָסל, יאָסל, יאָסל". נו, איז זיי נאָך שלעכט? און איך זאג אייך נאך א מאל — א שפע פון פרנסה.

אז נישט געדאכט זאלן זיי ווערן די דעפּוטאטן, וואס שרייען, אז מען לאזט אונדז נישט לעבן. אט האב איך אייך געבראכט לעבעדיקע פאקטן, און לייקנט עס אפּ!

„קאלישער וואָכנבלאט"

כ"ה בתמוז תשפ"ט, 2.8.1929

מ. ווארשאווסקי

איר באגייט א חטא!

די פויפעריזאציע, די פאראָרעמונג פון די יידישע מאסן אין פוילן, גייט מיט פיל גרעסערע שריט, ווי מיר האבן זיך דאס פארגעשטעלט. דאס פארלירן דעם פרנסה־קוואל דורך די יידישע האנטווערקער און קליינהענדלער, קומט פאר שנעלער, ווי מיר האבן זיך דערויף געריכט. אלע סטאטיסטישע ציפער־אויסרעכענונגען וועגן דער עקאנאמישער לאגע פון פוילישן יידנטום און אלע מיני נביאותן וועגן דעם מצב, האבן זיך ארויסגעוויזן פאר נישט ריכטיק און מיר זענען ליידער די עדות פון דער ווירטשאפט־לעכער ירידה און בארג־אראפּ, וואס מיר לעבן איבער אין פוילן.

די סיבות?

געוויס זענען זיי פאראן און מסתמא ווע"ט עס געווי געפירט פון א ראַפינירטער האנט. געוויס זיינען פאראן פאראינטערעסירטע אין פוילן, וועלכע ווילן און שטרעבן צו דערפירן דעם עקאנאָמישן מצב פונם פוילישן יידנטום צו אזא טרויעריקן צושטאנד.

מיר ווילן אבער אין היינטיקן ארטיקל נישט באהאנדלען די סיבות פון דער קלעגלעכער

דערשיינונג. מיר ווילן נאר באטאנען די פארטיידיקונגס־מיטלען, וואס דאס פוילישע יידנטום האט אנגענומען קעגן דעם.

איינס פון די מיטלען זענען די ר ע ט ו נ ג ס ־ ק א מ י ט ע ט ן, די אזוי גערופענע אָן פראצענטיקע גמילות־חסדים־קאסעס, וועלכע זענען געגרינדעט געווארן אין כמעט אלע שטעט פון פוילן. אט די קאסעס זענען באמת געווען ממש א לעבנס־רעטונג פאַר די טויזנטער יידישע קליינהענדלער און האנטווערקער, וועמען ס׳האָט פשוט אויסגעפעלט די ערשטע פּאָר גילדן כדי ארויסצוברענגען אויף חיונה. ווי געזאגט, זענען געשאפן געווארן די אלע רעטונגס־קאמיטעטן א דאנק דעם ״דזשוינט״, וועלכער האט זיך אבער באלד אין אנהייב באווארנט מיט א תנאי, דאס אויך מיר פוילישע יידן מוזן זיך באשטייערן מיט א גלייכער העלפט.

בעת מיט אייניקע יאר צוריק איז אין קאליש געשאפן געווארן אזא קאמיטעט, איז עס טאקע אויפגענומען געווארן מיט גרויס צופרידנקייט און אלע אָן אויסנאם האבן געווארט אויפן... אמעריקאנער געלט. ווען ס׳איז געקומען, אז אויך די קאלישער יידן זאלן זייער חוב דערפילן, איז דער ענטוזיאזם שוין געווען פיל אפגעקילט, אבער דאך האט מען זיך מתחייב געווען פארן קאמיטעט און מען האט דערויף יאקאש געצאלט.

אין משך פון דער גמ״ח־קאסע־עקזיסטענץ, איז טאקע פאראן צו פארצייכענען פיל, זייער פיל פאקטן פון אפראטעווען יידישע משפחות פונעם עקאנאמישן אונטערגאנג.

ליידער אבער ווערן ביסלעכווייז אפגעשוואכט אין שטאט די צאָלונגען פאר אט דער אינסטיטוציע און צו וואס אזא באציונג קען ברענגען — איז זיך לייכט פּאָרצושטעלן.

צום באדויערן מוזן מיר איבערגעבן, אַז עס זענען פאראן ביי אונדז אין שטאט מענטשן, וועלכע שטייען אין דער שפיץ פון יידישן געזעלשאפטלעכן לעבן, און דאך באגייען זיי דאס פארברעכן פון אפזאגן זיך צו צאָלן פאר דעם רעטונגס־קאמיטעט. פאראן זאגאר א געוויסער פרנס, וועלכער פאררעכנט זיך צווישן די גרויסע הענדלער און פאבריקאנטן און זאגט זיך אָפּ צו צאָלן. פאראן א יידישער דאקטאר, וועלכער לעבט דוקא פון יידישע געלט און דאך וויל ער נישט צאָלן. פאראן פיל, זייער פיל, וועלכע קענען, נאָך ווילן נישט צאָלן. זיי באגייען — נישט באוווסטזיניק — א פארברעכן קעגן אייגענע און העלפן צו צום פארניכטן דאס פוילישע יידנטום.

אזעלכעס טאר בשום אופן נישט געדולדעט ווערן!

אזעלכע פארשוינען באגייען א חטא, וואס עס וועט שווער זיין אויסצובעסערן.

״קאלישער לעבן״ (119) 37

ד׳ בכסלו תר״ץ, 6.12.1929

מ. ווארשאווסקי

חורבן־קאליש

פופצן יאר איז פארביי, פון יענעם טאג, וואס וועט אין דער היסטאריע אנגערופן ווערן ״חורבן קאליש״.

שוין אפילו ביז היינט איז דער ״חורבן קאליש״ געווארן דער סינאנים פון ווילדסטן בארבאריזם און וואנדאליזם. דער שווערער טראָט פון דער דייטשישער סאלדאטעסקא האט א בלוטיקן צייכן איבערגעלאזט און איז געווארן דער פחד פון דער מאדערנער קולטור.

צעשטערט און צעשאסן איז געווארן די שטאט און אין גלות זענען אוועק אירע איינוווינער. עס זענען אפּגעמעקט געווארן פון דער ערד פיל בנינים און נאָך היינט זענען הוילע צעשטערטע הייזער־ווענט עדות פון דעם שרעקלעכן, וואס עס איז מיט פופצן יאר געשען.

★

די שטאט קאליש בויט זיך אבער ביסלעכווייז צוריק.

אויפן ארט פון די פארניכטעטע הייזער, ווערן צוריקגעשטעלט פרעכטיקע אנדערע בנינים. דער אלגעמיינער אויסזען פון שטאט האט אפשר גאר פון דער צעשטערונג געוווּנען. ס׳קלינגט אפילו פאראדאקסאל, ווען מיר וועלן זאגן, אז בדיעבד דארף מען צופרידן זיין, ווען מען פארגלייכט דאס היינטיקע שטאט־אויסזען מיט דער פארמלחמהדיקן. דער שנעלער צוריקבוי איז א גוטער באווייז פון דער שטארקער ענערגיע און ווילנקראפט פון דער היגער באפעל־קערונג. דאס אויסזען פון דער שטאט איז אן אטעסטאט פאר די היגע איינוווינער.

געליטן און פארשוווּנדן איז אבער זייט דער קריג אן אנדערע דערשיינונג אין היגן געזעלשאפטלעכן לעבן. און דעם ״חורבן קאליש״ דארף מען טאקע שטארק באדויערן.

דאס יידישע געזעלשאפטלעכע קאליש איז ליידער זייט די 15 יאר נישט צו דערקענען. נישטא די אמאליקע פאראינטערעסירונג און נדבות אויף יידישע וווילטעטיקע צוועקן און אינסטיטוציעס.

ווי הערלעך זענען די מאנומענטן פון די אמאליקע היגע יידישע מעצענאטן! ווי אייביקע עדות וועלן זיין אויף דור דורות די געביידעס פון ״מושב זקנים״, יידישן שפיטאל און נאך ענלעכע בנינים, וועלכע זענען אויפגעשטעלט געווארן פון די שפענדער לטובת הכלל און צום רום פון די יידן.

וויפל יארן שוין האלט מען אין בויען דאס איינציקע הויז פאר דער תלמוד־תורה און מען זעט אלץ נאכנישט די אויספארטיקונג?

נישטא מער די מייזנערס, טיקאטשינערס און בעאטוסעס.

זיי זענען שוין מער נישטא און קיין פרישע יאווען זיך נישט, וועלכע זאלן גיין אין יענע הערלעכע דרכים.

דאס איז דער אמתער ״חורבן קאליש״, אויף וואס מ׳דארף וויינען און קלאגן. פארטעמפט זענען געווארן די הערצער און מוחות פון די היינטיקע בעלי בתים, וועלכע זענען אימשטאנד צו געבן און דאך גיבן זיי נישט.

ווי פאריתומט זענען געווארן די יידישע אינסטיטוציעס. קיינער שטיצט זיי נישט און קיינער קימערט זיך נישט וועגן זיי. ביסלעכווייז ווערן איינגעשרומפן די דערהאלטענע קאפיטאלן און נייע זעט מען נישט, די טעטיקייט ווערט זיך מוזן אפשטעלן.

✶

דאס גשמיותדיקע קאליש האט שוין לאנג פארגעסן די צעשטערונג. פארקערט, פיל שענער ווי אמאל האט זי זיך צוריקגעבויט און אויפגעשטעלט. אבער דאס גייסטיקע איז פאר־שווּנדן געווארן און קיין תיקון זעט מען נישט.

אויפן גייסטיקן ״חורבן קאליש״ דארף מען נאך אלץ טרויערן.

״קאלישער לעבן״ (103) 21

י׳ מנחם־אב תרפ״ט, 16.8.1929

ק. ל.

חנוכה־געלט

פאראן א שיינער מנהג צו געבן חנוכה־געלט די יידישע קינדער. ביי יידישע קינדערלעך וויסן די קליינע הענטלעך צונעמען דאס געלט און די מתנות די עלטערן שענקען לויט זייערע מעגלעכקייטן און די קינדער פרייען זיך.

אבער אט די שמחה הערשט נישט אין אלע יידישע שטובן, ווארום נישט אלע עלטערן זענען אין שטאנד צו שענקען זייערע קינדער חנוכה־געלט. פאראן הונדערטער קינדער אין אונדזער תלמוד־תורה, וואס באקומען נישט קיין חנוכה־געלט. און נישט בלויז קיין געלט אויף זיסקייטן באקומען זיי נישט, נאר זיי האבן אפילו נישט קיין מלבוש צו דערוואַרעמען דעם קליינעם גוף אין די ביטערע קעלטן, און אזוי לויפן זיי פון עק שטאט ביז אין דער תלמוד־תורה. ווהין זאלן די קינדער זיך ווענדן און צו וועמען זאלן זיי אויסשטרעקן זייערע הענטלעך צו בעטן חנוכה־מתנות.

נישט איין מאָל האָבן מיר גערופן און געפּאָדערט איינצוואָרדענען פאַרן ווינטער א באַקליידונגס־אַקציע פאַר די אַרעמע קינדער. אדער ביז איצט האָט מען גארנישט געטאָן. בלויז איין קריסטלעכע פרוי האָט געשפּענדעט לטובת די יידישע קינדער, דאקעגן האָט זיך נישט אפגערופן קיין איין יידישער עסקן. פאַר וואָס ?

קען זיין, אז מען דארף נישט באשולדיקן קיין מענטשן אין גלייכגילטיקייט צו אזא הייליקן ענין. אפשר איז אין דעם שולדיק די איצטיקע שווערע צייט.

אבער מיט א ביסל גוטן ווילן קאָן מען דאָך א סך אויפטאָן. בלויז א ביסל גוטער ווילן איז גענוג אויף אדורכצופירן אזא קאמפאניע אין אונדזער שטאָט. און דאָס וועט א סך יידישע קינדער פאַרהיטן פון קראנקהייטן אין די שווערע ווינטערטעג.

היינט ווערט דערקלערט א זאמל־וואָך פאר געלט און מלבושים אונטערן לאָזונג „חנוכה־געלט פאר ארעמע יידישע קינדער".

ווער וועט וואגן אפצוזאגן ? ווער וועט אויסמיידן צו געבן זיין שפּענדונג ? !

די זארג פאר די יידישע קינדער איז אונדזער אלעמענס זאָרג.

דאָס קאַלישער לעבן (122) 40

כ"ה כסלו, תר"ץ, 27.12.1929

ראזא יאקובאוויטש

ביי די טויערן פון ירושלים

(צו דער יארצייט פון די אב־געשעענישן)

— טאטע ! איך טאר זיך נישט זאמען,
כ'מוז מיטן גדוד זיין צוזאמען.
קיין פאלעסטינא, לויט רייע —
ווער, אז נישט מיר, די געטרייע,
זאלן דעם ארץ פארשענקען
כוח פון יונגע געלענקען,
וואס האָבן אויסגעלערנט אקער ?
וועסט זען, איך בין נישט משקר,
אונדזער מושבה וועט בליען.
מיר וועלן ענדלעך פארווארן
וואס איר, אין טויזנטער יארן
האט, ווי א חלום פארזען.
איך האָט דאס בלוט אויסגעזויגן
רדיפות, נגישות, פאגראמען.
ר'האָט שוין קיין ווילן צו וועלן,
ר'קענט שוין קיין טריט מער נישט שטעלן.
איך, אבער, טאר זיך נישט זאַמען —
חזק ואמץ, טאטע־מאמע !

★

די שיף פונעם ברעג אפגעשלאגן
שניידט איבער רויקע כוואליעס,
גליטשט אין דעם ים זיך באַשיידן
ציען נאך אים נאך פון אויבן
צוויי שווארצע ראבן. געבויגן
בלייבן ביים בארט טאטע־מאמע
פונקט ווי די האַרבסט־בלעטער פאלן,
בשעת ווען דער בוים לעבט אויף ווייטער...
די שיף ווערט אלץ מער אפגעשיידטער,
די שיף ווערט אלץ קלענער און קלענער,
באלד וועט נישט זיין צו דערקענען
משהן, אז ער האט מיטגענומען
און וועט צוריק שוין נישט קומען. —

★

יפו, ביים פארט גייט א לעבן :
שיפלעך מיט בלוי־ווייסע פענער,
„תקוה'שע" הערן זיך טענער.
דאָ אין דער היים שוין דערזונגען.
אָ לאנד, וואט האסט מיר געוווּנקען
דורך די דיאספארישע רונגען,
איצט ביסטו מיין אויסגעלייזטע
מיט אלע בלוטיקע גראשנס
פון פאלק, אין לענדער־צעשפרייטע ;
איצט ביסטו מיין, א באַפרייטע
פון טראגישע זארג פונעם גלות ! —

★

אויף יונגע שטעגן צו חולדה,
ווי אין א פרדס זיך גייט ער
אין לופט, אין זוניק־באַפרייטער.
וואס זאלן פריער געניסן

זיינע געעפנטע אויגן?
פון ווינטן מילדע געבויגן
פלאַמען, ציפּריסן אים גריסן —
אוטער געלייטערטע הימלען
אומענדלעך בליען די פעלדער.
באַדט ער אין זיי זיינע בליקן:
עמעץ דאָרט רייט אויף אַן אייזל.
עס איז א יידישער שומר
רייט דא ארום צווישן ביימער
רירט מיטן רוט נישט דעם אייזל
און פאלט אראפּ.
זע, אויפן הימל דאָרט פונקען
קנוילן זיך, שטיקן אין רויך,
זע חבר, דאָרט א גערודער —
מ׳לויפט דאך פון אלע ישובים.
שרייען דאָס אונדערע ברודער,
זוכן א מקלט פון דאַנען? —
אָ, חולדה שטייט דאך אין פלאַמען!
פעלאכן און בעדוינער
האבן מיט שפּיזן געהויבן!
— „אַראַבער אויף אייך, חברים!" —
פאלט דא א וואָרט ווי א דונער.
פּלוצלינג, וואס האקט אייך אויפן מח:
— אויך דא אין ארץ־ישראל,
בין איך אויף גאר דער וועלט איבעריק? —
ווו איז דא אונזער הגנה?

„קאלישער לעבן" (154) מס׳ 32
קאליש, י״ד מנחם אב תר״ץ 8.8.1930

אפשטויסן אים, דעם רוצח! —
פאַכען אין לופטן קינדזשאלן,
ציק גלאנצן — נאָר צו באפאלן:
— איך וועל דיר יהודה באווייזן,
ווער דא בעל־הבית וועט הייסן! —
הויבן זיך פערד אין דער הויך,
פאלן אפ מענטשן ווי פליגן,
פלעקן מיט פורפור די גראזן.
משהן דערלאנגט אויך דאס אייזן,
פאלט ער מיט בלוט איבערגאסן,
דא אויף דער לאנדשאפט דער גרינער
צו דער הייליקער ערד.

★

אזא גערויש פאר די אויגן!
איז ער דא איינער אין גרובן?
וועט ער שוין מער זיי נישט האבן,
ברידערלעך, פון דער מושבה?
וואס האט געטויגט גאד זיין האָפן
צו וואס געטויגט זיין הכשרה,
אז ס׳האָט די פייל אים געטראפן
אָ, ווי די כוחות פארשווונדן
אָ, ווי עס רוישט אין די וווּנדן.
ריזלט א ברונעם פארבאָרגן,
אדער דאס וועקט זיך דער מארגן?

מ־ם

א בודזשעט־זיצונג פון קהילה־ראט

זונטיק, דעם 16/2 אין אָוונט איז פאָרגעקומען א זיצונג פון קהילה־ראט כדי צו דערליידיקן די בודזשעט־פראגע. די זיצונג ווערט געעפנט דורכן פרעזעס ה׳ יצחק אדער.

דער סעקרעטאר ה׳ מארגוליעס לייענט דעם פּראָטאָקאָל פון דער פריערדיקער זיצונג אין דער פוילישער שפּראך, און ה׳ אייזנבערג לייענט אין דער יידישער שפּראך. ה׳ אייזנבערג ווייזט אָן, אז צווישן יידישן און פוילישן טעקסט זענען דאָ געוויסע סתירות, און ס׳איז פשוט א בושה פאר דער יידישער גמינע אזעלכע פּראָטאָקאָלן צו באזיצן אין איר ארכיוו.

ה׳ טרויבע פאָדערט, מ׳זאָל ארייננשטעלן א פונקט אין טאָג־אָרדנונג וועגן לינדערן די נויט פון די אָרעמע מאסן, און אויך וועגן דער קאָמפּעטענץ פון דער פארוואלטונג ביים אויסשטעלן וועקסלען דעמאָלט ווען זי געפינט פאר נויטיק.

ה׳ אייזנבערג: עס שטימט אייגנטלעך נישט מיטן פארלאמענטאריזם צוצוגעבן א פונקט ווען דער טאָג־אָרדנונג איז שוין פארטיק. דאָך, צוליב דער דרינגענדלעכקייט פון דער זאך, פאָדערט ער, אז פריער זאָל מען דערליידיקן דעם פונקט וועגן לינדערן די נויט פון די אָרעמע יידישע מאסן, און דאַן ערשט צוטרעטן צום בודזשעט.

נאָך א מיינונגס־אויסטויש צווישן די ה״ה: אייזנבערג, טרויבע און אדער, נעמט א וואָרט וועגן דער פראַגע ה׳ שטיין, וועלכער שטיצט אונטער די דרינגלעכקייט וועגן דעם פונקט פון לינדערן די נויט פון די אָרעמע מאסן. צווישן אנדערע דערקלערט ה׳ שטיין, אז בעת אין פאַבריקן יאָר האָבן נאָך געגאַנגען פון רעגירונגס־שטיצע א פּאָר הונדערט יידישע ארבעטסלאָזע, געניסן היינט דערפון קוים... עטלעכע און דרייסיק יידן, דעריבער, האלט ער, איז דער חוב פון דער יידישער גמינע ארויסצוהעלפן די יידישע ארבעטסלאָזע פון אונטערגאַנג. און ווען עמיצער באמערקט, אז ס׳זענען נישטאָ די מיטלען פון וואנען, ענטפערט דערויף ה׳ שטיין:

— לאָזט מיך נאָר צו צו דער שיסל, וועט איר שוין זען, אז איך וועל אויף אלעם האָבן...

ה׳ שעפּס: מיר קענען נישט צולאָזן קיין פונקט, אז די פּאַרוואַלטונג זאָל מעגן אויסשטעלן איבעריקע וועקסלען אין דער צייט, וואָס די פּאַרוואַלטונג האָט נאָך נישט אָפּגעגעבן קיין געוויינטן דין־וחשבון פונעם יאָר 1929.

ה׳ קאָהן בעמערקט, אז בעת פאר די לינקע עקזיסטירן נאָר ארבעטסלאָזע, עקזיסטירן פאר אונדז פרנסהלאָזע. ער מיינט, אז פריער דאַרף מען דערליידיקן דעם בודזשעט און נאכער די אנדערע פראַגן.

ה׳ אייזנבערג פאָדערט דורכויס, אז צום ערשטן זאָל מען באהאנדלען די פראַגע פון ארבעטסלאָזע און פרנסהלאָזע, ווייל דאָס זענען וויכטיקע און ערנסטע פראַגן, און דערנאָך זאָל מען ערשט צוטרעטן צום בודזשעט. מיר ווענדן זיך צו דער גאַלעריע, ווייל מיר רעדן שוין צו אייך 6 יאָר כסדר און מיר ווירקן אויף אייך נישט. דעריבער רעדן מיר צו דער גאַלעריע, זיי זאָלן מער אזעלכע פאָרשטייער נישט ווילן.

ה׳ טרויבע וווּנדערט זיך, וואָס ביי אזא וויכטיקער פראַגע, וואָס דאַרף היינט באטראַכט ווערן, איז פון נומער 7, וועלכער באַשטייט פון 7 פערזאָן קיינער נישט געקומען. ער שלאָגט פאָר מען זאָל שיקן א שליח נאָך זיי.

ס׳ווערט געשטעלט צו אן אָפּשטימונג, וועלכע פראַגע פריער צו באהאנדלען, און ס׳ווערט מיט א מערהייט אָנגענומען פריער צו באהאנדלען די בודזשעט־פראַגע.

ה׳ שלמה קאהן פאָדערט, מ׳זאָל רעווידירן דעם באשלוס פון די פריערדיקע זיצונג וועגן דער שוחטים־פראַגע.

(טומל אויף דער גאַלעריע. קולות: די שוחטים האָבן נאָך דערווייל וואָס צו עסן... מיר פאָדערן צו באהאנדלען די ארבעטסלאָזע־פראַגע).

ה׳ גוטפריינד איז קאטעגאָריש קעגן דעם, אז מען זאָל רעווידירן די שוחטים־פראַגע.

ה׳ אייזנבערג: אויב מ׳זאָל רעווידירן דעם באשלוס פון די פריערדיקע זיצונג, קומט אויס, אז קיין מאָל וועט נישט קומען צו קיין סוף... ווייל דאָס קען זיך דאַן אויף יעדע זיצונג איבערחזרן.

ה׳ שטיין האלט, אז כדי צו רעווידירן א באשלוס מוז מען פריער זאמלען אונטערשריפטן, און דאַן קען מען ערשט באטראַכטן די פראַגע אויף דער צווייטער זיצונג.

ווען די פראַגע ווערט געשטעלט צו אַן אָפּשטימונג, ווערט באשלאָסן די שוחטים־פראַגע יאָ צו רעווידירן.

ביי דער אויסבעסערונג פון דער שוחטים־פראַגע ווערט צווישן אנדערע באשלאָסן, אז די שוחטים ווערן אויסגעגליכט אזוי, אז די עופות־שוחטים באקומען 4.680 זל. א יאָר און די אנדערע 7.800 זל.

ה׳ גוטפריינד: איך פּראָטעסטיר אמשטאַרקסטן קעגן ברעכן א באשלוס פון דער פריערדיקער זיצונג. (קולות אויף דער גאַלעריע: זאָל מען שוין איין מאָל ענדיקן מיט די שוחטים).

מ׳טרעט צו צום בודזשעט. סעקרעטאר ה׳ מארגוליעס לייענט פאָר פאָלגענדע סובסידיעס אויפן יאָר 1930:

אויפן מקוה־רעמאָנט	7.000 זל.	תלמוד־תורה	12.000 „
פאַרן בית־המדרש	2.700 „	האַנטווערקער־שול	8.000 „
מושב־זקנים	1.000 „	אכר. „עזילא אָזשעשקאָוואַ״	5.000 „

עמיגראַציע	1.500 ″
לינת־הצדק	3.000 ″
גמילות־חסדים	1.000 ″
אויספּאַרטיקן דאָס נייע ביה״מ	10.000 ″
פאַרן העברעישן לערער אין דער פּאָוושעכנער שולע	2.400 ″
יידישע גימנאַזיע	4.000 ″
בית־יתומים פאַר ייִנגלעך	1.500 זל.
בית־יתומים פאַר מיידלעך	1.000 ″
יידיש שפּיטאָל	2.000 ″
הכנסות־אורחים	1.500 ″

קוילן פאַר אָרעמע	2.000 ″
פּייערלעשער	300 ″
ישיבת ״מגן אברהם״	1.000 ″
ישיבת ״עץ חיים״	1.000 ″
בית־לחם	500 ″
2 סטיפּענדיעס א. נ. פון 11־טן ליסטאָפּאַד צו	500 ″
״טאָז״	300 ″
אָוונט־קורסן ביי האַנטוו.	1.200 ″
אַרבעטסלאָזע	3.000 ″

(צווישנרופן פון דער גאַלעריע: און די פאָלקס־שולן ווו זיינען? א דעלעגאַציע וויל זיך פאָרשטעלן).

ה׳ אייזנבערג: די פּאָזיציע פון דער מקוה איז א פּיקטיווע, ווייל מ׳ווייסט גאָרנישט וואָס דאָרט קומט פאָר. פון אַלע סובסידיעס גיט מען 90 פּראָצענט אויף כלי־קודש און 10 פּראָצענט בלויז — אויף אַנדערע צוועקן. קיין איין אינסטיטוציע פון לינקע ריכטונגען ווערט נישט סובסידירט פון דער גמינע. נאָרט קיינעם נישט אַפּ, אַז אַרבעטסלאָזע זענען א לינקע אינסטיטוציע, ווען איר וואָלט באַשעפטיקן יידישע אַרבעטער, וואָלטן קיין יידישע אַרבעטסלאָזע נישט געווען (גרויסער בייפאַל אויף דער גאַלעריע). מושב זקנים האָט באַקומען אָנשטאָט 1.000 זל. נאָר 450, שוין צוזאַמען מיט מצות. די אָכראַנקאַ ״עליזאַ אָזשעשקאָווא״ האָט אָנשטאָט 500 זל. נאָר באַקומען 150 זל. און דאָס שוין צוזאַמען מיט מצות, און אַזוי כסדר אַלע אַנדערע אינסטיטוציעס.

ה׳ אייזנבערג שטעלט זיך באַזונדערס אָפּ אויף ״לינת־הצדק״ וועלכע איז איינע פון די נוצלעכע און וויכטיקסטע אינסטיטוציעס. זי איז פאַרבאָדן אין חובות, און פון דער גמינע באַקומט זי כמעט אַזוי ווי גאָרנישט. פאַרן יאָר 1927 קומט נאָך ״לינת הצדק״ ביי דער גמינע א היפּשע סומע פון דער סובסידיע. אויך פאַרן יאָר 1928 קומט נאָך כמעט דאָס גאַנצע. ער שלאָגט פאָר, אַז די גמינע זאָל באַשליסן פאָלגנדיקע סובסידיעס:

מעדעם־שולע — 3.000 זל., פּרץ־שולע, שורעק־שולע, באָראָכאָוו־שולע, פאָלקס־אוניווער־זיטעט — צוזאַמען א סומע פון 10.000 זל.

ה׳ שעפּס קריטיקירט שאַרף דעם בודזשעט. ער זאָגט צווישן אַנדערס: מ׳האָט סובסידירט גאַנצע 2.000 זל. אויף באַהייצונג, נאָך א גליק וואָס מען האָט היי־יאָר געהאַט א לייכטן ווינטער, וואָס וואָלט אָבער געווען, ווען עס וואָלטן געווען 40 גראַד פראָסט? וואָס וואָלטן דעמאָלט די אָרעמע־לייט געטאָן? די גמינע האָט סובסידירט גאַנצע 200 זל. פאַר אָרעמע קימפּעטאָרנס. צי איז דאָס נישט קיין חרפּה? א שטאָט, וועלכע ציילט 19.000 יידן, האָט דעם כח צו סובסידירן פאַר אָרעמע אויסגעשוואַכטע קימפּעטאָרנס גאַנצע 200 זלאָטעס... דער גאַנצער בודזשעט איז פּיקטיוו! — רופט אויס ה׳ שעפּס.

ה׳ שטיין: (מיט איראָניע) פינף בודזשעטן זענען שוין געוואָרן באַטראַכט דורך דער גמינע אויף אַן אויטאָמאַטישן אופן... ס׳איז גלייך באַלד אָפּצודרוקן א פינף עקזעמפּלאַרן, וועט שוין זיין נאָך אויף פינף יאָר... איר נעמט אָן באַשלוסן און פירט זיי נישט אויס, צו וואָס טויג אַזאַ אַרבעט? (דאָ מאַכט אים ה׳ בוים א צווישנרוף, אויף וועלכער ה׳ שטיין ענטפערט: איר ווייסט נישט וואָס איר רעדט... שווייגט בעסער) אויב איר זענט נישט פעיק צו זיין ווירדיקע שליחים, זאָגט זיך גלייכער אָפּ פון אייער אויפגאַבע.

באַזונדערס אויספירלעך שטעלט זיך ה׳ שטיין אָפּ אויף ״לינת הצדק״ און זאָגט: אַז ווען די גמינע סובסידירט אויפן פּאַפּיר 3.000 זל., באַקומט זי אָבער פּאַקטיש נישט מער ווי — 25 פּראָצענט. ער שלאָגט פאָר: אַזוי ווי ״לינת הצדק״ האַלט איצט ביים שאַפן אַן אייגענע אַפּטייק, צו וועלכער מען דאַרף האָבן א פּאָר טויזנט זלאָטעס, זאָל די גמינע בייהילפיק זיין,

כדי די וויכטיקע זאַך זאָל קענען וואָס שנעלער געשאַפן ווערן. וואָס שייך די סובסידיע פאַר ארבעטסלאָזע, פאָדערט ער, אַז די סובסידיע זאָל ווערן אויסגעצאָלט אין געלט, נישט אין נאַטור.

ווייטער שטעלט זיך ה׳ שטיין אָפּ אויף די סובסידיע פאַר עמיגראַציע, אויף וועלכע די גמינע גיט 1.500 זל. און זאָגט, אַז די גמינע צעטיילט סיי ווי סיי 5.000 זל. א יאָר אויף עמיגראַציע־צוועקן, און אַזוי ווי מיר האָבן זיך צו ריכטן, אַז די צייט גייט וואָס א מאָל ערגער, קומט אויס ממילא, אַז דער עמיגראַציע־שטראָם וועט זיין א גרויסער, און דעריבער שלאָגט ער פאָר, אַז די גמינע זאָל סובסידירן אויף עמיגראַציע־צוועקן 10.000 זל. אויך פאָדערט ה׳ שטיין, אַז די גמינע זאָל אויסצאָלן דער גמילות־חסדים־קאַסע, וואָס איר קומט פאַר די יאָרן 1927, 1928 און 1929.

איבערגייענדיק צו דער פראַגע פון ארבעטסלאָזע, דערקלערט ה׳ שטיין, אַז שולדיק אין דעם איז קודם־כל דאָס, וואָס די יידישע פאַבריקאַנטן באָיקאָטירן די יידישע ארבעטער. ער פאָדערט, אַז די גמינע זאָל אויפפאָדערן די יידישע פאַבריקאַנטן, אַז זיי זאָלן אָפּשאַפן דעם ספּעציעלן באָיקאָט אויף יידישע ארבעטער (צווישנרופן: אין „בראַבאַנציא״ ארבעט קיין איין ייד נישט).

ה׳ אדער: מ׳קען דעם ביודזשעט מער נישט באַלאַסטן, ווייל ער איז אַזוי אויך שוין געשוואָלן... און אויב מ׳וועט דעם בודזשעט צופיל באַלאַסטן, וועלן מיר גאָרנישט בכח צו זיין צו דערליידיקן (א שטים פון דער גאַלעריע: דאָ וואַרט שוין א דעלעגאַציע גאַנצע 2 שעה, ווי לאַנג נאָך וועט די דעלעגאַציע וואַרטן ?).

דער פאָרזיצענדער רייסט אים איבער: די גאַלעריע האָט נישט דאָס וואָרט !... (הייטערקייט, אַלגעמיינער טומל).

ה׳ גאָלדשטיין: אַז ס׳איז געקומען צוגעשיקט א בריוו פון סטאַראָסטוואָ צו דער גמינע, האָט מען נישט געפונען פאַר נויטיק צוזאַמענרופן א פאַרוואַלטונגס־זיצונג. דאָס הייסט אַלזאָ, אַז ס׳זענען דאָ סודות פאַר דער פאַרוואַלטונג. אויך די סובסידיעס, וועלכע די גמינע גיט, ווערן נישט פונאַנדערגעטיילט פּראָפּאָרציאָנעל. און דעריבער איז נומער 7 קעגן בודזשעט.

ס׳פליסט אריין א פאָרשלאַג אָנצונעמען דעם בודזשעט ״אַן בלאָק״ וואָס ווערט אויך אָנגענומען. אויך די סובסידיעס ווערן אָנגענומען ״אַן בלאָק״. ס׳ווערט געשטעלט צו אָפּשטימונג דער פאָרשלאָג פון ה׳ אייזנבערג, אַז די גמינע סובסידירט 10.000 זל. פאַר פאַרשידענע שולן. דער פאָרשלאַג ווערט אָפּגעוואָרפן.

דאַן ווערט געשטעלט צו אָפּשטימונג דער פאָרשלאָג פון ה׳ שטיין, אַז די גמינע סובסידירט 10.000 זל. פאַר עמיגראַציע. דער פאָרשלאָג ווערט אָפּגעוואָרפן.

ה׳ אייזנבערג: אין דער צוקונפט, אַז מיר וועלן האָבן די מערהייט אין דער גמינע (א שטים. דאָס וועט קיין מאָל נישט זיין...), וועלן מיר אייך אָפּדינען. (אין א הויכן טאָן) צוליב דעם, וואָס איר מאַכט אונדז שיקאַנעס, צוליב דעם, וואָס איר האָט זיך קעגן אונדז פאַראייניקט, פּראָטעסטירן מיר אַמשטאַרקסטן און מיר באַשליסן צו פאַרלאָזן די זיצונג (די לינקע פאַרלאָזן דעם זאַל).

דער סעקרעטאַר ה׳ מארגוליעס לייענט פאָר די צוגאָבן צום בודזשעט, ס׳ווערט אָבער אַזא טומל, אַז מ׳הערט נישט דעם לייענען. דער עולם אויף דער גאַלעריע זינגט די בונדישע „שבועה״ און אַנדערע ארבעטער־לידער. עמעצער פון עולם שרייט: נידער מיט דער שוואַרצער קהילה!

דער טומל שטאַרקט זיך פון מינוט צו מינוט. מ׳לעשט אויס דעם גאַז, מ׳וואַרפט אום בענק... קולות, גוואַלדן, אַלגעמיינער כאַאָס, זידלערייען, און דראָונגען אויפן חשבון פון דער גמינע... וועגן באַהערשן די לאַגע איז שוין נישטאָ וואָס צו רעדן.

9.30 אין אָוונט דערקלערט דער פאָרזיצער די זיצונג פאַר געשלאָסן.

״קאַלישער לעבן״ (131) 9
ל׳ בשבט תר״ץ, 28.2.1930

רעזולטאט פון די וואלן צו דער קהילה, 1936

די וואלן צום קהילה־ראט, וואס זענען פאָרגעקומען זונטיק, דעם 6.9.36 האָבן זיך געענדיקט מיט פאָלגנדיקע רעזולטאטן: ליסטע 1, אג' ישראל, 458 שטימען, 3 מאנד.; י. מ. העבער, ח. ראָזענבלום, וואָלף טאסק. פארטרעטער: מ. קאָרמאן, יצחק רעדליך, שמחה ווידערשאל. ליסטע 2, וואליער רבי, 200 שטימען, איין מאנדאט: נח הילער. פארטרעטער: יעקב וועלטפרייד. ליסטע 4, בונד, 333 שטימען, איין מאנדאט: מיכאל אייזנבערג. פארטרעטער: לייב הירשביין. ליסטע 5, ציוניסטישער ארבעטס־בלאק 242 שטימען, איין מאנדאט: זעליג קעמפינסקי. פארטרעטער: בער גראָס. ליסטע 7, פועלי־ציון, 366 שטימען, 2 מאנדאטן: סעם וואלקאָוויטש, יעקב קניע. פאר'טרעטער: אהרן יוסף וואָלקאָוויטש, אייזיק טרויבע. ליסטע 8, רעוויזיאָניסטן, 166 שטימען: אָן א מאנדאט. ליסטע 11, קליינהענדלער, 240 שטימען, איין מאנדאט: חיים פערלע. פארטרעטער: יוסף שאכטעל. ליסטע 12, פאָלקיסטן, 45 שטימען: אָן א מאנדאט. ליסטע 14, רעליגיעזער בלאָק, 432 שטימען, 2 מאנדאטן: ליפמאן מאנספילד, ניסן גאָלדהאמער. פארטרעטער: יעקב שפירא, יצחק קאהן. ליסטע 15, אלעקסאנדער חסידים, 344 שטימען, איין מאנדאט: יצחק אדער. פארטרעטער: יצחק שלמה ראָזענוואלד. ליסטע 16, פועלי אגודת ישראל, 205 שטימען, איין מאנדאט: אברהם הערש גאָלדבערג. פארטרעטער: מרדכי ישעיה פערלע. ליסטע 17, רעליגיעז־נאציאָנאלער בלאָק, 666 שטימען, 3 מאנדאטן: פראָפ. אשר באקאלאר, בעריש שוויסקי, הענעך סיטנער. פארטרעטער: יעקב לוסטיק, רפאל גרינבוים, גוסטאוו מארקאָווסקי.

וואַס לערנען אונדז די קהילה־וואלן?

אין די וואלן צו דער קהילה האָבן זיך באטייליקט קרוב 4 טויזנט ווײלער פון די 5 טויזנט וואל־בארעכטיקטע, ד. ה. 80 פראָצענט פון די יידישע וואל־בארעכטיקטע אין קאליש. די רעזולטאטן ווייזן אָן אויף א ריי נצחונות און מפלות פון פארשידענע אָרגאניזאציעס, קערפּער־שאפטן און גרופּירונגען, וועלכע פּרעטענדירן צו זיין די פאָרשטייער און פירער פון דער קאלישער קהילה. אין דעם ליכט פון די איצט־פאָרגעקומענע קהילה־וואלן אין וועלכע עס זענען געקומען צום אויסדרוק די שטימונגען פון דער יידישער באפעלקערונג, זען מיר דייטלעך ווער ס'איז ראוי און האט דאס רעכט צו רעדן אין נאָמען פון דער קאלישער יידישער קהילה.

די וואַל־רעזולטאַטן באווייזן די פּאליטישע רייפקייט און די געזונטע חושים פון יידישן ציבור, וואָס ווערט בכלל נישט באאיינפלוסט פון ביליקער פּראזעלאָגיע, נישט געקוקט אויף דער טרויעריקער ראָל פון יענער „פּרעסע" פון א באשטימטן מין, וועמענס גאנצע עקזיסטענץ־בארעכטיקונג איז צו דערנידעריקן די ערלעכע יידישע עסקנים. אין משך פון וואָכן און חדשים האָבן זיי אָנגעשטרענגט אלע זייערע כוחות כדי צו באשמוצן דעם נאָמען פון די פּארדינסטפולע עסקנים, די אָרטאָדאָקסישע מערהייט אין דער קהילה מיטן געערטן יו"ר ה' י. מ. העבער בראש, און נישט געקוקט דערויף, האָט דער יידישער ציבור פארשטאנען אונטערצושיידן צווישן שלעכטע צעשטערערישע טאטן און צווישן ערלעכער ווירקזאמער טעטיקייט לטובת הכלל; און דערפאר האָט ער געשענקט זיין גרעסטן צוטרוי דווקא דער ליסטע 1.

אויב מיר וועלן נעמען אין באטראכט, אז די ליסטע 1, וועלכע איז געגאנגען צו די וואלן אליין, האָט באקומען 488 שטימען, בעת די ליסטע 17 — דער בלאָק פון ציוניסטן, מזרחי, החלוץ, האנטווערקער, די גרויסע שול, נאציאָנאלע האנטווערקער, קליינהענדלער, יאריד־פּאָרערס, „יידנשטאַטלער" א"א (ווי זיי זענען אויסגערעכנט אין זייער ליסטע) — האבן באקומען בלויז 666 שטימען, מוזן מיר קומען צו דער מסקנה, אז די ליסטע 1 האָט אָפּגעהאלטן א מעכטיקן נצחון, סיי לויט דער צאָל, סיי מאָראליש.

אויב מיר וועלן אויך נעמען אין אכט, אז די סיסטעמאטישע העצע האָט בכלל נישט משפיע געווען אויפן רעזולטאט פון די וואלן, קאָן מען דאָס באצייכענען ווי דעם נצחון פונעם אמת איבערן שקר; מיר קאָנען אויך זען דערין א באראָמעטער פון דער יידישער באפעלקערונג,

וואָס האָט אַרויסגעוויזן פּאָליטישע באַוווסטזיין און רייפקייט און געוווּסט ווי צו האַנדלען מיט כבוד אין מאָמענט פון אַן ערנסטער פּאָליטישער דעציזיע. דאָס איז אונדזער טרייסט און אָט די ביטערע טעג און פון דעם וועלן מיר שעפּן מוט אויסצוהאַלטן ביז אַ בעסערן מאָרגן.

דאָס קאַלישער לעבן (454) 31

כ״ט אלול, תרצ״ו, 9.9.1936

ד״ר פ. בעאַטוס

דער יידישער שפּיטאָל

אַדאַם כאָדינסקי, דער חשובער היסטאָריקער פון אונדזער שטאָט, שטעלט פעסט, אַז אין יאָר 1835 איז געשאַפן געוואָרן דער יידישער שפּיטאָל פון די שפּענדונגען פון יידישע בירגער. די דאָזיקע דאַטע איז נישט קיין פּינקטלעכע. דער שפּיטאָל איז געשאַפן געוואָרן אין יאָר 1837. דער קאָמיטעט האָט אָרגאַניזירט אַ צייטווייליקן קליינעם שפּיטאָל פון איין פליגל אין אַ געביידע פון דער יידישער קהילה און באַשטימט אַלס זיין לייטער דעם ד״ר מיכאל מאָרגענשטערן. דער לייטער פונעם שפּיטאָל האָט זיך געדאַרפט פאַרנעמען אויך מיט די אָרעמע קראַנקע אין שטאָט.

דעם 26סטן מערץ 1836 האָט ד״ר מאָרגענשטערן אָפּגעגעבן אַ באַריכט אין שפּיטאָל־קאָמיטעט. פון זיינע רייד און פון אַלע אָפּרופן ביי די מאַכט־אָרגאַנען, איז קלאָר, אַז אין 1836 האָט נאָך נישט עקזיסטירט קיין יידיש שפּיטאָל. ער איז געוואָרן געשאַפן אין דער צייט פון דער ערשטער קאַדענץ פונעם גרינדונגס־קאָמיטעט און פונעם הויפּט־קאָמיטעט אין וואַרשע.

די אָפיציעלע אָנערקענונג פונעם שפּיטאָל־קאָמיטעט איז רעגיסטרירט געוואָרן דעם 9טן דעצעמבער 1835. דער שפּיטאָל גופא איז נישט געבויט געוואָרן פונעם פונדאַמענט, ווי דאָס איז געווען אין וואַרשע, לובלין, ראַדאָם און אין אַנדערע שטעט, נאָר זיך געפונען אין אַ רעמאָנטירט הויז אויף דער גאַס פּיסקאָזשעווסקאַ, וואָס מ׳האָט אָפּגעקויפט אין יאָר 1837.

דער שפּיטאָל איז געבויט געוואָרן פון די שפּענדונגען פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג. אָבער דאָ דאַרף איך זיך אומקערן צום 13טן יאָרהונדערט, ווען מ׳האָט דערלויבט די קאַלישער יידן אויפצובויען אַ שול אויפן באָדן, וואָס געהער צום קאַנאָניק־אָרדן און זיי האָבן געדאַרפט צאָלן יערלעכן שטייער. דער אָפּצאָל האָט געדאַרפט ווערן גאַראַנטירט מיט די קהילה־הכנסות פון דער שחיטה און פון די פיר שענקען, וואָס האָבן געהערט צו דער שול. די שטייערן זענען נישט געוואָרן איינגעצאָלט רעגולער, און נאָכן אויסלייזן דעם אָרדן אין יאָר 1810 איז דער חוב דערגאַנגען ביז 14967 גילדן. דער גלח איגנאַצי פּשיבילסקי, דער הויפּט פונעם קלויס־טער פון הייליקן מיקאָלאַי האָט אַרויפגעלייגט אַ סעקוועסטער אויף די קהילה־פאָנדן און דערין אויך אויפן פאָנד פאַרן שפּיטאָל.

לודוויק מאַמראָט, פאָרזיצער פון שפּיטאָל־קאָמיטעט, האָט זיך אָנגעהויבן באַמיען, אַז מען זאָל מבטל מאַכן די גזירה. אין שפּיטאָל־אַרכיוו איז פאַרצייכנט, אַז אין יאָר 1840 איז דער ענין באַטראַכט געוואָרן אין הויכן אַפּעלאַציע־געריכט אין וואַרשע, און די פאָנדן פון יידישן שפּיטאָל זענען געוואָרן באַפרייט פונעם סעקוועסטער.

ווייטער לייענען מיר, אַז דער קאַלישער שטאָטראַט האָט אָנגעהויבן אַ לאַנגן פּראָצעס קעגן שפּיטאָל צוליבן נישט באַצאָלן שטייערן אויף דער סומע פון 232 גילדן. אַ רעגירונגס־קאָמיסיע האָט רעקאָמענדירט צו באַפרייען דעם שפּיטאָל פון די שטייערן, אָבער דער שטאָטראַט האָט אַזוי לייכט נישט רעזיגנירט. דעם 1טן אַפּריל 1837 זענען אָפּגעוואָרפן געוואָרן די תביעות פונעם שטאָטראַט אויפן סמך פון אַ פאַראָרדענונג פון דער גובערניאַלער מאַכט אין קאַליש.

דאָס איז נישט געווען דער איינציקער קאַמף פונעם שפּיטאָל מיטן שטאָטראַט. דאָ רעדט זיך וועגן באָדן־שטייער. דער פּלאַץ, אויף וועלכן מ׳האָט געבויט דאָס שפּיטאָל, איז געקויפט געוואָרן אויף אַרענדע־באַדינגונגען אויף שטענדיק. דער פאַרקויפער האָט זיך מתחייב געווען

צו באצאָלן דעם שטאָטראט צוויי מאָל אין יאָר א שטייער פון איין טאָלער מיט 20 גראָשן, און נאָכן פארקויפן — זאָל דער קונה באצאָלן 5 פראָצענט פון דער שאצונג. אויפן סמך פון אָט דעם הסכם האָט דער שטאָטראט געמאָנט פונעם שפיטאָל־קאָמיטעט 1338 גילדן. דער משפט וועגן באצאָלן דעם שטייער איז נישט געוואָרן דער׳לײדיקט ביזן יאָר 1848, און אין 1868 האָט ער זיך נאָך געפונען אין די געריכטס־אינסטאנצן. ענדלעך האָט מען די סומע צעטיילט אין ראטעס און זי איז געוואָרן באצאָלט.

אין יאָר 1863 האָט דער הויפט־קאָמיטעט געפאָדערט נישט צו באנוצן זיך אין די אונטער־האנדלונגען מיט דער מאכט מיטן אויסדרוק "שפיטאָל פאר אלטגלויביקע" (סטאראָזאקאָנני), נאָר "יידישער שפיטאָל".

פון דעם אויבנגעזאָגטן זעען מיר, אז דער שטאָטראט איז נישט געווען דער בעל־הבית פון שפיטאָל, ער האָט אפילו ארויסגעוויזן א פיינטלעכע באציונג צו אים.

אין יאָר 1871 האָט דער קאָמיטעט געבעטן ביים שטאָטראט צו ברענגען אין אָרדענונג די ברעגן פון פראָסנא־טייך אויפן געביט פונעם שפיטאָל. דער שטאָטראט האָט געענטפערט נעגאטיוו, און מאָטיווירט זיין אָפּזאָג דערמיט, וואָס דער פלאַץ און דאָס הויז איז דאָס אייגנטום פון דער יידישער קהילה און אין שפיטאָל ווערן אָנגענומען נאָר יידן. דערפאר דארף די שטאָט־קאסע נישט נעמען אויף זיך די הוצאה פון 81 רובל מיט 20 קאָפּיקעס. די סומע איז נישט קיין גרויסע און מען קאָן זי לייכט איינמאָנען ביי די יידישע גבירים, וועלכע געפינען זיך גענוג אין אונדזער שטאָט. אין אָקטאָבער פון דעם זעלביקן יאָר האָט דער שטאָטראט געשריבן צום קוראטאָר מאוריצי מאמראָט, אז ווייל דער ווינטער דערנענטערט זיך, זאָל ער אזוי גוט זיין פארריכטן די ברעגן פון דער פראָסנא אויף זיין געביט. אויב נישט, וועט ער טראָגן די פאראַנטוואָרטלעכקייט פאר די שאָדנס, וואָס וועלן ארויסקומען צוליב דעם.

צי איז נאָך דעם געזאָגטן פאראן א ספק, אז דער שטאָטראט איז נישט דער בעל־הבית פונעם שפיטאָל? אָבער עס זענען פאראן צוויי מאָטיוון פאר די תביעות פונעם שטאָטראט. איינער: דער דייטשער אָקופּאנט האָט איבערגעגעבן דעם יידישן שפיטאָל אין רשות פון שטאָטראט. דאָס האָט ער אויך געטאָן מיטן שפיטאָל פון "הייליקן דרייליינג". אזוי פירט מען זיך אין דייטשלאַנד. דער צווייטער מאָטיוו: די רעגיסטראציע אין די אייגנטום־ביכער איז נישט געוואָרן אדורכגעפירט ביז אין דער לעצטער צייט. אויפן קויף־קאָנטראקט האָבן זיך אונטערגעשריבן מאמראָט און רעדלעך, ווי די פאָרשטייער פון דער קהילה, אָבער אין אָפּמאַך איז דאָס נישט דערמאָנט.

און אזוי ארום האָט דער שטאָטראט געבויט א פליגל אין שפיטאָל נישט אָנפרעגנדיק אפילו ביי די אייגנטימער פונעם באָדן. די קהילה האָט געפירט איר געזונטהייטסדינסט ווי עס באדארף צו זיין. א באווייז דערויף געפינען מיר אינעם באריכט פונעם אויפזעער איבער די געזונט־הייטסדינסטן, טשעטערקין, אין יאָר 1839: "דער יידישער שפיטאָל צייכנט זיך אויס מיט זיין אָרדענונג. די אָנשטרענגונגען לטובת די קראנקע, נישט געקוקט אויף די באגרענעצטע מיטלען, דארפן אָפּגעמערקט ווערן מיט אנערקענונג".

די קהילה האָט באזאָרגט אלע נייטיקע זאכן אין שפיטאָל. איצט האָט מען גענומען אלע אינסטרומענטן און איינריכטונגען און איבערגעפירט זיי אין שפיטאָל פונעם "הייליקן דרייליינג". אין יידישן שפיטאָל נעמט מען אָן בלויז מיט אינערלעכע און געשלעכטלעכע קראנקייטן, מערסטנטייל קריסטן. היתכן, אז אין א יידישן שפיטאָל זאָל זיין שווער פאר א ייד צו געפינען א פלאַץ? די קהילה האָט זיך געווענדעט צום געריכט און פארשפילט.

צוליב דעם, וואָס עס איז נישט אדורכגעפירט געוואָרן די רעגיסטראציע אינעם אייגנטום־בוך, איז דער שפיטאָל אריבער אין רשות פון געמיינדע־פארבאנד, וואָס באטראכט אים ווי א שטאָטיש אייגנטום.

אונדזער שפיטאָל איז געשאפן געוואָרן אויף דער איניציאטיוו פון דער יידישער באפעלקערונג, און זיין כאראקטער איז געווען אָן אויסגעשפּראָכן רעליגיעזער. וועגן דעם זאָגט עדות די שול, וואָס איז דאָרט געוואָרן איינגעאָרדנט אין יאָר 1885 דורך די יורשים פון זשאנעט אפט. נאָר די קהילה קאָן זיכערן דעם רעליגיעזן כאראקטער פון שפיטאָל, וואָס איז געשאפן געוואָרן פאר א באשטימטער רעליגיעזער גרופּע פון דער באפעלקערונג. אין משך

פון די הונדערט יאָר, וואָס דער שפּיטאָל האָט זיך געפונען ביי דער קהילה, האָט דער שטאָטראַט נישט בלויז נישט געהאָלפן, נאָר געשעדיקט, ווי מיר האָבן דאָס אויבן באַוויזן.

אָבער עס איז פאַראַן נאָך אַ סיבה פאַרן איילן זיך פונעם שטאָטראַט צו דערקלערן דאָס שפּיטאָל ווי אַן אַלגעמיין־שטאָטישן. ווען דער אָקופּאַנט האָט פאַרברענט קאַליש, האָט דער פּרייסישער גענעראַל בעסעלער אָנגעצייכנט אַ פּלאַן אויף צו פאַרשענערן די שטאָט. לויט דעם דאָזיקן פּלאַן, וואָס געפינט זיך אין אַרכיוו אין וואַרשע, האָט מען געזאָלט אַראָפּנעמען אַלע הייזער אויפן לינקן ברעג פּראָסנאַ, אויף נאַדוואָדנאַ־גאַס, און אויף דעם אָרט פאַרפלאַנצן גערטנער. די מאַכט האָט באַשטעטיקט דעם פּלאַן. אויך דער שפּיטאָל וועט ווערן צעשטערט און דער שטאָטראַט וועט נישט דאַרפן צאָלן דער יידישער קהילה קיין שום אַנטשעדיקונג.

אין אָנהויב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָבן מיר באַשלאָסן צו בויען אַ מאָדערנעם שפּיטאָל. זילבערשטיינס יורשים האָבן געשענקט אויף דעם צוועק אַ פּלאַץ פון צוויי מאָרג, אָבער דער שטאָטראַט האָט אויך אויף דעם פאַרמעגן אַרויפגעלייגט די האַנט.

די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט איז אויפגערעגט און די קהילה באַשיצט זיך מיט דער טענה, אַז זי קאָן נישט טאָן מער ווי זי טוט.

און דערפאַר ווייל איך בין אַ סך יאָרן געווען דער הויפּט־דאָקטאָר פון יידישן שפּיטאָל אין קאַליש, האָב איך געהאַלטן פאַר מיין חוב צו פאַרטיידיקן דעם "הונדערטיאָריקן זקן", וואָס האָט אומגעהויערע פאַרדינסטן.

י. ק.

ראַטעוועט, ווי לאַנג ס'איז צייט

מיר האָבן אַ צייט לאַנג נישט געוואָלט באַהאַנדלען דעם אָנגעווייטיקטן ענין וואָס דריקט דעם רוב פּוילישע יידן, ווי ס'איז די פּרנסהלאָזיקייט. מיר האָבן וועגן דעם נישט געשריבן, כדי אַליין זיך נישט איבערצושרעקן און געמיינט דערביי: אפשר איז דאָך נישט אַזוי שרעקלעך ווי מען מאָלט, און גאַנץ מעגלעך, אַז ס'איז גאָרנישט אַזוי שלעכט ווי מען מיינט.

ליידער אָבער, לאָזן זיך נישט אַזעלכע בלוטיקע ענינים פאַרהיילן און די וווּנד איז פיל געפערלעכער ווי עס דאַכט זיך.

דיווירטשאַפטלעכע לאַגע אין לאַנד בכלל און פון פּוילישן יידנטום בפרט, איז זייער טרויעריק. עס העלפט שוין נישט דער אַנשטעל און עס פּועלט נישט דאָס פאַרמאַסקירן. די אַל קריכט פון זאַק אַרויס און עס אַנטפּלעקט זיך דער טרויעריקער מצב אין זיין גרויזאַמקייט.

דער עקאָנאָמישער באָדן פון פּוילישן יידנטום האָט זיך שוין אויפגעהערט וואַקלען אונטער די פיס. נאָר ער רוקט זיך גענצלעך אַפּויר. מען פאַרלירט לגמרי דעם אַנלען און מיר בלייבן אָן דער הויפּט חיונה־יניקה — אָן פּרנסה. דער מבול פון באַנקראָטן שווענקט אָפּ די לעצטע יידישע פאַבריקן און במילא בלייבן אַרבעטלאָז יידישע אַרבעטער, בעלי מלאכות און קרעמער.

די גרויסע מחנה הונגעריקע פאַרגרעסערט זיך אַלץ מער פון טאָג צו טאָג. דער פאַרדינער פון נעכטן קוקט שוין הַיינט דער הונגער גלייך אין פּנים, און דער רעזולטאַט דערפון — די גוואַלדיקע צאָל זעלבסטמאָרדן.

בטחון, וואָס איז געווען דער שטאַרקסטער אָנלען און האָפענונג ביים יידישן פאָלק, פאַרלירט ביסלעכווייז די שטאַרקייט און די לאַגע ווערט קאַטאַסטראָפאַל.

דער לייטמאָטיוו פון יידישן סוחרטום און אַרבעטער, איז צום היינטיקן טאָג נאָר איין רוף: ראַטעוועט מיט וואָס נאָר מעגלעך, ווי לאַנג ס'איז נאָך צייט!

אין דעם זעלבן טרויעריקן מצב ווי די גאַנצע פּוילישע יידנטום, און מעגלעך נאָך אין אַ פיל גרעסער מאָס, געפינט זיך אונדזער שטאָט.

די הונגער־ארמיי פארגרעסערט זיך און ראטעווען מוז מען!

דאס האט טאקע פארשטאנען אונדזער קהילה־פארוואלטונג און באשלאסן צו העלפן. צו דעם צוועק ווערן אפגעהאלטן קאנפערענצן מיט א גרעסערע צאל עסקנים און דעם ווילן צו העלפן זעט מען שוין.

זאל זשע די רעטונגס־אקציע, וואס ווערט אנגענומען צו דעם צוועק, נישט בלייבן אין פראיעקט, נאר טאקע פארווירקלעכט ווערן, כדי צו ראטעווען הונדערטער נפשות פון הונגער.

ראטעוועט, ווי לאנג ס'איז נאך צייט!

קאלישער לעבען (121) 39

י״ח בכסלו תר״ץ, 20.12.1929

ק. ה.

דאס גרויסע וויי־געשריי פון די קליינהענדלער

עס איז אוממעגלעך צו באשרייבן די לאגע פון די היגע קליינהענדלער ווי די נויט הערשט אין אלע ווינקלעך. מיר ווילן איצט בארירן א געוויסן טייל קליינהענדלער, וואס ציען זייער ביסל חיונה מיטן ארומפארן מיט א ביסל סחורה אויף די מערק אין פויזנער קאנט, ווו זיי ווערן פארשווארצט און פארפינצטערט, זיי ליגן אפ גאנצע טעג און נעכט אונטערן פרייען הימל, סיי ווינטער אין די גרעסטע פרעסט און אויך זומער, ווען זיי ווערן פארברענט און צעשמאָלצן פון דער אומגעהויערער היץ אדער צעווייקט דורך די רעגנס.

אבער דאס גענוגט נאך נישט. עס קומען צו פרישע אנדערע צרות, וואס ער האט איבער־צולעבן. ווען אזא מארק־פארער קומט ווו אויף א מארק און האפט צו לייזן א פאר זלאטעס, האט זיך ווידער לעצטנס געשאפן גאנצע גראנדעס וואס רופן זיך ארבעטסלאזע און מען ראבירט ביי קליינהענדלער מארק־פארער דאס גאנצע ביסל האב און גוטס און די פאליציי רעאגירט נישט אזוי ווי זי וואָלט געדארפט רעאגירן. עס איז געווען א פאקט, אז אין קראָטאָשין האָבן א באנדע כוליגאנעס אויסגעשפאנט די פערד פון די וועגן און געוואלט ראבירן. לויפט א קליינ־הענדלער טעלעגראפירן צום פויזנער וואיעוואדע, אבער אין עטלעכע שעה ארום קומט דער זעלבער טעלעגראם צוריק, אנשטאט קיין פויזן אז ער געגאנגען נאך קאליש. אזוי ווערן מיר קליינהענדלער שיקאנירט אין פויזנער קאנט. מיר מוזן זען ווי ווייט מעגלעך צו רעאגירן אין די רעגירונגס־ספערן, אז אזעלכע שיקאנעס זאלן נישט פארקומען, מיר מעגן דאך כאטש געניסן פון דעם קליינעם ביסל רעכט, אז מען זאל קענען זיך פארדינען אויף א שטיקל ברויט.

עס עקזיסטירט אויף נאווא 7 א קליינהענדלער־פאראיין, וואס ציילט ביז 8 הונדערט מיט־גלידער. עס פרעגט זיך: פארוואָס רעאגירט דער פאראיין נישט אויף די שיקאנעס קעגן די פויזנער פאָרער? נאך וואָס פארדרייט ער זיך דעם קאָפּ און מישט זיך אין וואל־ענינים, ווו אויף 8 הונדערט מיטגלידער זענען געווען 44 שטימען, און מען האָט ארויסגעוואָרפן אזוי פיל געלט? וואלט נישט בעסער געווען דער פאראיין זאל זיך פארנעמען אויסשליסלעך לטובת די קליינהענדלער און מאכן אן ענדע מיט די פויזנער שיקאנעס, כדי דער קליינהענדלער זאל קענען רויקער פארדינען אויף זיין שווער פארהארעוועט שטיקל ברויט?

גלייכצייטיק מוז באמערקט ווערן, אז ס'זענען פאראן עטלעכע הונדערט מארק־פארער, וואס געניסן נישט פון קיין קאאפעראטיווע באנק, קיין שום הלואה. אויב א קליינהענדלער באקומט יא א הלואה, איז עס די באוווסטע אינסטיטוציע פון רעטונגס־קאמיטעט, עס קומט א דאנק די וואָס פארנעמען זיך מיט אזא הערלעכער אינסטיטוציע. זיי דאָרט קומט דער אמתער דאנק, די וואס ארבעטן דארט מיט ריינע הענט. מען דארף דעם רעטונגס־קאמיטעט באמת בייהילפיק זיין, דאן וועט דער קליינהענדלער קענען זיך פיל באהעלפן מיט דער דאָזיקער אינסטיטוציע און דער קליינהענדלער וועט פארשפארן די אלע קאאפעראטיווע בענק, ווו ער מוז איבערלאזן א פאי, וועלכן ער דארף האבן צום מסחר.

ברודער קליינהענדלער, מיר דארפן זיך אליין צוזאמענקומען אויף א פארזאמלונג — אָן דער באטייליקונג פון די בענקל־כאפער. מיר אליין דארפן זיך דורכרעדן ווי אזוי אונדזער לאַגע צו פארבעסערן.

קאלישער וואך 22
פרייטיק, כ״ז בסיון תרצ״א, 12.6.1931

ק. וו.

די בלוטיקע איבערפאלן אויף די יידישע קליינהענדלער, מארקפארער אין גראדזשיסק [פויזנער־פראווינץ]

די וויט עס דערגרייכט דער שפלדיקער מצב פון קליינהענדלער, ווי אזוי עס זעט אויס זיין לאַגע — איז איבעריק צו שרייבן. עס איז גאר קיין גוזמא נישט ווען מען וועט זאגן, אז "עני חשוב כמת" איז געזאגט געווארן אויף די אָרעמע געיאָגטע און געפלאָגטע קליינהענדלער, טאָרגשטייער און מארקפאָרער. די דריי קאטעגאָריעס, אדער בעסער געזאָגט די קאטעגאָריע מענטשן (ווייל א קליינהענדלער איז א טאָרג־שטייער און מוז אויך דערצו זיין א מארקפאָרער) ראנגלט זיך אָפּ זייער לעבן פאר א ביסן ברויט, זיי ווערן פארשווארצט און אלע טויערן פון רעטונג זענען פאר זיי געשלאסן.

נישט איין מאָל איז אונדז שוין אויסגעקומען צו שרייבן וועגן די געברענטע צרות, וואָס די מארקפארער קומט אויס אויסצושטיין אין געראנגל פון טאגטעגלעכן קאמף, איבערהויפּט אויף די מערק אין פויזנער קאנט, ווו זיי זענען נישט זיכער פארן ביסעלע סחורה, און אויך נישט מיטן נפש. אבער דאס וואס ס'איז לעצטנס פארגעקומען אין גראָדזשיסק שטייגט איבער אלץ, וואס מ'האט ביז איצט זיך געקאנט נאר פאָרשטעלן.

דעם פאריקן דאנערשטיק איז פארגעקומען א מארק אין גראזשיסק, ווו עס זענען, ווי געוויינלעך, אָנגעפארן יידישע מארק־פארער יעדער מיט זיין ביסל סחורה. די מארקפארער זענען אהינגעקומען 12 אזייגער ביי נאכט.

ס״ה זענען געקומען 13 אויטאס מיט יידישע האב און גוטס. ווי עס האט זיך נאָר באוויזן דער ערשטער אויטא, האט מען גלייך געהערט אויסרופן "פרעטש זשידאמי". ווען עס זענען צוגעקומען די אנדערע אויטאס מיט יידישע סוחרים, האט זיך באלד באוויזן א גרויסע באנדע כוליגאנעס מיט מעסערס, קינדזשאלן און דרענגער אין די הענט. עטלעכע כוליגאנעס האבן באוואכט די אויטאס, כדי זיי זאלן נישט קענען אנטלויפן — און זיך געווארפן אויף די יידן שלאגן און שטעכן מערדערלעך אָן אונטערשייד מענער און פרויען.

די געוואלדן און געשרייען פון די פארצווייפלטע מענער און פרויען זענען געווען אין לשער, און קיין פאליציי האָט מען נישט געזען פאר קיין רפואה.

מען מוז באמערקן, אז דער פאליציי־פּאָסטערונעק איז געווען א גאנצע נאכט געשלאָסן.

ביז אין דער פרי האָבן די כוליגאנעס געבושעוועט מיט זייערס אן אָנפירער אין דער שפיץ.

איין ייד, א געוויסער מעסער, דאברזשעצקא 14, א פאטער פון קליינע קינדערלעך איז געווארן מערדערלעך צעשטאכן מיט מעסערס. איין ווונד אין קאפּ איז ביז 20 מילימעטער טיף. ער ליגט אין א שווערן צושטאנד.

אין דער צייט פון איבערפאל זענען די פארצווייפלטע מענער און פרויען געלאָפן מיט אויסגעשטארצטע אויגן און זיך באהאלטן אין א קעלער איבערלאָזנדיק די סחורות אויף הפקר. אבער ווען די כוליגאנעס זענען געוויר געווארן, ווו די יידן האבן זיך באהאלטן, זענען זיי אהינגעגאנגען און אנגעהויבן מערדערלעך צו שלאגן מיט מעסערס און פאלקעס. עטלעכע קאלישער זענען שווער פארוווּנדט געווארן. פון די פרויען האבן זיי אראפגעריסן די מלבושים און זיי מערדערלעך געשלאגן.

די כוליגאנעס האבן צעריסן די מלבושים פון א קאלישער מיידל און זי געוואלט מיטשלעפּן.

גראד האט זיך דארט געפונען א ייד פון קאליש געטריימאן, צו וועלכן דאס מיידל האט געשריגן: "ראטעוועט מיך"! דער ייד האט איינגעשטעלט זיין לעבן און דאס מיידל אוועקגעשלעפט. ער איז אפגעקומען מיט לייכטע ווונדן.

די כוליגאנעס האבן געכאפט א ייד און אנגעהויבן אים מערדערלעך צו שלאגן. ווען דער ייד האט געזען, אז ער וועט דא שוין נישט ארויסגיין קיין לעבעדיקער, איז ער אנידערגעפאלן און זיך געמאכט טויט. האבן זיי אים אריינגעווארפן אין וואסער, וואס איז צום גליק געווען פלאך איז דער ייד שפעטער ארויסגעלאפן און געראטעוועט זיין לעבן.

די כוליגאנעס זענען צוגעגאנגען צו איינציקע אויטאס און געוואלט קאנטראלירן אויב עס זענען דארט נישט באהאלטן קיין יידן, די קריסטלעכע שאפערן, מורא האבנדיק, אז אויב זיי וועלן טאקע געפינען די איינציקע יידן וואס זענען געווען באהאלטן וועט זיין נישט גוט, האבן געזאגט, אז זיי וואלטן נישט ארויפגעלאזט קיין יידן זיי זאלן זיך דארט באהאלטן. די כוליגאנעס האבן קאנטראלירט זייערע פעסער צי זיי זיינען קריסטן.

אנטלויפנדיק, האבן די מארקפארער זיך גרופירט אין א רעסטאראן. אין דעם דאזיקן רעסטאראן זענען אויך אריינגעקומען די כוליגאנעס און פארלאנגט פון באלעבאס, ער זאל די יידן ארויסטרייבן אויפן גאס. אין רעסטאראן האבן זיך גראד געפונען לאדזשער חברה, נישט קיין פחדנים, און עטלעכע קריסטלעכע הענדלער, ביי וועלכע מען האט אנגעהויבן ראבירן זייערע אויסגעשטעלטע סחורות אויפן מארק. אט די אלע זענען ארויס אויף דער גאס און געשטעלט א שטארקן ווידערשטאנד. זיי האבן געכאפט דעם אנפירער פון די באנדע און אים פארהאלטן ביז אין דער פרי ווען עס האט זיך באוויזן דער ערשטער פאליציאנט.

7 אזייגער אין דער פרי, ווען דער פאליציי־פאסטן איז שוין געווען אפן, האט דארט אינטערוועניר א דעלעגאציע פון די הענדלער און ס'איז צוזאמענגעשטעלט געווארן א פראטאקאל, פון וועלכן ס'האט זיך ארויסגעוויזן, אז פון די געשעענישן האבן געליטן 162 פערזאן. עס זענען פאראן פיל פארוואונדעטע, דערונטער 2 ערנסט: פייוויש מעסער מיט א צעשפאלטענעם קאפ און מאשקאוויטש, וואס האט צעבראכן א פוס. לייכט פארוואונדעט זיינען געווארן: אברהם וועגער, משה טאמבערג, שאכטער, ברענער, יעקב שפירא, ראזענבלום, כץ, מערא, שלמה ליפשיץ, פרל. מעסער, וואלף געטריימאן, סאדאלסקי, פרל. צאדעק און לעווי.

"קאלישער וואך" 43

כ"ו בחשון תרצ"ב, 6.11.1931

מ. אונעוויטש

דער שרעקלעכער גורל פון די מארק־פארער

דער איצטיקער אלגעמיינער וועלטקריזיס, האט אמשרעקלעכסטן געטראפן דאס יידישע פאלק, וועלכער האט אפילו ביים נארמאלן צושטאנד געפירט, א הו־הא־לעבן, קוים דערנערט זיין פאמיליע.

ד'ער איצטיקער פארצווייפלטער קריזיס, נעמט ארום אלע מענטשן פון דער וועלט, ווי גרויסע גבירים, פאבריקאנטן, און גרויסע בענק קראכן איבער נאכט, ביי אזא סיטואציע טרעפט דעם ייד א ביטערער טאג־טעגלעכער קאמף, וועלכער מוז אנשטרענגען אלע חושים, כדי צו געפינען דאס לחם עוני.

שווארצע כמארעס פארשטעלן דעם האריזאנט, טונקל איז דאס לעבן פון יידישן קליינהענדלער בפרט.

דאס לעבן פון א קליינהענדלער, טארגשטייער און מארקפארער איז שטענדיק גיהנמדיק. ער ווינט אממייסטן אין קליינע ענגע נישט לופטיקע וווינונגען, באווארפן מיט קליינע קינדער.

אויף איין וואנט איז געמאכט א פאליצע צו סחורות און מאנכע האבן עס ליגן אין קופערס, צעקנייטשט, צעוואָרפן, שטענדיק א געלויפעניש און א געיעג, דאָ פאָרט דאָס ווייב קיין לאָדזש, דא לויפט דער מאן צו א באקאנטן ער זאל אים זשירירן א וועקסל, ער זאל קריגן געבארגט א פאר זלאטעס אין גמילות חסדים־קאסע אן פראצענט.

ווען די זון קומט נאר אויף, שטייען שוין די יונגע קינדערלעך מיט די פרוי און לאָדענען אָן דאָס וועגעלע מיטן ביסעלע סחורה, דער מאן שפאנט זיך איין, די קינדערלעך שטופן נאָך, און דאס ווייב קאמאנדעוועט.

מען שטעלט אויף די בויד, מען לייגט אפ די סחורה, מען שטייט א גאנצן טאָג, מען קוקט אָן די קעגנאיבערדיקע בוידן און מען גענעצט. פארנאכט — וויאָ — מען פאָרט צוריק, דאָס וועגעלע איז נישט לייכטער, גארנישט געלייזט.

אזוי גייט עס טאג־איין, טאג־אויס. דער סקארב שיקט צו א נאקאז פלאטניטשי, דער מאן לויפט, דערנאָך ס׳ווייב, צו יוסף משהן אין קליינהענדלער־פאראיין. זיי מעלדן פריער ביי צאָמבערן וואָס איז די בקשה, ס׳דויערט א לענגערע צייט, ער שטופט אריין, שטופט ארויס צוריק, ער הייסט קומען מאָרגן, דער דירעקטאָר איז איצט אויף א זיצונג אין דער גמינע, הכלל עס ווערט מיאוס און מאוס. מען פארקויפט דאס ביסל סחורה אויף ליציטאציע, מען בלייבט ארעם און נאקעט.

קומען זיך צונויף די משפחה, דעמאלט ווען עס פייפט שוין גוט דער דלות, מען באשליסט: דער שוואגער וועט זשירירן, מען וועט זיך בארגן א ביסל געלט, פארן נאך לאדזש ברענגען א ביסל סחורה און זאל די „אָפּגעקומענע סוחרים" ווערן טעטיק אלס פויזנער מארקפאָרער.

מען הויבט זיך אָן גרייטן צום פאָרן.

א 10 אזעלכע סוחרימלעך־וואנדערער דינגען א פור. דאָס ווייב קאָמאנדעוועט צום מאן, לייג גוט די סחורה, זי זאל נישט איינגענעצט ווערן אין א רעגן. אלץ קלעטערט ארויף אויף דער פור, און יאזדא — מען פאָרט.

מען פארט איבער טראקטן, טאלן און בערג, וועלדער, פעלדער, דערפער און שטעטלעך, צעבראָכן און מיד, הונגעריק און שלעפעריק, א שעה פאָרן קוקט אויס ווי ווי א מעת לעת, ביז מען קומט ענדלעך אין מיטן דער נאכט אויף דעם יארמארק אין פויזנער קאנט. עס הערט זיך שוין דאס גערויש, געטומל. עס זענען שוין דאָ סוחרימלעך פון אנדערע שטעט און אויך א ביסעלע „ווילע יונגען", וואס מאכן זיך א פרנסה פון פארלייגן דרענגער און דער סוחר מוז דערפאר באצאָלן אדער געבן אָפּטרעט־געלט.

און דאן א ביסל שפעטער: הורא! א טויט די יידן, מען שטעכט, מען ברעכט, מען וואלקעוועט. עס רינט דער שוויס אויסגעמישט אין בלוט. שריי הי וקים, קיין רעטונג איז נישטא. מען אנטלויפט אין די פינצטערע קעלערס. די סחורה בלייבט הפקר. דאס לעבן, וואס איז שוין אזוי אויך הפקר, וויל מען ראטעווען.

אזוי זעט אויס דער קליינהענדלער, מארק־פארער. א ביטער און טרויעריק לעבן.

„קאלישער וואָך", נומער 43

פרייטיק, כ״ו חשון תרצ״ב, 6.11.1931

פ. ווייסקאל

די פארצווייפלטע לאגע פון קאלישער טארג־שטייער און קליינהענדלער

רידער טארג־הענדלער און קליינקרעמער!

פארוואס זענען מיר, קאלישער טארג־שטייער און קליינהענדלער, זינדיקער מער פון אלע שטעט און שטעטלעך? אין דער צייט ווען מיר ראנגלען זיך מיט דער נויט פאַר דעם שטיקל ברויט, האבן מיר נישט די מינדעסטע הילף פון קיינעם אונדזער לאגע מיט עפעס צו לינדערן. זאלן מיר אין דער ערשטער ריי באטראכטן די לאגע

פון מארק־שטייער, וועלכער ליידט פון קעלט און נויט, ער פארדינט קוים אויף א שטיקל ברויט פאר זיין הויז־געזינט, איז ער אבער געגוג באלאסטעט מיט אבראטאווי, ווי דער אוזשאנד יאגט אים. קליינהענדלער, וואס זייער בויד מיט סחורה באטרעפט אינגאנצן 200 זל., און דאס איז אויך נישט זייערס, שיקט מען זיי צו נאקאזן אויף 7—6 הונדערט זל. א יאר. מיר, ארעמע קליינהענדלער, ווילן צאלן פאדאטקעס, ווייל מיר זענען פוילישע בירגער, און געטרייע בירגער פאר דער פוילישער מלוכה. אבער אלץ דארף זיין מיט דער מאס. אונדזער לאגע איז פיל ערגער ווי איבעראל, ווייל אנדערש ווו ווערט דער קליינהענדלער געשטיצט מיט א הלוואה פון א פאר הונדערט זלאטעס דורך א קאאפעראטיווער באנק, און דאס האבן מיר דא ליידער נישט. ווער עס קען די מוראדיקע לאגע פון היגן קליינ־הענדלערטום שטעלן זיך אים ממש די האר קאפויר. עס זענען דא פאקטן, ווי קליינהענדלער, טארג־שטייער, וואס באזיצן א בויד מיט סחורה, וואס באטרעפט 200 זל. און זיי זענען שולדיק געבליבן פאדאטקעס נאך פון 1924 א פאר טויזנט זל., האט מען זיי איצט געמאכט א זאיענטשע אויף דער גאנצער בויד. וואס זאל אזא קליינהענדלער טאן? עס איז דאך קיין פעולה, וואס עס ווערט פארשלעפט דאס נישט צאלן, ווייל סוף כל סוף ווערט די סומע גרעסער און די זאיענטשע קומט.

מיר דארפן זיך צוזאמענקומען און דורכרעדן וועגן אונדזער לאגע. מיר האבן נאר איין פאדערונג: מיר ווילן צאלן פאדאטקעס, אבער אזעלכע, מיר זאלן קענען זיי דערטראגן. מיר פאדערן אויך, אז די אלטע חובות זאלן ווערן אין גאנצן אוועקגעשטעלט, כדי מיר זאלן קענען צאלן די פרישע פאדאטקעס, אויב זיי וועלן זיין דערטרעגלעכע. מיר וועלן פון אונדזער מויל שפארן און צאלן.

„קאלישער וואך" 32

ט"ז מרחשון תרצ"א, 7.11.1930

א קאלישער

וחי אחיך עמך

עס עקזיסטירט אין קאליש א בראנזשע, פון וועלכע די אייגנטימער זענען בלויז יידן, און דאך האט קיין יידישער ארבעטער אהין לגמרי נישט קיין דריסת הרגל.

די רייד איז וועגן די טיול־גארדינען־שפיצן־פאבריקאציע, וועלכע ווערן אלע צוגערעכנט צו איין פאך. די בראנזשע איז דערווייל נישט קיין גאנץ גרויסע, האט אבער אויסזיכטן זיך צו אנטוויקלען.

ביז דער מלחמה, ווען עס האבן אין קאליש עקזיסטירט בלויז טיול־וועבערייען, האבן אין עם פאך געארבעט מייסטנס יידן. נאך דער מלחמה, ווען א טייל פריערדיקע יידישע ארבעטער האבן פארנומען צוריק זייערע פלעצער, זענען זיי געווארן פון דארט ארויסגעשטויסן דורך די פריש געקומענע נישט־יידישע ארבעטער, איינפאך דורך שלאגן זיי מכות רצח. און מורא האבנדיק פארן לעבן, האבן זיי פארלארן די ארבעט.

שפעטער, ווען דאס פאך האט זיך מער אנטוויקלט, און עס זענען צוגעקומען אויך גארדינען־און שפיצן־מאשינען, זענען געמאכט געווארן מצד די פאבריקאנטן ביי פארשידענע געלעגנהייטן פרווון ווידער אריינצונעמען יידן. טרעפנדיק אבער יעדן מאל א ווידערשטאנד מצד די נישט־יידן — האבן זיי גלייך קאפיטולירט, אפגעזאגט די יידן און צוגענומען אויף זייער ארט נישט־יידן. אזוי איז דאס פאך ביזן היינטיקן טאג — אויסער נישט באדייטנדיקע אויסנאמען — יידן־ריין.

די פראגע טאָר מען אָבער נישט לאָזן איינשלאָפן. שוין איצט זענען באשעפטיקט אין דער געמיינזאמער בראנזשע ביז 100 מאן. דאָס פאך האלט זיך ערשט ביים אנטוויקלען. די לוינען זענען אויך דאָרט פארהעלטנישמעסיק געַנוג הויך. און אויב עס וועט נישט דערויף רעאגירט ווערן באצייטנס — בלייבט עס א בכיה לדורות.

האָט דאָך דער יידישער ארבעטער באוויזן ארייגצודרינגען אין שטיקעריי־פאך, ווו ער איז געוועזן פארטראָטן אין א פיל גרעסערער צאָל ווי נישט יידן, שפעטער אין קלעפל־פאך, ער האָט איבעראל ארויסגעוויזן די בעסטע פעיקייטן, פאר וואָס זאָל ער איצט — גראד ווען די נויט אין דער יידישער גאס איז אָן אן ערך גרעסער ווי דעמאָלט — אויסגעמיטן ווערן?

עס פלעגן זיך פיל מאָל הערן טענות פון יידישע פאבריקאנטן, אז יידישע ארבעטער זענען מער ווידערשפעניק, שטרייקן פיל. זאָלן זיך אָבער די אייגנטימער פון די אויבנדערמאָנטע בראנזשעס דערמאָנען די כראָניק פון זייערע פאבריקן זייט נאָך דער מלחמה — און דאן האָט די טענה מער קיין אָרט נישט.

די שבת־פראגע קען אויך ביים גוטן ווילן רעגולירט ווערן. ארבעט דאָך קיין יידישער ארבעטער ביי שטיקעריי־קלעפעל אום שבת, און דאָך האָבן זיי דאָס אזוי איינגעאָרדנט, אז ביידע צדדים ליידן נישט.

וואָס, אלזאָ, איז דאָ צו טאָן דערצו?

ווי געזאָגט איז נישטאָ קיין שום זאכלעכע סיבה, וואָס זאָל באַרעכטיקן דאָס נישט צונעמען יידישע ארבעטער. די איינציקע מניעה איז — דער ווידערשטאנד פון די נישט־יידן און די גלייכגילטיקייט און שוואכקייט מצד די יידישע פאבריקאנטן.

דאָס טאָר נישט פארשוויגן ווערן. דער יידישער כלל, וועלכער איז עדות פון שרעקלעכן יידישן דלות, מוז זאָגן זיין וואָרט. עס מוז דערמאָנט ווערן די יידישע אייגנטימער אויף שריט און טריט, השכם וערב, דאָס גרויסע געבאָט פון "וחי אחיך עמך". אזא דערשיינונג טאָר נישט געדולדעט ווערן, קיין רעזיגנאציע, קיין פארגליווערונג, די נויט דארף שרייען גוואלד, איידער מען קומט צו דער רעגירונג מיט טענות וועגן יידישע באאמטע, זאָלן מיר דעם פעלער פארריכטן ביי זיך אליין. שטייען דאָך די אייגנטימער נישט מחוץ למחנה, זיי זענען נאָך רעליגיעזע — נאציאָנאלע יידן, אויף וועלכע דער כלל קען און מוז ווירקן. אין גאס און שול ביי דאווענען — איבעראל דארף מען זיי דערמאָנען, דעם "לא תעמוד על דם רעך".

בושנו מכל עם! צי וואָלט זיך אזא זאך מעגלעך געוועזן ביי אָן אנדערער אומה? ווי איז זייער מענטשלעכע אמביציע (ווען שוין נישט נאציאָנאלע), און וואָס פאר א פנים האָבן זיי שוין ביי זייערע נישט יידישע ארבעטער?

פאר וואָס איז מעגלעך, אז אין וואַרשע ארבעטן אין דער זעלבער בראנזשע, אין א פאבריק, וועלכע געפינט זיך אויסשליסלעך אין נישט יידישע הענט — אויך יידישע ארבעטער? פאר וואָס איז עס דאָרט יאָ מעגלעך?

זאָל נאָר דער יידישער פאבריקאנט וועלן בכל לבו — וועט ער דאָך אויספירן. ווייסט ער דאָך טייל מאָל אויסצופירן און נישט צו קאַפיטולירן ביי קאָנפליקטן, וועלכע באַרירן זיין טאש.

דאָס איז איצט דאָס געבאָט פון דער שעה. לאָזט מען עס ווייטער אזוי איינוואָרצלען, וועט נאכער זיין צו שפעט.

"קאלישער וואָך" 37

כ"ב בכסלו תרצ"א, 12.12.1930

ידידיה

אין אויסוועג איז דא

ווען מען קוקט זיך צו מיט אָפענע אויגן ווי עס זעט אויס די יידישע עקאָנאָמישע לאגע, ווערט זייער טרויעריק אויפן הארצן, קיינער איז נישט זיכער מיטן היינט און ווייסט נישט וואָס עס וועט זיין מאָרגן.

אויב מ׳האָט אונדז א מאָל באצייכנט מיטן וואָרט ״לופט־מענטשן״, איז עס נאָר געווען אין דער טעאָריע, אָבער אין דער פראקטיק איז געווען, אז פון לופט האָט מען אויך געקענט לעבן. ווייל אלץ ארום איז געווען זיכער און פעסט, מיטן קריג־אויסברוך איז די לאגע אין גאנצן געענדערט געוואָרן. אלץ וואָס איז איינגעזאמלט געווען דורך דורות־לאנג איז צונישט געוואָרן, און איז דורך א פאָר יאָר פארניכטעט געוואָרן.

דאן איז געקומען די צייט פון פאסעק, ווען אלע האָבן געהאלטן אין איין פארדינען, און לסוף ביים גאנצן פארדינסט זענען די פעקלעך וואָס א מאָל קלענער געוואָרן, און ווען די פארדינסטן האָבן דערגרייכט די העכסטע שטופע, איז געקומען די אויסניכטערונג, ווייל מען האָט זיך ארומגעקוקט, אז מען האָט אין דער ווירקלעכקייט גאָרנישט.

דאן איז געקומען א צייט ווען ס׳האָט זיך געקענט דוכטן, אז דאָס לעבן הייבט אָן צו גיין אויפן נאָרמאלן וועג. מען האָט זיך אינטענסיוו גענומען ארבעטן און האנדלען, ווייל נאָך די 4 מלחמה־יאָרן איז די באפעלקערונג געוואָרן שטארק אָפגעריסן. ס׳האָט אָבער נישט לאנג געדויערט, און ס׳האָט אָנגערוקט א קריזיס, די סיבה דערפון איז געווען, ווייל די פוילישע אינדוסטרי מיטן האנדל זענען געשאפן אממערסטן פארן רוסישן מארק, און ווען דער רוסישער מארק איז פארמאכט איז דער פועל יוצא געווען, אז די סחורות זענען געוואָרפן געוואָרן אויפן היימישן מארק. יעדער פאבריקאנט און סוחר האָט נאָר געזוכט אָפנעמערס און טאקע אויף די בעסטע באדינגונגען. זענען די געשעפטן געגאנגען שלעכט, ווייל געלייזט האָט מען נישט, און עסן האָט מען געמוזט. האָט מען טאקע יענעמס אויפגעגעסן גאָר פשוט, ווייל דאָס וועקסל האָט געדעקט די פראגע פון געלט־קריזיס. איז געקומען די וועקסל־אינפלאציע, זענען כמעט אלע געוואָרן פליטה, ווייל קיינער האָט זיין אייגנס גאָרנישט.

מיר קומט אויס זיך צוצוקוקן ווי א מענטש, וואָס הייסט נאָך אין דער שטאָט א גביר, בעט זיך א הלוואה מיינענדיק אזוי ארום זיך צו דערהאלטן. דער דלות איז נאָך נישט אזוי קענטיק, מען וווינט נאָך אין א שיינע דירה, מען גייט נאָך אין גאס אין א שיינעם מלבוש, בעת אין דער היים איז חושך. א טייל פון דער יוגנט ראטעוועט זיך מיט אנטלויפן איבער דער גרינער גרענעץ נאָך בעלגיע, כדי צו ארבעטן אויף די שווערסטע באדינגונגען, וואָס קיין בעלגיער וועט קיין מאָל נישט טאָן. אָבער וויפיל מענטשן זענען די גליקלעכע, וואָס קענען וויניקסטנס דאָס דערגרייכן? אין די קליינע שטעטלעך איז נאָך ערגער, דאָרט דרייען זיך ארום מענטשן מיט פארשמאכטע פנימער און אויסגעלאָשענע אויגן.

״דאָס שטעטל״ וואָס דער גרויסער שריפשטעלער שלום אש האָט אזוי מייסטערהאפט געשילדערט, איז היינט נישט צו דערקענען. א מאָל איז די קליינשטעטלדיקע יוגנט געפאָרן אין דער גרויסער שטאָט, ווו זיי האָבן געפונען ארבעט, היינט איז נישטאָ נאָך וואָס. אין דאָרף זענען פאראן ״ספולקעס״ מיט געוועלבער, דער פויער קומט אין שטאָט אריין נאָר פארקויפן זיינע פראָדוקטן. דאָס געלט פירט ער צוריק אין דאָרף אריין און קויפט אין די דאָרטיקע ״ספולקעס״ אלץ, וואָס ער דארף. און דערצו קומט נאָך דער טערמין פון צאָלן די אומגעהויערע שטייערן, וואָס דער היינטיקער קרעמער איז נישט בכוח צו צאָלן. מען דריקט און מען שטיקט אונדז. וואָס וועט פון דעם אלעם ווערן?

וווּאהין פירט דאָס אלץ?

עס איז איבעריק צו זאָגן, אז אזא לאגע פירט צו א זיכערן אונטערגאנג.

פיל וועלן זאָגן, אז מיר האָבן שוין איבערגעלעבט שלעכטע צייטן, און דאָך האָבן מיר אויסגעהאלטן.

דערויף וויל איך ענטפערן: לייענט די געשיכטע פון יידן אין גלות, וועט איר זען, אז דעמאָלט, ווען מען האָט אונדז אזוי שטארק געדריקט, איז עס געווען אויפן גייסטיקן געביט. מען האָט אונדז געוואָלט גייסטיק אונטערדריקן, און דאָס האָט זיך אונדזערע שונאים נישט איינגעגעבן, ווייל מיר זענען גייסטיק העכער געשטאנען ווי אונדזערע באדריקער. אָבער קיין ברויט־פראגע האָט נישט עקזיסטירט, ווייל אויף צום לעבן האָט געסטייעט. דער אויסשליסלעכער האנדל איז ס׳רוב געלעגן אין יידישע הענט, עס איז געווען לייכט צו פארדינען, זענען מיר געווען איינגעשפארט אין אונדזערע געטאָס, האָבן מיר געדולדיק איבערגעטראָגן ביז ס׳איז אריבער דער שטורעם, און מיר זענען געבליבן גאנץ.

איצט קוועלט מען אונדז נישט אזוי שטארק גייסטיק, מען לאָזט אונדז רעליגיעז און נאציאָנאל פריי זיך אנטוויקלען, אָבער וואָס קומט אונדז פון דער אלעם ארויס, אז אונדזערע פרויען און קינדער מאָגנען עסן. אין איינעם מיט דעם קוואל פון פרנסה ווערן אויך אונדזערע קערפערס אויסגעטריקנט. דאָ הערן אויף אלע קונצן, מ׳ווערט פארצווייפלט, עס הערן אויף אלע אנדערע באדערפענישן. אינסטינקטיוו ווערט מען פארוואנדלט אין א חיה, וואָס זוכט נאָר צו זעטיקן דעם הונגער. און דאָ איז די געפאר גרעסער פון מיטלאלטער, ווייל דעמאָלט האָבן מיר געזיגט א דאנק דעם, וואָס מיר זענען געשטאנען גייסטיק העכער. דאָ אָבער זענען מיר עקאָנאָמיש די שוואכסטע און מיר מוזן פאלן.

עס איז אָבער פאראן א נאטירלעכער אינסטינקט ביי אלע באשעפענישן צו וועלן לעבן און צו פירן א קאמף פאר זייער עקזיסטענץ. האָט אויך דער מענטש דאָס אייגענע רעכט, זענען מיר יידן דאָך אויך לעבעדיקע מענטשן און מיר ווילן נישט קאפיטולירן און ארויסגיין פון דער לעבנס־ארענע. מיר ווילן און מוזן עקזיסטירן. דער איינציקער אויסוועג איז זעלבסט־הילף.

עס איז אריבער די צייט, ווען א ייד האָט זיך געשעמט אלץ צו טאָן, ווייל ס׳האָט אים נישט געפאסט. היינט פאסט שוין אלץ, און יידן טוען שוין אלץ. יעדער מין ארבעט, וואָס א ייד קען טאָן, מוז דורך א ייד געטאָן ווערן — נישטאָ קיין שום אויסרייד. א פארברעכער איז דער לגבי זיין פאָלק, וואָס גיט די ארבעט וועמען עס איז, נאָר נישט צו א ייד. עס מוזן אלס פאָלקס־פאררעטער געשטעמפלט ווערן די יעניקע, וואָס ווילן נאָך ביי יידן גילטן אלס שיינע יידן ווען זייערע פאבריקן גייען אום שבת, זיי זיצן זיך געמיטלעך אויף די באלקאָנען, אין דער צייט ווען זייערע ברידער, יידישע ארבעטער, הונגערן אום שבת. עס דראָט א געפאר, אז דער יידישער שבת, וואָס איז פון אלעמען אזוי באזונגען געוואָרן, וועט מיט דער צייט — צי איר וועט יאָ וועלן אָדער נישט וועלן — פארשוועכט ווערן, ווייל שטארקער ווי דער טויט איז דער הונגער, און נישט בלויז אין דער פאבריק — איבעראל, אָנהייבנדיק פון שטוב־מיידל, ביז א הויז־וועכטער מוז ביי יידן פון יידן באזעצט ווערן. קיין פאָלק אין דער וועלט באניצט זיך נישט אין די אלע זאכן מיט מענטשן פון אַן אנדער פאָלק. די דייטשן, די ענגלענדער, די פראנצויזן, טראָץ דעם וואָס זייער לאגע איז פיל בעסער אוועקגעשטעלט ווי די יידישע, גיבן זיי קודם כל ארבעט די מענטשן פון זייער שטאם, און זיי זוכן נישט ספּעציעלע גויים. מיר מוזן געבן פאָרצוג דעם יידישן ארבעטער, ווייל אזוי דיקטירט אונדז דער דערהאלטונגס־אינסטינקט. עס מוז אויפהערן דאָס אלטע ווערטל, אז „מיט יידן איז נאָר גוט אין שול צו גיין", ווייל ס׳וועט באלד נישט זיין מיט וועמען אין שול אריין צו גיין. דאָס יידישע פאָלק ווערט פארניכטעט, און מיר מוזן זיך ראטעווען, כל זמן ס׳איז נאָך צייט.

„קאלישער וואָך", נומער 37
כ"ב כסלו תרצ"א, 12.12.30

ליטאי

לאמיר גיין ווייטער

מיטן ארויסגעבן אונדזער נייעם אָרגאַן די ״קאַלישער וואָך״ האָבן מיר נישט געמיינט גלאַט אַזוי נאָך אַ צייטונג צו שאַפן — געלט־פאַרדינסט איז זיכער נישט אונדזער ציל. מיר האָבן געוואָלט שאַפן אַ געזעלשאַפטלעך־נאַציאָנאַלן אָרגאַן, וועלכער זאָל רעאַגירן אויף דער געזעלשאַפטלעכן־סטאַטישן לעבן און אויסבעסערן עס אויף וויפיל ס׳לאָזט זיך נאָר. אַ שטיק וועג זענען מיר שוין אָפּגעגאַנגען: אונדזער אָרגאַן איז באַזירט, דער לעזער־קרייז פאַרגרעסערט זיך, די רייען פון אונדזערע סימפּאַטיקער ווערן געדיכטער, אין אַלע קרייזן פון דער קאַלישער באַפעלקערונג, ווי אויך אויף דער פּראָווינץ, ווערט אונדזער שריט באַגריסט. ס׳איז אַלזאָ געקומען די צייט, מיר זאָלן אַ ווייטערן עטאַפּ מאַכן, און מיר פּראָבירן טאַקע.

קאַליש פאַרנעמט אַ חשוב אָרט אין דער געשיכטע פון יידן אין פּוילן. מיר פאַרמאָגן אַ סך וויכטיקע אינסטיטוציעס און אַ ברייט אַנטוויקלט געזעלשאַפטלעך לעבן. דאָס אַלץ גענוגט אָבער נישט איצט, ס׳פעלט דאָס וויכטיקסטע פון אַ קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן. מיר זעען, ווי אונדזער יוגנט וואַקסט אויס ווילד, אָן וויסן און בילדונג. איר אידעאַל איז דער דזשאַזבאַנד, זיי זענען פּוסט און ליידיק, אָן וועלכן ס׳איז העכערן אידעאַל. ס׳פעלט זיי דער גייסטיקער שטאָף, וועלכער זאָל פאַרטיפערן זייער דענקען, פאַרברייטערן די אָנשויונגען און אויסברייטערן דעם בליק זייערן. דאָס זענען ״נשמות־ערטילאיות״, אָן העכערן פאַרלאַנג און טיפן זין, דעריבער בוקן זיי זיך צו אַלע פרעמדע געטער. מאַסנווייז אַנטלויפן זיי פון אוראַלטן קוואַל, זיי ווייסן גאָרנישט פון אונדזער רייכן עבר און ווילן נישט וויסן פון אונדזער צוקונפט־אידעאַל. האָט שוין ווער געפּרוווט אַלאַרמירן, כדי אַרויסצוראַטעווען די יונגע נשמות פון דער לייכטזיניקער הפקרות און געפערלעכע אַסימילאַציע? מיר האָבן אין דער הינזיכט נאָך גאָרנישט געטאָן, מיר זיצן מיט פאַרלייגטע הענט, צעבראָכן און פאַרצווייפלט, ווייל מיר אַליין שטייען אויך שוין פאַר דעם זעלבן תהום. אויך אין אונדזערע נשמות איז שוין לאַנג פאַרלאָרן דער לעצטער פונק פון אידעאַליזם. דאָס איז, נאַטירלעך, די ווירקונג פון עקאָנאָמישן חורבן; מיר פאַלן אונטערן שווערן לאַסט פון קריזיס. דאָס באַרעכטיקט אָבער נאָך ווייט נישט די אומגעהויער גרויסע גייסטיקע ירידה.

מיר, יידן, האָבן שוין ערגערע צייטן איבערגעלעבט. אונדזער לעבן און פאַרמעגן איז געווען מער הפקר ווי היינט. און דאָך האָבן מיר נאָך קיין מאָל נישט מפקיר געווען אונדזער גייסטיקן אוצר. אין די פינצטערסטע צייטן האָט אין אונדזער האַרצן נישט אויפגעהערט צו לייכטן דער ״נר־תמיד״. פאַרקערט, וואָס מער מיר זענען גערודפט געוואָרן, אַלץ מער האָבן מיר זיך פאַרפעסטיקט אין אונדזער גייסטיקער פעסטונג. איצט אָבער, ביים פאַלן פון אונדזערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס, גיבן מיר אַליין איבער דעם שונא אויך אונדזער גייסטיקע פּאָן. פאַר וואָס?

דאָס איז אַ פועל־יוצא פון אונדזער נייער פאַרטיידיקונגס־מעטאָדע. מיר זענען געוואָרן צופיל מאַטעריאַליסטיש, מיר בוקן זיך צופיל צום ״עגל־הזהב״, מיר האָבן אין גאַנצן אוועקגעוואָרפן די אַמאָליקע ראָמאַנטיק, אַזוי ווייט, אַז מיר פאַראַכטן שוין די באַנק־קנייטשער. דאָס איז דער אַלטער יידישער פעלער, מיר זענען צו עקסטרעם. ביז איצט האָבן מיר געלעבט נאָר אין ״עולם־החלמות״, איצט ווידער נאָר אין ביזנעס. און ווייל אונדזער איצטיקער גאָט פון ביזנעס און מאַטעריאַליזם ליגט פאַר אונדז צעבראָכן, זענען מיר אויך אין גאַנצן צעבראָכן, אָן אַ לעבנס־אָטעם, אָן אַ שטראַל פון האָפנונג, און דעריבער ווערט אונדזער טאָג־כראָניק באַרייכערט מיט זעלבסטמאָרדן.

ס׳מוז איין מאָל פאר אלע מאָל א סוף נעמען צו דעם אלעם! מיר טאָרן נישט לענגער ווארטן! איינציקווייז מוזן מיר ארייַנפירן דעם ייד צוריק אין זיין גייסטיקן חדר, מיר זאָלן ווידער ווערן דאָס "עם־הספר". מיטן שטארקן זיך פון אונדזער גייסטיקער פאָזיציע וועט פארשוווּנדן דאָס עצבות און פארצווייפלונג פון די עלטערע און דאָס הפקרות און פוסטקייט פון די ייִנגערע, אונדזער שיינע, אלטע, רייכע ליטעראטור איז נישט פאר אלע צוגעפאסט, איבערהויפט נישט פאר די, וועלכע שטייען שוין פארן אָפּגרונט פון פארצווייפלונג, הפקרות און אסימילאציע. דעריבער איז אונדזער הייסער אפּעל:

העלפט גרינדן א אידיש־העברעיִשע ביבליאטעק!

„קאלישער וואך" 6, יב בתמוז תרפ"ט 19.7.1929

בעל דבר

קאלישער שפיגעלע

מ׳הייסט ווארטן

כילא, ס׳איז דאָך שוין א באקאנטע זאך, ווי אזוי אָפיציעלע אינסטיטוציעס איילן זיך צו דערליידיקן אַן ענין, דעמאָלט ווען דער פּעטענט איז א ייד... האָט מען אפשר געקענט מיינען, אז דעמאָלט ווען דער ייד איז אזעלכער, וואָס האָט פארדינסטן פארן פאָטערלאנד, וועט מען שוין זיכער מיט דער גרעסטער שנעלקייט איילן זיך צו דערליידיקן זיין בקשה. האָט דאָך יענער געוויסע פארדינסטן, האָט דאָך יענער זיין געזונט מקריב געווען פארן לאנד! ווייזט זיך אָבער אויס, אז לא מיט א גרויסן אלף. האָט ער יאָ פארדינסטן, האָט ער נישט פארדינסטן — א ייד דארף זיין א סבלן און ווארטן...

אַן אָרעמער אינוואליד (דאָס פארשטייט איר דאָך אליין, אז דאָס "גליק" צו ווערן אַן אינוואליד האָט אויסשליסלעך אַן אָרעמאַן), פון דער שאָפּענא גאס, האָט באקומען א קאָנצעסיע אויף פּאפּיראָסן, און מיט גרויס מי איז אים געלונגען צו דינגען זיך א געוועלב, ווו דער אייגנטימער האָט זיך פארפליכטעט אָפּצולאָזן א האלב געוועלב פאר דעם פּאפּיראָסן־פארקויף. דער אינוואליד האָט דערלאנגט א בקשה אין אקציז אז: היות, ווי פלוני בן אלמוני גיט אים אָפּ א האלב געוועלב פארן פּאפּיראָסן־פארקויף, בכן, בעט ער, אז מ׳זאָל אהינשיקן א קאָמיסיע צו באשטימען אויב דאָס געוועלב איז אנטשפרעכנדיק פארן פּאפּיראָסן־פארקויף לויט די פאָדערונגען פון געזעץ.

דערלאנגט די בקשה, האָט דער דערמאָנטער אינוואליד גענומען ווארטן (א ברירה האָט ער?). געזען אָבער, אז דאָס ווארטן געדויערט שוין א ביסל צו לאנג און דערווייל קאָסט אים דירה־געלט פונעם געוועלב, און לעבן דארף מען דאָך אויך, האָט ער זיך מיישב געווען און געגאנגען פרעגן הלמאי עס דויערט אזוי לאנג? האָט מען אים געענטפערט: ס׳מוז נאָך דויערן, ער זאָל ווארטן... אפשר ווייסט איר, רבותי, ביז ווען?...

ציטרינען!... ציטרינען!...

גיי איך מיר אזוי איבערן נייעם מארק (ווי לאנג נאָך וועט ער נאָך זיין ניי?), און טראכט מיר אזוי וועגן יידישע פּרנסות, וואָס האָבן א ממשות ווי שניי אין תמוז, וועגן יידישע גליקן בכלל, און וועגן טאַרגשטייער בפרט. איך האָב מיר אזוי באטראכט די "טישן" מיט "סחורות", וועלכע טרעפן אָן חי־מאָל־חי און פון וועלכע "מ׳מאכט א לעבן" און מ׳מעלקט אָן א שיעור שטייערן, אָבראָטאָווע, דאָכאָדאָווע, און ווי נאָך זיי הייסן דאָרט.

— נישט אנדערש — האָב איך מיר געטראכט — אז היינט פאסירן גרעסערע ניסים ווי אין גאָר אלטע צייטן.

אזעלכע "גאָלדענע" געדאנקען האָבן מיר באהערשט ביים אָנבליק פון הערלעכן "וואַרן־פּלאַץ", וואָס רופט זיך דער נייער מארק.

און מיט אמאָל, ווי א באָמבע וואָלט ערגעץ אויפגעריסן, הער איך, ווי אין כאָר אויסרופן: — ציטרינען!... ציטרינען!... שיינע סחורה... 10 גראָשן א שטיק...

געוועקט פון מיינע געדאַנקען, האָב איך זיך האַסטיק געגעבן א דריי אום, און מיינענדיק, אז איך האָב בדעה עפעס צו קויפן, האָבן זיך אַלע א לאָז געטאָן צו מיר מיט ציטרינען אין די הענט. באַזונדערס איז צו מיר צוגעשטאַנען א יונג, חנעוודיק מיידל מיט חן־גריבעלעך אין די באַקן, דעם קאָפּ ארומגעבונדן מיט א שניי־ווייסע "מאַרישקע", פון וועלכע ס'האָבן זיך ארויסגעזען א וואַלד בלאָנדע לאָקן. צוטראַגנדיק מיר נאָענט א גרויסע שיינע ציטרין, האָט זי צוגעגעבן: — קויפט שיינע סחורה... קיינער האָט נישט אזא שיינע סחורה ווי איך... קויפט, ביליק... 10 גראָשן א שטיק...

אז כ'האָב זיך שוין געהאַט דערווייטערט פון די ציטרינען־הענדלער, איז מיר נאָך אַלץ געשטאַנען פאַר די אויגן די יונגע סוחרטע מיט די חן־גריבעלעך, און אין די אויערן האָבן מיר אָפּגעקלונגען:

— ציטרינען!.. ציטרינען!... שיינע סחורה... 10 גראָשן א שטיק...

אויך מיר א נייעס...

געהערט, אז אין קאַליש איז דאָ "נייס", בין איך הענדום־פּענדום געלאָפן זען דאָס דאָזיקע נייס. און אזוי לויפנדיק, האָט מיין פאַנטאַזיע אָן אויפהער געאַרבעט, און איך האָב אַלץ געוואָלט טרעפן וואָס דאָס קען זיין פאַר א נייס. איך האָב מיר געפּרוווט פאָרצושטעלן אין געדאַנק: אפשר עפּעס א כלל־טוער, וואָס קען א שייטל עברי, אָדער א יידישער גביר, וואָס גיט אויף א יידישן צוועק, צי גאָר א היגער מאַראַל־פּריידיקער, וואָס האַלט אליין פון מאָראַל, אָדער אפשר א קאַלישער נאַציאָנאַלער ייד, וואָס שעמט זיך נישט צו רעדן יידיש, וכדומה, נאָך אזעלכע אויסטערלישע זאַכן האָב איך מיר פאָרגעשטעלט אלס נייס.

אז כ'בין צוגעקומען נאָענט און געזען די גרויסע שילד אויף וועלכע ס'שטייט, מיט קידוש־לבנה־אותיות "נייס" (נאָוואָשטש), האָב איך זיך אַדורכגעשטופּט דורך דער ענגער מענטשן, וועלכע האָבן באַלאַגערט די "וויטטאַווע" פונעם נייעם געשעפט, און ס'האָט מיר א טיאַכקע געגעבן אין האַרצן... אָט, אָט, האָב איך געקלערט, און איך בין שוין ביים ריכטיקן אָרט און איך וועל אליין זען מיט מיינע אויגן דאָס "נייס", מיט וועלכן מ'האָט אונדז אַקאָרשט מזכה געווען.

אז כ'בין צוגעקומען צו דער "וויטטאַווע" האָב איך מיינע אויגן נישט געוואָלט גלויבן, און כ'האָב שיעור געוואָלט אויסשרייען:

— אָט דאָס איז דער "נייס", וואָס מ'האָט אזוי מבשר געווען דעם עולם?

שטעלט איך פאַר, וואָס איך האָב דאָרט געזען: געפילטע פיש, געפּעפּערטע פיש, היימישע פיש, און סתם פיש...

ביי אונדז יידן רופט אזא מין "נייס" ארויס א ביטול־שמייכל. ביי וועלכן ייד, איז דאָס א שטיקל פיש א נייס?

איך בין פון דאָרט אוועק אָן אנטוישטער, צוליב דעם, וואָס איך האָב אין דער ווירקלעכקייט געזען, איך האָב זיך אַלץ נישט געקענט באַרויקן, טראַכטנדיק דערביי: אויך מיר א נייס...

"קאַלישער וואָך" 5 (43)
י"ב בשבט, תרצ"א, 30.1.1931

ש. רובין

מיין שטאָט

האַלאָ, קאַליש!

דו ווערסט א שטאָט מיט שטעט צוגלייך! דיינע גרענעצן ווערן אויסגעברייטערט, דיינע חרובע גאַסן — צוריק אויפגעמויערט און פאַרשענערט, באַקומסט "וואָלקנקראַצערס" מיט גרויסע שימערירנדיקע שויפענצטער און פאַרביקע ליכט־רעקלאַמעס...

די פּוילישע לאַנדקאַרטע דאַרף זיך נישט שעמען מיט דיר...

אָט אַזוי טראַכט איך תמיד ווען איך לאָז זיך אויפן שפּאַציר.

אָבער דאָך, ביים גאַנצן רייסן זיך צום גרויסשטעטישן פּאַרנעם, ביי דער גאַנצער אַנטוויקלונג, פעלט אונדזער שטאָט די צעזונגענע דינאַמיק, ריטעם און הו־האַ פון גרויס־שטעטישע גאַסן און פּלעצער.

עס גלויבט זיך קוים, אַז אָט די אויף א גרויסן שטח צעוואָרפענע מויערן באַהאַלטן אין זיך א באַפעלקערונג פון 70 טויזנט נפשות.

א קליינע באַוועגונג אין די גאַסן, א פאַרשלאָפנקייט און אַפּאַטיע, ווי אין א פּראָווינץ־שטעטל...

★

אונדזער שטאָט האָט ערשטקלאַסיקע לאָקאַלן, צוקערניעס, קינאָס און אַנדער ערטער, ווו דער עולם קען גוט פאַרברענגען זיינע פרייע אָוונטדיקע שעהען. אָבער אומעטום ווערט איר באַמערקן איז פּוסט, ליידיק און שרעקלעך לאַנגווייליק.

דער עולם לעבט נישט, פאַרברענגט נישט, פטרט די אָוונטן אין די אייגענע ד׳ אמות מיט דער נאַטירלעכער שוין געוווינטקייט פון אַלטע אָפּגעלעבטע מענטשן, אָדער קליינע פּראָווינציעלע יונגעלייטלעך, וואָס האָבן נישט מערער אין אָוונט ווי דאָמינאָ צו שפּילן.

דער שלעכטער עקאָנאָמישער מצב לייגט אויף יעדער דערשיינונג זיין שטעמפּל. די קינאָס ווערן צומיינסט באַזוכט פרייטיק און שבת ווען אין טאַש געפינט זיך נאָך א קאַרגע זלאָטע. א גאַנצע וואָך ווערן די קינאָס זייער שוואַך באַזוכט. צי שוין זשע דאַרפן מיר אונדזערע שעהען נאָך דער אַרבעט אין א פּראָסטן מאָנטיק אָדער דאָנערשטיק נישט שענער און אָנגענעמער מאַכן?

און ווי זעט עס אויס אין אַנדערע ערטער?

איך געפין זיך אין א שיינער ליכטיקער צוקערניע. די מאַרמאָרנע טישלעך שטייען ווי שטומע עדות, וואָס דערציילן פון א שלעכטער צייט. עס פעלן די געסט, וואָס האָבן שטענדיק געפלעגט אָנפילן דעם לאָקאַל מיט אַזא יום־טובדיקער געמיטלעכקייט און היימלעכקייט.

און היינט?

ניין, דער עולם לעבט נישט היינט. געדולדיק טרייבט ער די שווערע דריקענדע שעהען פון זיינע אָוונטן, וואַרטנדיק אויף בעסערע טעג, וואָס וועלן אפשר קומען מיטן פרילינג.

★

10 אזייגער אויף דער נאכט. ווו קומען אהין אלע מענטשן? איז עס מעגלעך, אז דער צענטער פון שטאָט זאָל שוין אזוי פרי זיין פוסט? ווו זענען די אלע שטענדיקע "דעפּטאַק"־לייט, וואָס שפּאַצירן אויף דער "ליניע" אלעי־פילסודסקי?

מיין פריינד דערקלערט דאָס מיר פילאָזאָפיש. עס איז — זאָגט ער — די כאראַקטעריסטישע אָפּשפּיגלונג פון אונדזער צייט, פון דעם הערשנדיקן קריזיס. 10 אז. אויף דער נאכט שליסט מען די טויערן, איילט זיך דער עולם אהיים כדי זיך איינצובורגענען די 10 גר., וואָס דאַרף קאָסטן ביים עפענען א טויער...

איך צעלאַך זיך הויך אויפן קול.

— איר לאכט — זאָגט ער ווייטער — יאָ, ס'איז טאַקע א טרויעריקער וויץ. איך קען אזעלכע א סך...

עס איז ליכטיק אין די גאסן, עס פלייצט א סך גאז און עלעקטרישע ליכט אויף די אָפּגעליידיקטע טויטע טראַטואַרן. זעלטן ווען פליט פאַרביי א רווישיקער אויטאָ מיט א ליאַרעמדיקן סיגנאַל, וואָס דערמאָנט, אז ס'איז פאַראַן עפּעס אזוינס וואָס הייסט "לעבן".

★

ווי פאַרלאָזענע יורדים שטייען די דראָזשקעס אויף די ראָגן און וואַרטן צוזאַמען מיט זייערע בעלי־בתים אויף א "קורס", נאָר מ'זעט נישט קיינעם. די דראָזשקאַזשעס גענעצן פויל ארויף צו דעם אָפענעם כמורנעם הימל, און וואַרפן זיך פון צייט צו צייט איבער מיט ספּעציפישן דראָשקאַרשן לשון.

איינער א יונגער שייגעץ, אין וועמען עס שטראָמט א פּנים האסטיקער דאָס יונגע בלוט, קען נישט איינזיצן אויף דער קעלניע, קריכט אראָפּ און נעמט כאַפּן א טענצל מיט א צווייטן עלטערן גוי, און ווי ס'וואָלטן זיך ביידע אָפּגערעדט:

— עך, ברודערקע, נישטאָ קיין "יאַזדע"! זאָל עס א רוח אין טאַטנס טאַטן אריין! לאָמיר כאָטש טאַנצן ....

אין א פוסטן 11־אזייגערדיקן אויפדערנאכט\ קלאַפּן הויל אָפּ זייערע הילצערנע שטיוול. א טאַקסוווקע לויפט פאַרביי, זעען די דראָזשקאַזשעס מיט די בידנע פערדלעך נאָך נעבעכדיקער אויס. ס'דוכט זיך, אז זיי זענען שטאַרק מקנא דעם אויפגעקומענעם "מאָטאָראָווע פּריץ", וואָס לעבט זיך אָפּ א וועלטל אין ווילטאָג און בענזין...

עטלעכע דראָזשקאַזשעס צעשפּרייטן די הענט ווי פליגלען און קלאַפּן זיך אין די נומערירטע פּלייצעס אריין. ס'איז זיי קאַלט און אומעטיק, די דראָזשקאַזשעס, ווילן זיי א פּנים אויף אזא אופן עס ארויסקלאַפּן. ברר...

נישט איינעם בענקט זיך נאָך יענע "גוטע צייטן" — צו קענען א טרייב טאָן דעם "אָדלער" מיט אימפּעט אהין און צוריק צום וואקזאַל א 20 מאָל נאָכאַנאַנד...

"קאַלישער לעבן" (133) 11

י"ד באדר תר"ץ, 14.3.1930

ב. ח.

איך בין נישטא אין דערהיים

איר הערט! א מענטש דארף גאָרנישט זיין קיין פרייער, מען דארף קענען דרייען א וועלט!

אָט ווי איר זעט מיך, בין איך אויסגעטונקט אין חובות. איך בין פארזעצט, פארבאָרגט און פארמשכנט מיטן קאָפּ און מיטן גאנצן קנאק, נאָר איך האָב זיי אין ווארשע.

איי, וועט איך דאָך זאָגן, אז דער קצב קומט טרייבערן, אז דער שניידער טרענט די אָדערן און דער שוסטער דרייט א ספאָדעק: דאוואי געלט? — טו איך א טובה מיינעם א באקאנטן און איך נעם ביי אים א גמילות־חסדל.

נאָר נישט קיין פרייער. מען דארף קענען דרייען א וועלט.

אָבער די לעצטע צייט איז געוואָרן פאסקודנע. די בעלי חובות טרעטן נישט אָפּ פון שטוב. איך שטיי אויף אין דער פרי — זיי זענען דאָ: דזיען דאָברי!

איך זעץ זיך צום מיטאָג: סמאטשנעגאָ! איך גיי זיך לייגן שלאָפן: זעצן זיי זיך נעבן בעט און כאפן אויך א דרימל.

הכלל, עס איז מיר געוואָרן ענג! פאסקודנע! האָט זיך מישב געוועזן מיין ווייב, אז „פאנא ניעמא וו דאָמו" — איך בין נישטאָ, הייסט עס, אין דער היים.

בין איך אוועק פון שטוב און איך האָב אָנגעהויבן אָפּצוריכטן גלות־חובות. עס איז מיר געוואָרן א מחיה. איך זע נישט אָן א בעל חוב פאר די אויגן.

איז אָבער א נייע צרה. מיין אייגן ווייב האָט מיך אָנגעהויבן צו זוכן. איך בין איר אויך א בע"ח זאָגט זי. ס'גייט פסח. זי דארף א קלייד, א שוך, מצה, בוראקעס און אנדערע שאר־ירקות. איר הערט דיבורים פון אן אייגן ווייב? ערגער ווי א פרעמדע. האָב איך אָפּגעמאכט ביי מיר, אז אויס: איך בין נישט אין דער היים. גייט זי אריין דורך איין טיר, גיי איך ארויס דורך דער צווייטער.

מען דארף נאָר נישט זיין קיין פרייער.

ביי נאכט קוק איך אריין דורכן פענצטער און, אז איך זע, אז זי שלאָפט, כאפ איך זיך אריין אין שטוב און איך שפאר זיך צו אין די זאכן.

אז ס'ווערט טאָג — בין איך שוין ווידער אין דרויסן. מען דארף קענען דרייען א וועלט.

און מיין ווייב, מיין אייגן ווייב, לויפט ארום איבערן שטאָט און זי זוכט מיר ארום פונקט ווי אלע פרעמדע.

אז איר וועט איר זען, זאָלט איר איר זאָגן, אז איך לאָז זי גריסן.

נאָר אין שטוב קום איך נישט. איך בין נישטאָ אין דער היים.

קאלישער לעבען (87) 5
ערב פסח תרפ"ט, 24.4.1929

יעקב ליטמאן

ווי לאנג וועלן מיר נאךווארטן?

ס איז שוין מערערע מאָל געשריבן און גערעדט געוואָרן וועגן דער שעדלעכקייט פון די נישט יידישע שולן פאר יידישע קינדער. מיט יעדן יאָר פארשפרייט זיך מער די קראנקייט און נעמט ארום וואָס א מאָל ברייטערע קרייזן פון אונדזער יוגנט, וועלכע ווערן אָפּגעריסן אין גאנצן פון יידישן מקור, פארפרעמדט און קעגנעריש צו אונדזער גרויסן גייסטיקן אוצר. ס׳בלוטיקט דאָס הארץ צוזעענדיק ווי אונדזער יוגנט ווערט פארלוירן פאר אונדז, פאר אונדזערע הייליקייטן און פאר אונדזער צוקונפט. אמאָליקע יידישע טאטעס האָבן אליין געשאָכטן זייערע קינדער, כדי זיי זאָלן נישט ארייַנפאלן אין גויישע הענט; היינטיקע טאטעס פירן אליין אריין זייערע קינדער אין דעם אסימילאציע־קעסל, פון וועלכן ס׳ווערט, חלילה, קיין ייד נישט ארויסקומען מער.

ווי לאנג נאָך וועלן מיר שווייגן? אין מדרש איכה ווערט געזאָגט: ס׳זענען פארטריבן געוואָרן די סנהדרין, די כהנים, דאָס פאָלק, איז די שכינה נאָך געבליבן ביי יידן: "כיון שגלו תינוקות של בית־רבן", ווען די שול־יוגנט איז פארטריבן געוואָרן פון איר היים — "גלתה שכינה עמהם", איז אוועק פון די יידן די "שכינה". ווי קענען מיר דולדען די גרויסע מאָראלישע ירידה, צוזעענדיק, ווי אונדזער יוגנט ווערט איבערגעגעבן צום "מולך" פון אסימילאציע און שמד ר״ל.

עס געפינט זיך דאָ נישט קיין פּראָטעסט פון א יחיד אָדער אן איינצלנע אינסטיטוציע. צו דער רעטונגס־אקציע מוז גאנץ קהל מאָביליזירט ווערן!

אונדזער פאָדערונג איז אלזאָ: דער ראבינאט אָדער די יידישע גמינע זאָל איצט, פארן נייעם שול־יאָר, רופן אַן אלגעמיינע פארזאמלונג פון אלע חברות, פאראיינען און אינסטיטוציעס, כדי צו געפינען געמיינזאם א רעטונג פאר די פארלוירענע נשמות.

מיר פארשטייען: דער עקאָנאָמישער קריזיס פאריאָגט אונדזער יוגנט אין די בחינמדיקע שולן, ס׳מוז אלזאָ געשאפן ווערן א קאָמיטעט פון אלע עקזיסטירנדיקע שולן אין אונדזער שטאָט, וועמענס אויפגאבע עס זאָל זיין צו דערמעגלעכן פאר א מינימאלן פרייז דער צוטריט אין די יידישע שולן. מיר האָבן נאָך פארשידענע רעטונגס־פּראָיעקטן. ביי א גוטן ווילן און פארשטענדעניש קענען זיי האָבן א ווירקונג. מיר וועלן מאכן פאראנטוואָרטלעך דעם ראבינאט און די קהילה, אויב זיי וועלן נישט תיכף זיך אָפּרופן וועגן דעם.

"קאלישער וואָך" 20
י״ד באב תר״ץ, 8.8.1930

אתרוגים פון ישראל

צו דער יידישער בעפעלקערונג אין קאליש

שוין מיט 40 יאָר צוריק האט דער באוווסטער גאון ר׳ יצחק אלחנן זצ״ל (קאוונער רב) צוזאמען מיט פיל אנדערע גדולי־הדור פארעפנטלעכט א איסור אויף די קאָרפער אתרוגים — אַז זיי זענען פסול און מען דארף אויף זיי קיין ברכה מאכן.

אין מיינעם א בריוו, וועלכער איז דעמאלט געדרוקט געווארן אין אלע יידישע צייטונגען, האב איך אנגעוויזן, דאס אויסער דעם חשש־מורכבים, טאר מען נישט נוצן קיין שום אנדערע אתרוגים אין דער צייט ווען עס איז דא אתרוגים פון ארץ־ישראל, פון יידישע פלאנטאציעס, אזוי ווי מיר געפינען אין ״ספרי״ (ויקרא כ״ה) ״כל מה שאתה קונה יהא מעמיתך״ — אלץ וואס דו קויפסט, זאָלסטו קויפן ביי דיין חבר. און דאס איז געווען אין דער צייט ווען דער יידישער ישוב אין ארץ־ישראל איז נאך געווען זייער קליין, דער רוב אתרוגים־גערטנער זענען נאך געווען אין אראבישע הענט, און דער הידור פונם ארץ־ישראל־אתרוג איז נאך פיל נידעריקער געשטאנען ווי דער קארפורער אתרוג. אבער אין דער היינטיקער צייט, אז מיר האבן ב״ה זוכה געווען, אז דער גרעסטער טייל פון די אתרוגים־גערטנער געפינען זיך אין ארץ־ישראל אין יידישע הענט, געפלאנצט און קולט־ווירט מיט מסירת־נפש דורך די ארבעט און שוויס פון טויזנטער פון אונדזערע ברידער, ביי וועלכע מ׳האט מקיים געווען אלע מצוות התלויות בארץ, און אויך אין דער אויסערלעכער שיינהייט קענען זיי קאנקורירן מיט די שענסטע קארפורער אתרוגים — היתכן, אַז עס זאל זיך נאך געפינען א ייד מיט אַן אמת יידיש געפיל, וועלכער זאל זיך נאך היינט איינרעדן, דאס מען קען מקיים זיין מצוות ״ושמחתם לפני ד׳ אלקיכם״ מיט אן אתרוג, וועלכער שטאמט נישט פון אונזער הייליק לאנד, נישט פון אונדזערע ברידער, נאָר פון דער פרעמד, פון אונדזערע שונאים, און האט נאך א חשש־פסול.

איך ווענד מיך דעריבער, צו אייך, מיינע ליבע ברידער פון קאליש, געדענקט, אַז שוין מיט א דור צוריק האט דער היגער הרב הגאון בעל נפש־חי׳ זצ״ל, אוועקגעלייגט אזוי פיל מי און קאסטן, כדי צו באזייטיקן די קארפורער אתרוגים און איינפירן די ארץ־ישראל־אתרוגים, ווי קענט איר נאך אין די היינטיקע צייטן איגנארירן דעם פסק פון אייער דעמאלטדיקן גרויסן רב זצ״ל ?

ברענגט נישט אין אונדזער קהילה אריין אתרוגים פון פיינדס לאנד, נאָר פון אונדזער הייליק לאנד, און דערמיט וועט איר שטיצן דעם יידישן ישוב אין ארץ־ישראל און שטארקן די ארבעטס־קראפט פון יידישע הענט, און איר וועט ברענגען א ישועה פארן גאנצן כלל ישראל.

צו אייך, אתרוגים־סוחרים אין קאליש, ווענד איך זיך מיט דער ביטע, און בין אייך מזהיר, אז איר זאלט נישט מכשיל את הרבים זיין, ברענגט נאָר אתרוגים פון אונדזער הייליק לאנד א״י, ובזכות הזאת, וועט מען זוכה זיין ״לעלות לציון ברנה״, און זיך פרייען ״על הר הקדש בירושלים״.

המברכים בכתיבה וחתימה טובה

הרב יחזקאל ליבשיץ

״קאלישער וואך״ 26

כ״ו אלול תר״ץ, 19.9.1930

בר־סבה

א הערצל־פייערונג

(זכרונות פון א שומרישער קאָלאָניע)

תמוז, א הייסער זומערדיקער טאָג. דער הימל איז קרישטאָל־ריין. קיין שום וואָלקנדל באדעקט נישט דעם העלבלויען האָריזאָנט.

עס זעט אויס, ווי די נאטור אליין וואָלט זיך מכין געווען, אנגעטאָן זיך יום־טובדיק לכבוד דעם הייליקן טאָג.

אין דער מחנה איז א גערויש, א געפילדער. 100 כפירים פאָרען זיך שנעל. עס הערשט אן אָנגעשטרענגטע שטימונג.

און פלוצים — שטיל — הקשב!

דער טרומייטער טרומייטערט שטיל. טרויעריק פארשפרייטן זיך די טענער — און ער ענדיקט מיט א לאנגער תרועה —

היינט איז הערצלס יאָרצייט!

און אין א ווײלע ארום שטייט א גרויסע מחנה יידישע קינדער, אין ווייסע בלוזן מיט שומרישע קראוואטן, די פירער אין דער שפיץ, די פענער פלאטערן ארונטערגעלאָזט ביז אין דער העלפט — הקשב!

דער ראש המחנה לייענט דעם הוראת היום — דעם טאָג־ראפּאָרט, און אין דער ארומיקער שטילקייט קלינגען וווייט אָפּ די העברעישע מיטן ספרדישן אקצענט ארויסגעזאָגטע ווערטער אויף דעם האָריזאָנט פון דער פוילישער לאנדשאפט.

עס דאכט זיך, אז הערצל — די פיגור, וואָס שטייט אויף דעם באלקאָן פון דעם באזעלער קאָנגרעס־הויז — קוקט אַראָפּ אויף דער יונגער דאָ פארזאמלטער מחנה און שמייכלט. פארחלומט שטארן די קינדערשע אויגן.

עם ישראל חי! עמך ישראל יבנה!

א התלהבותדיקע האָרא איז די תשובה אויף דער הוראה!

"שומרים יבנו הגליל!" — קלינגט עס צום ערשטן מאָל אין דעם פארוואָרפענעם פוילישן דערפל.

עס שפירט זיך א יוגנטלעכער כוח, עס שפירט זיך אן אייזערנער ווילן.

— אנו נבנה יהודה! אנו נבנה הגליל!

אויף דער נאכט. דער הימל פארכמורעט זיך. אויפן פעלד ליגן אָנגעלייגט סנאָפּעס פון פרישן געשניטענעם קאָרן, אין היגטערגרונט ציט זיך אן אלעע פון קארשן־בוימער. אָט אויף דער גרענעץ צווישן דעם פעלד און דער אלעע הענגט אויף א ספעציעלן פאסטומענט, אויפגעבויט פון גרינס, דאָס בילד פון הערצל.

פון בידע זייטן ליגן סנאָפּעס, און פון פאָרנט — אקערבוי־מכשירים.

דאָס גאנצע בילד איז באלויכטן פון צוויי מדורות, צוויי פייערן, וואָס וואַרפן א רויטן שיין הן אויף דעם בילד, הן אויף די דעפּילירנדיקע כפירים.

שטיל ציען זיך הונדערטער יידישע קינדער, קוקנדיק אָנגעשטרענגט איינער נאָכן אנדערן אויף דעם הערלעכן פנים פון מנהיג.

און שטיל שפילט די פידל. די מעלאָדיע "בתל־חי" צעגיסט זיך איבערן פעלד. די אומעטיקע טענער האַרמאָנירן מיט דער סביבה.

און פלוצלינג א שאָס!

א גרויס העל פייער האָט ארויסגעשטויסן אין מיטן פעלד. דאָס האָבן די כפירים אונטער־געצונדן די פון פריער צוגעגרייטע מדורה.

און אין א ווײלע ארום שטייט די גאנצע מחנה אין א קרייז ארום דעם פייער און דער מנהיג רעדט:

ער דערמאָנט די יידישע לאגע אין גלות, ער דערמאָנט די פרייהייטס־קעמפער פונעם

יידישן פאָלק, די חשמונאים, מכבים, די מאַרטירער אויפן אויטאָ־דא־פע אין שפאַניע, בנימין זאב הערצל, די חלוצים־שומרים... און ער שליסט דערמיט, אז דער היינטיקער טאָג פון כ׳ בתמוז איז פון א טרויער־טאָג אין א שמחה פארוואנדלט געוואָרן, א שמחה דערפון וואָס מ׳האָט אין דעם יאָר געשאפן, וואָס מען איז איין טריט נענטער צום ציל.

דאָס פייער צעפלאקערט זיך, מעטער־הויך שיסן די פלאמען.

און א מחנה פון יונגע, די הענט צוזאמענגעפלאָכטן, די הענט צעבראסטעט, די קעפ פארוואָרפן — טאנצט! טאנצט בלב ונפש! טאנצט מיט דעם גוף און נשמה! מי יבנה? אנו נבנה!...

פונקען שפרינגען פון פייער. א רויטע לבנה באדעקט שוין דעם הימל, שעהען רוקן זיך. עס איז שוין חצות, און יידישע קינדער טאנצן אין טאָג פון כ׳ בתמוז דעם טאנץ פון נצחון...

קאַלישער וואָך 7
י״ח בתמוז תרפ״ט, 26.7.1929

מ. ב.

דער ל״ג בעומר־אויספלוג

דער ארויסמארש

זונטיק, אין טאג פון אויספלוג, האָבן זיך שוין פון 6 אין דער פרי געוויזן אויף אלע גאסן איילנדיק פארשידנארטיקע יוגנט מיט זייערע ספעציעלער אוניפארם־קליידונג, גייענדיקע יעדער אין זיין ארגאניזאציע אריין.

פינקטלעך 7 פרי האבן זיך אלע יוגנט־ארגאניזאציעס געפונען אויפן פארזאמלונגס־פונקט אין גרויסן הויף ביים לאקאל פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אל. יוזעפינא 21.


7.15 האט דער צוג, אונטער דער אנפירונג פון ה׳ דוד וואָלקאָוויטש, אנגעהויבן רירן פון ארט. דער צוג האט אונטער די מוזיק־קלאנגען פון ״השומר הצעיר״ אויסגעזען הערלעך און אימפאזאנט. דאס לויטערע שיינע וועטער און די בלישטשענדיקע זון האט דעם צוג צוגעגעבן א באַזונדערע פראַכטיקייט און אויפמונטערונג. דער צוג איז געגאנגען דורך די גאסן: אל. יוזעפינא, פילסודסקעגא, ווארשאווסקא און טורקער שאסיי גלייך נאך וויניארי. אין אויספלוג־מארש האבן זיך באטייליקט פאלגנדיקע ארגאניזאציעס מיט זייער פענער: די ציונ. ארגאניזאציע, ״מרכז״, ״חלוץ המרכזי״, ״השומר הצעיר״, יידישע גימנאזיע, ״החלוץ הצעיר״ און ״גורדוניה״.

אין וואלד

ארויסקומענדיק אין וויניאר־וואלד האבן זיך די גרופן פאנאנדערגעשטעלט, יעדע איינע האט זיך אפגענומען אירס א פונקט אין וואלד, ווו זיי האבן אויפגעשטעלט זייערע ״געצעלטן״ און אדורכגעפירט דעם ל״ג בעומר־טאג לויט איר פון פריער אויסגעשריבענעם פלאן.

יעדער האט געקענט באמערקן, אז אין אלע גרופן פון די יוגנט־ארגאניזאציעס הערשט א מוסטערהאפטע און דיסציפלינירטע ארדענונג. דאס האט אויך געגעבן דעם בעסטן באווייז, אז אין די אלע ארגאניזאציעס איז מען נישט יוצא מיטן בלויזן טאנצן א ״הורא״ ווי די ״גאס״ פלעגט מאנכעס מאל אויפנעמען. ניין, דארט ווערט אפגעטאן א קאלאסאלע וויכטיקע נאציאנאלע ציוניסטישע ארבעט. מען נארמאליזירט און אנדערשט איבער פיזיש און פסיכיש דעם גאנצן מהות פון גלות־ייִד. אזא ארבעט קאן האבן א ווירקונג דעמאלט ווען מען הייבט זי אָן באלד פון דער יוגנט אָן.

ביי אייניקע גרופעס זענען געהאלטן געווארן רעדעס מעניני דיומא, אין צוזאמענהאנג מיט דער איצטיקער אויפגעהאלטענער עמיגראציע קיין א״י. זייער שארפע רעדעס האבן געהאלטן



י. ליטמאן ביים ״ברית טרומפעלדאר״ און ח. פאלאטש ביים ״חלוץ המרכזי״. עס איז געזאגט געווארן, אז דאס פארמאכן די טויערן וועט נישט העלפן, מיר וועלן זיך אדורכרייסן דורך די שפארעס.

א גאנצן טאג איז אויפן שאסיי געווען אן אומגעהויערע באוועגונג פון דראזשקעס, סאמאכאדן און ראָווערן, וואס האבן צוגעפירט באזוכער, אבער נאָך מער זענען געווען ״פיעכאָטניקעס״. אלעם האט געצויגן צום וואלד קיין וויניאַרי. די צאל באזוכער ווערט אפגעשאצט ביז 2 טויזנט. דער עולם איז געווען א פארשידנארטיקער, פון אלע קלאסן. איבערהויפט זענען געווען עלטערן פון די קינדער וואס געהערן צו די יוגנט־ארגאניזאציעס. זיי האבן, כאטש איין מאָל אין יאָר, געהאט די געלעגנהייט צו זען אין וואס עס באשטייט די ארבעט פון דער ארגאניזאציע, צו וועלכער זייערע קינדער זענען אזוי צוגעבונדן.

אויך הײַ־יאר איז געווען אין וואלד א בופעט פון ה׳ קעמפינסקי, ווו דער עולם האט זיך געקענט דאס הארץ אונטערלענען. מען מוז צוגעבן, אז ה׳ קעמפינסקי איז צוגעפאסט מיט זיין בופעט ביי אזעלכע אויספלוגן מיט זיין גוטער באַהאנדלונג און די ביליקע פרייזן.

צום באדויערן האט פאסירט א פארפאל מיטן יונגנמאן גאטליב, א דרוקער־ארבעטער. אין אַן אפגעלעגן ארט פון וואלד, זייענדיק איינער אליין, האט א קריסטלעכער אויסוווּרף אים מיט א שטעקן א שטארקן קלאפ געגעבן אין קאפ און שטארק פארוווּנדעט. די סאניטארן פון דער יוגנט האבן דעם שווער־פארוווּנדעטן געגעבן באַלדיקע הילף און אפגעשיקט אין שפיטאל אריין.

דער צוריקמארש

פונקט 7 אזייגער פאר נאכט זענען אלע ארגאניזאציעס געשטאנען גרייט צום צוריק־מארש און לויט א קאמאנדע פון צוג־פירער האט די מחנה אנגעהויבן רירן פון ארט.

די שטימונג פון די מארשירנדיקע איז געווען א יום־טובדיקע און זיי האָבן געזונגען. דער גאנצער וועג איז באלייגט געווען פון מענטשן, וואס האבן באגלייט די מאניפעסטאציע.

8 א זייגער איז דער מאַניפעסטאַציע־צוג אנגעקומען אין שטאָט. שוין 2 קילאָמעטער הינטער די שטאָט האָבן דעם צוג אָפּגעוואַרט הונדערטער מענטשן, וואָס ווייטער האָט זיך דער עולם אַלץ מער פאַרגרעסערט. עס זענען געוואָרפן געוואָרן בלומען און פאַרשידענע אויסרופן. אויף אַלע גאַסן, ווו דער צוג איז דורכגעגאַנגען, איז פול געווען פון מענטשן, וועלכע האָבן מיט שטאָלץ און צופרידנקייט זיך צוגעקוקט צו דעם אימפּאַזאַנטן מאַרשירנדיקן צוג. דער מאַרשרוט איז געגאַנגען לויט פאָלגנדיקע גאַסן: באַבינאַ, נייער־מאַרק, טשאַסנאַ, נאָוואַ, זלאָטאַ, פּילסודסקעגאָ און אל. יוזעפינאַ צום גרויסן הויף ביי דער ציונ. אָרגאַניזאַציע.

צום שלוס איז אין זעלביקן הויף פאָרגעקומען א גרויסאַרטיק שיינע און אימפּאַזאַנטע דעפילאַדע פון אַלע מאַרשירנדיקע און אַלע גרופּן זענען זיך דאַן צעגאַנגען — יעדע אין איר אָרגאַניזאַציע.

„קאַלישער וואָך" 10

כ"ה אייר תר"ץ, 23.5.1930

רושם

די ל"ג בעומר אויספלוגן

די אַלע יאָר, האָט אויך דאָס די היגע ציוניסטישע יוגנט פון פאַרשידענע גרופּירונגען איינגעאָרדנט ל"ג בעומר־אויספלוגן.

באַלד 7 אין דער פרי, האָט דער „ברית טרומפּעלדאָר", אונטער די קלאַנגען פון אָרקעסטער, אָפּמאַרשירט פון זייער לאָקאַל נאָך ליסאַ, טראָגנדיק שטאָלץ די ציוניסטישע ווייס־בלויען פאָן. כמעט אַלע טרומפּעלדאָראָווצעס זענען געגאַנגען אין ברוינע מונדירן. עס זענען אויך געקומען די טרומפּעלדאָראָווצעס פון סטאַווישין. בכלל האָט דער צוג געמאַכט א גוטן איינדרוק. דעם צוג האָט געפירט ה' גרויזאַלץ.

כמעט אין דער זעלבער צייט האָט דער „השומר הצעיר", צוזאַמען מיט „החלוץ המרכזי", „גורדוניה" און „החלוץ הצעיר", געמאַכט זייער טראַדיציאָנעלן אויספלוג נאָך וואַליצאַ (ליסאַ). דער דאָזיקער צוג איז געגאַנגען אונטער די קלאַנגען פון פעלד־מוזיק־טראָמפּייט און פּויק. דער צוג איז געווען צאָלרייך, און האָט פאַרנומען א גענוג גרויסן שטח. דער מאַרש איז געווען א מוסטערהאַפטער, הגם עס האָבן אין אים אָנטיילגענומען א שיין ביסל גאָר יוגנטלעכע. טראָץ דעם וואָס אין דער פרי האָט זיך נישט אויסגעוויזן קיין איבעריק שיין וועטער, האָט עס נישט געשטערט, אַז די יוגנט זאָל גיין מיט פולן שטאָלץ און מיטן קאָפּ אַרויף. עס איז אויך כאַראַקטעריסטיש, וואָס די יוגנט קלייבט אויס גראַד דעם ליסאַ־וואַלד, וואָס ליגט 6 קילאָמעטער ווייט פון דער שטאָט.

קומענדיק אין וואַלד אַריין האָט יעדע גרופּע פאַרנומען איר באַזונדער אָרט, אַרומצוימענדיק מיט שטריק, אויפשטעלנדיק זייערע געצעלטן, און אָדורכגעמאַכט דעם גאַנצן טאָג־פּראָגראַם, וואָס יעדע גרופּע האָט זיך אָנגעצייכנט.

אויף דער שויס פון דער פרייער נאַטור האָט די יוגנט זייער גוט פאַרבראַכט צווישן די פאַרשידענע שפּילערייען און ספּאָרט־פאַרווײַלונגען און אויך מיט אַן אַנטשפּרעכנדיקער אויפקלערונגס־אַרבעט מעניני דיומא מצד די עלטערע אָנפירנדיקע חברים.

א גאַנצן טאָג זענען פון שטאָט געקומען פיל געסט, וועלכע זענען אָפּגעוואַרט געוואָרן דורך דער יוגנט מיט די בלוי־ווייסע פּושקעס און זיי האָבן געזאַמלט פאַרן קרן קימת לישראל.

אַזוי ווי אַלע מאָל, אַזוי איז אויך הייאָר געווען א בופעט פון ה' אפרים קעמפּינסקי, וועלכער האָט זיין ספּעציאַליטעט און אייגנשאַפט זיך צוצופּאַסן צו אַזאַ אויספלוג. עס זענען אויך געווען די וועגעלעך מיט „לאָדעס", וועלכע האָבן כמעט פאַרקויפט זייער גאַנצע ביסל „סחורה". עס איז געווען כאַראַקטעריסטיש צו באַמערקן ווי ליאַדע־פאַרקויפער, נישט־יידן, זענען געווען באַשטאָכן מיט א קרן־קימת־בלעטל אויף דער קלאַפּע.

פאר נאכט האָבן די ערשטע די טרומפעלדראָוועס צוריקמארשירט. הינטער דער שטאָט האָט דער אָרקעסטער אָנגעהויבן שפּילן. אין שטאָט האָט זיי אָפּגעוואַרט א גרויסער עולם עלטערן פון קינדער און פארפילט אלע גאסן מיט צושויער.

מיט א שעה שפּעטער איז אָנגעקומען דער צווייטער צוג מיט אָנגעצונדענע שטורקאצן, זינגענדיק א גאנצן וועג שומרישע און חלוצישע לידער. קומענדיק נאָענט צו דער שטאָט. האָט זיך ווידער געלאָזט הערן די סיגנאַליזאציע און די טענער פון שומרישן אָרקעסטער, וועלכער האָט אָפּגעפירט די מחנה איבער דער שטאָט ביז צום "קן השומרים".

"קאלישער וואָך" (56) 18

כ"ח אייר תרצ"א, 15.5.1931

שבתי בוקי

איפכא מסתברא

עס איז א כלל אין געזעלשאפטלעכן און סוחרישן לעבן, אז מען ארבעט א גאנץ יאָר, און איין חודש מאכט מען פעריען. אונדזער גמינע אָבער זאָגט: איפכא מסתברא, א גאנץ יאָר פעריען, און איין חודש קומט מען זיך צוזאַמען כדי צו פּראָבירן, וועלכע פּארטיי איז שטארקער און קען מאכן מה שלבם חפץ. אזוי אָבער ווי עס איז נישטאָ אין דער גמינע צו וועמען צו רעדן, ווייל דער פּאָרזיצער דערקלערט, אז ווען דער בודזשעט איז באשטעטיקט, איז א גאנץ יאָר נישטאָ וואָס צו שטעלן אויף א טאָג־אָרדענונג, און דעריבער קען ער די ראטמענער נישט רופן צו א זיצונג — מוז איך זיך צו דער גמינע שריפטלעך ווענדן.

איך וויל געבן א פּראָיעקט, וועלכען וועט אלע פארטייען באפרידיקן. עס ווייסט יעדער די אומאנגענעמע לאַגע פון די יידישע סוחרים און אויך פּריוואט־מענטשן. ווען עס קומט דאָנערשטיק אָדער ר"ח הייבן זיך אָן צו שיטן אומצייליקע אָרעמעלייט. ווו דער סוחר דאַרף א פּאָר גראָשן לייזן, לאָזט מען אים נישט צו רו, איין פארטיע גייט ארויס און די צווייטע קומט אריין, אזוי גייט עס א גאנצן טאָג. אין א פּריוואטער וווינונג מוז ווידער שטיין א משרת און יעדן אויגנבליק די טיר עפענען און צומאכן, דען עס האָט אויך געטראָפן, אז דורך די קליענטן ווערט עפּעס נעלם פון קארידאָר אָדער פון דער קיך מן הבא בידם.

פאר וואָס זאָל מען נישט איין מאָל דאָס אָרדענען? עקזיסטירט דען די גמינע נאָר צו באלאסטן די יידישע באפעלקערונג און נישט מיט עפּעס צו פארלייכטערן? מען האָט אייגנטלעך שוין דעריבער איין מאָל גערעדט, אָבער עס איז נישט געקומען צו קיין רעזולטאט.

איך פּראָיעקטיר: מיט דער דערלויבעניש פון דער גמינע זאָלן געווילט ווערן מענטשן, אזוי גוט ווי עס געפינען זיך אין אונדזער שטאָט פארשידענע חברות. די מענטשן זאָלן שאפן א קופּת צדקה, יעדער סוחר און אויך יעדער בעל־בית וועט בתשואות חן גערן געבן א מאָנאטלעכן אָפּצאָל, ער זאָל באפרייט ווערן פון די אומאָנגענעמע געסט.

עס זאָלן רעגיסטרירט ווערן אלע היימישע בכבודיקע אָרעמעלייט, און עס זאָל וואָכנטלעך אָדער מאָנאטלעך זיי אויסגעצאָלט ווערן ביי דער חברה הכנסת אורחים, ווו עס געפינט זיך א באאמטער וואָס קען דאָס אויך דערליידיקן.

פרעמדע אָרעמעלייט זאָלן באקומען אָפּפארטיק־געלט, זיי זאָלן קענען באלד ווייטער גיין אין א פרעמדער שטאָט. דערביי וועט אויך א סך פּראָפיטירן די הכנסת אורחים, ווייל דער פרעמדער וועט נישט דארפן בלייבן אייניקע טאָג נעכטיקן אין הכנסת אורחים.

דאָס איז שוין איינגעפירט אין א סך שטעט אין פּוילן און עס איז אויך לייכט אדורכצופירן אין אונדזער שטאָט, און איך בין זיכער, אז אלע בעלי בתים וועלן דער גמינע פאר דער אָרדענונג און דערלייכטערונג זייער דאנקבאר זיין.

קאלישער וואָך 22

כ"ח באב תר"ץ, 22.8.1930

ש. ק.

ראש־השנה תרצ״ב

היי־יאָריקער ראש־השנה איז געשטאַנען אונטערן צייכן פון דער קריזיס־צייט. עס איז גאַנץ שוואַך געווען צו באַמערקן די פאַר־און יום־טוב שטימונג. מען האָט דאָס געקענט זען סיי אין די געשעפטן, וואָס האָבן אויסגעקוקט אויף יום־טוב־לייזונג, און האָבן, אין פאַרגלייך מיט אַן אַנדער יאָר, ווייניק געלייזט. אויך אין די בתי תפילות און בתי מדרשים, איז דאָס פאַרדינגען פלעצער צום דאַווענען היי־יאָר געווען פיל שוואַכער, גאָר פשוט דערפאַר, וואָס נישט יעדער האָט געהאַט די מעגלעכקייט צו דינגען זיך א פלאַץ צום דאַווענען. בכלל איז די שטימונג געווען א געדריקטע, און צו דעם האָט נאָך צוגעהאָלפן דער רעגן, וואָס האָט גורם געווען אויף דער נידערגעשלאָגנקייט פון געמיט. דאָס האָט זיך געלאָזט פילן באַלד אין דער ערשטער נאַכט יום־טוב. ס׳האָט געפעלט דער ענטוזיאַזם און די געוויינלעכע פריילעכע יום טוב־שטימונג, ווען איינער דעם צווייטן ווינטשט זיך האַרציק ״לשנה טובה״. ווי אַלע מאָל איז אויך היי־יאָר געווען א עולם פון פאַרשידענע בעלי־בתים ווינטשן ביים היגן רב שליט״א ר׳ יחזקאל ליבשיץ, וועלכער האָט געהאַלטן א דרוש.

אין בית הכנסת הגדול האָט די ביידע טעג יום־טוב געדאַווענט דער חזן ה׳ באַניופקא, כאָטש דעם ערשטן טאָג א ביסל שוואַכער, אַזוי ווי עס פלעגן זיך פירן די אַלע בעסערע חזנים, דערפאַר האָט ער אָבער זייער שיין געדאַווענט דעם צווייטן טאָג ביי א פול געפאַקטער שול. מען איז אים געקומען הערן פון אומעטום און אַלע זענען פון זיין דאַווענען געווען צופרידן.

אין דער נייער סינאַגאָגע האָט דער קאַנטאָר ה׳ קאָוואַלסקי מיט זיין לייבן־שטימע און התעוררות שיין געדאַווענט, אָבער די שול איז נישט געווען אַזוי געפאַקט ווי אַלע מאָל, מעגלעך דערפאַר וואָס עס האָט געפעלט דער כאָר מיטן דיריגענט קראָטיאַנסקי.

אין ״התאחדות״, ווו עס האָט געדאַווענט ה׳ שאול זאַלודקאָווסקי, איז דער עולם באַלד דעם ערשטן טאָג ראש־השנה נאָך זיין ערשטן דאַווענען געוואָרן באַצויבערט. זיין דאַווענען האָט באַלד געגעבן א גרויסן אָפּקלאַנג אין דער שטאָט, אַזוי, אַז צו מעריב האָבן אַהין געשטראָמט פיל מענטשן, וועלכע האָבן זיך פשוט אריינגעריסן. דעם יונגן ה׳ זאַלודקאָווסקי מוז מען זאָגן ״בראַוואָ״. מיט זיין דאַווענען איז דער פאָטער זיינער, ר׳ נח ז״ל, אויפגעשטאַנען ״תחית המתים״. זיין דאַווענען איז געווען פולשטענדיק קאָפּירט פון ר׳ נח ״קלאַגער״. עס איז באַזונדערס צו באַוווּנדערן, ווי אַזוי ביים ערשטן מאָל האָט ער שוין געדאַווענט ווי א רגיל פון צענדליקער יאָרן. זיין עברי־זאָגן מוז מען ווייט זוכן ביי פיל חזנים. זיין התעוררות איז געווען אויסערגעוויינלעך. ער האָט אַלעמען גערירט ביז טרערן, די וועגט האָבן פשוט מיטגעוויינט. די מתפללים האָבן זיך ביים גאַנצן דאַווענען נישט אָוועקגערירט פון אָרט, נאָר אויפמערקזאַם, האַלטנדיק די מחזורים אין האַנט, האָבן זיי געשלונגען יעדעס וואָרט פון מלכויות, זכרונות ושופרות. מען דאַרף דערביי באַמערקן, אַז ער האָט געדאַווענט ביי גאָר נישט קיין באַקוועמע באַדינגונגען. זייער שיין האָט אים באַגלייט דער כאָר מיטן דיריגענט קראָטיאַנסקי.

ווי געזאָגט, איז אָבער בכלל די יום־טוב־שטימונג געווען א נידערגעשלאָגענע. מ׳האָט זיך אָפּגעגעבן א דין וחשבון וועגן פאַרגאַנגענעם שווערן יאָר תרצ״א. און ווער ווייסט, וואָס עס וועט אונדז געבן דאָס קינפטיקע יאָר תרצ״ב? דערצו האָבן מיר געהאַט אין יום־טוב איניקע לוויות. די ידיעה ווען דער פאַרשטאָרבענער פרוי לוסטיק, וועלכע איז פלוצים נאָך אַן אָפּעראַציע געשטאָרבן, האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט, און אין דער לוויה, וואָס איז פאָרגעקומען דעם צווייטן טאָג יום־טוב, האָט זיך באַטייליקט א טויזנט־קעפּיקער עולם.

טראָץ דעם רעגן האָט עס דאָך נישט געשטערט מען זאָל ביים טייך זען יידן זאָגן תשליך.

״קאַלישער וואָך״, (74) 36

ז׳ בתשרי תרצ״ב, 18.8.1931

ש. ב.

אינקאסענטן

אויב מיר יידן האָבן זיך צו באקלאָגן, אַז מען שטויסט אונדז ארויס פון די פרנסה־צווייגן און מען לאָזט אונדז נישט צו קיין רעגירונגס־שטעלע, קענען מיר אָבער גאנץ רויק זיין בנוגע די אינקאסענטן פון אונדזערע געזעלשאפט־לעכע אינסטיטוציעס.

דער מין אינקאסענט איז א לעבעדיקער נערוו אין יידישן לעבן. דערפאר איז טאקע כדאי אדורכצופירן א גאנצע טיפן אינקאסענטן פון פארשידענע געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציעס ביי אונדז אין שטאָט.

איך געהער צו די יידן, וואָס א גאנצע ריי פאראיינען, אָרגאניזאציעס און פארשידענע ווילטעטיקע אינסטיטוציעס האָבן וואך איבער מיר און פארשרייבן מיך אלס מיטגליד. איך בין נישט אימשטאנד אויסצורעכענען זייער צאָל און אָנצורופן די אלע חברות ביים נאָמען. אזוי ווי איך בין א מענטש א פארנומענער, האָב איך מיר אויסגעקליבן מיין צייט צו דערליידיקן די אלע פליכטן יעדן זונטיק, און זיי — די אינקאסענטן — ווייסן עס, זיי זענען דערפון אויך צופרידן, ווייל זיי דארפן זיך נישט אָנלויפן א פאָר מאָל און קומען יעדן זונטיק איינער נאָכן צווייטן.

די טיר עפנט זיך, און עס קומט אריין אן אינקאסענט מיט א טעקע אין האנט, ער געהער צום "מושב זקנים". לויט דעם אויסזען, הולך און צושטאנד פון אינקאסענט און די טעקע מיט די ביכער, זעט מען, אז די אינסטיטוציע איז גוט אוועקגעשטעלט. איך דערליידיק אים און ער גייט זיך ווייטער. דאן רוקט זיך אריין א צווייטער מיט אייניקע ביכער אין האנט, זייער נישט עסטעטיש געקליידט, געשיקט פון "בית לחם", ער לאָזט איבער א צעטל און גייט. באלד הינקט אריין א ייד, מיט א גרויסער בליישטיפט אריינגערוקט אין היטל, מיט די ברילן אויף דער שפיץ נאָז. ער קומט פון דער חברה "גמילת חסדים". ער דערלאנגט מיר דעם צעטל מיט א צולאָג: אויב איך וועל נישט אריינטראָגן ביז דער און דער דאטע די סומע פון 50 זל. וואָס איך האָב זשירירט פאר מיינעם א שכן, וועט מען קעגן מיר ארויסטרעטן געריכטלעך. די טיר האָט זיך נאָך רעכט נישט פארמאכט, ווי עס שטייט שוין פאר מיר א געלער ייד, אינקאסענט פון דער חברה "לינת הצדק". די "לינת הצדק" איז טאקע א שיינע אינסטיטוציע — ווען זי וואָלט געווען טעטיק, אָבער היינט ווייס איך אפילו נישט וואָס די "לינת הצדק" טוט. די פאָגאָטאָוויע — וואָס דאָס איז געווען די איינע שענסטע לייסטונג פון "לינת הצדק" — איז געשלאָסן, און די אַפּטייק האָט זיך ליידער נאָך נישט געעפנט, ביי נאכט ביי קראנקע וואכט מען אויך נישט, שוין אייניקע יאָר ווי מען האָט נישט צוזאמענגערופן קיין אלגעמיינע פארזאמלונג — און דער עולם־גולם פרעגט נישט קיין קשיות און גיט געלט.

נאָך א קליינער ווילע עפנט זיך ווידער די טיר און א ייד שטעקט אריין דעם קאָפּ. קיין פּיס באווייזן זיך נישט. איך הייס דעם יידן אריינקומען און פרעג אים: ר׳ ייד, וואָס פארלאנגט איר? ער קלערט גאָרנישט לאנג און שלעפּט ארויס פון אונטער דעם כאלאט א גאנץ לאנג בוך, וואָס גרייכט אים אזש ביז צו דער גאמבע. דאָס איז אן אינקאסענט פון דער ישיבה "מגן אברהם". איך פרעג אים: פאר וואָס באהאלט איר עפּעס דעם בוך הינטער די פּאָלעס, וואָס שעמט איר זיך דערמיט, עס איז דאָך אייער פרנסה? ער שעמט זיך צו טראָגן א בוך — ענטפערט ער מיר. איך פרעג אים ווייטער: צי קענט איר מיר נישט זאָגן, אויף וועלכן צוועק דאָס געלט גייט? פאר בחורים וואָס לערנען תורה — קומט אן ענטפער. איך פרעג אים: און ווער זענען די בחורים, וואָס רייסן פלאקאטן ביי וואלן, וואָס האָבן נישט קיין דרך־ארץ פאר רבנים און יידן לומדים? דער ייד האָט מיר

קיין ענטפער נישט געגעבן און אויך זיך געגאנגען זיין וועג. עס איז מיר איינגעפאלן, אז א פנים טאקע איבער די אלע טעמים, וואָס איך האָב באַרירט שעמט ער זיך דאָס בוך צו טראָגן אָפן און באהאלט עס אונטער דער פאָלע.

מיט איין מאָל שיטן זיך אריין א גאנצע חברה אינקאסענטן פון ״חסד של אמת״, ״ישיבת עץ חיים״, ״בית יתומים״ פאר ייִנגלעך און מיידלעך, ״חברה משניות״, ״חברה תהילים״, ״עין יעקב״, ״הכנסת אורחים״, ״הכנסת כלה״ און נאָך און נאָך, און גאָר צום סוף קומט אריין דער אינקאסענט פון תלמוד תורה. ער פילט זיך ווי דער אמתער יחסן, תלמוד תורה איז דאָך כנגד כולם. איך טראכט מיר, די גרעסטע מצווה איז טאקע צו געבן פאר די תלמוד־תורה־קינדער, זיי לויפן נעבעך ארום באָרוועס און נאקעט, און איך פרעג דעם אינקאסענט, צי אונדזערע יידעלעך צאָלן כאָטש מיט א ברייטער האנט פאר תלמוד־תורה? ענטפערט ער מיר פאָעטיש: באלד ווען זיין הארבסט, ווען די בלעטלעך פון די ביימער וועלן אראָפפאלן, אָבער די בלעטלעך פון מיין בוך פאלן ליידער ווייניק אראָפּ. אָט מיט דעם לעצטן האָט זיך געענדיקט מיין אינטערוויו מיט די אינקאסענטן.

„קאלישער וואָך״, 33

ט״ אלול תרצ״א, 18.8.1931

ר׳ יעקב משלם

אויף א יידישער חתונה

דען ר׳ ענזל האָט געעפנט די טיר פון מיין שטוב און מיינע דריי טעכטער האָבן אים דערזען, זענען אלע דריי אויפגעשפרונגען, רעכענענדיק, אז ער ברענגט פאר זיי חתנים. אָבער דאָס מאָל האָבן זיי געהאט א טעות, ער האָט געברענגט 4 חתונה־קארטן ד. ה. איינע פאר מיר און מיין ווייב און צו איינע פאר יעדע טאָכטער באזונדער, אזוי פירט זיך היינט ביי לייטן. ר׳ ענזל, ווי זיין שטייגער איז, האָט געזאָגט וויצן, געכאפט זיין שכר טירחה און געמאכט א ויברח.

געבעטן האָט מיך אויף דער חתונה מיין ווייבס א קרוב. כאָטש א גאנץ יאָר קען ער מיך נישט ווען איך ברויך א גמילות חסד, א זשירע אָדער סתם א טובה, אָבער פארפאלן, אויף דער חתונה מוז מען פאָרט גיין. און דאָ הייבט מען אָן פילן דאָס ״פארגעניגן״ פון א יידישער חתונה.

אין טאָג פון דער חתונה האָט זיך ביי מיר געטאָן אויף טיש און אויף בענק, א גאנצער יריד, אזש דער קאָפּ האָט מיר ווײ געטאָן פון די גוואלדן און געשרייען. מיינע טעכטער האָבן אָנגעהויבן נעמען געבאָרגט קליידער אויף אָפּנוץ־געלט, דאן ערשט פודער און שמינקע צו די ליפן, מאניקיר און אנדולאציע. א גאנצן טאָג האָבן זיך די שכנים געדרייט אריין און ארויס, יעדע איינע האָט געברענגט עפעס אנדערש פאר מיין ווייב, אז איך האָב זי פשוט נישט דערקענט.

בקיצור, אזייגער 11 אויף דער נאכט זענען מיר געשטאנען גרייט צו דער חתונה. כאָטש אויף די חתונה־קארטן איז געווען געמאָלדן, אז די חופה קומט פאָר פּינקטלעך 8, האָבן מיר חלילה נישט פארשפעטיקט. מיר האָבן נאָך געמוזט צוווארטן א 2 שעה ביז צו דער חופה. איך האָב זיך ארומגעדרייט א שלעפערדיקער איבערן זאל, אָבער פארפאלן, איך בין דאָך אויף א חתונה, ביז איך האָב זיך מיט מזל דערוואַרט. עס גייען שוין די כלי־קודש. איך האָב געזען, ווי עס רוקן זיך די כלי־קודש איינער נאָכן צווייטן און דער חתן וויינט און ציילט זיי אין די הענט אַריין. דער סארוועך מיטן ווייסן פארטעך טראָגט פארן חתן א מתנה,

דעם קיטל, און וויפיל דער חתן דערלאנגט אים איז אלץ צו ווייניק. עס נעמט צו דעם אויך א סוף, עס הייבט אָן ווערן לעבעדיק, דער חתן גייט, צו מזל, מיטן רעכטן פוס צו דער חופה.

נאָך דער חופה דריי איך זיך ארום אין זאל, און דערווייל באקום איך א זבענק מיט א ברעט, וואָס דארף דינען פאר א טיש צום עסן. פונקט 2 אזייגער, זעצט מען זיך אוועק צום טיש פראוועז די חתונה־מאָלצייט. איך האָב מיר געשאפט א פלאץ הארט נעבן חתן, דאָס האָב איך געלערנט פון דער פראקטיק, וואָס נענטער מען זיצט נעבן חתן, א שענערע פּאָרציע באקומט מען.

עס הערט זיך א קאָמאַנדע: עולם, וואשן זיך! משה "חכם" איז דער וואסער־דערלאנגער. צו מיין אומגליק, שטעלט ער זיך הינטער מיר און אלע שעפן וואסער גייען איבער מיין קאָפּ און רוקן.

די וואש־פּראָצעדור זענען מיר ב"ה אויך איבערגעקומען, מען מאכט שוין "המוציא". מען האָט נאָך נישט באוויזן אראָפּצושלינגען דעם ערשטן ביסן, ווי עס שטייען אויפן טיש א טוץ פושקעס, וואָס פארנעמט דעם אויבן־אָן פון געדעקטן טיש, און איך טראכט מיר, ווען די פושקעס זאָלן קענען רעדן, ווער ווייסט, וואָס זיי וואָלטן אונדז דערציילט, וואָס מיט דעם געלט ווערט אויפגעטאָן. נאָר מיט אחינו בני ישראל קומט מען אדורך. מען האלט שוין ביי די פיש און די פושקעס רוקן זיך ווייטער, אָבער פארן ענדיקן די פיש שטייען שוין ווידער א ריי טעלער מיט צעטעלעך און מען האלט אין איין געבן געלט. מען האָט זיך קוים אָפּגעפּארטיקט מיט די פיש, רוקט זיך אריין ר' אלי' בדחן מיט דער מוזיק און מען איז אונדז מכבד מיט א ביסל גייסטיק פארגעניגן. איך ווארט נישט ביז ער וועט ענדיקן, איך שטופּ אים אין דער האנט אריין, און זאָל ער גיין ווייטער...

איך האָב געמיינט, אז שוין פטור, מיט דער ענדיקט זיך דאָס געלט געבן, רוקט זיך אָבער אויפסניי אונטער א ייד, וואָס ביי טאָג איז ער א שנאָרער, גייט איבער די הייזער, און ביי נאכט ווערט ער א חתונה־חזן, ער פּאָנפּעט עפּעס אן "אמר ר' אלעזר" אלא יאָסעלע ראָזנבלאַט. איך מוז זיך ווייטער רירן צו דער טאש. געמיינט, אז איך בין שוין ענדלעך פטור, אָבער כאפּט נישט, עס קריכט אראָפּ א ייד א געבעטענער גאסט אויף דער חתונה און נעמט זיך זאמלען געלט, עפּעס פאר א נויטבעדערפטיקן, און גיי, זיי א בריה און גיב נישט...

מען האלט שוין דאנקען גאָט ביים בענטשן. איך נעם מיר מיין ווייב און טעכטער און איך לאָז מיך גיין אהיים. ערשט ביי דער טיר זיצט א גאנצע ריי, וואָס ווארטן אונדז אָפּ מיט אויסגעשטרעקטע הענט: די אָנגרייטערין, דער קעלנער, די דינסט, וואָס וואשט די טעלער, דער טרעגער, וואָס האָט מיר א זבענק געגעבן מיטן טיש־ברעט און סתם אָרעמעלייט. עס האָט געטאָגט נישט בלויז אין דרויסן, נאָר אויך ביי מיר אין קעשענע. איך האָב שוין נישט געהאט דעם סטרוזש צו באַצאָלן.

א דאנק גאָט, געקומען אין שטוב, דער קאָפּ טוט וויי, עס ברעכן די ביינער און מיין ווייב מיט די טעכטער הייבן מיר אָן פייניקן, וואָס איך קלער צו שענקען דרשה־געשאנק. אז איך האָב זיך געוויזן אין גאס, האָט מען מיר פון אלע זייטן געווונטשן מזל טוב. איך בין דאָך געווען אויף א יידישער חתונה...

קאלישער וואָך 30

כ"ד באב תרצ"א, 7.8.1931

ח. מ.

א באזוך ביי די חלוצים

פאר צוויי וואכן זונטיק איז אויף דער איינלאַדונג פון "החלוץ המרכזי" ארויס־געפאָרן צו א באזוך אין דער חלוצים־פערמע אין בארטשיסקא א גרופע פון פארשידענע ציוניסטישע פאָרשטייער, פרנסים א"א.

דער ארויספאָר איז געווען פון ציוניסטישן לאָקאל אויף אן עקסטרא־אויטאָבוס.

ארויסקומענדיק קיין בארטשיסקא האָט אויף אונדז געמאכט דער ערשטער גוטער איינדרוק דאָס פריינדלעכע סימפאטישע באציען זיך פון דעם קריסטלעכן קליינוואָרג, וואָס האָבן זיך מיט א געוויסן מהלך זיך פריער פאר אונדז באוויזן. דאָס איז פאר אונדז געווען דער בעסטער סימן, אז דאָס קומט פון א פארדינסטפול צוזאמענלעבן און צוזאמענארבעט פון אונדזערע חלוצים מיט די ארומיקע שכנים אין פאלוואַרק פון ה' גליוויטש.

אָנקומענדיק אויפן אָרט פארן הויף האָבן אונדז די חלוצים אויפגענומען און אונדז פארבעטן אין דער וווינונג, וועלכע באשטייט פון דריי צימערלעך, אָדער בעסער געזאָגט צוויי און א האלבן צימער מיט א קיך. די וווינונג איז איינגעטיילט, מיט אויפשריפטן אויף דער טיר, באזונדער פאר חברים און חברות. די ווירטשאפט איז א נישט איבעריק רייכע, אָבער זייער א ריינע און ציכטיקע.

ארויסגייענדיק אין הויף, וועלכער איז ארומגערינגלט מיט בוימער, האָט מען זיך ארומ־געזעצט ביי א לאנגן טיש, ווו דער חבר פון צ. ק. ביים "החלוץ המרכזי", ח' ח. שטיין, האָט באגריסט די געסט און איבערגעגעבן א באריכט וועגן דער ארבעט און דעם אָרט לעבן פון דעם קיבוץ חלוצים.

אין נאָמען פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאַציע און די געסט ענטפערט אין העברעיש ח' בועז ראָזענבערג, און ווי איינער וואס איז אין א קבוצה אין ארץ־ישראל עטלעכע יאָר, גיט ער זיי פארשידענע אָנווייזונגען.

מען פראוועט דאן א חלוצישן "טיש" און דער עולם מאכט זיך פריילעך. די חלוצים־ות זינגען, טאנצן, דעקלאמירן. זיי רייסן מיט די באזוכער, וואָס ווייזן אויך וואָס זיי קענען.

ביי א גלעזל משקה זענען אונדז די חברים שבתאי בוקי און שלמה בריש מהנה מיט איניקע זמרלעך, אנדערע מיט א ביסל גלייכווערטלעך. עס ווערן אויך געשפענדעט פארן קיבוץ אייניקע גרעסערע סומעס פון ג. מארקאָווסקי, ר. גרינבוים, ה' קעניג א"א.

7 פאר נאכט, אָפּעסנדיק די צווייטע סעודה, האָט ה' ראָזענבערג געדאנקט די חלוצים פאר דער אויפנאמע. אלע האָבן זיך געזעגנט אין א רוחניותדיקער שטימונג, זיך ארייגעזעצט אין דעם וואַרטנדיקן אויטאָ צוריקצופאָרן צום לאָקאל פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע.

"קאַלישער וואָך" (65) 27

ג' באב תרצ"א, 17.7.1931

ב. ק.

זכרונות

רעדע שטאָט האָט איר קלאַנג" — אַזוי האָט אין אירס אַן אַרבעט געשריבן מיין טאַכטער — דער לעצטער איבערבלייב פון אונדזער משפחה, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין קאַליש. אָט די ווערטער קלינגען אין מיינע אויערן, בעת איך שרייב וועגן דער שטאָט פון מיינע יוגנט־יאָרן. צי האָט קאַליש פאַרמאָגט אַ קלאַנג, אַ קול? שווער אויף דעם צו ענטפערן. אָבער ווען איך דערמאָן זיך אין איר אָדער איך הער וועגן איר, גייט אויף אין מיינע נאָזלעכער דער אַראָמאַט פון די בליענדיקע קאַשטאַנבײמער אין שטאָטישן פּאַרק און אין דער יוזעפינא־אַלעע. און צוזאַמען מיטן ריח שטייט אויף פאַר מיר דאָס בילד פון דער ציוניסטישער יוגנט, וואָס קערט זיך אום פון דעם ל"ג־בעומר־שפּאַציר מיט די פענער און פויקן. די יוגנט מאַרשירט שטאָלץ, מיט זייער לערער בראש, אַקעגן די אַנטיסעמיטישע לאַזונגען, וואָס הענגען אויף די גאַסן קאַנאַניצקאַ, סטאַווישינסקאַ, און דעם פּלאַץ פון 11טן ליסטאַפּאַד.

אין מיין זכרון גייט אויף די קורצע תקופה אין דער געשיכטע פון דער שטאָט, ווען די ציוניסטן זענען אַריינגעטראָטן אין דער קהילה־אָנפירונג.

אַ סך יאָרן זענען די יידישע קהילות אין פּוילן, און צווישן זיי אויך קאַליש, געווען פעסטונגען פון אגודת ישראל. אין די רעליגיעזע פּרנסים האָט די פּוילישע רעאַקציאָנערע מאַכט געהאַט אירע טרייע פאַרשטייער אויף דער יידישער גאַס. פאַרן פּרייז פון נישטיקע קאָנצעסיעס אויפן רעליגיעזן געביט האָבן די דאָזיקע פּרנסים אָפּגעצאָלט דער מאַכט מיט ווערבירן שטימען צו די סיים־וואַלן, מיט אומבאַגרענעצטער שטיצע פאַר די סאַנאַציע־פּראַקטיקעס אין די שטאָטראַטן אאז"וו. די רעליגיעזע דאָזיקע האָבן נישט אַרויסגעריקט קיין שום פאָדערונגען ווי פאַרשטייער פון אַ נאַציאָנאַלער מינדערהייט. זיי האָבן אפילו נישט געוואָגט צו פאָדערן גלייכבאַרעכטיקונג און די אַנטוויקלונג פון דער נאַציאָנאַלער שפּראַך און קולטור.

ווען דער אַנטיסעמיטיזם איז געוואָרן שטאַרקער און דער עקזיסטענץ־קאַמף פון די ברייטע יידישע מאַסן איז געוואָרן שווערער, האָבן די ציוניסטישע קרייזן פאַרשטאַנען, אַז זיי דאַרפן זיך באַטייליקן אין דער אַרבעט פון די קהילות, כדי צוצוגעבן דער איינציקער פאַרשטייער־שאַפט פון די יידן אין פּוילן אַ נאַציאָנאַלע באַפאַרבונג און פאַרוואַנדלען זי אין אַ וואָרטזאָגער פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט לגבי דער פּוילישער מאַכט.

די איניציאַטיוו אין דער ריכטונג האָט אַרויסגעוויזן די ליגע פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל אונטער דער איבערגעגעבענער אָנפירונג פון לעאָן שובין ז"ל, לייטער פון דער אָרטיקער קאָאָפּעראַטיווער באַנק. ווען עס זענען באַשטימט געוואָרן די וואַלן צום קאַלישער קהילה־ראַט אין יאָר 1936, האָט דער קאָמיטעט פון דער ליגע קאָנצענטרירט אַלע ציוניסטישע פּאַרטייען אין שטאָט כדי זיי צו אַקטיוויזירן און זיי אַרויסצופירן פון דער גלייכגילטיקייט לגבי די קהילה־ענינים.

די אַקציע האָט געהאַט דערפאָלג. די יידישע גאַס האָט דערוואַכט. די אומפאַרגעסלעכע אָנשטרענגונגען פון די ליגע־עסקנים און די אויסערגעוויינלעכע איבערגעגעבנקייט פון פאָרזיצער לעאָן שובין, האָבן געגעבן רעזולטאַטן. עס איז אַנטשטאַנען אַ פאַראייניקטער בלאָק פון אַלע אָפּטיילונגען פון דער ציוניסטישע פּאַרטייען, וואָס זענען געווען טעטיק אין קאַליש. אַזאַ פאַראייניקונג אין יענער צייט, אפילו ווי אַן איינמאָליקע דערשיינונג, איז געווען אַ געשעעניש אין דער געשיכטע פונעם קאַלישער יידנטום.

בראש פונעם וואַל־בלאָק זענען, צווישן אַנדערע, געשטאַנען די טרייע ציוניסטישע עסקנים: לעוווקאָוויטש ז״ל, ל. סמיאַטיצקי ז״ל, ג. מאַרקאָווסקי ז״ל און אים צו לאַנגע יאָרן ש. ביעזש־ווינסקי. דער וואַל־בלאָק האָט געפירט א פאַרצווייגטע פראָפּאַגאַנדע דורך מאַסן־פאַרזאַמלונגען, ספּעציעלע אויסגאַבעס פון דער אָרטיקער צייטונג, אַרטיקלען און אויפרופן. די פּראָפּאַגאַנדע איז געווען געווענדט בעיקר נישט קעגן די מענטשן, וואָס האָבן יאָרן־לאַנג זיך געפונען בראש פון דער קהילה און זי אויסגענוצט פאַר זייערע צוועקן, נאָר לגבי דער צוקונפט: מיר האָבן געקעמפט דערפאַר, אַז די קהילה זאָל זיין די אָנערקענטע פאָרשטייערין פון דער יידישער מינדערהייט אין פּוילן, די וואָרט־זאָגערין פון די יידישע נאַציאָנאַלע, עקאָנאָמישע און קולטור־רעלע שטרעבונגען, און נישט בלויז א קערפּערשאַפט, וואָס זאָרגט פאַרן באַפרידיקן די רעליגיעזע באַדערפעניש. מיר האָבן פאַרלאַנגט דאָס אויסברייטערן די טעטיקייט פון דער קהילה, אַרויספירן זי פון דער ענגער ראַם, פון פאַרנעמען זיך מיט די שולן, בית־עלמינס אאז״וו. די יידישע באַפעלקערונג האָט פאַרשטאַנען די ריכטיקייט פון אונדזער שטעלונג. דער ווירטשאַפטלעכער און געזעלשאַפטלעכער בויקאָט, וואָס האָט געהערשט אין קאַליש זינט דעם יאָר 1934, האָט צוגעאיילט דעם פּראָצעס פון פאַרטיפערן דעם נאַציאָנאַלן און ציוניסטישן באַוווסטזיין צווישן די יידישע מאַסן, איינשליסלעך די אינטעליגענץ, און צוגעגרייט דעם באָדן אויפצונעמען די אויפקלערונגס־אַרבעט בעת דער וואַל־אַקציע אין יאָר 1936. די יידן האָבן פאַרשטאַנען, אַז זיי איז נייטיק א שטאַרקע רעפּרעזענטאַנץ מיט א נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין, וואָס זאָל שטיין בראש פונעם קאַמף און נישט אָפּשרעקן זיך פאַר דער מאַכט.

די וואַלן האָבן זיך געענדיקט מיט א גרויסן זיג פונעם ציוניסטישן בלאָק. אינעם אַלטן בנין אויף קאָנאָניצקא 10 האָבן זיך באַוויזן נייע געשטאַלטן. די באַמיונגען פון דער אגודה צו פּסלען די וואַלן האָבן נישט געווירקט. נאָך מער: צו דער רוגזה פון די סאַנאַציע־אָנהענגער האָט דער נאַציאָנאַלער בלאָק נאָך מער זיך קאָנסאָלידירט. אויף דער ערשטער זיצונג פון נייעם קהילה־ראַט איז, מיט דער אונטערשטיצונג פונעם בונדישן קאַנדידאַט אייזענבערג ז״ל, אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פּאַרזיצער פונעם ראַט דער פאָרשטייער פון דער ליגע פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל — נישט געקוקט אויף זיין יונגן עלטער און אויף זיינע פּראָגרע־סיווע אָנשויונגען. לויט דער כוחות־פאַרהעלטעניש אין דער נייער קהילה איז אויך דאָס מאָל אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פּאַרזיצער פון דער פאַרוואַלטונג דער פאָרשטייער פון אגודת ישראל יוסף משה העבער ז״ל. העבער האָט געהאַט א וואַרעם יידיש האַרץ און א פּאַלקסטימלעכן כאַראַקטער, ער איז אָבער געווען א פּאַרטיי־פאַנאַטיקער און אַלע יאָרן געשטרעבט אַרויס־צושטופּן פון דער קהילה די ציוניסטן און בכלל פּראָגרעסיווע פאָרשטייער. ער האָט נישט שלום געמאַכט מיט דער געשאַפענער לאַגע און צוזאַמען מיט זיין רעכטע האַנט חננאל ראָזענבלום האָט ער אַלץ געטאָן אויף צו פּאַראַליזירן די טעטיקייט פונעם נייעם ראַט און פון נייעם פּאַרזיצער. עס איז זיי געלונגען בלויז איין זאַך: אָפּצושלעפּן די באַשטעטיקונג פון די וואַלן מצד דער מאַכט ביזן יאָר 1937. נאָכן באַשטעטיקן די וואַלן האָט אין דער קהילה־אָנפירונג אָנגעהויבן הערשן א נייער גייסט. צום ערשטן מאָל האָט מען געבראַכט אויפן טאָג־אָרדענונג פון די קהילה־פאַרהאַנדלונגען די פראַגן פון יוגנט־הכשרה, וועלטלעכע שולן, „אָרט״, דאָס פאַראורטיילן דעם בויקאָט אויפן יידישן האַנדל און מלאכה, שטיצע פאַר די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס אאז״וו.

אָבער דער גורל האָט באַשטימט זייער א קורץ לעבן פאַר דער נייער קהילה. דעם 1טן סעפּטעמבער 1939 זענען די פּוילישע הימלען געוואָרן פינצטער פונעם היטלעריסטישן היישריק, עס האָט זיך אָנגעהויבן די צייט פונעם חורבן. די מיטגלידער פון ראַט און פאַרוואַלטונג זענען נאָך נישט געוואָרן באַפרייט פון זייערע אַמטן. די געסטאַפּאָ האָט פאַרהאַלטן די פון זיי, וואָס האָבן נישט באַוויזן צו אַנטלויפן, אַלס ערובניקעס. עס האָבן זיך אָנגעהויבן די פּייניקונגען. איצט זענען פאַרשווינדן די מיינונגס־פאַרשידנקייטן, די אידעאָלאָ־גישע אונטערשיידן. די פאַרוואַלטונג־מיטגלידער האָט מען געטריבן אויף יאַסנאַ־גאַס נומער 3, וווּ עס האָט זיך געפונען די געסטאַפּאָ, און דאָרט האָט מען זיי אַלעמען געפייניקט. זיי האָבן אויסגעהאַלטן די יסורים מיט שטאָלץ און אָפּגעהיט זייער יידישקייט מיט כבוד, ביז זייער אומקום.

יצחק קלעטשעווסקי

דער לעצטער אקארד

דאָס יאָר 1939 איז פאַר דעם אומאָפּהענגיקן פּוילן (וואָס האָט עקזיסטירט 21 יאָר) געווען אַ גורלדיק יאָר, פאַר זיין עקזיסטענץ. אין דעם יאָר האָט דאָס לאַנד געפיבערט און געלעבט אין אַן אומגעהייערער שפּאַנונג און נערוועזיטעט, און צוזאַמען מיט גאַנץ פּוילן — אויך אונדזער שטאָט קאַליש.

טאָג און נאַכט האָט געלויערט די געפאַר פון אַ מלחמה, פון אַן אָנפאַל פון דייטשלאַנד אויף פּוילן.

די דייטשן, וואָס האָבן געוווינט אין פּוילן און זענען געווען שטאַרק אויסגעמישט מיט דער פּוילישער באַפעלקערונג (פיל דייטשן האָבן געוווינט אין און אַרום קאַליש), האָבן אויסגעפירט די באַפעלן, וואָס זענען געקומען פון היטלער־דייטשלאַנד. באַזונדערס האָבן זיי געהאָלפן פאַרשפּרייטן בלבולים און העצעס קעגן יידן.

די פּוילישע באַפעלקערונג, די פּוילישע שטודירנדיקע יוגנט און די אינטעליגענץ האָבן זיך געלאָזט כאַפּן אויף אַנטיסעמיטישע לאָזונגען וואָס זענען געקומען פון דייטשלאַנד. אַן אויסנאַם זענען געווען די אַרבעטער, אָרגאַניזירטע אין די פּראָפ. פאַראיינען, און אין די לינקע פּאָליטישע פּאַרטייען אין קאַליש פּ.פּ.ס. אומאָפּהענגיקע און לינק־געשטימטע (קאָמוניסטן). אין דעם פיבערדיקן צושטאַנד זענען אין 1939 פאָרגעקומען אין פּוילן שטאָטראַט־וואַלן. אויך אין קאַליש איז אין פרילינג 1939 פּראָקלאַמירט געוואָרן שטאָטראַט־וואַלן.

אין אָנבליק פון דער גרויסער געפאַר האָט די יידישע באַפעלקערונג געמיינט, אַז דער אויסגאַנג פון די שטאָטראַט־וואַלן וועט האָבן אַן איינפלוס אויף די קומענדיקע געשעענישן און ענדערן דאָס פּאָליטיש־עקאָנאָמישן לעבן פון פּוילן.

די שווערע אַלגעמיינע פּאָליטישע אַטמאָספער האָט זיך אויך געלייגט אויפן געמיט פון אונדזער שטאָט. די יידישע איינוווינער אין קאַליש, וואָס האָבן באַטראָפן 26 טויזנט נפשות (פון דער אַלגעמיינער צאָל איבער 70 טויזנט) האָבן נישט געוווּסט פון קיין רואיק לעבן.*)

אין קאַליש איז געווען אַ שיכט פון דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס האָט זיך דערנערט פון די מערק אַרום קאַליש, די מאַרקפאָרער האָבן אויפגעלאַדנט זייערע סחורות אויף פורן און נאָך אַ נאַכט זיך אַרומגעשלעפּן, האָבן זיי דערגרייכט די מערק. אָבער דאָרט זענען זיי באַפאַלן געוואָרן פון פּיקעטניקעס און פינצטערע עלעמענטן, וואָס האָבן צוגערויבט די סחורות. טייל זענען צעשלאָגן געוואָרן און אַהיימגעקומען מיט באַנדאַזשירטע קעפּ. דאָס האָט אָבער די מאַרק־פאָרער נישט אָפּגעשראָקן און זיי האָבן ווייטער זיך געלאָזן אויף די מערק. די כסדרדיקע אָנפאַלן האָבן אַרויסגערופן אַ זייער נערוועזע שטימונג אין שטאָט.

אין קאַליש גופא זענען חוץ די טעגלעכע מערק, פאָרגעקומען צוויי מאָל אין דער וואָך גרויסע מאַרק־טעג. אויפן נייעם מאַרק האָבן צענדליקער יאָרן יידישע ווי פּוילישע קליינהענדלער פאַרקויפט זייערע סחורות. נישט געקוקט דערויף וואָס ס׳איז געווען אַ שטיקל קאָנקורענץ, זענען נישט פאָרגעקומען קיין גרויסע אינצידענטן. אָבער פון 1938—1937 האָבן די פּיקעטניקעס געהוליעט, גערויבט און אָפט געשלאָגן די יידישע סוחרים. אויך זענען זיי באַפאַלן די פּויערים, וואָס האָבן געקויפט ביי די יידישע קליינהענדלער. די אָפטע אינצידענטן האָבן דערפירט דערצו, אַז ס׳איז איינגעפירט געוואָרן אַ געטאָ. אַ מחיצה האָט דורכגעטיילט די יידישע און די פּוילישע מאַרקשטייער. אין צענטער פון שטאָט, סך הכל עטלעכע צענדליק מעטער פון שטאָטראַט (מאַגיסטראַט) ראָג קאָנאָניקן־גאַס, די גאַס, וואָס געהערט צום מאַרק, איז אויסגעהאָנגען געוואָרן אויף אַ הויך פון אַריבער צוויי שטאָק אַ פּלאַקאַט מיטן לאָזונג „קאַליש אָן יידן”.

---

*) באמערקונג: מיט דער סביבה (פּאָוויאַט) האָט קאַליש געציילט איבער 80 טויזנט נפשות, צווישן זיי יידן — 28 טויזנט.

דער פלאקאט האָט פארנומען די גאנצע ברייט פון דער גאס. דאָס האָט ארויסגערופן ביי די יידישע איינוווינער פון קאַליש א גרויסע פארביטערונג, ווייל דאָס האָט באוויזן, אז די דעמאָלטדיקע מאכט־אָרגאנען — די פּאָליציי, געריכטס־מאכט, און די מיליטערישע מאכט — טאָלערירן פראנק און פריי דאָס העצן פון איין טייל איינוווינער קעגן דעם צווייטן.

די אמביציע פון דער קאַלישער יידישע יוגנט איז געווען תיכף צו באזייטיקן דעם פלאקאט. די יוגנטלעכע לייזער קלעטשעווסקי, א באוווסטער ספּאָרטלער (אומגעקומען אין ראטן־פארבאנד) און געלבארט (איצט אין ישראל) האָבן דעם פלאקאט ליקווידירט — צו דער שטוינונג פון די מאכט־אָרגאנען. ווי ס'האָט זיך שפּעטער ארויסגעוויזן, האָט די פּאָליציי געזוכט צו געפינען די שולדיקע אין אראָפּרייסן דעם פלאקאט. דער פירער פון דער דעפענסיווע, דרוטקעוויטש, האָט זיך אפילו אין דער אָנוועזנהייט פון עטלעכע יוגנטלעכע, דארונטער אויך לייזער קלעטשעווסקי, בארימט, אז זיי זענען שוין אויף די שפּורן פון די, וועלכע האָבן אראָפּגעריסן דעם פלאקאט.

דאָס באזייטיקן דעם פלאקאט האָט ארויסגערופן פיל הייטערקייט און געהויבן די שטימונג ביי די יידישע איינוווינער. אלס ענטפער אויף דעם פלאקאט, וואָס די פּוילישע ענדעקישע כוליגאנעס האָבן ארויסגעהאנגען „קאַליש אָן יידן", האָט די יוגנט פון די ארבעטער־פּארטייען אָנגעצייכנט אויף די ווענט און אויף די טראָטוארן דעם לאָזונג „קאַליש אָן די ענדעקישע כוליגאנעס". די פּאָליציי האָט אויך זיי געזוכט און זיי פארפאָלגט.

אין יאָר 1939, אין אנבליק פון דער מלחמה־געפאר, האָט די פּוילישע מאכט אויסגעשריבן א הלוואה צו בויען נייע עראָפּלאנען, כדי צו פארטיידיקן זיך קעגן לופט־אָנפאלן. די יידישע באפעלקערונג אין פּוילן האָט זיך אקטיוו באטייליקט אין דער הלוואה. אויך די יידן אין קאַליש האָבן דאָקומענטירט זייער גרייטקייט צו העלפן אין דער אַקציע.

נישט געקוקט דערויף, וואָס מצד די רעאקציאָנערע פינצטערע עלעמענטן, ביי דער גלייכגילטיקייט פון די מאכט־אָרגאנען, איז די יידישע איינוווינער נישט געגעבן געוואָרן קיין רואיק לעבן, דאָך האָבן די עקזיסטירנדיקע יידישע געזעלשאפטן דעלעגירט אין דעם אלגעמיינעם שוץ־קאָמיטעט פון דער לופט־פארטיידיקונג דעם אדוו. קאצינעל. נאָך עטלעכע חדשים פון אויסשרייבן די הלוואות און ביים ליקווידירן די אקציע, האָט דער אדוו. קאצינעל אָפּגעגעבן פאר די יידישע געזעלשאפטן א באריכט. אין די צייטונגען „היינט" און „פאָלקסצייטונג" געפינען מיר באריכטן, וועלכע גיבן איבער פאָלגנדיקס:

דער יידישער קאָמיטעט פאר דער לופט־הלוואה אין קאַליש האָט צונויפגערופן א פארזאמלונג. אדוו. קאצינעל, דער נאָמינירטער קאָמיסאר פאר דורכפירן די הלוואה צווישן דער יידישער באפעלקערונג, האָט איבערגעגעבן אינטערעסאנטע פאקטן. עס ווייזט זיך ארויס, אז די יידישע באפעלקערונג האָט געצייכנט 60% פון דער אלגעמיינער סומע, וואָס די קאַלישער באפעלקערונג האָט געזאמלט. אזוי האָבן די יידן אין קאַליש, נישט געקוקט אויף די שווערע קלעפּ, וואָס ס'איז אויף זיי געפאלן, דערפילט זייער בירגערלעכן חוב.

א גרויסער טייל פון דער קאַלישער יוגנט האָט זיך דאן געפונען אין מיליטער. אין 1939 איז דורכגעפירט געוואָרן א שטילע מאָביליזאציע, כדי צו זיין גרייט אויף אן עווענטועלן אָנפאל פון היטלער־דייטשלאנד. א טייל פון דער מאָביליזירטער יוגנט איז טאקע באלד ביים מלחמה־אויסבראָך געווען אויף די פאָדערשטע פּאָזיציעס.

דאָס ארויסשיקן די דייטשע יידן קיין זבאָנשין (פּוילן), נישט ווייט פון קאַליש, האָט זיך זייער שווער געלייגט אויפן געמיט פון דער קאַלישער יידישער באפעלקערונג. האָבן זיי דאָך נאָך געדענקט דעם יאָר 1914, ווי די דייטשן זענען אריין אין קאַליש און צעשטערט די שטאָט, געשאָסן צו דער ציווילע באפעלקערונג. עטלעכע הונדערט מענטשן זענען דאן אין עטלעכע טעג געהרגעט געוואָרן.

די פּאָליצייאישע מאכט האָט כסדר גערודפט די יידישע באפעלקערונג. די יידישע פּאָליטישע ארבעטער־פּארטייען, באזונדערס די אָנגעזעענע פּארטייען, וואָס האָבן גרופּירט ארום זיך די ארבעטנדיקע באפעלקערונג „בונד" און פּועלי ציון (לינקע), האָבן געהאט אויסצושטיין רדיפות,

רעוויזיעס, נישט דערלויבטע פאַרזאַמלונגען און רעפעראַטן. פאַר נישט לעגאַליזירן א פאַן, וואָס איז מיט צוויי יאָר צוריק 1937 אַנטהילט געוואָרן, איז דער קאַלישער איינוווינער י. כץ (בונד) באַשטראָפט געוואָרן מיט א געלטשטראָף און אומבאַדינגטן אַרעסט. ווען יידישע אַרבעטער האָבן זיך קעגנגעשטעלט כוליגאַנישע אויסדריקן און אַרויסטרעטונגען, זענען די באַשטראָפטע געווען די יידישע אַרבעטער.

אין יאָר 36־37 האָט זיך פאַרלאָפן אַט וואָס: אויף פולאַווסקא (אַמאָל וויעיסקא)־גאַס האָט א פוילישער כוליגאַן פאַרטשעפּעט א יידיש געקליידטן יונגנמאַן. צו הילף דעם יידישן יונגנמאַן איז געקומען דער זון פון טישלער־אַרבעטער קראָנענבערג. אָן א פאַרוואָס האָט דער פוילישער כוליגאַן מיט א מעסער אים אַזוי צעשטאָכן, אַז קראָנענבערג איז, נאָכן אָפּפירן אים אין שפּיטאָל, געשטאָרבן. די פּאָליציי־מאַכט האָט אַרעסטירט דעם פוילישן כוליגאַן. ער האָט געהאַט א פּראָצעס, וואָס האָט אים פאַרמשפּט אויף צוויי יאָר אויסבעסערונגהויז. דער מילדער אורטייל האָט באַוויזן ווי הפקר די יידישע באַפעלקערונג איז אין קאַליש געווען.

אין אָט דער שטימונג זענען אין פרילינג פון 39סטן יאָר פּראָקלאַמירט געוואָרן די שטאָטראַט־וואַלן. די בירגערלעכע פּאַרטייען האָבן געשאַפן א בלאָק. אויך די אַרבעטער־פּאַרטייען זענען צווישן זיך אַדורכגעקומען. בכלל איז אין פוילן געווען אַ שטאַרקער דראַנג צו איינהייט. אין די גרויסע ווי אין די קליינע שטעט זענען געווען איינהייטלעכע ליסטעס. אין וואַרשע איז דער „בונד" געגאַנגען מיט די לינקע, און פּראָפ. פאַריינען. דורכגעפירט 17 ראַטמענער און געוואָרן די דריטע פראַקציע אין שטאָטראַט פון דער הויפּטשטאָט. אין לאָדזש, קראַקע, ביאַליסטאָק, ווילנע, ראַדאָם, טשענסטאָכאָוו, לובלין, לעמבערג און אין גרעסערע שטעט און שטעטלעך איז געשלאָסן געוואָרן א בלאָק מיט די לינקע און רעכטע פּ"צ, לינק־געשטימטע עלעמענטן און זייערע פּראָפ. פאַראיינען. די איינהייטס־ליסטעס האָבן געהאַט זייער א גרויסן דערפּאָלג. פון 50 ביז 60 פּראָצענט יידישע שטימען זענען אָפּגעגעבן געוואָרן פאַר די איינהייטלעכע אַרבעטער־ליסטעס.

אין קאַליש האָט דער קאָמיטעט פון די לינקע פּ. צ. אָנגעפירט דורך יחיאל טענצער, אברהם וואָלקאָוויטש, עדעלשטיין, לעשטשינסקי, זיך געווענדעט צום קאָמיטעט פון „בונד" וועגן שליסן א בלאָק און שאַפן אַן איינהייטלעכע אַרבעטער־ליסטע צום שטאָטראַט. נאָך לאַנגע פאַרהאַנדלונגען איז געשאַפן געוואָרן דער איינהייטלעכער אַרבעטער־קאָמיטעט, וואָס איז באַשטאַנען פון: יחיאל טענצער, לעשטשינסקי, וואָלקאָוויטש — פּ. צ.; פון מיכאל אייזנבערג, שמולעק קאַפּלאַן און רפאל שטיינערט — בונד. דער קאָמיטעט האָט באַשלאָסן דעם וואַל־פּראָגראַם, די צעטיילונג פון די ראַטמענער און די וואַל־טאַקטיק. (די לעצטע שטאָטראַט־וואַלן זענען פאָרגעקומען אויף אַן אופן, ווי די פריערדיקע. די שטאָט איז צעטיילט געוואָרן אין 9 ראַיאָנען. די אַלגעמיינע צאָל ראַטמענער איז געווען 48).

די יידישע באַפעלקערונג אין קאַליש האָט מיט פרייד אויפגענומען די דערשיינונג וואָס צו די וואַלן צום שטאָטראַט וועלן נישט פיגורירן קיין צעשפּליטערטע יידישע וואַל־ליסטעס. באַזונדערס זענען זיי צופרידן געווען, וואָס די אַרבעטער־פּאַרטייען וועלן זיך נישט אַרומרייסן. ביידע אַרבעטער־פּאַרטייען האָבן אין פריערדיקן שטאָטראַט געהאַט 4 ראַטמענער („בונד" און פּ.צ. צו 2) און באַקומען צוזאַמען איבער 2 טויזנט שטימען.

במשך פון דער צייט זענען פאָרגעקומען גרויסע וואַל־פאַרזאַמלונגען, וואָס האָבן צוגעצויגן איבער צוויי טויזנט צוהערער. אויף די מיטינגען זענען אַרויסגעטראָטן די קאַנדידאַטן צום שטאָטראַט מיכאל אייזנבערג, יחיאל טענצער, סעם וואָלקאָוויטש, לעשטשינסקי, רפאל שטיינערט, לייזער מיק, ש. קאַפּלאַן, פּראַשקער, עדעלשטיין, גאַלאַנטערניק, י. קאָרן, חוץ די רעדנער פון וואַרשע און לאָדזש: בוקסבוים, בראַנד — פון פּ. צ., זיבערט, הימלפאַרב — פון "בונד" און אַנדערע אָנגעזעענע פירער פון די פּאַרטייען.

דעם 1טן יוני 1939 זענען פאָרגעקומען די וואַלן צום שטאָטראַט. דער רעזולטאַט איז געווען אַן איבעררראַשנדיקער. דער אַרבעטער־בלאָק האָט באַקומען איבער 6 טויזנט שטימען און 6 ראַטמענער. עס זענען אויסגעוויילט געוואָרן מיכאל אייזנבערג, ש. קאַפּלאַן, יחיאל טענצער, סעם וואָלקאָוויטש, שלומפּער און קאָרן.

ביי די יידישע בירגערלעכע פּאַרטייען האָט דער אייניהייטס־בלאָק רעפּרעזענטירט דעם ווירטשאַפטלעכן בלאָק, וואָס האָט ארומגענומען די אינסטיטוציעס פון סוחרים־פאַראיין, פאַראיין פון קליינע סוחרים, ציוניסטישע באַוועגונג, „וויצא" (ציוניסטישע פּרויען־אָרגאַניזאַציע), האַנטווערקער־פאַראיין. דער בלאָק האָט איינגעאָרדנט פיל מיטינגען, וועלכע ס'האָבן באַזוכט איבער 1000 מענטשן. מיט רעדעס זענען אַרויסגעטראָטן די קאַנדידאַטן ביעזשווינסקי, ד"ר לובעלסקאַ (וויצאָ), צאַמבער, דאַנציגער, אויך פון וואַרשע זענען געקומען רעדנערס: פּראָפ. ד"ר טאַרטאַקאָווער, קאַפּלאַן פון דער צענטראַלע וויצאָ. דער בירגערלעכער בלאָק האָט באַקומען 3 מאַנדאַטן: ד"ר לובעלסקאַ, לעאָן דאַנציגער און ביעזשווינסקי. די „אגודה" האָט געשאַפן אַ בלאָק פון די רעליגיעזע פאַראיינען און גרופּן. די אַגיטאַציע ביי דער „אגודה" איז געווען פיל שוואַכער ווי ביי די אַרבעטער־פּאַרטייען און בירגערלעכן בלאָק. די „אגודה" האָט דורכגעפירט צוויי מאַנדאַטן: ר' יוסף משה העבער און חננאל ראָזענבלום. די צאָל יידישע ראַטמענער איז געווען 11. צוזאַמען מיט די פּ.פּ.ס. זענען געווען 35 ראַטמענער קעגן 13 ראַטמענער פון דעם רעאַקציאָנערן פּוילישן בלאָק.

די פּוילישע רעאַקציאָנערע צייטונגען האָבן געשריבן, אַז די יידישע באַפעלקערונג האָט געשטימט און זיך באַטייליקט אין די וואַלן אין 90%, בעת פון דער פּוילישער באַפעלקערונג האָט זיך באַטייליקט בלויז 60%. די מאַנדאַטן־פאַרטיילונג איז נאָך נישט געווען קיין ענדגילטיקע. ס'וואָלטן געוויס געווען פאָרקומען ענדערונגען, אָבער צו דעם איז נישט געקומען, ווייל דער אויסבראָך פון דער מלחמה האָט אַלץ צעשטערט.

אויך אויף דער פּוילישער גאַס איז דער וואַל־קאַמף געווען אַ גענוג שאַרפער. די פּוילישע אַרבעטער האָבן, פּונקט ווי די יידישע, פאַרשטאַנען, אַז דער אויסגאַנג פון די שטאָטראַט־וואַלן וועט מוזן ענדערן די פאַרהעלטנישן אין אונדזער שטאָט. אויך די פּוילישער אַרבעטער פון פּ.פּ.ס. אומאָפּהענגיקע און פּראָפ. פאַראיינען האָבן געשאַפן אַן אייניהייטלעכע ליסטע. די לינק־געשטימטע (קאָמוניסטן) האָבן אונטערגעשטיצט די אייניהייטלעכע אַרבעטער־ליסטע. די קאָמוניסטן זענען צו די וואַלן נישט געגאַנגען, ווייל זייער פּאַרטיי איז דורכן סטאַליניסטישן קאָמינטערן געווען פונאַנדערגעלאָזט און זייערע פירער זענען באַשולדיקט געווען אין פּראָוואָקאַטאָרישער מיטאַרבעט מיט דער פּוילישער דעפענסיווע.

נאָך אַ שווערן קאַמף, וואָס האָט געדויערט 2 חדשים, האָט די אַרבעטער־ליסטע געהאַט אַן אומדערוואַרטן דערפאָלג. פון דער אַלגעמיינער צאָל 48 ראַטמענער האָבן זיי באַקומען 24, און צוזאַמען מיט די 6 יידישע ראַטמענער האָבן זיי געהאַט 30 ראַטמענער — אַן אַבסאָלוטע סאָציאַליסטישע מערהייט. אגב, די זעלבע דערשיינונג איז אויך געווען אין פיל שטאָטראַטן. אין 6 גרויסע שטעט פון פּוילן איז געווען אַ סאָציאַליסטישע מערהייט. קאַליש האָט געהערט צו די מיטעלע שטעט, וואָס האָבן געהאַט אַ סאָציאַליסטישע מערהייט.

דער פאַרמעסט מיט דער פּוילישער רעאַקציע וואָלט געוויס געווען פאָרקומען. אין די גרויסע שלאַכטן, וואָס האָבן זיך אָנגערוקט, וואָלטן זיי באַקומען שווערע קלעפּ.

אָבער צוויי און אַ האַלבן חדשים נאָך די וואַלן איז די מלחמה אויסגעבראָכן. דער שטאָטראַט האָט אפילו נישט באַוויזן צו האָבן קיין איין פאָרמעלע פּראַקטישע זיצונג.

נאָך די וואַלן האָט קיין זיצונג פון שטאָטראַט נישט געקענט פאָרקומען, ביז די צענטראַלע מאַכט האָט נישט אַקצעפּטירט די גילטיקייט פון די וואַלן. די צענטראַלע מאַכט־אָרגאַנען האָבן אָפּגעשלעפּט מיטן אַקצעפּטירן די וואַלן. אָבער אין אַנבליק פון דער טרויעריקער לאַגע, אין וועלכן פּוילן האָט זיך געפונען, איז אַ וואָך פאַרן קריגס־אויסבראָך פאָרגעקומען אַ צוגעאיילטע שטאָטראַט־זיצונג, וואָס האָט שוין ליידער גאָרנישט געקענט באַשליסן.

דעם פערטן סעפּטעמבער 1939 זענען די דייטשן אַריין אין קאַליש. דער מאַרטירער־וועג האָט זיך אָנגעהויבן. דאָס יאָר 1939 איז געווען דער לעצטער אַקאָרד אין דער געשיכטע פון קאַלישער יידישן ישוב, וואָס האָט געלעבט פון 1264 ביז 1939 (זעקס הונדערט פינף און זעכציק יאָר).

מאריס וואלטער

אין אנהויב פונעם יארהונדערט

נאָענט פון אָנהויב יאָרהונדערט געדענק איך פון קאַליש דאָס אַלטע בית־מדרש, די גרויסע שול, דאָס נייע בית־מדרש, דאָס שטיבל פון די אַלעקסאַנדער חסידים, דאָס שטיבל פון די גערער חסידים, דעם בית־עולם, די מקווה, דאָס שעכטהויז, דאָס שעכטהויז פאַר עופות. דער יידישער פאָרשטייער איז געווען דער דאָזאָר בעריש שימקעוויטש. ער איז געווען א שתדלן אין ענינים פון מיליטער־דינסט. מען זאָגט, אז ער פלעגט באַפרייען גבירישע קינדער און אויף זייער אָרט מאָביליזירן אָרעמע בחורים.

הויפּט־רב איז געווען ר׳ שמעון ארנשטיין ז״ל, א גרויסער למדן און א בקי אין וועלט־זאַכן, א קענער פון שפּראַכן. דער דיין ר׳ משה שלומפער ז״ל, א למדן, איז געווען א קאַפּריזער, א מתנגד, ער האָט געדאַווענט אין מתנגדישן בית־מדרש. מורה הוראה איז געווען אַן איידעלער ייד, ער האָט געדאַווענט אין אַלטן בית־מדרש.

חזן איז געווען ר׳ ישראַלקע, איינער פון די באַרימטע אין דער וועלט. וועגן זיין דאַווענען האָב איך בלויז געהערט דערציילן. אָבער איטשקען באַס, פון זיינע משוררים, האָב איך יאָ געקענט. ער איז געווען באַס אויך ביי ר׳ נח. זיין מעכטיקע שטימע קלינגט נאָך אין מיינע אויערן.

אין מיינע צייטן איז חזן אין דער גרויסער שול געווען ר׳ נח זאַלודקאָווסקי, וועמען מ׳האָט גערופן נח קלאָגער. איינער פון זיינע משוררים, דער חזן קאַטשקאַ, איז געקומען קיין אַמעריקע און דאָרט געקריגן א נאָמען.

די גרויסע שול איז געוואָרן באַנוצט אויף פאַרזאַמלונגען, חתונות. אָבער א ״שטאָט״ דאָרט האָט זיך געקאָנט דערלויבן צו קויפן בלויז א גביר. א צווייטער סאָרט בעלי־בתים, לערנערס, נישט קיין ספּעציעל רייכע, אָבער בכבודיקע, האָבן פאַרנומען דאָס נייע בית־מדרש. זיי זענען געווען אויסגעשפּראָכענע מתנגדים, אָבער מדקדק געווען אין יידישקייט. ״עמך״, יידן פון א גאַנץ יאָר, האָבן געדאַווענט אין אַלטן בית־מדרש און דעם עמוד האָבן פאַרנומען בעל־תפילהס. איך געדענק ר׳ חיים טשייניק, דעם שמש פון אַלטן בית־מדרש, דער פּאַטראָן פון די אורחים.

אָט די פונאַנדערטיילונג שפּיגלט אָפּ די שיכטן אין דער קאַלישער קהילה: אינטעליגענטע גבירים, פּשוטע גבירים, בעלי־בתים, למדנים, עמך, גערער און אַלעקסאַנדער חסידים.

אין וואָכעדיקע טעג האָבן אַלע זיך געיאָגט נאָך פּרנסה — דער שענקער, דער קרעמער, דער בעל־מלאכה, דער טרעגער, דער מעקלער — אָבער שבת האָבן אַלע זיך צונויפגעדרענגט אין די שולן. שבת נאָך מיטאָג האָבן די למדנים געלערנט משניות און ״עמך״ האָט שפּאַצירט אַרום דעם מאַרק־פּלאַץ, אָפּגעשטעלט זיך ביי טשענקאַלאָווסקיס געשעפט און געזעטיקט די אויגן מיט די טייערע אימפּאָרטירטע מאכלים, מיט די פּרוכטן פון די ווייטע און הייסע לענדער, מיט די ווײַנען און זיסוואַרג. אַזוי האָט אויסגעזען די לאַגע אין יענער צייט.

די גרויסע האַפט־אינדוסטריע אין קאַליש איז געווען א ברכה און אויך א קללה. אין שטאָט איז נישט געווען איינגעפירט קיין צוואַנג־שול, און דערפאַר האָט מען איינגעשפּאַנט די קינדער צו א פּילשעהדיקן אַרבעטסטאָג פאַר א נישטיקן לוין. די משפּחות זענען געווען גרויסע און דער פאַרדינסט פון די גרעסערע קינדער האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט א וויכטיקע הכנסה. נאָך עטלעכע יאָרן אַרבעט איז פון לערניינגל געוואָרן א געהילף. ער האָט מער פאַרדינט, אָבער דער רעזולטאַט איז געווען, אַז ס׳איז אַנטשטאַנען א דור פון עם־הארצים.

עס זענען אָנגעקומען די צייטן פון ציוניזם און סאָציאַליזם: פּועלי־ציון, בונד, אחדות.

אין יאָר 1898 האָט דער ציוניסטישער קלוב זיך געפונען אויף ברעסלער־גאַס. דאָרט איז געווען א ביבליאָטעק און א לייענזאַל מיט דער יידישער און העברעישער פּרעסע. עס פלעגן דאָרט פאָרקומען דיסקוסיעס אויף אַקטועלע טעמעס. מען האָט געזונגען צוזאַמען ציו־

ניסטישע לידער און דעם "לשנה הבאה בירושלים" האָט מען געזאָגט מיטן גאנצן הארץ. מען האָט געקויפט אקציעס פון דער קאָלאָניאַל־באנק מיטן גלויבן אין א יידישער מדינה. ישיבה־בחורים האָבן געלייענט "טריף־פסולס", "אפיקורסישע" ביכער.

די חברה "אחדות" איז געווען א יידישע סאָציאַליסטישע פארטיי. דער צארישער רעזשים האָט פארווערט צו לייענען סאָציאַליסטישע ליטעראטור, אָבער דווקא דער פארבאָט האָט אָנגערעגט די סטודענטן צו פארשפרייטן אָט די ליטעראטור און איינצואָרדענען פארזאמלונגען. עס האָבן זיך געשאפן צוויי מחנות: די ראדיקאלן — "אחדות", און די נאציאָנאַלע — די אויפגעקלערטע ציוניסטן. די פרומע האָבן געקעמפט קעגן די צוויי לאַגערן, ווייל זיי האָבן פארלוירן די אמונה אין ביאת המשיח. די אחדות־לייט האָט מען גערופן "הפקר־בחורים", "לאָבוסעס", "בונטאָ־וושציקעס קעגן גאָט און מלכות".

אין 1903 האָב איך דערפילט, אז אין קאליש ווערט מיר ענג. דער פּאָלקאָווניק פון דער זשאנדארמעריע האָט אויף מיר געוואָרפן אן אויג. ער האָט מיר צו וויסן געטאָן דורכן זשאנדארם "קורנאָסי", אז ער וויל מיט מיר רעדן, אז ער וויל מיך נעמען אונטער זיין אויפזיכט, ווייל איך בין א באַלעבאַטישער בחור, דעריבער זאָל איך קומען צו אים אין ביוראָ. איך האָב באשלאָסן נישט צו גיין. איך בין געווען 19 יאָר אלט, פארן גיין צום מיליטער, וואָס איז געווען ביי מיר פארהאסט. איך האָב געהאט א חשד, אז ער וויל מאכן פון מיר א פּראָוואָקאטאָר. מיט עטלעכע טעג צוריק איז אזא פּראָוואָקאטאָר געקומען פון לאָדזש און מיר האָבן אים אוועקגעשיקט אין שפּיטאָל אריין.

די מעשה איז געווען אזוי: אין א פרימאָרגן איז געקומען צו מיר א צוואנציקיאָריקער בחור פון לאָדזש און זיך פאָרגעשטעלט אלס שליח פון "אחדות" אין לאָדזש. ער וויל זיך באקענען מיט די חברים פון "אחדות" אין קאליש. מען האָט אונדז אָבער געוואָרנט וועגן זיין קומען. מיר האָבן באשלאָסן אים אָנצולערנען. איך האָב אים צוגעזאָגט צו רופן א פארזאמלונג אויפן פעלד ביים שעכטהויז. צו דער פארזאמלונג זענען געקומען עטלעכע חברים מיט שטארקע פויסטן. צוזאמען זענען מיר געווען א צוואנציק בחורים. ווען דער פּראָוואָקאטאָר איז געקומען און זיך געפרעגט: "צו וואָס גרייטן זיי זיך"? האָב איך אים אָפּגעענטפערט "מען זאָגט, אז דו ביסט א שפּיאָן". "און וואָס זאָגסטו דו"? "איך מיין, אז זיי זענען גערעכט", האָב איך געענטפערט. מ'האָט געגעבן א צייכן, די בחורים האָבן אים ארומגערינגלט און דערלאנגט אים די אמתע קלעפּ. עטלעכע טעג איז ער געלעגן אין שפּיטאָל און דערנאָך איז ער נעלם געוואָרן.

די זשאנדארמען האָבן מיך גערופן. זיי האָבן געהאַפּט, או איך וועל אויסגעבן די נעמען פון די מענטשן, וואָס האָבן זיך באטייליקט אין דער פארזאמלונג אויפן פעלד. איך האָב געהאט א גרענעץ־שיין. פרייטיק פאר מיטאָג בין איך אריבער די גרענעץ. א שיפסקארטע האָט מיר געשיקט מיין פעטער פון אמעריקע. איך בין אוועק מיט א קללה אויף די ליפּן און מיט א נדר זיך מער נישט אומצוקערן.

נאָך א יאָר פון "אויסגרינען" זיך אין אמעריקע, האָט מיך מיין פעטער שלמה פייל געבראכט אין קאלישער "ברודער־פאראיין". באלד ביי מיין ערשטן באזוך האָב איך זיך געפילט געטראָפן פון דעם אומדעמאָקראטישן כאראקטער פונעם פאראיין. געהיימע קלעפּ אין דער טיר, אָפּיציעלע באגריסונגען און א כמעט מיליטערישער צערעמאָניאַל. לויטן רעגולאמין האָט בלויז א רוסיש־פּוילישער ייד געקאָנט אָנגענומען ווערן אלס מיטגליד, די קאסע איז קודש־קדשים; וועגן בית־עולם האָט מען גערעדט אויף יעדער פארזאמלונג. דאָס אלץ האָט מיך אָפּגעשטויסן. אָבער קיין ברירה איז נישט געווען. דער פאראיין איז פאָרט געווען ליבעראלער, ווי "קאלישער לאָזשע". איך בין געבליבן אין פאראיין. אז איך האָב פאָרגעלייגט זיך צו אינטערעסירן אויך מיט אלגעמיין־יידישע ענינים, האָט דער קאסירער פּראָטעסטירט קעגן דעם, ווייל מען וועט אויסליידיקן די קאסע. אויך דער פּרעזידענט גאלעסקי האָט מיט אים מסכים געווען.

עס זענען אדורך יאָרן אָן שום ענדערונגען. בלויז בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה איז מיר געלונגען צו שאפן א הילפסקאָמיטעט פאר קאליש און צו פאראייניקן אויך אונדזער פאראיין מיט דעם רעליף, וועלכער האָט באשלאָסן, אז אלע פאראיינען דארפן זיך באשטייערן פארן הילפספאָנד.

אין 1918 זענען אָנגעקומען יונגע עמיגראַנטן, און צוזאַמען מיט זיי האָבן מיר געשאַפן דעם "קאַלישער יאַנג מען פאַראיין". אין זיין גרינדונג האָבן זיך באַטייליקט: מ. פרידמאַן, די דריי ברידער וואַקסמאַן, ש. קאַפּ, מ. בעאַטוס, י. קאַט און איך. ווען "יאַנג־מען" האָט זיך פאַראייניקט מיטן "אַרבעטער־רינג", האָב איך פאַרלאָזט. איך האָב נישט געקענט אָננעמען די שטעלונג פון "בונד" צום ציוניזם, וואָס איז דורך זיי באַצייכנט געוואָרן ווי "שאָוויניזם". איך בין געבליבן הענגען צווישן די ביידע פאַראיינען. אַגב, בין איך דאַן געווען שטאַרק פאַרנומען מיט מיינע געשעפטן.

אין יענעם יאָר איז אַנטשטאַנען דער אַלגעמיינער הילפס־קאָמיטעט פאַר די קאַלישער נויט־באַדערפטיקע. אין אים האָבן זיך באַטייליקט זיגמונט גאַלעסקי, סעם קאַפּ און איך. פון "יאָנג־מען": יוסף קאַט, דזשאָו פראַשקער, מאָריס פרידמאַן. אין קאָמיטעט אין קאַליש האָבן זיך באַטייליקט: אליעזר פרידמאַן, יחיאל טענצער, יחיאל גרינשפּאַן, פּרץ וואַלטער. מ. קלעטשעווסקי, לעווענבערג. זיי האָבן פאָרגעשטעלט די פאַרטייען. בראש פונעם קאָמיטעט — הרב ליבשיץ.

איך האָב זיך באַטייליקט אין דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פונעם "אומפּאַרטייאישן רעליף", וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר א ציל צו העלפן די אַלטווערנדיקע שטיקערס אין קאַליש. עס איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן זיין אומפּאַרטייאישער כאַראַקטער. אויך דער נאָמען פון פאַראיין באַטאָנט דאָס בפירוש.

ווען עס איז דערקלערט געוואָרן א קאַמפּיין פאַרן קדושים־וואַלד, זענען צוגעשטאַנען צו אים דער שלום־עליכם־בראַנטש 30, וואַלטער־פאַמילי־סערקל, דער רעליף. אין משך פון דריי יאָר האָבן מיר געזאַמלט קרוב 10 טויזנט דאָלאַר, אין יאָר 1958 האָט "קרן־קימת" איינגעאָרדנט אַן אויספלוג קיין ירושלים אין די טעג פון זכרון. איך האָב זיך באַטייליקט אין דער דעלעגאַציע פון די קאַלישער אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

כתריאל שטיין

די ערשטע וועלט-מלחמה

ניין יאָר בין איך אַלט געווען ווען ס'איז אויסגעבראָכן די ער'שטע וועלט־מלחמה. מיינע עלטערן האָבן דאַן געוווינט אין קאַליש, געווען אייגנטימער פון א רעסטאָראַן. איך האָב זיך דערצויגן ביי מיין זיידן ר' יואל ווינגצעווסקי ז"ל אין בלאַשקי. מיין זיידן האָט מען גערופן אין שטאָט דער שוואַרצער יואל. ער איז געווען א בכבודיקער חסיד און א גביר, געזעלשאַפטלעכער עסקן, מיטגליד אין קהילה־ראַט, מיטגליד פון שטאָטראַט.

איך געדענק די שרעקלעכע ווערטער "מלחמה", "מאָביליזאַציע", וואָס האָבן זיך אַרומגעטראָגן אין דער לופט. די זעלנער, וואָס זענען אַדורכגעגאַנגען דורך דער שטאָט, האָבן גערויבט, בעיקר בראָנפן. זיי האָבן געטרונקען ביז שיכרות און דאָס איבעריקע האָבן זיי אויסגעגאָסן און אונטערגעצונדן. די געציילטע געוועלבער פון שטעטל זענען פאַרברענט געוואָרן. אויך אויפן קאַלישער האָריזאָנט האָט מען געזען אויפגיין א רויך־וואָלקן.

סוף־סוף זענען אָנגעקומען מיינע עלטערן נאָך שווערע איבערלעבונגען. מיין פאָטער האָט דערציילט, אַז אין ערשטן טאָג האָבן די איינוווינער באַרויבט דעם וואָקזאַל. די רוסישע זעלנער זענען אַוועק און די שטאָט איז געבליבן אָן א מאַכט און אָן שוץ. דערפאַר האָבן די יידן אויפגענומען די דייטשן, ווי אויסלייזערס. דערצו נאָך האָבן זיי דאָך גערעדט זייער לשון. די דייטשע זעלנער האָבן גערן געקויפט ביי יידן און אויפגעפירט זיך העפלעך.

פלוצלינג האָט זיך א שאָט געטאָן א האָגל פון קוילן. דאָס קלאַפּן פון מאַשינגעווער האָט מען געהערט א גאַנצע נאַכט. די מאַנסלייט האָבן געזאָגט תהילים, געשטאַרקט די פאַרחלשטע ווייבערישע הערצער. ערשט אין דער פרי איז שטיל געוואָרן. די דייטשן האָבן אויסגעהאַנגען פּלאַקאַטן מיט מעלדונגען וועגן "קריגסצושטאַנד" און אַז ס'איז דערלויבט אַרויסגיין בלויז עטלעכע שעה אין גאַס, כדי איינצוקויפן שפּייז־פּראָדוקטן.


מיין באָבע רחל ע"ה האָט געדונגען א וואָגן געשפאנט מיט צוויי פערד און געפאָרן קיין קאליש, כדי צו ברענגען פון דאָרט די משפחה. זיי זענען אָבער שוין פון לאנג געהאט ארויס פון שטאָט און דאָס גאנצע פארמעגן האָבן זיי אָנגעלאָדן אויף א קינדער־וועגעלע. אין דער זעלבער צייט האָבן די דייטשן אויסגעליידיקט די קראָמען און די סחורה אָפגעשיקט קיין דייטש־לאנד. ביז שבת זענען קיין בלאשקי אנטלאָפן די מערהייט קאלישער יידן. הרב קאנאל האָט געמאָלדן די יידן פון שטעטל, אז "פקוח נפש דוחה שבת" און אלע אייגנטימער פון קאָמוניקאציע־מיטלען זענען אוועק קיין קאליש ברענגען פליטים.

די שטאָט איז פול געוואָרן מיט פליטים, וואָס האָבן זיך ארייגעצויגן אין די שולן און געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציעס, אויך דער פלאץ איז געווען געפאקט. טייל האָבן געפונען א ווינקל ביי קרובים, די איבעריקע זענען אוועק אין אנדערע שטעטלעך.

אין יענעם שבת האָבן די דייטשן זיך געלאָזט ווילגיין איבער 800 יידן, וואָס מ'האָט צונויפ־גענומען פון דער גאנצער שטאָט. מען האָט זיי געהייסן ציילן ביז צען, און דאן וועט מען זיי דערשיסן. עטלעכע מאָל האָבן זיי דאָס איבערגעחזרט און נישט געשאָסן. ביים לעצטן מאָל איז געקומען א לויפער מיט א באגנעדיקונגס־בריוו.

דער וווינונגס־טייל פון דער שטאָט איז געוואָרן צעשטערט, אָבער דער אינדוסטריעלער טייל איז ווייניקער געוואָרן געטראָפן. טייל האָבן געזאָגט, אז דאָס איז צוליב דעם, ווייל די מאשינען אין די פאבריקן זענען געווען דייטשע און די יידן זענען נאָך געווען פאר זיי שולדיק געלט צו די דייטשן. אין בלאשקי איז זייער מאכט געווען א שטרענגע, אָבער נישט קיין אכזריותדיקע.

אין איינעם א ווינטערדיקן טאָג פון 1918 זענען אויף אונדזער הויף ארומגעגאנגען יונגע פוילישע בחורים אין ציווילער קליידונג מיט ביקסן אויף די אקסלען. איך האָב זיי געפרעגט, וואָס דאָס איז, האָבן זיי געענטפערט: "נאשא פּאָלסקא"! (אונדזער פוילן!) איך האָב זיך געלייגט שלאָפן א דייטשער אונטערטאן און אויפגעשטאנען א פוילישער בירגער. זיי זענען צוגעגאנגען צו דייטשע זעלנער און געפאָדערט אָפגעבן דאָס געווער. די דייטשן, וואָס האָבן זיך פריער בארימט, אז זיי וועלן פארנעמען די גאנצע וועלט, האָבן איצט אָן שום ווידערשטאנד זיך געלאָזט אנטוואָפענען. פון א סך דייטשן האָט מען אויך אראָפּגעשלעפּט די מלבושים און די שיך.



ווען מ׳האָט איבערגעגעבן דעם מיליטערישן גארניזאָן אן אולטימאטום, האָבן די דייטשן באשלאָסן אָפּצוהאלטן די לעצטע שלאַכט און זיי האָבן אָנגעשטעלט די הארמאטן אויפן קלויסטער. דעם זעלבן שבת איז הרב קאנאל אוועק צו זיי בראש פון א דעלעגאציע און זיי געבעטן נישט צו צעשטערן די שטאָט. די יידישע איינוווינער זענען דאָך אוודאי נישט שולדיק אין דעם אלעמען.

אזוי האָט זיך געענדיקט די דייטשע הערשאפט בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה.

וואלף ציוואוש

שרעק און פרנסה

אין קאליש בין איך געוועז ביז כ׳בין אלט געוואָרן צוואנציק יאָר. איך בין געווען אויך אין אנדערע לענדער, אָבער קאליש געדענק איך נאָך. וואָס עס איז איינגעקריצט אין מיין זכרון — דאָס זענען די יידישע שרעקן און זייערע פרנסות.

איך זע פאר זיך דעם בית־עולם, די מצבות פונעם רב מיט זיינע פיר און צוואנציק תלמידים און די מצבות פון די אנדערע קדושים. איך זע די צעריסענע ספרי־תורה, וואָס מען פלעגט יעדן שמחת־תורה ארויסנעמען פון ארון און אוועקלייגן אויף דער בימה, לזכר די פאָגראָמען, וואָס די פּאָליאקן האָבן געמאכט אין יאָר 1868. דער פחד איז נישט אדורך.

דער זעלבער פחד האָט די יידן באגלייט אין זייערע פרנסות. וועגן איינער פון זיי וועל איך דערציילן. א דאנק דער נאָענטקייט פון קאליש צו דער גרענעץ, האָט זיך דאָרט אנטוויקלט א ספעציפישע פרנסה: שמוגל פון דייטשלאנד. אויף א מרחק פון פינף קילאָמעטער געפינט זיך דאָס דאָרף שטשיפּיאָרנע, און פון יענער זייט גרענעץ — סקאלמיעזשיצע. אויף דער גרענעץ האָט זיך געפונען א הויז, וואָס האָט געדינט אויף צו קאָנטראָלירן די דאָקומענטן. א קאלישער תושב האָט פאר 5 קאָפּיקעס באקומען א גרענעץ־שיין, וואָס איז געווען גילטיק 28 טעג. א פרעמדער בירגער האָט געמוזט האָבן א פּאַספּאָרט פון דער גובערניע, וואָס איז געווען גילטיק א יאָר, אָבער דאָס איז געווען שווער ארויסבאקומען.

יידישע עמיגראנטן פלעגן על פי רוב אריבערגיין די גרענעץ אין געהיים. א גרופּע יידן האָט זיך פארנומען מיט אָט דעם לעבעדיקן שמוגל. מען האָט זיי גערופן ״זשאבע־סוחרים״. ווי נאָר ס׳איז אָנגעקומען א צוג אויפן וואָקזאל, האָבן זיי באלד דערשמעקט ווער ס׳וויל אריבערגיין די גרענעץ. זיי האָבן אים אהיימגענומען צו זיך און אריבערגעפירט אויף זייערע וואָגנס. אין יאָרן ארום האָט מען צוגעפירט די אייזנבאן ביז צו דער גרענעץ און יעדער פּאסאזשיר האָט געמוזט אראָפּגיין אין צאָל־אמט.

יעדער עמיגראנט, אפילו מיט א כשרן פּאַספּאָרט, איז געווען געצוווּנגען צו באצאָלן א שטייער פאר די שמוגלערס. אויב עמעצער האָט אָפּגעזאָגט, האָט מען אים געמסרט, און די פּאָליציי האָט אים צוריקגעשיקט אהיים.

איבער דער זעלבער גרענעץ האָט מען אויך געשמוגלט געניצטע מלבושים פון דייטשלאנד קיין פוילן. מיין פאָטער, חיים ציוואוש, האָט זיך פארנומען מיט אָט דעם מסחר אין א קליינעם פארנעם. ער פלעגט קויפן געניצטע מלבושים אין פּויזן, ברעסלוי, לייפּציג און בערלין, און שיקן זיי קיין סקאלמיעזשיצע צו א שמוגלער־אונטערנעמער, אָדער ווי מען האָט זיי גערופן — ״מוילעכער״. זיי פלעגן אריבערשמוגלען אויך אנדערע סחורות. דער אונטער־נעמער פלעגט פונאנדערטיילן די מלבושים צווישן איינצלנע מענטשן און יענע האָבן דאָס אריבערגעפירט קיין פוילן.

ביי אונדז אין שטוב זענען געזעסן עטלעכע שניידערס. זיי האָבן פאררעכט די מלבושים, צוגעפּאסט זיי לויטן ווילן פונעם קליענט, און געכשרט זיי, ד״ה זיי האָבן באזייטיקט דאָס שעטנז. די סחורה האָבן אָפּגעקויפט יידן פון ווארשע, פון לאָדזש, און אפילו פון באקו זענען געקומען יידן קויפן אלטע קאפּעלושן.

אָרעמע יידן פלעגן קויפן פאר עטלעכע גראָשן אָפּגעטראָגענע הויזן ביי שלמה לאטש אָדער ביי רויזע דער שוסטערקע און פאָרן קיין סקאַלמיעזשצע. דאָרט פלעגן זיי קויפן געניצטע מלבושים, וואָס מ'קאָן נאָך פארקויפן, און צוריקפאָרן קיין פוילן. אויב מ'האָט עמעצן געכאפט דריי מאָל ביים שמוגל, האָט מען ביי אים צוגענומען די גרענעץ־שיין אויף א געוויסער צייט.

אָרעמע בחורים, וואָס האָבן געוואָלט עמיגרירן קיין אמעריקע, זענען אומלעגאל אריבער־געגאנגען די גרענעץ, אָנגעטאָן דאָרט דייטשע געניצטע מלבושים און געפאָרן ווייטער.

א סך מאָל זענען געפאָרן יידן בלויז מיט דער קאפאָטע אויפן לייב — אָן הויזן — כדי אומצוקערן זיך אין שיינער קליידונג. אויב זיי האָבן נישט אונטערגעקויפט די גרענעץ־וואך, האָבן יענע פארצייכנט אין דעם שיין: "אָן הויזן", און דער גאנצער ציל פון דער נסיעה איז שוין במילא בטל געוואָרן.

אפילו רייכע יידן, וואָס זענען געפאָרן זיך שואל עצה זיין מיט א דאָקטער אין ברעסלוי אָדער פויזן, פלעגן זיך אָפּשטעלן אין א דאָרף אויף יענער זייט גרענעץ, אויספוצן זיך אין אָנצוגן, פאראסאָלן, צילינדערס און אומקערן זיך — עלעהיי רייכע דייטשע סוחרים. אויך די ווייבער האָבן געשמוגלט. על פי רוב זענען זיי געווען "שוואנגער" מיט זיידענע טיכלעך.

אזוי איז אויך די פרנסה געווען באגלייט מיט פחד.

דער היימישער בויקאָט

אלעמען איז באקאנט דער עקאָנאָמישער מצב פונעם יידישן סוחר און קליינ־הענדלער אין פוילן. מיר ווייסן גוט דעם יסורים־וועג פונעם ייד, מיט וואס פארא צרות ער דאַרף זיך ראַנגלען פאר זיין קאַרגער פרנסה. מיר דארפן אויך נישט דערמאנען די באציונג פון די רעגירונגס־אמטן און פון די קרעדיט־אינסטיטוציעס צום יידישן סוחר, וואס מען קאן באצייכענען ווי א שטיפמוטערישע באציונג. דאָס אלץ העלפט זיכער נישט דעם יידישן סוחר. אויך די קריסטלעכע באפעלקערונג, וואָס ווערט טאָג־טעגלעך גענערט מיט גיפטיקע ארטיקלען פון דער אנטיסעמיטישער פרעסע, מיידט אויס אריבער־צוטרעטן די שוועל פון א יידיש געשעפט.

דער יידישער סוחר קאָן זיך נישט שטיצן אויף די קריסטלעכע קונים. זיין איינציקער אָנשפאר איז דער יידישער קונה. זיין חוב איז צו שטיצן זיין ברודער־סוחר, כדי די צאָל פון פרנסהלאָזע זאָל נישט פארגרעסערט ווערן.

אבער וואס זעען מיר ביי אונדז אין קאליש?

די יידישע געשעפטן און בידלעך זענען אויסגעליידיקט פון קונים און אונדזערע ברידער יידן מאכן זייערע איינקויפונגען אין קריסטלעכע געוועלבער.

און ס'איז כדאי צו באמערקן, אז דווקא אינטעליגענטע יידישע פאמיליעס, מיט א נאציאָ־נאלן באוווסטזיין און אויך פרעדיקער פון נאציאָנאלער אויפלעבונג — זיי גיבן דעם שלעכטן ביישפיל צו בויקאָטירן די יידישע געוועלבער.

לאָמיר נעמען, למשל, אזא גאַס, וואָס איז געדיכט באוווינט מיט יידן, ווי די וויעיסקא: כמעט 80 פראָצענט פון די יידן, וואָס וווינען דאָרט, קויפן אין קריסטלעכע געוועלבער.

ווי אזוי זאָל מען דאָס אָנרופן?

זאָל די יידישע געזעלשאפט וויסן וועגן דעם און ארויסטראָגן אן אורטייל!

מיר פארעפנטלעכן דעם דאָזיקן סקאנדאל און מיר רופן די שולדיקע צו מאכן א סוף מיט זייערע שלעכטע מעשים.

קאלישער לעבן (159) 37

י"ט אלול תר"ץ, 12.9.1930

ל. שורק־הלוי

אויפן אינדזל

דער פאקט, וואָס איך וויל אייך באשרייבן, האָט פּאסירט אין קאליש אין יאָר 1925. דאָס איז שוין א שיינע צייט מיט יאָרן. דעריבער איז כדאי, אז מיר זאָלן זיך דערמאָנען ווי דער אינדזל געפינט זיך. א טייל קאלישער וועלן זיך דערמאָנען, און נישט־קאלישער וועלן זיך בעסער אָריענטירן.

איך וועל אייך נישט באשרייבן דעם הערלעכן גאָרטן — מיט זיינע אלעען, וואלן, אָראנ־זשעריע, פּרוכטן און וואסערפאלן — פון די שענסטע אין אייראָפּע.

מיר געפינען זיך אויפן וואל אין דעם שפּיצפּונקט, קעגן די באד־הייזלעך, מיט דעם בליק קעגן דעם שטראָם פון דער פּראָסנע, וואָס קומט פון פּיוואָניצע. פון דער רעכטער זייט איז דער פאראָם. א שווימענדיקע בריק, מיט וועלכן מיר זענען אריבערגעפאָרן צו פּראָכאָוואָס־קין — א הויכער גוי, דווקא זייער א פיינער, ביי אים געדונגען לאָדקעס און קאיאַקן. הונדערט מעטער ווייטער, אין א קליינער בודקע, איז געווען א צווייטע פּזשיסטאַן פון בעסערע לאָדקעס — דאלקעס. מיר גייען 200 מעטער ווייטער אלץ מיט דער רעכטער זייט קעגן דעם שטראָם, דאָ געפינט זיך קאזימירערטשאקס רעסטאָראַן, אין וועלכן די שפּאצירנדיקע און לאָדקע־פאָרער האָבן זיך דאָס הארץ דערכאפּט.

פון קאזימיערטשאקס רעסטאָראַן פירט דער וועג ביז צום קושיזש. דער ברעג איז דאָ זייער א באקוועמער, שיין באוואקסן מיט גראָז, די ביימער גיבן א שאָטן. די פּראָסנע איז דאָ טיף ברייט, דעריבער פלעגן זיך דאָ באָדן פיל מענטשן, נאטירלעך פריי אָן אָפּצאָל. עטלעכע מעטער פון ברעג איז געשטאנען איינגעגראָבן א האָלצערנער קרייץ, דעריבער הייסט דער פלאץ „פּאָד קושיזשעם".

איצט וועלן מיר צוריקגיין צום שפּיצפּונקט. פון דער לינקער זייט געפינט זיך דער וואסערפאל, נעבן וועלכן ס'איז געווען א שמאָל בריקל, וואָס האָט דערמעגלעכט אדורכצוגיין צו די באד־הייזלעך, אין שפּעטערע יאָרן — צום סטאדיאָן. — נאָך די באד־הייזלעך אין דער לענג פון א קילאָמעטער, און ברייט פון 4—3 ק"מ צו דער ריכטונג טארעצקא שאָסיי האָט זיך געפונען דער „טיניעצקי לענג". א גרויס פעלד נישט באארבעט, באוואָקסן מיט נאטירלעך גראָז, אויף וועלכן דאָס מיליטער האָט געמאכט זייערע איבונגען. דאָ זענען אויך פאָרגעקומען פערד־געיעגן, קאָנקורסן פון דער אָפיצירן רייטער־שול, לייכטאטלעטישע טרענירונגען פון די קאלישער ספּאָרט־קלובן.

אויך מיר, י.ט.ס.ק., האָבן טרענירט אויף דעם „טיניעצקי לענג".

ביים סוף „טיניעצקי לענג" האָט זיך די פּראָסנע אריינגעריסן אויף א הונדערט מעטער אין א ראד און אזוי ארום איז געשאפן געוואָרן דער אינדזל אנטקעגן דעם קושיזש.

★

אין קאלישער בית המדרש האָבן געלערנט א פּאָר הונדערט בחורים, די מערהייט — אָרעמע קינדער, וואָס האָבן געגעסן טעג ביי בכבודיקע בעלי־בתים אין שטאָט. פרישטיק פלעגן זיי עסן אין קעלער ראָג זלאָטע־גארבארסקע: קלייען־באָרשטש, קרויט און א שטיקל ברויט.

געשלאָפן זענען זיי 3—6 בחורים אין א געדונגענעם צימער, און אויך אויף די בענק אין בית המדרש. אין אזעלכע באדינגונגען האָבן זיי געלערנט תורה לשמה.

קאליש האָט געהאט באוווסטע גוטע שווימער. נאָר מערקווירדיק, אז די בעסטע שווימער — און נישט ווייניק — האָבן זיך דווקא געפונען צווישן די בית המדרש־בחורים, וואָס האָבן געלעבט אין די דערמאָנטע שלעכטע באדינגונגען. כמעט יעדן נאָכמיטאָג נאָכן לערנען האָבן זיך די חברה ארויסגעלאָזט צו דער פּראָסנע באָדן זיך און אויך מאכן פארשידענע וואסער־קונצן.

איך געדענק א בחור אהרן, געשטאמט פון דער געגנט. ער איז געשווומען שריט, מיט פארלייגטע הענט אויף דער ברוסט און גערויכערט א סיגארעט. מיר האָבן נישט באמערקט קיין באוועגונג — ער איז פשוט ווי געגאנגען אין טיפסטן וואסער.

א טייל פון די בחורים פלעגן קומען ביז צום אינדזל "פּאַר קושיזשעם", ווייל דאָ האָט מען נישט געדאַרפט צאָלן.

א געוויסן זומערטאָג, נאָכן טרעניגג אויפן "טיניעצקי־לענג", בין איך מיט עטלעכע יינגלעך פון א יוגנט־גרופּע געגאנגען צום אינדזל שווימען. פּלוצעם הערן מיר גוואלדן.

נישט ווייט האָבן זיך געבאָדן ישיבה־בחורים, די שקצים האָבן זייערע זאכן אריינגעוואָרפן אין וואסער און נאָך דעם אָנגעהויבן ווארפן אהין די בחורים. מיר זענען געלאָפן צום פּלאַץ און אינטערוועניִרט.

נאַטירלעך, אז איך ווי דער עלטסטער און ווי דער, וואָס האָט געקענט זייער סלענג פון דער לאַפּאָווער גאַס, האָב פּרובירט מאכן פון דעם א שפּאַס. עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. אונדזער לאַגע איז געוואָרן וואָס א מאָל ערגער. איך האָב געקענט די פּויליִשע אַמביציע און אָנגעהויבן פון דעם טאָן: מיר זענען עטלעכע יינגלעך, איר זענט א פּאָר הונדערט, ווי שעמט איר זיך נישט מיט אונדז צו קעמפן? קלייבט אויס איינעם, זאָל ער מיך אוועקלייגן אויפן רוקן, דעמאָלט וועט איר זיין די זיגער מיט כבוד, אָדער פאַרקערט.

דאָ וויל איך באמערקן, אז אין יאָר 1922 האָב איך געענדיקט א באָקסער־קורס אין "מכבי" ווארשע מיט א גוטן אונגארישן טרענער, א ייד. פאַר דעם האָב איך נישט אדורכ־געלאָזט קיין טורנע פון אַלע צירקן, וואָס האָבן באַזוכט קאַליש. איך בין געווען באָקס־מייסטער פון ד.א.ק. פּאָזנאַן, און אויך א גוטער רינג־קעמפער.

די שקצים איז זייער געפעלן מיין פּראָפּאָזיציע. זיי האָבן אָנגעהויבן שרייען, טאַנצן ווי ווילדע. "איר וועט זען, וואָס פאַר א גולאַזש מען וועט פון דעם זשיד מאכן!"

זיי האָבן אויסגעקליבן א געזונטן זשלאָב. די קולות זענען געגאַנגען ביז די הימלען.

בקיצור, איך האָב דעם שגץ אין משך פון נישט קיין גאַנצער מינוט געגעבן א וואָרף אריבער איבערן קאָפּ... דער שגץ איז געבליבן זיצן, נישט געקענט אפילו שרייען. ס'איז געוואָרן שטיל, די חברים האָבן אים אוועקגענומען אין א זייט. איך בין געבליבן שטיין געשפּאַנט און געוואַרט אויף ווייטערדיקע פאַלגן.

א פּוילישער בחור, גוט געבויט, איז צוגעקומען צו מיר און געפרעגט, אויב איך בין מסכים אויך מיט אים צו קעמפן? איך האָב אים געענטפערט, אז דאָס איז נישט לויטן אָפּמאַך, נאָר אויב ער וויל דורכויס, בין איך גרייט. פון דער אַנדערער זייט פּראָסטע זענען געשטאַנען א סך גוֹיים און געשריגן: וואָס שפּילט איר זיך מיט די זשידעס? הרגעט זיי אוועק און באַסטאַ!

מיין נייער קעגנער איז געווען מער ספּאָרטמאַן און אויך אויסגעוויזן מער קולטורעל. מ'האָט אָנגעצייכנט א גרויסן ראָד. דער ערשטער קרבן איז שוין צו זיך געקומען, מיטגעהאָלפן האַלטן אָרדענונג.

דער צווייטער קאַמף האָט זיך אָנגעהויבן. אין די ערשטע סעקונדן איז איינער דעם צווייטן גאָרנישט שולדיק געבליבן. דער קאַמף האָט זיך געפירט לויט געזעצלעכע פאָרשריפטן.

אין א געוויסן מאָמענט האָט מיר מיין קעגנער געגעבן א פליק אין דער נאָז. איך פרעג אים: וואָס איז דאָס?! מיר גייען איבער אויף באָקס — האָט ער מיר געענטפערט.

איך האָב אָנגעהויבן דעם שגץ צימבלען. בלוט איז געראָנען פון אַלע זיינע אברים: נאָז, אויגן, ציינער — פשוט א רחמנות.

און וואָס איז געווען ווייטער? מיין קרבן איז שוין געווען לאַנג פאַרטיק. איך האָב נישט געוואָלט דראַסטיש פאַרענדיקן ווי מיט דעם ערשטן, זיך געשפּילט מיט אים. ער איז געווען געפאַלן, אויפגעשטאַנען. איך האָב נישט אויסגענוצט דעם מאָמענט, און ער האָט נישט געוואָלט זיך אונטערגעבן.

די גוואלדן זענען געווען וואָס א מאָל שטאַרקער, מען האָט שוין נישט געשריגן "זאַבי טעגאָ זשידאַ", נאָר "ניע דאַי שיען". די שקצים האָבן מיט דעם געוואָלט הייבן זיין מוט. אָבער מיין פּאַרטנער איז געפאַלן אויף צוריק...

די גוֹיים האָבן נישט געקאָנט פאַרטראָגן די מפּלה. איך ווייס נישט ביז היינט, וויפיל שקצים אין עלטער פון 13—9 יאָר האָבן זיך אויף מיר געוואָרפן מיט דינע ווייכע צוויַיגן און אָנגעהויבן שמייסן פון אַלע זייטן. בלוט איז געראָנען פון מיין נאַקעטן קערפּער און פּנים.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז די לאגע איז גאָרנישט פריילעך, איך קאָן זיך נישט ווערן, דאָס קאָן זיין מיין סוף. כבוד איז שיין, אָבער אין דעם פאַל מוז איך אַנטלויפן. נאָר וווהין? אדורכרייסן, אריינשפּרינגען אין וואַסער. דאָרט בין איך זיכער און ווידער שטאַרק.

דורך א האָגל פון בייטשן האָב איך זיך אַדורכגעריסן שלאָגנדיק אויף אַלע זייטן מיט הענט און פיס, ביז איך בין צוגעקומען צום וואַסער.

ביים ברעג זענען געשטאַנען אייניקע שיפלעך מיט וויאָסלעס. איצט וועל איך אייך לערנען דרך־ארץ! ר׳ בנימין חיים וואָלקאָוויטשס אייניקל בלייבט קיינעם נישט שולדיק! איך כאַפּ א וויאָסלע און הייב אָן פּאַכן איבער די קעפּ. בלוט איז ווידער געראונען. ס׳האָט זיך ווידער געשאַפן א ראָד. איך בין געשטאַנען אין דערמיט, געדרייט מיט דער וויאָסלע ווי א ווינטמיל.

איר האָט זיכער געזען אין דער נאַטור אָדער אין פילם, ווי הונדערטער הינט יאָגן א חיה אין וואַלד, צום סוף ווערט די חיה, א פאַרוווּנדעטע, א פאַרבלוטיקטע, אַרומגערינגלט. די הינט ווילן זי בייסן, האָבן מורא, נאָר פון הינטן פּרובירן זיי יעדעס מאָל א ביס טאָן.

מיין פּאָזיציע האָט זיך פאַרבעסערט, אָבער ס׳איז נאָך נישט פריילעך.

אין דעם מאָמענט האָט זיך דערהערט שטאַרקע גוואַלדן: ראַטעוועט! ראַטעוועט! א מענטש טרינקט זיך!

די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט האָט זיך איבערגעוואָרפן צו דעם זיך טרינקענדיקן. אַלע זענען געלאָפן צום וואַסער. איך בין סוף־סוף געבליבן אַליין.

פון ביידע זייטן פּראָסנע זענען געשטאַנען הונדערטער מענטשן. די גוואַלדן האָבן נישט אויפגעהערט: ראַטעוועט! דאָ איז ער! ראַטעוועט! נעמט א שיפל, ראַטעוועט!

דער פּלאַץ, ווו איך בין געשטאַנען ביז צום וואַסער איז געווען 15—12 מעטער.

איך בין אויך צוגעלאָפן צו דער פּראָסנע. אין וואַסער האָבן זיך געפונען עטלעכע שווימער. צוויי פון זיי האָבן געוואָלט ראַטעווען דעם טרינקענדיקן. פון דער צווייטער זייט איז ארויס א שיפל מיט עטלעכע יונגעלייט און א סערזשאַנט אויף הילף.

ווי איך האָב זיך דערנאָך דערוווּסט, האָט איינער פון די צוויי שווימער דעם טרינקענדיקן שוין געשלעפּט צום ברעג, נאָר אין א געוויסן מאָמענט איז ער באַפאַלן זיין רעטער און ביידע האָבן אָנגעהויבן זיך טרינקען. דער רעטער האָט זיך ארויסגעריסן פון די הענט פון טרינקענדיקן, און דעריבער האָבן זיי שוין מורא געהאַט. אין דעם מאָמענט האָב איך באַמערקט א פּאָר פינגער שטעקן ארויס פון וואַסער.

איך בין אריינגעשפּרונגען שווימענדיק אונטערן וואַסער אין יענעמס ריכטונג. איך בין ארויפגעקומען צוזאַמען מיטן טרינקענדיקן. דעם בחור האָב איך געלייגט מיט דעם פּנים צום הימל, און מיט דער צווייטער האַנט געשווומען צום ברעג.

מ׳האָט ווידער געהערט גוואַלדן: "בראַוואָ! בראַוואָ, באַהאַטער!" אויפן האַלבן וועג האָט אונדז דערגרייכט דאָס שיפל. דער סערזשאַנט האָט מיר דערלאַנגט א וויאָסלע, מיר זענען צוגעשוווּמען צום ברעג. דער טרינקענדיקן האָבן זיי אַוועקגעלייגט אויפן גראָז, געשעפּט פון אים וואַסער. נאָך א קורצע צייט האָט ער אָנגעהויבן אָטעמען און קומען צו זיך.

איך האָב אָפּגעוואַשן מיינע ווונדן פון דעם בלוט. דער סערזשאַנט מיט נאָך עטלעכע בירגער זענען געקומען דאַנקען מיר פאַר מיין מענטשלעכן און העלדישן טאַט.

איינער פון זיי, אַן אָנגעשטעלטער אין מאַגיסטראַט, האָט געהאַלטן א רעדע פאַרן עולם, אין דעם לשון:

— מיינע הערן! אַלס קאַטאָליק איז מיר זייער אומאָנגענעם און איך שעם זיך, וואָס מיינע אויגן האָבן היינט געזען: באָדנדיק זיך נעבן "קושיזש" האָב איך אָבסערווירט אַלץ, וואָס עס האָט פּאַסירט אויף דעם אינדזל. שטעלט אייך פאָר, דער טרינקענדיקער, א קאַטאָליק, א שוואַכער שווימער, האָט ריזיקירט אריבערשווימען די פּראָסנע, כדי העלפן שלאָגן די אומשולדיקע געלאַסענע בירגער. און דווקא דער העבר, וואָס איז א סטאַראָזאַקאָנני, וועלכן איר זענט אומגערעכט באַפאַלן, געשלאָגן ביז בלוט, דווקא ער האָט איינגעשטעלט זיין לעבן בכדי ראַטעווען א מענטשן. דעריבער בעט איך אייך, פון היינט און ווייטער זאָלן קיין שום שטערונגען אויף דעם אינדזל נישט פּאַסירן, אַנישט וועט דאָס באָדן דאָ אין גאַנצן פאַרבאָטן ווערן.

מאיר פאקנטרעגער

ראש השנה

אין קילן אלולדיקן פארנאכט האָט זיך פלוצעס פון אלטן בית־מדרש דערהערט דאס בלאָזן פון שופר, וואָס האָט זיך מיט א ציטער פונאנדערגעטראגן איבער די יידישע געסלעך. דאס האט רב מענדעלע בעל תוקע, א קליין חסידיש יידל מיט א צעפאטלטער געלער באָרד, אויסגעפרוווט זיין האָרן צו די ראש השנהדיקע תקיעות. אין פאָליש פון דער גרויסער שול האט דער אלטער חזן, רב נח זאלודקאָווסקי, — אדער ווי מ׳האט אים גערופן אין שטעטל, רב נח קלוגער — איינגעזונגען מיט זיינע משוררים זיינס א נייעם ונתנה תוקף, בראש השנה יכתבון און הנני העני. דאָס געזאנג פון די זיסע שטימעלעך, וואס האָבן זיך ארויסגעריסן פון די העלדזלעך פון די יונגע בחורימלעך, האָבן אָפגעקלונגען ווי דער געקלאנג פון זילבער־גלעקעלעך אין אומעטיקן פארנאכט און זיך צעטראגן העט ווייט איבערן יידישן געסל.

יידן מיט בערד און פאות, אנגעטאָן אין שווארץ־זיידענע קאפאָטעס און שווארצע ידישע היטלען אויף די קעפּ, האבן זיך פלוצעם אָפגעשטעלט אויפן טראָטואר און איינגעהערט זיך שטיל אין די הארציקע תפילות.

דאס שטעטל האט זיך פאמעלעך געגרייט צו די פאָרכטיקע ימים־נוראים־טעג. אין מיטן העלן טאג, שטיל, ערנסט פארדבקהט האט זיך געשלייכט איבערן שפיטאל־געסל רב איטשע דער שוחט. א ייד, א דעמב, מיט א רויט אויסגעפּילט פנים, בארעמט מיט א לאנגער געלער באָרד, אונטער וועלכער עס האָט זיך צעלייגט וואָלענע פאטשיילע געוויקלט ארום האלדז, זיין שטילער פארטראכטער גאנג האָט אָנגעזאָגט אז דאס גרייט ער זיך צו זיין בעל־שחרית פון דער שול. זיין וואָלענע שאל היט אים דעם ״קול״ ער זאָל ביז צו ראש השנה נישט כאפן קיין צוג־ווינטל, פארקילן זיך און הייזעריק ווערן. פון ווייטע שטעט און שטעטלעך זענען ארָאפּגעקומען וואנדער־חזנים און חסידישע בעלי־תפילות אויף פראָבע, כדי אויפגענומען צו ווערן צום דאוונען אויף ימים נוראים אין די פארשיידענע קלויזן און בתי תפילה. א גאנץ יאר האָבן די דאָזיקע מענטשן אויסגעקוקט אויף די פאָרכטיקע טעג.

אין דער גרויסער שול און אין אנדערע קלענערע שולן איז שוין אָנגעגאנגען דער שנעלער אויספארקויף פון ״שטעט״. יידן גבירים און יידן פון א גאנץ יאָר האבן זיך פריצייטיק באזאָרגט מיט א שטעל פאר זיך, פארן ווייב און קינדער.

פון אויסשטעל־פענצטער פון די פאפיר־געשעפטן האָבן אראפּגעווונקען צו דער גאס פאר־שידנפארביקע ״שנה טובהס״. די געשעפטן זענען געווען פול פון ווייבער, מענער און מיידלעך, וואס האָבן געקויפט צו עטלעכע ווונטשקארטן אוועקצושיקן צו קרובים, גוטע־פריינד אין לאנד און קיין אויסלאנד.

יעדן טאג האָט די באן אוועקגעפירט אַן אנדערע גרופע חסידים, וואס זענען געפארן אויף יום־טוב צום רבין. די וואגאָנעס זענען געווען געפאקט מיט חסידים מיט לאנגע בערד און פיאות, אָנגעטאָן מיט שווארצע ״זשופיצעס״.

ווי יעדעס יאר איז אין די סליחות־טעג אראפּגעקומען אין שטעטל ר׳ לייביש הערש מוכר־ספרים, א הויך איינגעדארט יידל מיט א קורץ קאָזע־בערדל, אָנגעטאָן אין א צעריסן, שמוציק כאלאטל און א פּאָר אלטע פארבלאָטיקטע שטיוול, און פארקויפט פאר דער שול בינטלעך ציצות, טלית־זעקלעך, ארבע־כנפות, סידורימלעך און נייע מחזורימלעך. אלע האָבן אים שוין געקענט און ווען די מתפללים זענען ארויסגעגאנגען פון שול, האָט יעדער איינער געטאָן א מצוה און געקויפט ביי אים עפּעס: א סידורל, ציצית, אָדער א ניי מחזורל אויף

יום־טוב. לייביש הערש האָט דערביי צופרידן געשמייכלט, אז זיין סחורה גייט און ער וועט קענען א טאָג פאר ערב ראש השנה פארן אהיים מיט א שיינעם פדיון.

עס האָט זיך דערנענטערט דער ערב יום־טוב. אין גרויען באַגינען, ווען עס האָט אָנגעהויבן שאַריען אויף טאָג, האט זיך פון די לאנגע זאמדיקע שליאכן דערטראָגן א געדיכטער וואָלקן־שטויב. מיט א מאָל האבן זיך פון שטויב־טומאן ארויסגעשיילט פויערישע וועגענער, וואָס האָבן זיך דערנענטערט צום מארק. די פויערים האָבן געפירט אין די לייטער־וואָגנס גרינס, קאטשקעס, הינער און גענדז פאר די יידן אין שטעטל. אָנקומענדיק אויפן גרויסן מארק־פלאַץ, זענען די אלטע גויים אראָפגעקראָבן פון די קעלניעס, אויסגעשפאנט די פערד, אָנגעהאנגען אויף זייערע לאנגע העלדזער דעם "אבריק" און פאררויכערט לאנגע פייקעס מיט היימישער מאכאָרקע. ביסלעכווייז האט אויפן מארק אנגעהויבן צו טומלען. פערד האבן זיך צעהירזשעט, הינער צעקרייט און גענדז צעגאָרגעט. ווייסע פוכיקע פעדערן האָבן געפלאטערט אין דער לופט און געוואלגערט זיך אויף דער ערד. פון א פויערישער פור האָט זיך ארויסגעריסן א ווייסע הון מיט א רויטן קאם, א פאטש געטאָן מיט די פליגל און אראָפּ אויף דער ערד. דער פויער האָט זיך נאָכגעיאגט א פארסאפעטער נאך דער הון, וואָס איז ארומגעלאָפן צווישן די פויערישע וועגענער, און ענדלעך זי געכאפט פאר א פיסל.

עס האבן זיך באוויזן אויפן מארק יידישע באלעבאָסטעס מיט ווייסע געפלאָכטענע קיישעלעך איינקויפן א הון אָדער א פעטע גאנדז, א בלאז געטאָן פון אונטן די פעדערן און א טאפ געטאן מיטן פינגער צי זי איז פעט. א סך מאָל ווען א באלעבאָסטע האט שוין געהאלטן ביים באצאָלן דעם פויער פאר דער הון, איז אונטערגעשפרונגען א מארק־זיצערקע און די כשרה מציאה אויסגעקויפט. די בעל־הביתטע האט זיך אָפגעקריגט, אָפגעשריגן און אוועק צו אן אנדערן פויער זוכן א מציאה.

ס'איז געוואָרן שפעט. דער מארק איז מיט א מאָל ליידיק געווארן. די לעצטע קרעמער האָבן פארמאכט די געוועלבער אויף אייזערנע פרענטן. לערן־ייִנגלעך האבן אהיימגעטראָגן פון די מייסטערס די נייע אויפגעפּייטע מלבושים פאר די שיינע בעלי בתים און באקומען ביר־געלט. יידן זענען געגאנגען אין מקוה אריין מיט פעקלעך וועש אונטערן אָרעם.

פאמעלעך האָט זיך די זון אראָפּגעלאָזט אין מערב־זייט. דער לעצטער אָפשיין האט זיך געצונדן אין די פענצטער. א שטילער אומעט האט איינגעהילט די יידישע געסלעך, וואס האָבן זיך געגרייט אויפצונעמען דעם יום־הדין.

יידן מיט אויסגעצוואָגענע בערד און פאות, נאָך פייכט פון דער מקוה, אָנגעטאָן אין שווארצע קאפאָטעס, זענען שוין געגאנגען מיט פאמעלעכדיקע טריט אין שול אריין.

אין די שטובן האט מען שוין אָנגעצונדן די ליכט. קליינע פלעמלעך מיט זייער געלן שיין פינקלען ציטערדיק און ווארפן א בלאסן שיין אויף דער גאס.

אין יידישן געסל איז געווארן שטיל. א פאַרכטיקע יום־טובדיקייט איז אויסגעגאָסן אין יעדן ווינקל. אין שול־געסל האט זיך שטיל ווי א שאָטן אדורכגעשלייכט מרדכי מאיר דער וואסערטרעגער, א קליין יידל מיט א אומגעלומפערטן גרויסן קאפּ, מיט א פאר גרויסע, שווארצע, פארמרהשחורהדיקטע אויגן. אויף דער גאָמבע האט אים געשפראָצט א שיטער בערדל. אנגעטאָן איז ער געווען אין א נייע קאפאָטע און אין א פאר גלאנציקע מיט אייל באשמירטע שטיוול. יעדן בעל־הבית האט ער אָפגעשטעלט אויף דער גאס און אים צוגעוווּנשן א "שנה טובה תכתבו" און די יידן האבן אים צוריקגעווונשן "בעט זיך אויס, רב מרדכי, א גוט יאר! אז איר זאָלט אויף אייערע עלטערע יאָרן נישט דארפן מער טראָגן קיין וואסער אין די שטובן" !...

פון שפיטאָל־געסל האט זיך באוויזן משה נאר. מיט א שווארצן אויפגעשטעלטן ווינטער־הוט אראָפּגערוקט ביז איבער די אויערן און א פּאָר גרויסע שטיוול אויף די פיס, איז ער

ארומגעלאָפן פארסאפעט און געהאלטן אין איין שרייען מיט א הייזעריקע שטים: "יידן! איר זאָלט זיך אויסבעטן א גוט יאָר"!...

איבערן שטעטל האט זיך ארויפגעלאָזט די נאכט. פון די באלויכטענע שולן און שטיבלעך האט זיך דערהערט דער ניגון פון ערשטן ראש השנהדיקן מעריב, יידן האבן התלהבותדיק געדאוונט, געבעטן ביים אויבערשטן מכפר צו זיין די זינד. נאָכן מעריב דאווענען האָבן פון דער שול און פון אלע קלויזן זיך א שאָט געטאָן יידן מיט ווייבער און קינדער. מען האָט זיך איינס דאס אנדערע געווונשן א שנה טובה, אלטע שונאים האָבן זיך איבערגעבעטן און מוחל געווען זיך די עוולות.

צו מאָרגנס האָט זיך דער טאָג געשטעלט א שיינער, א צעזוניקטער. מיידלעך מיט געפּ־לאָכטענע צעפּלעך האָבן שפּאצירט אויף די גאסן און הינטערן שטעטל. יידן אייגעהילט אין טליתים זענען געשטאנען אין שול און אין קלויזן און געדאוונט. דאָ און דאָרט האָט מען געהערט דאָס בלאָזן פון שופר און די הארציקע ניגונים פון די בעל־תפילהס. אין שוסטער־שטיבל איז געשטאנען דער אלטער יאנקל, דער שוסטער, אייגעהילט אין טלית און געקלאפּט זיך מיט דער דלאָניע אין הארץ אריין „על חטא". און אז עס געקומען צום פסוק: אל תשליכנו לעת זקנה — האט זיך יאנקל אזוי יאָמערלעך צעקלאָגט און צעוויינט, ווי א גרויס אומגליק וואָלט אים געשטאנען פאר די אויגן.

די טרערן זענען אים גערונען פון די אלטע טריבע אויגן, און מיט אויפגעהויבענע הענט צום רבונו של עולם האָט ער איבערחזרט עטלעכע מאָל דעם פסוק: אל תשליכנו לעת זקנה, ככלות כוחנו אל תעזבנו!... און די טרערן האָבן, ווי טראָפּעלעך טוי פאמעלעך אראָפּגעקאַפּעט אויף זיין אלטן ראש השנהדיקן מחזור...

ה. סאָלניק

תשעה באב 1914

זינט עטלעכע טעג איז די לופט אָנגעזאפּט מיט מלחמה־קלאנגען. די געזיכטער פון די רוסן זענען פארצויגן מיט א סודותדיקן שלייער. א שנעלע באוועגונג אין אלע רעגירונגס־אנשטאלטן. מ׳פּאקט, מען רוימט, און די באנען פירן דאָס אוועק. שטיל און געהיים.

באאמטע ארבעטן, לויפן פלייסיק — דער ציווילער הערט פון זיי קיין וואָרט נישט. א סוד־סודותדיקייט האָט אלעמען ארומגענומען.

אן אייליקע מאָביליזאציע. עלטערן קרעכצן, כלות זיפצן און יונגע ווייבלעך וויינען. בלאסע דערשראָקענע יונגע מענטשן געזעגענען זיך. נאָך א בליק צוריק, נאָך א טרער און א דער־שטיקטער „בלייב געזונט".

מ׳לויפט אין די בענק געלט ארויסנעמען, האלט! געשלאָסן, די בענק זאָגן אָפּ. שווערע שטיינער פאלן אויפן הארץ.

מ׳קויפט איין שפּייז־ארטיקלען. איילנדיקע מענטשן דערפילן, אז עפּעס דערנענטערט זיך; מען טרויט נישט איינער דעם צווייטן. באָרגן האָט אויפגעהערט — האָסט געלט? קויף און באצאָל. אין מוח ביי יעדן עגבערט א באהאלטענע שרעק פארן מאָרגן, פארן היינט, פארן אָט באלד. מיר זענען די גרענעץ־באוווינער, די שוועל צו מלחמה.

— וואָס קען ווערן מיט אונדז?

מענטשן טראכטן און קענען גאָרנישט דערטראכטן.

א בלייענער מחשבות־גאנג, א קאָשמאר. השערות, רמזים, בסוד אויפן אויער: „דער רוס האָט אָפגעטראָטן״.

— אזוי? געלאָזן אונדז שוצלאָז, אויף הפקר!

— ווער ווייסט, אפשר בעסער, פטור פאָניען.

זונטיק, תשעה באב.

בית־עולם־גראָז־דופט מיט זונשטראַלן. מצבות מיט ניכטערן מאָגן, איכה־ניגון מיט שטעכערס אין יענעמס באָרד. די אייביק טרויעריקע מעלאָדיע מיטן באקאנטן שמייכעלע איבער יענעמס אומבאהאָלפנקייט. א שטיל דערשטיקטער זיפץ פון א אלט־פרומער קעל באגעגנט זיך מיט א לייכטזיניקן קונדייסעווון פון נישט מיושבדיקע יוגנט. דאָס נאָכדערציילן פון דעם אלטן מיוחסדיקן שלאָס, וואָס איז חרוב ומוחרב געוואָרן פון דער האנט פון שונא, פון באַרויבן און פארניכטן אוצרות פון גאָלד אין שאצקאמערס, מיטן טרויעריקן יחוסדיקן סקארבאָוון משפחה־טראַדיציאָנעלן ניגון דערציילט, גלייכצייטיק שטיל אין זיך טראכטנדיק וועגן נייע ציגל, וואָס וועלן צוגעטראָגן צום פונדאמענט פון נייע שאצקאמערן.

און אין הארצן פילט זיך דאָס אָנגעטראָגענע לינדע ווינטעלע, וואָס איז מבשר א נאָענטן פרילינג... אן אטמאָספער, וואָס איז טריב און שמייכלט ווי א קינד וואָס לאכט ווײנענדיק...

צוויי זענען מיר געשטאַנען אויפן טראָטואר פון אלטן מארק; איך מיט דעם גרויז־גרויען לערער זיגמונד (סיני) בליי ע״ה.

געווען איז עס א שעה, אפשר צוויי, נאָך די „קינות״. אלע געשעפטן געשלאָסן. זונטיק, תשעה־באב.

תשעה־באב־געדאנקען מיט מלחמה־מחשבות אויסגעמישט. פון מיליטער אָדער פאָליציי איז קיין שפור נישאָ.

— ווו זענען אלע מענטשן אהינגעקומען? — פרעגט מיך דער אלטער בליי.

— ס׳פילט זיך עפעס אומהיימלעכס אין דער לופט — איז געווען מיין ענטפער.

פון ברעסלער־גאס ארויס צו צום מארק קומט אָנצופאָרן אויף א ראָווער א זעלנער, הינטער אים א 10 מעטער ווידער איינער, דאן ווידער און ווידער.

די חושים אין ערשטן אויגנבליק ווערן מטושטש. א דייטש? יאָ.

שטיל און רואיק פאָרן זיי שריט ביי שריט. די אויגן זייערע בליצלען אין אלע זייטן. הינטער זיי מארשירט א גאנצע ראָטע זעלנער, מלחמה־גרייט, אזוי שטיל, אומהיימלעך. פון יענער זייט טראָטואר, אקעגנאיבער, האָבן עטלעכע אומבאקאנטע זיי באגריסט אראָפנעמענדיק די היט.

מיר ביידע קוקן זיך איבער. פאר פלוצלינגער איבערראשונג זענען מיר שטיין געבליבן ווי פארשטיינערט, נישט קיין וואָרט ארויסגערעדט. געפילט האָט זיך אין הארצן, אז עפעס גרויס איז געשען פאר אונדזערע אויגן, אן אָנזאָג, אז די שוועל איז אריבערגעטראָטן.

— אהיימגיין — האָט אונדז דיקטירט אן אינערלעכער באפעל.

דער שטילער אריינמארש אין אונדזער שטאָט, ווי מיט לייכטע גנבישע טריט אין דער נאכט, מיט דערנאָך קורסירנדיקע מעשהלעך וועגן אָט די דייטשע זעלנער, אז „אָט באלד וועלן מיר שמעקן זייער טאבאק... די גאסן וועלן באלד ברייטער ווערן״ — האָבן אויף אונדז איבערגעלאָזט א דערדריקנדיקן געמיש פון פאַרגעפילן, וואָס האָט טאקע נישט לאנג געלאָזט אויף זיך ווארטן.

קאלישער לעבן

קאליש, י׳ מנחם אב תרפ״ט

16.8.1929

ד״ר י. קלינגער

מעשהלעך פון אמאליקן קאליש

לויט ארכיוו־מאטעריאל

אין די צייטן ווען דער מגן אברהם זצ״ל איז אין קאליש געווען דיין, האָט פאַרנומען דעם אמט פון שטאָט־רב דער בארימטער גאון און מקובל ר׳ יהודה בן ניסן ז״ל, באקאנט אונטער דעם נאָמען פון זיין חיבור ״בית יהודה״.

דער ״בית יהודה״ האָט געשמט אין דער דעמאָלטדיקער לומדישער וועלט אלס ״עוקר הרים״, כמעט אלס פוסק אחרון.

מען דערציילט, אז דער מגן אברהם ז״ל האָט אים נישט נאָר מעריץ געווען, נאָר געציטערט פאר אים ווי פאר פייער און געזאָגט, אז רעדנדיק מיט דעם בית יהודה פילט מען דאָס דבריו הם כגחלי אש (זיינע ווערטער זענען ווי ברענעדיקע קוילן).

עס איז אויך קיין ווונדער נישט, דען דער ב. י. ז״ל איז אויך באקאנט געווען אלס גרויסער מקובל, אן אמתר ״מציץ״.

אין זיין פרייער צייט האָט דער ב. י. זיך באשעפטיקט מיט שרייבן א ספר תורה.

די לעגענדע דערציילט, אז בעת שרייבן פון דער ספר־תורה האָבן די אותיות געשפריצט מיט פייער.

דאָס ספר איז אָבער נישט געוואָרן אָנגעשריבן לויט די הלכות כתיבת ספר־תורה (וועגן דעם איז פאראן א ספעציעלער טראקטאט אין ״יד החזקה״) און אין צוזאמענשטעל פון די אותיות זאָל דער ב. י. האָבן אריינגעבראכט פארשידענע קבלהסטישע געדאנקען און כוונות.

שבועות, אין יום טוב פון מתן תורה, פלעגט מען תמיד אין דעם ספר לייענען.

אזוי זענען פיל יאָרן פארגאנגען.

אייניקע פון די רבנים, וועלכע האָבן פארנומען דאָס קאלישער כסא הרבנות נאָך דעם בית יהודה, האָבן דורכקוקנדיק דעם ספר זיך שטארק געחידושט. ר׳ אבאלע חריף האָט זיך בשעתו אפילו אויסגעדריקט, אז לויט דעם דין באדארף מען דעם ספר גונז זיין, נאָר אזוי ווי אזא אויטאָריטעט ווי דער ב. י. האָט עס געשריבן, קאָן זיך קיינער דערויף נישט דערלויבן.

אין יאָר ת״ר איז אָנגעקומען אלס קאלישער רב דער בארימטער גאון און מקובל ר׳ אליהו ראבינאָוויטש, באקאנט אונטערן נאָמען ר׳ אליהו ראָגאלער (ער האָט געשטאמט פון ראָגאלא) דער מחבר פון ספר ״יד אליהו״.

הונדערטער לעגענדעס און מעשיות פערהערלעכן דאָס לעבן און פירונג פון ר׳ אליהו. עס איז כמעט נישט פאראן א רב, וועלכער זאָל אין פארלויף פון אייניקע יאָר (ר׳ אליהו איז געווען קאלישער רב במשך פון 10 יאָר) געווינען אזא פרסום ווי ר׳ אליהו ראָגאלער.

שבועות תר״א, בעת מען האָט געוואָלט ארויסנעמען דעם ספר פון ב. י. צום לייענען, איז ר׳ אליהו ארויף אויפן בעלעמער און זיך אָנגערופן: — רבותי, איך בין דעם ספר גונז און מהיום והלאה טאָר מען אין דעם ספר נישט לייענען.

אין שול איז אנטשטאנען א גרויסער רעש: היתכן? ווי איז דאָס מעגלעך, איבער 100 יאָר איז דער ספר שבועות געלייענט געוואָרן, קיין שום רב האָט זיך נישט דערלויבט עס גונז צו זיין, און ר׳ אליהו, וועלכער פארנעמט ערשט קוים א יאָר דעם כסא הרבנות, זאָל אזא זאך אָפטאָן?

נאָר ר׳ אליהו האָט הארט און קאטעגאָריש זיך אָנגערופן: — פאר וואָס איך בין דעם ספר גונז קען איך אייך נישט זאָגן, נאָר איך נעם די אחריות אויף מיר, און אויף דעם עולם האמת, וועט זיך דער ב. י. מיט מיר קענען אָפרעכענען.

דער עולם אין שול, אויסהערנדיק די ווערטער פון ר׳ אליהו, האָבן פארשטאנען, אז עס זענען פאראן דברים בגו, און מען האָט דעם סופר גונז געווען.

יאָרן איז דער ספר אוועקגעשטעלט געוואָרן און מען האָט אין אים נישט געלייענט.

ווען ר׳ חיים אלעזר וואקס, דער מחבר פון ספר ״נפש חיה״ איז אָנגעקומען אלס קאלישער רב, האָט ער זיך א פאָר טעג פאר שבועות געלאָזט ברענגען דעם ספר גנוז, עס גענוי דורכגעקוקט און מתיר געווען אין אים לייענען.

מען האָט מחדש געווען דעם אלטן מנהג און צו מתן תורה געלייענט אין דעם ספר, וועלכן דער בית יהודה האָט אָנגעשריבן.

צו מאָרגנס נאָך שבועות איז אויסגעפאלן דער גרינער דאָנערשטיק, בעת וועלכן עס איז אויסגעבראָכן דער בארימטער פאָגראָם. פון די עטלעכע און זעכציק ספרים, וועלכע האָבן זיך געפונען אין שול, האָבן די פאָגראָמשטשיקעס קיין שום ספר נישט גערירט, נאָר דעם ספר פון בית יהודה האבן זיי צעריסן און געשענדעט.

★

מען דערציילט, אז צום "נפש חיה" איז געקומען א פרוי און אים דערציילט, אז זי האָט זיך געקויפט א פאָר שיך, נאָר זי האָט זיי נישט געוואָלט אָנטאָן, ווייל איר מאמע איז צו איר געקומען אין חלום און איר געזאָגט, אז אויב זי וועט אָנטאָן די שיך, וועט זי צו מאָרגנס שטארבן.

לכתחילה האָט זיך דער "נפש חיה" דערפון אויסגעלאכט און געזאָגט דאָס "חלומות שטותים הם", אבער ווען די פרוי איז אויך צומאָרגנס געקומען און אים דערציילט, אַז בעת זי האָט געוואָלט אָנטאָן די שיך איז איר טויטע מאמע נאָך א מאָל געקומען זי מתרה זיין, האָט דער נ. ח. געהייסן ברענגען צו זיך די שיך.

מען האָט די שיך צענומען און געפונען, אַז אָנשטאָט בראנזוילן האָט דער שוסטער אריינגעלייגט יריעות פון ספר, וועלכן דער בית יהודה האָט אָנגעשריבן.

דער "נפש חיה" האָט פארשטאנען, אז ער האָט נישט ריכטיק געהאנדלט מתיר זייענדיק דאָס, וואָס ר' אליהו האָט גונז געווען און ער איז ארויסגעגאנגען אויפן בית עולם אויפן קבר פון ר' אליהו מקבל נזיפה זיין און מחילה בעטן.

איינצלנע יריעות פון דאָזיקן ספר געפינען זיך נאָך, עד היום, אין דער קאַלישער שול.

קאַלישער וואָך (81) 43
כ"ו חשון תרצ"ב, 6.11.1931

ש. ב.

ס'גייט א לוויה

אויפגעשטאנען אין דער פרי, דערליידיקט אלע מיינע זאכן און זיך געלאָזט אין גאס אריין, האָב איך זיך געפילט עפּעס נישט אזוי ווי עס דארף זיין. געקומען אין גאס, זע איך, עס שטייט א קופּקעלע יידן און מען סודות זיך. עפּעס זענען מיר נישט געפעלן זייערע געזיכטער. זיי זענען דאָס מאָל געווען צו ערנסט. איך רוק זיך צו נעענטער און איך ווער געטראָפן פון דער ידיעה: געשטאָרבן ר' ישראל. "ברוך דיין אמת" רייסט זיך ארויס פון הארצן. מילא, פארפאלן, ד' נתן וד' לקח. ווען וועט זיין די לוויה? — פרעג איך ביי די יידן — 2—3 אזייגער נאָכמיטאָג — באקום איך אן ענטפער.

די לוויה איז שוין געוואָרן די טעמע פון טאָג. ערשט איצט איז מען געוווּיר געוואָרן וויפיל קינדער דער נפטר האָט איבערגעלאָזן, צי האָט ער גוט געלעבט מיט זיין ווייב, און צי איז ער באמת געווען א געדריקטער מענטש (כאָטש מען האָט געפירט א ברייט לעבן).

איך גיי מיר אָפּ א ביסל ווייטער, נעענטער צו דער בריק און "יידישע גאס", שטייט דער גבאי פון חסד של אמת און איך פרעג אים נאָך א מאָל: ווען וועט זיין די לוויה? — זאָגט ער מיר — 4 אזייגער נאָך מיטאָג, דערפאר, ווייל דער גבאי פון היינטיקן חודש האָט ליב צו שלאָפן נאָך מיטאָג, קען די לוויה פאר 4 נישט ארויסקומען.

דער נפטר האָט געוווינט אויף דער נאָווא גאס און דאָס איז א גרויסע זכיה. אייגנטלעך איז בעסער צו וווינען אויף דער ברעסלער אָדער אלעע יוזעפינא, אָבער נאָר ביים לעבן. דערפאר צו שטארבן איז בעסער ווען מען וווינט אויף דער נאָווא אָדער יידישער גאס.

דער עולם שטייט שוין גרייט אָפּצוגעבן דעם לעצטן כבוד דעם נפטר. ר׳ אהרן, וואָס פירט די עגלה, קריכט שוין ארויף אויף דער קאָזשלע און שטייענדיקערהייט, בפני קהל ועדה, טוט ער אויס דאָס היטל און טוט אָן דעם צילינדער, וואָס הארמאָנירט ווייט נישט מיט דעם פארסמאָליעטן כאלאט. עס איז געווען א מנהג, אַז אויב דער נפטר האָט ביים לעבן געטראָגן אין שול א צילינדער, זאָל דער זעלבער צילינדער געטראָגן ווערן דורכן בעל־עגלה פון דער לויה. דעריבער איז אויסגעקומען זיך אָנצוטאָן דעם צילינדער ביי דער ווייַנונג פון נפטר.

עס הערט זיך א באוועגונג. די עגלה הייבט אָן רירן פון אָרט און שוין ארבעטן ענערגיש די פושקעס "צדקה תציל ממות". ווייַזט אויס, יידן האָבן מורא, מען רייסט זיך צו די פושקעס (איך וואָלט געראטן די בלימל־איינאָרדנער אויפצוקלעפן אויף די צעטלעך אַנשטאָט "אויף קולטורעלע צוועקן", די לאָזונג "צדקה תציל ממות". זיי וואָלטן געהאט מער דערפאָלג).

איך האָב שוין באמערקט, אַז עס איז גוט צו שטארבן אין דער יידישער געגנט, ווייל די לויה איז דאָרט א גרויסע, א "שיינע", אָבער וואָס ווייטער, ווערט דער עולם אַלץ מער שיטערער.

פיל טראנזאקציעס ווערן אדורכגעפירט גייענדיק אויף דער לוויה.

די מלווים גייען צעשפּרייט אזוי, אז עס איז אוממעגלעך צו דערקענען ווער עס געהער צו די מלווים און ווער נישט.

ביי דער ראָגאָטקע בלייבט כמעט קיינער נישט איבער אויסער די חברה קדישה און חסד של אמת, וועלכע זענען מיט דעם מת זיך מתעסק, האלטנדיק פון דער מצווה צו באגראָבן א ייד.

קאַלישער וואָך 32

21.8.1931

י. האלץ

די קאפע־הייזער און זייערע געסט



דאָס בילד פון געזעלשאפטלעכן לעבן אין שטאָט וועט נישט זיין גאנץ, אויב מיר וועלן נישט דערמאָנען די קאפעען און רעסטאָראנען, זייערע קליענטן און די אטמאָספער, וואָס דאָרט האָט געהערשט. די יידישע מענטשן — די אינטעליגענץ, דער מיטעלער שטאנד און אויך ארבעטער האָבן פארבראכט אָנגענעמע שעהען אויך אין די קאפעען. אַלע ענינים, אָנהויבנדיק מיט א שמועס וועגן א לויפנדיקן ענין און ענדיקנדיק מיט רכילות פון א גאנץ יאָר — וואָס דער רעליגיעזער ייד פלעגט זיי פטרן נאָכן דאווענען אין שול, אין שטיבל אָדער אין פאָליש — זענען געווען א טעמע פאר די שמועסן אין קאפע. אַלע שטאָטישע סענסאציעס זענען, ווי געוויינלעך, געבוירן געוואָרן ביי אָט די טישלעך.

עס זענען געווען ספּעציעלע קאפע־הייזער, ווו די יידן האָבן זיך קאָנצענטרירט. יעדע קאפע האָט געהאט אירע שטענדיקע קליענטן, על פי רוב פון א באשטימטן שיכט.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה איז געווען בארימט מאַיערס קאפע. זיינע געבעקסן האָבן געהאט א רום. די קאפע האָט זיך געפונען אוין הויפּטמארק, אין מילשטיינס הויז, וואָס איז געבויט געוואָרן נאָך דער מלחמה. דעמאָלט פלעגט זיך דאָרט טרעפן די פּוילישע שליאכטע, דער פּוילישער און יידישער מיטלקלאס און די פּראָפעסיאָנעלע אינטעליגענץ. ווי דורך א נעפל זע איך דאָס גרויסע שויפענצטער און דעם טונקעלן זאל. מיין פאָטער

פלעגט מיך ברענגען אהין. אויב איך בין זיך נישט טועה, איז דאָס געווען א "מענערשע אינסטיטוציע". איך געדענק נישט, אז פרויען זאָלן דאָרט זיצן ביי די טישלעך. ווייזט אויס, אז דאָס פאַרברענגען פון פרויען אין קאַפע איז נאָך נישט געווען אָנגענומען ביי מענטשן מיט א גוטן געשמאַק.

אין די מאַרקטעג, בעת די גוטבאַזיצער פון דער סביבה פלעגן זיך צונויפקומען, איז דער טומל אין דרויסן געווען שטאַרקער ווי אינעווייניק, אין קאַפע. פאַרמיטלערס און צושטעלערס, דער עיקר יידן, האָבן אויף זיי געוואַרט אין דרויסן. די יידן פלעגן אַריינקוקן אינעווייניק כדי צו געפינען די געזוכטע פּערזאָן. רעליגיעזע טעמים, און אויך די פּאָזיציע און דיסטאַנץ פון די פּאָליאַקן, האָבן נישט דערמעגלעכט צו זיצן צוזאַמען ביי די טישלעך.

אין יענער צייט איז געווען טעטיק אויך שאובס קאַפע. דער כאַראַקטער איז געווען דער זעלבער, אחוץ די בילאַרד־טישן, וועלכע האָבן צוגעצויגן אויך יידישע יוגנט.

ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט א גרויסן דערפאָלג געהאַט די קאַפע "אודזשאַלאָווא" אויף יוזעפינא־גאַס, אין ווישניעווסקיס הויז. דאָרט פלעגן אַריינקומען דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, אינזשענירן, פאַבריקאַנטן, סוחרים און א גרויסע צאָל סנאָבן פון ביידע געשלעכטן. א סך האָבן דאָ געהאַט סטאַבילע טישלעך, א סטאַבילע געזעלשאַפט און באַגעגענישן אין באַש־טימטע שעהען. צווישן 12 און 2 איז געווען די צייט פון שוואַרצע קאַפע, מיט א טראָפּן (מילך) אָדער אָן. די פרויען פלעגן ווי געוויינלעך קומען פריער און די מענער זענען אַריינגעקומען צוריקגייענדיק פון דער אַרבעט. צווישן 5 און 7 האָט זיך דאָס בילד איבער־געחזרט. דער אונטערשיד: מען איז געזעסן לענגער, דאָס פּובליקום איז געווען גרעסער און אין קאַפע איז געווען לעבעדיקער. זייער ענג אין קאַפע איז געווען זונטיק, שבת פאַר מיטאָג און פאַר נאַכט.

צווישן די שטענדיקע אַריינקומערס אין קאַפע האָט מען געזען מענטשן, וואָס זענען דאָרט געווען ווי א מין שטענדיקע דעקאָראַציע. דאָ האָסטו געטראָפן דעם ד"ר אַלעקסאַנדער דאַנציגער (אַלעש) מיט זיין פרוי מאַריאַ־יאַנקאַ, די עלטערע טאָכטער פון ר׳ בצלאל דוד האַלטער. אָט דער עלטערער מאַן, א באַלייבטער, מיט א געמיטלעך פּנים, א גרויסן חוש פון הומאָר און שאַרפער פּקחות, האָט צוגעצויגן צו זיין טיש א סך מענטשן; בראָנעק זילבער (גזימס), דער אימפּרעסאַריאָ פון רעווי־פאָרשטעלונגען און פאָרשטייער פון "די מוזע פאַרקאַשערט דאָס קליידל", איז געווען אַן אוצר פון וויץ און אַנעקדאָטן, באַרימט אין דער גאַנצער געגנט; דאָ האָסטו אויך געזען עלווירא האָלץ — וואָס האָט זיך קיין מאָל נישט געעלטערט — אָן אַרומגערינגלטע מיט א קרייז פאַרערער.

די קאַפע "אודזשאַלאָווא" איז געווען א זאַמלפּונקט פאַר אַדוואָקאַטן. צווישן זיי האָט מיט זיין לעבעדיקן הומאָר זיך אויסגעצייכנט זיגמונט נוימאַן. שטענדיקע אַריינגייערס זענען דאָרט געווען די אַדוואָקאַטן מיעטשיסלאַוו דאַנציגער, י. פּערקאַל, לעאָן סיטנער, י. פּראַגער, ס. פרענקעל, קאַצינעל. פון די אינזשענירן זענען דאָ געזעסן אַרכיטעקט לעאָן צאַמבער, מיטגליד פון שטאָטראַט, געוויילט פון די יידישע האַנטווערקער, סט. פּינטשעווסקי, א. פישער, יעקב האָלץ, קאַזשימיעזש דאַנציגער. אויך לעאָן דאַנציגער, דירעקטאָר פון דער סוחרים־באַנק און ראַטמאַן פון שטאָטראַט פלעגט זיין פון די שטענדיקע געסט.

יעדן 12טן פלעגן קומען די מילנערס, נעמלעך: די ברידער לעאָן און מאָריץ קאָוואַלסקי מיט זייער פאָרשטייער מאַניעק סעמיאַטיצקי, פישער, גאָטפריד, נאָוואַק, שענפעלד.

אַריינקומען פלעגן אויך דער שפּיצן־פאַבריקאַנט יעקב אָדער (יצחקס זון), וואָס איז צענדליקער יאָרן נאָכגעגאַנגען צעניא זיידאָרף (מ׳האָט זי גערופן סידאָניא), לעאָן סעמיאַטיצקי, פאָרזיצער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און פאָרזיצער פון דער קאָאָפּעראַטיווער באַנק. געוויינלעך פלעגט ער קומען אין דער געזעלשאַפט פונם באַנקדירעקטאָר לעאָן שובין.

אויב מ׳האָט געדאַרפט א דאָקטער, האָט מען אים געקענט געפינען אין קאַפע. דאָרט זענען געזעסן די דאָקטוירים טראַכטנבערג, פּלאָצקי, י. בעאַטוס, לובעלסקי, זייד. פון די יונגע האָט מען דאָרט געטראָפן בערעק גאָלדשטיין, פּאַבעק נוימאַן א"א.

די איינציקע שטענדיקע גויים אין קאַפע זענען געווען די אויסערגעוויינלעך העפלעכע קעלנערס, אַנדזשעי און לעאָן. די אַטמאָספער איז געווען אַ יידישע. די געשפּרעכן האָבן אַרומגענומען אַלע מעגלעכע טעמעס אָנהויבנדיק פון אינטערנאַציאָנאַלע ענינים און ענדיקנדיק מיט אָרטיקע רכילותלעך. געווען אויך טישלעך פאַר ספּעציעלע טעמעס. אין די זעקס אַרבעטסטעג זענען פּאָליאַקן דאָרט געווען אַ מינדערהייט. זונטיק זענען זיי געווען די העלפט; זיי זענען געקומען מיט די משפחות.

גאָר אַן אַנדערן כאַראַקטער האָט געהאַט דאָס קאַפע־הויז "זשאָרזש" אויף פּולאַסקאַ 3. דאָס איז געווען די קאַפע פאַר יוגנט, לכתחילה פון "השומר הצעיר", און דערנאָך — אויך פון די אַנדערע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, פון רעכטס ביז לינקס, אָבער די מערהייט איז תמיד געבליבן ביי "השומר הצעיר". זיי האָבן אַנטדעקט די "אינסטיטוציע" אין יאָר 1920 און זיי האָבן זי "אָקופּירט". אָט די קאַפע איז נישט געווען מעגלעך זיך פאָרצושטעלן אָן דער "מומע". אַן אַלטע פריילין, האָט זי שטענדיק געוואָרטשעט, אָבער געפילט אַ טיפע ליבשאַפט צו די סטאַבילע קליענטן. מיר זענען געוואַקסן און רייף געוואָרן אויף אירע אויגן, און שפּעטער האָבן מיר זי באַזוכט שוין ווי מענער און פאַמיליע־פאָטערס. דאָ איז אויסגעאַרבעט געוואָרן דער רעגולאַמין פון דער טעטיקייט, פון עליה, דאָ זענען פאָרגעקומען די ערשטע פלירטן, ראַנדעוווען, לייכטע און ערנסטע ליבע־פאַרבינדונגען.

די מומע האָט געוווּסט ווער ס'איז דאָ געווען, ווער ס'איז אַרויסגעגאַנגען, ווען ער וועט קומען. זי איז געווען, ווי אַ פּאָסט־קעסטל פאַר פאַרשידענע שליחותן. זי האָט געוווּסט וואָס צו דערלאַנגען יעדן קליענט, און זי האָט זיך קיין מאָל נישט טועה געווען. שטענדיקע געסט אין דער קאַפע זענען געווען אַבאַ זייפע, שלאָמעק ביעזשווינסקי, דוווטשע און לוטעק קראַסוצקי, אָלעק פּאָזנאַנסקי, געניאַ קראַסוצקאַ א״א. אין ווינקל פלעגט מען זען יורעק קלינגערן שפּילן שאַך מיטן אינזשעניר שטעמפּעל. אַרום זיי — אַ חברה קיבעצער.

אַריינקומען אין קאַפע פלעגן אויך די אַקטיוויסטן פון "מכבי", וועמענס לאָקאַל עס האָט זיך געפונען דערנעבן. ווען זיי האָבן זיך אומגעקערט פונעם קלוב, פלעגן זיי אַריינגיין אין קאַפע. צווישן זיי זענען געווען העניעק אָפּענהיים, מאָטעק אָפּענהיים און זיין פרוי מאַרינאַ, פון דער היים טעמקין, מ. יאַרעצקי, זייף א״א.

ווען כ'בין אַריינגעקומען אין "זשאָרזש" נאָך דער מלחמה, אין יאָר 1945, האָט די „מומע" מיך וואַרעם אויפגענומען און געפרעגט, צי איך האָב נאָך ליב "סטעפּאַנקע" צו דער קאַווע. דער פּראָפעסיאָנאַלער זכרון איז געווען שטאַרקער פון דער מלחמה.

מאיר פאקענטרעגער

פאַר מיינע אויגן

ווי דער כהן־גדול, וואָס איז צוגעטרעטן צו טאָן זיין הייליקע עבודה אין בית־המקדש — טו איך אויס פאַר דיר מיינע שיך, קאַליש מיין היימשטאָט, ווען איך טו מיין הייליקן חוב צו באַשרייבן און דערמאָנען דיך אין מיינע זכרונות.

אַ הייליקער ציטער גייט מיר אַדורך איבערן לייב, און עס וויינען אַראָפּ פון מיין האַנט די פינגער, ווען איך דערמאָן זיך, וואָס עס האָט געמאַכט היטלער ימח שמו פון אונזערע טייערע טאַטעס, מאַמעס און קינדער. איך הער נאָך איצט דורך די נעכט דאָס געוויין, דאָס געבעט פון די הייליקע יידישע קדושים פון קאַליש, וועלכער דער רוצח האָט געפירט צום אומקום. איך קען גאָר נישט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז פון קרוב 30 טויזנט יידן אין קאַליש, אַז פון אַזאַ פּרעכטיקע יוגנט און קינדערלעך איז געבליבן אַש און פּאָרעך.

נאָך איצט שטייען זיי מיר אזוי צאפלדיק פאר די אויגן, ווי די גרויליקע צייט וואָלט גאר קיינמאָל נישט א מיש געטאָן א בלעטל פון דער געשיכטע. נאָך איצט זע איך דיך, מיין קאליש. דיינע גאסן, געסלעך און ליקן. דיינע שולן און קלויזן. דעם אלטן מארק מיט די יידישע געוועל־בער און יידישע סטראגאנעס. נאָך איצט זע איך דיך, יידישע גאס, מיט דיינע פערהאוועטע יידן. די יידישע הענדלער, וואס פלעגן זיך שלעפן דורך די נעכט אויף די הוידלדיקע בוידן אויף די מערק קיין קאזשימינקע און אנדערע פראָווינץ־שטעטלעך, די יידישע געזונטע פורמאַ־נעס, בעלי עגלות, וואס פלעגן פארן מיט פאסאזשירן צו דער באן. אָס קומט פאר א געשלעג צווישן זיי. עמעצער האט אויסגעכאפט ביים צווייטן א פאסאזשיר. מען שלאָגט זיך מיט די ארויסגעכאפטע דישלעס פון די וועגענער, איבער די קעפּ. בלוט גיסט זיך, עס ווערט א געטומל, און באלד דערנאָך ווערט ווידער שטיל. מען קומט צווישן זיך אדורך, מען טרינקט לחיים אזוי ווי עס וואלט קיין מאָל גארנישט געשען.

אָט באווייזט זיך גאר פון שפּיטאל־געסל משה נאַר, אָנגעטאָן אין א פּאָר גרויסע שטיוול, מיט אן אראָפּגערוקטן דאשיק איבערן שטערן, אזוי אז עס זעט זיך נאר ארויס די לאנגע נאָז, מיט דער בשורה: „אוי ווי, יידן! געסטאָרבן, געסטאָרבן”. — ווער איז געשטאָרבן? פרעגן די מענטשן — „א יאדענע אויף דער מייטאָווסטע דאָס”! דערווייל מאכן זיך די יידישע פורמאנעס פריילעך. כאפּן משהן אויף די הענט און פאקן אים מיט כוח אריין אין קאסטן פון דער שווארצע עגלה און מאכן צו דאָס טירל. דער עולם קייכט פון געלעכטער און משה שרייט נעבעך ארויס פון דער עגלה: „איך וויל נישט סטארבן, איך וויל נישט סטארבן”!

אט דערגייען צו מיר די אויסגעשרייען פון די פארהאוועטע בייגל־טרעגער „פרישע אייער־בייגל, פרישע אייער־בייגל, צען גראָשן א שטיק, קויפט יידן, פרישע בייגל אָן לעכער”... אָט דערהער איך אין מיטן טאָג דאָס קול פון תורה, וואָס דערטראָגט זיך פון אלטן בית מדרש נעבן דער גרויסער יידישער שול. דאָרט זיצט א ישיבה־בחור איבערגעבויגן איבער א גמרא און לערנט. זיין קול ווערט פארשלונגען אין הו־הא פון דער גאס, פון וואנען עס דערטראָגן זיך די אויסגעשרייען און דאס זשומען פון די גאסן־הענדלער.

אָט דערהער איך דאס געזאנג פון די תלמוד־תורה קינדער, וואס פלאצט ארויס אויף דער גאס — וידבר... האט געזאגט... אדוני... גאָט, אל משה... צו משהן...

די אלע בילדער זע איך נאָך איצט פאר די אויגן, אזוי לעבעדיק, אזוי צאפלדיק און — שווער מיר שלום צומאכן מיטן געדאנק, אז דאס אלץ איז שוין מער נישטאָ.

גרשון ווראַצלאַווסקי

פונעם קאלישער שטייגער

ווען איך דערמאָן זיך מיינע לעצטע יאָרן אין קאליש, דערזע איך די ענדעקישע העצערס, וואָס שטייען פאר די טירן פון יידישע געשעפטן און לאָזן נישט אריינגיין די קריסטלעכע קונים. דער מארק איז פונאנדערגעטיילט: דאָ פּאָליאקן, דאָרט יידן. דער באָיקאָט האָט געבושעוועט. קודם כל זענען רואינירט געוואָרן די קליינהענדלער, די גאסנהענדלער, די מארקפּאָרערס. אין צענדליקער שטעט פון פויזנער וואָיעוואודזטווע האָט מען זיי נישט אריינגעלאָזט אויפן מארק. און אז מ'האָט נישט געקענט פאָרן אויף די יארידן, איז געוואָרן וויניקער ארבעט ביים יידישן בעל־מלאכה, בעיקר ביי דעם קליינעם בעל־מלאכה. אפילו אינעם שטאָטישן פארק האָבן די ענדעקעס געמאכט אויפשריפטן: "איינטריט פאר הינט און יידן — פארבאָטן”. מיר זענען דאָרט געגאנגען גרופּעסווייז, געשלאָגן זיך מיט זיי אין פארק, ביי די געשעפטן. אָבער וואָס האָבן מיר געקענט אויפטאָן? א שווערער אומעט שוועבט איבער יענער צייט.

אָבער נישט שטענדיק איז אַזוי געווען. איך געדענק אַנדערע צייטן. מען קאָן זיי נישט דערמאָנען אָן אַ שמייכל. עפּעס אַ מין תּמימותדיקע שלווה איז געלעגן אויסגעגאָסן אויפן יידישן לעבן. איצט זע איך דאָס מיט די אויגן פון אַ ייִנגל.

אָט זענען די געסלעך, די אָפענע און פאַרשטעלטע, צעוואָרפענע דאָ און דאָרט. אין אָט די געסלעך — בלויז יידן. דער איינציקער גוי איז דער שבת־גוי, דער סטרוזש. ווייטער — די האָלצערנע בריק. שפּאַצירנדיקע פּאָרלעך, כלומרשט "גלאַט אַזוי", אָבער זיי האָבן פאַרבאָרגענע מחשבות. מען זעט דאָס בפירוש. דער שפּאַציר וואָלט געווען אַ גוטער און אַ שיינער, ווען די גוים וואָלטן נאָר נישט אָנגערייצט די הינט. די פּאָרלעך קערן זיך אום און גייען אַריין אין פּאַרק.

דער פּאַרק איז געווען דער גן־עדן פאַר די באַפרייטע ליבעגעפּילן. אויך דאָרט זענען אין דער שטיל געשען פאַרשידענע זאַכן, וואָס האָבן, חלילה, נישט געוואָרפן קיין פלעק אויף קיין איין יידישער טאָכטער...

פון בית־המדרש רייסן זיך אַרויס די קולות. איך דערזע דעם עמוד. נישט איין מאָל האָב איך דאָרט צוגעהאָלפן דעם טאַטן, וואָס איז געווען דער בעל־תּפילה. איין מאָל איז געקומען אַ מאָלער פון דער פרעמד, און אומזיסט האָט ער באַמאָלן און געפאַרבט דאָס גאַנצע בית־מדרש: פידלען, לייבן, אויסגעשפּרייטע הענט ביים דוכענען.

צווישן מנחה און מעריב איז אין בית־מדרש אַן אמתער יאַריד. אַ קאָכיקער קעסל: פּאָליטיק, מסחר, ווער איז רייך, ווער אָרעם, און בכלל — וואָס הערט זיך אין דער וועלט? שבת נאָכן עסן קומען יידן אין בית־מדרש און מען לערנט מיט אַ ניגון מדרש רבה. אָבער נאָכן לערנען הייבט זיך אָן אַן אויספּירלעכער שמועס וועגן די שטאָט־ענינים, וועגן דער מקווה, וווהין די מאַמע פלעגט מיך שיקן אָפּצוטובלען אַ גלאָז און דערביי איז דער ריח מיר פאַרקראָכן אין נאָז.

און אָט דערזע איך אויך יענע בחורים, וואָס לערנען מיט אַ ניגון און אויף אַ קול, אָבער צווישן די גמרא־בלעטער ליגן באַהאַלטן בריוו, געשריבענע נישט פון קיין מענערשער האַנט...

ווען דער שבת האָט געהאַלטן ביים אָנקומען, איז אַ גרויסער פרייד אַראָפּ אויף דער שטאָט. די קרעמערס פאַרקלאַפּן די טירן פון די געוועלבער און איילן זיך מקבל־שבת צו זיין. דער טאַטע גייט מיט די בנים אין מקווה אַריין, די מאַמע מיט די טעכטער רוימען צו אין שטוב, קראַצן און שייערן די לייכטערס, די פאַרסאַזשעטע טעפּ. עס שמעקט אין יעדן ווינקעלע.

דער טאַטע האָט געבראַכט אַן אורח פון בית־מדרש און מאַכט קידוש מיט אַ הויכער שטימע. אין דער גאַנצער שטאָט הערט מען די קולות פון יידן. עס גייען אויף ניגונים און ריחות פון געשמאַקע מאכלים.

שבת נאָכן מיטאָג־שלאָף פאַרהערן די טאַטעס זייערע ייִנגלעך און די מאַמעס האַלטן די צאינה־וראינהס אויף זייער קני. איינע לייענט, אַן אַנדערע קוקט סתּם אַריין.

ווען דער שבת גייט אַוועק, באַווייזן זיך די מיידלעך אויף די גאַסן, און די ייִנגלעך — נאָך זיי. די וועלט פירט זיך לויטן אַלטן שטייגער.

דאָס אַלץ איז פאַרשוווּנדן, און מיט דעם — די פאַרשידענע געשטאַלטן, וואָס בלויז די נעמען זייערע דערמאָנען דאָס שטייגער־לעבן: פייוויש פויקער, לייביש הויקער, יואל פּאָטעק, מרדכי סמאָטעק, מענדל טריק, משה ביק, לייביש בראַנד, יחיאל טאַנץ, אברהם קוך, מענדל פלוך, מיכאל פלוי, יוסף שטרוי, מרדכי סטאָן, משה האָן.

מרדכי סטאָן דער קברן האָט אָנגעוואָרפן אַן אימה אויף יעדן בשר־ודם, אָבער שרעקלעכער נאָך פון אים איז געווען זיין איידעם, וואָס האָט זיך געקענט חכמענען נאָר מיטן מעסער. נישטאָ קיין ליכט אָן שאָטן, און קיין שטאָט — אָן רשעים און שוטים. אַז מ'האָט משהן געפרעגט: "ווער איז היינט געשטאָרבן"?, פלעגט ער ענטפערן: "איין מענטש און צוויי יידענעס" — — —

אַלץ איז געוואָרן פאַרלענדט, ווי דאָס וואָלט גאָר קיין מאָל נישט געווען.

יוש״ר

ווענעציע אין קאליש

אויף דער זלאָטעביים בריקל,
ווו די פּראָסנע פליסט,
און א שפע פון דעם הימל,
תמיד דאָרט זיך גיסט...

אפשטעלנדיק זיך דאָ נישט לאנג, פארטראכטנדיק זיך א ביסל, נאָענט ביים בריקל אויף דער זלאָטע גאס, האט זיך מיר נישט ווילנדיק אין מוח פאָרגעשטעלט א פאראלעל בילדל, וואָס איך האָב מיט א צייט צוריק דורכגעלעבט.

זייענדיק מיט איניקע יאָר צוריק אין ווענעציע, בין איך נייגעריק געווען צו זען, וואָס עס איז דאָרט פארבליבן פון דער אמאָל אזוי בארימטער "עיר ואם בישראל", ווו ס'האָבן געלעבט פיל גאונים און יידישע געלערנטע און ווו ס'האָבן זיך געפונען די ערשטע דרוקערייען פאר די ביבל און תלמוד־אויסגאבן.

איך האב דעריבער באזוכט דאָס באקאנטע אמאָליקע געטאָ. דאָרט זענען נאָך ביז היינטיקן טאָג פאראן דריי אלטע שולן: איינע, אין וועלכער עס איז געוואָרן געדאַוונט לויטן נוסח אשכנז; א צווייטע — פאר נוסח ספרד און א דריטע — פאר נוסח איטאַליאַנאָ.

עס איז געווען גראד שבת. אָפן איז געווען בלויז די שול פאר נוסח ספרד, אין וועלכער עס ווערט נאָך א גאנץ יאָר געדאַוונט בציבור. דאקעגן די צוויי אנדערע שולן זענען אָפן בלויז די ימים נוראים. אריינקומענדיק אין שול האָב איך דאָרט אָנגעטראָפן דעם שמש, דעם חזן און דעם בעל־קורא. זיי האָבן גראד געפירט צווישן זיך א חשבון. ווען דער חשבון איז שוין געווען דערלידיקט, שטעלט זיך אויף דער חזן, טוט זיך אָן דעם שווארצן מאנטל מיטן טלית און דאָס אכטקאנטיקע קאפל און שטעלט זיך אוועק פארן עמוד דאַוונען. א ביסל שפּעטער זענען צוגעקומען נאָך א פּאָר אָרעמע מתפללים, דער ראבינער און די גבאים.

ארויסגייענדיק פון שול, האָב איך זיך געפּילט זייער דערשראָקן און איך האָב מיר געטראכט: איז דאָס באמת די אזוי בארימטע אלטע יידישע קהילה ווענעציע? ווו זענען אירע לומדים און ווו זענען אירע חכמים?

יאָ, אלץ האָט די געשיכטע אָפּגעשווענקט: א גרויסער טייל פון יידן האָט אין צייטן פון רדיפות אויסגעוואנדערט, א גרויסער טייל ווידער האָט זיך שטארק אסימילירט דורך געמישטע חתונות, און געבליבן איז בלויז א קליינע צאָל מיט א ביסל דלות.

★

און אָט, שטייענדיק דאָ אין קאליש פארן בריקל אויף דער זלאָטע גאס און באטראכטנדיק דעם לויף פון פּראָסנע, האָט ביי מיר אויפגעבליצט א געדאנק: ווי שיין וואָלט דאָס געווען ווען דער היגער מאגיסטראט נעמט אָן א באשלוס צו פארברייטערן דעם לויף פון דער פּראָסנע און פארטיפן אים דורך גראָבן א קאנאל; צו באפעסטיקן די ברעגעס דורך בעטאָן; צו מאכן שיינע האלב־רונדע מארמאָר־בריקן; שיין אויסצופלאסטערן די "באבינא" און די "נאַדוואָדנא" און באדעקן די ווענט פון די הייזער מיט מאַרמאָר־פליטן. ווי רייצנדיק וואָלט זיך דאָס אלץ אָפּגעשפּיגלט אויף דער זון, אָדער ביים שיין פון דער לבנה? מיר וואָלטן דאָך באמת געהאַט א שטיק ווענעציע!

אָדער שטעלט איך פאָר אזא מין בילד: עס איז א שיינער שבת־צונאכטס, די לבנה שיינט, פון די "שטיבלעך" אויף נאָווא און טשאסנא לאָזן זיך ארויס חסידישע יונגעלייטלעך נאָך "מלווה־מלכה". זיי קומען צו צו דער פּראָסנע, זעצן זיך אריין אין די "גאָנדאָלקעס", און אזוי שיפנדיק זיך אהין און צוריק איבוער דער גאנצער לענג פון באבינא און נאַדוואָדנא, קנאלט מען אָפּ איין ניגונדל נאָכן צווייטן. דאָס "מתיקות"־ניגונדל צעגיסט זיך ווייט,

ווייט איבער דער גאַנצער שטאָט. דאַן שטייען פרומע ווייבלעך אויף און אילומינירן די פענצטער מיט הבדלה־ליכטלעך. די גאַנדאָלקעס זענען אויך באַלויכטן, און דאָס אַלץ שפּיגלט זיך אָפּ אין דער פּראָסנע ביים שיין פון דער לבנה.

ביסלעכווייז זאַמלט זיך אָן בייביידע ברעגן פון דער פּראָסנע א גרויסער עולם, וועלכער שטראָמט פון דער זלאָטע, נאַדוואָדנאַ, נאָווא א. א. וו. עס ווערט "ליהודים" און דאָס בילד ווערט אַלץ "גראַנדיעזער" און "אימפּאָזאַנטער". אַלץ גייט כשורה אין בעסטן אָרדענונג. ווייל דערפאַר האָט שוין געזאָרגט דער "לאַווניק", וועלכער געפינט זיך איצט טאַקע אויך צווישן די "מנגנים", דער הויפּט־מנגן האַלט אין דער האַנט אַן אַלט סידורל פון דפוס וועגעציע אין נוסח ספרד און זינגט: "יורדי הים באניות", "הים ראה וינס" און "אָז ישיר משה". דאַן זינגט דער גאַנצער כאָר "המבדיל" מיט דעם "זרענו", נאָר ביים "וכספנו" בלייבט מען שטיין. עס הויבט זיך אָן א גרויסע דיסקוסיע: איינער מיינט, אַז מ'דאַרף זאָגן "וועקסעליינו" א צווייטער ווידער מיינט, אַז מ'דאַרף זאָגן "פּראָטעסטיינו", דאָ אָבער רופט זיך אָפּ א יונגערמאַנטשיקל מיט א פּאָר געפּוצטע שטיוועלעך און כיטרע אייגעלעך: דער אמתער היינטיקער נוסח־ספרד איז, אַז מ'נעמט צו ביי א בעל־הביתל פון נוסח־אשכנז די פּאָר גראָשן און מ'זינגט: וכספנו... ירבה כחול... (טייטש: רעד צו דער וואַנט).

— בראַוואָ, יפה דרשת, רופט זיך אָפּ זלמן יעקל און באַלד העלפן אים אַלע אונטער: "בראַוואָ, יפה דרשת, בראַוואָ! יפה דרשת!" און די קולות הילכן ווייט אָפּ איבער די ברעגעס פון דער פּראָסנע...

דאָס זינגען און די דיסקוסיעס פאַרציען זיך ביז נאָך חצות.

ביים אויסשטייגן פון די גאַנדאָלקעס ווערט נאָך געמאַכט א ביסל "ספּאָרט", דערביי פאַלט אָבער איינער אַריין אין וואַסער, א האַלב געטובלטן שלעפּן אים חברה אַרויס און עס ווערט א ביסל היימלעך, דערווייל באַקומט ער א פּאָר שמיץ מיט גאַרטלען אַלס "זכר למשכנתא".

אין א זייער געהויבענער שטימונג, אונטער די קלאַנגען פון א "גוטע וואָך", צעגייט זיך דער עולם. בלויז די, וועלכע עס האָט פאַרגלוסט א "תל־אביב", אַן "ארץ ישראל" און א "יידישע אַגענץ", ווערן רויט פאַר חרפּה און שטייען מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ.

אָבער, האַלט, שלאָגט פּלוצעם איבער א לאָגישער געדאַנק מיין צעשפּילטע פאַנטאַזיע: "עס וועט נאָך לאַנג דויערן ביז דער מאַגיסטראַט וועט קענען אויספירן דעם פאַנטאַסטישן פּלאַן". יאָ, אפילו איך הער אַלזאָ אויף צו פאַנטאַזירן און גלייך זע איך פאַר מיר די שווערע גרויסע יידישע ווירקלעכקייט.

אָט לויפן איבערן בריקל פאַרדאגהטע יידן, ווער — צאָלן וועקסלען, וואָס זענען שוין געגאַנגען צום פּראָטעסט, ווער — באָרגן א גמילות־חסד, און ווער — אָפּצובעטן זיך פון אַן עקזעקוציע. אָט שטייען אָן א זייט יידישע טרעגער מיט שטריק און מיט וועגעלעך און קוקן אויס אויף א "פאַרדינסטל"; אָט שטייען א ריי בעלי־עגלות מיט צעבראָכענע ריסאָרקעס, אויסגעדאַרטע הונגעריקע פערדלעך, וואַרטנדיק אויף א "יאַזדע" אָדער א "פּאַרשוין"; דערנעבן שטייען פאַרחושכטע יידן, וועלכע שאַכערן צווישן זיך מיט אַלטע מלבושים, צעריסענע שיך, אָדער צעבראָכענעם וועקזייגער; א ביסל ווייטער זיצט א יידענע און פאַרקויפט סאָדעוואַסער מיט באַב, און איר קעגנאיבער שטייט א ייד און רופט: "קויפט בייגל, שאָקאָלאַד און צוקערלעך!"...

איך גיי א ווײַלע באַטראַכטן דאָס בילד און וויל זיך א פרעג טאָן: צי וועט אויך דאָס אַלץ דער שטראָם פון דער געשיכטע א מאָל געבן א שווענק אָפּ? און וואָס וועט דאַן דאָ בלייבן?
— פּאַניע, וואָס ווילט איר? א "היינט", א "מאָמענט" אָדער דאָס "קאַלישער לעבן"?"

קאַלישער לעבן (120) 38
י"א בכסלו תר"ץ, 13.12.1929

יוסף שעראדזקי

די אלטע קאלישער בריק

פון קדמונים לויפט אַדורך דורך דער שטאָט קאליש א וואַסער, וואָס רופט זיך פראָסנאַ, און שוין אין יאָר 1264 האָבן יידן זיך באַזעצט אין קאליש אויףביידע זייטן פון דעם וואסער. אויף ביידע ברעגן פון פראָסנא שטייען אלטע יידישע הייזער. די שטיינער פון ברוק זענען אויסגעריבענע. אויף דער יידישער גאָס, וועלכע רופט זיך באבינע, האָבן געוווינט אַלטע קאלישער באלעבאטים.

איבערן וואסער איז געלעגן אַן אלטע הילצערנע בריק, וועלכע איז געווען דער נערוו פון יידישן לעבן אין קאליש. פון איין זייט זענען געשטאנען הייזער אלטע און נייע, אויף דער אנדערער זייט זענען געשטאנען די יאטקעס, פישמאַרק, גרינס־מאַרק, קהילה, מקווה, דאָס יידישע שפיטאָל, דאָס שניידער־שולעכל און א סך חברות. פון איין זייט בריק איז געווען אַן אפטייק, פון דער צווייטער זייט — א שענק. פון אויפקום פון דער בריק ביז איר אומקים האָט זיך דאָ אָפגעשפיגלט דאָס יידישע לעבן אין קאליש. ווי נאָך א צרה אויף יידן, א פאָגראָם — אַזוי ברעכט מען די בריק, ווי נאָר עס ווערט שטילער — ווערט די בריק פארלאטעט.

פארשידענע שטיוול האָבן די בריק געטראָטן. דורך דער בריק האָבן מאַרשירט די מאָביליזירטע סאָלדאטן צו דער יאַפּאַנישער מלחמה, אין 1905 — די קאָזאַקן, אין 1914 — די דייטשן, אין 1918 — די האַלערטשיקעס, אין 1939 — די היטלעריסטן...

★

...אַ טאָג אַמאָליק יידיש לעבן איז קאליש. פון די קליינע הילצערנע הייזלער שארן זיך לאנגזאם אַרויס עלטערע יידן מיט לאנגע בערד, אונטער די אָרעמס האלטן זיי גרויסע טלית־זעק. אויף דער בריק באַגעגנט מען זיך און מען גייט אריין אין שפיטאָל־שול דאווענען. דאָס זענען קצבים, פורמאנעס, שניידער, שוסטער. זיי דאווענען די ערשטע.

אויף דער בריק האנדלט מען. א רייכער קצב פארקויפט פלייש די אָרעמע קצבים. מען פאטשט זיך אין די הענט און מען האנדלט אויף נאמנות, אויף ריווח. דאָס זעלבע קומט פאָר ביי די פישער. עס באווייזן זיך פורן מיט פלייש און פיש. עס שטעלן זיך אויס פון איין זייט בריק די בידנע פערדלעך מיט די איינגעדארטע באלעגאָלעס, פון דער אנדערער — אין א לאנגער ריי טרעגער מיט האנט־וועגעלעך, מיט שטריק אויף די גארטלען. אלע קוקן אויס צו פארדינען א פאָר גראָשן פאר ווייב און קינדער.

אויף דער בריק קומען זיך צונויף יידישע ארבעטסלאָזע — בעקער אין שוסטער, שניידער און היטל־מאכער (די בריק ווערט אָנגערופן ארבעטסבערזע). פון צייט צו צייט קומט א פאבריקאנטל, אָדער א מייסטערל און קלייבט זיך אויס צווישן די מענטשן א פאָר ארבעטער אויף עטלעכע טעג. די וואָס בלייבן, פירן דערווייל דיסקוסיעס. איין גרופע רופט צו עמיגרירן, די צווייטע — צו בלייבן אויף אָן אָרט און קעמפן צוזאמען מיט די פוילישע ארבעטער. איינע רופט צו רעוואָלוציע, די צווייטע — צו עוואָלוציע. פלוצלונג כאפט זיך עמיצער ארויף אויפן פאָרענטש פון דער בריק, גיט א שאָט צווישן די ארבעטלאָזע קאָמוניסטישע פראָקלאַמאַציעס און רופט אויס: מיר ווילן ארבעט און ברויט, נידער מיט די קאפיטאליסטישע רעגירונגען, זאָל לעבן די רעוואָלוציע! א צווייטער האָט צוגעטשעפעט צו א שטעקל א רויט פענדל — און אויף דער בריק פאָרמירט זיך א דעמאָנסטראציע צום

מאגיסטראט. די פּאָליציי צעטרייבט די ארבעטסלאָזע מיט גומי־שטעקנס און מיט טרערן־באָמבעס...

די בריק ווערט פארנומען דורך דער קאַלישער אונטערוועלט. עס הייבן זיך אָן "דינ־תורות", מען קריגט זיך און מען שלאָגט זיך. נאָך דעם בעט מען זיך איבער און מען גייט אַוועק טרינקען בראנפן אין דער שענק נישט ווייט פון דער בריק.

אויף דער בריק באַווייזן זיך די יידן, וואָס גייען ארום איבער די הויפן מיט זעקלעך אויף די פּלייצעס און שרייען: האנדל! האנדל! אויף בײדע זייטן וואסער ליגן זיי אויס זייערע סחורות, וואָס זיי האָבן איינגעהאנדלט אין די הויפן און פארקויפן דאָס שניידער. היטל־מאכער. און אזוי מאכט מען א לעבן...

עס שטייט א יונגערמאן מיט א גרויסן קויש בייגל און פון פרימאָרגן ביז ביינאַכט שרייט ער מיט א הייזעריקער שטימע: הייסע אייער־בייגל, הייסע אייער־בייגל! א פרוי האנדלט מיט קאלטע גלעזער וואסער. אן אלטיטשקע פארקויפט פון א שיסל הייסע ארבעס. און דאָ באווייזט זיך גאָר א שווארצער וואָגן מיט שווארצע פערד און א ייד מיט א לאנגער ווייסער באָרד אין א שווארצן צילינדער פאָרט לאנגזאַם ארויף אויף דער בריק. אין קאַליש איז א מנהג, אז סיי לוויות, סיי חתונות מוזן דורכפאָרן די בריק, ווייל די שול שטייט אויף יענער זייט. יידן באגלייטן דעם מת ביז דער שול, מען וואשט די הענט און — מען לעבט ווייטער...

פארנאכט פארנעמט די בריק עמך שער און אייזן. מען לאָזט זיך ארויס פון די ענגע שטיבער כאפּן א ביסל לופט. די קינדער שפּילן זיך אין שמוציקן רינשטאָק און די ווייבער זעצן זיך אויס לענג־אויס דעם וואסער און מען רעדט אריבער פון איין זייט אויף דער צווייטער. די מענער שטעלן זיך אויס ביי די פּאָרענטשעס, שמועסן פּאָליטיק. דער שטאָט־שדכן, א הויכער ייד מיט א לאנגן האלדז, לויפט ארום פון איין געזעמל מענטשן צו דעם אנדערן און רעדט שידוכים. די בריק איז זיין ארבעטס־ווארשטאט. דאָ האָט ער שוין אויסגעפירט א סך שידוכים. דאָ, אויף דער בריק, טרעפן זיך ייִנגלעך מיט מיידלעך, דאָ ווערט ווידער א גוט־לעבן צווישן פּאָרפעלקער, וואָס האָבן זיך שוין געזאָלט גטן...

עס ווערט טונקל. די טרעגער גייען זיך פאנאנדער. יידן גייען דורך דער בריק דאוונען מעריב. די מוטערס רופן די קינדער צוריק אין די שטיבער, די קינדער ווילן נישט גיין. די מאמעס זאָגן צו, אז מאָרגן וועט מען זיי ווידער ארויסלאָזן. אויף דער בריק טראָגט מען ארויף א גרויסן לאמטערן, מען צינדט אָן ליכט און יידן זענען מחדש די לבנה. די לבנה באשיינט די הייזלעך מיט די פארמאכטע לאָדנס. די קאַלישער יידן שלאָפן נאָך א טאָג שווערער האָרעוואניע, און שטיל פליסט דאָס וואסער, וואָס מען רופט פּראָסנע, אונטער דער אלטער הילצערנער בריק...

★

אין יאָר 1939, ווען די היטלעריסטישע מערדער זענען אָנגעפאַלן אויף קאַליש און פאראייניקט די שטאָט צום דריטן רייך, האָבן זיי ארויסגעפירט אלע יידן פון קאַליש דורך דער בריק, און די יידן, וואָס האָבן שוין נישט געקאָנט גיין — האָבן זיי געשלעפּט דורך דער בריק צום אומקום. ווען די היטלעריסטן האָבן אומגעבראכט די לעצטע יידן פון קאַליש, האָבן זיי ארויפגעבראכט יידן פון אנדערע שטעט און אנדערע לענדער און געהייסן פארשיטן דאָס וואסער מיטן גרוז פון די יידישע הייזער, פון יידישן שפּיטאָל, פון יידישע שולן און יידישע מצבות. די בריק האָט מען פארברענט.

נישטאָ מער אין קאַליש דאָס טויזנטיאָריקע יידישע לעבן. עס איז אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער ערד אלץ, וואָס איז געווען יידיש. און צוזאמען מיט אונדזער לעבן איז אויך אָפּגעמעקט געוואָרן די אלטע קאַלישער בריק.

בלומא וורצלאווסקא

נאווא 3

דאָס הויז, ווו איך בין געוואָרן געבוירן, דערצויגן, און געוווינט ביזן אויסבראָך פון דער וועלט־מלחמה, איז געווען א הויז, ווי אלע הייזער, און דאָך איז דאָרט געווען עפעס אזוינס, וואָס דערמאָנענדיק עס, פאַרקלעמט ביים הארץ.

צענדליקער לאָקאטאָרן זענען געווען אינעם הויז, אלע זענען זיי געווען יידן און בלויז איינער — אַ גוי. ווער? פארשטייט זיך דער סטרוזש. יעדער לאָקאטאָר מיט זיין וועלט און מיט זיינע געשעפטן. און אלץ צוזאמען — א בילד פון יידיש לעבן.

רעכטס פונעם טויער — פאַצאַנאָווסקיס געוועלב פון אלטע מלבושים. אינעם ריזיקן הויף — קי־און פערד־שטאלן. אין מערקטעג איז פון אין דער פרי אָן דער הויף געוואָרן פול מיט וועגענער. די פויערים האָבן געבראכט גענדז, הינער, פוטער. די באלעבאָסטעס פונעם הויז זענען אראָפגעגאנגען איינקויפן. אין דעם הויז האָבן געוווינט בעלי־מלאכהס, פאבריק־ארבעטער, א וואסערטרעגער. געווען דאָרט א בעקעריי, א בעקעריי פון קוכנס, א וועשעריי. אין דעם הויז האָט געוווינט דער זשיכלינער רבי, נעבן דער גרויסער שול.

אין מיטן הויז איז געווען די פלומפּ. דער וואסערשעפּער, משהל, א נידעריקער און ברייט־ביייניקער, מיט קרומע פיס, האָט ארויפגעצויגן זיין "סחורה" עמער נאָך עמער און אריינגעגאָסן אין די פעסער פון די לאָקאטאָרן.

דער גייסט פון יידישקייט האָט גערוט איבערן הויז. פרייטיק צו נאכטס איז אין גאנצן הויז געוואָרן שטיל. אלע איינוווינער, פארהאָוועטע טאָגטעגלעך אין זייערע געשעפטן און פרנסות, האָבן געענדערט זייער אויסזען: איצט זענען זיי יידן, איינגעהילטע אין טליתים, און זיי זענען מתפלל צום רבונו של עולם.

ערב פסח איז אין הויף געוואָרן לעבעדיק און פריילעך. די קינדער האָבן אָנגעצונדן א שייטער. זייער גליק האָט נישט געהאט קיין גרענעץ. פון די פענצטער האָט מען אראָפּ־געוואָרפן בינטלעך חמץ צום פארברענען, און די קינדער האָבן מיט שמחה מקיים געווען די מצווה.

אָבער ווען ס'האָט זיך דערנענטערט די שעה פונעם סדר, האָט אין הויף געהערשט א שטילקייט. אלע זענען געזעסן ביי די טישן מיט דערהויבנקייט און זיך באמיט, אז די פייערלעכקייט זאָל ארויסקומען וואָס שענער, און וואָס לענגער.

נאָך פסח איז דער הויף ווידער געוואָרן וואָכעדיק און גראָ: דאגות און שוועריקייטן, פרנסה, שטייערן, פארשידענע גזירות. אזוי — ביז סוכות.

זעכצן סוכות זענען געווען אויפן הויף. צווישן זיי — איינע פון א באזונדערער פראכט, די סוכה פונעם זשיכלינער רבין. ערשט ווען אלע יידן זענען שוין געזעסן אין זייערע סוכות, איז דער רבי אריינגעגאנגען אין זיין סוכה. איך געדענק זיין שיינע געשטאלט אין דער זיידענער קאפּאָטע, אין די ווייסע זאָקן, מיטן שטריימל אויפן קאָפּ. ער האָט קידוש געמאכט מיט א הויכער שטימע, און אלע איינוווינער פון הויף האָבן געענטפערט "אמן".

אום יום־כיפור איז אראָפּ אויפן הויף דער פחד פון יום־הדין. ביים אָנצינדן די ליכט זענען פון די מאמישע אויגן געפלאָסן טייכן טרערן. עס האָבן זיך געהערט וויינענדיקע און קלאָגנדיקע קולות. נאָכן ענדיקן די פארפאסט־סעודה האָבן די טאטעס געבענטשט זייערע קינדער און אראָפּ צום דאווענען. צו מאָרגנס זענען זיי געשטאנען א גאנצן טאָג אין די קיטלען, געדאוונט און געוויינט.

אָבער זייער תפילה איז נישט דערהערט געוואָרן. אין א סעפטעמבער־טאָג 1939 זענען

געקומען געסטאַפּאָווצעס, ארויסגענומען אלע איינוווינער פון נאָווא 3 — זקנים, פרויען און קינדער — און אָפּגעפירט זיי אין שרייערס מארק־געביידעס. זיי זענען געגאנגען מיט קליינע פעקלעך אויף די אקסלען, געטריבענע פון די נאַצישע נאַהייקעס.

דאָס איז געווען דער אָנהויב פונעם סוף.

י. האַלץ

ציאַסנא 19

דאָס איז באמת געווען אן ענגע גאס און מ׳האָט דאָרט געפילט קאנאליזאציע־ריחות. פון ביידע זייטן גאס זענען געשטאנען צוויי און דריי־שטאָקיקע הייזער, אָן שום סטיל, אָפּטמיאוסע, זיך צעפאלנדיקע פון אלטקייט און דורותדיקן שטויב.

און אָט די הייזער האָבן געצויגן די אויפמערקזאמקייט בלויז די טויערן, ברייטע טויערן מיט דאָפּלטע פליגלען, דורך וועלכע עס פלעגן אריינפאָרן די פויערשע פורן און סטאנציאָנירן אין די הייף בעת די מארקטעג, דינסטיק און פרייטיק.

הינטער דעם טויער האָט זיך געפונען דאָס „הארץ” פונעם הויז — דער הויף, וואָס איז געווען ארומגענומען מיט פארשידענע בנינים און אָפּיצינעס.

אין אונדזער הויז איז דער הויף געווען א לענגלעכער, אָן אויסגעפלאסטערטער מיט קיילעכיקע פּאָרמלאָזע שטיינער. אין הויף האָבן זיך געפונען קאלוזשעס און מ׳האָט געדארפט האָבן אקראָבאטישע פעיקייטן, כדי זיי אריבערצושפּרינגען, באזונדערס בעת די „פארפליי־צונגען”, אין רעזולטאַט פון די רעגנס און פּאַמיעס.

אין דער לינקער זייט פונעם הויף האָט זיך געפונען ביעזשווינסקיס ווארשטאט, א באַוווסטע שלאָסעריי, און רעכטס — א ריי דירות אין די אָפּיצינעס, וואָס זענען געשטאנען איינע הינטער דער אנדערער, פולע מיט אָרעמע משפחות, באלאסטעטע מיט א סך קינדער. די דאָזיקע איינוווינער האָבן זיך פארנומען, ווער מיט קליינהאנדל, און ווער מיט פארשידענע צעלניק־זאכן אין די שטאָטישע באזארן. ביי נאכט פלעגן זיי נעכטיקן אויף זייערע וועגעלעך, כדי גאנץ פרי ארויסצופאָרן אויף די מערק אין די ארומיקע שטעטלעך.

אינעם הויף זענען אויך געווען צוויי חסידים־„שטיבלעך”. אין די יומטובדיקע נעכט האָבן זיי צווישן זיך קאָנקורירט מיט די ניגונים — פלאמיקע און א סך מאָל אָנגענעמע.

אין סאמע סוף פונעם הויף, אין א בנין, וואָס האָט א מאָל געדינט פאר א פאבריק, האָט זיך געפונען דער קלוב פון „השומר הצעיר”. דער אריינגאנג און די טרעפּ האָבן געקאָנט דינען פאר א מוזיי־עקספּאָנאט. זיי האָבן געקרעכצט אונטער יעדן טראָט און זיך געהאלטן בלויז פון איבערץ. די ווענט זענען געווען צעדראפּעט און אָפּגעשיילט.

א הויכע טיר און אויף איר א פארזשאווערטער שלאָס — דאָס איז דער אריינגאנג צום לאָקאל, וואָס האָט געטראָגן דעם גראָטעסקן נאָמען „איזבא”. אין דער יוגנט האָבן מיר נישט געלייגט קיין אכט צו דעם אריינגאנג, צו די שלעכטע ריחות, צו דער מיאוסער אומגעבונג. מיר זענען געווען פארנומען מיט הויכע ענינים, מיר האָבן געקוקט אין דער הויך.

אין דעם גרויסן צימער, דעם זאל, איז דער סופיט געווען אונטערגעשפּארט מיט זיילן, און אין עק, הינטער א הילצערן ווענטל איבער דער גאנצער ברייט פונעם זאל, האָבן זיך געפונען צוויי צימערלעך: איינס פון זיי האָט געדינט פארן סעקרעטאריאט און אויף זיצונגען פון דער אָרטיקער אָנפירונג, און דאָס צווייטע — אויף באגעגענישן און טעטיקייטן פון די קבוצות. די פּראָבלעמען זענען געווען ערנסטע און הארבע, און די דיסקוסיעס — לעבעדיקע און שטורמישע. מיר זענען יונג געווען.

די וועגט זענען געוואָרן באַצירט לויט דער געלעגנהייט — אויף יום־טובים און ציוניסטישע פייערונגען. קיין מאָל האָט דאָרט נישט געפעלט דאָס בילד פון טעאָדאָר הערצל.

עס האָט דאָרט געהערשט א געפיל פאַר ריינקייט און שיינקייט. דו האָסט דאָרט שטענדיק געטראָפן צעשען, אישקען, גענייען אָדער ראָזען מיט א באַרשט אין דער האַנט. די פרייד איז געווען א גרויסע, א רוישיקע, א טומל און טענץ, באַזונדערס די „הארא״, אָפט ביז שפּעט ביי נאַכט.

עס איז אויך דערשינען א וואַנטצייטונג מיט אַן אַקטועלן אינהאַלט. די צייטונג האָט צוגעצויגן דאָס אויג מיט איר שיינקייט און מיט די צייכענונגען. מען דאַרף דערמאָנען די הומאָרעסקעס פון שרה זייפע, וואָס זענען געווען אילוסטרירט מיט צייכענונגען און קאַריקאַטורן. עס געדענקט זיך אויך די פּראָפּאַגאַנדע: „עברי דבר עברית״ מיט דער הילף פון קליינע עלעקטרישע לעמפּלעך.

מיר זענען געווען גוט־אָרגאַניזירטע 400—500 בחורים און מיידלעך — א ווערטפולע יוגנט, און די תקופה איז געווען א תקופה פון שפּאַנונג און שטורעם.

צו דער דאָזיקע תקופה קאָן מען זיך נישט צוריקקערן, אָבער עס איז דערלויבט און מעגלעך אויפצופרישן זיך מיט זכרונות.

די אַלטיטשקע



פאַר דער טיר פון איר שטוב אין „משמר העמק״ זיצט אויף א באַנק אַן אַלטיטשקע און זי טראַכט. די שטוב אַרומגעריגלט מיט הויכע ביימער און איבער דעם גראָז־פעלד אַרום דער באַשיידענער וווינונג — א מאַסע בלומען פון אַלע רעגנבויגן־פאַרבן. מען זעט, אַז די בלומען האָבן ווער עס זאָל זיך פאַרנעמען מיט זיי.

נישט אַלע מאָל איז זי פאַרטראַכט, וואָרעם טראָץ איר הויכן עלטער, איז זי נישט געוווינט צו זיצן מיט פאַרלייגטע הענט. זי געפינט שטענדיק וואָס צו טאָן, און אין שטוב — אפילו אין קיבוץ — איז פאַראַן וואָס צו טאָן. יעדער פאַר־בייגייער באַגריסט זי און אַלע באַקומען זיי א שיינעם ענטפער און א שמייכל.

אָבער אויב זי טראַכט, האָט זי וועגן וואָס נאָכצוטראַכטן און וואָס צו דערמאָנען זיך וועגן יענע טעג אין קאַליש, צו דערמאָנען זיך אין דער אָפענער שטוב, וואָס זי האָט דאָרט געפירט מיט איבערגעגעבנקייט און מיט אָנשטרענגונגען צו דערציען אירע דריי זין לתורה ולעבודה. די מאַטעריעלע מיטלען זענען נישט געווען קיין גרויסע, אָבער די נשמה איז געווען רייך און זי איז נאָך רייך ביז איצט. טשעשעק, זיגמוש און לעאָן זענען געווען די זין פון דבורה דיאַמאַנט. טשעשעק איז געפאַלן ווי א פוילישער זעלנער אויפן רוסישן פראָנט אין יאָר 1919. זיגמוש (שמחה) — מיט 30 יאָר צוריק אין ארץ־ישראל, און דער לעצטער, אונדזער פריינד לעאָן־אריה ז״ל, איז געשטאָרבן מיט עטלעכע חדשים צוריק.

אומעטיק איז איר איצט, אומעטיק. זי איז שוואַכער געוואָרן, אָבער זי איז נישט איינזאַם. אירע אייניקלעך, אוראייניקלעך און די גאַנצע משפחה פון „משמר העמק״ היטן זי אָפּ געטריי. מיר, קאַלישער מענטשן, חברים און פריינד פון אירע זין, געדענקען אירע גוטע מעשים. מיר געדענקען, אַז אין איר קליינער דירה אין קאַליש האָט זי אויסגעטיילט אַן אָרט פאַר א וואַרשטאַט אין קליינעם פאַרנעם, ווו מיר האָבן געלערנט אידער מיר האָבן עולה געווען קיין

ארץ־ישראל. א סך פון אונדז געדענקען דעם פלאמיקן קבלת פנים ביי איר אין דער קליינער וווינונג אין שכונת בורוכוב, און די, וואָס האָבן באטראכט פאר א כבוד צו באזוכן זי אין משמר העמק, קענען איר מידה פון העפלעכן הכנסת אורחים.

די ווענט פון איר צימער זענען באהאנגען מיט בילדער, וואָס דערמאָנען דעם עבר. זי דערציילט, ברענגט־אויף זכרונות פון דער פארגאנגענהייט און זי איז מכבד מיט איר היימישן קוכן און מיט א הייס גלאָז טיי.

טראָץ די אומגליקן אין איר לעבן, האָט זי פארהיטן די איידלקייט פון איר געשטאלט, וואָס שטראַלט ארויס פון זיך מילדקייט און כבוד.

די באָבעשי דיאמאנט איז ראוי, אז מען זאָל זי פארערן, ווי איינע פון די פראַכטפולע געשטאלטן, וועלכע זענען געבליבן פון דעם אלטן דור קאלישער.

א גרופע פריינד

בנימין צביאלי

אפענהיימס הויז

א באזונדערע שטייגער האָט געהערשט אין אָפענהיימס הויז אויף פילסודסקי־גאס, עק פילסודסקי-אלעע (געוועזענע יוזעפינא), א צווייי שטאָקיק הויז, ארומגערינגלט מיט יידישע געוועלבער.

אָט איז אויפן ראָג דאָס דעליקאטעסן־געשעפט פון ר׳ שלמה הערשקאָוויטש — „זלאָטי רוג". דערנעבן — דאָס געוועלב פון אייזן און בוימאטעריאלן פון ר׳ אליעזר ליפשיץ. אין דער נאָענט געפינען זיך: דאָס מאנופאקטור־געשעפט פון די ברידער בראון, די קאָלעקטור פון וועלטפרייד, די רייזע־געזעלשאפט „אָרביס", דער אפטייק־סקלאד פון סאָלניק, א בארשטן־געשעפט, בעאַטוס וואָרשט־געוועלב, א מלבושים־געשעפט, און אין עק — דאומס קאָנדיטאָריי.

זונטיק, ווען אלע געשעפטן זענען געשלאָסן „פון פאָרנט", האָט דער האנדל זיך געפירט „הינטנארומער", פון דער הויף־זייט. די שכנים, וואָס פלעגן זיך אָפט קעגנזייטיק ארויסהעלפן מיט א גמילת־חסד, זענען געזעסן פאר די הינטערטירן און צווישן איין קונה און אנדערן געשמועסט דברי תורה אָדער וועגן אקטועלע ענינים, אָדער אריינגעקוקט אין „היינט", „מאָמענט" „נאַש פזשעגלאָנד". אויבן, אויפן צווייטן שטאָק, לענג־אויס די טונקעלע קאָרידאָרן, וואָס האָבן זיך געצויגן פון איין עק הויז ביזן אנדערן, האָבן הילצערנע טירן געפירט אין פריוואטע צימערן, ביוראָס און ווארשטאטן. אָט איז דזשאלאָווסקי דער גלעזער, א קליינוווק־סיקער און געהויקערטער. זיין מויל איז תמיד פול מיט קלוגע ווערטלעך און מאמרי חז"ל. אָט איז א וואליזקע־מאכער, אָט — א שילדן־מאָלער, און דאָ — א שערער, וואָס זוכט נייע קליענטן.

און אין עק — די טיר פון דער שול און קלוב פון „המזרחי" מיט די 2 גרויסע צימערן. שבת איז דער מנין שטענדיק געווען פול ביזן לעצטן פלאַץ, צווישן זיי — א ריי פערזענלעכקייטן פון די „פני" אין שטאָט, וועלכע האָבן פארנומען אָפיציעלע אמטן אין דער קהילה אָדער זיי האָבן זיך סתם אויסגעטיילט מיט זייער אָנזען. צווישן זיי: ר׳ אליעזר אָפענהיים, דער אייגנטימער פונעם הויז און פונעם האָלץ־סקלאד אויפן הויף, שטענדיקער פאָרזיצער כמעט פון „המזרחי"; ר׳ מרדכי הכהן שפירא דער כעסן און ר׳ משה קראקאָווסקי —ביידע תלמידי־חכמים און „משכילים", יעדער אויף זיין שטייגער; ר׳ שלמה הערשקאָוויטש, דער אייגנטימער פון „זלאָטי רוג", יעדער חשובער מענטש, וואָס קומט אין שטאָט, שטייט־איין אין זיין נגידיש הויז, דער אלטער ר׳ שמואל וועלטסמאן, אייגנטימער פונעם גרויסן ביכער־געשעפט אויף זלאָטע־גאס. ער איז געווען א היסטאָריקער און ביבליאָגראף, תמיד געארבעט איבער זיין בוך געשיכטע פון דער שטאָט קאליש; און אָט איז דער באליבטער ר׳ שמואל ווידאָווסקי, א לערער און פארמעגלעכער מענטש; דער באשיידענער און שטילער ר׳ פיזול ליפשיץ, א

„מדקדק״ און א קענער פון דער העברעישער שפראך; ר׳ אלכסנדר זיסקינד מאָזעס, א קאליקע אויף די פיס (דער זון פונעם מורה־הוראה ר׳ וועלוול מאָזעס), דער בעל קורא אין די שבתים. ער קאָכט און רעשט ביי יעדער עוולה, א ריכטיקער אָדער אן אויסגעדוכטער; ר׳ שלמה קלמן פארזענטשעווסקי, וואָס טיילט פונאנדער די עליות און מאכט דעם „מי שברך״; דער הינקענדיקער ר׳ יואל סיטנער, וואָס מעלדעט וועגן אלע געשעענישן און טעטיקייטן, און ר׳ מרדכי מענדל וויינטרויב, א ייד א חסיד און אן אוהב פון ארץ־ישראל מיט אלע רמ״ח און שס״ה. ער האָט א הייזעריקע שטימע. ער שטעלט צונויף מנינים און זאמלט צונויף „קדושות״ אָן אַ צאָל. נאָך זיין באזוך אין ארץ־ישראל פלעגט ער זיצן ביי שלש־סעודות אין פארנאכט און געזונגען זמירות מיט דעם ספרדישן ניגון, וואָס ער האָט געהערט אין ירושלים. אין א געוויינלעכן וואָכנטאָג, בין מנחה למעריב, פלעגט ער ארויסנעמען פון קעשענע דעם „היינט״ אָדער דעם „מאָמענט״, צוגיין צו דער בימה און לייענען הויך אויפן קול א מאמר וועגן ארץ־ישראל, ווי זיי וואָלטן געווען הייליקע ווערטער. ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די אקציע פארן קרן קימת לישראל, האָט ער זיך ארייגעטאָן אין דער זאך, כדי צו דערגרייכן די באשטימטע סומע.

און אָט זענען ר׳ יוסף משה פישער און זיין ברודער געצל, ר׳ יעקב היימאן, ר׳ ישראל בראון דער בעל מוסף פון די ימים־נוראים, די נידריקע און ענערגישע געשטאלט פון הרב יעקב ליטמאן (אבטליון), דער פלאמיקער רעדנער, מנהל פון דער שול „תחכמוני״.

אין די יום־טובים זענען די געוועלבער אין אָפענהיימס הויז געווען פארמאכט אויף ריגל און שלאָס, אָבער אין דער שול פון „המזרחי״ פלעגט מען זיך צונויפקומען צו א „שבת אחים״ ביי א גלעזל משקה. א הילצערן פעסל איז געשטאנען אין דער זייט און מען האָט דאָרט געשעפט דעם שוימיקן ביר, וואָס האָט פארשפרייט זיין שארפן ריח איבער דעם גאנצן שול...

באזונדערס היימלעך איז געווען אין די שמחת־תורה־נעכט, ווען אין דעם פריילעכן געזאנג האָבן זיך אויסגעמישט די שטימעס פון וויינטרויב, שמחה בונם סטופניק, שלמה הערשקאָוויטש — קולות הייזעריקע, שוואכע און שטארקע.

די קולות קלינגען נאָך אין מיינע אויערן.

די זעלנער־קיך־פראגע אין קאליש

די פראגע פון דער זעלנער־קיך, וואס מיר, יידישע זעלנער, ווילן דא בארירן, איז אַן אנגעווייטיקטע און דאַרף אן אלזייטיקע באלויכטונג.

מיר מיינען נישט קיינעם צו טרעפן, מיר טוען עס נאר פאר דעם וויל פון יידישן זעלנער, ווי אויך פאר דעם וויל פון דער קאלישער קהילה.

מיר האלטן, אז די קאלישער יידן דארפן אין דער הינזיכט נישט בלייבן הינטערשטעליק פון אנדערע גרויסע יידישע קבוצים.

דער ג׳ קאלישער רב האט אין זיין רעדע אויף דער ערשטער סדר־נאכט אנגעוויזן די גרויסע פאראנטווארטלעכקייט פון יידישן זעלנער, וואס אויסער דעם, וואס ער איז דער פארטיידיקער פון דעם פאטערלאנד, דארף ער גלייכצייטיק האלטן הויך די פאן פון יידישקייט.

מיר, פון אונדזער צייט, גיבן צו, אז דער חוב קומט אונדז זייער שווער אן צו דערפילן. דאס קען נאך וויסן דער, וואס האט געדינט. דעריבער, אויב דער יידישער זעלנער באקומט די געלעגנהייט באפרייט צו ווערן אויף 8 טעג יום־טוב פון די קאזארמעס, ווען ער דארף אפהיטן די געבאטן פון דער תורה נישט צו עסן קיין חמץ, איז דער חוב פון דער יידישער

קהילה, אז זי זאל אים פארטרעטן אין די פאר טעג, כאטש אין א געוויסער מאס, זיין היים.

ליידער מוזן מיר, יידישע זעלנער, וועלכע דער גרעסטער טייל לעבט איבער דעם צווייטן פסח אין מיליטער — פעסטשטעלן, אז די זעלנער־קיך דערפילט אבסאלוט נישט איר אויפגאבע.

אויף איינע פון די סעודות איז געהאלטן געווארן א רעדע, אז די היגע באפעלקערונג האט נישט געהאט קיין פארשטענדעניש פאר דער זעלנער־קיך, מען האלט פאר די קהילה־וואלן, האט קיין דאזאר נישט געוואלט זיך באשעפטיקן, נישט וויסנדיק אויב ער וועט געוויילט ווערן, דעריבער איז די זעלנער־קיך, וואָס איז געשאפן, א גרויסער נס.

מען קען זיך שוין פארשטעלן ווי אזוי ביי אזא פאראינטערעסירונג פון דער קהילה עס זעט אין אלגעמיין אויס דאס עסן אין דער קיך, ווען דאס פרישטיק פאר א זעלנער באשטייט פון א שטיקל מצה מיט א גלאז טיי.

דעריבער האלטן מיר פאר א חוב צו אפעלירן צו דער יידישער עפענטלעכקייט, אז זי זאל באַאיינפלוסן די קינפטיקע פארשטייער פון דער קהילה צו פארשטיין די וויכטיקייט פון א זעלנער־קיך, וועלכע זאל אריינגענומען ווערן אלס וויכטיקן פונקט פון קהילה־פראגראם. דאס איז א חוב פון דער יידישער געזעלשאפט לגבי אירע ברידער, וועלכע עס דערפילן אונדזערע עלטערן אין יעדער שטאט. עס דארף געשאפן ווערן א קאמיטעט, וועלכע זאל אויך האבן די אויפגאבע צו אינטערוועני́רן ביי דער מיליטער־מאכט, עס זאל נישט פארקומען אזעלכעס ווי למשל אין שציפיאָרנע, ווו מ׳האָט היי־יאר גענומען חול המועד יידן אויף ווארטע און ממילא האבן זיי געמוזט פאסטן.

די זעלנער, וואס ווערן אויף די 8 טעג באפרייט פון דינסט, זאלן האבן אין דער קיך אין א געוויסער מאס א היים, ווו זיי זאלן קענען נאכן עסן פארברענגען. אבער דער זעלנער זאל אין דער זעלנער־קיך נישט אָנטרעפן די טיר פארשלאסן און ער זאל מוזן זיך א גאנצן טאג ארומדרייען אין די גאסן. מען וועט אויך פארשפארן אינטערווענצן פאר זעלנער וואס מען האט פארהאלטן פאר נישט אפגעבן האָנאָר. עס דארף אויך געשאפן ווערן אן אנטשפרעכנדיקער לאקאל.

דער זעלנער דארף באקומען אזוי צו עסן ער זאל נישט דארפן זוכן קיין פריוואטע רעסטאראנען. מען זאל נישט דארפן הערן, אז קהל האט געגעבן ווייניק מצות.

מיר שטרייכן אונטער: מיר ווילן, אז די זעלנער־קיך־פראגע זאל דעפיניטיוו געלייזט ווערן דורך דער קאלישער יידישער געזעלשאפט, כדי צו פארשפארן מיספארשטענדענישן וואס זענען נישט פאר דעם כבוד פון אזא אנגעזעענער קהילה ווי קאליש.

(31 אריגינעלע אונטערשריפטן אין רעדאַקציע)

„קאלישער וואך" (52) 14

ל׳ בניסן תרצ״א, 17.4.1931

אלעקסאנדער פאזנאנסקי

מיר האבן אנגעהויבן

הער עס אינטערעסירט זיך ווי ווייט מיר זענען פון דערווירקלעכער יידישער אויטאָנאָמיע, וועט געגנוג זיין, אז ער וועט איבערלייענען דעם סטאטוט פון די וואלן צום ראט און פארוואלטונג פון די יידישע קהילות; און ווער עס אינטערעסירט זיך מיט דער ארבעטס־מעגלעכקייט און קאָמפעטענץ פון דער יידישער קהילה, זאָל אויפמערקזאם איבערלייענען די באריכטן פון די לעצטע זיצונגען, למשל, פון דער קאלישער קהילה.

מיטן גאנצן אייפער זענען מיר געגאנגען צו די וואלן. די האנדלונגען פון די ביז איצטיקע קהילה־פארוואלטונגען זענען געווען סקאנדאַליעז. און מיר האָבן געוואָלט מיט דער דאָזיקער חרפה פאר דער יידישער ווירטשאפט ענדיקן. די וואלן האָבן זיך געענדיקט מיט א נצחון פאר די פאָרגעשריטענע יידן. אין ראט זענען אריין עלעמענטן, וועלכע האָבן מיט זייער ביזאיצטיקער ארבעט ארויסגעוויזן, אז די אייגנטלעכע אויפגאבן פון דער יידישער רעפרע־זענטאנץ זיינען זיי נישט פרעמד און אז זיי זענען בכוח צו באקעמפן אלע שוועריקייטן אויפן וועג צו א דעמאָקראטישער און וועלטלעכער קהילה.

מיט דעם אייגענעם אייפער, וואָס אונדזערע וויילער־מאסן זענען געגאנגען צו די וואלן, זענען מיר צוגעטראָטן צו דער ארבעט אין דער יידישער קהילה. צום באדויערן ווערט די ארבעט פון דער ניי־אויסגעוויילטער קהילה געהאמעוועט דורכן דריטן צד (ווען מיר רעדן וועגן שטערונגען, דארף מען נישט פארגעסן וועגן די ארומרייסענישן פון פערזענלעך־פארטייאישן כאראקטער, וועלכע זענען אריינגעדרונגען אפילו אין אונדזערע רייען, זייט דער צייט פון 19־טן ציוניסטישן קאָנגרעס). דער ענין פון ווילן א פארוואלטונג, דעם פאקטישן בעל־הבית פון דער קהילה, וואָס מ'האָט געקענט דערליידיקן אויף דער ערשטער זיצונג פון ראט, פארציט זיך, אויפן סמך פון די פּאַראַג. 14 און 64 פון די וואלן־סטאטוטן, שוין דעם צווייטן חודש, און ס'נעמט נאָך נישט קיין סוף. מענטשן, וועלכע זענען געוואָרן באשטעטיקט אלס ראטמענער, ווערן דיסקוואליפיצירט, ווען עס האנדלט זיך בוכשטעבלעך וועגן אָפּנעמען 17 צעטלען פון 17 ראטמענער! אומפארשטענדלעך זענען די שריט פון אונדזער אויבערמאכט און ווייטאָגלעך זענען די נאָכקומענדיקע קאָנסעקווענצן פאר דער געזעלשאפט. די קהילה, באפרייענדיק זיך פון דער פארוואלטונג, ווערט אומטעטיק לגבי די באדערפענישן פון דער צייט. די אלטע פארוואלטונג האָט שוין לאנג געדארפט אָפּטרעטן. צי ווארטן זיי דען אויף עפּעס א איניציאטיוו אין דער איבערגאנגס־צייט?

מיין בלאָק איז געשטאנען פאר דער לייזונג: צי אראָפּלאָזן די הענט און ווארטן אויף בריוו, דערקלערונגען, באשטעטיקונגען, וואלן אאז"ו, אדער אין אָנבליק פון דער שווערער סיטואציע, אומאָפּהענגיק פון פאָרמאליטעטן — נעמען די פירונג פון דער קהילה און אָנהייבן ארבעטן? מיר האָבן אויסגעקליבן דאָס צווייטע. פון דעם איז ארויסגעדרונגען מיין פאָרשלאג אויף דער לעצטער זיצונג פון דער יידישע קהילה וועגן ווינטער־הילף. דער ראט האָט איינגעזען, אז דער פאָרשלאג האָט א ממשות, האָט ער איינשטימיק אָנגענומען צו רעאַליזירן דעם פּראָיעקט און אויסגעוויילט אן אָרגאניזירונגס־קאָמיטעט.

צי וועט זיך איינגעבן דעם נייעם ראט צו רעאַליזירן הילף אין דער איצטיקער, שווערער עקאָנאָמישער סיטואציע ביי יידן? דריי מאָל יאָ! דער זעלבסטדערהאלטונגס־אינסטינקט פון דער יידישער געזעלשאפט איז שטארק און וועט נישט פארראטן אין דעם טראגישן מאָמענט. אויף קיין שום אויסערלעכע הילף קענען מיר נישט רעכענען. אלע וועלן דעריבער ענטפערן מיט גרייטקייט אויפן רוף פון דער קהילה. אונדזער זעלבסטהילף וועט דעצידירן וועגן גורל פון א סך יידישע משפחות. צי דארף מען דען זוכן מיטלען פאר דער יידישער אָפּפערוויליקייט?

צי דו, באשעפטיקטער ארבעטער, יידישער בעל־מלאכה, צי וועסטו אָפּזאָגן דיין שפּענדונג פון אן ארבעטס־טאָג פאר דיין הונגעריקן ברודער? צו דו, סוחר, נישט קוקנדיק אויפן באַיקאָט, צי וועסטו נישט שפּענדן פאר דיין הונגעריקן ברודער, וועלכער איז נישט לאנג אויך געווען א סוחר? צי דו, יידישע מוטער און בעלת־הביתטע, צי וועסטו נישט אָפּשפּאָרן פון דיין מאגערן מאָלצייט, וואָס איז באשטימט פאר דיין משפחה, און פון דעם שפּענדן פאר דעם הילפס־קאָמיטעט?

איך בין זיכער, אז די ערשטע הילפס־אקציע פון דער נייער קהילה וועט געקרוינט ווערן מיט דערפאָלג.

קאלישער לעבן (458) 35

כ"ח חשון תרצ"ז, 13.10.1936

מ. מנחמאי

ערב־שבועות אין יאָר 1640

וויאַזוי קאַלישער יידן זענען ניצול געוואָרן פון א פּאָגראָם,
אָרגאַניזירט דורך א היגן משומד

א שיינער זומער איז געווען אין יאָר 1640 (ה׳ אלפים ת׳). ווארעם איז געווען אויף גאָטס וועלט און מען האָט גערעדט, אז ס׳וועט זיין א שנת ברכה, א יאר פון האנדל און מסחר. די פעלדער זענען געווען באדעקט מיט הויכע תבואות. דער פּריץ איז געווען צופרידן און געמאכט שוין חשבונות פון ריוח, וואָס ער וועט איינגעמען נאָכן שניט. אבער אויך די קאלישער יידן האבן געדאנקט דעם בורא עולם, ווייל ס׳וועט זיין א יאר פון שפע. די שענקען און קרעטשמעס וועלן מער לייזן, ברויט וועט נישט קאסטן טייער און דאס פויערים־פאלק וועט דעריבער נישט זיין אויפגעהעצט אויפן ייד.

אין יענער צייט האט זיך שוין געלאזט מערקן א שטיקל שנאה צו דעם ייד אפילו אין די מערב־געגנטן פון פוילן, צוליב דעם, וואס די פריצים האבן געדארפט וואס מער געלט פאר זייערע הוליאנקעס און דער יידישער ארענדאטאר האט עס געמוזט צושטעלן פון די ארעמע פויערים.

די אויסזיכטן אויף א גערעטעניש אין יאר 1640 האבן דעם ייד געגעבן האפענונג, ווער זשע האט זיך דעריבער געקענט ריכטן, אז אן אומגליק וועט קומען אויף די יידן אין קאליש פון אזא שונא, וואס מ׳האט זיך אמווייניקסטן געקענט פאָרשטעלן.

ס׳איז געווען די וואך פאר שבועות. יידן האבן זיך שוין געגרייט מקבל צו זיין די תורה, יידישע ווייבער האבן גערייניקט און געוואשן לכבוד יום־טוב. אויף אלעמענס פנימער איז געווען אויסגעגאסן חדוה און פרייד. גראד אין פרייטיק־צו־נאכטס פאר שבועות, ווען די גאנצע עדה איז געווען פארזאמלט אין שול צו קבלת שבת און דער דעמאלטדיקער רב ר׳ שלמה זלמן בר׳ ירמיה יעקב האט שוין געוואלט הייסן דעם חזן זיך שטעלן דאווענען, זענען אלע מתפללים פלוצים אויפגעציטערט געווארן פון א גערויש און געשריי, וואס האט זיך דערהערט אויף דער יידישער גאס.

דער רב האט באפוילן דעם שמש, ער זאל ארויסגיין זען, וואס דער טומל איז. ווייל געוווינט זענען זיי געווען, ס׳זאָל הערשן א שטילקייט אין דעם קווארטאל, ווי לאנג דער שבת דויערט.

דער שמש איז געקומען צו לויפן א בלייכער, און קוים ארויסגעשטאמלט, אז דער משומד, בראש פון א גרויסן אויפגערייצטן המון קריסטן, באוואפנט מיט שטעקנס און דרענגער, גייען צום שולהויף.

די מתפללים, דערשראקענע, האבן זיך געשטופט אלע צום רב און זיי האבן ווי פארלוירן דעם שכל, נישט געוווסט ווי אנצוהויבן זיך צו ראטעווען פון געפאר.

דער רב ר׳ שלמה זלמן האט דערווייל געהייסן פארשליסן די אייזערנע טיר פון פאליש און די פענצטער פארמאכן אויף די לאדנס. באפוילן אלע זיך צו בארויקן און האפן, אז דער גרויסער גאט וועט די ישועה אראפשיקן צו דער ריכטיקער צייט.

צווישן די מתפללים איז אויך געווען דער יידישער שתדלן וועלכער פלעגט שטענדיק בעת א צרה גיין צו די שררים. אים האט דער רב געהייסן זיך ארויסבאַקומען פון דער שול און זען, פאר וואס און פון וואס די מהומה האט זיך גענומען.

— גיי — האט דער רב צו אים געזאגט — השי״ת וועט דורך דיר די גאנצע עדה העלפן.

דער שתדלן איז תיכף דורך א הינטערטיר ארויס פון דער שול, נישט באמערקט פון צעווילדעוועטן המון.

אין צווישנצייט איז די מאסע אנגעקומען אלץ נעענטער צו דער שול און אינעווייניק האבן זיך שוין געהערט די ווילדע געשרייען און הייזעריקע קולות, וואס האבן גערופן צו נעמען נקמה פון די זשידעס.

העכער פון אלע אבער האט זיך געהערט דאס קול פון משומד.

— אט זיי — האט ער געשריען — די זשידעס האבן ארויסגעגנבעט דאס הייליקע בילד! א טויט די יידן!

צו יענער צייט איז פון דער עלטסטער קירכע אין קאליש אויפן נאמען פון הייליקן יוזעף (וואס איז היינט נעבן דער סטאראסטווע) ארויסגעגנבעט געווארן א הייליק בילד, וועלכע האט געהאט א גרויסן ווערט. די גנבה האט אויסגענוצט א קאלישער משומד אויף אפצורעכענען זיך מיט די יידן און ארגאניזירט דעם אנגריף אויף דער שול פרייטיק־צו־נאכטס פאר שבועות.

דער המון, מיד ווערנדיק פון קלאפן אין דער טיר, האט אנגעזאגט צו קומען צומארגנס, שבת אין דער פרי, און ארייגרייסן זיך אינעווייניק, כדי צו נעמען נקמה.

דערווייל איז דעם שתדלן געלונגען איבערצוצייגן דער מאכט אין טעות פון זוכן דאס הייליקע בילד, און זיי האבן צוגעזאגט נישט צו דערלאזן קיין אומשולדיקע בלוט־פארגיסונג.

דער המון אבער, געהעצט כסדר פון משומד, איז אין דער פרי ווידער געקומען, מיט שטורעם אויפגעבראכן די טיר פון דער שול און מיט א ווילד געשריי זיך אריינגעריסן. זיי האבן נישט באוויזן מער ווי צו צערייסן אייניקע פסולע ספרי תורות (מען האט זיי ספעציעל געשטעלט פון פארנט) און גלייך איז אנגעקומען די שטאטמאכט און דעם המון צעטריבן.

אזוי זענען די קאלישער יידן אפגעראטעוועט געווארן מיט 288 יאר צוריק פון א בלבול, וואס א היגער משומד האט אויף זיי אויסגעטראכט פאר שבועות.

דאס קאלישער לעבן (39) 11

ערב שבועות תרפ״ח, 24.5.1928

זלמן קאפלאן

רעגיאנעלער קאלישער יידיש

קאליש איז איינע פון די ערשטע שטעט אין פוילן, ווו יידן האבן זיך באזעצט. דערפאר קען מען פונעם קאלישער יידיש א סך לערנען וועגן דער אנטוויקלונג פון יידישן לשון בכלל. עס האט זיך געשאפן א ספעציפישער קאלישער דיאלעקט, וואס גיט תיכף אויס דעם קאלישער. דער ליטוואק זאגט „איך״, דער ווארשעווער — „יאך״, דער גאליציאנער — עך, אבער דער קאלישער ייד זאגט „איכע״. בדרך־כלל האבן די קאלישער א נטיה צו פארווייכערן די שפראך און ענדערן זי לויט זייער געשמאק. אט דעם דיאלעקט קאן מען הערן אויך אין דער אומגעגנט, אין אזעלכע שטעט, ווי בלאשקי, סטאווישין, ריכוואל, קאניו, קוזמינעק, טורעק, און אפילו אין ווייטערע ערטער, וויערושאוו, וויעלון, פראשקע.

אין אלע ווערטער, גענומענע פון דייטש און פויליש, זענען פארגעקומען ענדערונגען. מען דארף אננעמען, אז פיל דיאלעקטן אין פארשידענע געגנטן אין פוילן זענען צו זיך ענלעך. דאס איז מסתמא א רעזולטאט פון אויסמישונג. דאך איז קענטיק די בולטע נייגונג פון יעדן פלאץ צו שאפן אייגענע פארמען.

דער קלאנג „איי״ ווערט אויסגעצויגן און פארוואנדלט אין „אא״: פון „דיין״ ווערט „דאאן״, פון „מיין״ — „מאאן״. דאס זעלבע קומט פאר מיט „א״: „טאטע״ — „טאאטע״. די פארוויי־כערונג ווערט געמאכט דורכן צוגעבן „יע״. למשל: „טעפל״ — „טעפיע״. אין א סך פאלן ווערט צוגעגעבן „היע״. למשל: „טיר״ — טירהיע״, „שטיין״ — „שטיינהיע״.

מ ל כ ה ל ע

ווען מ׳האָט מיר אין דער שולע דערציילט מעשיות וועגן קארליקעס און ליליפוטן, האָב איך אויף אן אמת געמיינט, אז דאס זיינען בייקעס, אויס־געטראַכטע פאַר קינדער. אָבער ניין, אַזעלכע קליינע מענטשעלעך זענען טאַקע פאַראַן, און די ערשטע פון דעם מין ליליפוטן, וואָס איך האָב געזען איז געווען — מלכהלע...

מלכהלע, אין מיינע אויגן, מאַכט דעם איינדרוק פון א מאַריאָנעטקע, ס׳דוכט זיך, אז זי איז נישט אונדזערס א מענטשעלע פון לעבעדיקן בלוט און פלייש, נאָר א קליינער מעכאַניזם מיט ספּרונזשינעס וואָס באַוועגט קונציק אירע הענטלעך און פיסלעך צום פאַרגעניגן פון די צושויער.

מלכהלע וואָלט אפשר אין גאַנצן נישט געווען אינטערעסאַנט, ווען נישט איר שוואַכקייט צום... יידישן טעאַטער.

מלכהלע איז א שטענדיקע באַזוכערין פון יידישן טעאַטער, ספּעציעל פון זומערדיקן טעאַטער. מ׳קען זי דאָרט. די אָרדנער לאָזן זי אַריין, נישט פרעגנדיק איר וועגן קיין בילעט. ערשטנס דערפאַר: וויפיל מ׳שטיינסגעזאָגט קען דאס פאַרנעמען פּלאַץ אַזאַ פּיטשעמאַנטשיקער גאַסט, און צווייטנס, ווייל זי חברט זיך מיט די יידישע אַרטיסטן. זי איז, זאָגט מען, מיט זיי נפש אחת...

זי דרייט זיך הינטער די קוליסן, זי פּלאָנטערט זיך הינטער די פיס פון די פּרימאַדאָנעס און סוברעטינס, מיט וועמען זי איז "פּער דו", און ס׳האָט קיינער נישט פאַריבל אויף איר. מ׳האַלט דאס פאַר א זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך. איר גאַנצע דערשיינונג אין טעאַטער איז א מין לאַנגיאָריקער סוד, וואָס ליגט באַהאַלטן אין די פאַלדן פון איר צעקנייטשטן שטערן...

— מלכהלע, ווי אַלט ביסטו?

מלכהלע גיט א דריי אויס איר קעפּל, וואָס זיצט ווי א הייפּטל קרויט אויף איר קליין שמאָל גופל, מאַכט עפּעס א קינדערישע באַוועגונג מיטן הענטל און לויפט אַוועק אויף אירע צוויי קליינע פיסלעך מיט דראָבנע טריט.

מ׳שאַצט איר עלטער אויף 50 יאָר, טייל זאָגן אפילו נאָך מער, נאָר איך גלויב נישט. כ׳האָב איר געבורטס־מעטריקע נישט געלייענט. דער עלטער איז ביי יעדע פרוי א סוד, און מלכהלע איז אויך א פרוי, כאָטש א ליליפוט, אָבער דאָך א פרוי — מיט די זעלבע שוואַכקייטן און מיט די זעלבע געוווינהייטן זיך איינצוהילן אין א שלייער פון סודות.

און וואָס נוגע איר שוואַכקייט צום יידישן טעאַטער, מוז דאס זיין נישט אַנדערש, ווי מלכהלע איז א גלגול פון אן אַרטיסטישער נשמה.

קאַליִשער לעבן (355)
כ״ג תמוז תרצ״ד, 6.7.1934

א רשימה פון אינסטיטוציעס אין קאליש לויט די גאסן אין 1939

פ. א. וו. — נאַווא

די שול, תלמוד תורה, משכימים, חדרים, אגודה, גערער שטיבל, זשיכלינער רבי, די וואָלער חברה.

לינת הצדק, רעכטע פ. צ., וועלטסמאַנס ביבליאָטעק, קאַפּלאַנס ביכער־געוועלב.

פּ י ס ק אַ ז ש ע ו ו ס ק א

חברה־קדישא, דאָס נייע בית המדרש, יידישע שפּיטאָל, היימאַנאַוואס קינדער־גאָרטן.

ק א נ אַ נ י ק ן

די קהילה, די מקוה, גמילת חסדים־קאַסע, בית לחם.

ב א ב י נ א

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע און זייער ביבליאָטעק, אלעקסאַנדער שטיבל.

צ י א ס נ א

ס׳יונגעלייט־שטיבל פון די גערער, השומר הצעיר, ס׳שטיבל פון וואָליער רבי, יעקב יוסף מיידאַנץ ישיבה, ארג. לינקע פ. צ., ארבעטערהיים, ספּאָרט־קלוב "מאָרגענשטערן", באַראַכאָוו־ביבליאָטעק, קליינהענדלער־פאַראיין.

ש אַ פּ ע נ א

אָרגאַניזאַציע פועלי אמוני ישראל, זייער חברה, סקערניעוויצער שטיבל, סאָכאַטשעווער שטיבל, צוויי שטיבלעך ביי קעטשקען אויפן הויף, פאַראיין פון טאָג־פאָרער.

ו ו א ר ש א ו ו ס ק א

סוחרים־באַנק, פאַראיין פון הורט־סוחרים.

פּ י ע ק א ר ס ק א

דאָס בית דין־שטיבל, ווו דער רב אלתר האָט געפירט ס׳רבנות, אפּטס שטיבל.

פּ י ל ס ו ד ס ק י ע ג אָ

קאָאָפּעראַטיווע באַנק, קרעדיט־באַנק פון אלעקסאַנדער חסידים, סוחרים־באַנק פון די גערער חסידים, חברה באַטשקעס, אָרג. מזרחי און זייער שול, באַראַקס שטיבל און יוסף משהס שטיבל.

פ ו ל א ו ו ס ק א (ו ו י ע י ס ק א)

האַנטווערקער־פאַראיין, החלוץ המרכזי, דער טורן־און ספּאָרט־פאַראיין, גוטפריינדס זאַל, גורדוניה, התאחדות, וויזאָ, גערער שטיבל.

ק ר ו ט ק א

די סינאַגאָגע.

ק אַ ש ט ש ו ש ק י

מיידלעך־שול חבצלת, בית יתומים, ברית טרומפּעלדאָר, תחכמוני, זלמן יאַנקעלעוויטשעס חדר.

ק אַ פּ ע ר נ י ק א

דער "בונד" און זיינע אָרגאַניזאַציעס: י. ב. "צוקונפט", "מאָרגנשטערן", פּראָפ. פאַראיינען און סאָציאַליסטישער האַנטווערקער־פאַראיין.

פ י א ס ק א ו ו א — חברה וואַלינער.

ד אָ ב ז ש ע צ ק א — דובצער שטיבל, שטח שטיבל.

נ אָ ו ו י ש ו ו י א ט — דער אַלטער בית־עולם, געגרינדעט אין יאָר 1273.

ו ו י ד א ק — דאָס נייע בית־עולם.

ל י פּ א ו ו ע — דער שטריקער־פאַראיין (אַן אינטערנאַציאָנאַלער).

א ל ע ע י ו ז ע פ י נ א

מכבי פאָלקסשול א. נ. אָזשעשקאָווא, האַנטווערקער־שול, רודער־פאַראיין, ק. וו. 30, פּזשיסטאַן מכבי, יידיש טעאַטער, ריינס קינאָ, שאַך־קלוב, פוטבאָל־סעקציע א. נ. הכח.

ס ט א ו ו י ש י נ ס ק א — זקנים־הויז מיט א שול.

ט ו ר ע צ ק א — קאָצקער שטיבל.

ל ו ד ז ק א — יתומים־הויז פון מיידלעך.

חוץ דעם האָבן עקזיסטירט חברהס לויט די שטעט: שעראַדזער, וואָליער; שטיבלעך פון חסידים: אמשינאָווער, ראַדזינער, אַלעקסאַנדער, סקערניעוויצער, זשיכלינער.

די מאַפּע פון דער שטאָט



דערקלערונג פון די ציפערן:

1. אויטאָבוסן־סטאַציע ; 2. האָטעלן ; 3. גימנאַזיע א. נ. אדאם אסניק ; 4. די פּאָסט ; 5. קלויסטער א. נ. מיקאָליי ; 6. געז. פאר לאַנדקענטעניש ; 7. ביוראָ פון „אָרביס" ; 8. קלויסטער פון די פראַנציש־קאַנער ; 9. פּאַרקונג־פּלאַץ, רעמיזע ; 10. קלויסטער א. נ. סטאַניסלאַוו ; 11. דער טורעם „דאָראָטקא" ; 12. שטאָטישער טעאַטער ; 13. שטאָטישער מוזיי.

ענדערונגען פון די גאַסן־נעמען:

פּלאַץ פון 1 טן מאַי — דער נייער מאַרק
דזשערזשינסקי־פּלאַץ — נאָווא־גאַס
פּלאַץ פון די סטאַלינגראַדער העלדן — דער אלטער מאַרק
שרודמיעיסקא־גאַס — וראָצלאַווסקא־גאַס
נאָוואָטקא־גאַס — נאַדוואָדנא־גאַס
פרייהייט־אַלעע — יוזעפינא־אַלעע

ברוך טל

די פאַראייניזאַמטע שטאָט

אט ליגט פאר מיר די מאַפּע פון קאליש. אין פלוג איז דאָס אַן אבסטראַקטע צייכענונג — ליניעס, וואָס קרייצן זיך, ליניעס פּאַראַלעלע. דאָ און דאָרט — קרייזן. בלויז די שטאָטישע האָבן פאַרשטאַנען צו דעשיפרירן די מאַפּע און אַריינצובלאָזן אין איר אַ לעבעדיקן אָטעם.

אין צענטער שטאָט געפינט זיך דער בנין פונעם נייעם שטאָטראַט, וואָס איז אויסגעבויט אויף די פונדאַמענטן פון דער געביידע, וואָס די דייטשן האָבן חרוב געמאַכט אין יאָר 1914.

פון די פרימאָרגן־שעהען איז די געביידע פול מיט מענטשן, וואָס קומען בעטן אַ געבוירן־שיין, באַצאָלן שטייערן, געוואָר ווערן אַן אַדרעס.

אין די קאָרידאָרן זעט מען יידן אין טראַדיציאָנעלער קליידונג. זיי האַלטן די קליינע קיילעכיקע „יידישע" היטלען אין די הענט און וואַרטן אויף אַ „מליץ יושר", וואָס זאָל זיי העלפן פאַרקלענערן דעם שטייערן־יאָך.

דער זייגער אויפן שטאָטראַט־טורעם קלינגט אויס די שעהען, און לויט אים ווערן געעפנט און פאַרמאַכט די געוועלבער אויפן שטאָטראַט־פּלאַץ, וועלכן מען רופט „דער אַלטער מאַרק". אין די טעג פון חגאות און נאַציאָנאַלע יום־טובים קומען דאָרט פאָר מאַסן־פאַרזאַמלונגען. אַ מיליטערישער אָרקעסטער שפּילט און אויפן באַלקאָן פון שטאָטראַט־הויז טרעטן אַרויס די רעדנער.

פונעם שטאָטראַט־פּלאַץ ציען זיך דריי רוישיקע גאַסן.

די ערשטע, די ווראָצלאַווסקאַ (ברעסלער) — גאַס, ווערט אין איר צווייטער העלפט גערופן די גורנאָשלאַנסקאַ־גאַס. אויף דער דאָזיקער גאַס געפינען זיך די שיינע געשעפטן, די קאַפעהייזער, די באַנקן און די אייזערנע בריק איבער דער פּראָסנאַ. אין מיטן גאַס — דער אָנהייב פון דער יוזעפינאַ־אַלעע, און אין ווינקל, ווו די גאַסן קרייצן זיך — די בערזע. דאָרט דרייען זיך אַרום די סוחרים. זיי שמועסן, קויפן און פאַרקויפן סחורות, אויסלענדישע וואַלוטע און באָדן. די מערהייט פון זיי זענען יידן. דער דאָזיקער ראָג גאַס איז ענלעך צו אַ בינשטאָק. עס זעט אויס, ווי די מענטשן וואָלטן זיך סתם געדרייט, אָן אַ צוועק, אָבער פאַקטיש איז דאָס פאַר אַ סך מענטשן אַ פּרנסה־אָרט.

שבת ענדערט זיך דער אויסזען פון דער גאַס. אַ סך פון די געשעפטן זענען געשלאָסן. אויך די בערזע איז פאַרשוווּנדן.

די דאָזיקע גאַס פירט צו דער אייזנבאַן־סטאַציע. אויטאָבוסן זענען פאַראַן אין אַ קליינער צאָל און די שאָסייען זענען שלעכטע. די באַן־ליניע איז די הויפּט־פאַרבינדערין צווישן קאַליש און די אַנדערע שטעט.

אַן איינציקע אויטאָבוסן־ליניע קורסירט צווישן „אַלטן־מאַרק" און דער באַן־סטאַציע, אָבער זייער ווייניק מענטשן באַנוצן זיך מיט אָט דעם קאָמוניקאַציע־מיטל — די מערהייט פון די איינוווינער פאָרן צו דער באַן־סטאַציע מיט אַ דראָשקע אָדער „רעסאָרקע" (ענלעך צום ישראלדיקן „שרות"...). די דראָשקאַזשעס זענען על פּי רוב יידן. די צענטראַלע סטאַציע פון דער „רעסאָרקע" איז אויף „ראַסמאַרעק".

די צווייטע גאַס, וואָס הייבט זיך פונעם פּלאַץ, איז די זלאָטאַ־גאַס, וועמענס פאָרזעצונג עס איז די נאָוואַ־גאַס, וואָס ציט זיך ביז די מייקאָווער פעלדער. דאָס איז דער רוקנביין פון יידישן קוואַרטאַל.

אויף דער דאָזיקער גאַס געפינט זיך די גרויסע שול, און נעבן איר — דאָס בית־מדרש. אַלע געוועלבער דאָ געהערן צו יידן. אין די זעקס וואָכן־טעג ווימלט די גאַס מיט סוחרים, קונים און סתם בטלנים, וואָס שטייען אויף די ראָגן און שמועסן וועגן פּרנסה און פּאָליטיק, גיבן זיך איבער פון מויל צו אויער די לעצטע נייעס... דאָ איז אַ „יידישע רעפּובליק" אין קליינעם פאָרמאַט, וואָס לעבט, אָטעמט און איז טעטיק לויט אייגן־באַשטימטע כללים.

שבת און יום־טוב איז שטיל אויף דער גאַס. אין די פרימאָרגן־שעהען זעט מען בעלי־בתים, איינגעהיילטע אין טליתים הינטער די מאַנטלען (צוליב אַ חשש־עירובין), וואָס גייען מיט

געמאַסטענע טריט אין שול אריין אדער אין די פּילצאַליקע "שטיבלעך" אויף דער גאַס.

נאָך מיטאָג באַווייזן זיך יום־טובדיק אין אָנגעטועטע בחורים און מיידלעך, וועלכע גייען אויף א שפּאַציר, אויף א באַגעגעניש, אויף א רעפעראַט אָדער א שמועס אין „קן" פון „השומר הצעיר" אויף ציאַסנא־גאַס, אָדער אין לאָקאַל פון די „לינקע פועלי ציון" אויף דער צווייטער זייט גאַס.

די איינוווינער פון דער שטאָט קענען איינער דעם אנדערן, פרייען זיך מיט יענעמס שמחה און באַטייליקן זיך אין זיין צער. א חתונה אין גאַס דערפרייט די הערצער פון די שכנים, און, להבדיל, א לוויה וואַרפט אָן אויף זיי א טרויער.

אמת, יידן וווינען אין אַלע טיילן פון דער שטאָט, אָבער אָט די גאַס און די גאַסן באַבינאַ, ציאַסנא און שאָפּענאַ, וועלכע האָבן זי איבער און זיי זענען באַזעצט מיט יידן (די איינציקע פּאָליאַקן זענען די הויזוועכטער) — זיי זענען דאָס האַרץ פונעם יידישן קאַליש.

די דריטע גאַס — דאָס איז קאַנאָניצקאַ. אויך אויף אָט דער גאַס זענען דאָס רוב איינוווינער יידן. אין צענטער פון דער גאַס געפינט זיך אַן אַלטער בנין, וואָס האַלט שוין ביים איינפאַלן, און אין אים — די אמטן פון דער יידישער קהילה. דערנעבן — דאָס הויז פון דער מקווה.

דער קלויסטער א. נ. פון מיקאָליי שטערט א ביסל די האַרמאָניע פון דער גאַס. יידן מיידן אויס צו גיין אויפן טראָטואַר ביים קאָשטשאָל.

די קאַנאָניצקאַ־גאַס פירט צום „נייעם מאַרק", ווו עס געפינט זיך דער בנין פון די פייערלעשער.

די גלאָקן קלינגען. א שריפה אין שטאָט. פון אומעטום לויפן גרויס און קליין, דערוואַקסענע און קינדער: „עס ברענט!". עס קומען אָן די פרייוויליקע פייערלעשער, שפּאַנען איין די פערד אין די פייערלעשער־וואָגנס. די מהומה איז גרויס. נישט איין מאָל ענדיקט זיך די שריפה איידער עס קומען אָן די פייערלעשער און עס בלייבן איבער פאַרקוילטע מויערן.

דער „נייער מאַרק" איז א פרנסה־קוואַל פאַר הונדערטער יידישע הענדלער, וואָס ברענגען זייער סחורות אויף האַנט־וועגעלעך גאַנץ פרי יעדן דינסטיק און פרייטיק און שטעלן אויף זייער ביידלעך אין גלייכע רייען אינעם צענטער פונעם מאַרק.

די פּויערים פון די אַרומיקע דערפער ברענגען די פּראָדוקט פון זייערע פעלדער: פּוטער, קעז, אייער און הינער. יידישע פרויען גייען אַרום צווישן די רייען, טאַפּן די הינער, דינגען זיך און קויפן־איין אויף שבת.

די פּויערים שטופּן אריין דאָס געלט אין די הינטערשטע קעשענעס, גייען אַרום צווישן די ביידלעך און קויפן ביי די יידישע הענדלער מלבושים, שיך, היטלען און קיך־געשיר.

אַזוי ציט זיך דער „קעגנזייטיקער האַנדל" ביז מיטאָגצייט. אין די ווינטערדיקע פרייטיקס באַמיען זיך די יידישע הענדלער צו „ליקווידירן" די ביידלעך באַצייטנס און זיי איילן זיך אַהיים, כדי אויסמיידן חילול־שבת.

צווישן די גאַסן באַבינאַ און נאַדוואָדנאַ איז פאַמעלעך געפלאָסן אַן אָפּצווייג פון דער פּראָסנאַ, וואָס האָט דורכגעהאַקט די גאַסן נאָוואַ און זלאָטאַ, אַדורך די קאַנאָניצקאַ און דערגאַנגען ביזן שטאָטפּאַרק.

נאָך דער ווי די נאַצים האָבן פאַרטריבן די קאַלישער יידן, האָבן זיי פאַרשטאָפּט אָט דעם אָפּצווייג און אויסגעפלאַסטערט די ברעגן מיט די מצבות פון יידישן בית־עלמין.

דער „יידישער" טייל פון דעם טייך איז פאַרשוווּנדן פון דער מאַפּע. צוזאַמען מיט אים, ווי אויף א סימבאָלישן אופן, איז פאַרענדיקט געוואָרן די געשיכטע פון 30.000 יידן, וואָס האָבן אין משך פון א סך דורות געוווינט אין דעם טייל פון דער שטאָט.

ווי עס האָבן דערציילט מענטשן, וועלכע האָבן באַזוכט קאַליש אין די לעצטע יאָרן, איז די שטאָט געבליבן גאַנץ. פּאָליאַקן זענען אַריין אין די יידישע וווינונגען. בלויז די הייזער מיטן אָפּגעשיילטן טינק פון די ווענט זענען איבערגעבליבן, ווי מצבות נאָך דער אומגעבראַכטער ברויזנדיקער יידישער קהילה.

דער קאַלישער, וואָס באַטראַכט די מאַפּע, דערזעט פאַר זיך ווידער די גאַסן און פּלעצער פון יענע טעג, די יידן, וואָס גייען אויף יענע גאַסן אין די וואָכעדיקע טעג און אין די שבתים, און דאָס האַרץ טוט אים וויי, און זיין נשמה טרויערט נאָך די פאַרשניטענע קאַלישער יידן און איבער דער פאַראיינזאַמטער שטאָט.

אירגון יוצאי קאליש און סביבה אין ישראל

די קאלישער זענען בטבע געזעלשאַפטלעכע מענטשן, און אומעטום ווו זיי געפינען זיך, פאַראייניקן זיי זיך אין אַן אָרגאַניזאַציע. עס איז באַוווסט, אַז נאָך אין די צייטן פון דער טערקישער הערשאַפט איז אין ירושלים געווען א הויף פון קאלישער אָפּשטאַמיקע. מנחם שקלאַנאָווסקי דערציילט, אַז ווען ער איז געקומען אין ירושלים אויף פסח 1924, איז ער איינגעשטאַנען אין משה וואַקסמאַנס הויז. דאָרט האָבן זיך געטראָפן די קאלישער און גערעדט וועגן שאַפן א לאַנדסמאַנשאַפט.

אין יאָר 1925 האָבן אין מנשיה, יפו, זיך פאַרזאַמלט חברים פון קאליש און פון בלאַשקי אין דער וווינונג פון אליהו בערלינסקי ז״ל. זיי האָבן געשאַפן א קאלישער קלוב, ווו מ׳איז זיך צונויפגעקומען כמעט יעדן אָוונט. די טעטיקייט איז באַשטאַנען אין פאָרלייענען צייטונגען, איינאָרדענען פאַרשידענע מסיבות און קולטור־אָוונטן אָפּמערקן יום־טובים און העלפן חברים אין באַקומען אַרבעט. די הויפּט־אַקטיוויסטן זענען געווען מנחם שקלאַנאָווסקי, משה יצחקי, גד זשולטי, ישעיה לייב סאַווא און שמואל טאָפּאָרעק. עס האָבן זיך באַטייליקט אויך חברים פון שעראַדז, טורעק, וואַרטא. אָט דער קלוב האָט עקזיסטירט ביז אין יאָר 1928.

אין יאָר 1929 האָבן עולה געווען נייע חברים און דער קאלישער פאַרבאַנד האָט זיך ווידער אָרגאַניזירט. די געשעענישן האָבן זיך דערנענטערט און די חברים האָבן אָנגעהויבן פילן א באַדערפעניש אין הילף. דער עלטסטער צווישן די חברים, הערש ווייץ, האָט זיך פאַרנומען מיט העלפן די קאלישער. דאָס איז געווען א צייט פון אַרבעטסלאָזיקייט. דאָס אָרט פון טרעפן זיך און פון אַן אַדרעס איז געווען אין געוועלב פון נחום שורעק.

איין טאָג האָט מען באַשלאָסן צו טאָן עפּעס פאַר די קאלישער חברים. בערך 50 חברים האָבן זיך פאַרזאַמלט ביי משה גאָלדענבערג ז״ל און באַשלאָסן צו גרינדן די ״אגודת עולי קאליש למען עזרה הדדית״ (פאַרבאַנד פון קאלישער עולים פאַר קעגנזייטיקער הילף). אין דער פאַרוואַלטונג זענען געוואָרן אויסגעוויילט הערש ווייץ ז״ל, יחיאל העבער, משה יצחקי, ישראל שורעק ז״ל, מנחם שקלאַנאָווסקי, גד זשולטי, מלך שורעק און חיים מענדל נאַפּאַרסטעק. די רעגירונג האָט לעגאַליזירט דעם פאַרבאַנד. די חברים האָבן אונטערגעשריבן דעקלאַראַציעס. מיט א קאַפּיטאַל פון 10 א״י־פונט איז געשאַפן געוואָרן א גמילת־חסדים־קאַסע און מען האָט אָנגעהויבן אַרויסגעבן הלוואות פון 1 פונט ביז אַנדערהאַלבן. דער יערלעכער אומזאַץ האָט נישט איבערגעשטיגן 100 ארץ־ישראל פונט.

מיטגליד־אָפּצאָל איז באַשטימט געוואָרן 4 גרוש, שפּעטער האָט מען געהעכערט אויף 5. א נייער עולה האָט באַקומען אַן אונטערשטיצונג פון 2 לא״י אויף קויפן א בעט און אַנדערע זאַכן פון ערשטן געברויך. די פאַרוואַלטונג האָט זיך פאַרנומען מיט א ריי סאָציאַלע פאַלן. עס זענען אויך פאָרגעקומען עטלעכע אַלגעמיינע באַגעגענישן פון די קאלישער: צוויי — אין דער שול ״גאולה״ און דריי — אין ״קאַסינאָ״,ביים ברעג פון ים. זיצונגען און פאַרזאַמלונגען פון א טייל חברים זענען פאָרגעקומען אין פּריוואַטע דירות.

דער קאלישער קאָמיטעט האָט זיך געווענדעט צו י. מ. העבער וועגן אַן אונטערשטיצונג. די קהילה האָט באַשטימט א סובסידיע פון 1000 זל. און צוגעזאָגט, אַז מען שיקט תיכף אַרויס 500 זל. אָבער צוליב עפּעס א סיבה איז דאָס געלט נישט אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל. אין דער זעלבער צייט האָט דער קאָמיטעט זיך געווענדעט צו די לאַנדסלייט אין אַמעריקע. אָבער קיין ענטפער פון דאָרט איז נישט געקומען.

אחוץ דער פאַרוואַלטונג איז אויך געווען א פּאַטראָן־ראַט, א מין קערפּערשאַפט פון חשובע מענטשן: יואל סאָלניק ז״ל, יוסף מאַמלאָק ז״ל און רפאל מאיר שקלאַנאָווסקי ז״ל.

ווען דער פארבאנד איז אויסגעוואקסן, האָט מען געדארפט באשטימען די גרויס פון די באשטייערונגען און די ראטעס פון די הלוואות. דערמיט האָט זיך פארנומען יעקב יארעצקי.

אין דעצעמבער 1932 איז דערקלערט געוואָרן א קאמפאניע פון פארשפרייטן אקציעס צו 1 פונט. די חברים האָבן געקענט אויסלייזן די אקציעס אין אויסצאָלונגען. אויך די טוריסטן פון אמעריקע האָבן אויסגעקויפט אקציעס.

דעם 21.4.1934 האָט די פארוואלטונג באשלאָסן צו רעאָרגאניזירן דעם פארבאנד און העכערן דעם אָפצאָל. צוליבן פעלן פון א לאָקאל האָט מען זיך געטראָפן ביי די חברים ישראל שורעק, אליעזר בירנבוים, שמעון פלאטא, גד זשולטי, מנחם שקלאנאָווסקי. דאָס זענען אויך געווען די אדרעסן פאר בריוו. די טעטיקייטן זענען געווען די זעלבע, ווי פריער.

ווי אָרעם די מיטלען זענען געווען, קאָן מען זיך אָנשטויסן פון פאָלגענדיקע ציפערן: דער אומזאץ פון דער גמילת־חסד־קאסע אין יאָר 1931 האָט באטראָפן 22 פונט, אין 1932 — 13 פונט, אין 1933 — 53 פונט.

בעת די געשעענישן אין יאָר 1936 און אויך אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז די טעטיקייט פון פארבאנד געוואָרן איבערגעריסן. אין יאָר 1945 האָבן די חברים אָנגעהויבן באנייען די ארבעט. די ערשטע זענען געווען: ישראל דוד בית הלוי (פּאָרזיצער), מ. שעראצקי (קאסיר), יחיאל העבער (סעקרעטאר), אליעזר בירנבוים, מנחם שקלאנאָווסקי. עס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען די ערשטע עולים און מ׳האָט זיי געדארפט געבן הילף. די אונטערשטיצונג־סומעס האָבן באטראָפן 5, $7\frac{1}{2}$, 15 ארץ־ישראלדיקע פונט. מען האָט געמאכט א מיטגלידער־רשימה, וואָס האָט געציילט 600 פערזאָן. ווינטער זענען ארום־געגאנגען חברים, כדי צו נעמען באשטייערונגען פאר דער גמילת־חסדים־קאסע. מען האָט אויסגעוויילט א פרויען־קאָמיסיע אויף ספּעציעלע הילף־פאלן: די פרויען בית הלוי, בירנבוים, אברונין, שקלאנאָווסקי, מאראקא און חנה גאָטשאל ז״ל. פון דאן אָן האָט מען אָנגעהויבן איינאָרדענען אזכרות נאָך די קדושים.

אין 1946, נאָכן אָנקומען פון די ערשטע מעפילים־שיפן קיין קפריסין, האָט די פאר־וואלטונג זיך מאָביליזירט צו דער הילפס־טעטיקייט. עס זענען געוואָרן צוגעצויגן די חברות חנה גאָטשאל ז״ל און צו לאנגע יאָרן בית הלוי, בירנבוים, אברונין און שקלאנאָווסקי. די פרויען האָבן געזאמלט מלבושים און שפייז־פּראָדוקטן. מען האָט אויך ארויסגעשיקט פעקלעך און געלט אויפן נאָמען פון יידישן קאָמיטעט אין קאליש. די טעטיקייט לטובת די מעפילים אין קפריסין האָט זיך געצויגן די גאנצע צייט וואָס זיי זענען דאָרט געווען.

אין זעלבן יאָר האָט די קאלישער קהילה זיך געווענדעט מיט א ביטע צו שיקן אהין תשמישי קדושה. א גרופּע חברים זענען זיך צונויפגעקומען אין הויז פון יוסף מאמלאָק און צוזאמען מיט דער פארוואלטונג האט מען ארויסגעשיקט טליתים, תפילין און מזוזות. אין די יאָרן 1946—1949 האבן די מערהייט פון די חברים זיך באטייליקט אין שמירה און שוץ, אבער זיי האבן גלייכצייטיק אָרגאניזירט די אפטיילונגען אין ירושלים און אין חיפה.

אין אנהויב 1949 איז געקומען אין לאנד דער פארזיצער פון אומפּארטייאישן רעליף פון די פאראייניקטע שטאטן יוסף ארנאָלד און אויפן לאנד־צוזאמענפאָר מיט זיין באטיי־ליקונג איז געווארן אויסגעוויילט א לאנד־קאמיטעט לויטן פאלגנדיקן שליסל: 3 — תל־אביב און געגנט, 2 — חיפה, 1 — ירושלים. אין לאנד-קאָמיטעט זענען געווארן אויסגעוויילט די חברים: אליעזר בירנבוים, שמשון גרין, אברהם זוהר (מרכז), חיים מענדל נאפארסטעק, דוד סינאדערקא, פאניא ראגאזשינסקא ז״ל, מענדל שעראצקי און שלמה שמשוני ז״ל.

אין זעלבן יאָר איז רעאָרגאניזירט געוואָרן די גמילת־חסדים־קאסע און געוואָרן אָנגערופן א. נ. פון די געפאלענע אין דער באפרייונגס־מלחמה. עס איז אָנגעקומען הילף פון אמעריקע און געוואָרן פונאנדערגעטיילט אין די פונקטן לויטן שליסל. דאקעגן די געלטער, וואָס מ׳האָט געזאמלט אויף די ערטער, זענען געוואָרן באשטימט פאר די אָרטיקע קאסעס.

ביי די חברים איז אלץ שטארקער געוואָרן דער ווילן צו פאראייביקן דעם אָנדענק פון די קדושים. אין יאָר 1950 האָבן ש. אברונין און מ. שקלאַנאָווסקי פאָרגעלייגט צו פלאנצן א וואלד אויפן נאָמען פון די קדושים. דאָס איז געווען נאָך פאר דעם, ווי קק״ל האָט געמאָלדן וועגן פלאנצן א וואלד לזכר די קדושים. דער פאָרשלאָג איז געווען צו פלאנצן א וואלד פון 32 דונאם מיט 30 טויזנט ביימער, אזוי ווי די צאָל פון די קדושים. אין מאי 1951 איז ארויסגעשיקט געוואָרן א צירקולאר קיין חיפה און קיין ירושלים מיט א פאָרשלאָג



די פייערליכע דערעפענונג פון „בית קאליש״ אין תל־אביב

צו קויפן 50 דונאם באָדן ביי קק״ל. ווען דער פארבאנד האָט זיך געווענדעט צו קרן־קימת, האט זיך ארויסגעוויזן, אז דער קדושים־וואלד וועט געגרייט אין די הרי־יהודה, אנטקעגן אשתאול. עס איז געוואָרן באשלאָסן צו באָרגן פון דער גמילת־חסדים־קאסע 500 ל״י און באצאָלן אן אדערויף דעם קרן־קימת.

אין פעברואר 1952 איז אויסגעוויילט געוואָרן א וואלד־קאָמיטעט: ש. אברונין, א. זוהר, מ. שקלאַנאָווסקי, מ. שעראצקי ג. ווראָצלאווסקי. עס האט זיך אנגעהויבן די אקציע:

יעדער חבר איז אויפגעפאָדערט געוואָרן צו פלאַנצן א בוים פאַר יעדער פערזאָן פאַרן פרייז פון 1 ל״י. די אויספירונג איז געוואָרן ארויפגעלייגט אויף ש. אברונין. אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז געפירט געוואָרן א פאַראלעלע טעטיקייט. אין מאַי 1952 האָט זיך אָנגעהויבן די באַשטייערונגס־אַקציע. מען דאַרף אָפּמערקן די הויפּט־אַקטיוויסטן פון דער קאַמפּאַניע: אסתר און שמואל אברונין, לאה און אליעזר בירנבוים, גרשון וורצלאַווסקי, אברהם זוהר, גד זשולטי, משה יצחקי (קאַסיר), שושנה און מאיר מאַראַקאַ, נחה און חיים מענדל נאַפּאַרסטעק, מלך שורעק, יונה און מנחם שקלאַנאָווסקי, לאה און מענדל שעראַצקי.

אין מערץ 1953 איז געקומען אין לאַנד חבר יוסף ארנאַלד, פּאַרזיצער פונעם וואַלד־קאָמיטעט אין די פאַר. שטאַטן, און געמאָלדן, אז ער האָט בייגעשטייערט אויף פלאַנצן א וועלדל אויפן נאָמען פון די משפחות אראַנאָוויטש און סענדזעיעווסקי, וואָס וועט זיין א טייל פונעם קאַלישער וואַלד.

אין אפּריל 1953 זענען קרוב 300 חברים ארויסגעפאָרן פלאַנצן דעם וואַלד. בדרך כלל זענען געוואָרן פאַרפלאַנצט 20 טויזנט בוימער דורך ישראל־תושבים און 10 טויזנט — דורך חברים אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

אין נאָבעמבער 1953 איז ש. אברונין געפאָרן קיין אמעריקע אויף א פאַמיליע־באַזוך. דער קאָמיטעט האָט אים באַאויפטראַגט צוצואיילן דאָרט די טעטיקייט פאַרן יער הקדושים. ער האָט זיך געטראָפן מיטן קאָמיטעט פון קדושים-וואַלד פון די קאַלישער. מיט דער הילף פון קלמן אראַנאָוויטש האָט ער זיך באַגעגנט מיט קרייזן, וואָס זענען געווען ווייט פון שפּענדונגען און קאַמפּיינען, ווי גדליה יפה ז״ל, וועלכן ער האָט איבערצייגט צו פאַראייביקן זיין נאָמען און זיין פרויס נאָמען אין בית קאַליש. ביז נאָוועמבער האָט די זאַמלונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן ארייגעבראַכט 4.150 דאָלאַר.

אין יאָר 1954 האָט דער קאָמיטעט באַזוכט דעם וואַלד און באַמערקט, אז די פלאַנצונגען האָבן טיילווייז זיך נישט גוט אָנגענומען. אין אפּריל 1955 זענען געקומען צוויי חברים פונעם אמעריקאַנער קאָמיטעט — מאָריס וואַלטער און קלמן אראַנאָוויטש. אין יום הזכרון האָבן זיי באַזוכט דעם באַדן פון קאַלישער וואַלד, און אז עס איז זיי נישט געפעלן געוואָרן די אַנטוויקלונג פון די ביימער, האָבן זיי זיך געווענדעט מיט אן אָנקלאַגע צום קרן־קימת.

אין יאַנואַר 1958 האָבן מיטגלידער פונעם קאָמיטעט זיך געטראָפן מיט די באַאַמטע פון קק״ל און געפאָדערט אן אנדערן פלאַץ פאַרן יער־קאַליש. נאָך אונטערהאַנדלונגען האָט קק״ל מסכים געווען צו באַשטימען פאַרן פאַרבאַנד אן אנדערן פאַרפלאַנצטן באַדן, לויטן אויסוואַל פונעם קאָמיטעט, דאָס זענען די שטחים, באַצייכנטע אויף דער פלאַנצונג־קאַרטע מיט די ציפערן 26, 27, 32, 33.

אין אפּריל 1958 האָט די פאַרוואַלטונג פונעם קאַלישער פאַרבאַנד געבעטן א דערלויבעניש אויפצושטעלן א דענקמאָל אויפן געביט פונעם וואַלד. מען האָט געגעבן די דערלויבעניש. דאַן האָבן געוויילט אין לאַנד די חברים הערשל ארקוש און יוסף ארנאַלד. אויף א פאַר־זאַמלונג אין זייער אָנוועזנדיקייט האָט מען דערקלערט א קאַמפּיין לטובת דעם דענקמאָל, אין וועלכן עס וועלן זיך באַטייליקן ישראל און די פאַר. שטאַטן. די הוצאות פון אויפשטעלן דעם דענקמאָל האָבן באַטראָפן 1.900 ל״י. אין יאָר 1960 איז דער דענקמאָל געוואָרן אַנטהילט. דערווייל האָט דער וואַלד־קאָמיטעט זיך אויפגעלייזט און דאָס פאַרנעמען זיך מיטן יער־קאַליש איז איבערגעגאַנגען צום פאַרבאַנד. ש. אברונין איז געוואָרן באַשטימט אלס פאָרשטייער פונעם פאַרבאַנד כלפי קק״ל.

אין יאָר 1961 האָט מען אָנגענומען א באַשלוס אויסצובררייטערן דעם פלאַץ פאַרן דענקמאָל. צו דעם צוועק האָט פערזענלעך בייגעשטייערט ח׳ יוסף ארנאַלד און אויך פון אויסטראַליע איז אָנגעקומען א שפּענדונג. דער פלאַץ איז געוואָרן אויסגעברייטערט דורכן קרן־קימת. אין אויגוסט פון זעלבן יאָר זענען די חברים מיט זייערע משפחות ארויסגעפאָרן אין וואַלד. דער דאָזיקער באַזוך איז פאַראייביקט געוואָרן אין א פילם, וואָס ווערט געוויזן ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן.

אין יאָר 1952 האָבן די ירושלימער חברים איניציאירט אן אָנדענק־טאָג אין כ״ב סיון, דעם טאָג פון חורבן אין קאַליש (דאָס איז געווען נאָך איידער ס׳איז געוואָרן באַשטימט דער יום הזכרון אין דער מדינה). ארום 100 חברים האָבן עולה געווען אויפן הר־ציון, אין מרתף השואה, אנטהילט אן אויפשריפט לזכר די קדושים און הרב אבטליון האָט געהאַלטן א הספד. נאָך דער אזכרה איז פאָרגעקומען א פאַרזאַמלונג.

אין יאָר 1953 איז אָנגעקומען פון דער ישראל־אַמבאַסאַדע אין וואַרשע, דורך דער פאַר־מיטלונג פון קלמן סיטנער, עין שמר, א כתר־תורה און א יד פון קאַליש, וואָס צוויי שטאָטישע האָבן דאָס געבראַכט קיין וואַרשע. אברהם פרידמאַן האָט געבראַכט צוויי ספרי־תורה און איבערגעגעבן זיי אין אירגון. די ספרים זענען געוואָרן אָפּגעפרישט און מען האָט זיי איבערגעגעבן — איינע אין דער שול אויף מרמורק־גאַס אין תל־אביב, און די צווייטע אין חיפה.

אין זעלבן יאָר זענען געפאָרן קיין אַמעריקע שמשון און בתיה גרין אין פאַמיליע-ענינים און די פאַרוואַלטונג האָט אויף זיי ארויפגעלייגט א שליחות אין אַלגעמיינע ענינים, פאַרבונדן מיט הילף פאַר עולים.

סוף־סוף איז רייף געוואָרן דער געדאַנק וועגן שאַפן א קלוב פאַר די אָפּשטאַמיקע פון קאַליש. אָט איז א נאָטיץ פון פּראָטאָקאָלן־בוך: ״1 סעפּטעמבער 1955. אויף דער פאַרוואַלטונג־זיצונג פון אירגון יוצאי קאליש און סביבה, וואָס איז פאָרגעקומען אין שטוב פון ח׳ מענדל שעראַצקי, בן־יהודה 31, תל־אביב, איז אין פּרינציפּ געוואָרן באַשלאָסן וועגן שאַפן א ״בית־קאַליש״. אַלע חברים האָבן אויסגעדריקט זייער גרייטקייט זיך צו באַשטייערן און זאַמלען ביי אַנדערע געלט לטובת דעם ״בית־קאַליש״, וואָס וועט דינען ווי א קולטור־צענטער, מוזיי און א לאָקאַל פאַר פאַרזאַמלונגען און זיצונגען פון דער פאַרוואַלטונג. סעקרעטאַר: מ. מאַראַקאַ״.

עס איז אויסגעוויילט געוואָרן א בוי־קאָמיטעט אין באַשטאַנד פון: מ. מאַראַקאַ, אליעזר בירנבוים, ג. זשולטי, אברהם זוהר, מ. שקלאַנאָווסקי.

לכתחילה זענען די חברים אין די פאַראייניקטע שטאַטן נישט געווען זיכער צי זיי וועלן קאָנען העלפן צוליב דעם קאַמפּיין פאַרן יער־קאַליש. דער ערשטער האָט זיך איבערצייגט יוסף אַרנאָלד און זיך באַשטייערט מיט צוויי טויזנט ל״י. עס האָבן זיך באַשטייערט די גרינדערס און אויך איינצלנע חברים אין די פאַר. שטאַטן מיט דער הילף פון רעליף. לויט דער איניציאַטיוו פון אליעזר בירנבוים און מיט זיין אַקטיווער הילף איז אין יאָר 1955 אויסגעבויט געוואָרן דער לאָקאַל, אין וועלכן עס געפינט זיך ביז איצט דער ״בית קאַליש״. דאָס הויז אין געעפנט געוואָרן מיט אן איינדרוקספולער פייערונג.

מיר וועלן דאָ אָפּמערקן לזכרון די גרינדערס:

אין ישראל: הרב יעקב אבטליון ז״ל, הרבנית אבטליון, חנה גאַטשאַל ז״ל, אסתר און שמואל אברונין, לאה און אליעזר בירנבוים, רות און מרדכי בלאָך, יוסף גאַטשאַל, בלומה און גרשון וורָאצלאַווסקי, חיה און אברהם זוהר, חיה און גד זשולטי, רוחמה און משה חיימאָוויטש, שרה און משה יצחקי, שושנה און מאיר מאַראַקאַ, נחה און חיים מענדל נאַפּאַרסטעק, פאַניא ראַגאַזשינסקא ז״ל, בעלא און מלך שורעק, יונה און מנחם שקלאַנאָווסקי, לאה און מענדל שעראַצקי.

אין אויסלאַנד: פּאָלא און יוסף אַרנאָלד, רחל און צבי אַרקוש, דאָרא און קלמן אַראָנאָוויטש, שיינע און שמואל אָקלאַדעק, בעלא און יעקב ארקוש, אסתר און יצחק אָקאָנאָווסקי, חיה און אלעקסאַנדער בערגער, פעלא און אברהם חיים באַנדעל, גיטל און יוסף ברילּיאַנט, בלומה און ישראל גאַלאַנטערניק, בערטא און פנחס גיסקא, סיידי און ישראל דיאַמענט, יוחנן יעקב העבער ז״ל, שרה העבער, פעלא פּאַיאַנק, מאַלי און שמואל כאַנטשין, רבקה און פּרץ וואַלטער, ברכה און נחום וואַלטער, מרים און שמעיה וואַרטסקי, שמואל וויטקאַוּוער, דוד טיגער ז״ל, מרים טיגער, גדליה יפה ז״ל, יהודית יפה, רבקה און ישראל מאַרקאָווסקי ז״ל, רות און

משה מענדל פרענקעל, נח פערלע ז״ל, פרידע פערלע, שרה און אברהם פראנצוז,ביילע און ישעיה גרשון קאפמאן, קאלישער סאשל־פאראיין, שמואל ראבינאוויטש ז״ל, מערי און מרדכי שמולעוויטש, חוה און ישראל מענדל שורעק, עלינאר און העניי שמולעוויטש, חנה און יהושע אקינאווסקי.

פון דער ירושה פון גדליה יפה איז אנגעקומען א שפענדונג צו פארענדיקן דעם בית קאליש און צו שאפן א ביבליאטעק אויף זיין נאמען און אויפן נאמען פון זיין פרוי. די חברים האבן אויך געשענקט ביכער און איצט זענען פאראן אין ביבליאטעק 650 ביכער.

חבר יוסף ארנאלד איז געווארן אויסגעוויילט פארן וויצע־פארזיצער פון ״בית קאליש״. אלס ערן־פארזיצערין פונעם פרויען־קאמיטעט אויף צו בויען דאס הויז איז געווארן אויסגעוויילט פרוי פאלא ארנאלד.

אין יאר 1956 איז נפטר געווארן הרב אבטליון. אויף דער זיצונג צו די שלושים איז געווארן באשלאסן צו פלאנצן א וועלדל פון 500 ביימער אויף זיין נאמען אין וואלד פון הרב גאלד ז״ל, אויפן וועג קיין ירושלים. אין יאר 1957 איז געקומען קיין ישראל יוסף שעראצקי מיט דער משפחה פון קאליש און געבראכט מיט זיך נאך א ספר־תורה, א טאץ, א יד, צוויי כתרים ״עץ חיים״ און א שופר פון דער קאלישער קהילה. די תשמישי קדושה האבן זיך געפונען אין נישט קיין געהעריקן צושטאנד און עס זענען אויך געווען אויסגאבען ביים ברענגען זיי פון פוילן. לאה און אליעזר בירנבוים האבן גענומען אויף זיך אלע הוצאות פארן פאררעכטן די הייליקע חפצים און געהייליקט די ספר־תורה דעם אנדענק פון זייערע עלטערן. דאס ספר און די חפצים זענען געווארן אריינגעפירט אין דער שול אויף מרמורק.

דער רעגולאמין פונעם הויז איז געווארן באשטעטיקט דורך דער רעגירונג. אנהויבנדיק פון יאר 1961 איז דער בודזשעט פונעם הויז געווארן אפגעטיילט פון דער גמ״ח־קאסע און דער ״בית קאליש״ ווערט אויסגעהאלטן פון חבר־אפצאל.

עס האט זיך אנטוויקלט די גמילת־חסדים־קאסע און דער חנה־פאנד א.נ. פון חנה גאטשאל ז״ל. צו איר יארצייט האט יוסף גאטשאל געשפענדעט 8 טויזנט ל״י, איר שוועסטער אסתר מלכה זיגעל — 1000 ל״י און פאמיליע בירנבוים — 200 ל״י. דער יערלעכער הלוואה־אומזאץ באטרעפט 22 טויזנט ל״י. דער אלגעמיינער אומזאץ פון דער גמ״ח־קאסע באווייזט דעם פארנעם פון איר טעטיקייט: 1956 — 1222 ל״י; 1957 — 8502 ל״י; 1958 — 11411 ל״י; 1959 — 15147 ל״י; 1960 — 18228 ל״י; 1961 — 20566 ל״י; 1962 — 25567 ל״י. אין יאר 1959 האט די אלגעמיינע פארזאמלונג צוקאאפטירט צו דער פינאנס־קאמיסיע דעם חבר דב זיעלאנקע, וועלכער האט פון דאן געפירט אן שום געהאלט דאס בוך פון דער גמ״ח־קאסע.

יאר־יערלעך ווערן איינגעארדנט אין כ״ב סיון אלגעמיינע פארזאמלונגען אויף צו וויילן א פארוואלטונג. אין ״בית קאליש״ איז איינגעארדנט געווארן אן אנדענקטאוול מיט די נעמען פון די גרינדערס און שפענדערס. ווער עס וויל פאראייביקן זיין משפחה באשטייערט זיך פארן ״בית קאליש״.

״בית קאליש״ העלפט איינארדענען חברישע באגעגענישן פון די קאלישער. אין יאר 1959 איז לויט דער איניציאטיוו פון ד״ר ש. זאלוד געווארן איינגעארדנט א באגעגעניש פון די אלע, וואס זענען געווען אין דער באוועגונג ״השומר הצעיר״. אין יאר 1961 איז פארגעקומען א טרעפונג פון די גימנאזיע־אביטוריענטן.

אין יאר 1957 איז געווארן באשלאסן צו פארבינדן זיך מיט די חברים אין די פאראייניקטע שטאטן און אין פראנקרייך און ארויסגעבן א יזכור־בוך פאר די קאלישער קדושים. מ׳האט אנגעהויבן זאמלען מאטעריאל, בילדער און ידיעות פון פערזאנען, וואס זענען נאר וואס געקומען אין לאנד און דורך גבית עדות. דער מאטעריאל איז געווארן איבערגעשיקט קיין אמעריקע. צוליב פארשידענע סיבות האט די ארבעט זיך נישט גערוקט פארויס. דאן איז געווארן באשלאסן איבערצופירן די ארבעט ארום דעם בוך קיין ישראל. אויף א צוזאמענטרעף

מיט די חברים לאנדסלייט ברוך טל, ד״ר שאול זאלוד און יוסף האלץ איז געווארן באשלאסן ארויסצוגעבן א ספר קאליש, וואס זאל אנטהאלטן אין זיך דעם גאנצן מאטעריאל, וואס איז נוגע דער קהילה קאליש און סביבה. מיטן ארויסגעבן דאס בוך דארף זיך פארנעמען א קאמיטעט, וואס וועט שטיין מחוץ דעם ארגון־קאמיטעט, און וועט באזיצן אן אייגענעם בודזשעט.

אין יאר 1959 זענען געוויילט געווארן אין בוך־קאמיטעט די חברים: ברוך טל (ראזענטאל), פארזיצער, אברהם זוהר — סעקרעטאר, ד״ר שאול זאלוד — קאסיר, יוסף האלץ — פאראנטווארטלעכער פארן מאטעריאל, גרשון ווראצלאווסקי, אליעזר בירנבוים, מענדל שעראצקי, מנחם שקלאנאווסקי, סעקרעטאר פונעם ארגון. דער קאמיטעט האט זיך פארבונדן מיט די תפוצות און ארויסגעפאדערט די מאטעריאלן פון די פאראייניקטע שטאטן. די מיטגלידער פונעם בוך־קאמיטעט אין די פאראייניקטע שטאטן האבן מסכים געווען, אז מען זאל דאס בוך ארויסגעבן אין ישראל און די מאטעריאלן האבן אנגעהויבן אנקומען. צו יענער צייט האבן אין לאנד זיך געפונען די ח״ח יצחק קלעטשעווסקי און יחיאל גרינשפאן פון פראנקרייך. זיי האבן איבערגעגעבן דעם בוך־קאמיטעט די מאטעריאלן וואס זענען געווען אין זייער באזיץ. ווען ס׳איז אנגעקומען דער גאנצער מאטעריאל וואס איז געזאמלט געווארן אין די פאראייניקטע שטאטן, האט מען אויך געזאמלט מאטעריאלן אין ישראל און גבית־עדות פון די געראטעוועטע. דער קאמיטעט איז צוגעטראטן צום רעדאגירן דאס בוך.

די חברים האבן פארגעשלאגן איינצושליסן אין בוך די שאפונג פון ארטור שיק וועגן קאלישער סטאטוט. אין יאר 1960 זענען לאה און אליעזר בירנבוים געפארן אויף א משפחה־וויזיט אין די פאראייניקטע שטאטן. מען האט אויף זיי ארויפגעלייגט די אויפגאבע צו ברענגען די מאטעריאלן. אליעזר בירנבוים האט זיך פארבונדן מיט חברים אין די פאראייניקטע שטאטן און אנגעהויבן זוכן דאס ווערק פון ארטור שיק. אברהם באנדעל האט זיך באזונדערס אפגעגעבן מיט דעם ענין, און אויך אלע מיטגלידער מיט פרעזידענט יוסף ארנאלד (ארא־באוויטש) בראש. ווען די בילדער זענען געפונען געווארן אין ניו־יארקער מוזיי, האבן חברים געהאלפן אויך מיט געלט, און גענומען אויף זיך די פאראנטווארטלעכקייט, צוזאמען מיט אונדזער חבר אליעזר בירנבוים, אז די שאפונג זאל ווערן אפגעדרוקט נאר אין ספר קאליש. די משפחה בירנבוים האט די בילדער געבראכט קיין ישראל. צו דער רעדאקציע איז געווארן צוגעצויגן דער גראפיקער שמואל בראנד, וועלכער האט געגעבן דעם בוך זיין שיינע קינסטלערישע פארעם. דאס בוך איז אין 95% געשריבן געווארן דורך קאלישער און בעדרוקט געווארן אין דער דרוקעריי „אילון" דורך יעקב קושעפיצקי, א קאלישער, און דורך ה׳ מאיר ענבי (טרויבע), וועלכער האט אויך געהאלפן ביים שאפן די פארעם פונעם בוך.

יאר־יערלעך ווערט איינגעארדנט א פארזאמלונג פון די קאלישער לאנדסלייט. פסח אין תל־אביב, סוכות — אין חיפה, חנוכה — אין ירושלים. אין דעם טאג פון חורבן און גבורה ווערט איינגעארדנט אן ארויספאר צום וואלד פון די קדושים. אין דעם אויספלוג באטייליקן זיך חברים פונעם גאנצן לאנד.

אין די יארן 1962—1964 זענען אנגעקומען קיין ישראל, נאך לאנגע יארן וווינען אין די פאראייניקטע שטאטן, די משפחה חוה און ישראל שורעק, וועלכע זענען דארט געווען אקטיוו אין פארבאנד פון די קאלישער לאנדסלייט, און די משפחות רות און נחום לענציצקי, וועלכע זענען געווען אקטיוו אין פארבאנד פון די קאלישער אין אויסטראליע. זיי האבן תיכף זיך איינגעגלידערט אין דער טעטיקייט פון דעם פארבאנד אין ישראל.

אויך אין יאר 1966 איז גערופן געווארן אן אלגעמיינע פארזאמלונג לויטן רעגולאמין. עס איז געוויילט געווארן א נייער קאמיטעט און ראט פון 25 פערזאן. דער ראט האט פון זיך אויסגעוויילט פארשידענע קאמיסיעס: פאר פינאנסן, הילף, קולטור, בית־קאליש, און א קאנטראל־קאמיסיע.

די טעטיקייט פונעם „ועד עולי קאליש" אין ירושלים

אין יאר 1944 איז געגרינדעט געוואָרן א פאַרזאַמלונג פון אלע קאַלישער אין ירושלים און אומגעגנט כדי צו אָרגאַניזירן זיך און וויילן א קאָמיטעט.

אין אָט דער גרינדונג־פאַרזאַמלונג האָבן זיך באַטייליקט איבער הונדערט פערזאָן. עס איז געוויילט געוואָרן א קאָמיטעט אין פאָלגנדיקן צוזאַמענשטעל: שמשוני ז"ל (פאַרזיצער), היימאַן ז"ל, ד"ר בראון ז"ל, און זיי צו לאַנגע יאָר די ה"ה ד"ר סאַלביק, קליין, נח בינקא און פרוי מאשא לביא.

אויפן קאָמיטעט איז אַרויפגעלייגט געוואָרן די אויפגאַבע צו אָרגאַניזירן עקאָנאָמישע און געזעלשאַפטלעכע הילף ביים איינאָרדענען די נייע עולים, וואָס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען פון קאַליש קיין ארץ־ישראל מיטן מיליטער פון גענעראַל אַנדערס און אויך פון ציפערן.

די ערשטע טעטיקייט האָט זיך קאָנצענטרירט דער עיקר ביים זאַמלען און שיקן מלבושים פאַר די עולים אין ציפערן און אויך ביים העלפן מאַטעריעל די, וואָס נייטיקן זיך ביי זייער ערשטן איינאָרדענען זיך אין לאַנד, הילף ביים באַקומען א וווינונג און אַרבעט.

איינע פון די וויכטיקסטע אויפטוען פונעם ערשטן קאָמיטעט איז געווען די קאַסע פאַר קעגנזייטיקער הילף אין ירושלים, וואָס האָט אַרויסגעגעבן הלוואות פאַר די באַדערפטיקע צו זייער איינאָרדענען זיך אין לאַנד.

אין יאָר 1952 איז אין ירושלים פאָרגעקומען א לאַנד־צוזאַמענפאָר פון די קאַלישער אין ישראל, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורכן ירושלימער קאָמיטעט. די באַטייליקטע אינעם צוזאַמענפאָר האָבן עולה געווען אויפן הר־ציון און האָבן דאָרט אַנטהילט א מצבה צום אָנדענק פון דער קאַלישער קהילה. די דאָזיקע מצבה איז איינע פון די ערשטע אויפן הר־ציון.

אויפן ערשטן לאַנד־צוזאַמענפאָר פון די קאַלישער אין ישראל איז געוואָרן באַהאַנדלט די פראַגע וועגן פאַרשטאַרקן די אָרגאַניזאַציע און אויך די טעטיקייט לטובת די נייע עולים פון קאַליש.

די פייערלעכקייט פון דער אזכרה אויפן הר־ציון איז געוואָרן אויפגענומען אויף א באַנד און צוגעשיקט געוואָרן דעם פאַרבאַנד פון די קאַלישער אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

די טעטיקייט פון די קאָמיטעט־מיטגלידער

מען דאַרף אָפּמערקן די טעטיקייט פון אַלע קאָמיטעט־מיטגלידער, וואָס האָבן געאַרבעט פרייוויליק און מיט איבערגעגעבנקייט, כדי צו העלפן מיט אַלע מעגלעכקייטן די אַלע נויט־באַדערפטיקע אין דער ערשטער צייט פון זייער אָנקומען קיין ישראל.

עס איז כדאי אָפּצומערקן די פאַמיליע פיאַטרקאָווסקי, וואָס האָט מיט איר איבערגעגעבנקייט דער אָרגאַניזאַציע געדינט ווי א ביישפּיל און א מוסטער פאַר אַנדערע, און באַזונדערס פרוי פיאַטרקאָווסקי, וועלכע איז געווען דער לעבעדיקער גייסט פון דעם אָרטיקן קאָמיטעט.

אויף דער איניציאַטיוו פון די קאָמיטעט־מיטגלידער זענען פאָרגעקומען באַגעגענישן פון די קאַלישער אין ירושלים מיט פאַרשידענע געסט פון אויסלאַנד, וואָס האָבן באַזוכט דאָס לאַנד.

דער ירושלימער קאָמיטעט איז באַזונדערס געווען אַקטיוו ביים פלאַנצן דעם טייל וואַלד צום אָנדענק פון די קאַלישער קדושים אין יאָר 1955 אין די ראַמען פון דעם „יער הקדושים" אין ירושלימער קאָרידאָר.

בעתן אויפשטעלן די מצבה צום אָנדענק פונעם קאַלישער יידנטום אין „יער הקדושים" אין יאָר 1960 האָט גענומען אן אַקטיוון אַנטייל דער ירושלימער קאָמיטעט פון די קאַלישער לאַנדסלייט, און ספּעציעל — ה' כרמלי, פאַרזיצער פון קאָמיטעט.

אין די לעצטע יאָרן איז איינגעשרומפּן געוואָרן די טעטיקייט פון קאָמיטעט צוליב דעם, ווייל א טייל פונעם ערשטן קאָמיטעט האָט פאַרלאָזט די שטאָט. א באַדייטנדיקע צאָל זענען נפטר געוואָרן און קיין אַנדערע אויף זייער אָרט זענען נישט געקומען.

דעם 9.6.1966 איז פאָרגעקומען אן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון קאַלישער אין ירושלים מיט דער באַטייליקונג פון א ריי מיטגלידער פון צענטראַלן קאָמיטעט און פון דעם קאָמיטעט אַרויסצוגעבן דאָס ספר קאַליש — פון תל־אביב.


נאָך דער אזכרה פאַר די קאַלישער קדושים איז אָפּגעגעבן געוואָרן א באַריכט וועגן דער טעטיקייט פון דעם ספר קאַליש־קאָמיטעט און וועגן די אופנים פון פאַרשפּרייטן דאָס בוך צווישן די אָפּשטאַמיקע פון קאַליש.



ראט פון אירגון יוצאי קאליש און סביבה אין תל־אביב

שטייען פון לינקס אויף רעכטס : גד זשולטי, נחום לינטש, יונה שקלאנאָווסקי, מלך שורעק, דוב זיעלאנקא, משה יצחקי, חוה שורעק, שמואל אברונין, אליעזר בירנבוים, מאיר ענבי, שושנה ענבי, יצחק גיסנבאום, משה חיימאָוויטש, משה רובינשטיין.

ויצן פון רעכטס אויף לינקס : העלא ראָזענפעלד, לאה בירנבוים, מנחם שקלאנאָווסקי, ברוך טל, אברהם זוהר, אסתר אברונין, גרשון וורצלאווסקי, רות לינטש. עס פעלן אויפן בילד : אבל ראָזענפעלד, מענדל שעראדזקי, אריה קוויאטקאָווסקי.



קאָמיטעט פון אירגון יוצאי קאליש און סביבה אין ירושלים

פון רעכטס אויף לינקס : צבי לביא, נח עלוני, יהודית כרמל, מיכאל קליין, יוסף ראָזענבוים.

ארגון יוצאי קאליש אין חיפה

די אַפּטיילונג פונעם ארגון אין חיפה איז געשאַפן געוואָרן אין יאָר 1925. די מיטגלידער פונעם ערשטן קאָמיטעט זענען געווען: שמשון גרין, אריה נוסבאום, צבי קנאָבעל, אליהו ווינטער. פאר זיין וויכטיקסטער אויפגאַבע האָט די פאַרוואַלטונג באַטראַכט דאָס דערלאַנגען הילף פאר די אָפּשטאַמיקע פון קאַליש און איינאָרדענען זיי אויף אַרבעט. אין יאָר 1936 איז די טעטיקייט געוואָרן איבערגעריסן און זי איז געוואָרן באַנייט ערשט אין יאָר 1944, ווען עס זענען אָנגעקומען די ידיעות וועגן חורבן פונעם פוילישן יידנטום. די חברים שמשון גרין, אליהו ווינטער, כץ, פישל זאַלץ און פינגערהוט האָבן באַשלאָסן אָנצוהויבן אַן אַקציע צו הילף די געראַטעוועטע קאַלישער. מיט דער הילף פון די חברות בתיה גרין, ברכה קנאָבעל, לאה זאַלץ, רעניא כץ און פון די חברים פישל כץ און אליהו ווינטער איז דער קאָמיטעט געווען טעטיק ביים זאַמלען קליידער און געלט, וועלכע זענען איבערגעפירט געוואָרן קיין קאַליש און אָנגעקומען אויפן ריכטיקן אַדרעס.

עס איז אויך געשאַפן געוואָרן אַ קאַסע פאַר קעגנזייטיקע הילף, וואָס האָט געהאָלפן די עולים פון דער שארית הפליטה מיט 7 פונט פאַר אַ פּערזאָן. אין יענער צייט איז געקומען קיין ארץ ישראל אויף אַ באַזוך פּאַולין אַרנאָלד און איר שפּענדונג האָט פאַרשטאַרקט די טעטיקייט.

אין יאָר 1947 האָבן אָנגעהויבן אָנקומען אַ גרעסערע צאָל געראַטעוועטע פונעם חורבן. די קאָמיטעט־מיטגלידער האָבן זיי אויפגענומען, געהאָלפן זיי מיט געלט און מיט אַרבעט. אין יאָר 1940 זענען אַריינגעטראָטן אין קאָמיטעט ישראל פרידע, דוד סיגאַדערקע, נפתלי ציגע, יהודה קאַט, פּרוי בראַנדווין, פּרוי פּאַזשענטשעווסקי און די חברים פירסטנבערג, באַום און מייזנער — אַלס קאָנטראָל־קאָמיסיע. אין זעלבן יאָר איז געגרינדעט געוואָרן אַ גמילת־חסדים־קאַסע און מיט דער הילף פון אַמעריקאַנער חברים איז זי געווען אין שטאַנד צו געבן צו 50 פונט אַ הלוואה אויף אַ משפחה. מיט דער הילף פונעם לאַנד־קאָמיטעט פון ארגון יוצאי קאַליש זענען די הלוואות געוואָרן פאַרגרעסערט און דערגרייכט צו אַ סומע פון 500 פונט. עס ווערט אויך געגעבן חברים חודשלעכע הילף אין דער פאָרעם פון "מתן בסתר".



עס שטייען פון רעכטס צו לינקס: יחזקאל זאלץ, שמעון באום, ישראל פרידע, משה פויארא, שמשון גרין, אליהו ווינטער, פישל כץ.

עס זיצן פון לינקס צו רעכטס: שושנה בעכער ביילע כץ, ביילע ווינטער, שרה פויארא, לאה באום, לאה זאלץ.

א שליחות קיין פוילן, 1946

יוסף ארנאלד

געווידמעט מיין פרוי פאולין



אין אפריל 1946 האָט דער רעליף באשטימט אז איך זאָל זאָל פאָרן קיין פוילן און ברענגען הילף די לעבנגעבליבענע קאַלישער. דעם 5טן מאַי בין איך אָפּגעפלויגן קיין פאַריז, ווו עס איז דאַן פאָרגעקומען דער וועלט־צוזאַמענפאָר פון די פעדעראַציעס פון די פוילישע יידן. איך האָב זיך באַטייליקט אין די פאַרהאַנדלונגען פונעם צוזאַמענפאָר און א סך געש־מועסט מיט די דעלעגאַטן פון פראַנקרייך און פון פוילן. עס איז פאַר מיר באַלד קלאָר געוואָרן די נויטווענדיקייט פון דרינגענדיקער הילף.

אין פאַריז האָב איך באַזוכט א יתומים־הויז, ווו עס זענען דערצויגן געוואָרן יתומים פון דער וועלט־מלחמה. איך בין געגאַנגען אַהין אין דער באַגלייטונג פונעם יידישן מאָלער נחום אַראָנסאָן. איך וועל נישט פאַרגעסן דעם שמועס מיט א 7־יאָריקן יתום. ווען איך האָב אים געפרעגט וואָס ער מאַכט, ווי ער פילט, האָט ער געענטפערט: "יאָ, אַלץ איז גוט. די לערערס זענען גוטע. איך דאַרף שוין נישט קיין מורא האָבן פאַר די נאַציס... אָבער וואָס קומט מיר אַרויס דערפון, אז איך האָב נישט קיין טאַטן און קיין מאַמען".

איך האָב אָפּגעהאַלטן א ספּעציעלע זיצונג וועגן הילפס־פראַגן מיט דער פעדעראַציע פון יידישע געזעלשאַפטן, בראש פון וועלכער עס איז דאַן געשטאַנען מאַרק יאַרבלום. צוליב דעם וואָס די סומעס, וועלכע זענען באַשטימט געוואָרן פונעם רעליף פאַר פאַריז, האָבן זיך אויסגעלאָזט, האָב איך מוסיף געווען דרייסיק טויזנט פראַנק פון מיין געלט. בעת מיינע צוויי באַזוכן אין פאַריז (אויך ביי מיין אומקערן זיך בין איך דורכגעפאָרן פאַריז) בין איך געווען אין אויסערן־מיניסטעריום און דאָרט האָט מען מיר צוגעזאָגט 5.000 אריינפאָר־וויזעס פאַר יידישע עמיגראַנטן פון פוילן.

אחוץ דער שליחות אין נאָמען פון דעם רעליף, בין איך אויך געווען דער פאָרשטייער פון דער אַמעריקאַנער פעדעראַציע פון די פוילישע יידן. איך בין אָנגעקומען קיין וואַרשע דעם 20סטן מאַי און זיך באַטייליקט אין דער זיצונג פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן, ווו עס זענען געוואָרן באַהאַנדלט אַקטועלע פראַגן. אויף דער זעלבער זיצונג האָב איך איבערגעגעבן די שפּענדונג פון דער אַמעריקאַנער פעדעראַציע פון די פוילישע יידן פאַר די קינדער־הייזער אין פוילן: פיר מיליאָן זלאָטעס. נאָך דעם ווי איך האָב באַזוכט צוויי יתומים־הייזער אין אָטוואָצק און געזען זייער מצב האָב איך מוסיף געווען אין נאָמען פון רעליף.

מיט א שווער האַרץ בין איך געפאָרן קיין קאַליש. איך בין וואַרשיינלעך געווען איינער פון די ערשטע אויסלענדישע יידן וואָס באַזוכט קאַליש נאָך דער מלחמה. איך בין אָנגעקומען אין מיטן נאַכט, און נישט צומאַכנדיק קיין אויג, בין איך מיט טאָגליכט אַרויס אין גאַס. דעם אמת געזאָגט, איז קאַליש, אין פאַרגלייך מיט אַנדערע שטעט, ווייניק צעשטערט געוואָרן, אָבער דאָס יידישע קאַליש איז חרוב געוואָרן, ווי עס וואָלט קיין מאָל נישט עקזיסטירט. איך האָב דערזען די מצבות פון אונדזערע עלטערן, מיט וועלכע די דייטשן האָבן אויסברוקירט די גאַסן. דאָס איז געווען א שרעקלעכער געפיל: צו טרעטן אויף די מצבות פון די עלטערן, וועמענס קברים עס זענען פאַרשוואונדן. די פּאָליאַקן אַרום מיר האָבן זיך פריי באַוועגט און איך האָב מורא געהאַט אוועקצושטעלן א פוס: טאָמער מעק איך אָפּ דעם נאָמען פון א ייד וואָס האָט דאָ געלעבט, ער, זיין פאָטער, זיין זיידע...

איך האָב געוואָלט גיין אויפן אַלטן בית־עולם, אָבער ער איז פאַרשוואונדן. מיט די מצבות האָט מען אויסגעפלאַסטערט די גאַסן און באַפעסטיקט די ברעגן פון דער פּראָסנאַ. אויך דאָס נייע בית הקברות איז נישט ניצול געוואָרן. א פערט־חלק פון די מצבות זענען געבליבן שטיין אויף די ערטער. די אַנדערע זענען פאַרשוועכט געוואָרן.

די דערשיטערונג איז נאָך נישט אדורך, און איך בין אויפגעציטערט געוואָרן ווען כ׳בין ארויס זוכן אן איבערבלייב פון מיין משפחה. קיינער איז נישט געבליבן. איך בין געגאנגען איבער די גאסן און געזוכט כאָטש איין געזעלשאפטלעך יידיש הויז. די גרויסע שול — א בארג מיט גראָז. עס זענען פארשוווּנדן דאָס גרויסע בית־מדרש, דאָס יידישע שפּיטאָל, די פארשידענע קהילה־אינסטיטוציעס. אין די פּריוואַטע יידישע שטובן און ווארשטאַטן, וואָס זענען געבליבן, וווינען און ארבעטן פּאָליאַקן. די מענטשן, וואָס האָבן פאר געלט אויסגעגעבן די באהאלטענע יידן, האָבן דערמאָרדעט און געירשנט.

איך האָב געטראָפן א בינטל יידן, וואָס זענען צוריקגעקומען קיין קאליש מיט דער האָפענונג צו טרעפן דאָ עמעצן פון דער משפּחה. זיי האָבן קיינעם נישט געטראָפן. איצט דרייען זיי זיך ארום, ווי אבלים און זיי מאכן פּלענער, ווי אזוי צו פארלאָזן אויף שטענדיק די פּוילישע ערד, וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט יידיש בלוט. אָט די ניצול־געוואָרענע האָבן מורא אָפּצומאָנען זייער פארמעגן, כדי נישט ארויסצורופן דעם כעס פון די פּאָליאַקן.

א ייד האָט מיר דערציילט, אז ווען ער איז אריין אין דער שטוב, ווו זיינע עלטערן האָבן געוווינט, האָט ער דאָרט געטראָפן א פּוילישע פאמיליע, וואָס האָבן געקוקט אויף אים מיט שטוינונג, ווי ער וואָלט זיך אומגעקערט פון יענער וועלט: "וואָס, ביסט געבליבן לעבן? און מיר האָבן געמיינט, אז די דייטשן האָבן אָפּגערייניקט קאליש פון די יידן, א שאָד, א שאָד!". אז איך האָב געהערט די געשיכטע, האָב איך שוין נישט געהאַט קיין חשק אריינצוגיין אין דער בעקעריי פון מיינע דערמאָרדעטע עלטערן, וואָס געהער איצט צו פּוילישע בעלי־בתים.

א טראָפּן טרייסט האָב איך געפונען, ווען כ׳האָב געהערט דערציילן, אז מיין שוועסטער חנה ראָקמאַן האָט געפּאַטשט א דייטשן אָפיציר, ווען ער האָט געוואָלט ארויסרייסן פון אירע הענט דאָס איינציקע קינד. זי איז געוואָרן דערשאָסן.

אין טאָג פון מיין באזוך האָבן אין קאליש זיך געפונען 290 הונגעריקע, אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע יידן, אָן לעבנסמיטלען, אָן ארבעט. ביי וועמען זאָלן זיי בעטן א נדבה? אין איין צימער האָבן געוווינט 30—40 פּערזאָן. געשלאָפן אויף דער הוילער פּאָדלאָגע. צום גליק זענען גראד דאַן אָנגעקומען די שפּייז־און מלבושים־פּעקלעך פון רעליף (900) און פונעם הילפס־קאָמיטעט אין ישראל (70). אָט די צוויי טראנספּאָרטן האָבן פשוט מחיה געווען די יידן.

באלד האָב איך זיך געשטעלט אין פארבינדונג מיטן אָרטיקן קאָמיטעט. אויף עטלעכע זיצונגען האָט מען באהאנדלט די רעטונגס־פּלענער פאר די יידן, וואָס ווילן עמיגרירן און פאר די אנדערע, וואָס רעכענען דאָ צו בלייבן. איך האָב איבערגעגעבן דעם קאָמיטעט די שפּענדונג פונעם רעליף און מען איז תיכף צוגעטראָטן צו דער הילפסטעטיקייט. דער קאָמיטעט האָט תיכף געקויפט צוויי הייזער. אין איין גרויס הויז איז געעפנט געוואָרן א גאָרקיך, אן אזיל פאר היימלאָזע, קאָאָפּעראַטיווע ווארשטאַטן און קולטור־אינסטיטוציעס. אין דעם צווייטן הויז זענען געוואָרן איינגעאָרדנט ווארשטאַטן.

עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז עס זענען נויטיק א סך בוי־מאַטעריאַלן אויף דורכצופירן דעם רעמאָנט אין די געקויפטע הייזער. איך האָב זיך געווענדעט צום שטאָט־פּרעזידענט ד״ר קאַשוטסקי און ער האָט צוגעזאָגט צו באזאָרגן די נויטיקע מאַטעריאַלן. צוליב דעם וואָס ער האָט פאר מיר געגומען שילדערן די נויט פון דער נישט־יידישער באפעלקערונג, האָב איך געפונען פאר נויטיק צו שפּענדן אויך פארן שטאָטישן הילפס־פאָנד.

אין דער הילף פאר שאַפן ווארשטאַטן און קאָאָפּעראַטיוון האָבן מיר געזען א וויכטיקע טעטיקייט לטובת דער פּראָדוקטיוויזאַציע פון די געבליבענע יידן. ווען זיי וועלן ווידער אָנהויבן ארבעטן און זיך מפרנס זיין, וועט זיי לייכטער זיין צו פארגעסן די גרוילן. פון דער צווייטער זייט וועלן זיי זיך צוגרייטן עולה צו זיין קיין ישראל אָדער עמיגרירן אין אן אנדער לאַנד, אויב זיי וועלן זיך דאָס ווינטשן.

אויף צו מאָרגנס בין איך ארויס אויפן נייעם בית־עולם, וואָס איז געגוג ווייט פון שטאָט. כאָטש דאָס איז נישט געווען אין חודש אלול, זענען א סך מענטשן צוגעשטאַנען צו מיר. מיר זענען געפאָרן אין א לאנגער ריי פון דראָזשקעס. איך האָב געפירט א גרויסן קראַנץ אין נאָמען פון די קאלישער אין אמעריקע. נאָכן "אל מלא רחמים" האָב איך געזאָגט

עטלעכע ווערטער צו די פאַרזאַמלטע און פאַרזיכערט, אַז מיר וועלן נישט פאַרגעסן די קדושים און מיר וועלן העלפן די לעבנגעבליבענע. דער מאַסן־קבר פון די קאַלישער יידן איז אויסגעגראָבן געוואָרן דורך יידן נאָך דער באַפרייאונג. די קאַלישער יידן זענען מאַסנווייז דערשאָסן געוואָרן דורך די דייטשן אין די דערנעבנדיקע וועלדער; ווען אין שטאָט האָבן זיך אומגעקערט די יידן פון די באַהעלטענישן און אַרבעטסלאַגערן, האָבן זיי געבראַכט צו קבר־ישראל די דערמאָרדעטע קדושים.

נאָכן אומקערן זיך פון בית־הקברות, האָבן מיר צונויפגערופן אַ פאַרזאַמלונג פון אַלע יידן אין שטאָט. מיר האָבן געוואָלט הערן מיינונגען, פראַגן און זיך דערוויסן וואָס עס טראַכטן די לעבנגעבליבענע. עטלעכע מענטשן זענען אַרויסגעטראָטן און אין זייערע ווערטער האָט זיך געהערט דער צווייפל, די זאָרג פאַרן מאָרגן. איך באַדויער וואָס כ׳האָב נישט פאַרשריבן זייערע רייד. דאָס וואָלט געווען זייער אַן אינטערעסאַנטער דאָקומענט. די מערהייט פון זיי האָט געזאָגט: ״אַמעריקאַנער יידן, נעמט אונדז אַרויס פון דאַנען. מיר וועלן דאָ נישט קענען לעבן. די לופט איז פאַרסמט מיט אַנטיסעמיטיזם. מיר ווילן פאָרן קיין ארץ־ישראל, און אויב דאָס איז נישט מעגלעך, וועלן מיר עמיגרירן קיין אַמעריקע״.

געווען אויך געציילטע, וואָס האָבן געטענהט, אַז זיי ווילן בלייבן אין פּוילן. זייערע מאָטיוון זענען געווען דערשיטערנדיקע: ״מיר זענען שוין מיד פון וואָגל און וואַנדער. מיר ווייסן, אַז אונדז וועט זיין שווער אָנצוהייבן אַ נײַ לעבן אין ארץ־ישראל. מיר וועלן שוין אויסלעבן די געבליבענע יאָרן דאָ, ווו מיר געפינען זיך״.

אין מיין ענטפער־וואָרט האָב איך געזאָגט: ״אונדזער הילף וועלן מיר געבן אויף אַ ריי געביטן: מיר וועלן העלפן יעדן איינעם, וואָס וועט וועלן פאָרן קיין ארץ־ישראל און יעדן איינעם, וואָס וועט צוליב פּערזענלעכע טעמים וועלן עמיגרירן אין אַן אַנדער לאַנד, און אויך די מידע, די, וואָס וועלן דאָ בלייבן, וועלן מיר נישט לאָזן אויף הפקר״. איך האָב געפונען פאַר נייטיק צו באַשטימען אַ וויכטיקן סכום אויף בויען אַ מויער אַרום דעם בית־הקברות, דאָס איינציקע, וואָס איז געבליבן נאָך דער בליענדיקער יידישער קהילה.

אין אַ קורצער צייט איז די צאָל יידן אין קאַליש געוואַקסן פון 290 אויף 1060. די געקומענע זענען געווען קאַלישער יידן, מערסטנס פון לאָדזש, קראָקע און נידערשלעזיע. זיי האָבן געהערט, אַז פון אַמעריקע איז געקומען אַ קאַלישער, זענען זיי געקומען אָפּנעמען אַ גרוס פון קרובים און פריינד. אַ געוויסער טייל פון זיי זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך ערשט אומגעקערט פון ראַטן־פאַרבאַנד. די מערהייט פון זיי האָט דערקלערט, אַז זיי האָבן נישט בדעה צו בלייבן אין קאַליש. זיי זענען געקומען אין דער האָפענונג צו געפינען דאָ אַ קרוב, אַ גואל. נאָך דעם ווי די האָפענונג איז אויסגערונען, ווילן זיי לויפן ווו די פיס וועלן טראָגן, אַבי וואָס ווייטער פון די מאַסן־קברים.

עס איז פאַר מיר קלאָר געווען, אַז צו אָט דעם טויזנט וועלן אין די נאָענטע חדשים צוקומען אַ סך אַנדערע. איך האָב זיך געטראַכט, אַז מען טאָר זיך נישט באַרואיקן ביז וואַנען די אַלע געראַטעוועטע וועלן קריגן אַ מקום־מנוחה אין ארץ־ישראל אָדער אין אַ וועלכן עס איז אַנדערן לאַנד. דערווייל וועלן דאָך די יידן זיך געפינען אין קאַליש וואָכן און חדשים, טאָ ווי אַזוי וועלן זיי לעבן אין דער שטאָט, וואָס אָטעמט מיט יידן־שנאה? איך האָב זיך געווענדעט צום שעף פון דער מיליץ און געבעטן, אין נאָמען פון די קאַלישער אין די פאַר. שטאַטן, זיכערקייט און שוץ פאַר דער שארית הפליטה. דער מיליץ־נאַטשאַלניק האָט צוגעזאָגט צו וואַכן איבער דער זיכערקייט פון די יידן.

מיט אַ באַשטייערונג פאַרן אָרטיקן ״רויטן קרייץ״ האָב איך געענדיקט מיין באַזוך אין שטאָט. איך בין אַרויסגעפאָרן קיין לאָדזש דורך זדונסקאַ־וואָלאַ. אין זדונסקאַ־וואָלאַ האָב איך געטראָפן אַ יידישע קהילה פון 190 פּערזאָן. איך האָב געהאָלפן דעם אָרטיקן קאָמיטעט מיט וואָס איך האָב געקאָנט.

190 קאַלישער יידן האָב איך געפונען אויך אין לאָדזש. אַלע האָבן זיי געלעבט אין נויט. דער פאָנד פונעם רעליף האָט זיך אויסגעשעפּט און איך בין געווען געצוווּנגען צו נעמען אַ הלוואה, כדי צו געבן די ערשטע הילף יענע, וואָס ווילן תיכף אַוועקפאָרן קיין ארץ־ישראל, אין אַנדערע לענדער, אָדער בלייבן אין פּוילן.

איך האָב זיך געטראָפן מיט די פאָרשטייער פון די יידישע שרייבער און זשורנאַליסטן אין

פוילן. אויך זיי האָבן זיך געווענדט אין דרינגענדיקע הילף. אין לאָדזש האָב איך זיך אויך געטראָפן מיט א דעלעגאַציע פון באַראַכאָוו-קיבוצים, וואָס זענען געוואָרן אָנגעפירט פון פועלי ציון לינקע — יוסף ראַטענבערג און אברהם קאגאן. די קיבוצים זענען דאַן געווען א היים פאַר רעפּאַטריאַנטן און הכשרה-פונקטן פאַר עליה. זיי האָבן געוואָלט, אז איך זאָל באַזוכן כאָטש איין קיבוץ אין נידערשלעזיע. לײַדער בין איך נישט געווען אין שטאַנד אַנטקעגנצוקומען זייער איינלאַדונג. דער דאָזיקער קיבוץ האָט געטראָגן דעם נאָמען פון אונדזער בן-עיר, דער העלד אברהם דיאַמאַנט. אויך זיי האָבן זיך געניטיקט אין הילף.

דערשיטערט ביזן גרונט האָב איך פאַרלאָזט פוילן אויף מיין וועג קיין שטאָקהאָלם. מיט דער הילף פון יידישן וועלט-קאָנגרעס האָב איך אָנגעבונדן א קאָנטאַקט מיט צוואַנציק קאַלישער, וואָס טייל פון זיי זענען געבראַכט געוואָרן אַהין דורכן "רויטן קרייץ" פון בערגען-בעלזען תיכף נאָך דער דייטשער מפּלה, און טייל זענען געבראַכט געוואָרן פון אַנדערע לאַגערס דורכן אַרטיקן אָפּטייל פון יידישן וועלט-קאָנגרעס, נאָך פאַר דער מפּלה. מיט דער הילף פון אַן אַרטיקן דאָקטאָר האָט הלל שטאָרך אויסגעלייזט א "טראַנספּאָרט" יידן פאַר א סך געלט. איך האָב זיך דערוווּסט, אז אין די שפּיטעלער געפינען זיך ניצול געוואָרענע קאַלישער, אָבער צו מיין באַדויער האָב איך שוין נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט זיי צו באַזוכן. איך האָב זיי צוגעזאָגט די הילף פון רעליף, און די הבטחה איז דערפילט געוואָרן באַלד נאָך מיין צוריקקומען קיין אַמעריקע. א טייל פון זיי האָבן עולה געווען קיין ארץ-ישראל, און א טייל האָבן עמיגרירט אין אַנדערע לענדער.

אויף צוריקוועגס האָב איך אָפּגעטרעטן אין בריסל כדי אויסצולייזן א יידיש קינד פון א קריסטלעך הויז. אָבער ווען כ'בין אָנגעקומען, האָב איך זיך דערוווּסט, אז דאָס קינד איז שוין געוואָרן אויסגעלייזט. אין בריסעלער ביוראָ פון יידישן וועלט-קאָנגרעס האָב איך באַקענט די לייטער פון קינדערהויז ביי די לינקע פועלי ציון בראש מיט א. י. קיבעל, אַן אָפּשטאַמיקער פון קאַליש. איך האָב זיך אויך באַגעגנט מיט די געראַטעוועטע פון די לאַגערס אין עסטרייך, און אויך צווישן זיי האָב איך געטראָפן קאַלישער. איך האָב זיי איבערגעלאָזט די לעצטע צוויי הונדערט דאָלאַר, וואָס זענען מיר געבליבן פון מיין געלט. די קאַסע איז שוין געווען אויסגעליידיקט פון פריער.

מיטן בפירושן געפיל, אַז איך האָב דערפילט א חוב לגבי די אָפּגעראַטעוועטע פון אומקום, האָב איך זיך אומגעקערט אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

דער פינאַנסיעלער סך-הכל פון דער רעליף-הילף, וואָס איז דערטיילט געוואָרן דורך מיין שליחות זעט אויס אַזוי: דאָס יתומים-הויז אין פּאַריז — 500 קאָסטיומען, 200.000 פראַנק; קאַלישער אין פראַנקרייך — 1.200.000 פר'; די קינדערהיימען אין פוילן — 250.000 זל.; הילפס-קאָמיטעט אין קאַליש — 9.500.000 זל.; קאַלישער הילפספאָנד — 25.000 זל.; דאָס בויען דעם פּאַרקאַן אַרום בית-עולם — 1.000.000 זל.; רויטער קרייץ אין קאַליש — 10.000 זל.; קאַלישער אין לאָדזש — 5.000.000 זל.; שעראַדזער — 100 דאָלאַר; קאָמיטעט אין זדונסקאַ-וואָלאַ — 500 דאָלאַר; באַראַכאָוו-קיבוצים — 400.000 זל.; קאַלישער אין שטאָקהאָלם — 800.000 זל.; קינדערהייזער אין בריסל — 10.000 פראַנק.

אומפּאַרטייאישער קאַלישער רעליף

זיין געשיכטע און טעטיקייט

די ערשטע וועלט-מלחמה האָט אין א גרויסער מאָס צעשטערט אונדזער געבוירן-שטאָט קאַליש. די מערהייט הייזער זענען באָמבאַרדירט געוואָרן דורך די דייטשן אָדער פאַרברענט געוואָרן. די יידישע באַפעלקערונג איז אַנטלאָפן קוים מיטן לעבן און אירע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס זענען אַבסאָלוט חרוב געוואָרן.

אין די יאָרן 1919—1920, ווען די פּליטים האָבן זיך אומגעקערט קיין קאַליש, איז דער אויפבוי זיי אָנגעקומען זייער שווער. בלויז יענע, וואָס האָבן קיין ברירה נישט געהאַט, ווייל זיי האָבן נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו עמיגרירן, האָבן אין שווערע באַדינגונגען אויפגעבויט זייערע היימען און געלייגט נייע יסודות פאַר האַנדל און פאַבריקאַציע. אָבער

גרויסע טײלן פון דער יידישער באַפעלקערונג, בעיקר די יוגנט, וועלכע האָבן נישט געזען פאַר זיך קיין גוטע עקאָנאָמישע פּערספּעקטיוון, האָבן געוואָלט עמיגרירן. ווער עס האָט נישט געהאַט קיין קרובים אין די פאַראייניקטע שטאַטן אָדער קיין געלט אויף אַ שיפסקאַרטע, האָט עמיגרירט קיין דײטשלאַנד, און מיט גרויס מי זיך ווי עס איז איינגעאָרדנט. אַנדערע האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער חלוצישער באַוועגונג און עולה געווען קיין ארץ־ישראל. דער גרעסטער טייל איז פון דעסטוועגן אַרויסגעפאָרן קיין אַמעריקע. אין די יאָרן 1921—1924 זענען אין די פאַראייניקטע שטאַטן אָנגעקומען אַ סך קאַלישער יידן.

די געזעלשאַפטלעכע אַקלימאַטיזירונג פון די ניי־געקומענע איז געווען אַ שווערע. יעדער איינער האָט, לויט זיין געשמאַק און געזעלשאַפטלעכן חוש, זיך פאַרבונדן מיט די עקזיס־טירנדיקע סאָסייעטיס און פּראָטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס.

אָבער דער טעטיקייטס־כאַראַקטער פון די קאַלישער לאַנדסמאַנשאַפטן האָט נישט באַפרידיקט די ״נייע״. אין יאָר 1928 איז אַנטשטאַנען דער געדאַנק וועגן שאַפן אַ נייע אָרגאַניזאַציע פאַר סאָציאַלער הילף, וועמענס בליק עס זאָל זיין געווענדעט צו דער אַלטער באַליבטער היימשטאָט.

דער ״פאַראיין פאַר סאָציאַלער הילף״ איז געשאַפן געוואָרן בעתן באַנקעט פונעם ברענטש 244 פון אַרבעטער־רינג, אויף אַ באַגעגעניש פון יונגע קאַלישער וואָס זענען געקומען מיט דער גרויסער כוואַליע. זיי האָבן באַשלאָסן, אַז לגבי דער סאָציאַלער טעטיקייט (קראַנקייט, אַרבעטסלאָזיקייט) וועלן זיי בלייבן מיטגלידער אין די ביזאיצטיקע זייערע אָרגאַניזאַציעס, דאַקעגן דער נייער פאַראיין וועט זיך פאַרנעמען מיט קולטור־הילף לטובת די אינסטיטוציעס אין דער אַלטער היים.

פאַר אונדזער פאַרלאָזן קאַליש זענען מיר געווען עדות פון דער אַנטוויקלונג פון דער יידיש־וועלטלעכער שול און פון די מאַטעריעלע שוועריקייטן, מיט וועלכע זי האָט זיך געראַנגלט. מיר האָבן דעריבער באַשלאָסן צו ווידמען אונדזער גאַנצע הילף פאַר די דאָזיקע אינסטיטוציעס.

אונדזער פאַראיין האָט נישט אָנגעהאַלטן קיין שום קאָנטאַקט מיט אַנדערע אָרגאַניזאַציעס. אונדזער ערשטער פּרעזידענט, יוסף אַראָנאָוויטש (דזשאָו אַרנאָלד), האָט געטענהט, אַז די יידישע שול איז אויך די גאָרקיך פאָרן הונגעריקן יידישן קינד: דאָס קינד באַקומט דאָרט אַ גלאָז מילך, אַ זעמל, אַ זופּ, און ״אם אין קמח אין תורה״. אַלע חברים האָבן מיט אים מסכים געווען.

אין יאָר 1934 האָבן מיר באַשלאָסן צו פאַרברייטערן די טעטיקייט. אין פּוילן האָט געהערשט אַ כראָנישער עקאָנאָמישער קריזיס. די יידישע בעלי־מלאכהס און יאַריד־פאָרערס זענען געוואָרן אַרויסגעשטויסן פון זייערע פּאָזיציעס. יידישע אַרבעטער זענען געווען אַרבעטסלאָז און געוואָרפן זיך אויפן גאַסן־האַנדל, אָדער געווען אָפּהענגיק פון דרויסנדיקער הילף. די פּראָפעסאַריינען און די יידישע שולן האָבן זיך געווענדעט צו אונדז, אַז מיר זאָלן פאַרגרעסערן די הילף.

מוצאי יום כיפור זענען מיר זיך צונויפגעקומען אין שאַפּ פון דזשאָו אַרנאָלד. אין דער באַראַטונג האָבן זיך באַטייליקט: מענדל מאַנספעלד, יוחנן יעקב העבער, שמעיה וואַרטסקי, יהודה אהרן בראַקמאַן, וואָלף ציוויש, פּרץ וואַלטער, סעם אָסקאַר און לייזער זשולטי. איינשטימיק איז געוואָרן באַשלאָסן צו גרינדן אַן אומפּאַרטייאישן הילפס־פאַראיין פון די קאַלישער לאַנדסלייט מיט נאָמען ״אומפּאַרטייאישער קאַלישער רעליף״.

מיר האָבן פאָרגעלייגט, אַז אויך אין קאַליש זאָל ווערן געשאַפן אַ צווישנפּאַרטייאישער קאָמיטעט, וואָס זאָל אַרומנעמען אַלע ריכטונגען און פּראָפ. פאַראיינען, דער דאָזיקער קאָמיטעט וועט באַקומען פון אונדז די הילפס־געלטער. די קאַלישער האָבן אָנגענומען אונדזער פאָרשלאָג און דער קאָמיטעט האָט עקזיסטירט ביזן אויסברוך פון דער מלחמה.

אין די ערשטע 20 חדשים פון אונדזער טעטיקייט האָבן מיר געהאָלפן דער עיקר די קינדער־גאָרטנס און די שולן. אין אָנהייב 1936 האָבן מיר אויסגעברייטערט די טעטיקייט.

אונדזער אָרגאַניזאַציאָנעלע באַזע האָט זיך אויסגעברייטערט: עס האָבן זיך צו אונדז אָנגעשלאָסן אַלע לאַנדסמאַנשאַפט־פאַראיינען פון ניו־יאָרק און סביבה. מיר האָבן אויך אָנגעבונדן אַ קאָנטאַקט מיט אַנדערע זעלבסטהילף־אינסטיטוציעס, וואָס האָבן עקזיסטירט אין קאַליש. מיר האָבן געשטיצט: די סעקציע פון די יאַריד־פאָרערס ביים קליינהענדלער־

פאראיין און געשאפן די גמילת־חסד־קאסע ביים פאראיין; דאָס מושב זקנים־הויז; דעם פארבאנד פון קליינע בעלי־מלאכהס, די פאראייניגען פון די שטיקערס, טרעגערס, פורמאנעס. מיט אונדזער הילף איז געשאפן געוואָרן דער פאראיין פון דערנערונגס־ארבעטער, וואָס איז באשטאנען פון צוויי סעקציעס: קצבים און בעקערס, קאָאָפעראטיווע ווארשטאטן פאר די ארבעטסלאָזע חברים. אין די יאָרן 1936 און 1939 האָבן מיר פאר פסח געשיקט הילף, אין געלט און אין פעקלעך, פאר די נויטבאדערפטיקע פאמיליעס.

ווען די יידן האָבן אָנגעהויבן שארפער צו פילן די רעזולטאטן פון אָרגאניזירטן באָיקאָט, איז געשאפן געוואָרן אין קאליש א געזעלשאפט צו פארשפרייטן צווישן יידן מלאכה און ערדארבעט. מיר האָבן תיכף געענטפערט אויף איר רוף מיט דער הילף צו שטארקן די עקאָנאָמישע פּאָזיציעס פון די שיכטן, וואָס זענען געבליבן אָן אן אָנשפאר.

די פיר יאָר פארן חורבן זענען געווען יאָרן פון א ברייטער און פארצווייגטער הילפס־טעטיקייט אויף אלע געביטן פונעם לעבן אין קאליש. מיר ווילן דאָ אויסרעכענען די אינסטיטוציעס, מיט וועלכע מיר זענען געשטאנען אין פארבינדונג און אָנרופן די נעמען פון די מענטשן, וואָס האָבן זיך געווענדעט צו אונדז אין זייער נאָמען:

1. פאראיין פון דערנערונגס־ארבעטער: הלל ענגלענדער (פּאָרזיצער), אברהם דיאמאנט (סעקרעטאר), פישל שראדזקי (קאסיר), הערש און יוסף קליין.
2. האנטווערקער־פארבאנד אין פוילן, אָפּטיילונג אין קאליש: דוד בייהויז (פּאָרזיצער), ב. ארקוש (סעקרעטאר).
3. גמילת־חסדים־קאסע ביי דער קהילה: ח. י. גזשיבאָווסקי (פּאָרזיצער), יעקב כץ (סעק־רעטאר).
4. מושב זקנים: מאריא צוקער (פּאָרזיצערין), בן־ציון ווארטסקי (קאסיר).
5. גמילת־חסדים ביי די קליינהענדלער: א. ל. בזשעזשינסקי (פּאָרזיצער), ח. בוימאן (סעקרעטאר), יוסף העבער (קאסיר).
6. סעקציע פון יאריד־פּאָרערס ביים קליינהענדלער־פארבאנד: חיים פערלע (פּאָרזיצער).
7. פאראייניקטער קאָמיטעט צום פארטיילן די הילפסגעלטער פון אמעריקע: אברהם וואָלקאָוויטש און יחיאל טענצער (לינקע פּ. צ.) מיכאל איזענבערג (בונד), חיים פערלע (קליינהענדלער־פארבאנד), זעליק קעמפּינסקי (האנטווערקער), ישראל מאנספעלד (שטריקערס).
8. שטריקער־פאראיין: יחיאל טענצער (פּאָרזיצער), סעם וואָלקאָוויטש (סעקרעטאר), אליעזר ווארטסקי, כתריאל לעוו, אהרן יוסף וואָלקאָוויטש.
9. טראנספּאָרט־פאראיין: אברהם טאָביאש (פּאָרזיצער), שיע מאקאָוויטש (סעקרעטאר).
10. געזעלשאפט צו פארשפרייטן מלאכה און ערדארבעט ביי יידן: אדוו. יוסף פערקאל (פּאָר־זיצער), ד״ר מ. טראכטענבערג און ס. פיינער (וויצע־פּאָרזיצערס), ד״ר ש. פערלשטיין (סעקרעטאר), ש. קאס, ל. טובין, י. לוסטיק, ח. פערלע, א. פּאָזנאנסקי, זעליג קעמפּינסקי.

מיר האָבן זיך אויך נישט אָפּגעזאָגט פון באשטייערונגען לטובת דעם דזשאָינט, פאראייניקטן יידישן קאמפיין, האיאָס, רויטער קרייץ אדג״ל.

בראש פון אָט דער טעטיקייט זענען געשטאנען מ. מאנספעלד (פּאָרזיצער), יוסף ארנאָלד (קאסיר), י. העבער און פאול וואלטער (סעקרעטארן). די לעצטע אקציע ערב דער מלחמה איז געווען דאָס איבערוויזן 1250 דאָלאר אויף צו העלפן די ארבעטסלאָזע שטיקער־ארבעטער; די ארויסגעטריבענע יידן פון דייטשלאנד, וואָס די פוילישע רעגירונג האָט זיי נישט געוואָלט אָננעמען און זיי האָבן זיך געוואלגערט אין א לאגער אין זבאָנשין — צווישן זיי אויך קאלישער; די גמילות־חסדים־קאסעס.

אין די מלחמה־יאָרן האָבן מיר נישט איבערגעריסן די טעטיקייט און געשטיצט די אלגעמיינע מלחמה־פאָנדן און די יידישע הילפס־אינסטיטוציעס: דזשאָינט, האיאָס, אָרט, מעות־חיטים, פעדעראציע פון פוילישע יידן, רויטער קרייץ, דזשוּאיש וואר אפּיל און ענלעכע.

מיר האָבן אויך געשטיצט די קאלישער, וואָס זענען מיט דער פוילישער ארמיי אוועק קיין טעהעראן — דורכן יידישן וועלט־קאָנגרעס. די וויכטיקייט פון דער הילף האָבן מיר פארשטאנען פון די אומציילקע בריוו, וואָס מיר האָבן פון זיי באקומען.

נאָכן ענדיקן די מלחמה האָבן מיר זיך דערוווּסט, אז דער מצב פון אונדזערע קאלישער

ברידער, צעוואָרפענע איבער דער גאנצער וועלט, איז זייער קריטיש. אונדזערע ברידער אין פראנקרייך, וועלכע זענען מער אָדער ווייניקער געווען פארמעגלעך, זענען איצט אויס־געוואָרצלטע און היימלאָזע. א סך פון זיי האָבן זיך אומגעקערט פון דייטשלאנד, פון באהעלטענישן אין פראנצויזישע דערפער, פון די "מאקי"־רייען. יידישע קינדער האָבן זיך געפונען אין קלויסטערס און ביי קריסטן און מען האָט זיי געדארפט באזאָרגן מיט א היים. אויך פון פוילן האָבן אָנגעהויבן אָנקומען יידן קיין פאריז, און צווישן זיי — קאלישער יידן. אויף די מעפילים־שיפן האָבן איבער די ימים געוואָגלט קאלישער יידן. וואָס זענען ערשט ארויס פון די בונקערס, פון די פארטיזאנען־מחנות און פון די לאגערס. א טייל פון די מעפילים זענען דורך די ענגלענדער פארשפארט געוואָרן אין ציפערן. קיין פוילן האָבן אָנגעהויבן אָנקומען די טראנספּאָרטן מיט רעפּאטריאנטן, וואָס האָבן גאָרנישט פארמאָגט.

עס איז נישט געווען קיין צייט צו דיסקוטירן וועגן די הילפס־מעטאָדן. אין רעליף־קאָמיטעט זענען דאן געווען די חברים: יוסף ארנאָלד (פאָרזיצער), מילטאָן מאנספעלד, פּרץ וואלטער, בעקי פּראשקער, לאָטי לישאו, דוד טיגער, לייזער זשולטי, פּנחס גרינוואלד ז"ל, ישראל גלאָווינסקי, י. י. העבער, הערשל ארקוש, ישראל דיאמאנט, קלמן אראָנאָוויטש, ה. אָקאָנאָווסקי, י. שורעק (סעקרעטאר). מיר האָבן פארשטאנען, אז חוץ דער הילף פון האנט צום מויל דארפן מיר אויך טראכטן וועגן קאָנסטרוקטיווער הילף און דערביי זיך אָנשפּארן אויף די פּראָגרעסיווע כוחות פון די פעלקער, צווישן וועלכע עס וווינען אונדזערע ברידער.

אין יאָר 1945 האָבן מיר פּראָקלאמירט א קאמפּיין פון 25.000 דאָלאר. נאָך אין זעלבן יאָר האָבן מיר געשיקט פּעקלעך קיין פראנקרייך און בעלגיע. נאָכן באפרייען קאליש האָבן מיר געשיקט אהין געוויינלעכע שפּייז־פּעקלעך, פּעקלעך אויף פּסח און א טראנספּאָרט מלבושים.

ווען קיין פוילן איז אָפּגעפאָרן דער ערשטער שליח, דער פאָרשטייער פון דער פעדעראציע פון די פּוילישע יידן, ד"ר יוסף טענענבוים, האָבן מיר דורך אים געשיקט די ערשטע 3.000 דאָלאר פאר קאליש. מיר האָבן אין דער זעלבער צייט אָנגעהויבן גרייטן די רייזע פון אונדזער אייגענעם שליח, אונדזער פאָרזיצער יוסף ארנאָלד, וועמענס אויפגאבע עס איז צוו. אנד. געווען אָרגאניזירן קאָנסטרוקטיווע הילף.

וועגן דער שליחות פון יוסף ארנאָלד איז פאראן אין דעם בוך א באזונדערער ארטיקל. ער האָט פונאנדערגעטיילט אין אונדזער נאָמען 41 טויזנט דאָלאר פאר אינסטיטוציעס און יחידים אין פוילן, פראנקרייך, שוועדן און בעלגיע. מען דארף אונטערשטרייכן צוויי וויכטיקע פונקטן אין דער דאָזיקער טעטיקייט: אין פוילן און אין פראנקרייך זענען געשאפן געוואָרן פאסיקע אָרגאניזאציאָנעלע קערפּערשאפטן פון אונדזערע לאנדסלייט, וועמענס אויפגאבע עס איז געווען צו פארמיידן פארטייאישע סכסוכים און פערזענלעכע מיספארשטענדענישן. אונדזער שליח האָט אויך געזאָרגט פאר א קאָנסטרוקטיווער פארווענדונג פאר א טייל הילפס־געלטער: עס זענען געשאפן געוואָרן קאָאָפּעראטיווע ווארשטאטן און א חלוצישער קיבוץ א. נ. פון אברהם דיאמאנט. די אָפּרופן פון זיין רייזע זענען געווען פּאָזיטיווע סיי ביי אונדזערע מענטשן, סיי אין די פּוילישע רעגירונגס־קרייזן.

א באזונדער קאפּיטל אין אונדזער טעטיקייט איז די הילף פאר די מעפילים אין ציפערן. אחוץ דער באדייטנדיקער מאטעריעלער הילף האָבן מיר אָנגעהאלטן מיט זיי א לעבהאפטן בריוו־אויסטויש און זיי דערמוטיקט אין זייער נאציאָנאלער טאט.

אונדזער טעטיקייט אין יאָר 1947 האָבן מיר אָנגעהויבן מיט א דעפיציט פון 13 טויזנט דאָלאר. די צייט פון דער מלחמה־שפע איז שוין געהאט אדורך, דאָך האָבן מיר ווייטער ממשיך געווען די ארבעט אויף אלע געביטן.

מיר האָבן ווייטער געשיקט הילף פאר די איינוווינער פון די דיפּי־לאגערס אין דייטשלאנד, עסטרייך, איטאליע און צו די קאלישער אינסטיטוציעס אין פוילן, פראנקרייך, ציפערן. אין יענער צייט איז אָנגעקומען א גרופּע פּליטים פון די לאגערס קיין אָסוועגא, ניו־יאָרק. מיר האָבן זיי געגעבן הילף און געשיקט צו זיי א ספּעציעלע דעלעגאציע אין באשטאנד פון יוסף ארנאָלד, ישראל דיאמאנט, מאקס סמאלין א"א.

מיר ווילן דאָ אָפּמערקן עטלעכע ציפערן וועגן אונדזער טעטיקייט אין יאָר 1947. קיין פוילן האָבן מיר געשיקט 4 טויזנט דאָלאר; קיין ציפערן — 800; קיין פראנקרייך — 1.700;

הלוואות פאר די געקומענע פון די לאגערס — 450. פאר די לאגערס און הכשרה־קיבוצים אין דייטשלאנד און אין איטאליע האָבן מיר געשיקט הונדערטער פעקלעך אויף א סומע פון 2.500 דאָלאר.

אין דער דאָזיקער ארבעט האָט אונדז געהאָלפן א גרופע פרויען "ליידיס אקזיליערי" פון רעליף. די חברות האָבן אויך געהאָלפן אין דער אָרטיקער ארבעט: ביים צוגרייטן גרויסע אקציעס, ביים זאמלען אנאָנסן פאר אונדזער יאָרבוך און ביים איינאָרדענען די טראדיציאָנעלע געמיינזאמע יום־טובים. זייער טעטיקייט האָט א סך בייגעשטייערט צום דערפאָלג פון די פייערונגען און זיי צוגעגעבן חן און שיינקייט.

אין יאָר 1945 איז אין ארץ־ישראל באנייט געוואָרן די טעטיקייט פון די קאלישער און עס איז געשאפן געוואָרן דער "אירגון עולי קאליש והסביבה" (עולים־פארבאנד פון קאליש און סביבה). דער רעליף האָט זיך תיכף אָפגערופן אויף דער ווענדונג פונעם אירגון און געהאָלפן ביים שאפן די גמילת־חסד־קאסע, וואָס איז טעטיק ביזן היינטיקן טאָג און פארמאָגט אָפטיילונגען אין תל־אביב, חיפה, ירושלים. מיר האָבן געלייגט א סך אכט אויף די קאסעס, ווייל מיר האָבן פארשטאנען די שוועריקייטן, וואָס דערווארטן דעם נייעם עולה ביים איינביר־גערן זיך אין לאנד.

אין יענער תקופה איז ביי אונדז רייף געוואָרן דער געדאנק צו פאראייביקן דעם אָנדענק פון אונדזער קהילה מיט אויסבויען א הויז אין ישראל, וואָס וועט דינען ווי א געזעלשאפטלעכער צענטער פאר די קאלישער פון דער גאנצער וועלט. לויט דער איניציאטיוו פון רעליף איז גערופן געוואָרן א פארזאמלונג פון אלע פריינד און אָרגאניזאציעס. סעם און גאָלדע פראשקער האָבן פאָרגעלייגט איינצואָרדענען ביי זיי אין שטוב א מסיבה אויף זייער חשבון. א באטייליקונג־שפענדונג האָט באטראָפן 100 דאָלאר; די גאנצע הכנסה פון 5 טויזנט דאָלאר איז באשטימט געוואָרן אויפן דאָזיקן צוועק. ליידער איז דער פלאן נישט תיכף פארווירקלעכט געוואָרן, צוליב דער נויטווענדיקייט צו געבן דרינגענדיקע הילף פאר די אָפגעראטעוועטע. אין עטלעכע יאָר ארום איז געשאפן געוואָרן דאָס הויז אין תל־אביב ביי דער טיכטיקער הילף פון פאָרזיצער יוסף ארנאָלד און א סך אנדערע חברים. בית קאליש איז געוואָרן דאָס אָרט פאר קאָנצענטרירן אלע אונדזערע טעטיקייטן און פאר אלע וואָס קומען באזוכן ישראל.

דער רעליף האָט זיך אָפגערופן אויף דער ווענדונג פונעם אירגון צו פלאנצן 10 טויזנט ביימער אין "יער קדושי קאליש והסביבה" (וואלד פון די קדושים פון קאליש און אומגעגנט) — א טייל פונעם גרויסן קדושים־וואלד אויף דער ערד פון קרן־קימת אין די בערג פון ירושלים.

זינט דעם יאָר 1942 גיט דער רעליף ארויס א יאָרבוך, וואָס אנטהאלט היסטאָרישע מאטעריאלן און לויפנדיקע באריכטן פון זיין טעטיקייט און פון דער טעטיקייט פון די לאנדסלייט־אָרגאניזאציעס אין ישראל און אין אנדערע לענדער. די ערשטע רעדאקטאָרן פונעם יאָרבוך זענען געווען: יעקב קענער ז"ל און שמואל מארגאָשעס. איצט איז דער רעדאקטאָר מנשה אונגער.

דער קאָמיטעט פון רעליף, דער קאָמיטעט פון "יער קדושי קאליש" און דער קאָמיטעט פונעם יזכור־בוך אָרדענען איין יעדעס יאָר אן אזכרה פאר די קדושים פון אונדזער שטאָט. אויף דער דאָזיקער אזכרה טרעפן זיך אלע קאלישער לאנדסלייט אין די פאראייניקטע שטאטן.

דער רעליף באטייליקט זיך אקטיוו אין קאָמיטעט פון "ספר קאליש", וואָס וועט זיין א דענקמאָל פארן שאפן און לעבן פון די קאלישער יידן.

יאָריערלעך אָרדנט איין דער רעליף א באנקעט, וואָס ברענגט צונויף די לאנדסלייט און זייערע פריינד, כדי צו פארברענגען אן אָוונט אין דער אטמאָספער פון דער אלטער היים. אויף דעם דאָזיקן אָוונט ווערט אויך דורכגעפירט א זאמלונג פאר די פאָנדן פונעם רעליף.

אָט די אלע פרוכטבארע טעטיקייטן זענען מעגלעך געווען נאָר א דאנק דער איבער־געגעבנקייט פון א סך קאלישער לאנדסלייט אין די פאראייניקטע שטאטן. יעדער איינער גיט אוועק פון זיין צייט און געלט פאר דער הילפס־טעטיקייט און זעט אין איר א הייליקן חוב. צוליב דער קורצקייט פונעם באריכט וועלן מיר נישט קאָנען דערמאָנען אלע נעמען. מיר וועלן זיך באנוגענען מיטן אָפמערקן די נעמען פון די אקטיוויסטן אין רעליף־קאָמיטעט, וועלכע זענען אים איבערגעגעבן זינט א סך יאָרן בלב ונפש: יוסף אראָנאָוויטש (ארנאָלד),

פּאָרזיצער, פּאולין ארנאָלד, יעקב ארקוש, הערשל ארקוש, סעם אָסקאר, ה. אָקאָנאָווסקי, מ. בעאטוס ז״ל, ז. גאלעווסקי ז״ל, ישעיה גאָלדבערג, ישראל און סיידי דיאמאנט, יוחנן יעקב העבער ז״ל און זיין פרוי צו א לאנג לעבן, שמעיה ווארטסקי, משה וואלטער, סאמועל וויטקאָווער, פרץ וואלטער, ל. זשולטי ז״ל, י. זאקס, דוד טיגער ז״ל, ה. יפה ז״ל, פרוי ל. לישאַו, מ. מאנספעלד ז״ל, מאקס און מערי סמאלין, פרוי פיידזאנעק, נח פּערלע ז״ל און זיין פרוי פראניע צו א לאנג לעבן, סעם און גאָלדע פראשקער, וואָלף ציוווש. א. ס. קלאפּער, נ. קאָהן ז״ל, סעם און זשאנעט אָקלאַדעק, מיכאל קעמפּין ז״ל, שמואל און יאדזשא ראָט, ישראל און חוה שורעק. סעקרעטארן פון פאראיין אין משך פון די יאָרן: פּאול וואלטער, קלמן אראָנאָווויטש, ישראל שורעק.

מיר זענען גליקלעך, וואָס א טייל פון די ראשונים איז נאָך ממשיך אין דער ארבעט, ווי: יוסף ארנאָלד — פרעזידענט; אברהם באנדעל — פּאָרזיצער; פּאַולין ארנאָלד — סעקרעטארין; סעם אָקלאדעק — פינאנס־סעקרעטאר; פרץ וואלטער — פירער פון פּראָטאָ־קאָלן; ישראל דיאמאנד — קאסיר; עקזעקוטיוו־מיטגלידער: דזשעני אָקלאדעק, מאקס און מערי סמאלין, יאדזשא און שמואל קאָט, הערשל ארקוש, סעם בוירק, סיידי דיאמאנד, נחום מדינה, יעקב לעווי, לודוויק וואַלקער, פעלא באנדעל.

דער געדאנק צו פאראייביקן דעם אָנדענק פון די קאלישער קדושים איז דורך אונדז געוואָרן אויפגענומען מיטן גאנצן הארץ. ווען די כנסת פון מדינת ישראל האָט גערופן צו פלאנצןביימער לזכר פון די אויסגעשאָכטענע מיליאָנען יידן, האָבן מיר אויך געענטפערט. אין דער זעלבער צייט איז ביי אונדז געקומען די ווענדונג פונעם פארבאנד אין ישראל. און דאן איז געשאפן געוואָרן א פאראייניקטער קאמיטעט צו פלאנצן דעם ״יער קדושי קאליש״.

די מיטגלידער אינעם ניו־יאָרקער קאָמיטעט זענען געווען: יוסף ארנאָלד, פּאָרזיצער; סעם בוירק, צווייטער פּאָרזיצער; קלמן אראָנאָוויטש, סעקרעטאר; מאָריס וואלטער, קאסיר; לענא פרידמאן, סעקרעטארין; ישראל שורעק, סעקרעטאר פאר פינאנס־ענינים; הערשל ארקוש, א. באנדעל, מ. דוועל, י. דיאמאנט, מ. פרידמאן, ש. גאָלדבערג, א. קראטאָווסקי, א. לובעלסקי, א. מיעדזשינסקי, ס. אָקלאדעק, פרוי ס. פיידזשאנק, ס. ראט, ס. ראקאָווסקי, חנה שורעק, מ. סמאלען, ס. וויינגארטען, פ. וואלטער.

שטיצע האָבן צוגעזאָגט: קאלישער ברודער־פאראיין, איזידאָר פייל, פרעזידענט; קאלישער יאנג מען ארבעטערינג, ברענטש 241, ה. קלארמאן, פּאָרזיצער; קאלישער אינדעפּענדענט, וואקסמאן, פּאָרזיצער.

דער קאָמיטעט האָט אָנגעהויבן זיין טעטיקייט דעם 18טן יאנואר 1953 מיטן ארויסשיקן אויפרופן און בריוו צו די קאלישער לאנדסלייט אין אמעריקע. עס זענען פּאָרגעקומען פארזאמלונגען, גרויסע און קלענערע, עפנטלעכע און אין פריוואטע דירות און עס איז דורכגעפירט געוואָרן אן אויפקלערונגס־ארבעט. די חברים האָבן זיך גוט אָפּגערופן. אויך אויף די יערלעכע אזכרה־פארזאמלונגען האָט מען געזאמלט געלט און די רעזולטאטן זענען געווען באפרידקנדיקע.

די קאלישער לאנדסלייט אין אמעריקע האָבן זיך באטייליקט אין פלאנצן דעם וואלד און גענומען אנטייל אין די אזכרות, וואָס ווערן אָפּגעריכט אין ישראל. אין די דעלעגאציעס האָבן זיך באטייליקט: יוסף ארנאָלד, מאָריס וואלטער, קלמן אראָנאָוויטש, סעם בוירק, ישראל דיאמאנט, פּאול וואלטער, הערשל ארקוש א״א.

נאָך א פאראייביקונגס־טעטיקייט איז געווען אונדזער אנטייל אין שאפן דעם ״בית קאליש״ אין תל־אביב. אחוץ דעם וואָס דאָס הויז וועט זיין א צענטער פאר די קאלישער, וועלן זיך דאָרט אויך געפינען ביכער, בילדער, דאָקומענטן און אַלץ וואָס האָט א שייכות צו דער געשיכטע פון דער קאלישער קהילה.

די דריטע ארבעט אינעם פאראייביקונגס־ווערק איז דאָס ארויסגעבן דעם ״ספר קאליש״. וועגן דעם פּלאן האָבן חברים שוין געטראכט א סך יאָרן: א יזכור־בוך וואָס זאָל זיין אן עדות פארן גייסט פון דער קהילה, פון די פארטייען, אינסטיטוציעס, פון דער יידישער קולטור און פונעם טאָגטעגלעכן לעבן פון די יידן אין קאליש.

מיר ווילן דאָ אפמערקן עטלעכע פאַזעס אין דער פארווירקלעכונג פון דער אידעע. די ערשטע איניציאטיוו איז געבוירן געוואָרן ביי חברים אין פוילן און אין פראנקרייך.

יחיאל גרינשפאן אין פאריז און יצחק קלעטשעווסקי אין פוילן האָבן אָנגעהויבן זאמלען מאטעריאלן, בילדער, דאָקומענטן און געשריבן ארטיקלען וועגן די געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציעס אין קאליש. גרינשפאן האָט זיך אויך געווענדעט צו חברים אין די פאר. שטאטן. אויף דעם געביט האָבן אים צוגעהאָלפן די חברים זאלצמאן, מאקאָווסקי א"א.

אין יאָר 1957 האָט זיך אָנגעהויבן די געמיינזאמע טעטיקייט פון די קאלישער אין די פאר. שטאטן און אין ישראל ארויסצוגעבן דאָס "ספר קאליש". אינעם בוך־קאָמיטעט האָבן זיך באטייליקט: יוסף ארנאָלד, פאָרזיצער; קלמן אראָנאָוויטש און פרץ וואלטער, סעקרעטארן; סעם בוירק, וויצע־פאָרזיצער; ישראל דיאמאנט, קאסיר; סעם אָקלאדעק, פינאנס־סעקרעטאר; הערשל ארקוש, שמואל ראָט, מאקס סמאלין, נחום מדינה, זלמן קאפלאן, וואָלף ציוויש, אברהם באנדעל, ישראל שורעק און חוה שורעק, וועלכע איז א געוויסע צייט געווען סעקרעטארין.

מיר האָבן אין א קאָנצענטרירטער פאָרעם געמאכט א סך־הכל פון דער פארצווייגטער הילפס־טעטיקייט, וואָס דער רעליף האָט געפירט אין משך פון 30 יאָר. אָט די טעטיקייט איז געווען ווי א בשורה פאר אונדזערע ברידער אין די תפוצות. הינטער די ציפערן און מעשים האָט זיך געפילט די הארציקע ברידערלעכקייט צו יחידים און צום כלל.

פארן בלוטיקן מבול האָבן מיר געהאט דאָס פריידיקע געפיל פון שאפן, בעת מיר האָבן געהאָלפן בויען די דערציונג־און קולטור־אינסטיטוציעס. נאָכן שרעקלעכן חורבן האָבן מיר קאָנצענטרירט אלע אונדזערע אָנשטרענגונגען אויף צו העלפן די געראטעוועטע פון די טויט־קאמערן און פון די לאגערס. נאָכן ענדיקן די מלחמה זענען מיר ארויס ראטעווען דעם שארית הפליטה און מיר האָבן דאָס געטאָן לויט אונדזערע מעגלעכקייטן.

צוזאמען מיט דער דאָזיקער רעטונגס־ארבעט זענען מיר געבליבן טריי דער אידעע וועגן רענעסאנס פון פאָלק ישראל. מיר האָבן געהאָלפן די עולים, די חלוצים, די פארטיידיקער פון מדינת ישראל.

מיט שטאָלץ דערלויבן מיר זיך צו פארענדיקן, אז אין טעג פון צער און אין טעג פון פרייד זענען מיר געווען מיטן פאָלק. אונדזער הילפס־טעטיקייט וועט פארשריבן ווערן ווי א קאפיטל אין דער אלגעמיינער הילפס־ארבעט נאָכן חורבן. אונדזערביישטייער האָבן מיר געגעבן מיט פילבארקייט און טריישאפט.

קלמן אראנאוויטש

קאלישער פאראיינען אין אמעריקע

די קאלישער לאנדסלייט וועלכע האָבן אין די 70ער און 80ער יאָרן פון פארגאנגענעם יאָרהונדערט, פונקט ווי די אנדערע יידן פון מזרח־אייראָפּע, אָנגעהויבן קומען קיין אמעריקע, האָבן זיך געפילט איינזאם אין נייעם לאנד.

קומענדיק קיין אמעריקע איז די בענקשאפט נאָך דער אלטער היים, נאָך טאטע־מאמע, ברידער און שוועסטער און סתם פריינד, געווען זייער גרויס. די יידן האָבן זיך נישט אזוי לייכט געקענט איינבירגערן אין "קאָלאָמבוסעס מדינה". האָט מען טאקע פון אָנפאנג געגלויבט, אז מען איז געקומען קיין אמעריקע בלויז אויף א קורצער צייט, ביז מען וועט קומען צו א פאָר "טאָלער"... אָבער זעענדיק, אז די יאָרן גייען און פארגייען און אין יענער צייט זענען די עקאָנאָמישע באדינגונגען געווען זייער שווערע, האָט מען אָנגעהויבן זוכן פריינד, לאנדסלייט, וועלכע האָבן זיך שוין א ביסל "אויסגעגרינט", כדי זיך קענען געבן קעגנזייטיקע הילף.

אין יענע יאָרן איז דאָס לעבן אין אזא גרויסער מעטראָפּאָליע ווי ניו־יאָרק געווען זייער א שווערס. מען האָט געמוזט ארבעטן לאנגע שעהען, כדיי צו קענען עקזיסטירן. פון 14

ביז 16 שעה א טאָג ארבעט איז געווען כמעט א נאָרמאַלע זאַך, און דערביי האָט מען געדאַרפט טראָגן די מאַשין אויף די פּלייצעס זוכנדיק אַן ארבעטס-פּלאַץ, וואָס איז נישט אַלע מאָל אַזוי לייכט אָנגעקומען. דערצו זענען די ארבעטס-באַדינגונגען געווען אַנדערע. אַפילו די, וואָס זענען אין דער אַלטער היים געווען אַרבעטער, בעלי מלאכות, האָבן זיך נישט געקענט צופּאַסן צו די נייע "סוועט-שאַפּ" באַדינגונגען, וואָס זענען געווען אַזוי אַנדערש פונעם וואַרשטאַט אין דער היים.

אָט צוליב די דאָזיקע סיבות און שווערע עקאָנאָמישע באַדינגונגען, און דערצו די איינזאַמקייט פון יעדן נייעם אימיגראַנט, איז די באַדערפעניש זיך צו טיילן איינער מיטן אַנדערן געווען א נויטווענדיקייט. א דאַנק דעם זענען אייגנטלעך אַנטשטאַנען די ערשטע לאַנדסמאַנשאַפט-אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע און א דאַנק דעם איז טאַקע אויך אַנטשטאַנען די ערשטע קאַלישער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט זיך גערופן "קאַלישער לאָזשע".

צום באַדויערן איז נישט געבליבן קיין צו פיל מאַטעריאַל און באַריכטן פון דער ערשטער קאַלישער אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע. קיין פּראָטאָקאָלן זענען נישט אָפּגעהיט געוואָרן, קיין נאָטיצן זענען נישט געמאַכט געוואָרן, די מיטגלידער פון די ערשטע קאַלישער פאַר־איינען זענען שוין אויפן עולם האמת, און די, וואָס לעבן, זענען שוין אַלט און געדענקען מער נישט איבערצוגעבן איינצלהייטן פון יענער צייט; דער איצטיקער דור וויזט נישט אַרויס קיין שום פאַרשטענדעניש פאַר דער היסטאָרישער באַדייטונג פון די קאַלישער. מיר ווייסן בלויז, אַז דער קאַלישער ברודער-פאַראיין אין יענע יאָרן איז געווען דאָס איינציקע אָרט, וווּ א קאַלישער לאַנדסמאַן האָט זיך געקענט באַגעגענען מיט א צווייטן און אָפּנעמען א גרוס פון דער אַלטער היים, הערן "נייעס" פון זיין שטאָט קאַליש און זיך טיילן מיט ידיעות. נישט איין מאָל האָט מען ביי אַזא געלעגנהייט געלאָזט פאַלן א טרער אויפן ביטערן גורל פון דער משפחה, וואָס מען האָט איבערגעלאָזן.

דער „קאַלישער לאָדזש"

פון שמועסן וואָס מיר האָבן געהאַט מיט פאַרשידענע קאַלישער, וועלכע זענען שוין צענדליקער יאָרן אין אַמעריקע, האָבן מיר אויסגעפונען, אַז אין יאָר 1870 איז געגרינדעט געוואָרן די ערשטע אָרגאַניזאַציע פון די קאַלישער לאַנדסלייט, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען: "אַמעריקען קאַלישער" און דערנאָך "קאַלישער לאָדזש". די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע איז געווען געבויט אויפן מוסטער פון פראַטערנאַלע געהיימע לאָזשעס, מיט דעם גאַנצן צערעמאָניאַל וואָס איז געווען אין די געהיימע אָרדנס אין אַמעריקע.

צום ביישפּיל: ווען א זיצונג האָט זיך אָנגעהויבן פון די "אַמעריקען קאַלישער", האָט זיך פאַר דער טיר געשטעלט "אַן אויסערלעכע וואַכע", אָנגעטאָן אין מאָדנע אוניפאָרמען. אינעווייניק איז געווען אַן "אינערע וואַכע" און ווען א פרעמדער האָט געוואָלט אַריינקומען צו א זיצונג, האָט די "אויסערלעכע וואַכע" געגעבן א געהיימען צייכן צו דער "אינערלעכע וואַכע" דורך געוויסע קלעפּ אין טיר; די טיר האָט זיך געעפנט אויף א שפּאַרונקע, די "אויסערלעכע וואַכע" האָט געמאָלדן דער "אינערלעכע וואַכע", אַז א פרעמדער וויל אַריין צו דער זיצונג. ווען דער פּרעזידענט פון לאָדזש האָט באַוויליקט דעם פרעמדן אַריינצוקומען, האָט אים די "אינערלעכע וואַכע" אַרומגעפירט אַרום טיש, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן זאַל, און ערשט דערנאָך האָט מען אים צוגעפירט צו די באַאַמטע פון לאָדזש.

ביים אָננעמען א נייעם מיטגליד האָט דער קאַנדידאַט געדאַרפט דורכגיין א גאַנצע צערעמאָניע ביים איינשווערן און אויך אַנדערע צערעמאָניעס.

דער דאָזיקער "קאַלישער לאָדזש" האָט געטאָן געוויסע הילפס-אַרבעט פאַר די יידן פון דער שטאָט קאַליש.

דער קאַלישער „ברודער-פאַראיין"

דער קאַלישער "ברודער-פאַראיין" איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1877 אין ניו-יאָרק אין האַרלעם, וואָס איז דעמאָלט געווען באַוווינט פון כמעט בלויז יידן. אין יאָר 1962 האָט דער קאַלישער פאַראיין געפייערט זיין 75־יאָריקן יובל.

דער קאלישער "ברודער־פאראיין" איז געשטאנען אין פארבינדונג מיט דער קהילה אין קאליש און געשיקט פון צייט צו צייט סומעס געלט פאר פארשידענע סאָציאַלע באדערפנישן. דער קאלישער פאראיין האָט געהאט אן אייגענע שול און האָט נאָך איצט צוויי אייגענע בתי־קברות.

א באזונדערער צווייג איז באשטאנען פון די פרויען פון די מיטגלידער פון קאלישער פאראיין מיטן נאָמען "קאלישער סיסטערהוד", און וואָס האָט זיך אקטיוו מיטבאטייליקט אין שאפן הילף פאר די קאלישער לאנדסלייט אין אמעריקע און אין דער אלטער היים.

צווישן די גרינדער און אקטיווע טוער פון דעם פאראיין זענען געווען — דער פרעזידענט זיגמונט גאלעווסקי, פייל און אנדערע וועלכע זענען שוין היינט אויפן עולם האמת און וויטקאָווער, קאופמאן א. א., וועלכע זענען נאָך מיטגלידער.

היינט צו טאָג באשטייט שוין דער גרעסטער פראָצענט פון דער אָרגאניזאציע פון מיטגלידער פון צווייטן און דריטן דור אמעריקאַנער, וועלכע האָבן צום באדויערן ווייניק אינטערעס צו די קאלישער אין אמעריקע און צו מדינת ישראל.

די קאלישער „פראגרעסיוו יאנג מען"

די קאלישער "פראָגרעסיוו יאָנג מען" איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1904 אין דער היים פון אברהם וואָלקאָוויטש, וועלכער האָט דאן געוווינט אויף דער צווייטער עוועניו, ניו־יאָרק. אין יאָר 1909 איז אברהם וואָלקאָוויטש צוריקגעפאָרן מיט זיין משפחה קיין קאליש, און איז שפּעטער אומגעקומען בעתן היטלער־חורבן אין ווארשעווער געטאָ מיט זיין פרוי און זיינע צוויי זין, סעם און דוד וואָלקאָוויטש.

בעת אברהם וואָלקאָוויטש האָט געלעבט אין קאליש איז ער געווען איינער פון די אקטיווסטע טוער ביי פּועלי ציון און בכלל אין יידיש־געזעלשאפטלעכן לעבן פון קאליש, און געווען פארטראָטן אין אלע קהילה־אינסטאנצן.

די קאלישער פּראָגרעסיוו יאָנג מען איז דאן באשטאנען פון א ייגערן עלעמענט, וועלכע זענען אנטלאָפן פון קאליש צוליבן פריזיוו, א טייל פּאָליטיש פארשיקטע, וואָס זענען אנטלאָפן פון סיביר און אויך א צאָל ׳וונגעלייט, וועלכע זענען אנטלאָפן פון די צארישע טורמעס. דאָס זענען געווען די, וועלכע האָבן געהערט צו פארשידענע פּאָליטישע פארטייען, ווי "בונד", סאָציאַל דעמאָקראטן, ס.ס., פּ.פּ.ס., ציוניסטן און פּועלי ציון, וועלכע האָבן געקעמפט קעגן צאַריזם און פּאָליטישע רדיפות. אָט די דאָזיקע ניי־געקומענע קאלישער האָבן צוליב מיינונג־פארשידנקייטן נישט געקענט זיך איינלעבן אין די שוין עקזיסטירנדיקע קאלישער אָרגאניזאציעס, און האָבן דעריבער געגרינדעט אן אייגענע אָרגאניזאציע: "קאלישער פּראָגרעסיוו יאָנג מען".

די גרינדער פון אָט דער אָרגאניזאציע זענען געווען: סעם בערקע, אברהם ווייס, משה וואלטער, קויאווסקי, דזשא קאט, דזשיי פראשקער, קאהן ע"ה, גלאטשטיין ע"ה און אנדערע. דער סעקרעטאר פון דער אָרגאניזאציע איז געווען סעם סיגעל.

די אויפגאבע פון דער אָרגאניזאציע איז געווען צו שטיצן יעדן נייעם לאנדסמאן, וואָס איז געקומען פון קאליש קיין אמעריקע; אים העלפן געפינען ארבעט און גלייכצייטיק שיקן הילף אין דער אלטער היים. פאר א צייט איז די אָרגאניזאציע געווען זעלבשטענדיק. שפּעטער, ווען די מיטגלידערשאפט פון דער אָרגאניזאציע האָט זיך פארגרעסערט, איז געקומען א פאָרשלאָג זיך אָנצושליסן אין אָרדן פון ארבעטער־רינג.

דעם 11טן אפּריל 1911, איז די "קאלישער פּראָגרעסיוו יאָנג מען" געוואָרן א ברענטש פון ארבעטער־רינג און געקראָגן דעם טשארטער נומער 241. דער סעקרעטאר איז דאן געווען סעם קאופמאן.

דער ארבעטער רינג ברענטש 241

דער ארבעטער רינג ברענטש נומער 241, וואָס איז באשטאנען פון די מיטגלידער פון פריערדיקן "קאלישער פּראָגרעסיוו יאָנג מען", איז געגאנגען אויף אייגענע וועגן. די מיטגלידער זענען געווען מער ציוניסטיש געשטימט, בעת דער ארבעטער־רינג אלס א גאנצער

איז דעמאָלט געווען אונטערן איינפלוס פון "בונד". דער ארבעטער־רינג ברענטש פלעגט דורכפירן לעקציעס אויף פארשידענע טעמעס און די אָנפירונג פון ברענטש האָט זיך תמיד באמיט צו ברענגען פראָבלעמען פון יידיש־נאַציאָנאַלן, סאָציאַליסטישן און ציוניסטישן געדאַנק צו די מיטגלידער פון ברענטש. דער ברענטש האָט געשטיצט פארשידענע אינסטיטוציעס און געשיקט הילף פאר די קינדער־שולן אין קאַליש.

אין די ערשטע יאָרן פון איר גרינדונג האָט דער "קאַלישער פּראָגרעסיוו יאָנג מען" פון ארבעטער־רינג געציילט איבער צוויי הונדערט מיטגלידער. מיט דער צייט איז די צאָל געוואָרן קלענער און קלענער און אין יאָר 1961 זענען אין דער אָרגאַניזאַציע בלויז געבליבן עטלעכע און דרייסיק מיטגלידער. נאָכן טויט פון פר. גלאַטשטיין האָט דער ארבעטער־רינג זיך צונויפגעשמאָלצן מיט דעם לאָדזשער ברענטש און היינט רופן זיי זיך: "לאָדזשער, קאַלישער קרייז־ברענטש נומער 36".

דער פאַראייניקטער הילפס־קאָמיטעט פון קאַלישער ארגאַניזאַציעס

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין די יאָרן 1918—1917, איז אין ניו־יאָרק געגרינדעט געוואָרן דער פאַראייניקטער הילפס־קאָמיטעט, מיט דער אויפגאַבע צו העלפן די יידן אין קאַליש.

אין דעם פאַראייניקטן הילפס־קאָמיטעט האָבן זיך אָנגעשלאָסן די אַלע עקזיסטירנדיקע קאַלישער אָרגאַניזאַציעס אין אמעריקע, ווי דער קאַלישער לאָדזש, דער קאַלישער ברודער־פאַראיין, די קאַלישער סיסטערהוד און דער קאַלישער ארבעטער־רינג נומער 241.

דער פאַראייניקטער הילפס־קאָמיטעט האָט ארויסגעשיקט אַן אויפרוף צו אַלע קאַלישער לאַנדסלייט איבער אמעריקע צו העלפן די קאַלישער יידן, — און אויפן אָפרוף איז געשאַפן געוואָרן 3.000 דאָלאַר. די סומע איז דאַן איבערגעגעבן געוואָרן צו דעם שליח פון פוילישן יידנטום, דעם סיים־דעפּוטאַט ד"ר ראָזנבלאַט פון לאָדזש, וועלכער איז געקומען קיין אמעריקע אַלס פאָרשטייער פון פוילישן יידנטום. זיין מיסיע איז געווען צו קריגן הילף פאר די נויטליידנדיקע יידן אין פוילן.

אין קאַליש איז געגרינדעט געוואָרן אַן אומפּאַרטייאישער קאָמיטעט פון פאָרשטייער פון אַלע פאַרטייען און פאַראיינען און זייער אויפגאַבע איז געווען צו פאַרטיילן דאָס געלט אויף אַן אומפּאַרטייאישן אופן.

דער דאָזיקער פאַראייניקטער הילפס־קאָמיטעט האָט געאַרבעט זייער אַקטיוו אין די יאָרן פון 1920 ביז 1930.

די קאַלישער אינדעפּענדענט סאָסייטי

מיט יאָרן שפּעטער האָבן אַ גרופּע מיטגלידער פון קאַלישער פּראָגרעסיוו יאָנג מען מיט סעם בערקע, יוסף קאַט, מאַקס מיינער א"א — צוליב אידעאישע מיינונגס־פארשידנקייטן געגרינדעט אַן אייגענע אָרגאַניזאַציע מיטן נאָמען "קאַלישער אינדעפּענדענט סאָסייטי". דער סעקרעטאַר איז געווען פיליפּ ווייס. זיי האָבן דאַן אויך איבערגענומען אין יאָר 1940 דעם בית הקברות אויפן הר־מוריה אין ניו־דזשוירזי.

די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע האָט זיך אָבער נישט בלויז באַגנוגנט מיט "קרקע", זי האָט אָרגאַניזירט פארשידענע קולטור־אונטערנעמונגען, אראַנזשירט לעקציעס און בשותפותדיקע ארויספאָרן. און ווען אין ניו־יאָרק האָט זיך אָרגאַניזירט דער קאַלישער אומפּאַרטייאישער רעליף, איז די קאַלישער אינדעפּענדענט סאָסייטי געוואָרן אַ מיטגליד אין רעליף־קאָמיטעט.

די קאַלישער אינדעפּענדענט סאָסייטי איז ביזן היינטיקן טאָג אַקטיוו, שטיצט און באַטייליקט זיך אין אַלע יידיש־געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעטן. זי באַטייליקט זיך אין העלפן היאַס, הסתדרות, יונייטעד דזשואיש אַפּיל, נאַציאָנאַל פאָנד א. א.

אין דער דאָזיקער ארבעט, איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, באַטייליקן זיך שוין דער צווייטער און דריטער דור — די קינדער פון די ערשטע גרינדער פון דער סאָסייעטי —

און ביז היינט צו טאָג זענען נאָך אקטיוו די מיטגלידער: סעם בערקע, מאַקס מיינער, יוסף בריליאַנט, ראט און אנדערע. עס איז צו באַוואונדערן ווי די איניציאַטאָרן וואָס זענען געשטאַנען ביי דער גרינדונג פון דער אָרגאַניזאַציע מיט עטלעכע 30 יאָר צוריק, שטייען ווייטער ביי דער אָנפירונג, ווי צ. ב. דער געזעלשאַפטלעכער אקטיווער טוער וואָס איז היינט דער פרעז. פון דער אָרגאַניזאַציע פר' סעם בערקע.

דער קאלישער „סאָשל־פאַראיין"

אין ווינטער פון 1928, זענען זיך צונויפגעקומען א גרופע פריינד פון קאלישער לאַנדסלייט און זיי האָבן באַשלאָסן צו גרינדן דעם קאלישער "סאָשל־פאַראיין". די מערסטע מיטגלידער פון דעם פאַראיין זענען באַשטאַנען פון מענטשן, וואָס זענען געקומען קיין אמעריקע נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה.

די איניציאַטאָרן צו גרינדן דעם פאַראיין זענען געווען: פּרץ וואלטער, יהודה אהרן בראָטמאַן, וואָלף ציוווש, יוסף אראָנאָוויטש (אַרנאָלד), יעקב יוחנן העבער א״א. די דאָזיקע חברים זענען זיך צונויפגעקומען מיט זייערע פרויען ביי יוסף אַרנאָלד אין הויז און באַשלאָסן צו גרינדן א פאַראיין פון די קאלישער ניי־געקומענע. אין יאָר 1929 איז אָפיציעל געגרינדעט געוואָרן דער קאלישער "סאָשל־פאַראיין", וואָס איז פון אָנהייב באַשטאַנען פון א 15 חברים. אָבער דער פאַראיין איז כסדר געוואַקסן ביז ער האָט דערגרייכט די צאָל פון 100 מיטגלידער.

דער ציל פון דער אָרגאַניזאַציע איז געווען צו שטיצן די יידיש־וועלטלעכע שולן אין קאליש, די באָראָכאָוו־שול א״א. דער פאַראיין האָט אויך געגרינדעט א לייַ־קאַסע, צו העלפן די נויטבאַדערפטיקע מיטגלידער. מען דאַרף געדענקען, אַז אין יענע יאָרן האָט געהערשט א דעפּרעסיע אין אמעריקע און מער ווי איין מיטגליד פון פאַראיין האָט זיך געגויטיקט אין אַן הלוואה. די לייַ־קאַסע איז געשאַפן געוואָרן דורך פאַרקויפן "שערס" צו די מיטגלידער. א שער האָט געקאָסט 25 דאָלאַר און דער וואָס האָט געהאַט א שער האָט שוין געקענט קריגן א הלוואה פון דער לייַ־קאַסע.

דער פאַראיין האָט אפילו איין מאָל אויפגעפירט א טעאַטער־פאָרשטעלונג אין קעלער פון יוסף אַרנאָלדס הויז. די פּיעסע האָט געהייסן "דער מאַן אונטערן טיש". די גאַנצע הכנסה פון דער טעאַטער־פאָרשטעלונג איז געשיקט געוואָרן קיין קאליש. די פאָרשטעלונג איז דורכגעפירט געוואָרן פון די פריינד: וואָלף ציוווש און זיין פרוי נאַסקיעוויטש פון זדונסקאָ־וואָלאָ און אנדערע.

דער קאלישער "סאָשל־פאַראיין" איז געווען א זעלבשטענדיקע אָרגאַניזאַציע ביזן יאָר 1935. אין יאָר 1935 האָט זיך דער קאלישער "סאָשל־פאַראיין" אָנגעשלאָסן אלס א בראַנטש 265 אין אינטערנאַציאָנאַלן ארבעטער־אָרדן (איי. דאבליו. אָ.). דער פאַראיין האָט אויך דורכגעפירט פאַרשידענע קולטור־לעקציעס מיט דער באַטייליקונג פון שרייבער און קולטור־טוער.

נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה זענען געווען א צאָל מיטגלידער פון פאַראיין, וועלכע האָבן געהאַלטן, אַז דער פאַראיין אלס א בראַנטש דאַרף ארויס פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן ארבעטער־אָרדן, און ווען די רעגירונג האָט, אין יאָר 1955, פאַרמאַכט דעם אינטערנאַציאָנאַלן ארבעטער־אָרדן, איז דער קאלישער "סאָשל־פאַראיין" צוריק געוואָרן זעלבסטשטענדיק אין זעלבן כאַראַקטער ווי ער איז געווען אלס א בראַנטש, און וועלכער עקזיסטירט נאָך ביז היינטיקן טאָג.

דער קאלישער "סאָשל־פאַראיין" איז פאַרטראָטן און שטיצט דעם אומפּאַרטייאישן קאלישער רעליף קאָמיטעט, אין וועלכן די מיטגלידער פון פאַראיין זענען אין משך פון א סך יאָרן געווען אקטיוו. דער קאלישער "סאָשל־פאַראיין" האָט אַן אייגענעם בית הקברות אויף הר לבנון אין ניו־דזשורזי און אויך אַן אייגענע קראַנקען־קאַסע. די איצטיקע פאַרוואַלטונג פירט ווייטער אָן מיט די פאַרשידענע אקטיוויטעטן פון פאַראיין.

לאַנדסלייט פון ניי־געקומענע פון קאליש און אומגעגנט

נאָכן חורבן אייראָפּע האָבן אָנגעהויבן קומען קיין אמעריקע נייע אימיגראַנטן פון קאליש און אומגעגנט, וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט פון די נאַצישע גאַז־קאַמערן און לאַגערן;

פון רוסישער פאַרשיקונג און אויך פון די פּאַרטיזאַנען־גרופּן. כמעט די אַלע, וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט און וועלכע האָבן זיך געווענדעט נאָך הילף, האָבן דאָס באַקומען פון דעם קאַלישער אומפּאַרטייאישן רעליף.

צוליב זייער געמיינזאַמען טראַגישן גורל, וואָס האָבן על פּי רוב פאַרלוירן זייערע משפּחות, נאָענטע, האָבן די נייגעקומענע געזוכט א פּלאַץ זיך צו טרעפן מיט אייגענע, זיך אַראָפּרעדן פון די שווערע איבערלעבונגען און געפינען דעם וועג ווי זיך אויפסניי קענען איינגלידערן אין דעם אַלגעמיינעם לעבן פון אַמעריקע. נישט לייכט איז אָנגעקומען צו געפינען דעם אויסוועג און נאָך שווערער איז געווען דאָס צונויפנעמען די מערסטע קאַלישער שארית הפּליטה אין איין אָרגאַניזאַציע. דאָך איז נאָך שווערע אָנשטרענגונגען געלונגען צו שאַפן א קאָמיטעט, וואָס איז רעאַליזירט געוואָרן נאָך דעם ווי דורך דער איניציאַטיוו פון קלמן אַראָנאָוויטש איז גערופן געוואָרן דער ערשטער מיטינג זונטיק, דעם 14טן יאַנואַר 1951, אין באָראָכאָוו־צענטער, 216 איסט 14טע גאַס. ביי דער דאָזיקער זיצונג איז דערוויילט געוואָרן א קאָמיטעט פון די פאָלגנדיקע חברים: קלמן אַראָנאָוויטש, יוסף לובעלסקי, סעם קראַקאָווסקי, אברהם קראַסאָווסקי, ג. מייזנער א״א, וועלכע זענען גלייך צוגעטראָטן צו גרינדן אַן אָרגאַניזאַציע פון די ניי־געקומענע. די ערשטע זיצונג פון קאָמיטעט איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין הויז פון קלמן אַראָנאָוויטש, ווו עס איז אָפיציעל פּראָקלאַמירט געוואָרן די גרינדונג פון דער אָרגאַניזאַציע מיטן נאָמען ״קאַלישער לאַנדסמאַנשאַפט פון ניי־געקומענע און אומגעגנט״.

דער הויפּטציל פון דער אָרגאַניזאַציע איז געווען: קודם זיך האַלטן צוזאַמען, און אָנהאַלטן די אייגנשאַפט און טראַדיציעס פון די אַמאָליקע אָרגאַניזאַציעס אין קאַליש. צווייטנס, זיך אַקטיוו באַטייליקן אין די אַקציעס פון דעם קאַלישן אומפּאַרטייאישן רעליף־קאָמיטעט און דערביי אויך שטיצן דאָס יידישע קולטורעלע און נאַציאָנאַלע לעבן אין אַמעריקע. עס זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן חודשלעכע פאַרזאַמלונגען, ביי וועלכע עס זענען דיסקוסירט געוואָרן פאַרשידענע פּראָבלעמען. עס איז איינגעשטעלט געוואָרן א טראַדיציע פון אָפּהאַלטן פאַרזאַמלונגען, חנוכה־פייערונגען. פּורים איז באַשטימט געוואָרן פאַר דעם יערלעכן באַנקעט פון דער אָרגאַניזאַציע. עס איז געזאַמלט געוואָרן געלטער פאַר פאַרשידענע הילפס־אַקציעס ווי, ״יונייטעד דזשואיש אַפּיל״ און שטיצע פאַר ישראל, וואָס איז געשיקט געוואָרן דורך דעם אומפּאַרטייאישן רעליף קאָמיטעט. די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע איז טאַקע געווען פון די, וואָס האָט אויך געהאָלפן דורכפירן דאָס פּלאַנצןביימער נאָך די קדושים פון קאַליש אין ״יער קדושי קאַליש״ אין ישראל און געהאָלפן, אַז דער קאַלישער ״יזכור בוך״ זאָל רעאַליזירט ווערן. דער פאָרזיצער פון קאָמיטעט איז געווען סעם ראַקאָווסקי, סעקרעטאַרין — ג. מייזנער. די חברים אין קאָמיטעט זענען געווען: ל. מיץ, י. וויינטרויב, י. וואַלניקאָוו, א. יאַכימאָוויטש א. א.

אין משך פון דער צייט זענען געווען פאַרשידענע מיינונגס־פאַרשידנקייטן צווישן דער מיטגלידערשאַפט פון דער אָרגאַניזאַציע. טייל האָבן געהאַלטן, אַז מען דאַרף זיך בלויז באַגנוגענען מיט זיין א פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציע, נישט שטיצן קיין שום נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס און זיך נישט אַקטיוו באַטייליקן אין זייערע אַקטיוויטעטן.

אין יאָר 1960 האָבן א גרופּע פון דער אָרגאַניזאַציע פאָרגעשלאָגן זיך אָנשליסן אַלס א בראַנטש אין דעם אַרבעטער־רינג. דער פאָרשלאַג איז אָנגענומען געוואָרן. דער בראַנטש ״לאַנדסמאַנשאַפט פון קאַלישער און אומגעגנט — אַרבעטער רינג בראַנטש 361״. צוליב דעם האָבן א טייל מיטגלידער פאַרלאָזן די אָרגאַניזאַציע. דער בראַנטש ציילט היינט עטלעכע צענדליק מיטגלידער, האַלטן אָפּ רעגולערע פאַרזאַמלונגען וועגן פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע ענינים, און היטן ווייטער אָפּ פּורים אַלס יובל־טאָג פון דער אָרגאַניזאַציע מיט א באַנקעט. דער פאָרזיצער פון בראַנטש איז יוסף לובעלסקי, סעקרעטאַרין — ג. מייזנער.



פארבאנד פון די קאלישער און אומגעגנט אין די פאראייניקטע שטאטן

עס שטייען פון רעכטס צו לינקס: מאקס סמאָלען, מערי סמאָלען, יאדזיא ראָט, לודוויג וואלקער, פרץ וואלטער — סעקרעטאר, נחום מעדיין, אברהם באנדעל — פאָרזיצער, פעלא באנדעל, סיידי דיאמענט, שמואל ראָט, פראניא פערלע.

עס זיצן פון לינקס צו רעכטס: סעם בערקע, ישראל דיאמענט — קאסיר, פאולין ארנאָלד — סעקרעטארין, יוסף ארנאָלד — פרעזידענט, שמואל אָקלאדעק — פינאנס־סעקרעטאר, יעקב לעווי.

עס פעלן אויפן בילד: הערשל און רעגינא ארקוש, רבקה וואלטער, שרה העבער, איידא בערקע, העלען לעווי.



פארבאנד פון די קאלישער אין אויסטראליע

עס שטייען פון רעכטס צו לינקס: שלום מארגוליס — פאָרזיצער, גדליה קוויאטקאָווסקי — סעקרעטאר, וו. שטולמאן, סאלע קוויאטקאָווסקא, יצחק יאקובאָוויטש, ש. מאָשקאָוויטש.

עס זיצן פון לינקס צו רעכטס: פאָלא ברוקס, לאה לעווי, מאקס לעווי, מאקס ברוקס, אריה קוויאט־קאָווסקי, רות לינטש, נחום לינטש, סאלא שמערלינג. עס פעלט אויפן בילד: יחזקאל יוסף מארגוליס.

קאלישער אין אויסטראליע

וועגן קאלישער אין אויסטראליע אין אָנהייב פונעם 20סטן יאָרהונדערט זענען קיין ידיעות נישט פאראנען. די ערשטע איינוואנדערער זענען אָנגעקומען צווישן 1900—1912, אָבער אין געזעלשאפטלעכן לעבן איז דאָס לחלוטין נישט געווען קענטיק.

אין יאָר 1927 זענען אהער אָנגעקומען קאלישער, בעיקר אלס יורדים פון ישראל. אין די יאָרן 1937—1939 זענען אָנגעקומען ביי א צען פאמיליעס דירעקט פון קאליש. מיט זייער אָנקום האָט זיך געשאפן אן ענגערער קאָנטאקט צווישן די קאלישער לאנדסלייט. די מאטעריעלע, קולטורעלע און גייסטיקע באדינגונגען זענען געווען שווערע. אין זייער איינזאמקייט האָט יעדער איינער געזוכט א שטאָטישן.

א קליינע גרופע קאלישער, בראש מיטן עלטסטן עמיגראנט פייוול יעדוואב, האָבן אין יאָר 1944 אָרגאניזירט די קאלישער לאנדסמאנשאפט, וועמענס אויפגאבע עס איז געווען צו העלפן די לעבנגעבליבענע לאנדסלייט. ווען מיר האָבן באקומען די ערשטע ידיעות וועגן די געבליבענע יידן אין קאליש, האָבן מיר גלייך אָנגעהויבן זיך באמיען צו באקומען פאר זיי אריינפאָר־דערלויבענישן קיין אויסטראליע. אין משך פון דריי חדשים האָבן מיר דערגרייכט 150 אריינפאָר־דערלויבענישן. אין דער זעלבער צייט האָבן מיר געשיקט קיין פוילן א גרויסע צאָל פעקלעך מיט שפייז, מלבושים און קאָלדרעס (דורכן האיאס), באלד נאָכן איינשטעלן א פאָסט־פארבינדונג.

נישט אלע קאלישער יידן האָבן אויסגענוצט די אריינפאָר־דערלויבענישן. טייל האָבן זיך באזעצט אין שוועדן, אין אמעריקע, אין ישראל און אין אנדערע לענדער. די וואָס זענען געקומען צו אונדז, האָבן באקומען הילף אין די ראמען פון די מעגלעכקייטן. אויב מיר זעלן נעמען אין אכט דעם שווערן עקאָנאָמישן מצב פון די ערשטע קאלישער, וועלן מיר קאָנען אָפשאצן זייערע אָנשטרענגונגען ביים העלפן די ניי־אָנגעקומענע.

מיטן איבעררייסן די טעטיקייט פונעם יידישן קאָמיטעט אין קאליש, איז אויך איבערגעריסן געוואָרן אונדזער הילף. די סומע געלט, וואָס איז ביי אונדז געבליבן, האָבן מיר אָפגעשיקט צום "מגן דוד אדום" אין תל־אביב.

ביז 1949 האָבן די קאלישער אין אויסטראליע נישט ארויסגעוויזן קיין ספעציעלע טעטיקייט. און אָט דעם יאָר האָט זיך אָנגעהויבן א נייע אימיגראציע, און צוזאמען מיט דעם — זענען אויסגעוואקסן נייע באדערפענישן און אויפגאבן. די טעטיקייט איז געוואָרן באנייט. מען האָט געגעבן הילף פאר די געקומענע ביים באקומען ארבעט, וווינונג, הלוואות. מיט אונדזער הילף האָט זיך איינגעגעבן כמעט אלץ איינצואָרדענען. ביז איצט באקומען מיר ווענדונגען וועגן אריינפאָר־דערלויבענישן און אונדזער קאָמיטעט טוט אלץ וואָס ער קען.

איצטער געפינען זיך א סך קאלישער אין אויסטראליע, דער עיקר אין מעלבורן. דער קאלישער צענטער אין מעלבורן איז באקאנט מיט זיין געזעלשאפטלעכער און קולטור־טעטיקייט. יעדעס יאָר, סוף נאָוועמבער, פארזאמלען זיך איבער 100 קאלישער אויף א יזכור־אָוונט. יעדעס יאָר ווערט אויך איינגעאָרדנט א גרויסער אָוונט, וואָס דינט פאר א חברישן צונויפטרעף און אויף צו שטארקן די קאסע. דער צענטער באטייליקט זיך אויך אין דער טעטיקייט פונעם פאראייניקטן קאמפיין און אָרדנט איין פאר דעם צוועק א ספעציעלן אָוונט. אין די פארגאנגענע יאָרן זענען אויך דורכגעפירט געוואָרן פאמיליע־אָוונטן און קאָלעקטיווע אויספלוגן. אויף דער אלגעמיינער פארזאמלונג זענען אויסגעוויילט געוואָרן די פארוואלטונג און די קאָמיסיעס פאר אימיגראציע, הילף, וווינונג און ארבעט.

מיט דער הילף פונעם מעלבורנער צענטער איז אויך געשאפן געוואָרן א לאנדסמאנשאפט אין סידניי. אין משך פון א קורצער צייט האָט זי אריינגעהויכט א לעבעדיקן אָטעם אין דער קהילה, די צווייט-גרעסטע אין לאנד. ביז דאן איז איר קולטור-געזעלשאפטלעכע טעטיקייט געווען זייער א שוואכע.

מיר ווייזן אויך ארויס א גרויסן אינטערעס צום לעבן פון אלע קאלישער יידן, איבערהויפט פון די, וואָס געפינען זיך אין ישראל. מיר האלטן אָן א קאָנטאקט מיט די געבליבענע אין קאליש און מיט די פארוואָגלטע אין דער גאנצער וועלט.

דער קאָמיטעט

יזכור


זאל גאט געדענקען די נשמות פון אונדזערע ברידער ייִדן, איינוווינער פון דער שטאט קאליש, די קרבנות פון אומקום און די העלדן, די נשמות פון דרייסיק טויזנט ייִדן, וואס זענען געוואָרן געטויט און געהרגעט און דערוואָרגן און לעבעדיקערהייט באַגראָבן — און די קהילה קדושה קאליש, די אומגעקומענע אויף קידוש-השם.

זאל גאט געדענקען זייער עקדה צוזאַמען מיט דער עקדה פון די קדושי וגבורי ישראל אין אַלע צייטן, און זאל ער באַהעפטן זייערע נשמות אין דעם בונד פונעם אייביקן לעבן — די ליבסטע און טייערסטע, נישט צעשיידטע אין לעבן און אין טויט. זאלן זיי האָבן אייביקע רו, ונאמר אמן.



געשטאלטן פון דער פארגאנגענהייט

הרב יעקב זאב (ליטמן) אבטליון



הרב יעקב זאב אבטליון איז געבוירן אין לאָדזש אין יאָר תרנ"ט. זיין פאָטער ר' שמואל יוסף איז געווען א ייד א תלמיד־חכם, א סוחר פון בוי־מאַטעריאַלן. ער האָט זיך דערצויגן אין הויז פון זיין זיידן, ר' צבי הכהן, רב אין דער קהילה באביק, נעבן דער שטאָט קאַלאָ. ר' יעקב זאב האָט געלערנט אין חדר און אין דער ישיבה, וואָס איז געוואָרן אָנגעפירט דורך זיין זיידן.

סמיכה אויף רבנות האָט ער באקומען פון ר' יחזקאל ליבשיץ, קאַלישער רב.

ער איז געווען דער איידעם פון הרב דוד פוקס פון סאָמ־פּאָלנע.

אין יאָר 1918 איז ער געקומען קיין קאליש און געווען לערער אין דער "מזרחי"־שול.

די קאַלישער יידן געדענקען נאָך זיין ארויסטריט אויף דער אקאדעמיע געווידמעט דער סאן־רעמאָ־קאָנפערענץ. דאָס איז געווען די ערשטע געלעגנהייט צו הערן א העברעישע רעדע אין דער ספרדישער אויסשפּראך (הברה).

ביז יאָר 1930 איז ער מנהל פון דער שול "תחכמוני" און לערער אין דער העברעישער גימנאזיע.


אין יאָר 1930 איז ער אויפגענומען געוואָרן אלס רב אין טאָרון. אין 1933 איז ער געוואָרן לייטער פון דער שול "יבנה" אין קאַלאָ. אין יענער צייט האָט ער זיך באטייליקט אין דער צייטונג "קאַלישער וואָך". אין 1936 האָט ער עולה געווען קיין ארץ־ישראל, זיך באזעצט אין רחובות און געווען לערער אין דער "מזרחי"־שול. אין 1937 איז ער געוויילט געוואָרן אלס נישט געצאָלטער רב אין נחלת יהודה. אין דער באפרייונגס־מלחמה איז געפאלן זיין זון פנחס.

אין 1948 איז הרב אבטליון איבערגעאנגען קיין יפו, געשאפן דאָרט די ערשטע שול "מוריה" און געווען דאָרט רב.

ער איז געווען אקטיוו אין די מוסדות פון "מזרחי" און באזונדערס האָט ער זיך געווידמעט דעם ארגון יוצאי קאליש, פון וועלכן ער איז געווען פאָרזיצער. ער איז געווען אקטיוו פאַרן יער הקדושים. פון צייט צו צייט איז ער ארויסגעטראָטן אויף אקאדעמיעס און אזכרהס פון די קאַלישער. אין זיינע רעדעס, אָנגעפילטע מיט דברי תורה, האָט ער ארויסגעבראכט דעם אָנדענק פון דער אומגעבראכטער קהילה. ער איז נפטר געוואָרן י"ח בתמוז תשט"ו נאָך א וועג־קאטאסטראָפע.

זיינע לאנדסלייט אין ישראל האָבן פאראייביקט זיין אָנדענק אין דעם הויז פון ארגון יוצאי קאליש אין תל־אביב.

יצחק אדער



י״ח טבת תש״א איז אין ווארשע אוועק פון אונדז אן אָנגעזעענער מענטש, אן איידעלע נשמה, דער עלטסטער פון אונדזער עדה, דער פאָרזיצער פון דער קאַלישער קהילה. ער איז נפטר געוואָרן אין עלטער פון 75 יאָר. ער איז געווען אקטיוו און פול מיט מעשים טובים. ביזן לעצטן טאָג איז ער געווען פריש און שפרודלדיק, וואך און פילבאר פאר יעדן מענטש, וואָס האָט זיך גענויטיקט אין הילף. זיין סטיל איז געווען א געמיטלעכער, זיין אופן פון רעדן — א מעסיקער און א העפלעכער, זיין בליק א פריינדלעכער און ליבלעכער, זיינע אויגן זענען געווען פול מיט ווייכקייט און איידלקייט. ווען ער פלעגט אדורכגיין אין גאס, האָבן אלע זיך אומגעקוקט אויף אים און אָנגעוויזן: ״אָט גייט ר׳ יצחק״. ער איז געווען א למדן און א ירא שמים. פון זיין פריסטער יוגנט האָט ער זיך פארנומען מיט געזעלשאפטלעכער ארבעט און זיך אָפּגעגעבן דערצו מיט גרויס מסירת נפש.

זיין לעבן איז געווען פארקניפּט מיטן לעבן פון דער קהילה. ער איז געווען דער אָנגענומענער עסקן און פרנס, באליבט אין אלע קרייזן און שיכטן. אפילו די גוים האָבן אים פארערט און זיך באצויגן צו אים מיט דרך־ארץ און גרויס העפלעכקייט. דער אלעקסאנדער רבי זצ״ל, דער בעל ״ישמח ישראל״, האָט אויף אים געזאָגט, אז ער איז געבענטשט מיט חן און שיינקייט.

זיין צייט און ענערגיע האָט ער געווידמעט אויף צו העלפן די נויטבאדערפטיקע. ער איז ארומגעלאָפן איבער די אינסטיטוציעס און מוניציפאליטעטן און נישט צו רו געלאָזט ביז ער האָט זיך נישט דערשלאָגן די ישועה פאר דעם נויטבאדערפטיקן. טראָץ דעם, וואָס ער איז געווען אן עושר, א גרויסער פאבריקאנט, האָט ער פארנאכלעסיקט די געשעפטן און געארבעט לטובת הכלל, אָן צו געניסן עפּעס דערפֿון. אויב א ייד, וואָס האָט געדארפט חתונה מאכן א טאָכטער און נישט געהאט קיין מעגלעכקייט דערצו, פלעגט ער זיך ווענדן צו ר׳ יצחקן און אויסגיסן פאר אים דאָס ביטער הארץ; אויב עמעצער איז געוואָרן געשטרויכלט און געהאט א פראָצעס און געדארפט אז מ׳זאָל פאר אים זיך איינשטעלן — איז ער געקומען צו ר׳ יצחקן; אן אנדערער ווידער איז געלעגן קראנק אין שטוב און מ׳האָט אים געדארפט אריינגעבן אין שפּיטאָל — איז מען ווידער געלאָפן נאָך הילף צו ר׳ יצחקן. אומדערמידלעך האָט ער אלע זיינע טעג אָפּגעגעבן אויף מעשים טובים און אויף העלפן מענטשן.

ער איז געווען דער הויפּט־גבאי פון חברה־קדישה, פון מושב זקנים, פון בית יתומים, פון דער ליגע קעגן טובערקולאָז אאז״וו.

אליעזר אפּענהיים

געווען איינער פון די אָנגעזעענע עסקנים אין שטאָט. פאָרזיצער פון ״מזרחי און אקטיוו אין מגבית פון ״קרן היסוד״. ער איז אויך געווען פאָרזיצער פון סוחרים־פארבאנד און מיטגליד פון לייטונג פון דער יידישער קאָאָפּעראטיווער באנק.


ער האָט זיך באטייליקט אין דער ארבעט פון דער קהילה אלס מיטגליד פון דער אָנפירונג.

ווען די יידישע אינסטיטוציעס האָבן דערקלערט א באָיקאָט אויף די דייטשע סחורות אין די דרייסיקער יאָרן, איז ער געשטאנען בראש פונעם קאָמיטעט אין קאַליש. ער איז אויך געווען דעלעגאט צום 12־טן ציוניסטישן קאָנגרעס און האָט זיך באטייליקט אין דער קרן־היסוד־דעלעגאציע, וואָס האָט באזוכט ארץ־ישראל.

אליעזר אָפּענהיים, דער פאָטער פון א פארצווייגטער משפחה, איז געווען פון די פּערזענלעכ־קייטן אין שטאָט, וואָס האָבן משפיע געווען אויפן לעבן פון דער יידישער באפעלקערונג.

ר׳ מנחם מענדל אלטער

דער לעצטער קאלישער רב



ער איז געווען פון די גרויסע פוילישע רבנים און אן אקטיווער געזעלשאפטלעכער עסקן, דער לעצטער אין דער גאָלדענער קייט פון דעם שפרודלדיקן תורה־לעבן אין קאליש.

ר׳ מענדעלע איז געווען דער זון פון דעם צדיק ר׳ יהודה אריה לייב פון גער, מחבר פון ״שפת אמת״, דער ממשיך פון דער גערער דינאסטיע, וואָס ר׳ יצחק מאיר פון גער, דער בעל ״חידושי הרי״מ״, איז געווען איר גרינדער אין יאָר תרל״ח. ער האָט געהייסן נאָך זיין עלטער־פעטער ר׳ מנחם מענדל פון קאָצק. פון זיינע קינדער־יאָרן האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע פילזייטיקע פעיקייטן און ער איז געווען באַוווסט אלס עילוי. אין עלטער פון 15 יאָר האָט ער חתונה געהאט מיט דער טאָכטער פון ר׳ אברהם יששכר הכהן, דער ראדאָמסקער רבי, מחבר פון ״חסד לאברהם״. ער איז יונגערהייט געוואָרן אן אלמן און חתונה געהאט מיט דער טאָכטער פון ר׳ משה פריוועס פון ווארשע, אן אייניקל פון ״נפש חיה״, רב אין קאליש. אויך נאָך דער חתונה האָט ער געלערנט אין זיין פאָטערס בית־מדרש, און ווי זיין פאָטער, איז ער געווען אָפגעהיטן און פינקטלעך, און קיין רגע נישט פארשווענדט אומזיסט. צוזאמען דערמיט איז ער אויך געווען א מענטש מיט א געזעלשאפטלעכן חוש און זיך אינטערעסירט מיט אלע געשעענישן אינעם יידישן געזעלשאפטלעכן לעבן. ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט איינגעזען די נויטווענדיקייט ארויסצוגעבן א יידישע רעליגעזע פרעסע.

אין גער האָט ער געגרינדעט א גרויסע ישיבה א.נ. ״דרכי נועם״, וואָס האָט באקומען א שם מיטן אופן פון די לימודים.

אין יאָר תר״פ איז ער געווילט געוואָרן אלס רב אין פאביאניץ. ער האָט דאָרט געשאפן א ישיבה און א סך געטאָן אויפן געביט פון רעליגיעזן חינוך.

ער איז געווען אקטיוו אין מועצת גדולי התורה און אין ״אגודת ישראל״, איינער פון אירע וויכטיקסטע מנהיגים. אין יאָר תרצ״ה, נאָך דער פטירה פונעם קאלישער רב ר׳ יחזקאל ליבשיץ, איז ער אויסגעווויילט געוואָרן אלס יושב ראש פון אגודת הרבנים אין פוילן, און דערנאָך, אין תרצ״ח — אלס רב פון קאליש.

ער האָט ליב געהאט ארץ־ישראל, באזוכט דאָס לאנד דריי מאָל און געמאכט גרויסע פלענער וועגן א רעליגיעזער התישבות, וועלכע זענען אָבער נישט געוואָרן פארווירקלעכט. ווען די נאציס זענען אריין קיין פוילן, איז ער, צוזאמען מיט אנדערע טויזנטער יידן, געלאָפן קיין ווארשע. די נאציס האָבן אים געזוכט א לאנגע צייט. א סך מאָל איז אים געלונגען זיך ארויסצודרייען, אָבער צום סוף האָט מען אים געכאפט און אוועקגעפירט קיין טרעבלינקע.

אין טויטן־לאגער האָט ער געבעטן, מען זאָל אים ברענגען א ביסל וואסער און צוגעזאָגט א העלפט פון זיין ״עולם הבא״ דעם, וואָס וועט אים ברענגען דאָס ביסל וואסער. אלע האָבן געמיינט, אז ער וויל דאָס וואסער טרינקען, אָבער ר׳ מענדל האָט זיך געוואשן די הענט, געזאָגט ווידוי און אזוי איז ער אריין אין קרעמאטאָריע אין חודש מנחם אב שנת תש״ב.

יצחק איצקאָוויטש



ער איז געווען אן איבערגעגעבענער און ערלעכער מענטש, א מענטש פון אמת און מוט, וואָס האָט אין אלע זיינע מעשים זיך אויסגעצייכנט מיט זיין ציל צו טאָן גוטס פאר גאָט און פאר לייט.

ער איז געווען פון די גרינדער און פירער פון "פועלי אגודת ישראל", אָבער אין זיינע מעשים האָט ער נישט געוואָלט וויסן פון קיין פארטייאישע גרענעצן און דערפאר איז ער געווען באליבט און געשעצט ביי אלעמען.

ער איז געווען א מיטגליד אין קהילה־ראט אלס פאָרשטייער פון "פועלי אגודת ישראל" און אויך געווען אקטיוו אין "לינת הצדק" און "גמילת חסדים". אָבער בעיקר האָט ער זיך אָפּגעגעבן דעם חינוך פון דער יוגנט און שול־עלטער. ער איז געווען א גוטער רעדנער און זיינע ווערטער האָבן געטראָפן צו א סך הערצער.

ער האָט זיך פארנומען מיט די באדערפענישן פון די רעליגיעזע ארבעטער, די איבערגעגעבענע און ערלעכע יידן.

ער האָט געשטרעבט עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל, זיך צו באטייליקן אין אויפבוי פון לאנד און ער האָט אהינגעשיקט זיין זון צוצוגרייטן דעם באָדן פאר אים מיט דער משפחה. ער האָט אָבער דערצו נישט זוכה געווען. דאָס פוילישע יידנטום איז געוואָרן אומגעבראכט.

ביים גירוש פון די קאלישער יידן איז ער מיט זיין משפחה פארוואָגלט געוואָרן קיין לאָדזש און ארויסגעפירט געוואָרן פון געטאָ מיט איינעם פון די לעצטע "טראנספּאָרטן".

דוב בעריש בוימגאָלד



ר' בעריש בוימגאָלד, דער איידעם פון ר' יצחק אדער ז"ל פון קאליש, איז געווען א פאבריקאנט פון שפּיצן און דערנאָך באנק־דירעקטאָר. ער איז געווען א תלמיד־חכם, געבענטשט מיט לעבנס־חכמה און געהערט צו די אָנגעזעענע אלעקסאנ־דערער חסידים.

זיין אויסזען האָט עדות געזאָגט, אז ער איז א תלמיד־חכם. ער האָט זיך געקליידט ציכטיק און זיינע מלבושים זענען געווען אָן א פלעק. ער איז געווען אן עניו און א נח לבריות. מען האָט אים גערופן: "דער זיידענער יונגערמאַן". זיין פרייע צייט האָט ער אָפּגעגעבן צו לערנען תורה און חכמה. נאָך אין זיין יוגנט איז ער געווען באקאנט אלס א מענטש "מיט פעיקייטן". מען האָט אים צוגערעדט צו ווערן א קהילה־פרנס און צו פארנעמען אָפיציעלע אמטן, אָבער ר' בעריש איז אנטלאָפן פון כבוד און רום. אלץ האָט ער געטאָן אין דער שטיל, באשיידן. ער האָט קיין מאָל נישט באליידיקט קיין מענטש און קיינעמען נישט פארשאפט קיין צער.

זיין כח און ענערגיע האָט ער געווידמעט צו דערציען זיינע קינדער אין תורה, דרך־ארץ און וויסנשאַפט.

ער איז געווען א חובב ציון און זיין שטרעבונג איז געווען עולה צו זיין צוזאמען מיט דער משפחה קיין ארץ־ישראל. אין 1934 האָט ער טאקע עולה געווען צוזאמען מיט זיין משפחה און זיך מפרנס געווען ווי א בוכהאלטער.

ער איז נפטר געוואָרן מיט א גוטן נאָמען אין תל־אביב י״ב מרחשון תשכ״ו און געבראכט געוואָרן צו קבורה אויפן הר־המנוחות אין ירושלים.

ער האָט געלאָזן נאָך זיך 3 זין, וועלכע וווינען אין תל־אביב.

א. ב.

טרייטל גרין

ווי א לעגענדע איז טרייטל גרין געגאנגען איבער די גאסן אין קאליש. אלע האָבן אים געקענט און די קינדער האָבן אָנגעוויזן אויף אים. ער האָט זוכה געווען צו זיין אין די אויגן פון די קאלישער יידן דער סימבאָל פון יידישער גבורה. מיט וואָס האָט טרייטל גרין זוכה געווען דערצו?

די קאלישער יידן האָבן געוווּסט דעם ענטפער אויף דער פראגע. די לעגענדע, וואָס איז געווען פארבונדן מיט זיין נאָמען, איז געוואָרן געוועבט אין משך פון צענדליקער יאָרן.

די זקנים אין שטאט האבן דערציילט וועגן פאגראם, וואס גויים האבן געמאכט איבער די יידן אין קאליש, און זיי זענען דערגאנגען ביזן הויז פון רב ר׳ חיים אליעזר וואקס ("נפש חיה").

דער קצב טרייטל גרין מיט זיינע דריי זין האָבן, באוואָפנטע מיט אייזנס, זיך געשטעלט, ווי א לעבעדיקע צוים צווישן די פאָגראָמשטשיקעס און דעם רב, און אים אָפגעראטעוועט פון טויט.

די זקנים אין שטאָט האָבן דערציילט וועגן פאָגראָם, וואָס גויים האָבן געמאכט איבער אריכות ימים, און ער האָט טאקע דערגרייכט דעם טיפן עלטער פון 109 יאָר. ביזן טאָג פון זיין טויט אין יאָר 1921 פלעגט ער גיין אין בית־מדרש מיט א זיכערן טראָט און מיט אן אויפגעהויבענעם קאָפ.

יידישע קינדער האָבן ליב געהאט צו הערן טרייטלס דערציילונג וועגן ראטעווען דעם רב. זיי פלעגן אים ארומרינגלען אין גאס, שטעלן שאלות און מיט שפאנונג געהערט זיינע ענטפערס.

די דערציילונג וועגן דער העלדישקייט פון טרייטל גרין האָט א ביסל אויסגעגלייכט זייערע פלייצעס אין דעם פינצטערן גלות. מיט די אייגענע אויגן האָבן זיי געזען א יידישן העלד און זיי פלעגן איבערחזרן זיינע ווערטער: "ווען מען שלאָגט, לאָז דיך נישט".

אזא איז געווען טרייטל גרין, די לעבעדיקע לעגענדע פון יידישן קאליש.

ב. ט.

אריה דיאמאנט



אריה האָט עולה געווען קיין ארץ־ישראל אין יאָר 1923 צוזאמען מיט א גרופּע זיינע חברים פון "השומר הצעיר" אין קאליש. ער האָט געארבעט אין מחניים און אין אנדערע ערטער אין גליל העליון. אין יאָר 1925 איז די גרופּע איבערגעגאנגען אין עפולה, און מיט נאָך חברים האָבן זיי געגרינדעט דעם קיבוץ השומר הצעיר ד׳, וואָס האָט זיך פאראייניקט מיטן קיבוץ השומר הצעיר ב׳, משמר העמק, ווו ער איז געווען א חבר ביז זיין טויט.

זינט דעם טאָג ווען דער קיבוץ האָט זיך באַזעצט אין משמר העמק, האָט אריה דיאמאנט זיך אָפּגעגעבן מיט די זיכערהייטס־ענינים און געווען דער מוכתר פונעם קיבוץ בעת דעם בריטישן מאנדאט. זייענדיק אויפן דאָזיקן אמט האָט ער געמאכט שטארקע פארבינדונגען מיטן אראבישן ישוב אין דער סביבה און מיט ווייטערע ישובים.

אריה איז געשטאנען בראש פון דער פארטיידיקונג פון משמר העמק בעת דעם גרויסן אָנגריף אין יאָר 1929. ער האָט אויך אָנגעפירט מיט דער פארטיידיקונג פון משמר העמק בעת די געשעענישן פון תרצ״ו (1936—39) און גענומען אן אקטיוון אנטייל אין פאַרמירן די פארטיידיקונג פון דער גאנצער געגנט.

אין די יאָרן פון דער מלחמה און שפּעטער האָט ער געארבעט אין "הגנה" און איז געווען פאראנטוואָרטלעך אויף דער באוואכונג. נאָכן אנטשטיין פון דער מדינה איז ער אריינגעטראָטן אין דער משטרה אלס אָפיציר און געווען קאָמענדאנט פון דער פּאָליציי אין באר־שבע, חדרה און עכו.

נאָכן צוריקקומען אהיים האָט ער פארנומען דעם אמט פון בויונג־קאָנצענטרירער אין דער צייט ווען מען האָט געבויט א סךווירטשאפטלעכע און וווינונגס־בנינים און ער האָט א סך בייגעשטייערט צום פאַרמירן דעם אויסזען פון קיבוץ.

64 יאָר איז ער אלט געווען ווען ער איז געשטאָרבן דעם 21סטן פעברואר 1967. ער האָט איבערגעלאָזט א מוטער, א פרוי, א זון, א טאָכטער און אייניקלעך — אלע אין משמר העמק.

"...פון מאָל צו מאָל ווערט דורכגעבראָכן דער לעבנס־קרייז פון די ראשונים, וועמענס לעבנס־אינהאלט עס איז געווען — קעמפן, בויען און אויפברענגען דעם קיבוץ און זיינע ווערטן, אהער, אין א ווינקל פון היימלאנד, אין משמר העמק. אריהס ספּעציעלע אויפגאבע צווישן אונדז איז געווען זיכערהייט, די פארברייטערונג און פארטיפערונג פון דער פריינד־שאפט מיט די שכנותדיקע אראבער.

נאָענט צו א יובל יאָרן איז אריה געגאנגען מיט אונדז אומעטום, און אויפן לעבנס־וועג, וואָס מיר האָבן אויסגעווילט..."

ע. ה.

לעאון דאנציגער



ער איז געבוירן געוואָרן אין אָנהייב פון די 90ער יאָרן אין פאַריקן יאָרהונדערט אין דער באוווסטער אָנגעזעענער האלב־אסימילירטער משפחה פון די דאנציגערס. ער האָט באקומען א וועלטלעכע דערציאונג. אלס קינד איז ער קראנק געוואָרן אויף א שטארקער אָנצינדונג, פון וועלכער מען האָט אים קוים אָפגעראטעוועט. אָבער איין אויג האָט ער פארלאָרן.

אין דער קאלישער גימנאזיע רעכנט ער זיך פאר זייער א פעיקן שילער. דאָרט שליסט ער זיך אָן אין דער גרופּע, וועלכע פירט א סאָציאליסטישע ארבעט צווישן די שילער. אין יאָר 1905 איז לעאָן דאנציגער אקטיוו אין "קליינעם בונד". זיין טעיקייט האָט ער געפירט אין פויליש. אין יאָר 1911 איז לעאָן דאנציגער איינער פון די גרינדער פון קאלישער טורן־און ספּאָרט־פאראיין. אויך דאָ איז לעאָן דאנ־ציגער דער געזעלשאפטלעכער און סאָציאליסטישער טוער.

אין די יאָרן 19—1918, ווען אין קאליש שאפט זיך דער ארבעטער־ראט, איז לעאָן דאנציגער איינער פון די אָנגעזעענע מיטגלידער אין עקזעקוטיוו פון ארבעטער־ראט.

אין דער זעלבער צייט פארנעמט ער דעם אמט פון סעקרעטאר פון דער יידישער קהילה. ווען אין קאליש ווערט געשאפן, אין יאָר 1918, דער ערשטער שטאָטראט, איז לעאָן דאנציגער דער פאָרשטייער פון "בונד" אין שטאָטראט, און פון דאן אָן געהערט דאנציגער צו אלע געוויילטע שטאָטראטן. ער רוקט זיך ארויס אלס א פירער פון די סאָציאליסטישע ראטמענער און אין איניקע שטאָטראטן ווערט ער געוויילט אלס סעקרעטאר פון שטאָטראט.

די סאָציאליסטישע פראקציע פארלאנגט פון אים, אז ער זאָל ווערן איינער פון די סאָציאליסטישע לאווניקעס, אָבער צוליב פערזענלעכע טעמים זאָגט ער זיך אָפּ. ער שטייט בראש פון דער יידישער קולטור־געזעלשאפט "צוקונפט", העלפט מיט שאפן די ערשטע קינדערהיים א. נ. וול. מעדעם. א דאנק זיין ענערגישן קאמף אין שטאָטראט אנערקענט מען דאָס סובסידירן די קינדערהיים און שפּעטער דאָס יידישע שול־וועזן אין קאליש.

איבער 30 יאָר איז לעאָן דאנציגער געזעלשאפטלעך טעטיק. ער איז ביי אלעמען זייער באליבט און געאכט.

אין די צוואנציקער יאָרן געהערט ער צום ביוראָ פון בונדישע ראטמענער אין פוילן, ער ווערט פאָרגעלייגט פון "בונד" אלס קאנדידאט צום פוילישן סיים, אָבער ער זאָגט זיך אָפּ.

די לעצטע יאָרן איז ער אומפארטייאיש, ער געהער אָבער צום שטאָטראט. הארט פארן אויסבראָך פון דער מלחמה טרעט ער צו צו דער בירגערלעכער פראקציע פון שטאָטראט.

נאָכן אויסבראָך פון דער מלחמה מוז ער תיכף פארלאָזן קאליש. די דייטשן זוכן אים. ער אנטלויפט אין ווארשעווער געטאָ — און דאָרט קומט ער אום.

י. ה.


שמעון האראנטשיק

געבוירן אין וויעלון אין יאָר 1889 אין אן אָרעמער חסידישער משפחה. צו אכט יאָר איז ער געוואָרן פאריתומט און אוועק צו זיין זיידן, א קאָצקער חסיד. נאָכן זיידנס טויט האָט ער זיך אומגעקערט צו זיין מאמען און געלעבט ביי איר אין דחקות. געלערנט אין בית מדרש און אין ישיבות. אין עלטער פון 17 יאָר האָט ער אָנגעהויבן ארבעטן אלס שטיקער אין א שפּיצן־פאבריק.

זיין ערשטע ליטערארישע ארבעט האָט ער פארעפנטלעכט אין 1916 אין „לאָדזער טאָגבלאַט". אין די יאָרן 1918—1920 האָט ער פארעפנטלעכט לידער אין א ריי צייטשריפטן. דערנאָך האָט ער געשריבן בלויז פראָזע — דערציילונגען און ראָמאנען.

צווישן זיינע וויכטיקסטע שאפונגען: „פארפלאָנטערטע וועגן", „אין גערויש פון מאשינען", „1905", „מאסן", „זומפ", „זינד", „דאָס הויז אויפן בארג", „צוויי וועלטן", „דאָרט ווו דער זשיראנד פאלט אריין אין ים", „שטארקע מענטשן". אין זיין בוך „ביים שוועל", אן אויטאָביאָגראפישער ראָמאן, ברענגט ער ארויס געשטאלטן פון יידן און נישט יידן אין פוילן און אנדערע לענדער פון אייראָפּע צווישןביידע וועלט־מלחמות. זיין לעצט בוך איז געווען א זאמלונג דערציילונגען א. נ. „די פרינצעסן". עטלעכע יאָר האָט ער געוווינט אין פאריז און אין בעלגיע. אין 1939 איז ער צוריקגעקומען קיין פוילן און אריין ארבעטן אין רעדאקציע פון ווארשעווער „מאָמענט". ער האָט דאָרט אָנגעהויבן דרוקן זיין נייעם ראָמאן „א יונג ווייב". אָנהייב סעפטעמבער, ווען די דייטשן האָבן באמבארדירט ווארשע, איז ער אנטלאָפן אין דער ריכטונג צו ווילנע. דערוויסנדיק זיך אויפן וועג, אין קאלושין, אז די דייטשן האָבן שוין אָפּגעשניטן דעם וועג, איז ער באגאנגען זעלבסטמאָרד.

יוסף משה העבער



יוסף משה העבער האָט געארבעט אלס באאמטער אין זנאמיראָווסקיס האָלץ־געשעפט. דער אייגנטימער, זיין שווער, האָט געגנאָסן פון זיין איניציאטיוו, ענערגיע און איידלקייט אין די באציונגען מיט מענטשן. ער איז געווען א הארציקער מענטש, אלע זענען געווען פון אים צופרידן, אָבער ער אליין איז פון זיך נישט געווען צופרידן. ער איז נישט געווען געבוירן צו זיין א סוחר. אים האָט מער געצויגן צו העלפן אנדערע.

אין אָנהייב פון די צוואנציקער יאָרן האָט ער אָנגעהויבן ווידמען זיין פרייע צייט פאר דער טעטיקייט אין „צעירי אגודת ישראל". ער האָט זיך אויסגעצייכנט צווישן זיין סביבה. כאָטש ער האָט באקומען בלויז א טראדיציאָנעלע דערציִונג, האָט ער געלערנט פויליש און דייטש. ווען עס איז אנטשטאנען דער „קליינהענדלער־פאראיין" לויט דער איניציאטיוו פון „אגודת ישראל" האָט מען העבערן פאָרגעלייגט, אז ער זאָל דאָרט ווערן סעקרעטאר. הגם דער לוין איז געווען א קליינער, האָט ער דעם אמט אָנגענומען.

דאָס איז געווען א שווערע צייט אינעם לעבן פונעם יידישן סוחר. די שווערע שטייערן און די דיסקרימינאציע האָבן געשטעלט אין געפאר זיין עקזיסטענץ און זיין פרנסה. באזונדערס שווער איז געווען די לאגע פונעם קליינהענדלער. יוסף משה העבער האָט אָנגעהויבן פירן א קאמף פאר דער עקזיסטענץ פון יידישן סוחר און הענדלער.

ביי דעם אנטשטיין האָט דער פאראיין געציילט בלויז עטלעכע צענדליקער מיטגלידער. נאָך עטלעכע חדשים האָט די אָרגאניזאציע ארומגענומען טויזנטער מיטגלידער — פון אלע פאָלקסשיכטן און פון אלע פארטייען. פון 4 נאָך מיטאָג ביז שפּעט ביי נאכט זענען די סוחרים געזעסן אין א לאנגער ריי און געווארט אויף א געשפרעך מיטן סעקרעטאר: איינער וויל אן עצה, דער צווייטער — הילף. אלעמען קומט מען אנטקעגן לויט די מעגלעכקייטן. אז א סך יידן האָבן זיך פארזאמלט ביי א רעגירונגס־אמט, האָבן די באאמטע שוין געוווּסט, אז באלד וועט דער „פאַן העבער" קומען אהער. ער איז טאקע ארומגעלאָפן פון אמט צו אמט, פארקלענערט א שטייער, באקומען א דערלויבעניש, מבטל געמאכט א סעקוועסטער, באפרייט

פון ארעסט. זיין איבערגעגעבנקייט און צוגעבונדנקייט צו זיין אויפגאבע האָט ארויסגערופן אכטונג ביי די גויים און רעגירונגס־באאמטע, און על פי רוב פלעגן זיי פּאָזיטיוו דערליידיקן זיינע ווענדונגען. הגם ער איז געווען א טרייער מיטגליד פון "אגודת ישראל" האָט ער נישט באוואוּלט קיינעם און נישט גענומען אין באטראכט די פּארטייאישע אָנגעהעריקייט פון דעם, וואָס האָט צו אים זיך געווענדעט.

ביי די וואלן צום שטאָטראט איז יוסף משה אויסגעוויילט געוואָרן מיט א ריזיקער מערהייט און אויף דער ערשטער זיצונג פון שטאָטראט איז ער געוואָרן אויסגעקליבן אלס וויצע־פּאָרזיצער. פון דאן אָן פלעגן שטיין גאנצע רייען יידן ביי דער טיר פון שטאָט־פּרעזידיום, ווו ביז איצט פלעגן אריינגיין בלויז מיוחסים און גויים. דער וואָזשני פון שטאָטראט איז לכתחילה געווען פאראוונדערט פון דער "זשידאָווסקער חוצפה", אָבער ער האָט שנעל שלום געמאכט מיט דעם, און ווען ער האָט געזען א ייד, האָט ער געמאָלדן: "דער פּאן העבער איז נאָך נישטאָ" אָדער "באלד וועט ער קומען".

נאָך דער מאַי־איבערקערעניש האָט די רעגירונג באשטימט א געזעץ וועגן געגנטלעכע וואלן, לויט וועלכן דער וויילער האָט געשטימט פאר א פּערזאָן און נישט פאר א ליסטע. כדי נישט צו צעברעקלען די יידישע שטימען צווישן די אָפּאָזיציע־פּארטייען, האָט די רעגירונג ארויסגעשטעלט העבערס קאנדידאטור אין דער רעגירונגס־ליסטע. עס איז קלאָר געווען, אז די יידן וועלן שטיצן זייער קאנדידאט. אָבער די אנטיסעמיטן איז געלונגען איבערצוציען די קריסטלעכע וויילער, דאן 80 פּראָצענט פון די שטאָט־איינוווינער, אז זיי זאָלן נישט שטימען פאר א ייד, און העבער איז אדורכגעפאלן. אָט דער דורכפאל האָט אים נישט דערשלאָגן, ווארעם לויט דער צאָל שטימען איז געווען קלאָר, אז אויך די בונדיסטן און די ציוניסטן האָבן געשטימט פאר אים. אָט דער צוטרוי פון דער גאנצער קהילה איז געווען זיין בעסטע באלוינונג. דאן איז ער געוואָרן געוויילט אלס יושב ראש פון קהילה־ראט, וואָס האָט אין פארמלחמהדיקן פוילן פארמאָגט ברייטע מוניציפּאלע פולמאכטן און נישט געווען באגרענעצט בלויז צו רעליגיע־ענינים.

די וואלן פון א יושב ראש אין קהילה־ראט זענען געווען באגלייט פון א דויערדיקן קריזיס. קיינער אויסער העבער איז נישט געווען אין שטאנד צו באקומען די נויטיקע מערהייט.

אין די דרייסיקער יאָרן, ווען היטלער האָט ארויסגעטריבן די יידן קיין זבאנשין, האָט העבער זיך געשטעלט בראש פון דער הילפס־טעטיקייט פאר די פּליטים אין פונעם בויקאָט אויף היטלער־דייטשלאנד. אין 1939, ווען די דייטשן זענען אריין קיין קאליש, האָבן זיי אים געזוכט, אָבער זיי האָבן אים נישט געפונען.

יוסף משה העבער האָט פארנומען דעם אמט פון קהילה־פּרעזעס ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. נאָך דעם אריינדרינגען פון די דייטשן, איז ער אוועק אין וואַרשעווער געטאָ. אויך דאָרט האָט ער געזאָרגט פאר זיינע בני־עיר און באמיט זיך צו באזאָרגן זיי מיט שפּייז־פּראָדוקטן. ער איז אומגעקומען מיט אלע יידן, און קיינער ווייסט נישט, ווו זיין קבר געפינט זיך.

מיינע באגעגענישן מיט קאלישער אין געטאָ

איך האָב אָנגעפירט אין יענער צייט מיט א פּאַלקסקיך פון דער יידישער סאָציאַלער אליינ־הילף אין לאָקאַל אויף לעשנאָ 40, וואָס האָט באלאנגט צום קליינהענדלער־פארבאנד. יוסף משה העבער, וועלכער איז געווען פאר דער מלחמה א מיטגליד פון דער צענטראַל־פארוואלטונג פונעם דאָזיקן פארבאנד, האָט זיך פארשריבן אלס קאָנסומענט אין אונדזער קיך און ער האָט געזאָרגט דערפאר צו פארשרייבן אין דער זעלבער קיך אנדערע עסקנים און פּליטים פון זיין שטאָט.

זינט די ווינטער־חדשים 1939—40 ביז אויגוסט 1942, פלעג איך אים זען אין לאָקאל אויף לעשנא 40 כמעט יעדן טאָג — אָדער ביי אונדז אין קיך, אָדער אין ביורא פון דעם פארבאנד, וואס איז געווען טעטיק אין דער צייט פון אָקופאציע אלס צענטראלע פאר די פארטיילונגס־געוועלבער מצד דעם יודענראט. אין די דעמלטיקע הונגער־טעג האט זיך אונדזער קאָנטאקט מיטן ראש פון דער קאלישער עדה אין ווארשע געדרייט ארום די ענינים פון א פאָרציע זופּ. מיט כלרליי אָפיציעלע און נישט אָפיציעלע מיטלען האט העבער געקעמפט און געשטרעבט דערצו, אז די זופּ פון אונדזער קיך זאָל אָנקומען צום ווייט גרעסטן טייל פון די קאלישער פליטים. ער האט אויסגענוצט זיינע פערזענלעכע זכויות אלס מיטגליד פון דער קליינהענדלער־צענטראלע, ער האט מאָביליזירט די פראָטעקציע פון דעם סעקרעטאר און אפילו פון דעם פרעזעס פון פארבאנד, אדוואקאט זונדעלעוויטש. קודם כל האט ער אבער אויסגעאיבט א פערזענלעכן דרוק אויף דער לייטערין פון דער קיך. ער האט מיר צוגעשיקט ידידי־בריוולעך און צעטעלעך, ער פלעגט מיר קומען דערציילן די ידיעות פון געהיימען ראדיאָ און אפילו די בייסטע וויצן און אנעקדאָטן, וואָס זענען ארומגעגאנגען אין געטאָ און אלץ, כדי איך זאָל "האָבן א גוט הארץ אויף יידן" — אויף זיינע יידן.

ער שטייט מיר פאר די אויגן, העבער, ווי איך וואָלט אים ערשט נעכטן געזען. די האלטונג און הולך פון א ייד — א סוחר, א שומר דת ומסורת. נישט געקוקט דערויף, וואָס עס איז דעמאָלט געווען געפערלעך, אפילו אָן דער באָרד און בעקעשע, צו לאָזן זיך דערקענען אלס א רעליגיעזער ייד. שטענדיק ענערגיש און אקטיוו — א שתדלן פון אלטן חדר און א מאדערנער כלל־טוער אין דער זעלבער צייט. נישט געקוקט אויף די גמרא־ווערטלעך און דעם למדנישן נוסח פון זיין זאפטיקן יידיש, האט העבער ביי א געלעגנהייט ליב געהאט א גלאנץ צו טאן מיט זיין ריינעם, געשליפענעם פויליש. וועגן וואס מען זאל אבער נישט רעדן, וואס פאר א טעמעס מען זאל נישט בארירן, איז דער סוף־פסוק תמיד געווען איינער און דער זעלביקער: נאָך און נאָך א טעלער זופּ פאר איינעם א מענטש, אדער פאר א גאנצער משפחה פון די בני קאליש.

פון די קאלישער פליטים, וואס זענען געווען צוגעשריבן אלס קאנסומענטן צו דער קיך אויף לעשנא 40, איז מיר פארבליבן אין זכרון אויך דאס פאָרפאָלק נאגורסקי. אויך זיי האבן זעט אויס געהערט צו די עסקנים און מיוחסים פון קאלישער יידנטום. מיט פרוי נאגורסקא האב איך זיך זייער באפריינדעט. זי האט ארויסגערופן צו זיך א געפיל פון אכטונג און סימפּאטיע מיט דער ווירדיקער און רואיקער האלטונג, מיט וועלכער זי האט געטראגן דעם גורל פון א פליטה. זי האט זיך קיין מאל נישט אראפּגעלאזט צו דער מדרגה פון בעטן עפּעס א ספּעציעלע טובה פאר זיך אָדער פאר איר מאן. איך געדענק דעם שמץ פון עלעגאנץ, וועלכע זי האט באוויזן אויפצוהיטן אין איר זארגעוודיק פארקעמטער גרויער פריזור, אין וועלכן זי פלעגט צו אונדז קומען.

אן אָפּטימיסטישער, פריינדלעכער שמייכל האָט געשוועבט אויף אירע ליפּן, ווען זי האָט גערעדט מיט מענטשן. איין מאָל האָט זי מיר אפילו געבראכט א געשאנק — א צוויגל בעז, וואס זי האָט באקומען, איך ווייס נישט פון וואנען. און אזא איז זי פארבליבן אין מיין זכרון — די דאזיקע ליידי פון די קאלישער פליטים — אן איינגעהילטע אין ריח פון בעז און איידלקייט — אין מיטן פון דעם הונגער און נויט, פון שמוץ און קעלט, פון מגיפה און אונטערגאנג, אין וועלכן עס זענען געזונקען די פליטים־מחנות אין געטאָ ווארשע, און וועלכע האט נאך איבערגעשטיגן די פּיין און מצוקה פון די מאסן ווארשעווער, אָרטיקע יידן.

סיי די משפחה העבער און סיי די משפחה נאגורסקי זענען פארשוואונדן פון דער קיך אויף לעשנא שוין אין דער ערשטער וואָך פון דער גרויסער גירוש־אקציע, וואָס האט זיך אָנגעהויבן דעם 22סטן יולי 1942. זיי זענען, זעט אויס, ארויסגעפירט געוואָרן קיין טרעבלינקע אין די ערשטע טעג אויגוסט.

הי"ד.

רחל אויערבאך

שיפס־קאפיטאן אברהם הראל (האמבורג)



געבוירן אין קאליש דעם 2טן סעפטעמבער 1932 ביי יעקב לייב און חיה אסתר האמבורג, וועלכע האָבן געוווינט אין קאליש ביז דער מלחמה.

אברהם און זיין שוועסטער שרה זענען אנטלאָפן קיין רוסלאנד אין 1939 צוזאמען מיט זייער משפחה און די פאמיליע ווייסבראָד, דער מוטערס שוועסטער. אברהם האָט עטלעכע יאָר זיך געפונען אין רוסלאנד און נאָכן טויט פון זיין פאָטער, האָט מען אים צוזאמען מיט א גרופע קינדער, אוועקגעשיקט דורך טעהעראן קיין ארץ־ישראל צו דער פאמיליע מאראָקאָ, זיין מוטערס ברודער. אברהם איז געווען אן אביטוריענט פון דער שול כדורי און געדינט אינעם ים־פלאָט. נאָכן ענדיקן די מיליטער־דינסט איז ער אריבער אין האנדלס־פלאָט און דערגרייכט דעם ראנג פון שיפס־קאפיטאן. ער איז אומגעקומען אין דער שיף ״השלושה״.

מ. מ.

אברהם וואלקאָוויטש



אברהם וואָלקאָוויטש — געבוירן אין קאליש. אין יאָר 1905 קומט ער מיט זיין פרוי קיין אמעריקע ווו ער ווערט זייער אקטיוו און מיט א יאָר שפּעטער ווערט ביי אים אין הויז געשאפן די קאלישער ״פראָגרעסיוו יונג מען״.


אין 1909 פאָרט ער מיט זיין גאנצער משפחה צוריק קיין קאליש. אין דער ערשטער וועלט־מלחמה שליסט ער זיך אָן אין דער פועלי ציון פארטיי און ווערט דאָרט איינער פון די אקטיווסטע טוער ניט נאָר אין דער פארטיי, נאָר בכלל אין דעם אלגעמיינעם יידישן געזעלשאפטלעכן לעבן. ער איז געווען דער פאָרשטייער פון פועלי ציון אין שטאָטראט און אין קהילה־ראט.

פאר דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווערט אברהם וואָל־קאָוויטש דער פאָרזיצער פון דעם פאָלקס־קאָמיטעט צו העלפן די יידן אין זבאָנשין. דורך אים טאקע איז געקומען דער ערשטער רוף אויף הילף פון דעם קאָמיטעט אין זבאָנשין צו דעם קאלישער אומפארטייאישן רעליף אין אמעריקע, וועלכער האט באלד ארויסגעשיקט די ערשטע הילף.

בעת דעם היטלער־חורבן זענען אין די געטאָס אומגעקומען אברהם, זיין פרוי, צוויי פארהייראטע זין און א טאָכטער מיט איר קינד. דריי טעכטער זענען געבליבן לעבן ווי׳ דורך א נס און זיי האבן חתונה געהאט מיט ישראל דיאמענט, מאקס סמאָלען — אין אמעריקע און עלי וואָלקאָוויטש — אין פראַנקרייך.

פרץ וואָלטער

ר׳ נח זאלודקאווסקי



— — — ס׳איז מוצאי שבת פאר די ערשטע סליחות, אין דער קאלישער גרויסער שטאָטשול איז פינצטער, חוץ דער נר־תמיד ברענט נישט קיין ליכט. די שול איז געפאקט, דער עולם איז געשפאנט, די משוררים שטייען שוין אויף דער בימה, מ׳ווארט אויפן חזן.

מ׳הערט פון דער וויטן: מאכט פלאץ, מאכט פלאץ, דער חזן קומט. איטשע באס (דער שמש ראשי) גיט א קלאפ אין שולחן, ס׳ווערט שטיל, א ייגגעלע מיט א זיס אלט־שטימעל הייבט אָן "למנצח" און דער כאָר ענטפערט "למנצח בנגינות מזמור שיר". דער חזן ר׳ נח הייבט אָן "והוא רחום" מיט זיין ווייכער זיסער שטימע. ס׳פאלט אן אימה אויף די מתפללים. מ׳פילט, אז דער יום־הדין איז נאָענט. זיין נגינה דרינגט אריין אין די הערצער פון די צוהערער, ברענגט ארויס טרערן ווען ער בעט מיט כוונה: "המלך יעננו ביום קראנו". —

נישט ווייט פון שול, אריבער דער בריק איבער דער פראָסנע, אויף נאָווא גאס נומער 2, וווינט די פאמיליע זאלודקאָווסקי, די פאמיליע באשטייט פון ר׳ נחן, איינער פון די אָנגעזעענסטע חזנים אין דער פלעיאדע פון די ספעציפיש־יידישע און גלייכצייטיקע מאָדערנע חזנים, וועלטבארימטער נעים זמירות ישראל, פארנעמט איבער 40 יאָר דעם אמט אלס שטאָט־חזן; זיין פרוי רחל, א גוטהארציקע יידישע מאמע; פינף טעכטער און פיר זין. די פראָבן קומען פאָר 4—3 מאָל אין וואָך אין הויז פון ר׳ נחן. יעדעס מאָל ווען א פראָבע איז אָפגעהאלטן געוואָרן, האָט זיך אויפגעקליבן אן עולם פון מנגנים הינטער די פענצטער, בחורים פון בית המדרש, שטיקערס און פעדלערס פון די פאבריקן, און מ׳האָט זיך צוגעהערט צו די נייע קאָמפאָזיציעס, וואָס דער חזן האָט איינשטודירט מיט די משוררים. זייער אָפט ווען מ׳איז פארבייגעגאנגען די פאבריקן פון ר׳ יצחק אדער, הירש שייניק, מייזנער, פרענקעל און נאָך אנדערע, פלעגט מען הערן די שטיקערס מיט די פעדלערס זינגען דעם נייעם "לכה דודי" אָדער דעם נייעם "יחדשהו", איידער דער חזן מיט די משוררים האָבן עס געזונגען אין שול.

דאָס הויז פון ר׳ נח זאלודקאָווסקי איז געווען א בית ועד לחכמים, שטענדיק איז די טיר געווען אָפן פאר רבנים, חזנים, מגידים, וואָס זענען געקומען פון די ארבע כנפות הארץ. ר׳ נח האָט זיי אויפגענומען בסבר פנים יפות. דער סאמאָוואר איז שטענדיק געשטאנען אויפן טיש, און די פארע מיט די פונקען פון דעם קאָכעדיקן סאמאָוואר האָט געשאפן א געמיטלעכע שטימונג. ביי א גלאָז טיי פלעגט מען שמועסן איבער תורה, מוזיק, וויסנשאפט און סתם וועלט־זאַכן.

ר׳ נח זאלודקאָווסקי איז געווען באפריינדט מיט די גרעסטע פערזענלעכקייטן סיי יידישע, סיי קריסטלעכע. ער איז געווען א רודף אחר השלום און ער האָט אָפט מיט זיין איינפלוס געווירקט לטובת השלום.

אין יענער צייט ווען ראדיאָ און טעלעוויזיע האָט נישט עקזיסטירט, און קאָנצערטן זענען אין קאליש זייער זעלטן פאָרגעקומען, איז די גרעסטע אטראקציע געווען די שטאָטשול, ווו ר׳ נח מיט זיינע משוררים האָבן געגעבן אמתע קאָנצערטן, דער עולם האָט די גאנצע וואָך געווארט אויף פרייטיק אָוונט, און אויף שבת, און די שול איז געווען געפאקט מיט מענער, פרויען און קינדער.

דעם 14טן אויגוסט 1914 האָט דער רוסישער גארניזאָן פארלאָזט קאליש. א שרעק איז געפאלן אויף דער יידישער באפעלקערונג. די דייטשע פאטראָלן זענען אריינגעקומען קיין קאליש און געקלעפט אויף די ווענט פארשידענע באקאנטמאכונגען און באשטימונגען. איין נאכט האָט מען ארויסגענומען פון די בעטן 1200 יידן. מ׳האָט זיי פארבונדן די אויגן און אוועקגעפירט אויף א פעלד. דאָרט האָט מען זיי אויפגעבונדן די אויגן, כדי זיי זאָלן זען

די שרעקלעכע סצענע ווי מ׳האט אין פעלד דערשאסן דעם באקאנטן ציוניסט ר׳ לייזער משה קאהן, זיין זון און דעם 5־יאריקן אייניקל.

איין נאכט זענען די פאטראלן געקומען זוכן דעם קאלישער רב ר׳ יחזקאל ליבשיץ זצ״ל, ער איז ניצול געווארן דורך א צופאל. ה׳ טיקאטשינער האט אים און זיין פאמיליע מיט אייניקע שעה פריער געגומען צו זיך אויף זיין דאטשע נישט ווייט פון קאליש. ווען ר׳ נח האט געהערט וועגן דעם נס, האט ער זיך מיט די קינדער באהאלטן ביי נאכט אין א קעלער, און יענע נאכט איז א פאטראל טאקע געקומען אים זוכן, אבער זיי האבן אים נישט געפונען.

דעם זיבעטן טאג פון דער מלחמה, דאס איז געווען פרייטיק, האט די דייטשע ארמיי אנגעפאנגען צו באמבארדירן די שטאט קאליש. און איידער ס׳איז געווען צייט צו בענטשן ליכט, איז דער הימל שוין געווען רויט פון פייער. ר׳ נח מיט זיינע קינדער זענען אראפ אין קעלער זיך צו פארהיטן פון די באמבעס, ווען די שכנים האבן זיך דאס דערוווסט, זענען זיי אלע אויך אראפגעגאנגען, און מ׳האט צוזאמען אנגעהויבן זאגן תהילים בקול רם. ר׳ נח איז געזעסן אויף א שטול אין מיטן קעלער, זיינע קינדער ארום אים. די שראפנעלן זענען אן אויפהער געפאלן, קאליש האט געברענט. ס׳האט גענומען טאגן. פלוצלינג האט מען דערזען ווי א מענטש אין טלית און תפילין גייט אראפ די טרעפ צום קעלער און שרייט: ״יידן, קומט ארויס פון קעלער, לאמיר בעסער שטארבן אונטער אפענעם הימל איידער פארברענט צו ווערן אין קעלער״. דאס איז געווען שמשה קנאקער, דער שטאטנאר. קיינעם איז נישט איינגעפאלן צו פארלאזן דעם קעלער. די הייזער ארום האבן געברענט, און שמשה קנאקער דער שטאטנאר איז געווען דער מלאך הגואל. אלע ווי איינער זענען ארויסגעלאפן פון קעלער, געלאפן פון פייער איבער טויטע קערפערס, טויטע פערד אבי צו ראטעווען דעם לעבן.

ר׳ נח מיט 5 טעכטער און 2 זין זענען אזוי געלאפן 40 וויארסט ביז זיי זענען אנגעקומען דעם זעלבן טאג שבת צו מנחה אין שטעטל קלאדאווא, ווו ר׳ נחס תלמיד און קרוב איז געווען חזן און שוחט. ווען זיי זענען אריין אין שול, איז ר׳ נח ארויף צום ארון קודש און א געשריי געגעבן ״אתה אחד ושמך אחד״ און געבענטשט גומל.

אלץ מער און מער פליטים יידן זענען אנגעקומען אין שטעטל, און פון דאנען איז מען געלאפן ווייטער מיט דער האפענונג צו געפינען א מקום מנוחה.

ר׳ נח מיט זיין זון יעקב זענען אריינגעפארן קיין קוטנע, און דארט איז מען געוויר געווארן, אז אין א שעה ארום גייט אפ דער לעצטער צוג קיין ווארשע. די פאמיליע זאלודקאווסקי איז צעטיילט געווארן: ר׳ נח מיט זיין זון יעקב אין ווארשע, די 5 טעכטער און אויך זיין זון יוסף זענען געבליבן אין קלאדאווא, די פרוי מיט צוויי זין אליהו און שאול זענען געווען אין געפאנגענלאגער אין דייטשלאנד.

ווען מ׳איז געוויר געווארן אין ווארשע אז ר׳ נח קאלישער איז געקומען, האבן די פארשטייער פון דער קהילה געמאכט פאר אים א קבלת פנים, די צייטונגען ״דער היינט״, ״דער מאמענט״, די ״הצפירה״ האבן באשריבן די געשעענישן אין קאליש און געמאלדן וועגן דעם אנקום פון דעם תשובן גאסט.

די מענטשן פון דער קהילה אין ראסטאוו־דאן האבן געלייענט די נייעס, אז ר׳ נח איז אין ווארשע, און היות ווי ס׳איז געווען פאר די ימים נוראים, האבן זיי טעלעגראפירט צו ר׳ נחן, און אים איינגעלאדן צו קומען קיין ראסטאוו פארטרעטן ביים עמוד זיין זון. קומענדיק קיין ראסטאוו מיט זיין זון יעקב, איז ר׳ נח אויפגענומען געווארן מיט גרויס פרייד.

די שול סאלדאטסקאיא סינאגאגא איז געווען געפאקט. די מתפללים זענען באגייסטערט געווען, זיי האבן אזעלכעס נאך נישט געהערט. אויף א באנקעט לכבוד דעם גרויסן גאסט, האט דער ראבינער ד״ר גאלדענבערג אין זיין רעדע אויסגערופן: ״ונח מצא חן״, און וועגן זיין זון, דעם חזן פון דער סינאגאגע, האט ער געזאגט: ״איצט ווייסן מיר, אז דער עפל פאלט נישט ווייט פון בוים״.

אין אָקטאָבער 1918 איז ר׳ נח מיט זיין זון יעקב צוריקגעקומען פון רוסלאנד. טויזנטער יידן, מענער, פרויען און קינדער האָבן געשטראָמט אויף דער גאָווא־גאס כדי צו באגריסן ר׳ נחן.

דער עולם האָט ווידער אָנגעהויבן שטראָמען אין שול אריין, כדי צו הערן ר׳ נחן.

די משפחה פון ר׳ נח זאלודקאָווסקי איז במשך די יאָרן צעשפרייט געוואָרן. די 4 זין האָבן געלעבט אין אויסלאנד, די טעכטער האָבן חתונה געהאט. ר׳ נח איז שוואכער געוואָרן, און אין אויגוסט 1931 איז זיין הייליקע נשמה אויסגעגאנגען.

אין לעצטן יאָר פון זיין לעבן האָט ר׳ נח ווייניקער געדאווּנט פארן עמוד; ער האָט אָבער אָנגעשריבן דריי נייע קאָמפּאָזיציעס: 1) ותערב לפניך עתירתנו; 2) השכיבנו; 3) א נייעם ניגון צו ״הנרות הללו״ פאר חזן מיט כאָר.


דעם לעצטן שבועות האָט ער נאָך געדאווּנט פארן עמוד מיטן כאָר און דער קאלישער עולם האָט נאָך יאָרן לאנג געדענקט אָט דאָס דאווענען.

די לוויה פון ר׳ נח איז געווען איינע פון די גרעסטע, וואָס קאליש האָט געזען. די באפעלקערונג פון דער שטאָט און געגנט איז געקומען אין די טויזנטער אָפּגעבן דעם לעצטן כבוד זייער געליבטן פריינד. דער רב ר׳ יחזקאל ליבשיץ האָט געהאלטן א הספד ביים נייעם בית המדרש און דערציילט די גרויסע און גוטע מידות פון זיין פארשטאָרבענעם ידיד.

די לידער און ניגונים פון ר׳ נח זאלודקאָווסקי ווערן געזונגען אין דער גאנצער וועלט, און ווו קאלישער יידן טרעפן זיך צוזאמען.

יעקב זאלוד

שבתאי זיידארף



שבתאי זיידאָרף איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1875. ער האָט געלערנט אין דער ישיבה אין קאָצק און באקומען היתר הוראה אין גראָדזשיסק אלט זייענדיק 16 יאָר. ער האָט געוואָלט ווערן חזן־שוחט, אָבער ער איז נכשל געוואָרן ביים פּרווו פון שחיטה.

נאָך דער חתונה האָט ער א געוויסע צייט געוווינט ביים שווער און געגעסן קעסט. נאָכן ענדיקן די ״קעסט״ האָט ער געלערנט דאָס שטיקעריי־פאך פון דער שפּיצן־פאבריקאציע און פון דאן ביזן רייפן עלטער האָט ער זיך מפרנס געווען פון זיין אייגענער מי.

טראָץ דעם, וואָס ער איז געווען א קאָצקער חסיד, איז ער געוואָרן אריינגעצויגן אין שטראָם פון דער ״חיבת־ציון״־באוועגונג און אריינגעטראָטן אין איר.


פון דאן ביזן סוף פון זיין לעבן האָט ער מיט לייב און לעבן זיך אָפּגעגעבן דער ציוניסטישער באוועגונג. אין משך פון א ריי יאָרן איז ער געווען דער יושב ראש פון קק״ל־קאָמיטעט אין קאליש. ער איז געווען אומדערמידלעך אין זיין ארבעט פארן פאָנד און אפילו אין שפּעטן עלטער פלעגט ער גיין פון שטוב צו שטוב און זאמלען געלט.

ער איז געווען א מיטגליד אין דער פארטיי פון די אלגעמיינע ציוניסטן.

שבתאי זיידאָרף האָט ארויסגערופן דרך־ארץ ביי זיין באַווייזן זיך אין שטאָט און ביים באַטייליקן זיך אין פאָלקס־פארזאמלונגען.

ער האָט געשטרעבט עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל, אָבער דאָס אים נישט באַשערט געווען — ער איז אומגעקומען אין ווארשעווער געטאָ און זיין שיינע געשטאלט איז פארשוווּנדן אויף אייביק.

ר׳ אליהו זינגער



דער זיידע ר׳ אליהו זינגער ז״ל — זיין געשטאלט באַגלייט מיך אויף שריט און טריט. דאָס בילד שפיגלט אָפּ דעם אויסערלעכן אויסזען, אָבער מען פילט פון אים ארויס אויך די גייסטיקע שיינקייט. די אויגן רעדן פאר זיך און זיי דערציילן וועגן א וועלט פון חכמה און פון יידישער הארציקייט.

איך האָב אים קיין מאָל נישט געזען. איך האָב בלויז געהערט דערציילן וועגן אים פון מיין טאַטן און משפחה־קרובים. אָבער אָט די דערציילונגען זענען גענוג כדי איינצוהילן זיין געשטאלט אין א לעגענדע. פאר מיר איז דאָס א לעגענדע, אָבער זיין געשטאלט פארקערפּערט א ייד, וואָס איז א דאנק זיין שיינעם לעבן געקרוינט געוואָרן מיט חכמה, גדולה און מיט א גוטן נאָמען.

ער האָט אין מענטשן קיין מאָל נישט געזוכט דאָס שלעכטע, נאָר באַמיט זיך צו געפינען אין אים דאָס גוטע. כאראקטעריסטיש פאר אים איז געווען דער מעסיקער, שטילער און צוטרוילעכער צוגאנג, ווי דאָס קומט צום אויסדרוק אין א דערציילונג וועגן אים: ווען איינער פון די עולים קיין ארץ־ישראל איז צוריקגעקומען, האָט ער געזאָגט צו אים: ״דו דארפסט זיך שטארקן און נאָך א מאָל עולה זיין, וועט אויף דיר מקוים ווערן דער פסוק וועגן נחס טויב ״וישלח את היונה ולא יספה שוב אליו עוד״ (ער האָט ארויסגעשיקט די טויב און זי איז שוין מער נישט צוריקגעקומען).

דאָ זעט מען נאָך א שטריך און דער געשטאלט פון ר׳ אליהו — די ליבשאַפט צו ציון. דאָס יידישע הארץ און זיין יידיש וויסן האָבן אים דערפירט, אז ער זאָל ווערן נאָענט צו די חובבי ציון און צו די, וואָס זענען עולה אין הייליקן לאנד.

ער האָט זיך אָנגעזאפּט מיט דער יידישער הלכה אין קאליש, דער עיר ואם בישראל. ער איז געווען פון די אויסגעוויילטע תלמידים פון בעל „נפש חיה״ און זיין רבי האָט מיט די אייגענע הענט אים געקרוינט פאר רב אין א שטעטל פון קאלישער קרייז. ער איז געוואָרן איינער פון די רבנים און גדולי התורה אין שטאָט נאָך דעם ווי ער איז געווען רב אין א ריי ערטער, צענטערס פון תורה און חכמה, צווישן זיי — אלעקסאנדער, פשיסכע א״א.

אין קאליש איז ער געווען ראש בית דין און צענדליקער יאָרן — פון די הויפּט־רבנים.

ר׳ אליהו זינגער, דער „מורה הוראה״, ווי די קאלישער האָבן אים גערופן, האָט אָנגעפירט מיט א ישיבה פאר בחורים און אויפגעשטעלט א דור מיט זיינע תלמידים.


זיין משפחה איז געווען א גרויסע. זיינע זין זענען געגאנגען אין זיינע וועגן און געווען באַרימטע תלמידי חכמים. ר׳ אליהו האָט איבערגעלאָזט זיין תורה בירושה צו זיינע קינדער און זיי האָבן פון אים געירשנט אויך די געשטאלט פון ״יידישן מענטש״.

ער איז נפטר געוואָרן י״ח אלול תרפ״ג.

מ. ז.

מענדל בעריש טרויבע

דער לעצטער ראש הקהילה



די משפחה טרויבע איז געווען אן איינגעווארצלטע און אן אנגעזעענע אין יידישן קאליש. זי האט זיך געגרויסט מיט איר עלטערזיידן דעם גאון ר׳ אבעלע חריף ז״ל און זי האט געהערט צו די, וואס האבן אויף זיך געטראגן דעם עול פון ציבור און פון דער קהילה.

ר׳ מענדל בעריש טרויבע, דער לעצטער ראש־הקהל, איז געבוירן געווארן אין קאליש אין יאר 1877. זיין פאטער ר׳ מאיר איז געווען אן איינבינדער פון ספרים. זיין דערציונג האט ר׳ מענדל בעריש באקומען אין חדר און אין ישיבה. פון די יונגע יארן אן האט ער זיך פארנומען מיט א ברייטער געזעלשאפטלעכער ארבעט.

ער איז געווען א פאטריארכאלע געשטאלט. זיין אידעלער אויסזען האט ארויסגערופן כבוד, אבער דערביי האט ער פארמאגט א נאטירלעכע פשטות; ער איז געווען התלהבות־דיק ווי א גלויביקער חסיד, און גלייכצייטיק — א רויקער און געלאסענער מענטש. דאס זענען געווען די שטריכן, וואס האבן כאראקטעריזירט דעם לעצטן ראש־הקהל פון דער קאלישער קהילה.

ער איז געווען א דערפאלגרייכער פאבריקאנט און ער האט געפירט פארצווייגטע געשעפטן, אבער די געזעלשאפטלעכע ענינים זענען ביי אים געשטאנען אויפן ערשטן ארט. צווישן זיינע אויפטוען דארף מען דערמאנען דאס אויפבויען פון דער רחבותדיקער תלמוד־תורה, וואס ער האט אויפגעשטעלט פאר זיין אייגן געלט. אין אט דער תלמוד־תורה זענען הונדערטער קינדער פון שטאט דערצויגן געווארן אין גייסט פון תורה און מסורה.

טריי דער טראדיציע פון יידישער עסקנות, איז ער געווען טעטיק אין די פארשידנסטע פילאנטראפישע אינסטיטוציעס. און ער האט געארבעט נישט בלויז לטובת הכלל, נאר אויך א יחיד אין א נויט האט ביי אים געפונען אן אפן אויער און אונטערשטיצונג.

ווען ער איז א מאל פריי געווארן און פארבראכט מיט זיינע ידידים, די חסידים פון אלעקסאנדער שטיבל, האט זיין פנים געשיינט, ווען מ׳האט געפירט א תלמיד חכם־שמועס, וואס איז געווען אדורכגעפלאכטן מיט חסידישע מעשיות וועגן די צדיקים פון בית־אלעקסאנדער. דעמאלט איז אראפגעפאלן די אויסערלעכע שאל פון א געניטן סוחר און פאבריקאנט, און פון אן אנגעזעענעם עסקן — און עס האט זיך באוויזן אין איר גאנצן ליכט די חסידישע נשמה.

א יום־טוב איז געווען פאר די פריינד פונעם חסידים־שטיבל ווען זיי פלעגן זיך צונויפקומען אין ר׳ מענדל בערישס פראכטפול הויז אויף א קידוש אדער א הילולא. און הגם ר׳ מענדל בעריש איז געווען א בעל מיוחס, א נגיד און פארזיצער פון דער קהילה, האט ער זיך נישט געהאלטן גרויס, געווען א נוח לבריות און געהאלטן זיך מיט מענטשן זייער פשוט. ווען דער אדמו״ר מאלכסנדר ז״ל האט געמאכט א באזוך אין קאליש, פלעגט ער זיין דער אורח פון זיין חסיד און מקורב ר׳ מענדל בעריש. דאן האט דער ראש־הקהל און פאבריק־אייגנטימער זיך באפרייט פון אלע געשעפטן און באדינט דעם רבין, ווי א תלמיד.

ער איז געווען אן איבערגעגעבענער פאטער פאר זיין פאמיליע. ער האט געהאט פינף קינדער און ער האט נישט געזשאלעוועט קיין מי זיי צו דערציען.

★

בעתן חורבן האט ער צוזאמען מיט דער משפחה זיך געפונען אין ווארשעווער געטא און דארט האט ער חתונה געמאכט זיין טאכטער. דערפון זעט מען, אז אפילו אין די סאמע שווערסטע טעג איז ער נישט אריינגעפאלן אין קיין יאוש און ער האט זיך באמיט ממשיך צו זיין דעם לעבנס־שטייגער. אין יענע טעג האט ער נישט אויפגעהערט צו זארגן פאר זיינע נאענטע יידן. גערעטעוועטע פון ווארשעווער געטא דערציילן וועגן זיינע באמיונגען צו פארלייכ־


טערן די נויט און ליידן פון אנדערע; כל־זמן עס איז אים נאָך געבליבן עפּעס פון זיין אמאָליקן פאַרמעגן האָט ער געהאָלפן זיינע הונגעריקע ברידער.

זיין בענקשאַפט צום לאַנד פון די אבות האָט אים געבראַכט אהין צוויי מאָל אויף באַזוכן; גליייכצייטיק האָט ער געטראַכט וועגן איבערפירן אהין זיין משפחה און זיין פאַרמעגן. ער האָט אָבער נישט באַוויזן דאָס צו פאַרווירקלעכן — עס איז געקומען דער חורבן און ער איז אומגעקומען צוזאַמען מיט זיין פאַרצווייגטער משפחה.

מיט אָט די שורות לזכר דעם לעצטן ראש־הקהילה פון די קאַלישער יידן, וויל איך, אַן איבערבלייב פון דער משפחה, שטעלן א מצבה דער פאַרצווייגטער פאַמיליע ״רויבע, וואָס איז געוואָרן פאַרשניטן אין חורבן.

מאיר ענבי

הרב ר׳ זאב (וועלוול) מאזעס



געבוירן אין ביאַלע י״ג אייר תרכ״ג ביי ר׳ יודל בן ר׳ אלכסנדר זיסקינד מאָזעס, א קאָצקער חסיד.

אין תרל״ט האָט ער חתונה געהאַט מיט רבקה בת ר׳ ראובן ישראל פרענקל, א גוטבאַזיצער אין ראַסאָטשיצע, וועלכער איז געווען באַוווּסט מיט זיין נדבות און הכנסת אורחים. צו אים אין שטוב פלעגן שטראָמען בכבודיקע חסידישע יידן, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין פּרנסה.

במשך א ריי יאָרן האָט ער געגעסן קעסט ביי זיין שווער, א חשובער גערער חסיד. ער האָט פאַרשריבן א סך חידושי תורה לויטן זיין פשטותדיקער לערן־שיטה (בלויז געציילטע פון די כתבים זענען געבליבן. די מערהייט פון זיי איז פאַרברענט געוואָרן בעת דער דייטשער אָקופּאַציע אין דער ערשטער וועלט־מלחמה).

ווען ער איז געוואָרן זעלבשטענדיק, האָט ער זיך באַזעצט אין טורעק און געוואָרן טעטיק אין דער טעקסטיל־בראַנזשע. נאָך דער פטירה פון זיין פרוי אין יאָר תרנ״ח, האָט ער חתונה געהאַט מיט איר פלימעניצע חנה מרים בת ר׳ יוסף מענדל הערמאַן. נאָך א געוויסע צייט האָט ער זיך אַוועקגעצויגן קיין קאַליש און געאַרבעט ביי שפּיצן בשותפות מיט זיין ברודער ר׳ יהושע דוד. בעתן קריזיס פון דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה איז ער געוואָרן פאַראָרעמט און ער האָט ליקווידירט די געשעפטן.

ווי א גדול בתורה און אַן אָנגענומענע פּערזאָן, איז ער אויסגעקליבן געוואָרן אלס ראש בית־דין אין קאַליש און פון דאַן אָן האָט ער פאַרנומען א חשובע פּאָזיציע אין רבנות און אין לעבן פון דער קהילה און גענאָסן פון אכטונג אין אַלע קרייזן פון דער יידישער באַפעלקערונג. אין דער דאָזיקער טעטיקייט־תקופה איז ער געוואָרן באַרימט אין דער גאַנצער געגנט און מ׳האָט זיך געווענדט צו אים מיט פאַרשידענע ענינים, פּערזענלעכע און געזעל־שאַפטלעכע.

ווען קאַליש איז חרוב געוואָרן דורך די דייטשן בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז ר׳ וועלוול געבליבן אין שטאָט און ווייטער געווען טעטיק אלס ראש בית־דין. ווען די דייטשן האָבן גענומען יידן אלס ״ערובניקעס״, איז ער אויך געוואָרן אַרעסטירט און אַרויסגעשיקט געוואָרן אין אַן אומבאַוווּסט אָרט, ווו ער האָט געליטן מיט די אַנדערע יידישע אַרעסטירטע. אין א צייט אַרום האָבן זיך אָנגעהויבן אומקערן קיין קאַליש די ערשטע יידן, און צווישן זיי איז אויך געווען ר׳ וועלוול. זיין וווינונג מיט זיין רייכע ביבליאָטעק און זיין גאַנץ פאַרמעגן איז געוואָרן פאַרברענט בעת דער אָקופּאַציע, האָט ער זיך איינגעאָרדנט אין אַן ענג צימערל ביי זיינעם א פריינד און תיכף צוגעטראָטן אויסצופירן זיין טעטיקייט.

זיין הויפּטזאָרג איז געווען די נויט פון דער פאַראָרעמטער באַפעלקערונג. ער האָט זיי אַלע

אויפגענומען בספר פנים יפות און זיי באַרויקט. אפילו אין אַט די שווערע באַדינגונגען האָט ער עוסק געווען אין לערנען, ווי ער פלעגט זיך פירן אין די אמאָליקע צייטן.

אכט און דרייסיק יאָר איז ער געווען ראש־בית־דין אין קאליש. אין יאָר תרצ״ה האָט ער עולה געווען קיין ארץ־ישראל. זיין הויז אין תל־אביב איז געווען א צענטער פאר די רעליגיעזע יידן פון זיינע באקאנטע און מקורבים. באזונדערס האָט זיך אים איינגעגעבן משפיע צו זיין דעם תורה־גייסט אויף געשעפטסלייט, ווארום ער אליין האָט זיך דאָך א סך יאָרן פארנומען מיט מסחר און פאבריקאציע, און דערביי איז ער תמיד פארבליבן א מענטש פון תורה און מצווה און גוטע מידות.


אין די לעצטע יאָרן האָט ער געקרענקט אין רעזולטאט פון אן אומגליקספאל. ער האָט מקבל באהבה געווען זיינע יסורים, נישט באקלאָגט זיך, נאָר ממשיך געווען צו גיין אויפן וועג פון תורה און חסידות.

אין די שבתים און יום־טובים איז זיין הויז פארוואנדלט געוואָרן אין א בית־תפילה פאר פיל פון זיינע מקורבים, וועלכע האָבן זיך נוהג געווען צו דאווענען מיט אים — ביז זיין קראנקייט האָט אים גובר געווען און ער איז גערופן געוואָרן צו דער ישיבה של מעלה ב׳ שבט תש״ט.

ער האָט איבערגעלאָזט א סך חידושי תורה אין כתב־יד. בלויז א קליינער טייל פון זיי איז ארויס אין ספר ״ילקוט עוני״.

מ. ל.

יהודה מאָזעס



יהודה מאָזעס איז געבוירן געוואָרן אינעם גוט פון זיין מוטערס פאָטער, אין דאָרף ראָסאטשיצע, קאלישער גובערניע כ״ד בתמוז תרמ״ו (1886) ביי זיין פאָטער הרב זאב און זיין מוטער רבקה בת ראובן ישראל פרענקעל (איידעם פון ר׳ לייב קושמיראק).

ער האָט באקומען א רעליגיעזע דערציונג און נאָך אין דער קינדהייט האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט זיין בקיאות. אלע יאָרן האָט ער פארבראכט צווישן תלמידי חכמים, געווען א גרויסער אָנהענגער פון געזערער חסידות. ער האָט נישט געזען קיין סתירה צווישן חסידות און ציוניזם.

אויף די טענות פון עקסטרעמע חסידים, וועלכע האָבן אים גערופן ״ציוניסט אפיקורוס״ — האָט ער געענטפערט: מיט שנאה וועט איר גאָרנישט אויפטאָן. אדרבא, איר באַגייט א חטא, ווארעם אהבת ארץ־ישראל און ישוב ארץ־ישראל זענען אויך מצוות מן התורה. ״כנסת ישראל, קודשא בריך הוא ואורייתא — חד הוא״ — דאָס פאָלק ישראל, הקדוש ברוך הוא און די תורה — איז איין גאַנצקייט.

ער האָט חתונה געהאַט מיט מרים שרה בת שמואל מנחם פרענקעל פון גראבאָוו. ער האָט זיך פארנומען מיט מסחר פון וועלדער און אויפגעשטעלט א שפיצן־פאבריק אין קאליש.

נאָכן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די דייטשן האָבן אָקופירט קאליש, האָט ר׳ יהודה געמוזט אנטלויפן, פריער קיין מינסק, און דערנאָך קיין מאָסקווע.

בעת זיין פארברענגען אין מאָסקווע, א צייט נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, איז איין מאָל אהיימגעקומען פון שול זיך עלטסטער זון ראובן און דערציילט, אז דער לערער לערנט אים אז ״רעליגיע איז אָפיום פארן פאָלק״. אין יענער נאכט האָט יהודה מאָזעס באשלאָסן צו פארלאָזן רוסלאנד. מיט גרויס אָנשטרענגונג האָט ער באקומען אן אויסלענדישן פאספאָרט. אויפן וועג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אין האָמעל און זיך געטראָפן מיטן גאון ר׳ חיים העלער, מחבר פון דער קאָנקאָרדאנץ אויפן תלמוד. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף א געוויסע צייט

אין פוילן. ער גרינדעט דאָרט א וועבעריי אין לאָדזש און ער באטייליקט זיך אין ציוניסטישער טעטיקייט. אָבער מיטן הארץ איז ער אין ארץ־ישראל. אין אָנהייב פון די צוואנציקער יאָרן פארלייגט ער זיין היים אין קליינעם תל־אביב.

זיינע געשעפטן זענען געווען פארצווייגטע: א טעקסטיל־פאבריק, האנדל מיט באָדן, באנק און נאָך אנדערע געשעפטן. ער איז פארטאָן אין די געשעפטן ביז איבערן קאָפּ. — אָבער נישט מיטן הארץ. זיין הארץ און נשמה זענען געווענדט צו גייסטיקע ענינים. זיין הויז אויף שדרות ראָטשילד ווערט פארוואנדלט אין א בית ועד לחכמים. דאָרט באגעגענען זיך תלמידי חכמים און אינטעלעקטועלע, פּאָעטן און קינסטלער. דאָרט ווײנען די נעסטאָרן פון די "הבימה"־אקטיאָרן און דאָרט טרעפן זיך אויך די וועטעראנען פון "השומר". אהין קומען אריין רבנים, רביס און אויך ציוניסטישע מנהיגים. דאָרט קומען פאָר די זיצונגען פון דער דירעקטאָריום פון "לודזיה" און דאָרט דאַוונט מען בציבור.

די קרוין פון זיין געזעלשאפטלעכער טעטיקייט איז געווען: די אָוונט־צייטונג "ידיעות אחרונות", וועלכע האָט זיך פארוואנדלט אין א ערנסטער פאָלקס־אונטערנעמונג. ער איז אויך געווען דער איניציאטאָר צו פארשפרייטן דעם תלמוד בבלי און ירושלמי, דעם רמב"ם און אנדערע ווערק פון אונדזער אוראלטער ליטעראטור. ער האָט אויך אינוועסטירט זיין קאפּיטאל און ענערגיע אינעם אויפבוי פון דעם קונסט־מוזיי אין צפת א. נ. פון קינסטלער גליצענשטיין.

ער איז געקומען צו דער פרעסע פון דעם זעלבן סטימול, וואָס האָט אים געבראכט צו קאָסאָווסקיס קאָנקאָרדאנץ, צום גליצענשטיין־מוזיי, צום ארויסגעבען דעם תלמוד און ענלעכע אונטערנעמונגען. ווען צו אים איז געקומען א גרופּע זשורנאליסטן מיטן פאָרשלאָג וועגן ארויסגעבן אן אָוונט־צייטונג אין ארץ־ישראל, האָט ער צו זיי געזאָגט: בלויז די מאטעריעלע זייט אינטערעסירט מיך נישט אזוי שטארק. דער עיקר איז, צי איז נויטיק אזא צייטונג אין לאנד. אויב דאָס איז נויטיק — דארף מען זי שאפן.

ר' יהודה ז"ל איז נפטר געוואָרן אין תל־אביב זונטיק, ט' מרחשון תשי"ז און ער איז נקבר געוואָרן אויפן בית־עלמין אין נחלת יצחק, דינסטיק, י"א מרחשון.

ראזא יאקובאָוויטש



געבוירן אין פראשניץ, פלאָצקער גובערניע, אין יאָר 1889. איר פאָטער דב בער איז געווען רב אין שעדלעץ און אין בענדין. זי האָט באקומען בילדונג אין רוסישע און פוילישע שולן און געלערנט אויך עברית. נאָך דער חתונה האָט זי זיך באזעצט אין קאליש.

איר ערשטער ארטיקל "דערציונג" איז געוואָרן פארעפנ־טלעכט אין דער "ראָמאן־צייטונג" אין ווארשע, אין יאָר 1908. זי האָט געדרוקט לידער, דערציילונגען און ארטיקלען אין פארשידענע צייטשריפטן. איר ערשטע לידער־זאמלונג "מיינע געזאנגען" איז דערשינען אין ווארשע אין 1924. די טעמעס פון דעם בוך זענען: לירישע, תנכישע און פון יידישן לעבן אין פוילן. איר צווייט לידער־בוך "לידער צו גאָט" באשטייט פון אירע שאפונגען אין די יאָרן 1924—1939.

ווען די דייטשן זענען אריין קיין פוילן, איז זי אנטלאָפן קיין לאָדזש און זי האָט דאָרט געוווינט ביי דער דיכטערין מרים אולינאָווער. פון דאָרט איז זי אוועק קיין ווארשע און אומגעקומען אין געטאָ אין יאָר 1942.

איר זון, ישעיהו יאקובאָוויטש האָט געשריבן ליטעראטור־קריטיק און פארעפנטלעכט א היסטאָרישן עסיי אין "קאלישער לעבן". ער איז וואָרשיינלעך אומגעקומען צוזאמען מיט זיין מוטער.

יעקב יוסף סייראנץ

יעקב יוסף מייראנץ איז געבוירן געוואָרן אין קאליש אין די אכציקער יאָרן פונעם פאר־גאנגענעם יאָרהונדערט אין א בכבודיקער און פארמעגלעכער משפחה. שוין אין זיין קינדהייט האָט ער זיך אויסגעצייכנט צווישן אנדערע פון זיין עלטער מיט זיין גוטן הארץ און איידעלע מידות.

נאָך דער חתונה איז ער אריבערגעפאָרן קיין בעלכאטאָוו, ווו זיין שווער האָט געוווינט. דאָ האט זיין פערזענלעכקייט זיך אנגעהויבן צו אנטפלעקן אין איר גאנצער פראכט מיט דער ליבשאפט צום באשעפער און צו יידן, אין דער גאנצער געגנט איז ער געווען באקאנט ווי א לעגענדארער מכניס אורחים.

אזוי האָט ר׳ יעקב יוסף זיך געפירט אלע זיינע יאָרן: פרייטיק צו נאכטס נאָכן דאווענען האָבן די אָרעמע אורחים זיך אויסגעשטעלט אין א שורה (א מנהג איז געווען איינגעפירט אין אלע קהילות פון תפוצות ישראל, אז יעדער בעל־הבית האָט גענומען צו זיך אויף שבת און יום־טוב אן אָרעמען אורח). ר׳ יעקב יוסף האָט געוואַרט ביז אלע מתפללים זענען אוועק יעדער מיט זיין אורח, און יענע, וואָס זענען געבליבן, האָט ר׳ יעקב יוסף צונויפגענומען און געבראכט זיי צו זיך צו דער סעודה.

נאָך א סך יאָרן וווינען אין בעלכאטאָוו, איז ער צוריקגעקומען קיין קאליש און ער האָט דאָרט זיך באזעצט. נישט איין מאָל האָט געטראָפן, אז ווען ער האָט דערפילט אז עמעצער פון זיינע לאָקאטאָרן איז פארענגט, האָט ער אים אריינגעשטופט אין האנט א ביסל געלט, טייל מאָל מער ווי ער איז געווען אין שטאנד.

יעקב יוסף האָט געהאט אין קאליש א וואָל־געוועלב און ער איז געשטאנען אין פארבינדונג מיט לאָדזשער פאבריקאנטן. אָבער נישט תמיד האָט ער צייט געהאט צו זיינע געשעפטן, וואָרעם ווער וועט זאָרגן פאר די אָרעמע חתנים, וואָס זענען נישט בכוח צו פארשאפן זיך די נויטיקע זאכן? און ווער וועט טראכטן וועגן די יידן, וואָס געפינען זיך אין א נויט און פארמאָגן נישט קיין גראָשן אין קעשענע? און ווער זאָל אין זינען האָבן די קראנקע לייט, וועמענס קרובים עס זענען אָן פרנסה?

אזוי איז דער גרעסטער טייל פון טאָג אוועק ביי ר׳ יעקב יוסף אין זיין איבערגעגעבענער ארבעט לטובת מענטשן. דעם דארף מען טרייסטן, דעם דארף מען דערמוטיקן, און דאָ דארף מען מאכן שלום.

וואָרעם ר׳ יעקב יוסף איז געווען א רודף שלום. אז אויף דער יידישער גאס איז אויסגעבראָכן א מחלוקת, איז ער געווען דער, וואָס האָט אלץ געטאָן, כדי איינצושטילן די געמיטער.

אויך אין חסידים־שטיבל האָט נישט אלע מאָל געהערשט א פארשטענדעניש צווישן דעם עלטערן דור מיט א געלאסענעם שיקול דעת און צווישן די טעמפעראמענטפולע יונגעלייט, וואָס האָבן אויסגעדריקט די פארמלחמהדיקע באנייונג פונעם חסידות. ר׳ יעקב יוסף איז געווען דער אדרעס, ווו מ׳האָט זיך געווענדעט כדי צו פאראייניקן די קעגנזאצן און געפינען א געמיינזאמע שפראך צווישן די דורות. און אים איז טאקע געלונגען, דורך זיין פארשטענדעניש פאר יענעמען, צו באקומען דעם צוטרוי פון די צדדים. זייער פיל קריגערייען און מיספאר־שטענדענישן זענען אויסגעמיטן געוואָרן דורך אים.

אזוי איז ער שטענדיק געווען באשעפטיקט ביז איבערן קאָפּ אין זיין מי לטובת מענטשן און ער האָט קיין צייט נישט געהאט צו פארנעמען זיך מיט שטוביקע ענינים. און כאָטש זיין פרוי האָט זיך פארנומען מיטן געשעפט, זענען געווען צייטן, ווען זיין מאטעריעלער מצב איז געווען ווייט נישט קיין געהויבענער. אָבער קיין מאָל איז דער שמייכל אויף זיינע ליפּן נישט פארשוווּנדן, זיין פנים האָט אויסגעשטראלט א גוטהארציקע פרייד און ער האָט נישט איבערגעריסן זיין הייליקע ארבעט.

ער איז געווען באליבט ביי די גדולי הדור און באזונדערס נאָענט איז ער געווען צום גערער רבין זצ״ל — וועמענס חסיד ער איז געווען — און צו זיין ברודער ר׳ משה בצלאל זצ״ל, און דער פּאַביאַניצער און קאלישער רב זצ״ל הי״ד.

ווען דער לעצטער האָט פארנומען דאָס כסא רבנות אין קאליש, איז ר׳ יעקב יוסף געווען פון זיינע נאָענטסטע מענטשן.

ווען די נאציס זענען אריין קיין פוילן און די קאלישער יידן זענען מאסנווייז אנטלאָפן, איז ר׳ יעקב יוסף אוועק, צוזאמען מיט זיין משפחה, קיין ווארשע. אויך דאָרט, אין געטאָ, האָט ער ווייטער ממשיך געווען די ארבעט, וואָס ער האָט אָנגעהויבן נאָך אין זיינע קינדעריאָרן.

הערמאן סאלניק

געבוירן אין בלאשקי אין א חסידישער משפחה, וואָס האָט זיך געיחוסט מיט בנימין אהרן סאָלניק, דער מחבר פון "סדר מצוות נשים". ביז צוואנציק יאָר האָט ער געלערנט אין בית־מדרש, אָבער ער האָט באקומען חשק צו בילדונג און מיט אייגענע כוחות געלערנט אלגעמיינע וויסנשאפט און שפראכן. אין יאָר 1890 איז ער געווען לערער ביי א יידישן גוטבאזיצער און אָנגעהויבן פארעפנטלעכן לידער, פעליעטאָנען און צייכענונגען אין פארשידענע צייטשריפטן. אין יאָר 1922 האָט ער רעדאַגירט דאָס וואָכנבלאט א. נ. "קאלישער בלאט". ער האָט ארויסגעגעבן א בוך לידער "הימל און ערד". געווען טעטיק אין דער ציוניסטישער באוועגונג.

יחיאל פאקענטרעגער

נישט געווען קיין מענטש אין קאליש, וואָס זאָל נישט האָבן געקענט ר׳ יחיאל פאקענטרעגער, דעם געניטן מעכאניק פון די שטיקעריי־מאשינען. תמיד האָט מען אים געזען אן איילנדיקן איבער דער שטאָט מיט זיינע כלים אין דער לעדערנער טעקע. קיינעם איז נישט איינגעפאלן ווען וואָס דער מענטש טראכט אין זיין געאייל.

ער איז געבוירן געוואָרן אין ניעכטשיץ אין יאָר 1880. דער זיידע ר׳ שלום האָט שפעטער זיך איבערגעצויגן קיין דוואָרט (ווארטא) און ער איז געווען שמש אין דער דאָרטיקער שול. ער האָט געגעבן זיין איינינקל א שטרענג רעליגיעזע דערציונג.

ווען ער איז אלט געוואָרן זיבעצן יאָר, האָט ער חתונה געהאט מיט בלומע, פון דער היים קאליסקי, א קאלישער געבוירענע און ער האָט זיך אריינגעצויגן אין שעלס הויז, דאָס איז געווען א גרויס הויז אויף באבינא גאס, מיט געוועלבער און קלייטן פון אויבס, גאלאנטעריע א.א. דאָס ברייטע טויער האָט געפירט אין גרויסן הויף, ווו עס איז געשטאנען א לאנגע ריי פון הילצערנע הייזקעס מיט קרומע דעכער, צוגעטוליעט איינס צום צווייטן. דאָרט איז געווען א סקלאד פון גלאָז, א רימאר־ווארשטאט, א שניידער־ווארשטאט און אויך בארשטס ווארשטאט צו פארריכטן זינגערס ניימאשינען און גראמאָפאָנען, וואָס האָבן מוצאי שבת געשפילט פלאטן מיט חזנות־שטיקלעך. דאָרט אין יענעם הויף האָבן אין א קליינער פאציאטע געוווינט מיין טאטע־מאמע, און דאָרט זענען געבוירן געוואָרן כמעט אלע זייערע קינדער. ווי דאָס רוב פרומע יונגעלייט, וואָס האָבן ביז דער חתונה קיין פאך נישט געהאט, האָט מיין פאָטער זיך אויסגעלערנט האנטשטיקעריי און געארבעט אין שייניקס פאבריק.

אין די שפיצן־פאבריקן זענען די ארבעטס־באדינגונגען געווען זייער שווערע. מען איז געגאנגען צו דער ארבעט ווען ס׳איז נאָך געווען פינצטער, מיט א לאמטער אין האנט, און אומגעקערט האָט מען זיך שפעט ביי נאכט. מען האָט געארבעט 18 שעה.

די באציונגען צווישן די ארבעטער גופא און צווישן די ארבעטסגעבער זענען געווען זייער אָנגעשטרענגטע. אָט דער צושטאנד האָט גורם געווען ר׳ יחיאלן א סך צער און ער האָט אָנגעהויבן זוכן דעם שולדיקן, ביז ער איז דערגאנגען, אז דער פאבריקאנט און זיינע משרתים זענען שולדיק דעריין, אז זיי זענען פאראינטערעסירט אין די רייסערייען צווישן די ארבעטער.

עס איז געקומען דאָס יאָר 1905, די ראָמאנטישע תקופה פון דער רעוואָלוציאָנערער דערוואכונג. יונגע רעוואָלוציאָנערן מיט לאנגע טשופרינעס, אין שווארצע בלוזעס, פארקנעפלט ביזן האלדז און מיט שווארצע פעלערינעס, האָבן גערופן צו קאָנספיראטיווע פארזאמלונגען אין פעלד, אין וואלד, אויף בוידעם־שטיבלעך. גוט־דערצויגענע בחורים האָבן געקעמפט קעגן זייערע עלטערן. די רעוואָלוציאָנערע יוגנט האָט זיך באטייליקט אין די דעמאָנסטראציעס. די זשאנדארן האָבן אָנגעגריפן די דעמאָנסטראנטן מיט די הוילע שווערדן.

ר׳ יחיאל האָט מיט זיין גאנצן יונגן אייפער זיך אריינגעוואָרפן אין דער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט. ער איז נאָך געווען א יונגער חסיד, מיט בארד און פיאות, און געטראָגן א לאנגע קאפאָטע ווען ער איז אריינגעטראָטן אין ״בונד״. גאַר גיך איז ער געוואָרן איינער פון די פירער. ער האָט אָרגאניזירט א געהיימען פאראיין פון די שפּיצן־ארבעטער, פארשפרייט אומלעגאלע בלעטלעך און אָרגאניזירט שטרייקן. איינע פון די שטרייקן איז אויסגעבראָכן ביי די ברידער פיינגאָלד אונטער דער אָנפירונג פון ר׳ יחיאל. געענדיקט האָט זיך דאָס דערמיט, וואָס מען האָט אים אָפּגעזאָגט פון דער ארבעט. ווען ער איז אוועק ארבעטן אין דער פאבריק פון דער פרומער קופּקער, האָט ער דאָרט אָרגאניזירט געהיימע קרייזלעך אויף צו דערלערנען מארקס און ענגעלס און ביסלעכווייז זיי אריינגעפירט אין דער סאָציאַליסטישער באוועגונג.

מען האָט אָנגעהויבן דורכפירן ארעסטן. די ״אָכראַנקע״ האָט געגומען זוכן די אָנפירער. ר׳ יחיאל איז געווען געצוווּנגען זיך צו באהאלטן. ער האָט געגעכטיקט ביי חברים אָדער קרובים. סוף־סוף האָבן די זשאנדארמען אים געכאפּט און מ׳האָט אים צוזאמען מיט נאָך חברים, פארשיקט קיין סיביר.


פיר יאָר איז ער געווען אין פארשיקונג. נאָכן צוריקקומען פון דאָרט האָט ער זיך פארנומען מיט געבן שיעורים פון תנ״ך און תלמוד. צוליבן זיין שוואכן געזונט־צושטאנד האָט ער געוואָרפן די לערעריי און אָנגעהויבן ארבעטן אלס פוצער ביי א דייטשן מייסטער, א מומחה פון די לאנגע שטיקעריי־מאשינען, וואָס האָבן דאן זיך באוויזן אין קאליש. ער האָט שנעל זיך אויסגעלערנט דאָס פאך און געוואָרן דער איינציקער יידישער מעכאניקער פון די לאנגע מאשינען.

ר׳ יחיאל האָט אויף ס׳ניי זיך געטראָפן מיט זיינע אלטע חברים און זיי האָבן אים צוריק אריינגעפירט אין פּאָליטישן לעבן. ער איז אריינגעטראָטן אין דער פארטיי פועלי ציון לינקע און באקומען אן איינפלוס אויף די חברים. ר׳ יחיאל האָט אויך געהערט צו די פּיאָנערן פון פראָפפאראיינען פון די קאלישער טעקסטיל־ארבעטער.

ער איז געווען פּאָפּולער צווישן די ארבעטער מיט זיינע רעפעראטן אויף פּאָליטישע און ליטערארישע טעמעס.

מאיר פאקענטרעגער

ליפמאַן וואלף פּייפּער



ל. וו. פּייפּער איז געבוירן געוואָרן אין קאליש אין יאָר 1857. ער איז געווען א גארבער־פאבריקאנט. נישט געקוקט אויף זיינע פארצווייגטע געשעפטן, האָט ער א סך צייט געווידמעט פאר געזעלשאפטלעכער ארבעט.

אין משך פון א ריי יאָרן איז ער געווען מיטגליד אין קהילה־ראט און גבאי אין דער גרויסער שול. ער האָט אינוועסטירט א סך מי ביים אויפבויען דעם בנין פון דער תלמוד תורה פאר אָרעמע קינדער.

ער האָט אויך רעפּרעזענטירט די יידישע געזעלשאפטלעכ־קייט אין קאלישער שטאָטראט. ער האָט איניציאירט דאָס שאפן פון נייעם בית־עולם אין קאליש.

ביזן סוף פון זיין לעבן איז ער געווען געזעלשאפטלעך אקטיוו און געהאָלפן נויטבאדערפטיקע. ער האָט גענאָסן פון כבוד און פארערונג ביי דער יידישער און פּוילישער געזעלשאפט.

ער איז נפטר געוואָרן אין טיפן עלטער און נקבר געוואָרן אויפן אלטן בית־עולם. די מצבה איבער זיין קבר איז צעשטערט געוואָרן דורך די מערדער צוזאמען מיט אלע אנדערע יידישע מצבות.

סטעפאן פרענקעל



דעם 19טן דעצעמבער 1962 איז אין א פלי־קאטאסטראָפע הינטער ווארשע אומגעקומען דער זשורנאליסט סטעפאן פרענקעל, רעדאקציע־מיטגליד פון דער ווארשעווער וואָכנ־צייטונג "זשיטשע גאָספּאָדארטשע".

ער איז געבוירן געוואָרן אין קאליש אין יאָר 1900. זיין פאָטער איז געווען דער אינדוסטריעלער אינזש. רפאל פרענקעל. ער האָט געענדיקט די מיטלשול אין ווארשע און אוועקגעפאָרן שטודירן קיין ווין.

בעת דער נאצי־אָקופּאציע איז ער געווען איינער פון די יידישע ערובניקעס און אויסגעשטאנען גרויסע צרות ביז עס איז אים געלונגען צו אנטלויפן מיט זיין משפחה אין ראטנ־פארבאנד.

נאָכן אומקערן זיך קיין פוילן אין יאָר 1946 האָט ער זיך איינגעגלידערט אינעם עקאָנאָמישן אויפבוי פון לאנד און איז געווען איינער פון די וויכטיקסטעווירטשאפטלעכע זשורנאליסטן. ער איז אויך געווען קאָרעספּאָנדענט פון א ריי ווירטשאפטלעכע צייטונגען אין אייראָפּע. זיין וויסן און זיין אנאליטישער מוח האָבן צוגעגעבן דעם הויכן ניוואָ זיינע ארטיקלען און קאָרעספּאָנדענצן, וועלכע זענען געווען פּאָפּולער ביי א סך לייענער.

סטעפאן פרענקעל האָט באזוכט ישראל אין יאָר 1956 און געשריבן א ריי ארטיקלען וועגן עקאָנאָמישן לעבן אין ישראל. זיין לעצטער ארטיקל איז געוואָרן געשריבן פארן "ספר קאליש".

ער איז געווען א באשיידענער און איידעלער מענטש, מיט א געפיל פון מאָס און טאקט, תמיד גרייט צו העלפן א חבר. איז דערפאר נישט קיין וווּנדער, אז ער האָט שטענדיק געהאט ארום זיך א קרייז פון חברים און פריינד.

יוסף קאבער

ווען איך ברענג אויף אין זכרון די געשטאלט און דאס פנים פון ר' יוסף קאבער ז"ל, גייט אויף פאר מיינע אויגן א ייד מיט זעלטענע מידות טובות, איינער פון די יחידי סגולה, וואָס האָבן אָפּגעגעבן דאָס לעבן לטובת הכלל. ער איז אין גאנצן געווען ארייגעטאָן אין כלל־טועריי לשמה. ער האָט פאראייניקט אין זיך דריי אייגנשאפטן, וואָס האָבן געהאט זייער מקור אין זיין יידיש פילבאר הארץ. זיין אויפפירונג איז געווען א געמיטלעכע, א שטילע, אזא, וואָס נאָר געציילטע מענטשן זענען זוכה דערצו.

ער איז געווען א "מבקר" (אינעם זין פון ביקור חולים), ד"ה זיך פארנומען מיט ערנסטע קראנקע, און ווען מ'האָט געדארפט, האָט ער געגעכטיקט ביי די חולאים, געהאָלפן און געראָטן די קרובים צו פארלייכטערן דעם מצב פונעם קראנקן.

איינער פון די אָנפירער פון דער "חברה קדישא" — האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט דער מצווה פון "חסד של אמת" מיט זיין גאנצן הארצן. עס איז נישט לייכט מקיים צו זיין די דאָזיקע מצווה. נישט געווען כמעט קיין איין לוויה, אז ר' יוסף קאבער זאָל נישט גיין בראש פון די באגלייטער און ער זאָל נישט זיין צווישן די טרייסטערס פון די קרובים-אבלים.

ער איז אויך געווען א "שליח ציבור" — חזן שני אין דער גרויסער קאלישער שול. אלע, וואָס האָבן געדאוונט אין שול, האָבן ליב געהאט צו הערן זיינע הארציקע תפילות אין די שבתים און יום־טובים, ווען דער ערשטער חזן איז נישט געשטאנען פארן עמוד. איך הער

נאָך איצט די קלאנגען פון זיין פרייטיקצונאכטסדיקן דאווענען, ווען ער ענדיקט יעדן פרק פון "לכה נרננה": "ארבעים שנה אקוט בדור ואומר עם תועי לבב הם והם לא ידעו דרכי", און אזוי ביזן סוף, אין איינקלאנג מיטן נוסח און ניגון. זיין תפילה האָט אריינגעדרונגען טיף אינעם הארץ פון די מתפללים.

3 שוואָגערס זענען זיי געווען: ר' אליהו זינגער, ר' וואָלף פייפער און ר' יוסף קאבער. אָבער יעדער איינער פון זיי האָט אויסגעפילט אן אנדער אויפגאבע אינעם לעבן פון דער יידישער קהילה אין קאליש; יעדער איינער לויט זיין שטייגער. אויף ר' יוסף קאבער קאָן מען זאָגן, אז ער איז איז געבוירן געוואָרן אויסצופילן א געהויבענע שליחות פאר די קאלישער יידן: לייכטער צו מאכן די יסורים פון אונדזערע קראנקע, טרייסטן און העלפן די אומגליקלעכע און צו זיין אן אנגענעמער שליח־ציבור ווען די יידן שטייען אין שול און טוען תפילה צום רבונו של עולם.

י. א.

משה קראקאָווסקי

טיניעץ, לודזקא 2. אין ווינקל פון א באגראָזטן הויף שטייט אן אלט הויז, דורכגעזאפט מיט די ריחות פון פערמענטירנדיקן ווייז. דאָ געפינט זיך פרוינדס בראָנפן־ברענעריי. אויפן ערשטן שטאָק פון דעם הויז וווינט מיין זיידע משה קראקאָווסקי.

ער איז נאָך געווען יונג, ווען ער איז געקומען פון זיין געבוירן־שטאָט פּיאָטרקאָוו קיין קאליש. ער האָט באקומען ארבעט אין דער ברענעריי, וואָס האָט דאן געהערט צו טיקאָטשינערן. ער האָט זיך אהין אריינגעצויגן און געוווינט ביז צום גירוש אין יאָר 1940.

דער פארהעלטנישמעסיק גרויסער מרחק צווישן דער פאָרשטאָט און דעם צענטער שטאָט האָט נישט געשטערט אין די שפאצירן פון אָט דעם עלטערן מענטש. לאנגע יאָרן פלעגט ער אויסמעסטן דעם וועג מיט זיין פאמעלעכן געמאָסטענעם טראָט; ער איז געגאנגען א פארטיפטער אין זיינע מחשבות און נישט געלייגט קיין אכט נישט אויפן וועטער, נישט אויף די דורכגייערס. אָפט פלעגט ער ענטפערן אויף א באגריסונג נישט וויסנדיק אפילו ווער דער באגריסער איז.

אחוץ דער פיינער אויסערלעכקייט האָט ער נאָך פון די יונגע יאָרן געהאט געוווינהייטן, וואָס זענען געווען נישט געוויינלעך אין די אויגן פון א צופעליקן מענטש. כמעט ביזן סוף פון זיין לעבן פלעגט ער זיך באָדן אין טייך פראָסנא נעבן זיין הויז, פון אָנהייב פרילינג ביזן שפעטן הארבסט. ווען ער האָט זיך צוגעקילט און קראנק געוואָרן, האָט ער איבער־געריסן דאָס באָדן זיך. אויך זיין געהער איז געוואָרן אָפגעשוואכט. אָבער די גימנאסטישע איבונגען אין דער פרי, לויט זיין אופן, האָט ער נישט איבערגעריסן.

זיין גייסטיקע יוגנטלעכקייט האָט אים געהאָלפן צו קאָנצענטרירן ארום זיך צוהערער סיי פון זיין עלטער, סיי יינגערע. צוליב זיין גרויס וויסן און זיין שמועס־פעיקייט איז ער תמיד געווען ארומגערינגלט מיט א קרייז פון פלייסיקע צוהערער — סיי אין אלטן בית מדרש, סיי ביים שאך־טישל אין "טעאטראלנא".

איך וועל נישט פארגעסן די סדר־נעכט, ווען ביים זיידנס טיש איז זיך צונויפגעקומען די גאנצע משפחה און ער האָט דורכגעפלאָכטן די הגדה מיט היסטאָרישע און פילאָזאָפישע קאָמענטארן. אָט דער למדנישער ייד האָט געהאט א גרויסן אינטערעס צו וועלטלעכער וויסנשאפט און אויך אָנשויאונגען פון וועלטלעכן כאראקטער. אין זיין רייכער ביבליאָטעק האָט מען געקענט געפינען ביכער איבער געשיכטע, נאטור־וויסנשאפט, געזעצגעבונג.

מיט דער צייט האָט ער אָנגעהויבן געבן עצות אין געשעפטלעכע משפטים, געשריבן ביטעס און משתדל געווען זיך אין די פארשידענע אמטן. ער האָט פארמאָגט א פיינעם סטיל. זיינע בריוו האָט ער פון אָנהייב געשריבן אין רוסיש, שפעטער אין דייטש, און צום סוף — אין א שיינעם פויליש.

איך געדענק, אז ער פלעגט דערציילן וועגן זיין שמועס מיטן גובערנאטאָר דאראגאן, וועלכער האָט צו אים געזאָגט: "קראקאָווסקי, שמד זיך, וועסטו ווערן ביי מיר א הויכער

באאמטער״. דער זיידע פלעגט דאָס זאָגן מיט א שמץ פון גאווה און מיט א ביטול־שמייכל אויף די ליפּן.

אין די דרייסיקער יאָרן האָט דאָס כסא רבנות אין קאליש פארנומען דער פארערטער רב ר׳ יחזקאל ליבשיץ, וועלכער איז אויך געווען פאָרזיצער פון דער אגודת הרבנים אין פּוילן. ער האָט אָפט פארבעטן צו זיך מיין זיידן, כדי זיך צו בעראָטן מים אים אין א קאָמפּליצירטן ענין.

אָבער מער פון אלץ איז מיין זיידן געווען נאָענט דער ענין פון חיבת ציון, דער אויפבוי פון דער נאציאָנאלער היים אין ארץ־ישראל. אין יאָר 1910 האָט ער געמאכט א באזוך אין לאנד און זיך אומגעקערט קיין קאליש, כדי צו ליקווידירן די געשעפטן. דער באָבעס טויט און די ערשטע וועלט־מלחמה האָבן צעשטערט זיין פּלאָן. בלויז איין בילד איז געהאנגען ביי מיין זיידן אויף דער וואנט: דאָס לייגן דעם ווינקלשטיין צום בנין פון דער העברעישער אוניווערסיטעט אין ירושלים.

אין יאָר 1920 איז אין קאליש געוואָרן טעטיק דער קאָמיטעט פון ״קרן היסוד״. מיין זיידע איז געווען א מיטגליד פון אָרגאניזיר־קאָמיטעט. אלע זיינע יאָרן האָט ער זיך אקטיוו באטייליקט אין דער ציוניסטישער טעטיקייט.

בעת דעם ערשטן גירוש אין יאָר 1940 איז דער זיידע, צוזאמען מיט דער משפחה פון זיין יינגערער טאָכטער, אוועק אין זיין געבוירן־שטאָט פּיאָטרקאָוו. דאָרט איז פארענדיקט געוואָרן דער לעבנס־קרייז פון אָט דעם אינהאלטרייכן און דענקנדיקן מענטש. דעם 14טן נאָוועמבער 1942 האָט מען אים ארויסגעשיקט קיין טרעבלינקע.

נאָך דער מלחמה האָט מיר דערציילט איינער פון די ווייניקע געבליבענע פון יענעם אומקום־צוג וועגן דער האלטונג פון זיידן. אויך אין דעם אָנגעפּאקטן וואגאָן איז ער געווען ארומגערינגלט מיט א קרייז מענטשן, וועלכע האָבן געזוכט ביי אים א טרייסט. איין מאָל, ווען קיינעם איז נאָך נישט איינגעפאלן, אז זיי ווערן געשיקט צום טויט, האָט דער זיידע געזאָגט: ״יידן, מ י ר וועלן שוין נישט האָבן די זכיה, אָבער פון דעם גאנצן בייז וועט געבוירן ווערן ארץ ישראל״.

די אוראייניקלעך פון משה קראקאָווסקי זענען געבוירן געוואָרן אין ישראל, און זיי רעדן ז״ין באליבטע שפּראך — עברית.

א. קראקאָווסקי

חיים שלמה ראָזענפעלד



ווען כ׳בין אָנגעקומען אין זומער 1958 אויפן אמט פון האנדלס־אטאשע אין דער ישראל־אמבאסאדע אין ווארשע, איז איינער פון די צילן, וואָס איך האָב זיך געשטעלט געווען צו געפינען דאָס קבר פון מיין פאָטער ז״ל אויפן ווארשעווער יידישן בית־עולם. קאלישער, וועלכע זענען געווען אין געטאָ און געקומען קיין ישראל נאָך דער מלחמה, האָבן מיר דער־ציילט, אז מיין פאָטער איז נפטר געוואָרן בעת דער גרויסער טיפוס־מגיפה, און ווען מען האָט טאָטאל פארניכטעט דאָס יידישע געטאָ, האָט ער שוין נישט געלעבט. געווען אויך אזעלכע, וואָס האָבן זיך באטייליקט אין זיין לוויה. קיינער אָבער האָט נישט געדענקט גענוי דאָס אָרט אויפן בית־עולם פון דער אָקאָפּאָווע־גאס, ווו מ׳האָט אים קובר געווען. מענטשן האָבן מיר אויך דערציילט וועגן דער פארצווייגטער עסקנות פון מיין פאָטער ז״ל און וועגן דער הילף וואָס ער האָט געגעבן פאר אונדזערע שטאָטישע ווען זיי האָבן זיך געפונען אין נויט אין ווארשעווער געטאָ.

די געזעלשאפטלעכע טעטיקייט פון חיים ראָזענפעלד האָט, אייגנטלעך, זיך נישט אָנגעהויבן

אין געטאָ. ער איז פריער נאָך געווען אקטיוו אין לעבן פון די יידישער קהילה אין קאליש און אויך אין דער ציוניסטישער באוועגונג אין פוילן. ער איז געווען ברייט באקאנט מיט זיין פארצווייגטער און געבענטשטער טעטיקייט.

חיים ראָזענפעלד איז געווען צווישן די גרינדער פון דער רעוויזיאָניסטישער פארטיי אין פוילן און אין נאָמען פון אָט דער פארטיי האָט ער זיך באטייליקט אין צוויי ציוניסטישע קאָנגרעסן. אין יאָר 1934, ווען זשאבאָטינסקי האָט באזוכט זיין הויז, איז געוואָרן איינגעאָרדנט א קבלת פנים פארן כבוד פון בארימטן מנהיג.

ווען די נאציס האָבן פארכאפט די מאכט אין דייטשלאנד און אין דער גאנצער יידישער וועלט איז געוואָרן דערקלערט א באָיקאָט אויף דייטשע סחורות, איז חיים ראָזענפעלד געוואָרן פאָרזיצער פונעם קאלישער באָיקאָט־קאָמיטעט און געפירט אָט די ארבעט ביזן אויסברוך פון דער מלחמה. ער איז געווען אקטיוו אין א סך אינסטיטוציעס און אָרגאניזאציעס און ווער עס האָט זיך נאָר געניטיקט אין הילף האָט תמיד געפונען ביי אים אן אָפן אויער.

איך געדענק נאָך אונדזער צעשיידונג אין נאָוועמבער 1939, ווען דער פאָטער ז״ל האָט מיר געגעבן זיין ברכה אויפן וועג און די לעצטע ווערטער, וואָס ער האָט מיר גע.אָגט: "...זאָלסט בלייבן א טרייער זון צו דיין פאָלק..."

מיט קרוב 19 יאָר שפעטער האָב איך געזוכט זיין קבר אויפן ווארשעווער בית־עולם. און דאָס איז נישט לייכט געווען. א סך מצבות זענען צעשטערט געוואָרן דורך די נאציס, גאנצע טיילן פון בית הקברות זענען געווען אָפגעלאָזן, באדעקט מיט גראָזן און דערנער, און ערשט נאָך 3 טעג אָנגעשטרענגטער ארבעט און זוכענישן האָבן מיר אנטפלעקט א קליינע מצבה מיט דער אויפשריפט: "פ״נ חיים שלמה בן מרדכי דוד ראָזענפעלד ז״ל. נפטר בי״ד אלול תש״א. בן מ״ד היה במותו". אונטער דעם — דער זעלבער טעקסט אין פויליש. נעבן פאָטערס קבר האָב איך געפונען דאָס קבר פון זיין ברודער אברהם ז״ל פון לאָדזש, וועלכער איז געשטאָרבן צוויי חדשים נאָך אים. איך האָב זיך געווענדעט צו דער יידישער קהילה אין ווארשע און מיט זייער דערלויבעניש האָב איך געשטעלט 2 נייע מצבות. ערשט דערנאָך האָב איך באזוכט די שטאָט פון מיין געבוירן, קאליש.

אין א הארבסטיקן מיטנטאָג בין איך אָנגעקומען מיט מיין אויטאָ און זיך פארהאלטן אויפן פלאץ פונעם 11 נאָוועמבער (דער איצטיקער נאָמען פונעם פלאץ איז, פארשטייט זיך, אן אנדערער) קעגנאיבער דעם שטאָטראט. נעבן דער געביידע, ווו עס איז א מאָל געווען מיין פאָטערס פוטערוואַרג־געשעפט. בערך מיט 19 יאָר צוריק בין איך געווען דאָס לעצטע מאָל אויף דעם אָרט. איך בין אוועק צום בנין אויף קאָנאָניצקא 1, ווו איך בין געוואָרן געבוירן, דערצויגן און פארבראכט מיין קינדהייט און יוגנט. איך בין ארויף אויף די טרעפ, אָבער איך בין נישט געווען בכוח ווייטער צו גיין און כ'בין צוריק אראָפ... אָט איז דער הויף, ווו מיר האָבן זיך געשפילט ווי קינדער. אָט זענען די געוועזענע פון די שכנים: ראָוך, קנאָסטער, אדלער, וואָקס, און נאָך, און נאָך. איך האָב זיך אומגעקוקט אין צענטער און דערזען ארום מיין אויטאָ א גרויסן עולם. די צייכנס .C. D און דער סימבאָל פון מדינת ישראל האָבן ארויסגערופן גרויס אויפמערקזאמקייט, ווארעם נישט יעדן טאָג קומט קיין קאליש א דיפלאָמאָט און נאָך דערצו — א ישראל־דיפלאָמאָט. אָבער פאר מיר איז געווען א סאטיספאקציע צו געפינען זיך אין קאליש נאָך 19 יאָר אלס רעפּרעזענטאנט פון מיין מדינה אין פוילן.

איך האָב געזוכט א פלאץ צו עסן מיטאָג. מ'האָט מיר געזאָגט, אז אין שטאָט זענען פאראן נאָר 2 רעסטאָראנען, וואָס שטייען אויף א געוויסן ניוואָ. איך בין אוועק אין רעסטאָראן, וואָס געפינט זיך אין זאל פון די האנטווערקער אויף פיעקארסקע. שפעטער בין איך אדורך די פארשידענע גאסן און נישט געפונען קיין גרויסע ענדערונגען, אחוץ דאָס פארמאכן דעם קאנאל אויף באבינא. איך האָב נישט געזען קיין זכר פונעם בנין פון דער יידישער קהילה, עס זענען נעלם געוואָרן די גרויסע שול, די תלמוד תורה און די גאסן זלאָטא און נאָוואַ האָבן זיך אין גאנצן געענדערט. איך האָב נישט געזען קיין יידישע פנימער און עס זענען פארשווונדן די יידישע געשעפטן. אין בנין פון דער דער יידישער גימנאזיע, די שול, ווו איך האָב פארבראכט 8 יאָר פון מיין לעבן, איז איצט געווען א שול פאר גויישע קינדער. איך בין נאָך אדורכגעפאָרן די פילסודסקי־גאס, יוזעפינא־אלעע, ארייגעגאנגען אין גאָרטן — און פארלאָזט די שטאָט. מער האָב איך קאליש נישט באזוכט.

ד״ר י. אלמגור

חננאל ראזענבלום



געבוירן געוואָרן אין אָנהייב פון דעם יאָרהונדערט אין א פאמיליע פון רייכע סוחרים. געלערנט אין חדר און אין ישיבה. געווען אקטיוו אין "צעירי אגודת ישראל". זיך אויסגעצייכנט אין זיין טעטיקייט און געווילט געוואָרן אלס פאָרשטייער פון די רעליגיעזע אין שטאָטראט און אין קהילה־ראט. געווען מיטגליד פון דער קהילה־אָנפירונג, פרעזידיום־מיטגליד פון קליינהענדלער־פאראיין, מיטגליד פון דער אָנפירונג פון דער גמילת־חסדים־קאסע, וויצע־פאָרזיצער פון אגודת ישראל אין קאליש, מיטגליד פון צ. ק. אין פוילן און פונעם וועלט־ראט.

ענזעל ראטענבאך

עס איז נישט היינט אָנגענומען צו רעדן וועגן א מענטש, וועמען דאָס מזל האָט אכזריותדיק צוגעדינט ביים לעבן און זיין גאנץ פארמעגן איז באשטאנען פון א קרישטאָל־ריינער נשמה, ערלעכן כאראקטער און א גוט פילבאר הארץ. פון דעסטוועגן מאכן מיר אן אויסנאַם, כדי דערמיט צו פאראייביקן די 47 ליידנס־יאָרן פון דעם צניעות־שטילן, גוט־נשמהדיקן ענזעל ז"ל.

דער דאָזיגער מענטש, וועלכער איז שטענדיק ארומגעגאנגען מיט א באגאזש וויצן און גלייכווערטלעך, און אפילו אין די לעצטע טעג פאר זיין טויט האָט ער זיך געוויצלט, זאָגנדיק, אז "דאָס שטארבן קומט אים אָן מיטן טויט", האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט די פארקערפערונג פון ליידן. זיין צערפול לעבן איז געווען א קייט פון צרות און פיין.

ער האָט געליטן גייסטיק, קערפערלעך און מאטעריעל. ער איז געווען א בן־תורה און נזהר אין יידישקייט. מיט פארביטערונג האט ער שטענדיק גערעדט וועגן די, וועלכע פארמאָגן נישט, נישט קיין יידישקייט און נישט קיין מענטשלעכקייט און זיי פארנעמען דעם אויבנאָן פון היינטיקן לעבן. ער האָט קיין מאָל נישט געקענט פארטראָגן קיין עוולות, רעאגירנדיק אויף די שפאלטן פון "קאלישער לעבן". און כאָטש ער איז אליין געווען א נצרך, האָט ער פיל מאָל פון זיין קארגן גראָשן בייגעשטייערט פאר אנדערע נויטבאדערפטיקע.

און וויפיל האָט ער געליטן ביים געדאנק, אז ער פארלאָזט די זינדיקע וועלט אָן א געדעכעניש, אָן עמעצן וואָס זאָל נאָך אים קדיש זאָגן.

ער האָט שטיל געלעבט, שטיל געליטן און שטיל געשטאָרבן. אָן רעש, אָן קרענץ, אָן קאנדאלענצן און אפילו אָן א גרויסער לוויה איז ער געוואָרן געפירט אין זיין רו.

א זעלטענער בריליאנט אין א לבוש פון שמאטעס האָט זיך 47 יאָר ארומגעדרייט אויפן נישטיקן עולם־השקר און צוריק אוועק צום מקור. י. ש.

מרדכי (מיטעק) ראזענבאום

ווער אין קאליש האָט נישט געקענט מיטעק ראָזענבאום? נישט בלויז די חברים און פריינד פון דער שטאָטישער מיטלשול, נאָר אויך דער ציוניסטישער ציבור האָט אים געקענט פון זיינע ציוניסטישע טעטיקייטן. ער איז געווען איינער פון די, וואָס האָבן ארגאניזירט די יידישע סקויטן־באוועגונג, פון וועלכע עס איז שפעטער ארויסגעוואקסן די באוועגונג "השומר הצעיר" אין קאליש. ווען ער איז געוואָרן באפרייט פון פוילישן מיליטער און געוואָלט פארלאָזן פוילן, האָט מען אים געפרעגט פארוואָס ער, א פרייוויליקער אין פוילישן מיליטער, וויל איצט פארלאָזן פוילן. דערויף האָט ער געענטפערט: "איך בין געגאנגען פרייוויליק אין פוילישן מיליטער, כדי איך זאָל, ווען דאָס וועט נויטיק זיין, קאָנען פארטיידיקן מיין היימלאנד, ארץ־ישראל".

ער האָט שטודירט אויף דער לייפציקער אוניווערסיטעט און איז געווען זייער אקטיוו אין דער ציוניסטישער באוועגונג. אָבער ער האָט געשטרעבט עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל און דערפאר האָט ער פארלאָזט די אוניווערסיטעט און אויסגעוויילט א פראָפעסיע, וואָס איז וויכטיק פארן אויפבוי פון לאנד. ער איז אָנגענומען געוואָרן אויף דער לער צו בלאָזן גלאָז אין דער דייטשער שטאָט העלא אן דער סעלא. דאָס דאָזיקע פאַך איז דאַן געווען פארשלאָסן פאר יידן. ווען ער איז געקומען אין לאנד, האָט ער אָנגעהויבן ארבעטן אין דער באשיידענער לאבאראטאָריע פון דער העברעישער אוניווערסיטעט און איר זיך איבערגעגעבן טאָג און נאכט. דערביי האָט ער אויך באוויזן צו זיין טעטיק אין ארבעטער־קאָמיטעט ביי דער אוניווערסיטעט (געווען פאָרזיצער פונעם קאָמיטעט אין משך פון א סך יאָרן) און איינער פון די הגנה־אקטיוויסטן.

מיעטעק ראָזענבאום איז געווען א באשיידענער מענטש, אן איידעלער און גוטהארציק — ביז צום מקריב זיין זיך. ער איז געווען אן איש ספר און א טאלאנטירטער רעדנער. פאר זיין משפחה איז ער געווען זייער איבערגעגעבן, א גוטער פאָטער פאר זיינע קינדער און א גוטער זון פאר זיין פאָטער, וועלכן ער האָט געבראכט אין לאנד, כדי ער זאָל די לעצטע טעג פארברענגען אין ירושלים.

זיינע אויפגאבעס ביים שאפן די ״הגנה״ זענען געווען פילצאָליקע. צווישן אנדערן האָט ער זיך פארנומען מיט צוגרייטן כעמישן אויפרייס־מאטעריאל פאר דער ״הגנה״. דעם 13.4.1948 איז ער אויפן באפעל פון דער ״הגנה״ געשיקט געוואָרן אין דער העברעישער אוניווערסיטעט אויפן הר הצופים, כדי ארויסצונעמען פון דאָרט אויפרייס־מאטעריאל. ער איז געהרגעט געוואָרן ביים אָנגריף פון אראבער אויף דער עקספּעדיציע.

י. ה.

ישראל שורעק



אין יאָר 1916 איז ישראל שורעק אריינגעטראָטן אין ״פועלי ציון״ און געווען אקטיוו אין דער ציוניסטישער באוועגונג און אין קולטור־אינסטיטוציעס.

א סך פיין און רדיפות איז ישראל שורעק אויסגעשטאנען אין דער צייט פונעם מאנדאט, נאָך דעם, ווי ער איז, צוזאמען מיט זיין פרוי געקומען קיין ארץ־ישראל. סוף כל סוף איז ער געווען געצוווּנגען צו פארלאָזן דאָס לאנד.

געקומען אין די פאראייניקטע שטאטן, האָט ער זיך אריינגעוואָרפן אין דער ארבעט פון אומפארטייאישן רעליף פון די קאלישער לאנדסלייט. ער איז באשטימט געוואָרן אלס סעקרעטאר פון פארבאנד און אויסגעטראָגן אויף זיך די שווערע אויפגאבעס אין משך פון אלע יאָרן.

אלס פרעזידענט פונעם רעליף האָב איך אים געזען אין זיין טעטיקייט. איך האָב זיך געראָטן מיט אים אין פארשידענע ענינים פון אונדזער ארבעט. זיין געלאסנקייט, זיין קלאָרער געדאנק און זיין אויפריכטיקייט האָבן מיר נישט איין מאָל געהאָלפן אין דער ארבעט.

הגם ער האָט גוט געלעבט אין די פאראייניקטע שטאטן, האָט אים תמיד געצויגן קיין ארץ־ישראל. זיין גרויסער חלום איז געווען זיך צו באזעצן אין ארץ־ישראל.

ישראל שורעק האָט פארווירקלעכט זיין חלום. אין א קורצער צייט ארום האָבן מיר אים שוין געזען ביי זיין פארצווייגטער טעטיקייט אין לאנד.

בעת מיינע אָפטע באזוכן אין ישראל האָב איך געהאט די געלעגנהייט אָפּצושאצן זיין טעטיקייט. ער איז געווען אקטיוו אין קרן קימת, אין יער הקדושים, אין קאלישער רעליף, אין דער ארבעטער־באוועגונג א״א.

ישראל שורעק האָט אָנגעהאלטן נאָענטע באציונגען מיט זיינע חברים און פריינד. זיין הויז איז געווען אָפן פאר אלעמען און אלע מאָל — ביז זיין לעצטן טאָג.

יוסף ארנאלד

שלמה שמשוני (סאמסאן)



געבוירן אין קאליש. אין דער יוגנט אריינגעטראָטן אין "צעירי־ציון". עולה געווען אין יאָר 1923, אין דער צייט פון ארבעטסלאָזיקייט. ער האָט געעפנט א ווארשטאט אויפן פלאץ "מגן־דוד" אין תל־אביב און זיך פארנומען מיט פארשידענע מלאכות.

צוליב ארבעטסלאָזיקייט איז ער געווען געצווונגען צו פאר־מאכן דעם ווארשטאט און ער איז אוועק קיין ירושלים, וווּ ער האָט געארבעט ביי שטיינער־טעסען אין דער שכונה בית הכרם, וואָס האָט זיך דאן אָנגעהויבן בויען און איז געווען זייער ווייט פון שטאָט.

אין ירושלים איז ער געווען צווישן די גרינדער פון אירגון יוצאי קאליש והסביבה. ער האָט א סך געטאָן לטובת די אָפשטאמיקע פון קאליש, געקומענע קיין ירושלים, און געהאָלפן זיי אין שווערע סיטואציעס.

ער איז געווען פון די ערשטע קאלישער חלוצים, וואָס האָבן עולה געווען, און אין לאנד האָט ער מיט איבערגעגעבנקייט געהאָלפן אנדערע.

חיים שייניק

ווער פון די קאלישער האָט נישט געקענט חיים שייניק, דעם שמש פונעם אלטן בית מדרש? אין אָט דעם צווישטאָקיקן הויז פאר תפילה און תורה האָט ר' חיים געארבעט א סך יאָרן. פאקטיש האָט ער אויסגעפירט א סך אויפגאבעס, געטראָגן אויף זיך סיי דעם עול פון בית מדרש, סיי דעם עול פון דער ישיבה. ער איז געווען א בעל־קורא און אין די ימים נוראים האָט ער געדאַווענט פארן עמוד.

ער איז געווען א הויכער, א ביסל אן איינגעבויגענער, מיט א לאנגער שיינער באָרד און זיין אויסזען האָט ארויסגערופן דרך־ארץ און ליבשאפט.

ר' חיים איז תמיד געווען פארנומען. אין די אָוונטן האָט ער געלערנט מיט די בחורים, וואָס האָבן ביי טאָג געארבעט אין פאבריק. ער האָט געהאט דריי זין און דריי טעכטער, אָבער ער האָט תמיד זיך פארנומען מיטן כלל. ער איז נישט ארויס פון בית מדרש ביז ער האָט נישט פארזאָרגט אלע "אורחים" אין שטאָט, אז זיי זאָלן האָבן ווו צו זיצן ביי א טיש אום שבת אָדער יום־טוב.

אין בית מדרש זענען געווען גבאים, אָבער ר' חיים האָט אלץ געטאָן לויט זיין איניציאַטיוו. אלע האָבן געוווּסט, אז מען קאָן זיך אויף אים פארלאָזן.

אין די לעצטע יאָרן, ווען די ישיבה איז געוואָרן פארוואנדלט אין א תלמוד־תורה, האָט ער זיך פארנומען מיט די תלמידים און ער פלעגט זיי "פארהערן" אין די שבתים.

ר' חיים שייניק האָט געהערט צו די רעליגיעזע פערזענלעכקייטן, וואָס האָבן זייער גאנצע ענערגיע געווידמעט דעם ציבור.

ק. א.

צבי יוסף בראון



ער איז געווען אן אנגעזעענער מענטש און ער האט זיך באטייליקט אינעם געזעלשאפטלעכן לעבן אין קאליש; געווען אקטיוו אין ציוניסטישע קרייזן און אין פארשידענע קולטור־טעטיקייטן.

אין יאר 1920 האט ער דאס ערשטע מאל באזוכט ארץ־ישראל און געבליבן דארט ביז נאך די געשעענישן אין תרפ״א. צוריקקומענדיק קיין קאליש, האט ער זיך נאך מער אפגעגעבן דער געזעלשאפטלעכער ארבעט. באזונדערס איז ער געווען אקטיוו ביי שאפן א העברעישן חינוך פאר קינדער. ער האט אויך געארבעט לטובת די ציוניסטישע פאנדן.

ער איז געווען צווישן די גרינדער פון דער יידישער גימנאזיע. אלס אקטיווער מיטגליד אינעם אויפזיכטס־ראט האט ער מיטגעארבעט מיט די לייטערס ד״ר בראון און ד״ר העלינג.

אין יאר 1933 האט ער עולה געווען קיין ארץ־ישראל. דא האט ער גענומען אנטייל אין דער ארבעט פון ארגון עולי קאליש און א סך ענערגיע אפגעגעבן דעם וועד פון דער שכונה ״נחלת גנים״ אין רמת־גן.

ער איז נפטר געווארן אין רמת־גן מוצאי יום־כיפור תרצ״ט — 1940.


חיים יצחק גזשיבאווסקי

גרינדער פון דער ״גמילות חסדים״-קאסע פון דזשווינט און איר פארזיצער במשך פון א ריי יארן ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט-מלחמה.

ער איז געווען באליבט ביי דער באפעלקערונג אין קאליש, א מוסטערהאפטער געזעלשאפט-לעכער טוער, פארנומען זיך מיט געזעלשאפטלעכע ענינים מיט איבערגעגעבנקייט.

באזונדערס האט ער זיך אויסגעצייכנט מיט זיין איבערגעגעבענער טעטיקייט לטובת די יידן פון נאצי-דייטשלאנד, וואס מען האט ארויסגעטריבן קיין פוילן אין יאר 1938 דורך דער גרענעץ-שטאט זבאנשין.

ש. ג.



דעם אנדענק פון די געפאלענע אין די קאמפן פאר ישראל

זאָל דאָס פאָלק ישראל געדענקען זיינע איבערגעגעבענע און העלדישע זין, וואָס האָבן אָפּגעגעבן זייער לעבן אין דער מלחמה פאר ישראל. זאָל ישראל געדענקען און זיך באַרימען מיט די קינדער און טרויערן אויף דעם יוגנטלעכן ליכט און דער העלדישער דרייסטקייט און דער הייליקייט פון ווילן און מסירת נפש — וואָס זענען אומגעקומען אין די שווערע קאמפן. זאָלן די העלדן פון די באַפרייונג־און־נצחון־מלחמות בלייבן איינגעקריצט אין הארצן פון ישראל איבער אלע דורות.

אבולניק יורם, זון פון אברהם און חוה

געבוירן אין יולי 1947 אין רמת הכובש. אין יאָר 1953 איז ער צוזאמען מיט זיינע עלטערן אוועק אין קיבוץ עינת. דאָרט איז ער געוואקסן, דערצויגן געוואָרן און באַקומען בילדונג.

עטלעכע חדשים נאָכן ענדיקן די מיטלשול, איז ער געוואָרן מאָביליזירט אין דער ארמיי און לויט זיין ביטע, איז ער צוגעטיילט געוואָרן צו אן איינהייט פון פאנצער־אויסשפיר.

נאָך דער רעקרוטשאפט איז ער אריין אויף א קורס פון גרופע־קאָמאנדירן, און דאן האָבן זיך אָנגעהויבן די טעג פון גרייטקייט און עס איז אויסגעבראָכן די מלחמה פון די זעקס טעג. ער איז אוועק מיט זיין איינהייט אויפן פראָנט אין סיני. ער האָט זיך באטייליקט אין די שלאכטן פאר רפיח און דעם קרייצוועג, און אויפן וועג צו אל־עריש, אויף דער פאָזיציע דזשירדא, איז דער דזשיפּ, אין וועלכן ער איז געזעסן מיט זיינע חברים, געטראָפן געוואָרן דורך א דירעקטער הארמאטן־קויל. ער איז אומגעקומען אויפן אָרט.

יורם האָט אָנגעהערט צו דער באוועגונג פון דער ארבעטנדיקער יוגנט און צו אן אָפּטיילונג פון דער איחוד־יוגנט. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין גרייטקייט צו יעדער אויפגאבע, וואָס איז ארויפגעלייגט געוואָרן אויף אים סיי אין דער באוועגונג, סיי אין דינסט פון צה״ל.

אברונין יוסף, זון פון שמואל און אסתר

געבוירן אין תל־אביב אין יאָר 1925. אביטוריענט פון דער מיטלשול „בן־יהודה״. געווען אקטיוו אין „צופי־ים״ (ים־סקויטן) אלס אינסטרוקטאָר, געשיקט געוואָרן אויף פארפולקאָמונג אין ים־אויפגאבעס אויף דער שיף „נעפּטון״ און אומגעקומען אן א ים־אקציע. געבראכט געוואָרן צו קבורה ד׳ תשרי תש״ד.

בית הלוי אברהם בצלאל, זון פון ישראל דוד און חיה פערל

געבוירן אין קאליש ל״ג בעומר תרע״ג. אין יאָר 1939 איז ער אריינ־געטראָטן אין דער פוטבאָל־מאַנשאַפט, וואָס איז אוועק קיין אויסטראַליע און ער איז דאָרט געבליבן לערנען אין א הויכשול פאר וויסנשאַפט און האַנדל. ביים אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ער פרייוויליק אוועק אין אויסטראַלישן מיליטער מיט דער אויסזיכט זיך אומצוקערן אין לאַנד. ער איז געפאַלן אין די רייען פונעם אויסטראַלישן מיליטער, וואָס האָט דאַן סטאַציאָנירט אין ארץ־ישראל — בעתן אויספילן זיין אויפגאַבע, כ״ה בטבת תש״ד.

גאָטשאַל צבי, זון פון יוסף און חנה

געבוירן ב׳ תמוז תרפ״ח אין תל־אביב. געענדיקט די מיטלשול „באלפור״. געאַרבעט אלס וועכטער אין בית־שאָן און אוועק לערנען אויפן אוניווער־סיטעט דעם 29סטן סעפּטעמבער 1947. ווען מ׳האָט גערופן די יוגנט צום געווער, האָט ער פאַרלאָזט די לימודים, און צוזאַמען מיט צענדליקער זיינע חברים האָט ער זיך מאָביליזירט און מען האָט אים געשיקט אין גוש עציון. ער האָט זיך באַטייליקט אין די שלאַכטן אין ירושלימער געגנט פאר דער באַפרייונג פון די יידישע שכונות און ער איז געפאַלן דעם 1.5.1948 אויפן פראָנט פון קטמון. מען האָט אים געבראַכט צו קבורה אין סנהדריה און ט׳ מרחשון תשי״ב איז ער איבערגעפירט געוואָרן אויפן הר־הרצל, אין דער מיליטערישער טייל.

גלאָווינסקי אריה, זון פון יצחק און הינדע

געבוירן אין יאָר 1920 אין קאליש. עולה געווען מיט די עלטערן אין יאָר 1935. געענדיקט די לימודים אין אַן אָוונט־מיטלשול. געווען אַקטיוו אין גדנ״ע און אין הגנה. זיך מאָביליזירט אין דעצעמבער 1947. זיך באַטייליקט אין דער פאַרטיידיקונג פון די ישובים אין שרון, אין דורכברעכן דעם וועג קיין ירושלים, לוד, רמלה און אין פרווו דורכצורייסן זיך קיין פאלודזשא. געפאַלן אין עיראַק אלמנשיה דעם 20.10.1948 און געבראַכט געוואָרן צו קבורה אין פאלודזשא. זיין קערפּער איז שפּעטער געוואָרן איבערגעפירט אויפן מיליטערישן בית־עלמין אין נחלת־יצחק.

וואקס זאב, זון פון יצחק און נחה

געבוירן אין יאר 1922 אין קאליש. עולה געווען קיין ארץ־ישראל און שפּעטער עמיגרירט קיין פראַנקרייך. אין דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט ער זיך אומגעקערט קיין ארץ־ישראל און געאַרבעט אין דער רעגירונגס־דרוקעריי אין ירושלים. אין 1944 איז ער געוואָרן מאָביליזירט אין דער יידישער בריגאַדע און זיך באַטייליקט אין אירע אַקציעס. נאָך זיין באַפרייען זיך, איז ער צוריק אוועק אויף זיין אַרבעט און געוווינט אין דער אַלטשטאָט. ווען עס זענען אויסגעבראָכן די קאַמפן, האָט ער אָרגאַ־ניזירט די פאַרטיידיקונג פון די יידישע דרוקער־אַרבעטער. אין יענער

צייט איז ער געוואָרן מאָביליזירט אין דער זיכערקייט־דינסט און ער האָט זיך באַטייליקט אין דער באוואָפנטער וואך, וואָס האָט געפירט פּראָוויאַנט צו די ישובים אין דער געגנט פון ירושלים. געפאַלן אין דער שלאַכט פאַר קאַסטעל דעם 6.4.48 און געבראַכט געוואָרן צו קבורה אין מעלה החמשה. י״ב כסלו תשי״ד האָט מען אים איבערגעפירט אויפן מיליטערישן טייל הר־הרצל אין ירושלים.

זילבערמאַן יצחק, זון פון אליעזר און אסתר

געבוירן אין יאָר 1929 אין ארץ־ישראל. פון 14 יאָר אָן איז ער געווען א מיטגליד פון הגנה. געענדיקט די טעכנישע שול „מאָנטעפיאָרי" און געאַרבעט אין דער קראַפט־סטאַציע תל־אביב. אין דעצעמבער 1947, נאָכן פּראָקלאַמירן די מדינה, האָט ער זיך מאָביליזירט און זיך באַטייליקט אין די קאַמפן פאַר די ישובים פון שרון און תל־אביב. אויף דער פּאַראַרדע־נונג פונעם דאָקטאָר, איז ער געוואָרן אָפּגעשיקט אין מיליטערישן שפּיטאָל, אָבער ער איז אליין פון דאָרט ארויס און אוועק צוריק אין זיין איינהייט. ער איז געפאַלן אין די שלאַכטן פאַר לאַטרון דעם 26.5.48 און דאָרט געבראַכט געוואָרן צו קבורה. דעם 17.11.49 האָט מען אים איבערגעפירט אויפן מיליטערישן טייל פון הר־הרצל.

איזראעלאָוויטש יצחק, זון פון אברהם

געבוירן אין יאָר 1923 אין קאַליש. באַקומען א פאַלקס־דערציונג און אין פריען עלטער אָנגעהויבן אַרבעטן אלס מעטאַליסט. געווען א מיטגליד פון השומר הצעיר. עולה געווען אין יאָר 1947 און זיך מאָביליזירט אין פלמ״ח. געפאַלן אינעם אָנגריף אויף דער משטרה הכ״כ (נבי יושע) אין גליל העליון דעם 20.4.48 און נקבר געוואָרן אויפן מיליטערישן בית־עלמין אין „נבי יושע".

יצחק אריה, זון פון אליהו און דבורה איציק

געבוירן אין קאַליש אין יאָר 1914. עולה געווען מיט די עלטערן אין יאָר 1924. אַביטוריענט פון „תחכמוני". פון קליינוויז אָן געווען טעטיק אין דער יוגנט־באַוועגונג בית״ר, געווען א מיטגליד פון אצ״ל און אַקטיוו אין דער אונטערערד. געפאַלן ביים צוגרייטן אויפרייס־מאַטעריאַל אין דער געגנט פון תל־אביב און געבראַכט געוואָרן צו קבורה כ״א מנחם־אב תרצ״ט אויפן בית־הקברות אין נחלת יצחק.

לעווקאָוויטש יוסף, זון פון צבי

געבוירן אין יאָר 1927 אין קאַליש. ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן, איז ער אָפּגעריסן געוואָרן פון זיין משפחה, געוואַנדערט פון לאַגער צו לאַגער און געקענט דעם טעם פון הונגער און פּיין. אין יאָר 1945 איז ער באַפרייט געוואָרן דורכן מיליטער פון די פאַרבינדעטע און זיך פּאַראייניקט צו א גרופּע חלוצים. מיט דער הילף פון זעלנער פון דער יידישער

בריגאדע איז ער אוועק אויף הכשרה אין איטאליע. סוף 1945 איז ער געקומען אומלעגאל אין לאנד און אריינגעטראָטן אין קיבוץ „חולתא״. דאָרט האָט ער געפונען זיין פלאַץ אין דער ארבעט און אין געזעלשאַפטלעכן לעבן און דערפילט זיין חוב אין שמירה און אין הגנה. אויף זיין וועג צו הילף דעם קיבוץ „משמר הירדן״ דעם 5.6.48 איז ער געטראָפן געוואָרן דורך א קויל. מען האָט אים קובר געווען אין קיבוץ „חולתא״.

לובעלסקי (אלון) דוד, זון פון משה און דבורה

געבוירן אין יאָר 1925 אין תל־אביב. באַקומען א פאָלקס־דערציונג. געדינט 5 יאָר אין פלמ״ח. נאָכן ענדיקן זיין דינסט איז ער אריינגעטראָטן אין קיבוץ נירים, געווען באַפולמעכטיקער אויף דער זיכערקייט פונעם פונקט. אין דער שלאַכט פון 15.5.48 האָבן די מענטשן פון נירים אונטער דער קאָמאַנדירונג פון לובעלסקין, אָפּגעשטויסן דעם שונא, אָבער ער אליין געפאַלן פונעם שפּליטער פון א האַרמאַטן־קויל. דעם זעלבן טאָג איז ער געבראַכט געוואָרן צו קבורה אין קיבוץ „נירים״.

ליטמאַן (אבטליון) פנחס, זון פון הרב יעקב זאב און גיטל

געבוירן כ״א מרחשון תרפ״ו אין קאַליש און עולה געווען אין יאָר 1936. באַקומען מיטלשול־בילדונג. אלט זייענדיק 17 יאָר האָט ער זיך אָפּגערופן אויפן באַפעל: „צו דער ווירטשאַפט און צום געווער״ (למשק ולנשק). ער איז אוועק אויף דינסט אין דער קבוצה „שדה אליהו״ און געוואָרן מאָביליזירט אלס וועכטער אין דער פאָליציי פון די ייִדישע ישובים. אין א געשלעג מיט די אראַבער איז ער שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן, אָבער ער איז געזונט געוואָרן. נאָך צוויי און א האַלב יאָר דינסט אַלס וועכטער האָט ער זיך צוגעגרייט צו די עקזאַמענס און אָנגענומען געוואָרן אלס שילער אין אינסטיטוט פאַר לאַנדווירטשאַפט. אין דעצעמבער 1947 האָט ער זיך מאָביליזירט און זיך באַטייליקט אין די שלאַכטן הינטער ירושלים. אין דער שלאַכט ביי רמת־רחל איז ער געוואָרן פאַרוווּנדעט און געשטאָרבן.

נאַפּאַרסטעק שמואל, זון פון דוד און חנה

געבוירן אין יאָר 1929 אין קאַליש און באַקומען א פאָלקס־דערציונג. נאָכן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ער אנטלאָפן אויפן רוסישן געביט. פון 19 יאָר אָן האָט ער געדינט אין דער רויטער ארמיי און מען האָט אים געשיקט אין אן אָפיצירן־שול. נאָך דער מלחמה האָט ער עולה געווען און תיכף זיך מאָביליזירט. ער האָט געקעמפט אין די בערג פון ירושלים. אין דער געגנט פון הראל איז ער געוואָרן פאַרוווּנדעט. צו מאָרגנס איז ער אוועק אויף אן אקציע אין דזשעמאַל. אויף צוריקוועגס איז די מאַשין ארויף אויף א מינע. ער איז געשטאָרבן פון די וווּנדן דעם 19.10.48 און געבראַכט געוואָרן צו קבורה אין קרית־ענבים.

פולוועדמאכער אברהם, זון פון יצחק און מינא

געבוירן אין יאָר 1924 אין קאליש. עולה געווען אין יאָר 1935. באקומען מיטלשול־בילדונג. אין דער צייט פון זיין לערע איז ער אריינגעטראָטן אין הגנה און געדינט דאָרט 7 יאָר. נאָכן אויסברוך פון דער באפרייונגס־מלחמה האָט ער זיך מאָביליזירט אין דער איינהייט „גבעתי" און זיך באטייליקט אין דורכרייסן דעם וועג קיין ירושלים און אין די שלאכטן אין דרום און אין נגב. פארוואונדעט געוואָרן אין דער שלאכט ביי „בית עפה" דעם 18.7.48. מען האָט אים געבראכט צו קבורה אויפן מיליטערישן בית־עלמין אין נחלת־יצחק דעם 23.1.51. נאָך זיין טויט איז ער, לויטן באפעל פון הויפטשטאב דערהויבן געוואָרן צו דעם ראנג פון לייטענאנט.

פרומער אברהם חיים, זון פון נחמן און יהודית

געבוירן אין תל־אביב אין יאָר 1938. אביטוריענט פון מיטלשול. אין יאָר 1955 אוועק אויף דינסט אין צה"ל. אלס קאפראל איז ער עקזאמינירט געוואָרן אין אָפיצירן־קארפוס. כ"ב אייר תשי"ח איז ער שווער פארוואונדעט געוואָרן בעת די איבונגען פון א גראנאט, וואָס האָט אויפגעריסן אין זיין פאסיק. מען האָט אים קובר געווען אין דער מיליטערישער אָפטיילונג אין קרית־שאול.

קאָכמאן שמעון, זון פון יחיאל און אסתר רבקה

געבוירן ו' מרחשון תרפ"ה. נאָכן ענדיקן די מיטלשול האָט ער זיך מאָביליזירט אלס וועכטער אין קרית חיים און געווען אן אקטיווער חבר אין דער הגנה. נאָכן אויסברוך פון דער באפרייונגס־מלחמה האָט ער פארלאָזט זיין ארבעט און געארבעט אויפן זיכערקייטס־געביט. געפאלן אין שלאכט ביי „בית עפה" י"א תמוז תש"ח.

שילאק משה יעקב (מעלניק), זון פון צבי און שרה

געבוירן אין יאָר 1924 אין קאליש. געלערנט אין מיטלשול. בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ער פארשפארט געוואָרן אין א לאגער, אָבער פאר דער באפרייונג איז ער אנטלאָפן שפרינגענדיק פון צוג. ער האָט עולה געווען קיין ארץ־ישראל און אריינגעטראָטן פרייוויליק אין דער אקציע „עליה ב'", בעיקר ביים שווארצן די גרענעצן. איבערגעטאָן אלס גריך האָט ער איבערגעפירט די עולים איבער דער עסטרייכיש־איטאליע־נישער גרענעץ און ער איז עטלעכע מאָל פארוואונדעט געוואָרן דורך די גרענעץ־וועכטער. ער איז געקומען אין לאנד אריין אין יאָר 1946. ביים אָנהויב פון דער באפרייונגס־מלחמה האָט ער זיך מאָביליזירט אין פלמ"ח און געדינט אין גדוד הפורצים, אין דער חטיבה „הראל". דעם 10.6.48 איז ער פארוואונדעט געוואָרן אין קרית־ענבים און געשטאָרבן אין עטלעכע טעג ארום. מען האָט אים געבראכט צו קבורה אין סנהדריה ט"ז מרחשון תשי"ב און איבערגעפירט אין דער מיליטערישער אָפטיילונג אויפן הר־הרצל.

שילה יעקב, זון פון משה און יאנינא (שילאק)

געבוירן אין יאָר 1935 אין קאליש און עולה געווען פון בעלגיע אין יאָר 1949 מיט דער עלית הנוער. געלערנט אין קיבוץ גן־שמואל. אין עלטער פון 17 יאָר האָט ער זיך מאָביליזירט און געבליבן אין פּראָפעסיאָנעלער דינסט. ער האָט באַקומען דעם ראַנג פון רב־סרן און געשיקט געוואָרן אויף א קורס פון פּאַראַשוט־אינסטרוקטאָרן אין פראַנקרייך. ביים ענדיקן דעם קורס האָט ער באַקומען אַן אינטערנאַציאָנאַלן פּרייז פאַר פּרייען פאַראַשוטיזם. אין דער מלחמה פון די זעקס טעג איז ער אין דער שלאַכט פאַר שכם געטראָפן געוואָרן דורך א סנייפּער. ער איז געבראַכט געוואָרן צו קבורה דעם 7.6.67 אין עפולה.

שקלאַנאָווסקי שמואל יצחק, זון פון יחיאל יהודה און שושנה


געבוירן אין יאָר תרפ״ה אין תל־אביב און געענדיקט די מיטלשול. פון 14 יאָר געווען א מיטגליד פון „הגנה״. צו 17 יאָר זיך מאָביליזירט אין חייל הנוטרים און געדינט אין שער־הגולן ביזן יאָר 1945. נאָכן אויסברוך פון די געשעענישן, האָט ער זיך באַטייליקט אין דער הגנה אויף די פּאָרשטעט פון תל־אביב. אין דעצעמבער 1947 האָט מען אים געשיקט אין נגב. ער האָט זיך באַטייליקט אין באַוואַכן די וואַסער־רער און באַגלייט די פּראָוויאַנט־קאַראַוואַנען אין נגב און קיין ירושלים און אויך געקעמפט אין דער געגנט. י״ג באייר תש״ח בשעת די איבונגען האָט ער דערפילט, אַז דער פאַרזיכערער פונעם גראַנאַט ביי אים אין האַנט האָט זיך באַפרייט. אין איבונג־זאַל האָבן דאַן זיך געפונען איבער 20 פּערזאָן פון דער אָפּטיילונג. ער איז אַרויסגעלאָפן אין דרויסן און דער גראַנאַט האָט אויפגעריסן ביי אים אין האַנט. ער איז געבראַכט געוואָרן צו קבורה אין דער מיליטערישער אָפּטיילונג פון בית־עלמין אין נחלת־יצחק.

ענבר (מעלצער) אלעקסאנדער, זון פון אריה און עדה

געבוירן אין חיפה דעם 28.12.1930. אביטוריענט פון דער פאַכשול ביים חיפהער טעכניקום. סערזשאַנט אין לופטפלאָט. דעם 7.6.67 איז ער אַראָפּגעפאַלן בעת אַן אַטאַקע אויפן אַעראָדראָם ה־3 אין עיראַק. מען האָט אים געבראַכט צו קבורה אין חיפה דעם 2.8.67, נאָך דעם ווי מען האָט זיין קערפּער אומגעקערט פון עיראַק.

פייערמאַן ברוך, זון פון יחיאל מאיר און יהודית

שטאַמט פון בלאַשקי. געקומען קיין ישראל אין יאָר 1948 ווי א פריי־וויליקער און מאָביליזירט געוואָרן אין דער בריגאַדע „גבעתי״. געפאַלן אין שלאַכט י״ד תשרי תש״ט און געבראַכט געוואָרן צו קבורה אויפן מיליטערישן בית־עלמין אין כפר־ווארבורג.



אבנר קפלן

כ״ה סיון תרצ״ז — כ״ה ניסן תשי״ט

יליד ירושלים, בנם בכורם של ישראל קפלן מקאליש ורחל ז״ל, בת הרב צבי פסח פרנק ז״ל מירושלים. משחר ילדותו גילה התמדה בלימודיו ואצילות נפש. הוא סיים בהצטיינות בית-ספר תיכון ״אהל-שם״ ברמת-גן.

פעל בנוער והדריך ברוח חלוצית. צנחן והוגה רעיונות. התנדב לנח״ל.


לאחר מיבצע קדש, נפגע בעמוד השדרה, בדרך לשרם-א-שיך. החלים והצטרף לקיבוץ תל-קציר.

נקטף בדמי-ימיו בתאונה קטלנית בתל-קציר בשנת תשי״ט.

★

געבוירן אין ירושלים, דער עלטסטער זון פון ישראל קאפלאן פון קאליש און רחל ז״ל (די טאָכטער פון ירושלימער אב״ד הרב צבי פסח פראנק ז״ל). זיך אויסגעצייכנט פון די פריסטע קינדער־יאָרן מיט התמדה און איידלקייט, ער ענדיקט מיט אן אויסצייכענונג די מיטלשול ״אוהל־שם״ אין רמת־גן, איז אקטיוו אין דער חלוצישער יוגנט־באוועגונג, און טרעט אריין אין נח״ל.

נאך דער סיני-קאַמפּאַניע, אין יאר 1956 ווערט ער פארוואונדעט אויפן וועג קיין שרם-א-שיך. ער באזעצט זיך אויפן סירישן גרענעץ-פונקט אין קיבוץ תל-קציר. ער איז אומגעקומען ביי א טראגישן אומגליקספאל אין תל-קציר, אין יאר 1959 (תשי״ט).



חיים פעניקעל

געבוירן אין יאָר 1947 אין כפר־סבא. זון פון מנחם און נחמה, פון דער היים — ענגעל, א געבוירענע אין קאליש. אביטוריענט פון מיטלשול. געארבעט אלס אינסטרוקטאר אין דער ארבעטנדיקער יוגנט. אין מיליטער האט ער באקומען דעם ראנג פון סערזשאנט. געפאלן אין דער שלאכט פאר רפיח אין דער מלחמה פון די זעקס טעג און געבראכט געווארן צו קבורה אין כפר-סבא דעם 29סטן יוני 1967.

הנני לציין לשבח את: —

966128 סמל פניקל חיים ז"ל


על גילוי אומץ־לב, רוח התנדבות והתנהגות למופת.

לחלק תיאור המעשה: —

סמל פניקל חיים ז"ל שימש כ־מש"ק צוות סיור. ביום ה־5 ביוני 67, נפגע בהסתערות על מוצבי צומת רפיח והועבר ברכב לטיפול רפואי. רכב זה נכנס לשדה מוקשים. סמל פניקל חיים ז"ל שהיה פצוע ברגלו, התנדב לחלץ את הרכב משדה המוקשים, ירד מהרכב, פינה בעזרת דקר את המוקשים והוציא את הרכב מהשטח הממוקש. בהמשך התנועה נפגע שנית ונהרג.

י"ט תשרי תשכ"ח
(23 אוק' 67)

יצחק רבין, רב־אלוף
ראש המטה הכללי



בוך־קאָמיטעט אין די פאראייניקטע שטאטן

שטייען פון רעכטס צו לינקס: הערשל ארקוש, יעקב לעווי, שמואל אָקלאדעק, שמואל ראָט, נחום מעדיין, מאקס סמאָלען.

זיצן פון רעכטס צו לינקס: ישראל דיאמאנט, אברהם באנדעל, יוסף ארנאָלד, סעם בערקע, פרץ וואלטער.




רעדאקציע־קאָמיטעט אין ישראל

שטייען פון רעכטס צו לינקס: גרשון וואָרצלאווסקי, אליעזר בירנבוים, מנחם שקלאנאָווסקי, צבי ארד,
זיצן פון רעכטס צו לינקס: מענדל שעראצקי, ד״ר שאול זאלוד, ברוך טל, אברהם זוהר.



תם ולא נשלם ספר תולדות יהודי קאליש



התוכן:

עיר ויושביה

חיי חברה ותרבות

דו״ח של עשור

תיקוני טעויות

בזכרונותיו של ד״ר משה גרוס (ז׳ליגובסקי) ״אחרית העיר״, שנדפסו בכרך ראשון של ״ספר קאליש״, נפלו שיבושים ואי־דיוקים כדלקמן:

בתרגום העברי:

1. שמו של ראש הגסטאפו בקאליש לא היה ״שנזגן״, אלא ש נ ר ו ג ן.
2. ההרוגים מן ה״דפורטציות״ במכוניות הגאז נקברו לא ליד זבירסק וקולו, אלא ב י ע ר ו י נ י ר י.
3. בשלב סופי, לאחר ה״דפורטציות״, נשארו בקאליש במחנה־העבודה לא 50, אלא 150 י ה ד י ם.

בכרך השני בעמוד 86, מחבר המאמר ״פועלי ציון שמאל״ הוא לא ל. ק. אלא המחברת היא ח ו ה ש ו ר ק.
בעמוד 102, מחבר המאמר ״במלחמת ספרד 1936—1939״ הוא פ. ק.

אינהאלט:

די שטאָט און אירע איינוווינער

דאס קולטור-געזעלשאפטלעכע לעבן

צען יאָר

די לעצטע יאָרן

תיקון טעות

אין די זכרונות פון ד״ר משה גראָס (זשעליגאָװסקי) "דער סוף פון דער שטאָט", יידישע איבערזעצונג, אין 1טן באנד "ספר קאליש", זענען אריינגעפאלן פאָלגנדיקע גרייזן:

1. דער נאָמען פונעם געסטאַפּאָ־שעף אין קאליש איז געװען נישט שענזאָגען, נאָר ש ע נ ר א ג ע ן.
2. די הרוגים פון די "דעפּאָרטאַציעס" אין די גאַז־אויטאָס זענען געװאָרן באגראָבן נישט ביי זבירסק און קאָלאָ, נאָר אין װאלד װ י נ י א ר י.
3. די דעפּאָרטאַציעס פון די זקנים זענען פאָרגעקומען נישט דעם 27, 29, 31 נאָװעמבער 1941, נאָר 27, 28, 30 אָקטאָבער 1940. די צאָל פון די הרוגים איז געװען נישט 250, נאָר 290.
4. די דאַטע פון דער ליקװידאציע פון געטאָ איז נישט דעם 4.7.1942, נאָר דעם 8.7.1942.

THE KALISH BOOK

VOLUME II

PUBLISHED BY THE ISRAEL-AMERICAN BOOK COMMITTEE

1968

Printed in Tel-Aviv — Israel, by Eylon Press, 11, Hasharon Street, T. A.
Illustrations printed by Anabi Offset Press, Tel-Aviv


Rynek


קאליש